STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06599

IN DI MLINER VELTN

P. Gorelik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. גארעליק

*

אין די מלינער וועלטן

פ. גאָרעליק

אין די מלינער וועלטן

— נאָוועלע —

פארלאג
י.ל. פרץ
ביבליאטעק
תל-אביב, ישראל

1960

פ. גאָרעליק / אין די מלינער וועלטן

פארלאג י. ל. פרץ ־ ביבליאטעק, תל-אביב, רח׳ אלנבי 31

P. Gorelick
In Di Mliner Weltn – Novel

PUBLISHED BY I. L. PERETZ LIBRARY
31, Allenby Str., Tel - Aviv, Israel

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1960

דפוס „בני שאול״, ת״א

פ. גארעליק

*

אין די מלינער וועלטן

צו
טאטע־מאמע
און
ברודער
אין אנדענק

טייל

א

אינהאלט פון 1־טן טייל

זייט:

1. מליני מיט פארשידענע אויגן געזען . 11
2. ביים נייעם הויז 12
3. אויפן וועג אַהיים 19
4. די עלטערן און די קינדער 22
5. דוד׳קעס אַוואַנטורע 30
6. דער סוף פון אַ בלוט־בלבול 39
7. דער חנוכת־הבית 52
8. אַ נאכט מיט אַ קראנקן 65
9. א געוועק, וואָס איז פאַרשריבן אין האַרצן 72
10. סיאָמא און דוניאָשא 84
11. נו, זשוקל לויף — געניס פונעם לעבן! . 93
12. ווי קאָן דאָס זיין? 99
13. אזוינע קומען נישט אום... . . . 107
14. זאָל זי הערן ס׳געוויין פון קינדער . 112
15. וואָס איז די נפקא־מינה? 118
16. אַ פריידיק אינדזל אינעם ים פון טרויער 125
17. צוויי מענטשן — צוויי וועלטן . 133
18. ביים קאַיאַר 144
19. וואָס צו טאָן מיט זיך האָט דער טאַטע נישט געוווסט 154
20. ע, דאָס איז נישט יושרדיק! . . . 164
21. מען גיט זיך אַן עצה 177
22. מילקע פלאַטאָווס „אמתע לעבן" . 189
23. דער וואַלד און דער גראַדער שכל . 196
24. און קום קיינמאָל נישט צוריק . 206
25. מזל־טוב 213
26. לאָמיר איר ווינטשן גליק 226

1

מליני מיט פאַרשידענע אויגן געזען

אַ גאַסט איז געקומען קיין מליני פון אַ יידיש קליין שטעטל און האָט זיך געחידושט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין ישוב. וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדענע שטעטל?

האָט אים משה גאָטליב געענטפערט:

— מליני, פאַרשטייט איר מיך, איז נישט קיין יידיש שטעטל פון דעם מין, וואָס איר האָט דאָרטן אייך אויף דער רעכטער זייט דניעפּער. מיליני איז אַ גאַנצע שטאָט, וואָס דער אויבערשטער האָט זי ווייזט אויס באַשאַפן אַזוי: גענומען פון עפּעס אַן אַלטער רוסישער שטאָט אַ פּאָר גאַסן (שטויביקע אין זומער און בלאָטיקע אין הערבסט) מיט הילצערנע טראָטואַרן און מיט אַ פאַרדריפּעטן אַלטן מאַרק; צוגעגעבן צו דעם אַ פּאָר קוואַרטאַלן נייע קלייטן פאַר דער גלאַוונער גאַס, פאַר דער ניקאָלאַיעווסקאַיאַ אוליצאַ הייסט עס — שוין אָפּגערעדט פון דער צוויי־שטאָקיקער גאָראָדסקאַיאַ אופּראַוואַ, מיט דער גימנאַזיע און מיט דער דריי שטאָקיקער תפיסה; איבערגעטראָגן דאָס גאַנצע פּעקל, אינמיטן פון אוקראַינער סטעפּ, ביים טייכל, ביי דער מלינקע, הייסט עס, צוגעשאַרט צו דעם פון אַלע זייטן אַ פּאָר זשמעניעס דערפער מיט ווייסע ליימענע כאַטקעס, וויינשל־ביימער ביי די כאַטקעס און, פאַרשטייט זיך, חזרים אינמיטן גאַס; אַריינגעזעצט אין די הילצערנע שטאָטישע גאַסן אַ פּאָר זשמעניעס אַלערליי ליטוואַקעס — מילנער און ווייץ־הענדלער, סוחרים און קרעמער, שוסטער, שניידערס, קאַוואַליעס, שאַרניקעס, בעל־עגלות, בינ־דיוזשניקעס און סתם אַרעמעלייט. דער אויבערשטער, הייסט עס, האָט אַריינגעזעצט אין די הילצערנע גאַסן אַ פּאָר זשמעניעס ליטוואַקעס און

האָט געזאָגט: יהי עיר!... און עס איז געוואָרן, פֿאַרשטייט איר מיך, אַן אויעזדנע שטאָט און מען האָט איר צומאָל אפילו אַ יידישן נאָמען געגעבן, ווי אַ שטייגער — לאָכאָוויצאַ!...

האָט זיך אהרן לעסניק גוטמוטיק צעלאַכט:

— פונדעסטוועגן, נעמט עס נישט צום האַרצן; משה האָט ליב צופּעפּערן אַ זאַך. ס'איז אַ פיין שטעטל מיט אַ געזונטן ישוב, וואָס איז אַרייַנגעוואַקסן מיט טיפע וואָרצלען אין דער אוקראַינער ערד. בלייבט מיט אונדז פּאַר אַ ווײַלע און איר'ט זיך מיט אונדז פילן היימיש. — אַ פיין שטעטל איז אונדזער מליני. אַ יאָדערדיק שטעטל.

2

ביים נייעם הויז

איבער דער טונקל־גרויער, ערשט נישט לאַנג אָנגעשאָטענער ערד פון אַ גרויסן הויף, האָט זיך שוין פון פּאָרנט, ביי דער שטילער גאַס, אויפגעהויבן דער הילצערנער סקעלעט פון אַ נייעם הויז. די ערד ביים הויז איז געווען געל פון שפּענדלעך און זעגעכץ. עטלעכע פּלאָטניקעס אין הויף און אויף דער געביידע האָבן באַאַרבעט דאָס בוי־געהילץ מיט די פלינקע, בלישטשנדיקע אויף דער זון, העק, און אָנגעפילט די לופט אַרום דעם הויז מיטן הילכיקן, אָבער אָנגענעמען טאַראַראַם פון בוי־אַרבעט. מיטליאָריקע מענער אין ווייסע, פּאַרוסינע אָנצוגן האָבן באַקוקט די געביידע. איינער פון זיי, — משה גאָטליב, — האָט געהאַט אַ בלייכן, פּוכלען, ווי אָנגעשוואָלענעם פּנים, אין אַ רונד רעמל געלע האָר און באָרד. ער האָט סקעפּטיש געשמייכלט מיט מידע אויגן פון אַ מענטש, וועלכער האָט שוין אויפגעהערט נתפּעל צו ווערן פון ערדישע זאַכן, און באַטראַכט יעדן מין התלהבות פּאָר אַ סימן פון קינדישן שכל. ער האָט זיך צוגעהערט צו די דערקלערונגען פון צווייטן מאַן, אָבער ס'האָט אים דערביי אויסגעפּעלט דער געהעריקער ענטוזיאַזם פון איינעם, וואָס באַקוקט זיין חברס אַ ניי הויז.

דער צווייטער מאַן — אַהרן לעסניק — האָט אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט. ער איז געווען אויף אַ האַלבן קאָפּ העכער פון מיטלוווקסיקן, פּעטלעכן

משה׳ן און פיל שטאַרקער פון אים. זיין פנים איז געווען פאַרברוינט, ווי ביי אַ מענטשן, וועלכער פאַרברענגט פיל צייט אויף דער פרישער לופט, אונטער דער ברענדיקער זון. ער האָט געהאַט קלאָרע און רויקע אויגן פול מיט ענערגיע, פון איינעם וואָס שלאָפט נישט איין ביי דער אַרבעט און ווערט זעלטן ווען געמאַטערט פון בייזע חלומות ביים שלאָפן. ער האָט געטייטלט מיט אַ גראָבן שטעקן אויף די הילצערנע קעסטלעך פון דער געביידע, און געצייכנט דאָס אויסזען פון זיין נייעם הויז אַזוי, ווי ער וואָלט מיט יעדן וואָרט געפּרעגט דעם אַלטן חבר זיינעם:

— נו, משה, וואָס וועסטו זאָגן איצט — האָב איך עפּעס דערגרייכט אין מיינע אַכט און דרייסיק יאָר לעבן?!...

ער איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אין דעם און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין דוד׳קען, זיין זיבן־יעריקן מוזינעק.

דוד׳קען האָט מען אינדערהיים גערופן דאַווידקאַ און אָפּטמאָל, צו־ליב זיין טונקעלן פּנים און גרויסע שוואַרצע אויגן — זשוקל. ער איז אַרומגעלאָפן אין הויף — אַרומגעקראָכן צווישן די ברעטער; געשפּרונגען פון הויכן פונדאַמענט, זיך אָפּגעשטעלט פון צייט צו צייט ביי אַ פלאָטניק, געשטאַנען אַ ווייל מיטן אָפענעם מויל, זיך געחידושט אויפן נס פון פלינקער אַרבעט מיט אַ שאַרפער האַק אין אַ פּאָר שטאַרקע זיכערע הענט, — און האָט זיך ווידער געלאָזט לויפן און שפּרינגען, ווי אַ זאַטער לאָשיקל אויף דער גרינער פּאַשע.

ס׳איז געווען אַ קילער אוקראַינער זומער־טאָג. די זון אין טיפן בלויען הימל האָט שוין דורכגעמאַכט דעם ביז־מיטאָגדיקן האַלבן וועג און האָט זיך פאַרקירעוועט באַרג־אַראָפּ — צו די ווערבעס פון ראָשטשע אין טאָל, צווישן דער מלינקע און דעם נייעם הויף. אַ העפטיקער, צופּנדיקער ווינט האָט געשויבערט די גרינע טשופּרינעס פון די ווערבעס, זיך כמעט אומגעשטערט געטראָגן איבערן הויף, זיך אימפּעטיק געזיפּט דורך דער הילצערנער רעשעטע פון דער נייער געביידע און עס האָט זיך דוד׳קען אויסגעדאַכט, אַז דער ווינט דערבלאָזט זיך ביז צו דער סאַמער זון און בלאָזט פון איר אַרויס די היץ, ווי אַ שטייגער אַ פּויער — פון אַ טעלערל טיי...

דוד'קע האָט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן אַרומלויפן. עס איז אים ענג געוואָרן דער הויף און די געביידע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט: ווו קאָן מען דאָ נאָך וואָס דערלאַנגען? — אַהאָ ער ווייסט שוין — ער איז נאָך נישט געווען אין דער ראָשטשע. ער האָט זיך געלאָזט לויפן אַהין מיט ברען און ליאַרעם, וואָס האָט באַלד געצויגן צו זיך אהרנס אויפמערקזאַמקייט.

אהרן האָט אים צוערשט געוואָלט אָפּשטעלן, אָבער האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: אַ־אַ, ס'וועט אים גאָרנישט שאַדן, אדרבה, זאָל ער לויפן, זאָל ער געניסן פון לעבן, זאָל ער פילן וואָס פאַר אַ פיינעם פלאַץ צום וווינען האָט זיין טאַטע פאַר אים צוגעגרייט. אַלץ הייסט אַ פיינער פלאַץ! עס דאַכט זיך די זעלבע שטאָט — פון דער גלאַוונער גאַס, ממש מיט דער האַנט צו דער לאַנגען — און דאָך, סאַראַ אונטערשייד, דאָרטן, אין מיטן שטאָט יאָגט דער ווינט וואָלקנס שטויב איבער די גרויע גאַסן און דאָ — יאָגט עס גרינע כוואַליעס איבערן ים פון בלעטער; די לופט שמעקט מיט טייך און וואַלד; יעדער אָטעם — אַ בעכער זיסער ווײַן...

אהרן האָט אַרײַנגענומען אַ פולע ברוסט מיט לופט, האָט לאַנגזאַם אַרויסגעבלאָזט פון זיך דעם פאַרגעניגן און אַ ווונק געטאָן צו משה'ן:

— אַ פיינער טאָג איז הײַנט, מאַיסעי, האַ?...

— ס'זעט אויס אַזוי.

משה האָט אַ שמייכל געטאָן סקעפּטיש, ווי ער וואָלט געוואָלט צו־געבן: ס'איז אפשר אַ פיינער טאָג, אָבער וואָס האָב איך דערפון? ער האָט אָנגעהויבן מיט פאַרזיכטיקע טריט טאַפּן דעם וועג צום הויף, איבער די דיקע ברעטער אויפן הויכן פונדאַמענט. ער איז לאַנגזאַם אַראָפּ אין הויף, באַמערקט אַ גראָב קלעצל אין אַ שאָטן פון שטאַכל ברעטער, איז באַלד אַוועק אַהין און זיך צוגעזעצט אויפן קלעצל. ער האָט זיך געפילט שטאַרק אויסגעמאַטערט פון גיין אַזוי ווייט און שטיין אַזוי לאַנג אויף די פיס.

אהרן האָט נאָכאַמאָל באַקוקט די געביידע, פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון פונדאַמענט און איז צוגעגאַנגען צו משה'ן.

ס'האָט זיך אים תמיד געגלוסט אָנשטעקן משה'ן מיטן געזונט. ער האָט געגלויבט, אַז ס'איז מעגלעך. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז משה וואָלט זיך געפילט בעסער און וואָלט געווען פיל שטאַרקער, ווען ער ווייסט נישט געגנוי דעם נאָמען פון זיין קרענק; ווען ער טראַכט נישט צופיל פון דעם קראַנקן האַרץ. עס איז אים בכלל שווער געווען זיך פאַרצושטעלן ווי אַזוי קאָן אַ מענטש זיך תמיד פילן שלעכט, בפרט, אין אַזאַ מחיהדיקן טאָג.

ער האָט אַ צי געטאָן משה'ן פאַר דער האַנט:

— אַנו, שטיי אויף, משה, קריך אַרויס פון שאָטן, זיי אַזוי גוט; וואָס באַהאַלטסטו פון דער זון דעם נעכטיקן קרעכץ!...

משה האָט צוריקגעצויגן די האַנט:

— דול מיר נישט קיין ספּאָדיק אהרן, כ'בין פּשוט מיד.

— שוין ווידעראַמאָל מיד?!

אהרן איז נישט געווען צופרידן מיט זיין חבר, אָבער ער האָט אים באַלד געלאָזט צורו. ער האָט געמוזט אָנערקענען דעם חילוק צווישן זייביידן. משה איז געווען פאָרט אַ קראַנקער מענטש. אהרנען האָט אָבער קיין געזונט נישט אויסגעפעלט און גראָד איצט האָט ער זיך געפילט שטאַרקער, ווי ווען נישט איז פריער; כאָטש נעם אַ האַק אין האַנט אַריין און בוי זיך ממש דאָס הויז מיט אייגענע הענט...

דער איינפאַל איז אהרנען געפעלן געוואָרן. ס'האָט זיך אים פּלוצים פאַרגלוסט צו נעמען טאַקע אַ האַק אין האַנט און זיך אַ שפּיל טאָן מיט איר, ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און באַלד באַמערקט צווישן די פּלאַטניקעס דעם זעכציק־יאָריקן וואַסיל באַטעי.

דער גרייז־גרויער פּלאַטניק האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט, צוריק־וועגס, לענגאויס אַ באַלקע וואָס איז געלעגן אויפן בעט פון שפּענדלעך צווישן זיינע ברייט צעשטעלטע באָרוועסע פיס. דאָס ברייטע, גרויע לייוונט־העמד און הויזן האָבן געפלאַטערט אויף זיין דאַרן קערפּער ביי יעדן ווינט־אָנשטויס. זיין האַק האָט געשניצלט די באַלקע אין ריטם מיט רויקע טריט. יעדע באַוועגונג, אפילו יעדער שפּיי אויף דער דלאָניע ביי דעם אַלטן וואַסיל איז געווען פול מיט דער אייגנאַרטיקער גראַציע

פון אַ געניטן יגיע כפּימניק.

— גאָלדענע הענט!...

אהרן וואָלט זיך מיט אים נישט געקאָנט פאַרמעסטן... פונדעסטוועגן... ער איז אין דעם נישט געווען זיכער. ער האָט געוואָלט פּרווון. ער האָט צוגעשטעלט זיין שטעקן צום שטאָכל ברעטער, אַראָפּגענומען פון זיך דאָס ווייסע פּאַרוסינע רעקל מיטן פּאַנאַמע־הוט און דערלאַנגט משה׳ן:

„נאַ, האַלט עס אויף אַ ווייל". ער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, איז צו־געגאַנגען צום אַלטן פלאָטניק און האָט אים דערלאַנגט אַ לאַנגן זילבער־נעם פּאַרטסיגאַר, וואָס האָט זיך געעפנט מיט אַ ווייכן אַנגענעמען קלאַנג.

— מירן פאַררויכערן?

— אַ דאַנק, האָט זיך וואַסיל באַטעי צעשמייכלט מיט אַלע קנייטשן פון זיין אַלטן פאַרהאַרטעוועטן פּנים. ער האָט גענומען אַ סיגאַרעטל, זיין שטאַרק באַאָדערטע האַנט האָט געציטערט.

אהרן האָט זיך געחידושט: ווו נעמט זיך אַזוי פיל זיכערקייט און כּוח פאַר דער אַרבעט אין דער דאָזיקער ציטערנדיקער האַנט?...

ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. וואַסיל האָט זיך אָנגעבויגן צום פייער, זיך אויסגעגליכן לאַנגזאַם, פאַרצויגן טיף, אַרויסגעלאָזט עטלעכע קרייזלעך רויך מיט אַ באַטאַנטער הנאה (ווי איינער זאָגט — „פאַרט אַ פּאַנסקער טאַביק") און אַ ווונק געטאָן מיט זיינע פריילעכע גרויע אויגן:

— ווילסטו, הייסט עס, אויסטוישן דאָס ציגאַרעטל אויף אַ האַק?..

— כ׳וויל, — האָט געענטפערט אהרן, — אויב די האַק איז אַזוי גוט ווי דאָס סיגאַרעטל...

ער האָט זיך צעלאַכט אין איינעם מיט וואַסילן, גענומען די האַק פון יענעמס האַנט, זיך אַוועקגעשטעלט איבער דער באַלקע, אָנגעשפּיגן אויף דער דלאָניע און אריינגעיאָגט די האַק אין דער ווייסער קרייד־ליניע אויף דער באַלקע.

— גוט האָט ער זיך אַליין געלויבט — זייער גוט פאַרן אָנהויב!...

משה האָט געקוקט אויף אהרנען אין אָנהייב מיט דערשטוינונג, דאַן מיט נייגער, צום סוף מיט וואַרעמקייט און באַוווּנדערונג. עס האָט אים אימ־פּאָנירט אהרנס פּשטות און אייגנאַרטיקייט. מיט אַלעמען האָט ער זיך

געפילט היימיש, צו אַלץ האָט ער זיך אויסגעטויגט, אָבער אַ מענטש איז ער געווען אַ באַזונדערער, אויסגעטיילט פונעם כלל, — אַזאַ געזונטער מענטש, אַזאַ דורכאויס געזונטער מענטש...

משה איז אים מקנא געווען אָפנהאַרציק, גוטמוטיק, עפּעס אַזוי פריידיק מקנא. דער מאָדנער געפיל האָט אים אויפגעהויבן פון פלאַץ. ער איז אַרויס פון שאָטן, האָט זיך באַלד דערפילט אויסגערוט און מונ־טער. ס'האָט זיך אים פאַרוואָלט טרייבן קאָטאָוועס מיט זיין אַלטן חבר. ער איז צוגעגאַנגען צו אהרנען און צו אים אַ ווונק געטאָן מיטן אויג.

— נו, אַראָן איסאַיעוויטש, ביזט אַ מאָלאָדיעץ. ס'וועט פון דיר, אם ירצה השם, אַן אמתער פלאָטניק אויסוואַקסן...

אהרן האָט פלינק אַריינגעיאָגט די האַק אין דער באַלקע און אָפּגע־לאָזט דאָס הענטל. ער האָט זיך אויסגעגליכן, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און האָלדז מיט אַ ווייס נאָז־טיכל און האָט געענטפערט גוטמוטיק:

— אַ גוטע מלאכה!...

— אויף דיר אָנגעמאָסטן.

משה האָט נישט געקאָנט צוריקהאַלטן דעם שמייכל און זיך איבער־געקוקט מיט וואַסיל באַטעי. וואַסיל האָט אויך געשמייכלט און געוויזן בשעת מעשה, עטלעכע געלע ציין אין כמעט אַ פוסטן מויל. פונעם מויל האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון בראָנפן, געמישט מיטן ריח פון הערינג, ציבעלעס און שוואַרץ ברויט. ס'איז געווען דער ריח פון אַן אַנדערש־דיקער וועלט, ווו מען האָט געטראַכט אויף אַן אייגענעם אופן, אַזוי ווי מען האָט געגעסן און געהונגערט אויף אַן אייגענעם אופן, און כאָטש משה האָט זיך פאַרשטאַנען אויף אַ ווונק מיטן אַלטן פלאָטניק, האָט ער זיך ווידער דערפילט עפּעס נישט ריכטיק אויפן פלאַץ. די גאַנצע זאַך האָט ביי אים אויסגעזען ווי אַ מין קינדער־שפּיל. און אפשר איז עס פאָרט גוט אַזוי?

משה האָט אַ זיפץ געטאָן:

—פונדעסטוועגן בין איך דיך מקנא, אהרן. ליי מיר אויס אַ ביסל פון דיין געזונט און איכל...

ער האָט זיך איבערגעהאַקט אינמיטן די רייד. ער האָט פּלוצים דער־הערט אומאָנגענעמע קלאַנגען, וואָס ער האָט זיי גוט געקענט און דאָך נישט געקאָנט פאַרטראָגן — די קלאַנגען פון געוויין. געוויינט האָט אַ קינד. פון אָנהויב האָט עס דער ווינט פון ווייטן אין הויף געבראַכט. אָבער מיט יעדער רגע איז דאָס געוויין געוואָרן קלאָרער און שטאַרקער, ביז ס'האָט זיך אין הויף באַוויזן דוד'קע.

די קליידער זענען אויף אים געווען צעקנייטשט, אויסגעשמירט אינעם גרין פון גראָז און דאָס רויט פון בלוט וואָס איז אים גערונען פון נאָז.

דערזען דעם טאַטן האָט דוד'קע אַ ביסל זיך איינגעשטילט און אָנגע־הויבן זיך באַקלאָגן מיט אָפּגעריסענע ווערטער: זיי האָבן מיך.... גערופן זשידיאָנאָק... ביילים...

אַ קליינער וואָלקן איז אָנגעלאָפן אויף דער זון און באַדעקט דעם נייעם הויף מיט אַ פּלוצימדיקן שאָטן.

אהרן איז געוואָרן אויף עמעצן אין כעס און האָט זיך אָנגעבייזערט אויף דוד'קען:

— נאָך וואָס ביזטו אַהין געלאָפן? פאַרוואָס קאָנסטו נישט איינשטיין אויף איין פּלאַץ? אַזאַ אומגעלומפּערט קינד!....

דוד'קע האָט אויפגעהערט וויינען. ער האָט געצויגן דאָס בלוט צוריק אין נאָז אַריין און האָט געקוקט אויפן טאַטן מיטן קאַלטן חידוש אין די אויגן אַזוי, ווי זיין טאַטע וואָלט פּלוצים פאַרביטן געוואָרן אויף אַ פרעמדן, ביזן פאַרשוין.

ביי אהרנען האָט זיך באַלד אויסגעוועפּט דער כעס. ער איז צוגע־גאַנגען צו דוד'קען, זיך אָנגעבויגן צו אים, צוגעלייגט דאָס טיכל צו זיין נאָז:

— נו, באַרויק זיך, ס'איז נישט געפערלעך...

דוד'קע האָט ווידער גענומען כליפּען.

— וויינסט שוין ווידער?... דאָס טויג שוין אינגאַנצן נישט. ביזט שוין אַ גרויס יינגל. ס'וועט דיר גאָרנישט שאַטן.

אדרבה, האָט משה צוגעגעבן מיט אַ ביטערן שמייכל, ס'וועט דיר

צונויץ קומען, דוד׳קע, ווי דער רוס זאָגט „זא ביטאגא דוווך ניע ביטיך דאַיוט״. פון אַ קאַנטשיקל, הייסט עס דוד׳קע, ווערט מען קליגער...

3

אויפן וועג אַהיים

פאַרלאָזן דעם נייעם הויף און אַרויס אין גאַס האָט מען לאַנג געשוויגן. דאַן האָט משה פּלוצים אָנגענומען אהרנען פאַר דער האַנט:

— אהרן לייב, מעג איך מיט דיר זיין אָפנהאַרציק?

— פאַרוואָס נישט?

—מעג איך דיר אפילו זאָגן, אַז דו ביזט פאַר מיר אַ קנאַפּער חכם?

— דו מעגסט דאָס זאָגן, אָבער פון וואַנען איז דאָס געדרונגען?

— ס׳איז געדרונגען פון דיין נאַרישן חלום, אהרן.

— אַ חלום?!...

— דיין „היימלאַנד״, משטיינס געזאָגט, — איז דען דאָס די וואָר? ביי מיר איז דאָס אַ חלום, אַ בייזער חלום, אהרן לייב... „מוטער רוסלאַנד״, מיין צערודערטע שטיפמאַמע; וואָס האָב איך זיך צו באַקלאָגן? — אַ „פרעמד געבוירענער״, אַן אינאָראַדיעץ, אַזוי צו זאָגן, כאָטש מיין מאַמע האָט מיך גראָד דאָ געהאַט, אינמיטן פון „תחום״. כ׳מוז זיך באַגענוגן מיט אַזאַ מין היימלאַנד און זיך אויסלערנען פאַרגעסן מער ווי איך געדענק. בין איך דען נישט קיין מענטש? איז דען דער מענטש נישט קיין חיה מיטן קורצן זכרון? אַט מאָל איך מיר אויס דעם מענטשן, מיין אַלטן באַקאַנטן... ער האָט זיך באַזעצט ביי אַ שיין בערגל. איז געקומען אַ טאָג און פונעם בערגל איז געוואָרן אַ באַרג און דער באַרג האָט זיך אָנגעצונדן מיט גיהנום־פייער. דער מענטש כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. די לופט איז אָנגעפילט מיט געברום פון הימלישן־כעס. עס ציטערט און וויגט זיך די ערד אונטער זיין פעלד. ער עפענט די אויגן: אַ פייער־טייך פאַרפלייצט שטעט און דערפער. הייזער און תבואות אין פעלדער, מענטשן און בהמות ווערן פאַרברענט, באַגראָבן אין הייסן ברודער־קבר. אַש און בלאָטע ווערט פון זיין הונדערט יאָריקער מי; אַש און בלאָטע וואָס שרייט, דאַכט זיך, צום הימל: מענטש, טייער באַשעפעניש וואָס

דו ביסט, טראַג זיך אָפּ פון דאַנען, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, בוי דאָ נישט קיין שטעט, זייע דאָ נישט קיין קאָרן, גרייט נישט קיין נייע ברודער־קברים פאַר אייגענע קינדער... שרעקט זיך איבער דער מענטש און ער לויפט וווהין די פיס טראָגן, ער לערנט זיך די חכמה פון לעבן מיט פחד. נו, און וואָס איז דער סוף פון דער מעשה?... אָט זע איך אים, ווי ער קומט צוריק צום שיינעם בערגל צו פאַרפלאַנצן דאָרטן אַ נייעם גאָרטן, און איך קוק זיך צו צו אים: ער זעט אויס ווי אהרן לייב, אַראָן איסאַיע־וויטש לעסניק, מיט די ביינער. געפעלט דיר דער משל, אהרן לייב?

— ניין.

מיינסטו טאַקע ערנסט, אַז פון בייליסעס קאַמערל אין דער קיעווער תפיסה ביז דיין שטוב אין מליני איז אַזאַ גרויסער מהלך... אָדער אפשר אַ פּאָגראָם איז זיסער, ווען מען פאַרזוכט זיין טעם אין אַ גויאישער גאַס?

— אַ־אַ־אַ...

— וואָס אַ?

— ווו האָסטו אין מליני אַ יידישע גאַס?...

משה האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ס'האָט אים פאַרדראָסן הלמאי ער קאָן זיך נישט ריכטיק צוזאַמענרעדן מיט זיין אַלטן פריינד. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ער דריקט זיך אויס אַזוי קלאָר; אַז ער מאָלט אויס זיין אמת אַזוי בילדלעך, אַז דער אמת אַליין איז אַזוי בולט, און דאָך... איז אהרן בלינד, אָדער ער מאַכט זיך?...

משה האָט געטראַכט און געשוויגן, אָבער אהרן איז געווען זיכער, אַז ער האָט נישט קיין ענטפער, ווייל די שטאָט האָט באמת קיין יידישע גאַס נישט געהאַט. מען האָט דאָ געוווינט אויסגעמישט מיט אַנדערע תושבים אפילו אין די טיילן פון שטאָט, ווו עס זענען געווען אַ מערהייט פון יידן; אַ יידישער קאָוואַל האָט געוווינט אין אַ פויערישער כאַטע. אַ יידישער סוחר האָט געהאַט אַ רוסישן טשינאָווניק פאַר אַ שכן, דער רב האָט זיך באַזעצט אויף דער זעלבער גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס הויז פון אַ גלח. אַז דאָס העלפט דעם יידן און נישט יידן אין זייער קעגנזייטיקער דערנענטערונג, אין דעם האָט אהרן אויפריכטיק געגלויבט. ער האָט בכלל געגלויבט, אַז דער איינציקער שכלדיקער וועג פאַר יידן

איז דער וועג, וואָס פירט אַרויס פון געטאָ און קיין שום בלוט־בלבולים האָבן נישט געקאָנט דערשיטערן זיין גלויבן, שוין אָפּגערעדט פון דער אומאָנגענעמער פּאַסירונג אין דער ראָשטשע. ער האָט אין גאַנצן נישט געטיילט זיין חברס פעסימיזם. אים איז אויך נישט געווען צום האַרצן זיין נייגונג צו דער גוזמא. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו משהן און אַריינ־געקוקט מיט רויקער זיכערקייט אין זיינע מידע אויגן:

— הער זיך צו, מאָיסעי, כ׳מוז דיר עפּעס זאָגן. עס קאָן געמאָלט זיין, אַז איך בין „נישט קיין גרויסער חכם״, אָבער איך גלויב אין מענטשן. קורצער זכרון, צי נישט, איז דער מענטש פאָרט נישט קיין חיה. — דער רוסישער און אוקראַינער אינטעליגענטנער מענטש — זיכער נישט. איך מערק דיר, איך רעד נישט נאָר פון דער אַזוי גערופענער אינטעליגענץ. איך רעד, בכלל, וועגן די מענטשן מיט אַ געזונטן שכל. זיי זענען דאָ אין לאַנד און אין מלינעי. מיר האָבן פריינד צווישן די בעסטע מענטשן פון פאָלק, ווי זייער נאָמען זאָל נישט זיין — קאָראָלענקאָ אָדער בעכטע־רעוו, גאָרקי אָדער פּאַוולאָוו, מאַקלאַקאָוו אָדער וואַסיל באַטעי, וועלכער האָט מיר היינט זיין בוי־אינסטרומענט אויסגעליגן. ער איז אַ מענטש מיט אַ גראָדן, געזונטן שכל און מיט אים קאָן איך זיך פאַרשטענדיקן, כאָטש מיר זענען פאַרשידענע מענטשן. יאָ, משה, ס׳מעג דיר אָנשטיין. מיר האָבן פריינד צווישן די פשוטע רוסישע מענטשן און מירן זיי האָבן נאָך מער, וואָס ווייניקער מיר וועלן זיך אַליין אָפּטיילן פון זיי צוליב דער מורא פאַר די גוים; און וואָס איז שייך מלינעי, איז די שטאָט מיר גאָר נישט פרעמד. ס׳איז מיין שטאָט. איך בין דאָ אויסגעוואָקסן און אויסגעהאָדעוועט די קינדער. די שטאָט איז מיר איינגעבאַקן אין האַרצן. ס׳איז מיין היים, מאָיסעי, זאָג וואָס דו ווילסט, אָבער ס׳איז פאָרט מיין היים.

— וואָס פאַר אַ היים!...

— האָסטו דען פאַר אונדז אַן אַנדערע?...

דער ווינט האָט אונטערגעכאַפּט אהרנס ווערטער און אַוועקגעטראָגן צוזאַמען מיט וואָלקנס שטויב איבער די הילצערנע גאַסן פון שטאָט:

— האָסט דען פאַר אונדז אַן אַנדערע היים?

משה האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט.

4

די עלטערן און די קינדער

אין אַן אַלטן הויף ביי אַ הויכן פּאַרקאַן, אונטער אַ גרויסן בוים פון ווילדע באַרן, איז געשטאַנען אַ טיש, מיט בענק אַרומגעשטעלט אוז אַריינגעגראָבן אין דער גוט איינגעטאָפּטשעטער ערד. דער טיש און די בענק זענען געווען צעקרימט, צעקנאַקט און גרוי פון טיפן עלטער. דער ווינט האָט אָנגעשאָטן קליינע, גרינע באַרן אויף דער ערד אַרום טיש און צוגעגעבן דעם שאָטנדיקן ווינקל פון הויף אַ האַרבסטיקן אויסזען.

ליובא לעסניק — אַ זעכצן יאָריקע גימנאַזיסטקע מיט דיקע צעפּ, גרויסע שוואַרצע אויגן און איידעלע געזיכט־שטריכן פון אַ מזרח־מיידל, איז געזעסן ביים טיש, דער קאָפּ אויף דער האַנט אָנגעשפּאַרט און גע־חלומט מיט אָפענע אויגן. סאַשאַ לעסניק — אַ פערצן יאָריקער בלאָנדער גימנאַזיסט מיט בלויע אויגן און שטאַרקע ווייסע ציין (געראָטן אין דער מאַמען), איז אויך געזעסן ביים טיש. דער קאָלנער פון זיין ווייס העמדל איז געווען צעשפּילעט. אונטערן טיש האָבן זיך געזען שוואַרצע הויזן און באָרוועסע פיס. סאַשאַ האָט געלייענט אַ בוך מיט אָפּגעריבענע טאָוו־לען און געלע בלעטער. עס האָבן זיך צו אים דערטראָגן די קלאַנגען פון טאַטנס טריט אויף דער האַרטער סטעזשקע ביים הויז. ער האָט זיך באַלד אָפּגעריסן פון לייענען און צוגעלייגט דעם פינגער צום מויל:

— ש־ש־ש, די מאַמע שלאָפט.

ער האָט אַ ווונק געטאָן צו די פאַרמאַכטע לאָדנס פון קיך. דוד׳קע האָט זיך דערפרייט מיט דער בשורה. ס׳איז אַ קנאַפּער פאַרגעניגן זיך צו ווייזן פאַר דער מאַמען מיט די פרישע פלעקן אויף אַ נייעם אַנצוג. אהרן האָט אויך דערפילט אַ דערלייכטערונג. ער וועט איצט פאַרשפּאָרן סאָניען אַ ביסל יסורים, ער וועט פאַרוואַשן שטילערהייט די בלוט־פלעקן און אַז סאָניע וועט זיך אויפוועקן, וועט ער איר שוין דערציילן די מעשה אַזוי, אַז ס׳וועט נישט זיין פון וואָס צו האָבן יסורים: „דו זעסט דאָך אַליין, אַז ס׳קינד איז גאַנץ״....

ער האָט גענומען דוד׳קען פאַר דער האַנט, זיך אָנגעבויגן צו אים

און געזאָגט שטיל, ווי צו אַ מיטפאַרשווערער:

— קום, זשוקל, כ'וועל דיך איבערטאָן, און דערצייל גאָרנישט דער מאַמען, איך וועל איר אַליין דערציילן — פאַרשטאַנען?...

צו סאַשען האָט זיך דערטראָגן דאָס לעצטע וואָרט. ער האָט פּלוצים דערפילט אַז עפּעס האָט פּאַסירט מיט דוד'קען אויפן נייעם הויף. ער האָט זיך ווידער אָפּגעריסן פון בוך. ערשט איצט האָט ער באַמערקט די פלעקן אויף דוד'קעס ווייסן אָנצוג.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט אימפעטיק.

דער אַלטער טיש האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און אויפגעוועקט ליובען. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַן אָפּוועזנדיקן בליק נאָכגע־פאָלגט סאַשען.

סאשאַ איז צוגעגאנגען צו דוד'קען און געפרעגט דעם טאַטן שטיל:

— וואָס איז געשען?

ליובע איז אויך געוואָרן באַאומרויקט און איז אויפגעשטאַנען פון בענקל:

— וואָס איז געשען?

— גאָרנישט... יינגלעך האָבן אים געשלאָגן.

ליובע איז געוואָרן שטאַרק אומרויק און איז אויף שנעל צוגעגאַנגען צו דוד'קען:

— געשלאָגן?!...

— געשלאָגן און גערופן נעמען: „זשידאָנאָק", בייליס — האָט דוד'קע צוגעגעבן.

— בייליס?! האָט זיך ליובאַ געחידושט.

— ש־ש־ש! — האָט אהרן זי איינגעשטילט — וועסט אויפוועקן די מאַמע.

— בייליס? — האָט שוין סאַשאַ שטיל געפרעגט — האָסטו זיי געדאַרפט זאָגן, אַז דו ביסט שטאָלץ צו טראָגן דעם נאָמען...

— אַ־אַ־אַ — האָט ליובע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ווער זענען זיי געווען דודקע — דו קענסט זיי?

— זיכער, וואָס־נאָוס יינגלעך האָבן מיך געשלאָגן: דער קלענערער

און דער גרויסער , וואָס טראָגט עפּאָלעטן אויפֿן העמדל.

— דער קאַדעט?

— אַהאַ...

אהרן איז געווען דערשטוינט. ער האָט נישט געקענט די קינדער. אָבער מיט זייערע עלטערן איז ער געווען גוט באַקאַנט.

* * *

דער פֿאָטער פֿון די ייִנגלעך, אַ שטאָטישער פּריץ, האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַליין אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אהרנען, כאָטש נישט אין אַ דירעקטן זין פֿון וואָרט.

פּאַסירט האָט דאָס צוויי יאָר נאָכן אומרויִקן 1905, ווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פֿון מליני, איז עפּעס אַן אומבאַקאַנטער, נישט קיין זייער פֿאַרמעגלעכער, אָבער, ווי מען האָט געשמועסט, זייער אַן אָרנטלעכער ייִדישער סוחר, עפּעס אַן אַראָן איסאַיעוויטש לעסניק, געווען דערוויילט צוזאַמען מיט וואָינאָוון אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער „גע־זעלשאַפֿט פֿאַר קעגנזייטיקן קרעדיט". דעמאָלט האָט וואָינאָוו, צעריסן דעם וואַל־ביולעטין און אַ טופּע געטאָן מיטן פֿוס: „כ'וועל נישט זיצןביים זעלבן טיש מיט אַ שמוציקן ייִדן"... ער איז אַוועק און האָט צוגע־קלאַפּט נאָך זיך די טיר.

אַזאַ מענטש איז ער געווען. אַ טיטולירטער פֿאַרשוין מיט אַ העזה־דיקער נשמה פֿון אַן „אויסדערוויילטן" מענטשן, האָט ער אין דער ווירק־לעכקייט, חוץ זיין אמתער אָדער אויסגעטראַכטער „גלאָרייכער פֿאַר־גאַנגענהייט גאָרנישט געהאַט. — נישט קיין שכל און נישט קיין כוחות צום לעבן. ער איז געשטאָרבן יונג פֿון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער קרענק און איז שנעל פֿאַרגעסן געוואָרן פֿון די שטאָטישע איינוווינער.

אהרן האָט אויך געהאַט אין אים פֿאַרגעסן און עס איז אים שווער געווען זיך פֿאָרשטעלן, אַז זיינע קינדער גייען אין זיינע פֿוס־טריט. וואָרים די קינדער זענען געבליבן מיט דער מאַמען און די מאַמע איז געווען גאָר אַן אַנדערער מין מענטש.

ווען וואַינאַווס אלמנה האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַס אין שוואַרצע טרויער־קליידער — אַ שיינע דרייסיק יאָריקע פרוי מיט אַ שלאַנקן קער־פער און פריצייטיק גרויע האָר, — האָט די שטאָט באַלד געפסקנט, אַז זי טרויערט נישט אַזוי נאָך איר מאַן, ווי נאָך אירע אייגענע יאָרן. אויך אהרנען האָט זיך דאָס געלייגט אויפן שכל. ער האָט גאָרנישט געצווייפלט אַז די אייגענע האָבן געליטן פון וואַינאַוון נאָך מער ווי די פרעמדע, ווייל די אייגענע האָבן אים נישט געקאָנט איגנאָרירן אָדער פשוט אויסמיידן.

אינדערהיים איז וואַינאַוו געווען דער אַנערקענטער, אומבאַגרענעצ־טער האַר. אינדערהיים האָט ער אפילו געהאַט דאָס רעכט צו שמייסן אַ מענטשן און האָט, אין זיין דערציִונג פון די קינדער, נישט פאַרפעלט זיך באַנוצן מיט אַ געהעריקן רימען. דער מענטש האָט זיך אַליין געפּיי־ניקט און האָט געפּייניקט די, וועלכע ער האָט אויף זיין אייגענעם אופן ליב געהאַט, אַזוי גוט, ווי די וועלכע ער האָט געהאַסט. וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן וויכטיקסטן אין זיך אַליין — די גלאָריע פון אַ קריגער — האָט שוין באַלאַנגט צו דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. קיין אמתער האָר איז ער שוין נישט געווען, קיין ריטער — אויך נישט. צו ווערן אַ מין דאָן קיכאָט האָט אים אויסגעפעלט באַיוויטעט און גוטמוטיקייט. אַלעקסעי וואַינאַוו איז געווען אַ כעסן. ער האָט זיך אויסגעלעבט אין זיין אייגע־נער בייזער וועלט און האָט קיין צוטרוי צו קיינעם נישט געהאַט. יעדער איינער האָט געוואָלט אַרויסרייסן דעם שווערד פון זיין האַנט, כאָטש ער האָט שוין סאַי ווי סאַי קיין שווערד נישט געהאַט; יעדער איינער האָט געוואָלט מינדערן זיין כבוד, פאַרלייקענען זיין אויטאָריטעט, צו־נעמען פון אים די רעשטלעך פון זיין אייגענטום און געזונט...

זיין פרוי האָט זיך אויסגעלערנט שווייגן. זי האָט געוויינט ווען ער האָט געשמיסן די קינדער. זי האָט געוויינט, ווען ער האָט, אין אַנפאַל פון כעס אַריינגעוואָרפן אירע ביכער אין ברענענדיקן אויוון אַריין. אָבער געוויינט האָט זי שטילערהייט. זי האָט אינגאַנצן פאַרבאַהאַלטן פון אים איר נשמה און האָט זיך אויפגעפירט ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ שקלאַף זיך אויפצופירן. ער האָט אָבער גוט געוווסט, אַז זי באַהאַלט אין זיך אַן אייגענעם באַגריף פון מענטשלעכער ווירדע, וואָס געהערט צו גאָר אַן

אַנדערער וועלט. גראַד צוליב דעם האָט ער זי באַהאַנדלט ווי אַ שקלאַף...

אהרן האָט זיך דאָס געקאָנט אויסמאָלן. ער האָט זיך גאַרנישט גע־חידושט אויף די גרויע האָר פון דער יונגער פרוי און האָט זי געהאַלטן פאַר זייער אַ פיינעם מענטשן אפילו דאַן, ווען ער האָט זי כמעט אינ־גאַנצן נישט געקענט.

שפּעטער איז אים אויסגעקומען זיך צו באַקענען נענטער מיט נאַ־טאַליאַ וואַינאָוואַ. ער האָט איר צוגעשטעלט יעדעס יאָר האַלץ פאַרן גאַנצן סעזאָן. זי האָט עס אים פאַרקויפט זיין נייעם הויף. מען האָט גע־פירט זאַכלעכע פאַרהאַנדלונגען, דערליידיקט געשעפטן, אונטערגעשריבן קאָנטראַקטן און געשמועסט, אומגעצוימט, ווי צוויי מענטשן פון דער זעלבער סביבה, צווישן וועלכע ס'איז קיינמאָל נישט געווען קיין אָפּ־גרונט פון באַליידיקונג, גזירות, בלוט־בלבולים און פּאָגראָמען.

פון די דאָזיקע באַגעגענישן און שמועסן האָט זיך ביי אהרנען גע־שאַפן אַן איינדרוק, אַז נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ וואַינאָוואַ איז אַן אויפגע־קלערטע, גוט־האַרציקע רוסישע פרוי, וואָס וואָלט מסתמא זיך געמישט מיטן פאָלק, געווידמעט איר לעבן דעם פשוטן רוסישן מענטשן, אָדער גאָר, ווי סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ, געוואָרפן אַ באָמבע אויף אַ גובערנאַטאָר פון איר מאַנס חדר, און פאַרענדיקט איר לעבן אויף קאַטאָרגע, אָדער גאָר אויף אַ תליה — ווען דאָס וואָלט נישט זיין שוין „אויס מאָדע" אין זומער פון 1913, אָדער ווען זי וואָלט געהאַט אַן אַנדערע סביבה...

* * *

איז איצט האָבן גראַד אירע קינדער צעבלוטיקט און באַליידיקט אַ יידיש קינד, אהרנס אייגן קינד...

— אַ שיינע מעשה, האַ?

אהרן האָט זיך אַליין די פראַגע געשטעלט שטילערהייט?

אָבער סאַשאַ האָט עס געהערט און געענטפערט מיט כעס:

— זייער אַ שיינע!... אָבער וואָס ווילסטו איצט טאָן — מאַכן אַ שווייג?

— פאַרוואָס עפּעס מאַכן אַ שווייג? כ'וועל צוגיין צו דער מאַמען. כ'וועל פרווון אויסגלייכן דעם ענין.

— און וועסט איר ווידעראַמאָל צושיקן אַ פּאָר פּורן האַלץ פּאָר האַלב־אומזיסט, דער אָרעמער אלמנה נעבעך — האָט סאַשאַ איבערגעריסן דעם טאַטנס רייד מיט ביטערקייט — פּאַרוואָס זאָלסטו זיין אַזאַ ריטער מיט מענטשן, וואָס האַנדלען קעגן דיר אַזוי נידערטרעכטיק. „בלאַגאָראָדנאָיע סאָסלאָוויע", אַן איידעלער שטאַם, משטיינס געזאָגט. גאַגאַל האָט פון זיי גענומען די ריכטיקע מאָס.

סאַשאַ האָט באַוויזן מיט דער האַנט אויפן אָפענעם בוך, וואָס איז געלעגן אויפן טיש אונטערן באַרן־בוים. דער ווינט האָט געבלעטערט דאָס בוך און סאַשאַ האָט עס גענומען פאַר זיין עדות.

— יורשים פון העבדלבער מיט „טויטע נשמות", געוויסנלאָזע ספּעקו־לאַנטן פון טשיטשיקאָווס שניט, קמצנים און בלוט זויגערס, פּליושקינס — אַליין זענען זיי אַזוי, ווי זיי מאָלן אויס די יידן... כ'בין זיכער, אַז ביי דער וואַינאָווסקע ביסטו דער זעלבער „זשיד", נאָר אַזאַ וואָס לאָזט זיך מעלקן...

— סאַשאַ! — האָט אים אהרן אָפּגעהאַקט מיט כעס.

— סאַשאַ! — האָט אים ליובאַ געטאַדלט מיט אַן אויסדרוק אין די אויגן, וואָס האָט געדאַרפט אים דערמאָנען, אַז מיטן טאַטן רעדט מען נישט אַזוי.

סאַשאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן און אָנגעבלאָזן די ליפּן.

אהרן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— דו ביסט ביי מיר היינט עפּעס צו קלוג פאַר דיינע פערצן יאָר. וועסט מיר געבן עצות, ווען איך וועל דיך בעטן. כ'בין, דוכט זיך, אַ ביסל עלטער פון דיר, צי נישט?

סאַשאַ האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס און איז אַוועק צוריק צום טיש אונטערן באַרן־בוים.

ליובאַ איז אַוועק נאָך אים און האָט געשעפּטשעט, אַזוי אַז קיינער חוץ סאַשאַן זאָל איר נישט קאָנען הערן: „וואָלסט זיך געמעגט שעמען. ס'האָט דיר נאָר געפעלט צו שיטן זאַלץ אויף זיינע ווונדן"... סאַשאַ האָט איר געענטפערט נאָך שטילער: „טשעפּע זיך אָפּ".

אהרן האָט געקוקט אַ ווייל אויף סאַשאַן אַן אומצופרידענער. עס איז

נישט געווען אין זיין נאַטור זיך אויפצופירן אויף אַזאַ אופן. ער איז געווען אַ רויקער יונג און פלעגט גוט אויסקלייבן די ווערטער, וואָס ער האָט געדאַרפט נוצן. אהרן איז געווען שטאָלץ מיט אים, מיט זיין באַלעזנ־קייט און שכל, אַזוי גוט ווי מיט זיין פיזישער שטאַרקייט. ער האָט דער־וואַרט פון אים מער צוריקגעהאַלטנקייט. אָבער נאָך אַ ווייל טראַכטן האָט ער געמוזט צוגעבן, אַז אין סאַשאַס יאָרן וואָלט ער אַליין מסתמא רעאַגירט נישט אַנדערש אויף אַזאַ געשיכטע. אַ מענטש איז נישט מחויב צו האַלטן אין זיך דעם ווייטיק פון באַליידיקונג. אהרן האָט אַ זיפץ געטאָן און אַ צי געטאָן דוד'קען פאַר דער האַנט:

— נו, קום, די מאַמע וועט באַלד אויפשטיין...

זיי זענען אַריין אין קיך אויף די שפּיץ פינגער. אין דער ציכטיקער ווייס־געקאַלכטער קיך מיט אַ געלן פריש געוואַשענעם דיל איז געווען כמעט פינצטער. ס'האָבן זיך, דורך די שפּאַלטן צווישן צוגעמאַכטע לאָדנס און עטוואָס צעעפנטע פענצטער שטראָמלעך ליכט און לופט איינעם צו־מער געזיפּט. אויף די פענצטער האָבן זיך געוויגט ווייסע פאָרהענגלעך ווי איידעלע פּעכערס פאַר דער מידער מאַמע. די מאַמע איז געלעגן אויף דער אַלטער קאַנאַפּע. אירע בלאָנדע האָר זענען געווען צעוואָרפן איבערן קישן אַרום דעם ברייטן שטערן. דאָס גאַנצע פּנים איז ביי איר געווען ברייט, כמעט קינדיש פאַרמירט. זי איז געשמאַק געשלאָפן, נישט געקוקט אויפן געזשום פון איינזאַמע פליגן. אהרנען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי שמייכלט פון שלאָף.

ס'איז אים פּלוצים איינגעפאַלן צו פאַרגלייכן נאַטאַליאַ וואַינאָוואַ מיט סאָניען. סאַראַ אונטערשיד! יענע איז אַ צאַרטער קווייטל אין אַ פאַנסקן גאָרטן און סאָניע איז אַ סנאָפּ גאָלדענער ווייץ אין פעלד...

ער איז אויף די שפּיץ פינגער אַרויס פון קיך, און איז באַלד אַרויס אינדרויסן מיט די פאַרפלעקטע קליידער אין האַנט.

דוד'קע איז געבליבן אין שטוב. ס'האָט אים עפּעס געצויגן צו דער מאַמען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין קיך אויפן דיל ביי דער מאַמעס בעט. ער איז געזעסן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און געטראַכט. עס איז געווען אַ פּרווו פון אַ קינדישן שכל אונטערצופירן אַן אייגענעם סך־

הכל פון דעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט און געהערט פאַר די לעצטע עטלעכע שעה.

ער האָט געטראַכט און געחלומט, געטראַכט ווי אין אַ חלום, ווען די מחשבות און ווערטער פאַרוואַנדלען זיך אין זאַכן און געשטאַלטן... ער האָט געזען בילדער פון אַ פייער־באַרג, וואָס פאַרגיסט מיט דער הייסער לאַווע שטעט און תבואה־פעלדער; געזען בלוט אויף די הענט, אויף די קליידער פון מענטשן, וואָס ווערן געיאָגט פון רויט־האַריקע באַשעפענישן מיט עפּאָלעטן אויף ווייסע העמדלעך. ער האָט זיך געלאָזט לויפן פון זיי און האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט פון דרימל... אָבער ער האָט נישט גע־פּרוווט אַנטלויפן פונעם חלום, נישט מער, וואָס איצט האָט ער געפילט, אַז ער האָט פאַר זיי נישט קיין מורא; ער וועט זיי ווייזן; ער׳ט זיי שוין ווייזן.

ער איז געוואַקסן אַזוי מיט כוח און גבורה אין די אייגענע אויגן און געזוכט אין דער אייגענער פאַנטאַזיע עפּעס אַ געשטאַלט פון אַ גיבור פאַר זיך, וועלכער זאָל מאַכן אַלע שלעגער פון דער וועלט ציטערן פאַר אים און בעטן מחילה: „יאַ באַלשע ניע בודו״ (כ׳וועל דאָס מער נישט טאָן); און ווייל ער איז פאַרט געווען אַ קינד, איז ער געוואָרן אַן אמתער גיבור, זיך אַרויסגעשאַרט פון קיך און זיך אַ יאָג געטאָן איבערן אַלטן הויף צו זוכן די שונאים. ער האָט זיי אויסגעשפּירט פון זייער באַהעלטע־ניש, אין הויכן בוריאַן און הינטער די סאַראַיעס, ער האָט זיי אָנגע־גריפן רייטנדיק אויפן שטעקן, געיאָגט זיי אין גאַס אַריין און אינגאַנצן פאַרגעסן אין דערווירקלעכער וועלט.

צו דער ווירקלעכקייט איז ער געקומען ווען ער האָט דערהערט דאָס קלינגען פון געשיר, אויפן טיש אונטערן באַרן־בוים. די מאַמע האָט אים אפילו נישט געדאַרפט רופן. ער איז אַליין צוגעלאָפן צום טיש און באַלד אַראָפּגעכאַפּט אַ שטיקל ברויט פון טעלער.

די אויסגערוטע מאַמע האָט אים גוטמוטיק געטאַדלט:

— פונוואַנען קומט אַ גאַסט?

5

דוד׳קעס אַוואַנטורע

אהרן לעסניק איז נישט געגאַנגען צו די וואַנאַווס. ער איז נישט געווען זיכער אַז דאָס איז אַ גלייכע זאַך. ס׳האָט זיך אים נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין נייע יסורים דער אומגליקלעכער פרוי. און חוץ דעם האָט ערגעץ ווו טיף אין זיין נשמה נאָך געלעבט דער צווייפל אין מענטשן -- דער צווייפל און גלויבן, אַז פון דער נאַטור איז דער מענטש גוט, אַז דאָס בייז אין מענטשן קומט נאָר פון די אומגליקלעכע אומשטענדן, נאַרי־שע פאָראורטיילן און אַלע אַנדערע מינים גייסטיקער בלינדקייט, וואָס לאָזן זיך באַזייטיקן דורך אַ ראַציאָנעלן קוק אויפן לעבן, דורך דערציונג פון אַן אויפגעקלערטן דור. ער האָט געיאָגט פון זיך דעם צווייפל אין דער פונדאַמענטאַלער גוטסקייט פון מענטשן. ער איז געוואָרן אין כעס אויף זיך אַליין, ווען עס איז אים איינגעפאַלן, אַז אפשר וועט די אלמנה וואַנאַוואַ אים ווייזן די טיר: אַז אפשר גלויבט זי אויך אַליין אינעם בלוט־בלבול, וואָס ווערט איצט פאַרשפּרייט איבערן לאַנד. ניין, דאָס איז געווען נישט קיין יושרדיקער, נאָר אַ מיאוסער פאַרדאַכט. פאַר אַזאַ פאַר־דאַכט איז נישט געווען קיין שום גרונד, אָבער עס איז דאָ פאָרט געווען אַזוי פיל בייזוויליקייט אין דער וועלט און אהרנען האָט זיך נישט געגלוסט איבערלעבן נאָך אַן אַנטוישונג.

ער האָט זיך געוואַקלט, געוואָלט צוערשט יאָ גיין און דאַן אָפּגעלייגט די זאַך אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט אַזוי לאַנג, ביז די פּאַסירונג אין דער ראָשטשע האָט אָנגענומען די מאָס פון אַ קלייניקייט און די קלייני־קייט האָט זיך פאַרלוירן אינעם הייפל פון אַנדערע אַזוינע עוולות, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן אין זיין האַרצן נאָך פון קינדווייז אָן און האָבן זיך געלאָזט האַלטן אויפן אייז פון אויסדויער. צו פאַרשווייגן אַן עוולה איז ביי אים קיין נייעס נישט געווען. אין זיין פאַל איז עס געווען נישט נאָר דער אויסדרוק פון אומבאַהאָלפנקייט, וואָס דער גורל האָט צוגעטיילט דעם יידן מיט דער ברייטער האַנט. אַ זעלבסט־געבילדעטער מענטש, איז ער געווען גוט באַקאַנט מיט דער ליטעראַטור פון זיין צייט און האָט

געהאַלטן, צוזאַמען מיט לעוו טאָלסטאָי, אַז מיט בייזן קאָן מען קיין בייז נישט באַקעמפן, אַז דאָס בייז פּלאָדיעט נאָר בייז.

פיזיש אַ שטאַרקער מענטש, האָט ער אין זיין לעבן אויף קיינעם זיין האַנט נישט אויפגעהויבן. די אייגענע קינדער האָט ער קיינמאָל נישט געשלאָגן אָדער געשמיסן, ווי ס'איז געווען דער שטייגער צווישן מלינער תושבים, כאָטש די עמאָציע פון כעס איז אים, פאַרשטייט זיך נישט געווען פרעמד. ער האָט זיך געקאָנט צוריקהאַלטן און געהאַט אַן אייגענעם וועג ווי צו שטראָפן אַ קינד; ער פלעגט זען אויסצומיידן דאָס קינד, זיך אָפּ־פרעמדן פון אים אויף אַ ווייל; לאָזן אים פילן דעם טאַטנס ווייטיק. און אויף די קינדער האָט עס געהאַט, ווי ער איז געווען זיכער, אַ שטאַרקערע ווירקונג ווי דאָס שלאָגן, וואָס — לויט אהרנס ווערטער — האָט עס דער־נידעריקט סיי דעם שלעגער, סיי דעם געשלאָגענעם. ער האָט וועגן דעם אָפט גערעדט גראָד אין דער אַנוועזנהייט פון די קינדער, דוד'קען איינגע־שלאָסן, און דוד'קע פלעגט מיט שטאָלץ זיך באַרימען פאַר אַנדערע קינדער: מיין פּאַפּאַ שמייסט מיך נישט. ער זאָגט, אַז מען טאָר נישט שמייסן אַ קינד, אַז דאָס איז אַ מיאוסע זאַך.

דוד'קע אַליין האָט אָבער שנעל פאַרגעסן אינעם ווייטיק פון באַליידי־קונג און די קלעפּ אין דער ראָשטשע. ער האָט געבענקט נאָכן נייעם הויף און דער ראָשטשע. עס האָט אים געצויגן אַהין מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַר־קער, ביז ער האָט שוין נישט געקאָנט מער ביישטיין דעם נסיון.

ס'איז געשען אין אַ שטילן שטיקנדיק־הייסן שבת נאָכמיטאָג. אויפן אָפּגעבליאַקעוועטן, פאַרסמאַליעטן הימל האָט מען קיין וואָלקן נישט געזען אין דער לופט — קיין מינדסטע באַוועגונג נישט געפילט. די אומברחמ־נותדיקע זון האָט אָנגעגליט דעם שטויב פון די גאַסן און די ברעטער פון די טראָטואַרן, אָנגעוואַרעמט אַלע שאָטן־ווינקעלעך אינמיטן פון שטאָט און אריינגעטריבן ס'רוב מלינער יאַטן אין דעם וואַרעמען טייך אַריין.

אהרן און סאָניע האָבן זיך נאָכמיטאָג צוגעלייגט שלאָפן אין הויז אויף דעם פריש־אָפּגעוואַשענעם דיל און זענען געשלאָפן ביי פאַרמאַכטע לאָדנס. סאַשאַ און ליובאַ זענען אַוועק מיט פריינד אין אַ וועלדל ביים ווייטן עק פון שטאָט. דוד'קן האָט זיך נישט געשלאָפן. ער האָט זיך אַרומ־

געדרייט ליידיק אינעם פוסטן הויף, ביז ס׳איז אים איינגעפאלן, אז אין דער ראשטשעביים נייעם הויף איז איצט פריילעכער. ער האט זיך ארייג־געשארט אין הויז: דער טאטע און די מאמע זענען נאך אלץ געשלאפן. ער האט זיך א ווײלע געוואקלט, געוואלט אויפוועקן דעם טאטן, קריגן ביי אים א דערלויבעניש אויף נאך א שווים אין טייך, און נישט געוואגט; געוואלט אליין גיין און זיך נישט געקאנט אנטשליסן. ער האט זיך ארויס־געשארט צוריק אין הויף, ארויס אין דער שטויביקער, ליידיקער גאס אן באשטימטע כוונות און איז אוועק מיטן לאנגן וועג, ווי א פאר־טשאדעטער, א פארחלומטער, — דורשטיק נאך דער פרישער לופט און דער פייכקייט פון דעם טייך.

אין דער ראשטשע האט ער זיך באלד אויפגעוועקט. ער האט דערזען ווייסע בלאז־קווייטלעך אויפן גרינעם גראז. ער האט פארזיכטיק אפגע־ריסן א בלאז־קווייטל ביים סאמע ווארצל, צוגעטראגן צום מויל און א בלאז געטאן מיטן גאנצן כוח: פ־פ־פו־או־או!... דער ווייסער פוך האט זיך אפגעריסן פונעם קליינעם בלומען־קעפל און זיך געלאזט שוועבן אין דער לופטן, אזוי ווי עס וואלט געבוירן געווארן צו פליען און נישט צו וואקסן אויף דער ערד. דוד׳קע האט זיך צעלאכט. ער האט זיך אליין אויך געפילט באפליגלט. ער האט גענומען דאס דינע ביטערע שטעמל אין מויל אריין און האט עס באלד אויסגעשפיגן: — טפו! ס׳איז ביטער. ער האט זיך א ווארף געטאן אויף דעם גראז, ארייגעצויגן אין זיך דעם דופט פון דער ערד, אויפגעשפרונגען, זיך געלאזט לויפן מיט דער סטעזשקע צווישן די ביימער, וואס האבן געפירט ארונטער צו צום טייך.

ער האט זיך ראפטאם אפגעשטעלט, ווען די סטעזשקע האט אים געבראכט צו א ברייטן וועג. דא, אויף ביידע זייטן פון וועג זענען געשטא־נען רייען הויכע טאפאליעס, וואס האבן זיך אויסגעטיילט צווישן די ווערבעס, ווי א ריי וועכטער, גווארדייער צווישן פשוטן עולם. אזוינע ביימער האט דוד׳קע איצט געזען ס׳ערשטע מאל אין זיין לעבן. ער האט זיי גוט באקוקט, באוואונדערט און איז פארזיכטיק ארויף אויפן וועג צווישן זייערע רייען. א רגע האט ער זיך געקווענקלט וואהין זאל ער גיין: אונטן?

— דאָרטן איז די מלינקע. ער האָט געוווּסט און געפילט. עס האָט זיך שוין דאָ געשפּירט די פייכקייט פון טייך. דוד׳קע איז געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אויבן.

ער האָט זיך פאַרקערעוועט אויפן וועג פון די טאָפּאָליעס און איז געגאַנגען באַרג־אַרויף מיט פאַרזיכטיקע טריט און אָנגעשפּיצטע אויערן. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער. ער האָט פאַרט עפּעס מורא געהאַט, אָבער זיין נייגער איז געווען פיל שטאַרקער ווי זיין מורא.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ גרויסן גאָרטן, דערזען דאָס געל און רויט פון עפּל און באַרן צווישן דעם גרין פון בלעטער, דערשמעקט דעם ריח פון כמעט רייפער פּרוכט. ער איז אַריין אין גאָרטן און זיך פּלוצים אָפּ־געשטעלט מיט אַ ציטער אינעם גאַנצן קערפּער. עמעץ האָט אים גערופן:

— אַנו, קום אַהער יינגל. וווּהין גייסטו?

ער האָט זיך באַלד באַרויקט; ס׳איז געווען אַ ווייכע שטימע פון אַ פרוי. ער האָט איצט געזען די פרוי. זי איז געזעסן אין אַ שאָטנדיקן ווינקל פון גאָרטן ביים סוף פון אַ זייטיקער סטעזשקע, אין אַ גרינעם גאָרטן־שטיבל. דאָ און דאָרטן האָבן זיך אַרום דעם שטיבל געוויסט קרייזלעך פון זון־ליכט, וואָס האָט געשטראַלט דורך די שמאָלע פּענצ־טערלעך אינעם גרינעם בלעטער־דאַך פון גאָרטן. די פרוי אַליין האָט אויך אויסגעזען ווי אַ ווייסער פלעק אינעם טונקל־גרינעם שטיבל. זי האָט געהאַט גרויע האָר פון אַ זקנה און געהאַט אויף זיך אַ ווייס זומערקליידל פון אַ יונג־פרוי. זי האָט ווידער גערופן דוד׳קען:

— האָב נישט קיין מורא, יינגל, קום אַהער... ווי רופט מען דיך?

זי האָט אויסגעזען אין דוד׳קעס אויגן ווי אַ גוטע און ער האָט פאַר־איר אינגאַנצן קיין מורא נישט געהאַט. ער איז צו איר דרייסט צוגעגאַנגען:

— מען רופט מיך דאַווידקאַ לעסניק.

די פרוי האָט זיך צעשמייכלט. דער זון איז געווען זייער ענלעך צום טאַטן. אַראָן איסאַיעוויטש לעסניק איז מסתמא אַמאָל געווען פּונקט אַזאַ שוואַרצער „זשוקל״, וואָס זעט אויס ווי אַ יידיש קינד, רעדט רוסיש מיט אַ חנעוודיקן אוקראַיִנישן אַקצענט און איז אַזוי שטאָלץ מיט זיין נאָמען. זי האָט גענומען דוד׳קען ביי דער האַנט און אים אַריינגעצויגן אינעם

גאַרטן־שטיבל.

— זייער גוט. איך קען דיין פּאַפּאַ. ווי מיינסטו, איז ער ביי דיר אַ גוטער צי נישט?

— אַ גוטער! — האָט דוד׳קע שטאָלץ געענטפערט.

— ריכטיק! — האָט זיך די פרוי צעשמייכלט — זייער ריכטיק! און איצט זאָג מיר, זיי אַזוי גוט, ווי אַזוי האָסטו אַהער פאַרבלאָנדזשעט?

— כ׳ווייס נישט. ס׳איז ביי מיר אַ געוווינהייט אַזאַ — האָט דוד׳קע געענטפערט נאָך אַ ווייל טראַכטן — אַזוי זאָגט דער פּאַפּאַ. ער זאָגט אַז ס׳איז גאָרנישט. ער זאָגט אַזוי תמיד דער מאַמען און ליובען, ווען איך קום אַהיים: נו, זאָגט ער, ס׳איז כדאַי געווען זיך צו ערגערן?

די פרוי האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול. זי האָט אָנגענומען דוד׳קען ביי דער האַנט:

— נו, קום, דאַווידקע, איך וועל דיך באַקענען מיט מיינע ייִנגלעך. מיין יונגערער זון איז אין דיינע יאָרן. איר וועט זיך שפּילן אַ ביסל און דאַן וועלן זיי דיך באַגלייטן אַהיים.

זי האָט גענומען דוד׳קען פאַר דער האַנט, אַרויסגעפירט אים צוריק אויפן וועג פון די טאַפּאָליעס און געבראַכט אין אַ גרינעם הויף מיט אַ נידעריק, ריין אויסגעקעמט, גלייך אונטערגעשוירענעם גראָז. אַ בייזער, גרויסער הונט, ענלעך אויף אַ וואָלף, איז אַרויסגעשפּרונגען פון קאָנורע ביי דער אָפענער ווערענדע פון אַ ציגל־הויז, און האָט זיך געלאָזט לויפן מיט דעם דראָט, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געגליטשט זיין קייט. דער הונט האָט זיך געריסן פון קייט און געבילט מיט אַזאַ רציחה, ווי עס וואָלט אין זיין הויף אַ דם־שונא זיך אַריינגעריסן.

פון אַ האַמאַק אונטער צוויי נידעריקע עפּל־ביימער איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ גאַקעטער ביזן גאַרטל, פאַרצנייאַריקער יונג אין ווייסע פאַרוסינע־הויזן און שטעק־שיך. ער האָט מיט כעס אַ וואָרף־געטאָן אַ טרוקן צווייגל אויפן הונט:

— מאָלטשאַט באַיאַר — פּאַשאָל וואָן!... — שוויג באַיאַר, אוועק פון דאַנען!

דער הונט האָט אַ סקאַווטשע געטאָן, איז צוריק אַריינגעלאָפן אין

אין די מלינער וועלטן

דער קאַנורע און אַרויסגעשטעקט פון דאָרטן די פּאַדערשטע לאַפּעס מיט דעם וועלפּישן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

דוד'קע האָט פון שרעק זיך געהאַט אַרויסגעריסן פון דער פרויס האַנט און געמאַכט אַ טראָט צוריק. די פרוי האָט אים באַרויקט:

— האָב נישט קיין מורא. דער הונט איז אויפן קייט. ער וועט דיך נישט טשעפּען.

דוד'קע האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער איז געווען אויפן שוועל פון פּאַניק; אָט אָט וועט ער זיך אָפּרייסן פון אָרט און זיך לאָזן לויפן וווהין די אויגן וועלן טראָגן. ער האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן באַפרייט פון דער שרעק פאַרן הונט, ווען ער האָט דערקענט דעם יינגל, וואָס האָט אים דעמאָלט אין ראָשטשע געשלאָגן, די זעלבע געלע האָר, נידעריק געשוירן און סטאַרטשען אַרויס פון פאָרנט ווי ביי אַ יעזש. די זעלבע שפּרענקלעך אַרום דער פּאַריסע־נער נאָז, די זעלבע קאַלטע גרינע אויגן... און דאָרטן, ביי דער הויכער הוידעלקע שטייט דער צווייטער יינגל מיט אַ בלאָנדן, מיידלישן קאָפּ. ער האָט אויפגעהערט זיך הוידלען און קוקט דאָ אויף דער מאַמען און אויף דוד'קען מיט דערשטוינונג.

די פרוי האָט צו אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— קום אַהער אַליעג, כ'האָב דיר געבראַכט אַ גוטן חבר, קום, װועסטו זיך מיט אים באַקענען...

דאָס יינגל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די פרוי איז געוואָרן אומרויק:

— וואָס איז געשען, איר קענט זיך? זי האָט דאָס געזאָגט מיט מוטער־לעכער זאָרג, ווי זיין אייגענע מאַמע טוט עס ווען זי פילט, אַז דוד'קע באַהאַלט פון איר עפּעס אַ ווייטיק. ער האָט פּלוצים דערפילט, אַז ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, אַז ער האָט אַ פריינד אינעם פיינטלעכן לאַגער. ער האָט זיך דערפילט שטאַרק און געזאָגט דרייסט:

— זיי האָבן מיך געשלאָגן...

— געשלאָגן?

— וואָס דען? זיי האָבן מיך געשלאָגן און געשטופּט

און געיאָגט פון דער ראָשטשע און גערופן נעמען: „זשידאָנאָק", „ביילים"...
ס'האָט ביי מיר פון דער נאָז בלוט גערינען. כ'האָב זיך מיין נייעם אַנצוג אויסגעשמירט, האָט דער פּאַפּאַ אויף שנעל אָפּגעוואַשן די פלעקן די מאַמע זאָל דאָס נישט זען. זי איז דאָך אַ פרוי.

נאַטאַליאַ וואַינאָוואַ איז געווען דערשטוינט. זי איז געוואָרן בלייך און זיך געביסן די ליפּן. די הענט האָבן ביי איר געציטערט.

— ס'איז אמת, ניקאָלאַי? — האָט זי שטרענג געפרעגט ביים עלטערן יינגל.

דער יינגל איז רויק געזעסן אויפן האַמאַק. ער האָט געקוקט אויף אַ זייט און געשוויגן.

ס'בלוט האָט צוגעפלאָסן צו זיין מוטערס פּנים.

— שטיי אויף ווען אַן עלטערער מענטש רעדט צו דיר! — האָט זי אויסגעשריגן מיט כמעט אַ מענלעכער שטימע.

דאָס יינגל האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון פּלאַץ.

— איז עס אמת — האָט זיין מוטער ווידער געפרעגט שטיל, אָבער מיטן כעס פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט שוין אַליין דעם ענטפער — קוק מיר גלייך אין די אויגן אַריין און זאָג מיר, איז דאָס אמת — צי נישט?

ניקאָלאַי וואַינאָוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט געקוקט מיט קאַלטע, גרינע אויגן גלייך אויף דער מוטער. אויף זיין פּנים האָט מען קיין שאָטן מורא, קיין שאָטן חרטה נישט געזען. ער האָט שוין אָפּגערעדט זיינס און האָלט נישט פון קיין איבעריקע ווערטער. ווען זיין מוטער וואָלט באַשטאַנען אויפן ענטפער נאָך און נאָך אַמאָל, וואָלט ער איר מסתמא, געזאָגט: „יאָ, כ'האָב אים געשלאָגן, נו איז וואָס? — איז דען דאָס פאַר דיר אַ נייעס?"

פאַר אים אַליין איז דאָס קיין נייעס נישט געווען. זיין פאָטער האָט אים געשלאָגן און ער האָט געשלאָגן יעדן איינעם, וואָס איז געווען שוואַכער פון אים און האָט נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן זיינע באַפעלן. און אַז אים איז שוין אַמאָל אויסגעקומען אַנצושטויסן זיך אויף אַ פויערישן יינגל, וועלכער איז געווען שטאַרקער פון אים, פלעגט ער פאַרבייסן די ליפּן און שווערן, אַז עס וועט קומען אַ טאָג פון נקמה, ווען ער וועט

באַצאָלן מיט צען קלעפּ פאַר יעדן קלאַפּ וואָס ער האָט באַקומען. ס'איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו צווייפלען אין דעם, אַז ער, ניקאָלאַי וואַינאָוו, געהערט צו דעם „אידעלן" מין מענטשן, וועלכע זענען באַרופן צו הערשן מיט געוואַלט, צו באַפעלן און שמייסן די נישט געהאָרכזאַמע. ס'איז אים אויך נישט איינגעפאַלן צו צווייפלען אין זיין פאָטערס באַהויפּ־טונג, אַז יידן געהערן צום נידעריקן סאָרט מענטשן, וועלכע זענען דאָ אויף דער וועלט נאָר אויף צו להכעיס די „אַנשטענדיקע" מענטשן; אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַלדאָס בייז אין דער וועלט. ער האָט פאַרערט דעם פאָטער וואָס איז געשטאָרבן יונג, און איז געווען שטאָלץ צו גיין אין זיינע פוס־טריט. ער איז געווען זיכער, אַז ער האַנדלט אַזוי, ווי זיין פאָטער וואָלט עס געוואָלט. דאָס יידל האָט זיך נישט געוואָלט אָפּטראָגן פון דער ראָשטשע, האָט ער אים אַרויסגעשטויסן פון דאָרטן מיט די פיס ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט הינטל — „זאָל ער זיך גיין צו ביילִיסן אין גאָרטן!"

זיין מוטער האָט אים גוט פאַרשטאַנען. זי איז מער נישט באַשטאַ־נען אויף אַן ענטפער. זי האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם שטראָם פון פיינטשאַפט צום אייגענעם זון, וואָס האָט פּלוצים אַרומגעכאַפּט איר האַרץ מיט אַ ווייטיק פון פאַרצווייפלונג. פאַר איר איז איצט געשטאַנען דער זון פון זיין טאַטן — אַ פינצטערער עקשן, בייז און איינגערעדט, וועלכער האָט זיך אַליין געגומען ס'רעכט צו טאַפּטשען מיט די פיס די אַרומיקע מענטשן און גלויבט, אַז דאָס קומט אים פון הימל. — נו גוט, וועט זי צו אים רעדן אויף דעם איינציקן לשון וואָס ער פאַרשטייט, אויף זיין טאַטנס לשון, זאָל ער אַליין פאַרזוכן דעם טעם פון אַ בייטש, זאָל ער!

מיט נישט קיין געווייַנלעכער ענערגיע פאַר אַ שוואַכער פרוי, און כמעט היסטערישער אַנטשלאָסנקייט, איז זי אַרײַן מיט פעסטע טריט אין הויז, צוריקגעקומען מיט אַ געפלאָכטענעם רייטער־רימען, האָט זיך אַוועק־געשטעלט ביים שוועל פון דער אָפענער ווערענדע און צוגערופן צו זיך דעם עלטערן יינגל!

— אַנו, קום אַהער ניקאָלאַי!...

דער יונג, אַ נאַקעטער ביזן גאַרטל, דערשטוינט ווי ער איז געווען, האָט נאָך אַ וויַיל וואַקלען זיך, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאָלגנדיק דער

מעכאַנישער געוווינהייט זיך אונטערצוואַרפן די באַפעלן פון אויבן, גע־נומען גיין לאַנגזאַם מיט דער שמאָלער סטעזשקע, אַלץ נענטער און נענטער צו דער בייטש אין דער מאַמעס האַנט.

דוד׳קע האָט אים נאָכגעפאָלגט מיט איבערגעשראָקענע אויגן. עס איז נישט געווען קיין מורא צוליב זיך אַליין. ס׳איז געווען אַ מורא צוליב דעם יינגל, צוליב זיין אומבאַשיצטן קערפּער, אויסגעשטעלט צו דער בייטש. די בייטש האָט נאָך דערוייל גערוט אין דער שוואַכער פרויען־האַנט, אָבער דוד׳קען האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט שוין ווי זי סוויש־טשעט אין דער לופטן, אַז ער זעט ווי זי שניידט זיך אַריין אינעם ווייכן אומבאַשיצטן לייב און לאָזט איבער רויטע פּאַסן; ער האָט שוין געפילט דעם ווייטיק, געהערט דעם געוויין... ער האָט עס נישט געקאָנט אויס־האַלטן. ער האָט זיך אַ יאָג געטאָן איבערן הויף, איבערן איידעלן גראָז, פאַרלאָפן דעם וועג דעם באַדריקטן ניקאָלאַי וואַינאָוו, זיך אַ וואָרף גע־טאָן אויף דער פרוי און זיך אָנגעכאַפּט אין דער ציטערנדיקער בייטש:

— טוט עס נישט טיאָטיענקאַ, טוט עס נישט! — האָט ער זיך ביי איר געבעטן מיט אַ וויינענדיקער שטימע — כ׳בעט אייך, טוט עס נישט!...

ביי דער פרוי האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוועפּט דער כעס. זי האָט זיך פּלוצים דערפילט שוואַך און אומבאַהאָלפן. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך און מיט דער בייטש. די בייטש האָט איצט געציטערט נאָך מער ווי פריער. דוד׳קע האָט זיך דערפילט שטאַרק און גרויס. ער האָט זיך אויסגעצויגן און געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ דערוואַקסענעם וואָס טאַדלט אַ קינד:

טוט עס נישט, טיאָטענקאַ, ס׳איז נישט שיין צו טאָן אַזאַ זאַך. מיין פּאַפּאַ זאָגט, אַז ס׳איז אַ מיאוסע זאַך צו שלאָגן אַ קינד...

די פרוי האָט אַרויסגעלאָזט די בייטש פון האַנט, פאַרדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און איז אַריינגעלאָפן אין הויז.

אירע קינדער זענען אַריינגעלאָפן אין הויז נאָך איר.

דוד׳קע איז אַליין געבליבן אין הויף. ער האָט זיך געפילט פאַרלוירן. ער וואָלט געוואָלט טרייסטן די פרוי, זאָגן איר עפּעס גוטעס און נישט גע־וואַגט אַריינצוגיין אין אַ פרעמד הויז אַריין, — געוואָלט גיין צוריק

אין ראַשטשע, אָבער באַלד דערזען, אַז דער בייזער הונט פאָלגט נאָך זיין יעדע באַוועגונג און איז אפשר גרייט זיך וואַרפן אויף אים אַזוי שנעל, ווי ער וועט זיך רירן פון אָרט. ער האָט געהאַט מורא פאַרן הונט, איז ער אַרויף אויף דער וועראַנדע און געבליבן דאָרטן שטיין באַהערשט מיט וואַקסנדיקן אומרו.

דאַן האָט ער פלוצים דערהערט טריט פון דער פרוי הינטער זיך, ער האָט זיך מיט איר דערפרייט און אַריינגעקוקט איר אין די אויגן. די אויגן זענען ביי איר געווען רויטלעך, אָבער ווייך ווי זיי זענען געווען פריער אינעם גאָרטן־שטיבל. זי האָט גענומען זיין האַנט און האָט צו אים געזאָגט ווי צו אַ דערוואַקסענעם:

— קומט, דאַוויד אַראָנאָוויטש, כ׳וועל אייך באַגלייטן אַהיים.

זי האָט אים צוגעפירט כמעט ביזן הויף, האָט זיך אָנגעבויגן און אַוועקגעלייגט איר איידעלע האַנט אויף זיין קאָפּ:

— נו, גיי אַהיים, כלאָפּטשיק, גיב איבער דיין טאַטן און מאַמען, אַז נאַטאַליאַ וואַסילעוונאַ, פאַרנייגט זיך פאַר זיי מיט דרך ארץ...

* * *

אַהיים איז דוד׳קע געקומען אין צייט. מען האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן אים זוכן. ווען אהרן האָט אים דערזען אַ גאַנצן, אַ רויקן, ווי ער וואָלט ערגעץ ווו דערליידיקט נאָר־וואָס עפּעס אַ וויכטיקן ענין, האָט ער אָנגעוויזן דער מאַמען אויף דודקען:

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?!

6

דער סוף פון אַ בלוט-בלבול

— נישט שולדיק!.. ביילים איז אומשולדיק!... סאַמע לעצטע נייעס פון געריכט!... ביילים איז באַפרייט!...

אַרטשיק פיין האָט עס אויסגעשריגן אויף אַ גאָר אַנדערן אופן, ווי ער פלעגט דאָס טאָן מיט די אַנדערע נייעס פון די צייטונגען, וועלכע ער האָט פאַרקויפט ביים טאַטנס קיאָסק. וואָרים, איצט האָט עס זיך

געהאַנדלט אין אַ נייעס, אין וועלכער ער אַליין איז געווען שטאַרק פֿאַר־אינטערעסירט. איצט איז אים דער ענין פֿאַרקויפֿן, האַנדלען, פּשוט נישט געלעגן אין זינען. ער האָט וועגן דעם איצט נישט געדאַרפֿט טראַכטן. מענטשן האָבן זיך אַליין געיאָגט נאָך די צייטונגען; זיי האָבן זיך גע־שטופּט אַרום קיאָסק, געשטופּט די קליינע מטבעות איינער איבערן קאָפּ פֿון אַנדערן, געכאַפּט די פֿרישע בלעטער און גענומען אויפֿן אָרט לייע־נען נישט געקוקט אויפֿן רעגן, וואָס האָט געגאָסן שוין זינט עטלעכע טעג און באַדעקט די מלינער גאַסן מיט גרויסע קאַליוזשעס און טיפֿע־בלאָטע.

נייִן, אַרטשיק האָט נישט געדאַרפֿט זיך באַמיען צו פֿאַרקויפֿן די צייַ־טונגען אין דעם רעגנדיקן, סוף־אָקטאָבער־טאָג פֿון יאָר 1913. די פֿרייד מיט דער גליקלעכער בשורה האָט אַליין, פֿון זיך אַליין, אַרויסגעשריגן פֿון אים מיט זיין קינדישער קלינגענדיקער שטימע:

— ביילים איז אומשולדיק!... ביילים איז באַפֿרייט!...

סך הכל איז אַרטשיק געווען אַ יינגל פֿון אַ יאָר צען, אָבער ער האָט געהערט צו דעם סאָרט קינדער, וואָס קומען צו הילף די עלטערן, דוכט זיך, אַזוי גיך ווי זיי קריכן אַרויס פֿונעם וויגעלע. דער געפֿיל פֿון אחריות, וואָס קומט צו זיי צוזאַמען מיטן טיילן די אחריות פֿאַר דעם קיום פֿון דער משפּחה, אַפּטמאָל מיט שווערער פּראַצע פֿון אַ ברויט־גע־בער, פֿאַרשנעלערט דעם גאַנג פֿון זייער רייף־ווערן. דער דאָזיקער גע־פֿיל פֿון אחריות, האָט צוגעגעבן אַרטשיקס קינדישער נשמה דעם שכל פֿון אַ דערוואַקסענעם מענטשן. דער קליינוווּקסיקער, זשוואַווער צייטונגס־פֿאַרקויפֿער, האָט פֿאַרשטאַנען דעם פֿולן זין פֿון דער נייעס — „דער בלוט־בלבול האָט געפּלאַצט" — און כאָטש זיין שטימע האָט נישט גע־קאָנט דערגרייכן פֿיל ווייטער ווי ביז דער צווייטער זייט פֿון דער צענ־טראַלער גאַס, האָט זיך, פֿונדעסטוועגן, אויסגעדוכט, אַז זיינע אויסרופֿן צעהילכן זיך איבער דער גאַנצער שטאָט און דערגרייכן ביז אירע סאַמע פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלעך:

— ביילים איז אומשולדיק! ביילים איז באַפֿרייט!...

* * *

צו נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ וואָינאָוואַ האָט די בייעס געבראַכט פון גאַס, איר יונגערער זון, אָליעק, וועלכער האָט זיך שטאַרק דערנענטערט צו דער מאַמען נאָך זיין צווייטער באַגעגעניש מיט דודקען.

די מאַמע האָט אַרומגענומען דעם יינגל, האָט אים צו זיך שטאַרק צוגעטוליעט און אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, ווי זי וואָלט דערזען די האַנט פון גאָט אין דעם גערעכטן דין.

אַ שווערע לאַסט איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון איר נשמה. צוזאַמען מיט אַ גרויסן טייל פון די געבילדעטע רוסישע מענטשן, האָט זי זיך געשעמט מיטן בלוט־בלבול — מיט דעם, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר אַ באַרבאַרישער באַשולדיקונג קעגן אַן אויפגעקלערטן פאָלק. אין איר באַציונג צו די יידן איז אָבער געווען אַ גרויסע מאָס פון איר באַציונג צו אהרן לעסניקן, וועלכן זי האָט אויפריכטיק באַוווּנדערט אַלס אַ מענטשן. דער ייד בכלל און אהרן לעסניק, בפרט, האָבן זיך ענג פאַרבונדן אין איר באַוווּסטזיין, אַז יעדעס מאָל וואָס זי האָט געלייענט און געטראַכט וועגן ביילּיסן, האָט זי זיך אים פאָרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פון אהרן לעסניק. אָבער דאָס איז נישט געווען דער געזונטער, האָפערדיקער, ענערגישער מענטש, נאָר אַ פאַרמאַטערטער, אַ מאַרטירער אַ פאַראומעטער ייד, מיט טענות צו איר אין די טרויעריקע אויגן, און מיט אַרעסטאַנטסקע קליידער אויף זיין גוף.

איצט איז דער מאַרטירער געווען ריינגעוואַשן פון אַ בלבול, באַפרייט פון זיין שטיינערנער געפאַנגענשאַפט, און ווייל זי איז געווען איינזאַם, ווייל זי האָט זיך מיט קיינעם נישט געטיילט מיט איר בענקשאַפט נאָך אמת און יושר, האָט זי זיך איצט געטיילט מיט איר גאָט, וועלכער, ווי זי האָט עס אויפריכטיק געגלויבט, האָט אַליין געזען און געהאַט זיין האַנט אין אַלץ, וואָס איז גוט אויף דער וועלט.

* * *

דער רייכער רוסישער קרעמער, גריגאָרי פּיסמעני, אַ געלאַסענער

קליינוווקסיקער זקן, וועלכער האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם, גערעדט לאַנגזאַם און געטראַכט לאַנגזאַם, אפילו ווען ער איז געווען אויפגערודערט און אויפגעבראַכט — איילעניש דאַרף מען נאָר אויף צו כאַפּן פליי, פלעגט ער זאָגן, דער מיושבדיקער פּיסמעני — האָט זיך דערוווסט וועגן דער נייעס פון אַרטשיקן. ער האָט געקויפט די צייטונג „קיעווסקאַיאַ מיסל", אָנגעזאָגט די „פּריקאַשטשיקעס" פון זיין גרויסן באַקאַליי־קלייט, אַז ער וועט זיין צוריק נאָך מיטאָג און איז אַוועק פאַוואָלע אַהיים.

אינדערהיים האָט ער זיך געלאָזט דערלאַנגען אַ גלעזל טיי, אָבער ער האָט נישט אָנגערירט דאָס גלאָז און געלייענט די צייטונג ביז די טיי איז געווען אינגאַנצן קאַלט.

זיין פרוי, אַ הויכע, פעטע קופּטשיכע, מיט אַ טעמפּן גלאַנצנדיקן פּנים, האָט קיינמאָל נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך אין זיין קאָפּ. זי האָט אָבער גוט געקענט זיינע געוווינהייטן, האָט זי זיך געחידושט: וואָס איז מיט אים געשען? פאַרוואָס איז ער פּלוצים אַהיימגעקומען? פאַרוואָס טרינקט ער נישט די טיי? וואָס שעפּטשעט ער דאָרטן אונטערן נאָז?

באַאומרויקט פון זיין מאָדנער אויפפירונג האָט זי אים געפרעגט:

— וואָס לייענט איר דאָרטן, גריגאָרי פּאַלעטש? ס'איז שוין ווידעראַמאָל דער ייד, ווי הייסט ער דאָרטן — זיין נאָמען נישט צו דערמאָנען — וועלכער האָט דעם קריסטלעכן יינגל, דעם מלאכל, די הייליקע נשמה דערשטאָכן?

איר מאַן האָט אויף איר אַ קוק געטאָן אַזוי, אַז זי איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן און געבליבן זיצן ביים טיש מיט אַן אָפענעם מויל.

— וואָס באַלעבסטו דאָרטן, נאַרישע באַבע וואָס דו ביזט! אַ מאַרטירער איז ביילים, נישט קיין מערדער, צוויי יאָר האָט מען דעם מענטשן געמאַטערט, געפּייניקט, אַן אומשולדיקע נשמה, און די — דערשטאָכן... פאַרשטיין דאַרף מען. אויף דעם האָט דיר דער אויבערשטער דעם קאָפּ געגעבן, נישט אויף האָדעווען לייז... ווי דאָס ווערטל זאָגט: ווען גאָט וויל באַשטראָפן עמעצן נעמט ער ביי אים צו דעם שכל... גאָט האָט אונדז

צוגעשיקט אַ רעגירונג מיט אַ באַבסקן שכל... טפו, גאָט זאָל מיר מוחל זיין!...

* * *

דער קאָלבאַסניק הוזער — אַ שטאַרקער, פעטער מאַן, אַ כעסן, מיט גראָבע פינגער אויף די קורצע הענט, מיט אַן אומנאַטירלעך דינער שטימע, האָט געלייענט נאָר דאָס קעפּל פון זיין צייטונג און האָט זי באַלד אַריינגעוואָרפן אין דעם מיסט־קעסטל. ער האָט בכלל, זייער זעלטן געלייענט מער ווי די קעפּלעך אין אַ צייטונג. לייענען איז פאַר אים געווען אַ שווערע אַרבעט. ער איז געווען כמעט אַן אַנאַלפאַבעט, וואָס האָט קיין זאַך זיך נישט גענומען צו שטאַרק צום האַרצן.

קיין אָרעמאַן איז ער נישט געווען. קיין פיינד פון בילדונג — אויך נישט. דעם עלטערן זון — לעאָניד — האָט ער אפילו געלאָזט זיך לערנען אין דער מלינער גימנאַזיע און ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין זונס פיינער אוניפאָרם. אָבער דעם יונגערן זון, פעטריקן, האָט ער געלאָזט צורו. צו פיל געלערנטע מענטשן אין איין משפחה האָבן נישט געטויגט. אַזוי ווי צופיל געלערנטקייט האָט נישט געטויגט פאַר איין מענטשן. ווי ער האָט די זאַך, געזען, האָט זיך אַ מענטש געקאָנט אַן עצה געבן אָן די „פאַרפירערישע חכמות" פון געלערנטע מענטשן.

מיט דער גייעס פון בייליסעס באַפרייונג איז ער נישט געווען צו־פרידן און ער האָט אפילו די קעפּלעך נישט געוואָלט איבערלייענען ביזן סוף. ער האָט אַרויסגעוואָרפן די צייטונג אין מיסט־קאַסטן און דערפילט אַ פאַרלאַנג זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן.

די קאָלבאַסניע איז געווען כמעט פּוסט. נאָר אַ גאָראָדאָוואָי האָט זיך אַהער אַריינגעכאַפּט, כדי זיך אויסבאַהאַלטן פונעם רעגן און אַריינ־כאַפּן אַ טרונק אומזיסטע טיי מיט וווּרשט. ער איז געזעסן ביים טיש פאַרטאָן אין דער אכילה.

דער קאָלבאַסניק הוזער האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— זיי האָבן שוין ווידעראַמאָל אַרויסגעראַטעוועט אַן אייגענעם — די בלוט זויגערס. גיב נאָר אַ קוק וויפל אַדוואָקאַטן זיי האָבן אָנגע־שטעלט. שווערע טויזנטער האָבן זיי אַוועקגעלייגט, טויזנטער זאָג איך

דיר... די גאַנצע וועלט קויפן זיי אָפּ. אַ צייטונג קאָן מען אין דער האַנט נישט נעמען. ווער ס'איז נישט קיין ייד, האָט ער זיך פאַרקויפט צו די יידן. איינעם רופט מען ביילים, דעם צווייטן גרוזענבערג און דעם דריטן קאַראַלענקאָ — וואָס איז דער אונטערשייד צווישן זיי — אַלע זענען זיי יידן, אָדער יידישע פריכוואָסטניעס — נאָך אַ ביסל צייט וועט אַן אַנ־שטענדיקער קריסט אויף דער גאַס זיך נישט קאָנען באַווייזן.

דער גאָראָדאָוואָי האָט זיך ביי די דאָזיקע ווערטער אויפגעשטעלט. ער האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען זיין טיי און אָפּגעגעסן די ווורשט. ער האָט זיך אַרומגעלעקט און אָפּגעווישט מיטן פינגער די וואָנצעס, זיך איבערגעציילעמט, אויסגעגליכן אויף זיך די שווערד און געזאָגט מיט אַ באַסאָווער שטימע:

— נו, עטאָ טי בראַט בריעשעש! (דאָ ברודערקע בראַקסטו שויז ליגנס.)

ער האָט פאַרשפיליעט זיין שינעל אויף אַלע קנעפּ, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם צעטומלטן הוזער מיט כיטרע אויגן פון אַ ציניקער, וואָס זעט יענעם דורך און דורך, און האָט צוגעגעבן:

— פונדעסטוועגן, אויב דו ווערסט טאַקע מורא האָבן זיך צו באַ־ווייזן אין גאַס, רוף מיך, וועל איך דיך באַגלייטן, אָבער, זיי אַזוי גוט, לאָז איבער אין דער קאָלבאַסניע דאָס מעסער, וואָס דו האַלטסט דאָרטן אין דער האַנט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט אַ ווונק געטאָן צום דערשטוינטן קאָלבאַסניק:

— מיטן מעסער דאַרפסטו מיך האָבן, ווי דער טייוול אַ מאַמקע...

* * *

אין נאָוואָגרודאָווס מיל וואָלט מען נישט געקאָנט הערן אַרטשיקט אויסרופן, אפילו ווען ער וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט אין טויער און זיך אויסגעשריגן די לונגען. די מיל איז געווען נאָך טומלדיקער ווי אַלע אַנדערע שטאָטישע מילן, טומלדיקער און גרעסער. כאָטש די שטאָט האָט דווקא געקראָגן דעם נאָמען מלינא

נישט פון איר, נאָר פון די קליינע ווינט־מילן. זיי זענען דאָרט געווען פון דעם סאַמע בראשית. פיל פון זיין זענען שוין געווען פאַרמאַכט, איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. זיי זענען געשטאַנען ביים ראַנד פון שטאָט אין אָנזיכט פון אָפענע פעלדער מיט אומבאַהאָל־פענע, צעקנאַקטע פליגל, ווי גיגאַנטישע סטראַשידלעס אויף צו שרעקן די קראָען, און צומאָל אפילו אַבערגלויביקע מענטשן. זיי האָבן צוביס־לעך אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ, צוערש די גרעסערע ווינט־מילן און, צום סוף, צו די מעכאַנישע, וואַלצאָווע מילן צווישן וועלכע נאָוואָגרודאָווס איז געווען די גרעסטע. ס'איז געווען אַ גרויסע מעל־פאַבריק מיט צוויי ציגעלנע 3־שטאָקיקע הויפּט געביידעס, מיט אַ הויכן ציגלנעם פאַבריק־קוימען און אַ גרויסער הויף, וועלכער איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ גאָר הויכן פּאַרקאַן. ווען די מיל איז געווען אין גאַנג, האָט געציטערט די ערד נישט נאָר אין הויף, נאָר אויך ווייט אַרום דער מיל. דער טומל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די וויברירנדיקע געביידעס, האָט באַטויבט די מענטשן. די מענטשן האָבן דאָ נישט גערעדט, זיי האָבן געשוויגן, אָדער געשריגן, אָדער גאָר געפּייפט.

אין דעם רעגנדיקן סוף־אָקטאָבער־טאָג פון יאָר 1913, האָבן זיך די רעדער פון נאָוואָגרודאָווס מיל געדרייט אין פולן גאַנג. אינעם הויף אונטער אַ גרויסן „באַוויעס“, וואָס האָט באַשיצט דאָס מעל פון רעגן, האָבן געאַרבעט עטלעכע בינדיוזשניקעס. זיי האָבן געבראַכט אַהער די זעק מעל פון די מיל־געביידעס. אָנגעטאָן זענען זיי געווען אין פּשוטע לייוונט־קליידער און געטראָגן האָבן זיי אויף זיך יעדער אַ גראָבן זאַק איבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ און רוקן. זייערע פּנימער, באַזונ־דערס די ברעמען און די בערד, זענען געווען באַשאָטן מיט מעל, וואָס האָט זיי געמאַכט אויסזען פיל עלטער ווי זיי זענען געווען. אייניקע פון זיי זענען טאַקע נישט געווען צו יונג. מייער באַסקאַ איז שוין אפילו געווען איבער פופציק יאָר אַלט. דער רוקן ביי אים איז געווען שטאַרק געבויגן און דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אויף אַ זייט, ווי דער זאַק מעל, וואָס ער האָט שוין געטראָגן אַזוי פיל יאָרן, וואָלט געלעגן אויף זיין רוקן אפילו דאַן, ווען ער האָט גערוט. אָבער ער איז נישט

אָפּגעשטאַנען פון די יונגע ביי דער אַרבעט, נישט מער, וואָס ער האָט געאָטעמט שווערער און זיך געווישט דעם שווייס פון פּנים אָפטער.

ער איז געווען דער ערשטער צו באַמערקן מאָניע וואָלאָוויטשן — אַ מיל־אָנגעשטעלטן — מיט דער צייטונג אין דער האַנט. מאָניע, אַ הויכער, דאַרער מיטל־יאָריקער מאַן מיט אַ לאַנגן האַלדז און שטאַרק־קורצזיכטיקע אויגן, איז אַריין הינטער דעם זאַוויעס מיטן נאָז אין דער צייטונג. ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ זעקל מעל און וואָלט זיך אויסגעצויגן אויפן האַרטן דיל, ווען דער אַלטער הערש נאָסקע וואָלט אים נישט פאַרהאַלטן מיט זיין שטאַרקער האַנט. מאָניע איז נישט געפאַלן, ער האָט אָבער פאַרלוירן זיינע ברילן און איז איצט געשטאַנען צווישן די בינדיוזשניקעס מיט דער צייטונג אין האַנט און מיט טרערן אין די קורצזיכטיקע אויגן.

דער אַלטער מייער נאָסקא האָט באַלד דערפילט, אַז מאָניע האָט געלייענט עפּעס גאָר וויכטיקעס פון דער צייטונג. ער האָט אים דער־לאַנגט די ברילן און אויסגעשריגן, כמעט אין אויער:

— וואָס שרייבט די גאַזעטע!?!

— נישט שולדיק! ביילּיס איז נישט שולדיק...

— וואַ־אַ־אָס?!

מאָניע האָט באַוויזן די צייטונג.

דער אַלטער בינדיוזשניק האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין די גרויסע אותיות, געלייענט וואָרט נאָך וואָרט, זאַץ נאָך זאַץ, זיך באַמיט צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון די ווערטער און די זאַצן, ביז אַלץ איז מיטאַמאָל געוואָרן קלאָר פאַר אים און ער האָט אויסגעשריגן:

— נישט שולדיק! — איר הערט עס, חברה — נישט שולדיק, אַ כאָלעריע זאָל זיי אַלעמען נעמען!... איצט וועלן די ימח־שמו'ניקעס פון דער שוואַרץ־מאה אַ כפרה איינגעמען!... אַ ביסל יידיש בלוט האָבן זיי געמוזט צאַפּן, אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין!... זאָלן זיי זיך איצט בייסן די עלענבויגנס... די עלענבויגנס זאָלן זיי זיך איצט בייסן!...

זיין צוואַנציק־יאָריקער זון, דער פריילעכער יאַנקל מיט קוטשע־

ראווע בלאַנדע האָר, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם זאַק אויף דער ערד פון גרויס התלהבות. ער האָט געפרוווט דערלאַנגען ביזן מויל מיטן עלענבויגן, נישט דערפאָרן אַ פּערטל וועג און האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול.

דער טאַטע האָט זיך אויף אים צעבייזערט:

— וואָס האָסטו זיך צעהירזשעט, זונעניו, דער נאַר שטופט דיך ?...

זיין עלטערער זון גדליה, אַ ברייט־פּלייציקער, באַבערדלטער יונגערמאַן האָט אַ ווונק געטאָן צו דער חברה און געזאָגט צום טאַטן:

— און וואָס זאָל ער טאָן, וויינען ?

אַלע בינדיוזשניקעס האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. דער אַלטער הערש גאָסקאָ האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן, אָבער ער האָט אויך נישט געקאָנט זיך צוריקהאַלטן פון דעם האַרציקן געלעכטער, וואָס האָט זיך באַלד אויפגעלייזט אינעם טומל פון דער גרויסער מעל־פאַבריק.

* * *

דער דירעקטאָר פון דער מלינער גימנאַזיע — וויאַטשעסלאַוו ראָמאַנאָוויטש גאָרבאַטאָוו — איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן אָפּגערונדעווע־טער מענטש. זיין ברייט, שיינענדיק פּנים, זיין קאָפּ מיט אַ גרויסן פּליך, איז געווען אָפּגערונדעוועט אַזוי ווי זיין קערפּער. זיינע מאַניערן און דער אופן פון זיין רעדן — די גאַנצע וועלט אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעלעבט, איז געווען גוט אָפּגערונדעוועט. יעדע איינע זאַך אין דער דאָזיקער וועלט האָט געהאַט איר פּלאַץ, באַשטימט פאַר איר דורך דער אויבערשטער מאַכט, הימלישער אָדער ערדישער. ווי ער האָט די זאַך געזען, איז פאַר בייליסן אויך געווען באַשטימט פון אויבן אַ געוויסער פּלאַץ, אַלס אַ מיטל אויפצוהייבן די מאָראַל פון די רוסישע מענטשן. ער האָט דערוואַרט, אַז בייליס אַליין וועט סוף־כל־סוף, זיך מודה זיין אין אַ ריטואַל־מאָרד, ווי דאָס פאָדערט פון אים די אויבערשטע מאַכט, די ערדישע — פאַרשטייט זיך. צו זיין איבעראַשונג האָט אָבער בייליס זיך נישט געלאָזט בייגן. זיין פּראָצעס האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע

פון אויפרעגונג און פּראָטעסטן איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס האָט נישט געוואָלט זיך לאָזן פירן צוריק צום מיטלאַלטער. די אָפּגערונדעוועטע וועלט פון וויאַטשעסלאַוו ראָמאַנאָוויטש גאָרבאַטאָוו האָט זיך אויסגעקרימט און פאַרלוירן איר פאָרויסבאַשטימטע „קאָנפיגוראַציעס", ווי דער דירעקטאָר אַליין וואָלט עס באַצייכנט. עס איז געווען אַ בונט, אַ פאַרשווערונג קעגן דער מאַכט און ער האָט דערפילט אַ פאַרלאַנג אָפּצושטעלן דעם בונט מינדעסטנס אינעם אייגענעם גאָרטן, אין זיין גימנאַזיע.

ער האָט צוזאַמענגענומען אַלע לערער און גימנאַזיסטן אינעם פאַרזאַמלונג־זאַל, צו לאָזן הערן איינע פון זיינע דערהויבענע, אָפּגערונדעוועטע דרשות.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן, ווי געוויינלעך, מיט אַ גאָטעסדינסט, פון וועלכער די יידישע גימנאַזיסטן זענען געווען באַפרייט. זיי זענען געשטאַנען אין אַ לאַנגן קאָרידאָר, וואָס האָט אויסגעזען דאָס מאָל נאָך לענגער און רוימיקער ווי געוויינלעך, ווייל עס זענען דאָ איצט געווען זיכער ווייניק גימנאַזיסטן.

עטלעכע עלטערע יידישע גימנאַזיסטן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם זיבעצן־יאָריקן העסיאַ גאָטליב, וועלכער איז געווען זייער ענלעך אויף זיין טאַטן — משה גאָטליב — און אפילו געהאַט זיין סקעפּטישן שמייכל אין די אויגן. העסיאַ האָט דערציילט וויצן און זיינע צוהערער האָבן געהאַלטן די מיילער פאַרמאַכט מיט די הענט, כדי פאַרשטיקן דעם געלעכטער. לעוו סלוצקי, אַן אַכצן יאָריקער, הויכער יונג מיט אַ פּאָר גרויסע הענט פון אַן אַרבעטער, האָט עס נישט געדאַרפט טאָן. ער האָט געקאָנט זיך גוט קאָנטראָלירן. ער האָט געשמייכלט און נאָר פון צייט צו צייט גענוצט אַ האַנט, כדי אַ קראַצן צו טאָן די נאָז, אָדער זיך א רייב טאָן דעם שטערן. ער איז געווען אַ זון פון אַ דאָרפישן יידן, האָט געהאַט מאַניערן פון אַ מיושבדיקן פויער, איז געווען זייער אָפנהאַרציק מיט מענטשן, האָט נישט געהאַט קיין מורא צו זאָגן מענטשן דעם אמת גלייך אין די אויגן, און האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט „שפייען אין דער קאַשע", ווי ער פלעגט אָפטמאָל זאָגן. געוווינט האָט ער אין

שטאָט ביי זיין פעטער וואָלף מאַרקאָוויטש גראַדין — און כאָטש זיין פעטער איז געווען גאָר אַן אַנדערער מין מענטש; כאָטש ער האָט געפּרוווט „אָפּשלייפן" דאָס דאָרפס־יינגל אין משך פון גאַנצע אַכט יאָר, איז דאָס אים נישט געלונגען. לייבל איז אויסגעוואַקסן, געקראָגן זיין בילדונג, געביטן דעם אופן פון זיך אָנטאָן, פון זיצן ביים טיש ביים עסן, אָבער ער איז געבליבן דער זעלבער לייבל...

ווו כאַפּט מען די געפילטע פיש? — האָט ביי אים געפרעגט העסיאַ גאָטליב — ווען ער האָט פאַרענדיקט רייבן זיין שטערן נאָך אַ פריערדיקן וויץ.

— דאָס ווייס איך, ביי פורישקעוויטשן אין קעשענע — האָט לייבל געענטפערט מיט אַ שמייכל. לאָמיר הערן עפּעס אַ פרישערן וויץ.

עס איז שוין אָבער פאַר דעם נישט געווען קיין צייט. די טיר פונעם פאַרזאַמלונגס־זאַל האָט זיך געעפנט, אַריינצולאָזן די יידישע גימנאַזיסטן. זיי זענען אַלע אַריין אין זאַל און האָבן זיך אָוועקגעשטעלט נאָענט צו דער טיר.

דער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע איז באַלד אַרויף אויף דער בינע. ער האָט אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט אַ ווייס טיכל, זיך אויסגעהוסט און אָנגעהויבן זיין פיין אָפּגערונדעוועטע רעדע, צו וועלכער ס'האָט זיך קיינער פון אָנפאַנג נישט צוגעהערט. ווען ער האָט אָבער דערמאָנט דעם נאָמען, בייליס, האָבן אַלע יידישע שילער אָנגעשפּיצט די אויערן. עס איז זיי אין אָנהויב שווער געווען צו פאַרשטיין וואָס ער וויל זאָגן, ווייל ער אַליין האָט נישט געקאָנט געפינען קיין פאַסיקע אָפּגערונדעוועטע פראַזן פאַר דער געלעגנהייט. ענדלעך איז ער אָבער אַרויף אויף אַ וועג:

— מיט אַנדערע ווערטער: די הויפּט פראַגע, וועלכע איז געשטאַנען פאַרן געריכט איז נישט געלייזט געוואָרן, בייליס איז באַפרייט געוואָרן, דאָס איז אמת. די פאַרטיידיקונג, די בעסערע אַדוואָקאַטן, האָבן געוווּנען אַן אַרגומענט אין געריכט. אָבער די פראַגע אַליין וועגן ריטואַלן מאָרד ביי די יידן שטייט נאָך אַלץ, און דער פאַקט אַליין איז דער בעסטער באַווייז פאַרן אמת פון אונדזער גלויבן און

פ. גאָרעליק

אַ וואָרנונג פאַר דער קריסטלעכער וועלט...

דער איינפאַל איז אים אַליין זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט עס נאָך אַמאָל באַטאָנט:

— איך שטרייך דאָס אונטער: די פראַגע אַליין וועגן ריטואַל־מאָרד ביי די יידן שטייט נאָך אַלץ...

די פראַזע האָט ער נישט פאַרענדיקט. לעוו סלוצקי האָט אים איבער־געשלאָגן אינמיטן די רייד:

— עס איז נישט אמת — האָט ער אויסגעברומט מיט זיין באַסאָ־ווער שטימע. עס איז נישטאָ קיין שום ריטואַל־מאָרד ביי די יידן און קיין שום אַזאַ פראַגע. עס איז אַ באָבע־מעשה, צוגעטראַכט פון אַ קראַנקער, בלוט־דורשטיקער פאַנטאַזיע...

דער דירעקטאָר גאָרבאַטאָוו איז געוואָרן דערשטוינט:

— וואָס?!

— עס איז אַ בייזוויליקער בלבול! — האָט דער גרויס־געוואַקסע־נער לעוו סלוצקי, וועלכער האָט זיך געהויבן איבער די קעפּ פון אַלע גימנאַזיסטן, געענטפערט, גאָר הויך אויפן קול, אָבער זייער רויק.

די קעפּ פון אַלע גימנאַזיסטן האָבן זיך אויסגעדרייט צו אים. מען האָט אויף אים געקוקט מיט אָפענער באַוווּנדערונג, פאַר זיין דרייסט־קייט. נאָר אַ קליינע צאָל שילער האָבן אויף אים געוואָרפן שאַרפע בליקן פון נישט קיין באַהאַלטענער שנאה. גאָרבאַטאָוו אַליין האָט גע־עפנט דאָס מויל צו מאַכן אַן אויסוועג פאַר זיין כעס, אָבער ער האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט. ער איז געוואָרן אַ געשליפענער מענטש. ער האָט זיך געקאָנט געבן אַן עצה אין אַזאַ סיטואַציע. ער האָט פאַר־קרימט זיין פּנים אין אַ געמאַכטן איראָנישן שמייכל און שליסלעך, נאָך אַ ווייל אָנגעשטרענגטן שווייגן, געזאָגט:

— זייער פיין. איך זע, אַז פאַר אייך, אַלס פאַר איינעם, וועלכער געהערט צו אַן אויסדערווילטן פאָלק, זענען די געזעצן נישט גע־שריבן. אָבער אַזוי ווי איך בין דאָ פאַרט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג, וועט איר שוין מוזן מיר צוליב טאָן און גלייך פאַרלאָזן

דעם דאָזיקן זאַל, און אויך דעם דאָזיקן טעמפּל פון וויסן, אָבער באַלד...

לעוו סלוצקי איז געוואָרן בלייך, אָבער ער האָט אַ שמייכל געטאָן און דויק געענטפערט:

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן!...

ער האָט זיך אויסגעדרייט אויפן פּלאַץ און איז אַרויס פון זאַל מיט אַ הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ.

אַ מינוט איז אין זאַל געווען שטיל און אומהיימלעך. העסיאַ גאָט־ליב איז אויך געשטאַנען אַ ווייל אין אומאַנטשלאָסנקייט. ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דעם דירעקטאָר. ער האָט געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף זיין אָפּגערונדעוועטן פּנים, אויף וועלכן ס'האָט געגלאַנצט דער זעלבסטצופרידענער שמייכל פון אַ מענטשן ביי דער מאַכט: וואָס פאַר אַ גליטשיקער מענטשל איז ער, אַ וואָרעם, אַן אמתער וואָרעם. עס איז אַ שאַנד זיך צו ביקן פאַר אַזאַ איינעם. זיי אַזוי איז אים, העסיען, נישט איינגעפאַלן צו טאָן דאָס זעלבע וואָס ליאָווע האָט געטאָן. אָבער מ'קען עס נאָך איצט טאָן: — אַרויס פון דאַנען און זאָל דער וואָרעם פּלאַצן פון כעס!

העסיאַ גאָטליב האָט זיך אַ שטופּ געטאָן צו דער טיר און איז שווייגנדיק אויך אַרויס פונעם זאַל.

— און מיר — האָט סאַשאַ לעסניק געזאָגט צו די איבעריקע יידישע גימנאַזיסטן, געענוג הויך פאַר דעם געפּלעפּטן דירעקטאָר גאָרבאַטאָוו — מירן בלייבן דאָ שטיין, ביייוווינען דעם מיאוסן ספּעקטאַקל? — אַרויס פון דאַנען, אַלע ווי איין מענטש — אַרויס פון דאַנען!

אין זאַל איז געוואָרן נאָך שטילער ווי פריער. אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט צו דער טיר, דורך וועלכער עס האָבן מאַרשירט אַרויס פון זאַל די יידישע גימנאַזיסטן — גרויס און קליין.

גאָרבאַטאָוו האָט נאָכגעפאָלגט דער פּראָצעסיע מיט אומרויקע אויגן, אין וועלכע ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זיין שטימונג פון צווייפל און פאַרדרוס פון דער אייגענער אומגעלומפּערטקייט. ער איז איצט נישט געווען זיכער אין זיך, אין דער אייגענער חכמה און אין דער מאַכט, וואָס ער האָט געהאַט אין די הענט. איינעם האָט ער געקאָנט אַרויס־

וואָרפן פון דער גימנאַזיע, אָבער אַלע יידישע גימנאַזיסטן? — ס'האָט געשמעקט מיט אַ סקאַנדאַל, און פאַר אַ סקאַנדאַל האָט ער געהאַט מורא. ער האָט צעפירט אומבאַהאָלפן מיט די הענט און אַוועקגעשיקט אַלע גימנאַזיסטן פון זאַל:

— כ'בעט אייך, גייט אין אייערע קלאַס־צימערן.

ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך אַליין אַוועקגעשטעלט אין אַ לאַגע פון וועלכער ער האָט נישט געהאַט קיין אָפּגערונדעוועטן אויסוועג.

7
דער חנוכת־הבית

ס'איז געווען אָנפאַנג יוני 1914, ווען עס האָט זיך שוין געהאַט צעהילכט איבער דער גאָרער וועלט דער שאָס אין סאַראַיעוואָ. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך שוין אַוועקגעשטעלט אויפן שוועל פון אייראָפּע און ס'איז שוין געווען אין גאַנג דער מעכאַניזם פון דיפּלאָ־מאַטישע צוגן, וואָס האָט געדאַרפט צעעפענען די טירן פון קאָנטינענט פאַר דער נייער בלוטיקער טראַגעדיע פון פעלקער. אין ווין און בער־לין האָט מען שוין געגרייט אולטימאַטומס, וועלכע ס'איז אוממעגלעך געווען אָנצונעמען. די אַרמייען פון אַלע אייראָפּעישע גרויסמאַכטן האָבן זיך אויף שטילערהייט געגרייט פאַרן נאָענטן צוזאַמענשטויס אויף די פאָרויסבאַשטימטע שלאַכט־פעלדער.

אָבער די מלחמה האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן און אין מלינ... וואָס איז געווען אַזוי ווייט פון דער רוסישער הויפּט־שטאָט, פּעטער־בורג, ווי פון עסטרייכישן שטעטל סאַראַיעוואָ, איז נאָך געווען שטיל.

די רוטינע פון לעבן האָט זיך דאָ נאָך אויף אַ האָר נישט געענ־דערט. דער מלינער פויער האָט זיך דאָ, אַזוי ווי פאַראַיאָרן אין דער זעלבער צייט, געגרייט צום שניט. מ'האָט געשליפן די קאָסעס, פאַר־ריכט די וועגענער, געשמירט די רעדער, געגרייט דעם הויף און די שפּייכלער אַריינצונעמען דאָס קאָרן פון די פעלדער. די מלינער יידישע

קאָוואַליעס און שאָרניקעס האָבן זיך געאײַלט מיט דער אַרבעט און אָפטמאָל געאַרבעט ביז שפּעט בײַנאַכט, ווען דאָס געצײַג האָט שוין נישט געוואָלט פאָלגן די מידע הענט. די קרעמער האָבן געגרייט סחורה פאַר דעם נײַעם סעזאָן, וואָס האָט געדאַרפט קומען נאָכן שניט. פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן עס געטאָן פאַריאָרן אין דער צייט; און פּונקט אַזוי ווי פאַריאָרן האָבן זיי געשלאָסן די קלייטן אַזוי שנעל, ווי דער גאָראָדאָוואָי, וואָס איז געשטאַנען אינעם צענטער פון שטאָט בײַ דער בירזשע פון איזוואָשטשיקעס, האָט אָנגעהויבן בלאָזן אין זײַן פײַפל מיט אַזאַ רציחה, אַז אפילו דאָס גראַגערן פון די אײַזערנע שטאָרן אויף די קלייטן האָט נישט געקאָנט דאָס פײַפן פאַרהילכן.

אַלץ אין מלינו איז נאָך געווען ווי פאַריאָרן אין דער זעלבער צײַט, און אויב פאַר אהרן לעסניקס משפחה האָט זיך עפּעס יאָ געענדערט, איז דאָס געווען נאָר דאָס באַזעצן זיך אין נײַעם הויז...

* * *

אויף דער חנוכת הבית איז אינעם נײַעם הויז זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרויסער עולם. דער עולם האָט אָנגעפּילט דאָס הויז מיט אַ יום־טובדיקן טומל, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. עס איז דאָ שווער געווען צו דערקענען ווער עס זענען די געסט און ווער — די באַלעבאַטים. די געסט האָבן זיך געפילט ווי בײַ זיך אינדערהיים, נישט נאָר צוליב נאָענטקייט פון די משפחות, וואָס זענען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען, נאָר אויך צוליב דער פּשוטער, נישט געצווונגענער האַלטונג פון לעסניקס משפחה. זיי האָבן זיך אויף אַזוי פיל צוזאַמענגעגאָסן מיטן עולם געסט, אַז אַ פרעמדער מענטש, אויב דער צופאַל וואָלט אים אַהער געבראַכט, וואָלט זיך מסתמא פאַרגעשטעלט, אַז דער באַלעבאָס דאָ איז גאָר וואָלף מאַרקאָוויטש גראָדין, און די באַלעבאָסטע — נאַדיע גאָטליב.

לייבלס פעטער וואָלף מאַרקאָוויטש גראָדין — אַ רײַכער הענדלער מיט אײַזן און אײַזערנע מכשירים — האָט בכלל און איבעראַל, אויס־

געזען ווי אַ וויכטיקער מענטש. ער איז געווען הויך געוואַקסן, האָט געהאַט אַ היפּשן בויך, כאָטש ער איז נישט געווען פעט, געהאַט אַ רויט פּנים, ריין געגאָלטע באַקן און גרויע וואַנצעס מיט אַ בערדל, וואָס זענען תמיד געווען זייער פיין אָפּגעשוירן און פאַרקעמט. זיין פּנים האָט קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם אויסדרוק פון וויכטיקייט. זיינע קליידער האָבן אים תמיד גוט געפּאַסט. זיי זענען געווען גוט אויס־געפּרעסט און אפילו עלעגאַנט. הכלל, ער האָט אויסגעזען גרויס־שטאָ־טיש און אָנגעהאַלטן אַ פּאָזע פון איינעם פון אַ „העכערער געזעל־שאַפט", וואָס געפינט זיך ערגעצוווּ ווייט אויסער די גרענעצן פון מליני. ער האָט געקאָנט מאַכן אַן איינדרוק, האָט, אגב, זייער שטאַרק אויסגענומען ביי דעם דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע וויאַטשעסלאַוו ראַמאַנאָוויטש גאַרבאַטאַוו, און האָט באַוויזן אויסצוגלייכן מיט אים דעם ענין אַזוי, אַז אפילו זיין לייבל איז געבליבן אין דער גימנאַזיע. צו אהרנען האָט ער זיך באַצויגן ווי אַן עלטערער, מער־דערפאַרענער מענטש. און אַזוי שנעל ווי ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון דעם נייעם הויז, האָט ער גלייך איבערגענומען די ממשלה אין זיינע הענט. ער האָט אויפגענומען די געסט, געבעטן יעדן איינעם זיך פילן היימיש — כאָטש קיינער האָט זיך אין דער איינלאַדונג נישט גענוי־טיקט — און אפילו געוויזן אַלעמען די צימערן און ווינקעלעך פון הויז, וואָס האָט נאָך געשמעקט מיט פרישער פאַרב, כאָטש דער ריח האָט זיך שוין אויסגעמישט מיטן ריח פון געקעכטס און געבעקס.

צווישן די פרויען האָט גראָדינס פלאַץ פאַרנומען נאַדיע — משה גאָטליבס פרוי. איינגעצויגן אין אַן ענגן גאָרסעט, אַריבעגעבויגן איבער דער אייגענער טאַליע אויף אַן אופן, וואָס האָט צוגעגעבן איר קורצער, זשוואַוועער פיגור אַן אויסזען ווי אַ לעבעדיקער פּרעגצייכן, האָט זי זיך אַרומגעטראָגן צווישן די געסט, געמאַכט פילן באַקוועם יעדן איינעם; אויסגעטיילט פּלעצער ביים גרויסן טיש אין עס־צימער, גע־לאָפן אין קיך און פון קיך, סערווירט די געסט; זיך אַרומגעטראָגן מיט פּרוכט־וואַזאָנען, געפּאַכעט איבער דעם באַפּודערטן רויטן פּנים מיט אַ קאָלירפולן פעכער; געגעבן באַפעלן סאָניען, לובען און דוניאַשען.

און כאַטש דוניאַשאַ, אַ געזונט און פראַסט אָבער יום־טובדיק גע־קליידט דאָרפיש מיידל, האָט זי נישט געקאָנט פאַרטראָגן, באַזונדערס דעם שאַרפן ריח פון איר פאַרפום, האָט זי פונדעסטוועגן, אויסגעפּירט נאַדיעס באַפעלן, אַזוי גוט ווי סאָניע און ליובע האָבן עס געטאָן.

סאָניע האָט זיך גאָרנישט געפילט באַעוולט מיט דעם, אדרבא, זי האָט זיך אַליין באַמיט, מען זאָל זי נישט באַמערקן, זי זאָל נישט דאַרפן אויסהערן די אַלע קאָמפּלימענטן און ווינטשעוואַניעס, וואָס האָבן זי געשטעלט אין פאַרלעגנהייט. זי איז געווען צו גליקלעך, כדי צו קאָנען אַריינגעמען נאָך און נאָך קאָמפּלימענטן און ליוב־ווערטער.

ס׳האָט זיך איר געוואָלט בלייבן אַליין אויף אַ ווײַלע און זיך דערמאָנען: דערמאָנען אין אירע קינדער־יאָרן פון אַ יתומה ביי איר עלטערן ברודער, וועלכער האָט שוין אַליין געהאַט קינדער, ווען אירע טאַטע־מאַמע זענען אַוועק פון דער וועלט; זיך דערמאָנען אין די קינדער, וואָס זי האָט געניאַנטשעט, ווען זי איז נאָך אַליין געווען אַ קינד; זיך דערמאָנען אין אַ שטוב פול מיט געלערנטע, גימנאַזיסטן און סטודענטן, ווו זי האָט זיך אפילו שרייבן און לייענען נישט אויס־געלערנט; זיך דערמאָנען אין אירע אייגענע קינדער, די וואָס דאָס לעבן איז זיי נישט געווען באַשערט און די וועלכע זי האָט אויפגעהאָ־דעוועט און אויף די פיס געשטעלט — אין ליובען, אין סאַשען אין דוד׳קען; זיך דערמאָנען אין דחקות פון קליינע דירות, פון אַ פּויערי־שער כאַטע, אין דער דאַנגלעניש מיט ענגשאַפט, פאַר יעדער פאָר ריינע ציכלעך און ווינדעלעך, וואָס זי האָט אָפטמאָל אַליין געוואַשן אַ פּאָר טעג נאָכן געבורט פון קינד; זיך דערמאָנען אין די יונגע יאָרן וואָס זענען אַוועק אַזוי שנעל, זיך אַ ביסל אויסוויינען און אפשר אויך דאָס אוקראַינישע ליד זינגען וועגן דער ביטערער דאָליע פון אַ יתומה, וואָס קיינער וועט זי נישט צוטוליען צו זיך, סיידן דער באַשערטער — און ערשט דאַן אויפהויבן דעם קאָפּ און זיך אָפּגעבן דעם יום־טוב מיטן פולן האַרצן און מיט אַ געפיל, אַז עס קומט איר דער יום־טוב, אַז זי האָט זיך כשר פאַרדינט אַ באַקוועמע, רוימיקע און ליכטיקע היים.

פאַרשלאָסן אין זיך, איז סאָניע לעסניק געווען אַזוי פאַרטאָן, צו־ערשט מיט קאָכן און באַקן און שפּעטער מיט דערלאַנגען צום טיש, אַז זי האָט כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן אינעם אייגענעם פּלאַץ ביים טיש.

אהרן האָט אָבער אין דעם נישט פאַרגעסן. אַזוי שנעל ווי די געסט האָבן פאַרנומען זייערע פּלעצער איז ער אַריין אין קיך, זי אַרומגענומען, אַראָפּגענומען פון איר דעם פאַרטוך; גענומען זי פאַר דער האַנט, זי אַריינגעפירט אינעם טומלדיקן עס־צימער און מיט איר צוזאַמען פאַרנומען די צוגעגרייטע פּלעצער צווישן די געסט.

דער טומל האָט זיך באַלד איינגעשטילט. אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט צו אהרנען און סאָניען, וועלכע איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און פאַררויטעלטע באַקן, ווי אַ שעמעוודיקע כלה.

ס׳איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט דייטלעך הערן דאָס טיקן פונעם וואַנט־זייגער: טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק...

פּלוצים האָט אַ סקריפּע געטאָן אַ שטול. וואָלף מאַרקאָוויטש גראָדין האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ. ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ בעכערל מיט וויין, און ווען ס׳האָט אויפגעהערט דאָס קלינגען פון די וויין־פלעשלעך, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט די גלעזער, האָט ער אויפגעהויבן זיין בעכערל:

— טייערע באַלעבאָטים, טייערע געסט, מיר האָבן זיך היינט דאָ פאַרזאַמלט, כדי צו פּראַווען די נאָוואָסעלאָע, אָדער פּשוט גערעדט, דעם חנוכת הבית פון אונדזערע הויכגעשעצטע פריינד, אַראָן איסאַ־יעוויטש און סאָניאַ גריגאָריעוונאַ, מיט זייערע קינדער. לאָמיר טרינקען פאַרן געזונט פון די באַלעבאָטים און פאַר זייער גליקלעכן לעבן אונטער דעם נייעם דאַך, לחיים!...

— לחיים! — האָבן אונטערגעכאַפּט די געסט — לחיים! זאָל זיין מיט מזל!...

יעדער איינער האָט אויסגעטרונקען און גלייך ווידער אָנגעפילט די אויסגעליידיקטע בעכערלעך, ווייל יעדער איינער האָט געפילט, אַז עס איז נאָך נישט אַלץ געזאָגט געוואָרן, אַז עמעצער דאַרף נאָך עפּעס זאָגן, עפּעס וויכטיקעס, עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אויף אַן אמתן אופן

אַנוואַרעמען דאָס האַרץ. אָבער ווער זאָל עס טאָן. די געסט, ווי זיך צוזאַמענגערעדט, האָבן אָנגעהויבן זוכן צווישן זיך דעם מענטשן, ביז אַלעמענס אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף משה גאָטליבן.

משה האָט אַ שמייכל געטאָן, זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ. אַ פּאַר־טראַכטער, געשוויגן אַ ווייל און שלוסלעך געזאָגט שטיל:

— איך האָף, אַז איר וועט נישט האָבן אויף מיר קיין פּאַריבל, אויב איכ׳ל אייך דערציילן צוויי פּאַסירונגען פון אהרנ׳ס לעבן, וואָס האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון... די ערשטע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען אַרום יאָר טויזנט ניין הונדערט, אפשר נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פריער.

מיר, איך און אהרן, הייסט עס, זענען דעמאָלט געווען יונגע תבואה הענדלער מיט אַמביציע און מיט אַ שווונג, אַזוי צו זאָגן. זענען מיר איינמאָל אַריין צו אַ פּריץ, וואָס האָט אונדז געהאַט איינגעלאַדן צו זיך אַהיים. ס׳איז געווען פאַר אונדז אַ גוטע געלעגנהייט פאַר אַ גוטן געשעפט און מיר האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעבויט פּאַלאַצן אויף דעם חשבון. מיר זענען, פאַרשטייט זיך, געקומען אין דער צייט און מען האָט אונדז טאַקע באַלד אַריינגעפירט צום פּריץ. דער פּריץ, גראַף וואָלפערט, — אגב, די פּויערים האָבן בשום אופן נישט געקאָנט אויס־ריידן זיין נאָמען און האָבן אים גערופן גראַף אוכוועדט, אויערן־דרייער הייסט עס...

די געסט האָבן פאַרהילכט דאָס נייע הויז מיט האַרציקן געלעכטער.

— דער דאָזיקער פּריץ — האָט משה פאָרגעזעצט, ווען דער גע־לעכטער האָט זיך איינגעשטילט — האָט אונדז גראָד אויפגענומען אין דעם זאַל, וווּ ער האָט געהאַט פאַרבראַכט מיט געסט. דערזען אונדז אהרנען און מיך, האָט ער זיך כיטרע צעשמייכלט, זיך אויסגעדרייט צו זיינע געסט און אונדז פאַר זיי פאָרגעשטעלט: פּאַזנאַקאָמטיעס, פּאַזשאַלוסטאַ, עטאָ מאָי זשידקי — באַקענט, זיך, דאָס זענען מיינע יידעלעך...

איר קאָנט זיך שוין אַליין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די ווערטער. וואָסאַראַ חרפּה! כ׳האָב

ממש דערפילט, אַז מען האָט מיר אַ שפּיי געטאָן אין פּנים... כ'האָב טאַקע גלייך אַרויסגענומען אַ טיכל און אָנגעהויבן זיך ווישן דעם שטערן.

ערשט איך הער אהרנס שטימע אַרויסברומען מיט כעס:

— אימעיו טשיעסט, כ'האָב הייסט עס, די ערע, פּאָסטאָוויט וואָס נאַ וויד, אייך לאָזן צו וויסן, גראַף, אַז איך בין נישט אייערס אַ יידל, — נאָר מיין אייגענער אַ מענטש און אַ ייד; אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט: — סוואָי סאָבסטווענני טשעלאָוויעק, אי יעווריי; און איר ווייסט דאָך, אַז ביי אהרנען איז עס: געזאָגט און געטאָן. האָט ער זיך טאַקע באַלד אויסגעדרייט צום גראַף און צו זיינע געסט מיטן רוקן, איז אַרויס פון דעם זאַל און גוט צוגעקלאַפּט הינטער זיך די טיר.

— איך פאַרשפּאַר שוין צוגעבן, אַז פון אונדזערע פּאַלאַצן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. אָבער זינט דעמאָלט האָב איך זיך אויסגע־בויט אַ שענערן פּאַלאַץ אין האַרצן...

דאָ האָט איר, די ערשטע פּאַסירונג.

— די צווייטע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר יאָר שפּע־טער. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט מיינע אייגענע געשעפטן און אהרן זיינע אייגענע. איינמאָל בין איך אַרויסגעפאָרן אויף אַ יריד. גיי איך מיר דאָרטן אַרום, קוק זיך אַרום, ערשט איך זע מיין אהרן־לייב שטייט ביי אַ פעסל הערינג און שרייט הויך אויפן קול ווי אַ ליאַדער מאַרק־יונג: „ריעזאַנאַיאַ סעליאָדקאַ, ריעזאַנאַיאַ סיעליאָדקאַ!"

. . . וואָס זאָל איך אייך זאָגן, עס האָט מיר אַ שניט געטאָן ביים האַרצן... זיך אַראָפּגעלאָזט פון האַנדל מיט תבואה ביז אַ פעסל הערינג אין מאַרק!... זאָג איך צו אים: אהרן סערדצע, וואָס איז מיט דיר, ווי אַזוי קאָנסטו ביי זיך אַזוי פאַלן? אַז דו האָסט פאַרלוירן אַ פּאָר רובל, מיינסטו די וועלט עקט זיך שוין? עפּעס ער אויף מיר אַ פּאָר גרויסע אויגן: ווער זאָגט דיר, — זאָגט ער — אַז די וועלט עקט זיך? די וועלט, זאָגט ער, איז ביי מיר אין פולער אָרדענונג. אָבער אַז מען האָט נישט אין שטוב וואָס צו עסן קאָן אַ פאַס הערינג העלפן מער ווי די גאַנצע שיינע וועלט אונדזערע.

די געסט האָבן זיך ווידער צעלאַכט.

—נו, אָט זענען אייך די פּאַסירונגען און אָט איז אייך דער בעל־שמחה. איז לאָמיר טרינקען צו זיין געזונט:

— לחיים!

די געסט האָבן געטרונקען לחיים. ס׳האָבן שוין אָנגעהויבן קלינגען די לעפל איבער די טעלער, אָבער נאַדיע גאָטליב, האָט אָפּגעשטעלט די הונגעריקע געסט מיט דער האַנט:

— וואַרט אַ מינוט — האָט זי זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין באַנעמונג: אהרן, אהרן און ווידער אַמאָל אהרן!... און ווו איז סאָניע?...

פאַרשטייט זיך — האָט זי זיך געווענדט צו אהרנען — מיר האָבן אַלע דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר דיר, אָבער ווו וואָלט איינער אויסגעזען אָן אונדז פרויען. אָט נעמט טאַקע סאָניען. וויאַזוי וואָלטן אהרנס קינדער אויסגעזען אָן סאָניען?

די געסט האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— ניין! כ׳מיין דאָס ערנסט. גיט אַ קוק ווי זי האַלט דאָס גרויסע הויז, ווי ריין איז אַרום איר, ווי ציכטיק, אַזוי איז דאָס געווען ביי איר נאָך אין דער אַלטער קליינער דירה.

סאָניע האָט זיך פאַררויטלט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אָבער נאַדיע איז באַשטאַנען אויף אירס:

— ניין, ניין און נאָך אַמאָל ניין! — אָן דער פרוי איז נישטאָ קיין היים. אָן סאָניען וואָלסטו אַזאַ וואַרעמע, ציכטיקע היים קיינמאָל נישט געהאַט.

— אמת, האָט אהרן שטיל און ערנסט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — דאָס איז דער ריינער אמת.

— איז לאָמיר טרינקען פאַר סאָניעס געזונט, לחיים!...

מען האָט ווידעראַמאָל געטרונקען לחיים און באַלד זיך צוגעכאַפּט צום עסן.

אָפּגעגעסן, פאַרביסן מיט פרוכט, פאַרזוכט פון נאַשערייען, האָבן די געסט זיך צעטיילט אין גרופּעס. די יוגנט איז אַוועק אויף דער וועי־

ראַנדע, געניסן פון דער בייניאַכטיקער פרישער לופט, די מענער האָבן איבערגעלאָזט די פרויען ביים טיש אין עס צימער און אַליין אַריין אין גאַסט־צימער, וואָס האָט זיך באַלד אָנגעפילט מיט רויך פון פּיל ציגאַרעטלעך, און פון מאַרקאָוויטשעס האַוואַנער ציגאַר.

— אַ גוטער ציגאַר — האָט וואָלף מאַרקאָוויטש געזאָגט צו זיך אַליין — נאָך אַ ווייל רויכערן אין שטילקייט. ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך מען וועט זיי קאָנען קריגן?

— וואָסי? — האָט אַ שמייכל געטאָן משה גאָטליב, וועלכער האָט נישט גערויכערט און געהאַלטן אין איין טרייבן פון זיך דעם פרעמדן רויך — וואָסי? ס'פעלט ביי דיר שוין ווידעראַמאָל אויף שבת?

וואָלף מאַרקאָוויטש האָט אויף דעם נישט געענטפערט, אַזוי ווי די באַמערקונג וואָלט צו אים קיין שייכות נישט געהאַט. ער האָט ווי־דעראַמאָל אַ ציי געטאָן מיט די פולע ליפּן פון דעם ציגאַר, אַרויסגע־נומען פון מויל, אַ קוק געטאָן אויף דעם, ווי אויף אַ וויכטיקן „עפּעס”, און געזאָגט מיט איבערצייגונג:

— מיין גאָמען איז נישט וואָלף מאַרקאָוויטש גראַדין — אויב מ'ירן נישט האָבן קיין מלחמה אַזוי שנעל ווי מען וועט די תבואה פון די פעלדער אַראָפּנעמען...

— פונוואַנען איז דאָס געדרונגען? — האָט אהרן געפרעגט מיט אָפענער אומצופרידנקייט.

וואָלף מאַרקאָוויטש האָט אויך אויף דעם נישט געענטפערט באַלד. ער האָט ווידעראַמאָל געקוקט אויף דעם ציגאַר, ווי אויף אַ חשובן וועזן, וואָס ווייסט אַלע ענטפערס אויף אַלע פּאָליטישע סודות פון דער וועלט און נאָך אַ ווייל טראַכטן געזאָגט:

— ס'איז ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר: פאָן העצענדאָרף און דער גראַף בערכטאָלד ווייסן גענוי, וואָס זיי ווילן. זיי קאָנען זיך נישט דערלויבן, אַז עסטרייך זאָל צעטרייסלט ווערן דורך די סערבישע פּאַ־נאַטיקער. זיי וועלן שטעלן די סערבן אויף די קני און צוזאַמען מיט זיי די סלאַווען ביי זיך אין דער היים, אין עסטרייך. הייסט עס. יעדנ־פאַלס, זיי וועלן דאָס פרווון טאָן. און ווו זענען מיר?... און ווו איז

קייזער ווילהעלם? און ווו זענען אונדזערע פאַרבינדעטע?... זעט איר שוין די מעשה אַליין: מיר וועלן העלפן אונדזערע סלאַווישע ברידער. פראַנקרייך וועט העלפן אונדז. הכלל, איר זעט דעם ציגאַר — איך האַלט אים נישט צווישן צוויי פינגער פון מיין רעכטער האַנט, אויב עס גייט נישט צו אַן אמתן געשלעג... און איר ווייסט וואָס איכ׳ל אייך זאָגן? — איך האָב וועגן דעם ערשט איצט אַ טראַכט געטאָן: דער קליגסטער פון אונדז איז פאָרט אהרן. אין אַ פאָר יאָר אַרום וועט זיין הויז ווערט זיין אַ פאַרמעגן און אונדזער געלט — קיין שמעק טאַבעק נישט ווערט, אויב עס געפעלט אייך דאָס וואולגאַרע ווערטל.

— פאַוואָליע — האָט אים אָפגעשטעלט אהרן — פאַוואָליע וואָלף מאַרקאָוויטש — די מלחמה איז נאָך נישטאָ, דאָס געלט איז נאָך געלט, מיין הויז איז נאָך נישט אויסגעצאָלט און דו זאָגסט שוין שוואַרצע נביאות. ווילסט איך זאָל דיך דערמאָנען, אַז אַ נאַר איז אַ האַלבער נביא — אויב עס געפעלט דיר דאָס ווערטל...? איך גלויב נישט אין דעם. איך גלויב נישט, אַז די מלחמה איז אומפאַרמיידלעך. פונקט פאַר־קערט, איך גלויב אַז אַלע דיינע האַצענקלאָצעס — העצענדאָרפס זאָגסטו, זאָל זיין העצענדאָרפס — אַז אַלע פאָליטיקער פון ווין, בער־לין, אָדער פעטערבורג, וועלן זיך אַזוי לאַנג דינגען ביז ס׳וועט זיך לאָזן, און וועלן זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס מען קריגן מיט גוטן. וואָרים קיינער קאָן קיין גוטס פון אַ מלחמה נישט דערוואַרטן. מיר לעבן דאָך פאָרט אין דעם צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, ווען דער גראָ־דער שכל האָט שוין געקראָגן זיין בירגער־רעכט אפילו דאָ ביי אונדז אין לאַנד. מיר האָבן אַלע געזען ווי אַזוי אַ גרופע פשוטע פויערים, באַשטימט דורך דער מאַכט צו משפטן בייליסן, האָבן אויפן גרויסן אופן אַרויסגעגעבן אַ גערעכטן פסק־דין. זיי האָבן זיך נישט געלאָזט אויפהעצן פון ווילדע אויסטראַכטענישן און געהאַנדלט אַזוי, ווי דער גראָדער שכל האָט עס פון זיי געפאָדערט...

— דער גראָדער שכל, זאָגט מיר, אַז די מלחמה איז אַן אומגליק און אַז אזיף אומגליק קאָן מען קיין גליק נישט בויען. גלויב איך, אַז

די וואָס האַלטן אין זייערע הענט דעם גורל פון דער וועלט, פאַרשטייען דאָס אויך זייער גוט.

— אין דעם בין איך שוין גאָרנישט זיכער — האָט איבערגעשלאָגן אהרנס רייד איליאַ סעמיאָנאָוויטש ליעקאָר.

אַלע קעפּ אין דעם אָנגערויכערטן גאַסט־צימער האָבן זיך באַלד אויסגעדרייט צו אים. ער האָט זיך ביז איצט געהאַלטן ביי דער זייט און פאַרבראַכט דעם אָוונט שווייגנדיק, אָבער ער האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער מלינער געזעלשאַפט און מען פלעגט זיך צו אים גוט צוהערן.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש ליעקאָר איז געווען אַ פעלדשער. ער האָט זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט זייער פיל ערודיציע און וויסן אויף זיין פעלד און די מלינער תושבים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ דאָקטאָר. ער איז געווען גוט באַקאַנט נישט בלויז אין דער שטאָט גופא, נאָר אויך אין די אַרומיקע דערפער. זייער אָפט, ווען אַ פויער פלעגט קומען אין שטאָט מיט אַ קראַנקן פון זיין משפחה, פלעגט ער פרעגן: „ווו וווינט דאָ ליקאַר״, (דער היילער). די דאָרפס־מענטשן זענען געווען זיכער, אַז איליאַ סעמיאָנאָוויטשס נאָמען באַצייכנט אים, אַלס אַ פאָר־שטייער פון מלינער הייל־וועזן.

בייזע צינגער פלעגן זאָגן אַז דאָס קומט פון זיין „פערזענלעכקייט״, פון זיין גייסטרייכן אויסזען, פון זיין לאַנגן, איידעלן פנים; פון זיינע הויכן, ווייסן שטערן, פון דורכדרינגענדיקע און דאָך וואַרעמע אויגן, אַזוי גוט ווי פון זיינע שיינע, לאַנגע האָר און באָרד. אין דער אמתן איז אָבער דאָ געווען אַן אַנדערע סיבה. ער איז געווען דערצויגן אויף דער הומאַניסטישער ליטעראַטור, פאַרערט דעם פאָלק־מענטש; האָט זיך באַטראַכט ווי אַ יחיד מיט דער היילִיקער מיסיע צו שטילן מענטש־לעכע ליידן און האָט געגעבן די קראַנקע מער, ווי ער האָט פון זיי גענומען. אָפטמאָל פלעגט ער פון אַן אָרעמאַן גאָרנישט נעמען און נאָך איבערלאָזן אַ פּאָר גראָשן אויף אַ רפואה.

דאָ ביי לעסניקן אויף דער „חנוכת הבית״ האָט ער זיך געפונען צווישן מענטשן, וואָס כאָטש זיי האָבן נישט גענאָסן פון זיין גוט־

הארציקייט, האבן זיי אים דאך רעספעקטירט אלס א מענטשן, וועלכער איז מקיים, וואס אנדערע דרשנען.

אן אויסנאם פון כלל איז געווען נאר זיין שוואגער וואלף מאר־קאוויטש גראדין, וועלכער האט אים געהאלטן פאר א נאר — „א מענטש קאן שארן גאלד און לעבט ווי א קבצן!“...

האבן אלע געסט און אויך דער בעל־הבית אליין זיך שטארק אנגעשטרענגט צו הערן וואס דער ליעקאר האט צו זאגן.

— איך בין אינגאנצן נישט זיכער — האט ער געזאגט שטיל — אז שכל הישר האט עפעס אן איינפלוס אויף דער וועלט־פאליטיק. ס׳קאן גראד זיין, אז וואלף מארקאוויטש איז גערעכט און מירן טאקע האבן א נייע מלחמה. איך זאך ווייס איך אבער יא: עמעצער שפילט זיך דא מיט פייער, וואס אז מען צינד עס אן, לאזט עס זיך נישט אזוי לייכט פארלעשן, באזונדערס א פייער פון וועלט־מלחמה... איר ווייסט וואס איך מיין. מיר האבן דא איבערגעלעבט דאס יאר 1905, נאך דער רוסיש־יאפאנישער מלחמה. איך וויל אפילו נישט טראכטן וועגן דעם וויאזוי ס׳וועט אויסזען א נייער 1905, נאך א גרעסערער מלחמה, נאך א גרעסערער בלוט־פארגיסונג.

— איך וויל עס אויך נישט — האט זיך אפגערופן משה גאטליב — ווארים, ס׳וועט זיך שוין ווידער אויסלאזן צו די יידישע קעפ...

— אין דעם בין איך שוין נישט אזוי זיכער — האט געענטפערט איליא סעמיאנאוויטש — דאס פאלק ווערט קליגער. אין דעם פרט, איז אראן איסאיעוויטש, מסתמא, גערעכט, אבער איך צווייפל זייער שטארק אינעם שכל פון די וואס מיינען, אז זיי האלטן דעם גורל פון דער מענטשהייט אין זייערע הענט. איר וועט שוין מיר מוזן אנטשולדיקן פאר זיך באנוצן מיט פרעמדע ווערטער, אבער איך גלויב, אז אויב זיי וועלן פארזייען ווינט וועלן זיי האבן א שטורעם...

— נו, גענוג שוין גענוג, — האבן זיך דערהערט עטלעכע שטימען מיט אמאל, לאמיר רעדן פון פריילעכערע זאכן...

— די מלחמה איז נאך נישטא און מיר באוויינען שוין דעם גורל פון דער מענטשהייט. מען פרעגט דען ביי אונדז אן עצה?...

פ. גארעליק

— דערווייל זעט שוין אהרנס גאַסט־צימער אויס ווי אַ שלאַכט־פעלד; רויכערט נישט אַזוי פיל און לאָמיר אָנקוקן די נייע קאָרטן...

— ס׳גאַנצע לעבן איז אַ קאָרטן־שפּיל...

— און מען האַלט די קאָרטן פאַרדעקט...

— און מען האַלט ס׳מויל פאַרמאַכט...

— אַזוי איז דאָס געווען און אַזוי וועט דאָס זיין...

— מסתמא!

— אפשר!

— ס׳איז פאַרשריבן מיט גאָפל אויפן וואַסער, ווי דער פויער זאָגט, אָבער לאָמיר שוין אָנקוקן די קאָרטן... אַזאַ מזל אויפן האַצ־קלאָץ ס׳אראַ קאָרטן האָב איך: פּאַס!

* * *

באַגלייט דעם לעצטן גאַסט, האָט זיך אהרן באַלד געלייגט שלאָפן אָבער איינשלאָפן האָט ער נישט געקאָנט. ערשט מיטן באַגינען, ווען ערגעצוווּ אויף אַ נאָענטן פויערישן הויף האָט אַ האָן מיט אַ הילכיקן קו־קאָ־רעקו־או־או דעם פרימאָרגן באַגעגנט, איז אהרן איינגעשלאָפן און עס האָט זיך אים געחלומט, אַז זיין ניי הויז ברענט. פלוצים זעט ער סאַשען אַנגעטאָן אין סאָלדאַטישע קליידער מיט אַ גימנאַזיסטן־הוט אויפן קאָפּ. סאַשאַ לויפט צום הויז און שרייט: „די טויטע נשמות, גאָגאָלס טויטע נשמות ברענען״. ער וואַרפט זיך אין פייער אַריין. אהרן וויל אים אָפּשטעלן און קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. ער שטרענגט זיך שטאַרק אָן און כאַפּט זיך אויף פון שלאָף.

אין שלאָף־צימער איז שוין ליכטיק און הייס. סאָניעס בעט איז פוסט און פאַרבעט, סאָניע אַליין טאָפּטשעט זיך אַרום אין קיך אויף יענער זייט טיר און זינגט אינאיינעם מיט דוניאשען אַ זאַפּטיק אוק־קראַיניש לידל וועגן אַ פויערטע נאָך דער זונטיקדיקער הוליאנקע. עס דערטראָגן זיך צו אהרנען די ווערטער: „אוי ווסטאַנו יאַ וו׳פּאָנעדילאָק״

— (אוי, וועל איך אויך אויפשטיין מאָנטיק).

אהרן שאָקלט פון זיך אָפּ די רעשטלעך פונעם חלום; גיט זיך אַ ריס מיטן קערפּער פון בעט:

— אַזאַ פּאַסקודנער חלום: טפוי!...

8
אַ נאַכט מיט אַ קראַנקן

איליא סעמיאָנוויטש ליעקאַר האָט פאַרלאָזן די שמחה ביי די לעטניקס פריער פון אַלעמען. ס'איז געווען אַרום צוועלף אַזייגער ביי נאַכט, ווען ער מיט זיין פרוי, וויעראַ, זענען געגאַנגען מיט דער שמאָלער, נישט געפּלאַסטערטער גאַס אַהיים. די גאַס איז געווען ליידיק. יעדער סימן פון בייטאָגיקן לעבן, האָט זיך שוין געהאַט באַהאַלטן הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס פון די הייזער, וועלכע — ווי עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן — זענען שוין אַליין געשלאָפן צוזאַמען מיט די מענטשן הינטער זייערע ווענט. פון צייט צו צייט האָט אַן אומרויקער הונט זיך צעבילט אויף דער פולער לבנה, אָבער באַלד זיך איבערגעהאַקט אינמיטן בילן, אַ געגעץ געטאָן מיט אַ סקוויטש און אַנטשוויגן. ערגעצוואו, גאָר נישט ווייט פון דער גאַס, נאָענט פון דער פאַרשלאָפענער מלינקע, האָט זיך געהערט אַ גראַגעריי, אַ סווישטשעריי פון נאַכט־אינסעקטן, דאָס קוואַקן פון זשאַבעס און אַנדערע אַזוינע קלאַנגען, וואָס די מוטער נאַטור האָט זיי מסתמא ספּעציעל באַשאַפן צו באַטאָנען און באַחנען די ביינאַכטיקע שטילקייט.

איליא סעמיאָנאָוויטש און וויעראַ אַבראַמאָוונא זענען געגאַנגען האַנט אין האַנט און געשוויגן. זיי זענען געווען פאַרטיפט יעדער אין אייגענע געדאַנקען.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז ער האָט זיך פאַרט אויסגעקליבן אַ ווונדערלעכע פּראָפעסיע; אַז אַט לעבט מען אין אַ שטאָט, וווּ נישט יעדער מענטש איז אַ קליין וועלטל פאַר זיך אַליין, נאָר אויך יעדע באַזונדערע גרופּע מענטשן; — וווּ דער פויער האָט זיך זיין שטייגער פון לעבן און דער בעל־

מלאכה אַן אַנדערן; ווי די תושבים זענען צעטיילט דורך אוראַלטע מחיצות: אויף אָרעם און רייך; ייד און קריסט; „מאַלאָרוס״ און גרויס־רוס״; פּראַוואָסלאַוונער און קאַטאָליק, וועלכער האָט דאָ אפילו נישט קיין אייגענע קירך — אַז אָט ער, איליא סעמיאַ־נאָוויטש ליעקאַר, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין אַ גרויסער יידישער משפחה, האָט זיך דערצויגן אויף דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור, טראָגט אַ רוסישן נאָמען און לייענט פּליסיק, אין דייטש, ווינסשאַפטלעכע ליטעראַטור — אַז אָט ער, אַ קליין שטעטלדיקער פעלדשער, לעבט אין אַזאַ צעברעקלטער, אויף קליינע וועלטלעך, שטאָט און דאָך פילט ער זיך ווי אַלעמענס אַ מענטש, וועלכער פאַרשטייט יעדן איינעם און שטייט העכער פון פאָראורטיילן, אָדער עגאָאיזם פון יחיד, שטאָם אָדער פאָלק; אַזוי ווי די פּראָפעסיע זיינע, וואָלט פון אים אָראָפּגעשיילט די שאָלעכץ פון צעטיילונג און אים איבערגעלאָזט דעם סאַמען עיקר פון מענטשלעכן וועזן... ווען ער וואָלט דערצו נאָר האָבן אַ ביסל מער צייט זיך אַרומצוקוקן, אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם גרויסן ווונדער פון מענטשן־מין, אָדער כאָטש קאָנען אַריינכאַפּן אַ גאַנצע נאַכט שלאָפן...

איליא סעמיאָנאָוויטש האָט אַ גענעץ געטאָן, אָבער זיך באַלד פאַרשטעלט ס׳מויל מיט דער האַנט.

וויערא, האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט בייזע, פאַרשלאָפענע אויגן און זיך שטאַרקער אָנגעשפּאַרט אויף זיין אָרעם. זי איז נישט געווען צופרידן מיט איר מאַן. באַזונדערס היינט האָט זי שטאַרק דערפילט, אַז אילאַס „נישט פּראַקטישקייט״ ווי איר ברודער וואָלף מאַרקאָוויטש, האָט עס גערופן; אַז זיין „נאַרישער אידעאַליזם״ פאַרגייט שוין צו ווייט. אַן אַנדערער מאַן אויף זיין פּלאַץ וואָלט שוין געקאָנט זיך באַזאָרגן מיט אַ ביסל אַ בעסערער דירה ווי זיי האָבן, שוין אָפּגערעדט פון אַ דינסט־מיידל אין הויז. וואָס איז דאָס פאַראַ מין לעבן? — האָט זי געטראַכט. ער איז תמיד ביי די קראַנקע, אָדער מיט די ביכער ביים שרייב־טיש — נישט געשלאָפן, זעלטן ווען מיט

איר פאַרבראַכט און זי איז תמיד אַליין מיט דער באַלעבאַטישקייט... פירן זיי דען אַ נאָרמאַל משפחה־לעבן?... ווייסט דען די שטאָט פון איליאַס אידעאַליזם?... קריגן דען נישט אַנדערע מענטשן, וואָס ווייסן ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט, פיל מער כבוד ווי ער?... ווען וועט ער זיך שוין אויפוועקן — האָט וויערא געטראַכט מיט פאַרדרוס, הענגנדיק אויף איר מאַנס אָרעם מיט דער גאַנצער וואָג פון איר קליינעם קערפּער...

— גיב אַ קוק! — האָט זי פּלוצים דערהערט איליאַ סעמיאָנאָוויטשס שטימע. זי האָט אַ ציטער געטאָן און אויפגעהויבן די פאַרשלאָפענע אויגן. זי האָט דערזען אויף דער אַנדערער זייט פון דער ברייטער, גלאַזונער גאַס, אַ פרוי אין דעם ליכט פון דער פולער לבנה. די פרוי איז געשטאַנען אַ ווייל אויפן טראָטואַר אַנטקעגן דעם הויז, וווּ די ליעקאַרס האָבן געוווינט. דאַן האָט זי זיך פּלוצים אויסגעדרייט, זיך געלאָזט לויפן מיט דער גאַס, זיך ווידער אָפּגעשטעלט, זיך אומגעקערט צוריק צום הויז, איז געשטאַנען אַ ווייל אומאַנטשלאָסן, צוגעגאַנגען צו דער טיר פון הויז, אַ דריי געטאָן דאָס גלעקל און האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן גאַנצן קערפּער אויף דער טיר. פון די באַוועגונגען פון אירע שולטערס האָט מען געזען, אַז זי האָט זיך ביטער צעוויינט.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט באַפרייט זיין אָרעם פון וויעראַס הענט.

— אָרעמע פרוי — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן מיט פאַרדרוס — וועֶר ווייסט ווי לאַנג זי דרייט זיך דאָ אַרום ביי מיין טיר, און איך?... מייך גאָט!...

ער האָט איבערגעלאָזט זיין וויערא הינטער זיך און זיך געלאָזט לויפן איבער דער גאַס. ווען ער איז שוין געווען באַנעבן צו דער פרוי האָט זי זיך צו אים אויסגעדרייט און געבליבן שטיין אַ ווייל אָן לשון, ווי זי וואָלט דערזען אַ נס. דאַן האָט זי אַ כאַפּ געטאָן איליאַ סעמיאָנאָוויטשס האַנט און זי גענומען קושן.

— גאָט איז מיט אייך! — האָט איליאַ סעמיאָנאָוויטש אויסגעשריגן מיט כעס, — וואָס טוט איר.

ער האָט אַרויסגעריסן זיין האַנט, אָנגעכאַפּט די פרוי פאַר די

אַקסלען און זי אַ טרייסל געטאָן:

— וואָס טוט איר? נעמט זיך אין די הענט אַריין. וואָס איז געשען?

— מיין זון, מיין איינציקער זון...

— וואַרט, האָט ליעקאַר איבערגעריסן דער פרוי, וועלכע איז שוין אַ ביסל צו זיך געקומען — וואַרט איכ׳ל נעמען מיין טאַש. איר׳ט מיר אַלץ אויפן וועג דערציילן.

ער איז צוגעשפרונגען צו דער טיר, האָט פלינק זי געעפנט, אַריינ־געלאָפן אין הויז און באַלד צוריק אַרויסגעלאָפן מיט אַ לעדערנעם טאַש אין האַנט, אַ זאָג געטאָן צו זייך פרוי, וואָס איז שוין געשטאַנען נעבן אים — וואַרט נישט אויף מיר, ווייערוסיק, כ׳וועל קומען שפעט אַהיים — און האָט אַ שלעפּ געטאָן, נאָך זיך די אומגליקלעכע מוטער

— פּאַידיאָמטיע! (לאָמיר גיין!)

* * *

אין אַ פערטל שעה אַרום איז ליעקאַר שוין געווען אינעם צימער פון קראַנקן.

עס איז געווען אַ קליין צימערל, ווו דאָס אייזערנע בעטל, אַ קליין טישל ביים פענצטער, אַ שטול און אַ ביכער־עטאַזשערקע זענען געשטאַנען אַזוי נאָענט איינס צום אַנדערן, אַז פאַר אַן איבעריי־קער זאַך, אָדער אַן איבעריקן מענטשן איז געווען נישט לייכט זיך אַריינצושטופּן צווישן זיי. אויף דער וואַנט קעגן דעם בעטל איז געהאַנגען אַן איקאָנע מיט אַ רויכערדיקער לאַמפּאַדקע. דאָס קליינע פענצטערל איז געווען פאַרמאַכט. דער קראַנקער — אַ יונג פון אַ יאָר זיבעצן מיט אַ קליינעם, אָבער גוט געבויטן קערפּער איז גע־זייט אויף דער צווייטער...

זיין פאָטער, אַ הויכער, דאַרער מאַן, מיט אַ רויטער נאָז פון אַן אַלקאָהאָליקער און אַ שפּיציק בערדל, איז געזעסן ביים בעטל. ער האָט זיך שטאַרק באַמיט צוצודעקן דעם זון מיט דער קאָלדרע, און זיך געבעטן ביי אים:

— באַרויק זיך, סערגעי באַרויק זיך, מיין זון...

איליאַ ליעקאַר האָט גוט געקענט דעם מאַן. עס איז געווען פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש סמירנאָוו, דער לערער פון געשיכטע אין דער מלי־נער גימנאַזיע, וועלכן די שילער האָבן געגעבן אַ צונאָמען „קאַזיאָל" צוליב זיין שפּיציק בערדל, און אפשר אויך צוליב זיין אומבאַהאָל־פענעם אויסזען פון אַ נישט זיכערן אין זיך אַלקאָהאָליקער, וואָס איז נישט געווען צופרידן סיי מיט זיך אַליין, סיי מיט דער וועלט. ווען ער פלעגט זיך שטאַרק אָנשיכורן, פלעגט ער זיך שלאָגן אין ברוסט און זיך באַקלאָגן פאַר עמעצן: „דו ווייסט וואָס עס פעלט מיר? — עס פעלט מיר דער אמת. איך בין אַ פאַרשאָלטענער ליגנער..."

איליאַ ליעקאַר האָט אָבער תמיד געפילט, אַז אונטער דער שאָ־לעכץ פון דעם מאָדנעם גימנאַזיע־לערער באַהאַלט זיך גאָר אַ פיינער מענטש. די אומבאַהאָלפנקייט פון דעם אומגליקלעכן טאַטן האָט אים שטאַרק גערירט. ער האָט אים שטאַרק געדריקט די האַנט און גע־בעטן זיך צו באַרויקן:

— עס איז נישטאָ פון וואָס דעם קאָפּ צו פאַרלירן. אַ יונגער מענטש קאָן זיך ספּראַווען מיט דער קראַנקהייט, שוין אָפּגערעדט פון אַזאַ העלד, ווי אייער סעריאָזשאַ...

באַרויקט די עלטערן, איז איליא צוגעגאַנגען צום קראַנקן. ער האָט גענומען זיין האַנט און אָנגעהויבן ציילן דאָס קלאַפּן פון פולס. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. די שנעלקייט פון די בלוט־שטויסן איז געווען צו גרויס אפילו פאַר דעם יונגן אָרגאַניזם, וואָס קעמפט פאַר זיין לעבן. ער האָט אַראָפּגענומען די קאָלדרע פון בעט, אַראָפּ־גערוקט דאָס העמד פונעם קראַנקן און אָנגעהויבן פּרעסן פאָרזיכטיק זיין האַנט איבער די ווייכע טיילן פון דעם פּאַציענטס הייסן קערפּער און פלוצים אויפגעציטערט פון אַ שאַרפן, פאַראַליזירנדיקן ווייטאָג אין זיין אייגענער האַנט — דער קראַנקער האָט זיך געהאַט אויפגע־הויבן פון קישן און מיטן פולן שווונג פון האַנט אַ זעץ געטאָן איבערן פילבאַרן פלאַץ נאָענט צו ליעקאַרס עלנבויגן. איליאַ סיעמיאָנאָוויטש האָט פאַרביסן די ליפּן, כדי נישט אויסשרייען פון ווייטיק, ער האָט געוואָלט אָנכאַפּן דעם קראַנקן מיט זיין געזונטער לינקער האַנט, אָבער

סערגעי סמירנאָוו איז שוין אַליין צוריקגעפאַלן אויפן קישן אין אַ נייעם אָנפאַל פון שוואַכקייט.

די עלטערן האָבן אַרויסגעלאָזן איינצייטיק אַ פאַרשטיקטן וויי־געשריי, ווי זיי אַליין וואָלטן דעם זעץ געקראָגן, אָבער זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך צו רירן פון אָרט, אָדער זאָגן עפּעס, ווי איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט זיך צו זיי אויסגעדריקט מיט אַ געמאַכטן שמייכל אויף זיין בלייכן פּנים:

— ס׳איז גאָרנישט. ס׳איז אַ גוטער באַווייז אַז אייער סיערעאָזשע קלייבט זיך נישט שטאַרבן...

ער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צום קראַנקן און אויפגעהערט שמייכלען. ער איז געווען אין כּעס, אויף אַן אמת אין כּעס. זיין האַנט האָט אים ווי געטאָן. אַ ווייל האָט ער זי כּמעט נישט געקאָנט באַ־וועגן. אינעם צימערל איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. אַ געזונטער האָט דאָ געקאָנט דערשטיקט ווערן און דאָ ליגט אַ קראַנקער, וואָס באָדט זיך אין זיין שווייס און ליגט אין דער שטיקנדיקער נאַסקייט, וואָס דערמאָנט אין אַ פאַרנאַכלעסיקטן קינדישן בעט... ניין, דאָס איז נישט קיין פּלאַץ פאַר אַ קראַנקן!...

ער האָט גאָרנישט געזאָגט די עלטערן און איז מיט דעם זעלבן אומגעצווונגענעם שמייכל אויפן פּנים אַרויס פון דעם צימערל אין אַן אַנדערן, גרעסערן, פון וועלכן ער איז אַהער אַריינגעקומען.

ס׳איז געווען אַ גאַנץ גרויסער צימער מיט צוויי גרויסע פענצ־טער און גלעזערנער טיר, וואָס האָט געפירט גלייך אין אַ גאָרטן אַריין. ער איז צוגעגאַנגען און געעפנט די פענצטער. פון דרויסן האָט זיך אין צימער אַריינגעריסן אַ שטראָם פרישע לופט מיט ריחות פון פייכטע גראָז און רייפער פרוכט, וואָס האָט אים באַלד אָפּגע־פרישט און איינגעשטילט זיין כּעס.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער שטוינענדיקער מוטער, וועלכע איז אַריין נאָך אים אין גרויסן צימער.

— האָט איר אפשר אין הויז אַ ברייט, שטאַרק בעט? — האָט

ער ביי איר געפרעגט שטיל.

— יאָ, אָבער...

— גוט, ברענגט עס באַלד אַהער. און האָט איר ריינע ליילעכער, ציכלעך, וועש... איר האָט? — גוט! מאַכט אַ בעט דאָ ביי דער וואַנט... מירן אָפּרוקן דעם טיש... ציט אָן די ליילעכער שטאַרק... טשעפּעט נישט די פענצטער... טוט אַזוי ווי איך זאָג אייך. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל און פאַרקאַטשעט די אַרבל:

— גרייט מיר צו הייס וואַסער. גיט מיר אַ פּאָר האַנטיכער... גוט!...

ער איז דאַן אַריין אין קליינעם צימערל אַרומגעוואַשן דעם קראַנקן מיט וואַרעם וואַסער, אים אויסגעריבן מיט אַלקאָהאָל, אים אויך אָנגעריבן אויף זיינע שטאַרקע הענט און אויסגעשריגן:

— „איצט פאַרמאַכט דאָרטן די פענצטער!". ער האָט אַריינגעבראַכט דעם חולה אין דעם גרעסערן צימער, וואָס איז איצט געווען אָנגעפילט מיט פרישער לופט און האָט אַוועקגעלייגט דעם קראַנקן אויפן פריש־געמאַכטן בעט.

עס איז שוין געווען נאָך צוויי בייגאַכט ווען איליא סעמיאָנאָוויטש איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט אַרום דעם חולה און אים גע־מאַכט איינצושלאָפן. דאַן האָט ער אָפּגעוואַשן די הענט און צוזאַמענ־גענומען די אינסטרומענטן.

די באַרויקטע עלטערן האָבן זיך באַמיט אים בייהילפיק צו זיין. זיי האָבן געקוקט אויף זייער בן־יחיד מיט פרייד אין זיינע מידע אויגן. ער איז איצט אַזוי רויק געשלאָפן ווי עפּעס אַ נס וואָלט אַריינגע־הויכט נייע כוחות אין זיינע אָדערן. זיי האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי זיי זאָלן באַדאַנקען דעם מענטשן, וועלכער האָט באַוויזן עס אויפצו־טאָן. זיי האָבן געדאַנקט מיט די וואַרימסטע ווערטער, געדאַנקט פון גאַנצן האַרצן, אָבער איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט עס כמעט נישט גע־הערט. ער האָט געשמייכלט מעכאַניש און גערעדט מעכאַניש:

— ס'איז גאָרנישט, ס'איז מיין מלאכה, מיין פליכט... כ'האָב געטאָן, וואָס יעדער איינער אויף מיין פּלאַץ וואָלט געטאָן... רעצעפּטן?

ס׳וועט נישט זיין קיין שום רעצעפּטן?... כ׳גלויב, אַז אייער זון האָט אַ סאָרט טיפוס... וואָס ער דאַרף האָבן איז דאָס זעלבע וואָס מיר אַלע דאַרפן האָבן — פרישע ליילעכער, פרישע וועש פרישע לופט, אַ סך וואַסער אויף האַלטן דעם קערפּער ריין... רופט מאָרגן אַ דאָקטאָר... פאַרוואָס נישט?! גוט, איכ׳ל אַליין קומען... היינט?... היינט וועל איך דאָ נעכטיקן... איר גייט שלאָפן. דער שלאָף איז די בעסטע רפואה אין דער וועלט... ס׳וועט אייך אויך צונוץ קומען... זאָרגט זיך נישט וועגן אייער סיעריאָזשע.. איכ׳ל אים דאָ אָפּהיטן ביז אינדערפרי... איר האָט אַ ווייכן שטול?... אויסגעצייכנט... זייער אַ גוטער שטול... אַ גוטע נאַכט... סערגעי סמירנאָוו, סערגעי סמירנאָוו, אַזאַ פּשוטער רוסישער נאָמען... ער וועט לעבן, אייער זון, און איר וועט פון אים נאָך פיל נחת האָבן...

אויף צומאָרגנס, פּונקט צען אינדערפרי, נאָכן איינשלינגען אַ שיסעלע קאַשע, אַ פּאָר אייער און אַ גלאָז טיי, מיט אַ דערשטוינענ־דיקער שנעלקייט, וואָס איז בפירוש פאַרבאָטן אין אַלע מעדיצי־נישע ביכער, איז אילאַ סעמיאָנאָוויטש געווען אין זיין קאַבינעט, אָפּגעוואַרט דעם ערשטן פּאַציענט און זיך שטאַרק באַמיט צו האַלטן זיך וואַך.

9

אַ געזעץ, וואָס איז פאַרשריבן אין הארצן

— כ׳גלויב אַז מיר קאָנען אָנפאַנגען — האָט געזאָגט אַהרן לעסניק און זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ ביים לאַנגן טיש.

— איך וויל נאָר זאָגן אַ פּאָר ווערטער, כדי קלאָר צו מאַכן גע־וויסע זאַכן פאַר זיך אַליין און פאַר אייך: אַלטער, און וואָלף מאַרקאָוויטש.

אהרן האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף גראַדינען און אויף אַ שטאַרק געבויטן מיטל־וווקסיקן יונג, מיט אַ בלייכן פּנים פון אַ מענטשן, וועלכער האָט ערשט נישט לאַנג צוריק דורכגעמאַכט עפּעס

א קראַנקהייט. זיי זענען געזעסן ביים אַנדערן עק טיש אַנטקעגן אהרנען, משה גאָטליבן און איליאַ ליעקאַרן אין דעם זעלבן עס־צימער, אין וועלכן ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט אהרן געפּראַוועט דעם חנוכת־הבית יום־טוב. איצט, ווען עס זענען דאָ געווען נאָר פינף מענטשן און, ווען קיינער חוץ אהרנען האָט נישט גערעדט, האָט דאָס צימער אויסגעזען פיל גרעסער ווי דעמאָלט און אהרנס שטימע האָט זיך געלאָזט הערן פיל שטאַרקער:

— איר זענט געקומען צו אונדז. — האָט ער פאָרגעזעצט נאָך אַ ווייל טראַכטן — מיט אַ סכסוך וואָס איר אַליין קאָנט צווישן זיך נישט אויסגלייכן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מ'רן דאָ געפינען עפּעס אַן אויסוועג, וואָס זאָל צופרידנשטעלן אייך ביידע. ס'קאָן אָבער אויך זיין, אַז דאָס וועט אונדז נישט געלונגען, אַז אונדזער באַשלוס וועט זיין גינסטיקער פאַר איין צד, ווי פאַרן אַנדערן. עס איז באַטירלעך, אַז אין אַזאַ פאַל וועט איינער פון אייך זיך פילן באַעוולט. פרעגט זיך אַ קשיא: וועט איר — און איך באַטאָן דאָס — זיך אונטערוואַרפן די באַשלוסן, וואָס מיר, דאָס הייסט, איך, משה גאָטליב און איליאַ סעמיאָנאָוויטש, וועלן דאָ אָננעמען? מיין ענטפער איז יאָ. כ'וויל אָבער קלאָר מאַכן פאַרוואָס איר וועט זיך מוזן אונטערוואַרפן אונדזערע באַשלוסן, כדי אויסמיידן די מיספאַרשטענדעגישן, וואָס זענען אונדז אַלעמען גוט באַקאַנט...

— מיר זענען נישט קיין ריכטער, הינטער אונדזערע פּלייצעס שטייט נישט קיין כוח פון אַ געזעץ, פון אַ מלוכה, דאָס הייסט: מיר האָבן נישט קיין פולמאַכט פון דרויסנדיקער מאַכט, וואָס קאָן איינעם צווינגען אויסצופאָלגן אַן אורטייל, אָבער מיר האָבן די פולמאַכט פון אייך אַליין. די פראַגע איז: וואָס פאַר אַ מין מאכט האָט איר אונדז אַליין געגעבן? זענט איר גרייט זיך צו פאַרלאָזן אויף אונדז? זענט איר גרייט אויסצופירן די באַשלוסן פון מענטשן, וואָס איר האָט אַליין — לאָמיר דאָס באַטאָנען נאָך איין מאָל — וואָס איר האָט אַליין גערופן צו אורטיילן צווישן אייך? אויב איר זענט געקומען צו אונדז,

גלויבט איר, מסתמא, אַז איר האָט צו טאָן מיט דריי מענטשן, וואָס פאַרדינען אייער צוטרוי, וואָס האָבן קיין שום פערזענלעכע אינטע־רעסן אין דעם געגעבענעם סכסוך נישט, און זענען אין אַ בעסערער לאַגע צו זען וואָס איז יושרדיק און וואָס נישט, ווי יעדער פון אייך, פשוט צוליב דעם, ווייל איר זענט פאַראינטערעסירטע צדדים. זענט איר גרייט צו פאָלגן אונדזער פסק־דין?

— דאָס איז איין פראַגע און איך וויל, אַז יעדער פון אייך זאָל מיר געבן אויף דעם אַ קלאָרן ענטפער — יאָ, אָדער ניין?

— וואָס ווילסטו זאָגן, אַלטער?

— איכ׳ל אָננעמען דאָס וואָס איר׳ט באַשליסן — האָט אַלטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— גוט! איך וויל דיר אָבער אָנווייזן, אַז איך און משה זענען גוטע פריינד פון וואָלף מאַרקאָוויטשן, און איליא סעמיאָנאָוויטש — ווי דו ווייסט — איז זיינס אַ שוואָגער, גלויבסטו אַז דאָס וועט נישט באַאיינ־פלוסן אונדזערע באַשלוסן לטובת וואָלף מאַרקאָוויטשן?

— איך קען אייך נישט פון היינט. אהרן לייב, און איך קען איליא סעמיאָנאָוויטשן נישט פון היינט. איך גלויב, אַז איר׳ט מיך באַהאַנדלען יושרדיק. צוליב דעם בין איך אַהער געקומען, און איך ווייס וואָס איך טו.

— גוט! און דו, וואָלף מאַרקאָוויטש, וואָס איז דיין ענטפער?

— מיין ענטפער איז: יאָ.

— דערוואַרטסטו פון אונדז אַ יושרדיקן פסק דין?

— אָן צווייפל.

— וועסט זיך אונטערוואַרפן אונדזערע באַשלוסן?

— וואָס פאַר אַ פראַגע?

נו גוט! לאָמיר איצט הערן וואָס יעדער פון אייך האָט צו זאָגן. אַלטער וואָס איז דיין טענה?

— אַלטער איז אויפגעשטאַנען פון פלאַץ. ער איז געוואָרן נאָך בלייכער ווי פריער. ער האָט אָנגעהויבן דערציילן מיט אַ ציטערנדי־קער שטימע:

— כ׳אַרבעט שוין ביי וואָלף מאַרקאָוויטשן אַ לאַנגע צייט און גאָט איז מיין עדות, כ׳אַרבעט זייער שווער... נו, האָב איך זיך מיט אַ חודש צוריק אונטערגעריסן ביי דער אַרבעט. מען האָט מיך געמוזט אָפּערירן, האָט עס מיך אַריינגעטריבן אין חובות... איצט אָבער נעמט אַראָפּ וואָלף מאַרקאָוויטש פון מיינע שכירות, ווייל ער האָט געגעבן מיין מאַמען געלט פאַר דריי וואָכן ווען איך בין געווען קראַנק. קאָן איך מיט דעם ביסל געלט, וואָס איך קריג, נישט אויסקומען. אין שטוב איז מען הונגעריק. איך בין דער איינציקער פאַרדינער און איך גלויב, אַז וואָלף מאַרקאָוויטש דאַרף מיר באַצאָלן. איך בין געוואָרן קראַנק ביי דער אַרבעט וואָס איך האָב געטאָן פאַר אים.

— וואָס זאָל איך נאָך זאָגן ?... ס׳איז מיר נישט גוט, אָבער דער עיקר — ס׳קומט מיר...

אַלטער האָט אַ פאַררויטלטער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ. ער האָט זיך געפילט פאַרלוירן. ער איז איצט נישט געווען זיכער ביי זיך און ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן געמאַכט צום נאַר. אפשר קומט אים טאַקע גאָרנישט ?

אַהרן לעסניק האָט באַמערקט דעם אומבאַהאָלפענעם אויסדרוק אויף זיין פּנים און זיך איבערגעקוקט מיט משה׳ן און איליאַ סעמיאַ־נאָוויטשן.

— מעג איך דיר שטעלן אַ פּאָר פראַגן, — האָט איליאַ סעמיאַ־נאָוויטש געפרעגט אַלטערן ?

— זיכער.

— ווי לאַנג האָסטו געאַרבעט ביי וואָלף מאַרקאָוויטשן ?

— מער ווי פינף יאָר.

— וואָס טוסטו ביי אים ?

— איר ווייסט דאָך, כ׳בין אַ פּריקאַזשטשיק.

— דאָס ווייס איך, אָבער וואָס טוסטו ? וואָס איז דיין אַרבעט ?

— כ׳עפן די קלייט, כ׳פאַרמאַך די קלייט. כ׳פאַרקויף סחורה. כ׳ברענג די סחורה פון דער סטאַציע.

— וואָס נאָך ?

— וואָס קאָן דאָ זיין נאָך? דאָס אַלץ... חוץ דעם איז דאָרט נישטאָ וואָס צו טאָן.

— און וואָס טוט וואָלף מאַרקאָוויטש?

— וואָס הייסט, וואָס טוט ער? ער איז דאָך דער בעל־הבית. ער שטייט ביי דער קאַסע. ער באַשטעלט די סחורה און בכלל...

— גוט, דאָס אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט וויסן.

— זענען דאָ נאָך פראַגן? — האָט אהרן געפרעגט משה׳ן.

— ניין! איך האָב נישט מער קיין פראַגן — האָט משה געענטפערט מיט אַ מידן טאָן.

— איך האָב אַ פּאָר פראַגן — האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, וואָלף מאַרקאָוויטש — מעג איך פרעגן?

— מ־מ־מ, גוט, — פרעג — האָט אהרן געענטפערט נאָך אַ מינוט צווייפלען.

— ווי אַזוי האָסטו זיך אונטערגעריסן, אַלטער?

— כ׳האָב אויפגעהויבן אַ פּאַק אייזן.

— האָב איך דיר געזאָגט דו זאָלסט דאָס טאָן?

— ניין! איר האָט מיר נישט געזאָגט. איר זאָגט מיר קיינמאָל נישט וואָס צו טאָן. כ׳טו אַלץ אַליין.

— נישט דאָס מיין איך, אַלטער, נישט דאָס מיין איך. וועסטו לייקענען, אַז איך האָב דיר עטלעכע מאָל געזאָגט דו זאָלסט רופן פעדאָטן ווען דו דאַרפסט אויפהויבן אַ שווערן פּאַק אייזן? דו ווייסט, אַז ער איז אין קלייט פאַר דעם צוועק, — אפשר ווייסטו דאָס נישט?

— יאָ, דאָס איז אמת, האָט אַלטער באַשטעטיקט מיט אַ געפאַלע־נער שטימע — אָבער...

וואָלף מאַרקאָוויטש האָט צעפּירט מיט די הענט און אַ זיפץ געטאָן: איך האָב מער נישט קיין פראַגן.

— ווילסט עפּעס צוגעבן? — האָט אים אהרן געפרעגט גאַר שטיל.

— ניין! כ׳גלויב נישט, אַז מען דאַרף עפּעס צו דעם צוגעבן. דאָס וואָס אַלטער האָט אַליין געזאָגט באַווייזט גאַנץ קלאָר, אַז ס׳איז נישט מיין שולד... און דאָס וואָס איך נעם אַראָפּ פון זיינע שכירות איז

נאָר דאָס געלט, וואָס איך האָב אים באַצאָלט אין פּאַרויס... ס'איז אַ נאַטירלעכע זאַך און איך פאַרשטיי איינגאַנצן נישט, ווי אַזוי קאָן מען זען אין דעם אַן עוולה... ניין! כ'האָב נישט מער וואָס צו זאָגן.

— זייער גוט — האָט אהרן אַ זיפץ געטאָן — איך וואָלט איצט געבעטן אייך ביידע אַרויסגיין אויף דער וועראַנדע. דער טאָג אין דרויסן איז אַ פיינער, און מיר'ן אייך לאַנג נישט פאַרהאַלטן.

—נו, וואָס וועסטו זאָגן, משה, האָט אהרן געפרעגט, ווען וואָלף מאַרקאָוויטש און אַלטער האָבן הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר.

— איכ'ל זאָגן, אַז וואָלף מאַרקאָוויטש איז כ'בעט איבער אייער כבוד — אַ גרויסער חזיר. דער יונג איז זייער אַ ווילער, אַ פרומער יונג. ער אַרבעט דאָרטן ביי אים ווי אַ טייוול. אַן אים וואָלט וואָלף מאַרקאָוויטש ווייט נישט פאַרפאָרן. ער וואָלט, מסתמא געדאַרפט אָנ־שטעלן צוויי מענטשן אויף זיין פּלאַץ, סיידן ער וואָלט ערגעצוווּ גע־פונען אַן אַנדערן, אַזאַ מזיק ווי אַלטער. וואָלט ער געמעגט אים אַרויס־העלפן. אָבער יורידיש איז ער גערעכט. אַז ער וויל נישט יענעם העלפן, קאָן ער זיך זיין וואָס איר ווילט, אָבער מוזן, מוז ער נישט. נישטאָ אַזאַ געזעץ וואָס זאָל עמעצן צווינגען צו געבן אַ נדבה. וואָס ער מוז טאָן — צאָלן די שכירות — טוט ער דאָס יאָ. גלויב איך, אַז מיר קאָנען אים דערמאָנען, אַז אַ מענטש מוז האָבן גאָט אין האַרצן — ווייטער פון דעם קאָנען מיר נישט גיין...

— גאָר אַזוי?! — האָט זיך אָנגעצונדן דער מידער איליאַ סעמיאַ־נאָוויטש ליעקאַר און האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ. — און איך גלויב, אַז עס האַנדלט זיך דאָ גאָרנישט אין קיין נדבה. אַ שיינע נדבה! — איך נעם אַרויס פון דיין טאַש און גיב דיר אַ נדבה. פאַרשטייט איר דען נישט, מאָיסעי באָריסאָוויטש, אַז אַלטער האָט אַ היפשן חלק אין דעם וואָס וואָלף מאַרקאָוויטש פאַרמאָגט. קומט אים עפּעס דערפון? כ'גלויב אַז עס קומט אים. און אויב מיין גראַדין וואָלט אים אפילו באַצאָלט פאַר די עטלעכע וואָכן, וואָס אַלטער איז געווען קראַנק, פּלוס די הוצאות אויף היילן זיך, וואָלט ער אים דעם גאַנצן חלק מיט דעם נישט אָפּגעצאָלט... וואַרט אַ מינוט, וואַרט אַ מינוט, כ'ווייס וואָס

איר׳ט זאָגן, איר׳ט זיכער זאָגן, אַז דאָס זענען סאָציאַליסטישע געדאַנ־קען און אַזוי ווייטער, אָבער איך גלויב, אַז דאָס איז אַ פשוטער פאַקט. וואָס איר, מאָיסעי באָריסאָוויטש, האָט אַליין באַשטעטיקט אין אָנפאַנג פון אייערע רייד, ווען איר האָט זיך באַנוצט מיטן וואָרט חזיר. לייג איך פאָר־ מיר זאָלן פסקענען, אַז אַלטער דלין דאַרף קאָמפענסירט ווערן פאַר דער פאַרלוירענער אַרבעט־צייט אַזוי גוט ווי פאַר זיינע הוצאות אויף דער אָפּעראַציע... זאָל דער יונג געני׳סן פון זיין שווערער פראַצע גראָד דאַן, ווען ער נויטיקט זיך אין דעם אַזוי שטאַרק...

איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פלאַץ און האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן... ער איז געווען אויך אַן אמתן אויפגעבראַכט, כאָטש אויף קיינעם נישט אין כעס...

אהרן לעסניק האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

— באַרויקט זיך, איליא סעמיאָנאָוויטש, באַרויקט זיך. איך גלויב, אַז מיר קאָנען דאָ אָננעמען אַ יושרדיקן באַשלוס, אָן בייז בלוט און אָן דער הילף פון קאַרל מאַרקס, בפרט, ווען עס איז אייגנטלעך נישט קיין גרויסער אונטערשיד צווישן דעם וואָס אירביידע זאָגט.

משה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ שמייכל געטאָן. ער האָט געטראַכט: האָסטו געזען אַ דיפּלאָמאַט?

אהרן האָט באַמערקט דעם שמייכל און האָט זיך געווענדעט צו משה׳ן:

— פאַרוואָס זאָג איך דאָס? וואָס גיט מיר דאָס רעכט צו זאָגן, אַז איר זענט נישט ווייט איינער פון אַנדערן? איך זאָג דאָס אויפן סמך פון דעם, וואָס איר ביידע האָלט עס פאַר נישט קיין שיינער האַנד־לונג. דאָס איז אייער סענטימענט. דאָס קומט ביי אייך ביידן פון האַרצן. פרעג איך ביי אייך, פונוואַנען איז געדרונגען, אַז עפּעס אַ געזעץ, אַז עפּעס אַ מעכאַנישע זאַך, אַ זאַך וועלכע ווערט ארויפגע־צוווּנגען אויף אַ מענטשן דורך עפּעס אַן אויטאָריטעט, פאַרוואָס גראָד אַזאַ זאַך איז אַ מוז, און אַ מאָראַלישער געזעץ וואָס איז אָנגעשריבן אין האַרצן איז אַ זאַך, וואָס איז דווקא נישט קיין מוז. ווילסט זיך רעכענען דערמיט — טו דאָס; ווילסט נישט — פּוץ זיך אין דעם ווי

מיט שיינע פעדערן און זיי זיך אַ... ווי אַזוי האָסטו, דאָס באַצייכנט, משה?...

—איך גלויב, אַז גראָד פאַר אונדז, ביי דער געלעגנהייט, דאַרף דאָס זיין פונקט פאַרקערט. קיינער פון אונדז קלייבט זיך נישט פוצן דעם, איר ווייסט וואָס איך מיין, אין שיינע פעדערן, בפרט, ווען וואָלף מאַרקאָוויטש איז נישט אַזוי פאַרדאַרבן, ווי ס'וואָלט זיך געקאָנט אויסדוכטן. אויב דאָס וואָלט זיין אַזוי, וואָלט ער אַהער צו אונדז — „צו מענטשן" — נישט געקומען. ער וואָלט געטאָן זיינס און רוף מיך קנאַק־ניסל. ער איז אָבער יאָ אַהער געקומען. פאַרוואָס? ווייל ער איז נישט אַזוי זיכער אין זיך ווי ער מאַכט זיך, ווייל ער זוכט פון אונדז דעם מאָראַלישן יושר־כוח...

— עס דערמאָנען זיך מיר די ווערטער פון פרק: „אל תפרוש מן הציבור ואל תאמין בעצמך עד יום מותך" — פאַרשטייסט דאָס, איליא סעמיאָנאָוויטש? — טייל זיך נישט אָפּ פון דיין געזעלשאַפט און פאַרלאָז זיך נישט אין גאַנצן אויף זיך אַליין ביזן טאָג פון דיין טויט.

— אַזוי זאָגט דער פרק, און כאָטש איך בין, ווי איר ווייסט, נישט פרום, גלויב איך, אַז דאָס איז אַ גוטע עצה פאַר אַ מענטשן. און אַז וואָלף מאַרקאָוויטש האָט עס געהאַט אין זינען, ווען ער איז געקומען צו אונדז און האָט אונדז געמאַכט פאַר די ריכטער איבער זיינע האַנדלונגען, דאָס איז אַ פאַקט. און דער פאַקט שטעלט פאַר אונדז צוויי מעגלעכקייטן:

אָדער מירן פאַדערן פון וואָלפן אַ יושרדיקע האַנדלונג און אַליין אָוועקגיין פון דאַנען מיט אַ ריינעם געוויסן, אָדער מירן באַפוצן — אַנטשולדיק מיר — דעם חזיר מיט שיינע פעדערן און זיך אַליין שטעלן אין דער לאַגע פון דער דאָזיקער חיה — באַפוצט אין שיינע פעדערן.

אַזוי זעט אויס די מעשה. וויל איך דיך פרעגן משה: וואָס קלייבסטו אויס.

— כ'האָב דען אַ ברירה?... כ'וואָלט דיר אָבער געוואָלט דערמאָנען, אַז אין דעם זעלבן פסוק, וואָס דו האָסט דערמאָנט, שטייט ווייטער געשריבן: ואל תדין את חברך עד שתגיע למקומו...

— פונדעסטוועגן האָסטו אַליין פאַרדאַמט וואָלף מאַרקאָוויטשן. מיט וועלכן רעכט האָסטו דאָס געטאָן? ווייל דו געפינסט זיך פאַקטיש אין זיין לאַגע און ווייסט זייער גוט, אַז נישט יעדער איינער אין אַזאַ לאַגע פירט זיך אויף ווי ער. טאָ לאָמיר זיך נישט נאַרן און טאָן דאָס וואָס פאָדערט פון אונדז דאָס געוויסן...

— איך שטעל צו אָפּשטימונג איליאַ סעמיאָנאָוויטשס פאָרשלאָג. ווער איז פאַר דעם פאָרשלאָג?

דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען איינשטימיק.

אהרן האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט צוגערוקט צו זיך אַ בלאַט ווייס פאַפּיר, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, האָט צוגערוקט צו זיך אַ טינטער מיט אַ פען, האָט פאַרשריבן דאָס בלאַט מיט גלייכע שורות פון אַן איינשטימיקן, מאָטיווירטן פּסק־דין. ער האָט אונטערגעשריבן דאָס פאַפּיר און עס געגעבן לייענען און אונטערשרייבן די צוויי אַנ־דערע ריכטער. ער האָט דאַן אָנגעקלאַפּט אין פענצטער פון דער וועראַנדע.

אין צימער איז אַריין צוערשט וואָלף מאַרקאָוויטש גראָדין און דאַן אַלטער.

זיי זענען געבליבן שטיין ביים טיש. די ריכטער האָבן זיך אויפגע־שטעלט.

אהרן האָט זיך אויסגעהוסט און אָנגעהויבן לייענען:

— דאָס איז דער באַשלוס וואָס מיר, די אונטערגעשריבענע, האָבן אָנגענומען, נאָך אַ לאַנגן עצה׳ן זיך מיטן אייגענעם געוויסן. דער באַשלוס און דער איינציקער וואָס ס׳איז געווען מעגלעך און איז אין איינקלאַנג מיטן אמת און יושר:

—נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דלין איז אַן איבערגעגעבענער, טיכ־טיקער אַרבעטער, וואָס דערפילט זיינע פליכטן בשלמות; נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז ער האָט זיך באַשעדיקט דאָס געזונט צוליב זיין איבער־געבנהייט און נישט טראַכטן וועגן זיך אַליין, כאָטש ער וואָלט געדאַרפט דאָס טאָן און איז געווען געוואָרנט דאָס צו טאָן פון חשובן וואָלף מאַר־קאָוויטש גראָדין, נעמענדיק אין באַטראַכט די שווערע לאַגע אין וועלכער דער אויבן דערמאָנטער, אַלטער דלין, געפינט זיך, אַזוי ווי אויך דעם

פּאַקט, וואָס דער חשובער וואָלף מאַרקאָוויטש נויטיקט זיך אין אַזאַ מענטשן ווי ער איז, האָבן מיר באַשלאָסן: אַז דער חוב פון אַלטער דלין צו וואָלף מאַרקאָוויטש גראַדי׳נען מוז זיין אינגאַנצן אָפּגעמעקט פון די ביכער. וואָלף מאַרקאָוויטש גראַדין דאַרף באַצאָלן די אויסגאַבן אויף זיך היילן אַזוי, אַז אַלע חובות פון אַלטער דלין אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אומגליק־פאַל זאָלן זיין געדעקט.

— דער פסק דין איז פאַרפאַסט געוואָרן אין הויז פון אהרן לייב לעסניק, יולי דעם 16טן, 1914. אונטערגעשריבן פון: אהרן־לייב לעסניק. משה גאָטליב, איליא סעמיאָנאָוויטש ליעקאַר.

אהרן האָט אָוועקגעלייגט דאָס בלעטל פּאַפּיר אויפן טיש און זיך אָוועקגעזעצט. משה גאָטליב און איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָבן געטאָן דאָס זעלבע. אַלטער דלין האָט זיך פאַררויטלט פון דער אַנגעּנעמער איבעראַשונג און האָט זיך אויך אָוועקגעזעצט ביים טיש, כאָטש ער איז נישט געווען זיכער, אַז דאָס איז די זאַך, וואָס ער מוז איצט טאָן.

וואָלף מאַרקאָוויטש גראַדין איז געבליבן שטיין. עס האָט אין דעם צימער זיך אויף אַ ווייל איינגעשטעלט אַ שטילקייט, אין וועלכער ס׳האָט זיך שטאַרק געהערט דאָס שווערע אָטעמען פון וואָלף מאַרקאָוויטש, וועלכער האָט געהאַט אַ טבע צו אָטעמען דורך דער נאָז, ווען ער איז געווען זייער שטאַרק אויפגערעגט.

ער איז געווען דערשטוינט און אויפגעבראַכט. ער האָט געקוקט אויף אַהרנען; אויף איליא סעמיאָנאָוויטשן און אויף משה גאָטליבן, ווי ער וואָלט זיי קיינעם נישט געקאָנט דערקענען. ער האָט שטילער־הייט איבערגעחזרט פאַר זיך די ווערטער פון פסק דין:

דער חוב מוז אינגאַנצן אויסגעמעקט ווערן פון די ביכער...

ער האָט עס נישט געקאָנט באַנעמען. וואָס הייסט: „דער חוב מוז אויסגעמעקט ווערן פון די ביכער״? ווו און ווען איז געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך?

עס איז אים געגאַנגען נישט אין געלט. עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט אין פיל מער ווי געלט, ער האָט געפילט, אַז מען האָט אים דאָ געשטעלט אין דער לאַגע פון אַן אָפּגעשמיסענעם יינגל. מען האָט אים אַרויסגע־

שטעלט אין אַ מיאוס ליכט. מען האָט זיך פון אים פשוט אויסגעלאַכט, און ווער? פּאַרקנייטשטע פּראָווינציאַלן, קליין־שטעטלדיקע חכמים. זיי האָבן זיך פשוט אָנגעכאַפּט פאַר דער געלעגנהייט אים צו דערנידעריקן. וואָלף מאַרקאָוויטש איז געווען זיכער, אַז דאָס איז אַזוי. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם זיצנדיקן, פאַררויטלטן אַלטער דלין און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אַלטער האָט אויף זיין פּנים אַ באַליידיקדיקן שמייכל פון אַריינגעכאַפּטן ניצחון.

וואָלף מאַרקאָוויטשס פּנים איז געוואָרן נאָך רויטער ווי געוועזן. ער האָט פאַרגעסן אין זיין צוזאָג זיך אונטערוואַרפן דעם פּסק־דין, ער האָט אפילו פאַרגעסן אין די גוטע מאַניערן, מיט וועלכע ער האָט זיך געפּרווט אויסטיילן צווישן פּראָווינץ־מענטשן. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס, האָט ער אויסגעשריגן הייזעריק, אַ קאָמעדיע? זענט איר פון זינען אַראָפּ? האָט איר פאַרגעסן מיט וועמען איר האָט צו טאָן?...

ער האָט זיך איבערגעהאַקט אינמיטן די רייד.

אהרן האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. ער האָט געקוקט אויף גראַדינען מיט פאַרוואורף אין די אויגן און שווייגנדיק אים איינגעלאַדן צו פאַרלאָזן זיין הויז.

ער האָט געטראַכט: מיר האָבן נישט פאַרגעסן, מיר האָבן פשוט נישט געוווּסט...

וואָלף מאַרקאָוויטש האָט געכאַפּט זיין הוט פון שטול און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער. ער האָט געשעפּטשעט מיט כעס:

— אַ משוגעים־הויז, אַן אמתדיק משוגעים הויז...

ווען ער איז אַרויס איז אהרן צוגעגאַנגען צו אַלטערן און האָט צו אים געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ באַפעל:

— מאָרגן גיי צו דער אַרבעט. דו האָסט די שליסלען פונעם קלייט?

— גוט, גיי צו דער אַרבעט, ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט... און זאָרג זיך נישט — האָט ער שוין צוגעגעבן ווייכער, ווען ער האָט באַמערקט דעם אויסדרוק פון פאַרלעגנהייט אויף אַלטערס בלייכן פּנים

— זאָרג זיך נישט, ער וועט זיך איבערלייגן, ער׳ט דיר נישט דרייען קיין ספּאָדיק און אַלץ באַצאָלן...

משה גאָטליב און איליאַ ליעקאָר האָבן פאַרלאָזט אהרנ׳ס הויז באַלד נאָך אַלטערן. זיי האָבן שטאַרק געדריקט אהרנס האַנט. אהרן איז באַלד נאָך זיי אַרויס אויף דער ווערענדע אָנשעפּן אַ ביסל פרישע לופט.

דאָ ביים סאַמע אַריינגאַנג, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף אַ קאָלאָנע סיאָמאַ רובין, ער איז געווען אַ יונג פון אַ יאָר דריי און צוואַנציק, מיט געדיכטע, שוואַרץ־געקרייזלטע האָר, מיט אַ גרויסער קרומער נאָז, דיקע ליפּן און שטאַרקן קין. ער האָט געאַרבעט ביי אהרן לעסניקן אַלס אַ וואַלד־אָנגעשטעלטער און גלייכצייטיק פאַרנומען אַ באַזונדערן פּלאַץ אין זיין משפּחה. ער איז פאַקטיש באַטראַכט געווען אַלס איינער פון דער משפּחה, און פון די קינדער, אַלס דער עלטערער ברודער.

ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן לויטערן אָוונט־הימל, וועלכער האָט אויף זיך נאָך געטראָגן איידעלע, גאָלד־רויטלעכע סימנים פון שקיעה כאָטש דער אויפברויז פון הערלעכע קאָלירן איז שוין געווען פאַריבער.

אהרן האָט אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף סיאָמעס אַקסל. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, עפּעס פּאָטערלעך־וואַרעמס, צו סיאָמען און האָט נישט געפונען קיין פּאַסיקע ווערטער. ער האָט נאָר אַ קוועטש געטאָן סיאָמעס אַקסל מיט זיין שטאַרקער האַנט און איז געבליבן שטיין נעבן אים — אַ שותּף אין פריינטשאַפטלעכן שווייגן.

דער טאָג איז שוין געווען כמעט פאַריבער. דער בלויער טייל פון הימל האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעשפּרייט צום סאַמע האָריזאָנט, לעשנדיק מיט דער קעלט פון נאַכט די לעצטע פלעמעלעך פון שקיעה. צוזאַמען מיטן רעשט פון טאָג־ליכט האָבן זיך צוביסלעך אויסגעלאָשן טאָג־קלאַנגען. עס האָט זיך דורכגעטראָסקעט פאַרביי דעם הויף אַ פאַרשפּעטיקטער וואָגן. ס׳האָט זיך דערהערט דער לעצטער אויפברויז פון הילכיקע קלאַנגען אין אַ שכנותדיקער קוזניע. — קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג־קלאַנג... אַ פערד האָט ערגעצוווּ זיך צע־

הירזשעט אין אַ פּאַרגעפּיל פון רו און זאַטער וועטשערע מיט אַ זעקל־האָבער, חוץ פרישן היי... און שוין — אויס קלאַנגען פון טעטיק־לעבן, אויס טאָג!

אהרן האָט נאָכאַמאָל אַ קוועטש געטאָן סיאָמעס אַקסל און האָט געזאָגט שטיל:

— ס׳וואָלט געקאָנט זיין אַ שיינע וועלט...

10

סיאָמאַ און דוניאַשא

סיאָמאַ רובין איז געווען סאָניע לעסניקס אַ שוועסטער־קינד. זיין פאָטער, מאיר רובין, האָט געלעבט אין אַן אַנדער שטעטל. ער איז געווען אַ בוכהאַלטער מיט אַ זייער באַשיידענער איינקונפט. אַ משפחה האָט ער געהאַט פון אַכט מענטשן — אים און סימען זיין פרוי, אריינ־גערעכנט. ער אַליין האָט געזען אַמאָל בעסערע צייטן: ער איז אויסגע־וואַקסן אין אַ דאָרף, האָט געהאַט אַ געזונטן גוף, חוץ אַ רויקער נאַטור און האָט זיך נישט געלאָזט ברעכן. ווען ער האָט זיך געפילט דערשלאָגן פון דער נויט, פונעם דלות ביי זיך אין שטוב, פון די חלאת׳ן וואָס האָבן זיך געקלעפּט צו זיינע אויס־געמאָגערטע, בלוטאָרעמע קינדער, פלעגט ער זיך טרייסטן, ווי איינער, וואָס האָט שוין פון לאַנג שלום געמאַכט מיט זיין גורל: „עמעצער דאַרף דאָך זיין אַ קבצן". צו בעטן ביי עמעצן הילף איז אים נישט אָנגעשטאַנען: „וואָס בין איך — אַ בעטלער". זיין עלטערער ברודער, ביי וועלכן סאָניע האָט זיך דערצויגן, איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, אָבער מאיר רובין האָט פון אים אפילו נישט געוואָלט הערן. ער איז געווען מיין ברודער, פלעגט ער זאָגן, אָבער ס׳איז געווען אַזוי לאַנג צוריק, אַז איך האָב שוין אין דעם פאַרגעסן, כ׳וועל זיך אַליין געבן אַן עצה׳...

זיין סימע איז נישט געווען אַזוי געזונט ווי ער. זי איז צוזאַמענגע־בראָכן אונטערן לאַסט פון דלות. זי האָט פאַרלוירן אינגאַנצן די קאָנ־

טראָל איבער אירע צעשרויפּטע נערוון, אַרומגעגאַנגען אין שטוב צע־כראַסטעט, מיט די פּלאַכע ברוסטן כמעט אין דרויסן, מיט איינגע־פאַלענע באַקן און אַ פאַרשפּיצטער נאָז, אָפּטמאָל אין סאַזשע אויסגע־שמירט און מיט רויטע אויגן, ווי זי וואָלט זיין נישט קיין פּערציק־יאָריקע פרוי, נאָר אַן אמתע זקנה. איר שטוב איז געוווען אָנגעפּילט מיט שווערער, זויערער לופט. בערגלעך מיסט האָבן געפּוילט אין יעדן ווינקל, און סימע האָט נישט געהאַט קיין כוח, קיין געזונט, קיין גע־דולד אָפּצוראַמען די צעפּוילעניש. זי האָט געהאַט אַ פולע שטוב מיט „הונגעריקע מענער״, ווי זי האָט עס אַליין באַצייכנט, און אַ פול האַרץ מיט ווייטיק. אירע מיידלעך זענען געשטאָרבן אין די וויגעלעך. זי האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט מאַכן שלום מיט אַזאַ מין לעבן. זי האָט געזידלט איר „שלימזל״, געשאָלטן די רייכע קרובים, גע־פּליאַסקעט די קינדער איבער די באַקן; געהוסט, געשפּיגן מיט בלוט, ביז ס׳איז ביי איר שוין גאָרנישט געבליבן אויסצושפּייען און זי איז פריצייטיק פון דער וועלט אַוועק.

נאָך סימעס טויט האָט מאיר רובין גענומען שרייבן אַ בריוו צו זיין שוועסטער און איר מאַן, אהרן לעסניק. ער האָט געשריבן און צעריסן דאָס אָנגעשריבענע. ער האָט געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן און נישט געוווּסט ווי אַזוי. די ווערטער האָבן זיך געלייגט אויפן פּאַפּיר ווי פרעמדע, קאַלטע צייכנס, וואָס עמעץ האָט באַשאַפן פאַר אַ גאָר אַנדערער געלעגנהייט. ער האָט געדאַרפט בעטן און נישט געוואָלט, גע־מוזט וויינען און זיך געשעמט. ער האָט נישט געוואָגט אָנצוקלאָגן נישט געקאָנט פאָדערן. ער האָט זיך לאַנג געמאַטערט מיטן שרייבן און צום סוף אַוועקגעשיקט צו די לעסניקס אַזאַ בריוו:

טייערע סאָניע, אהרן און קינדער:

איך לאָז אייך וויסן, אַז סימע ע״ה, איז שוין נישטאָ. כ׳בין געבליבן אַליין מיט די קינדער. איך ווייס נישט וואָס איך זאָל זאָגן, וואָס איך זאָל טאָן? אייך גאָט אין הימל ווייסט וואָס איך דאַרף טאָן?...

דער בריוו האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף לעסניקס משפחה. סאָ־ניע האָט שטיל געוויינט. אהרן האָט זיך גענומען פּאַקן אין וועג אַריין

און האָט געבורטשעט, בעת מעשה, אונטער דער נאָז: „אַזאַ עקשן, אַזאַ נאַרישער עקשן"...

געקומען צוריק אַ היים איז אהרן מיט דעם אַכצן יאָריקן סיאָמאַ: אַ בלוט־אָרעמען, אויסגעמאָגערטן יונג, מיט איינגעפאַלענע באַקן און אומעטיקע, פאַרבענקטע אויגן. וועמען ער האָט מיט אַ צייט שפּעטער גענומען מיט זיך אין וואַלד.

אין וואַלד זענען זיי אָנגעקומען אין סאַמע ברען פון שניט, ווען די האָלץ־העקער האָבן פאַרביטן די האַק אויף דער קאָסע און זיך אַרויסגעלאָזט אויף די פעלדער, אויף יענער זייט טייך; צומאָל אויף די אייגענע, צומאָל אויף די פרעמדע. אין וואַלד זענען געבליבן עטלע־כע שומרים, צעוואָרפן אין ווייטע עקן, עטלעכע פאַסטוכער מיט סטאַ־דעס בהמות, וואָס זיי האָבן געטריבן אַהער יעדן אינדערפרי איבערן טייך און דוניאַשאַ.

דוניאַשאַ איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן; אַ געזונטע, שטאַרק געבויטע, מיטל־וווּקסיק און בלאָנדע, מיט אַ רונדן פּנים און גרויע, פריילעכע אויגן. זי האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט אין דעם קאַנטאָר, געהאַלטן ריין דאָס וואַלד־שטיבל, געקאָכט עסן פאַר די באַלעבאַטים, פאַר די האָלץ־העקער און געסט, און צומאָל אפילו אויך פאַרקויפט געהילץ, וואָס איז געלעגן אַרום דעם קאַנטאָר. זי איז געווען אַ לע־בעדיק, רירעוודיק מיידל, האָט פאַר אַ וואָרט אין קעשענע נישט גע־דאַרפט קריכן און געקאָנט פירן אַ מסחר מיט אַלע פּיטשעווקעס: אפילו מיט דינגעניש און פּאַטשן איבער דער דלאָניע, וואָס אהרן לעסניק אַליין האָט קיינמאָל נישט געטאָן. אַ דלאָניע האָט זי געהאַט אַ האַרטע, אַ מענערישע, ווי איר דלאָניע וואָלט געמאַכט געוואָרן פון אַן אַנדערן שטאָף ווי די איידעלע הויט אויף איר יונגן קערפּער.

אהרן האָט פאַר איר פאַרגעשטעלט סיאָמען: „אָט, דוניאַשאַ, כ׳האָב פאַר דיר געבראַכט אַן אופּראַווליאַיושטשי".

דוניאַשאַ, האָט זיך פאַררויטלט, זי האָט זיך דערפריים מיט סיאָמען, פאַרט אַ לעבעדיקער נפש. עס איז איר אומעטיק געווען אין וואַלד, אין שניט־צייט; קיין מענטשלעכע שטימע הערט מען נישט. צומאָל,

ביינאַכט, בלאָנדזשעט אַריין אין דער קאַנטאָר דער אַלטער סטאַראָזש, מאַלאָניס. ער טרינקט אויס אַ גלעזל טיי, פאַרבייסט מיט אַ שטיקל ברויט און גייט זיך אַוועק, איבערלאָזנדיק נאָך זיך דעם פאַרדרוס, וואָס עס איז נישט געקומען אַ שיינער פאַראָביק. די פאַראָבקעס האָט זי פּוז זיך געטריבן. אויף קיין ריכטיקן האָט זי זיך נישט אָנגעשטויסן און סתם „נאַשעדרס" האָט זי פיינט געהאַט. זי האָט ליב געהאַט דאָס שפּיל פון לעבן אָבער אַליין האָט זי זיך נישט געפילט אַלס אַ שפּילעכל. זי איז געווען אַן אָרעמע יתומה אָן נדן און מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער.

סיאָמאַ איז פאַר איר געווען אַ נייע דערפאַרונג. ער איז געווען אַ יונג פון אַן אַנדערן מין ווי די כלאָפּצעס פון דאָרף אויף יענער זייט טייך. עפּעס אַן איידעלער אַזאַ — אַ שוואַכער. ווען זי האָט צו אים נישט גערעדט, האָט ער געשוויגן. ווען זי האָט אים קיין עסן נישט דערלאַנגט, האָט ער עס נישט געבעטן. שעה'ן לאַנג פלעגט ער זיצן ביי דער קאַנטאָר אויף דער זון, זיך צוהערן צו די שטילע קלאַנגען פון דרימלדיקן וואַלד, און שוויגן. דוניאַשעס זינגען האָט ער געהערט גערן (דאָס האָט זי געזען אויף זיין פנים). אַליין האָט ער נישט געזונגען קיין לידער. אפילו אין טייך האָט ער זיך אויפגעפירט נישט אַזוי ווי די אַנדערע. זי פלעגט זיך באָדן נישט ווייט פון אים און האָט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. ער פלעגט אַריינגיין אין טייך ביזן ברוסט, זיך אַרומגעוואַשן דאָס פנים און בלייבן שטיין אַזוי אין וואַסער, פאַרטראַכט, פאַרבענקט נאָך עפּעס, וואָס האָט אים, ווייזט אויס, זייער שטאַרק געפעלט.

אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט אַרומגעשטיפט אין וואַסער, כאָטש ביים ברעג זיך געפּליעשטשעט; אַן אַנדערער וואָלט אפשר גע־פּרוווט וואַרפן אַ שטיינדל איבערן פּליסיקן שפּיגל, צו זען ווי ס'שטיינדל שפּרינגט זיך פריילעך איבער דער וואַסער־פלאַך, ווי עס וואָלט אים נישט באַשערט געווען צו זינקען, אָבער סיאָמע — גאָרנישט! אַזאַ בידאָלאַשנער כלאָפּעץ" — זי האָט אים געמוזט אויף די פּיס שטעלן. זי האָט אים געהאָדעוועט ווי אַ מוטער אַ קינד. ווען ער האָט נישט געוואָלט עסן האָט זי דאָס ביי אים געפועלט, מיט גוטן אָדער

מיט בייזן. אַז זי קאָן פון אים אויסהאַדעווען אַ מאַן — דאָס איז איר נישט איינגעפאַלן. אמת, ס'האָט זיך איר צומאָל געחלומט אַזאַ זאַך, אָבער נאָך אַזאַ חלום, איז זי אַרומגעגאַנגען אַ בייזע אויף זיך אַליין דעם גאַנצן טאָג. ער איז ביי איר געווען אַ קינד, אַ יתום, אַן איידעלער. אומבאַהאָלפענער יונג, אפילו דאַן, ווען דער וואַלד האָט שוין געהאַט אויסגעלויטערט זיין בלוט און אָנגעפילט די מוסקולן אויף זיין קערפּער מיט דער ענערגיע פון אַ געזונטן מענטשן...

אַזוי איז פאַרביי אַ יאָר.ביים סוף פון צווייטן זומער האָט זיך סיאָמאַ שוין באַוועגט שנעלער. ער האָט זיך גענומען פאַרען אַרום דער קאַנטאָר, איבערלייגן די ברעטער פון איין פּלאַץ אויפן אַנדערן, מאַכן אָרדענונג, און אפילו האַקן האָלץ. ער האָט געפילט דעם צופלוס פון כוחות, געזוכט אַן אויסוועג פאַר זיי און, אָפּאַרבעטנדיק עטלעכע שעה אינדרויסן, אויף פרישער לופט, געגעסן פאַר צווייען. ער האָט אפילו אָנגעהויבן זינגען לידער, דוניאָשעס לידער, וואָס ער האָט זיי געהערט אַזוי פיל מאָל און זיי איינגעזאַפּט צוזאַמען מיט דער פרישער וואַלד־לופט.

ווען דוניאָשאַ האָט דערפילט די ענדערונגען אין סיאָמען, האָט זי זיך געפרייט און געשראָקן צוזאַמען. סיאָמע איז איר געוואָרן נאָענטער און ווייטער. ס'האָט זיך אין איר האַרצן צוזאַמענגעשטויסן דער געפיל פון מוטער און געליבטע. זי האָט נישט געקאָנט רויק שלאָפן ביינאַכט. זי האָט זיך געשעמט מיטן געפיל, וואָס ערשט נעכטן האָט זי אים געטראָגן אין זיך אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעכן טייל פון איר וועזן. זי האָט געהאַט מורא פאַר סיאָמען און האָט אויף אים געוואַרט.

דאַן איז געקומען דער האַרבסט. אינמיטן האַרבסט, נאָך עטלעכע וואָכן כסדרדיקן שטאַרקן רעגענען, איז דער טייך אַריבער די ברעגעס. דאָס וואַסער איז אַריינגעדרונגען אינעם וואַלד מיט יעדן טאָג אַלץ טיפער און טיפער. סיאָמע מיט די שומרים און עטלעכע האָלץ־העקער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט בינדן די אָפּגעהאַקטע ביימער און ברעטער מיט דראָט. מען האָט געאַרבעט אונטערן רעגן, אָפטמאָל שטייענדיק טיף אין וואַסער. דער רעגן האָט אריינגערונען אונטערן קאָלנער און

זיך געמישט מיטן שווייס, וואָס האָט באַדעקט דעם צעהיצטן אָנגע־שטרענגטן קערפּער. די דלאָניעס ביי סיאָמאַ האָבן געברענט פון ציען דעם קאַלטן דראָט. יעדערביין האָט ביי אים געווייטיקט פון אָנשטרענ־גונג, אָבער ער האָט אפילו געהאַט עפּעס אַ מאָדנע הנאה פונעם ווײ־טיק אין יעדן אבר. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערפילט, ווי שטאַרק ס'איז זיין גוף. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיט די ווילדע, צעיושעוועטע נאַטור־כּוחות. ער האָט נישט געוואָלט אָפּגעבן דעם טייך קיין קלעצל האָלץ און האָט גע־גלויבט אין נצחון. אַ שווייגער פון דער נאַטור, האָט ער איצט זיך באַמיט איבערצושרייען דעם ווינט אַזוי, ווי ער וואָלט זיין אַ קאַפּיטאַן פון אַ שיף אינמיטן שטורעם און די האָלץ־העקער וואָלטן געווען מאַטראָזן. די מאַטראָזן האָבן געשאָלטן דעם ווינט און דעם רעגן. סיאָמע איז נישט אָפּגעשטאַנען. ער האָט געהאַלטן אין איין צובינדן, אין אייז באַפעסטיקן דאָס געהילץ צו די טיף־איינגעוואָרצלטע וואַלד־בוימער.

און דאַן איז געקומען די נאַכט פון אַ פולער פאַרפלייצונג. אַ נייע כוואַליע פון רעגן און אַ ווינטערדיקער שטורעם־ווינט האָט אַריינ־געיאָגט דאָס וואַסער טיף אין וואַלד אַריין. אַ בליץ, נאָך אַ בליץ האָט אין פאַנטאַסטישע אופן דורכגעבלענדט די שוואַרצקייט פון הימל און באַלויכטן אַ ברויזנדיקן ים צווישן די ביימער. דאָ און דאָרטן, אין די נידעריקע פלעצער זענען די ביימער געשטאַנען ווי אין אַ ים איינגעזונקען כמעט ביז די שפּיצן; ביימער ביי די ברעגן, אַרויסגעוואַשן מיט די וואָרצלען, האָבן זיך געטראָגן מיטן שטראָם, צוזאַמען מיט קור־פּעס היי און איבערגעקערטע שיפלעך.

דער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן שפּעט אין אָונט און אין עטלעכע שעה אַרום איז שוין די קאַנטאָר געשטאַנען אינמיטן פון ים.

ווען דאָס וואַסער האָט זיך באַוויזן אינעם הויף, האָט שוין סיאָמאַ געהאַט באַפרייט דעם סקאַוויטשנדיקן, איבערגעשראָקענעם הונט, סירקאָ. ער האָט אים אַרויפגעטריבן אויפן בוידעם. אַליין, מיט דוניאַשן האָט ער זיך אויך אַהין פאַרקליבן. ער האָט מיט זיך מיטגענומען די ביקס און אַ האַק. ער האָט געוווּסט וואָס צו טאָן אין פאַל אויב די קאַנטאָר

וועט נישט אויסהאַלטן. ער וועט רופן הילף דורך אויסשיסן. ער וועט צעהאַקן דעם דאַך און אויסבינדן אַ פלאַט. ער איז אָבער געווען זיכער, אַז אַזוי ווייט וועט עס נישט דערגיין. דאָס וואַלד־שטיבל איז געווען שטאַרק געבויט און זיך געפונען אויף אַ הויכן פלאַץ. ער האָט זיך געפילט זיכער אויפן רויקן בוידעם.

אויפן בוידעם איז געווען טרוקן. דאָ אין דאָרט האָבן דורכגע־דרונגען דורכן דאַך, פאַראיינצלטע טראָפנס וואַסער, אָבער זיי זענען שטום געפאַלן אויפן פרישן היי און אויסגעזען אַליין אַזוי אומבאַהאָלפן, ווי זיי וואָלטן קיין שום שייכות צו דעם רעגן־שטורעם אינדערויסן נישט געהאַט. דער דאַך האָט שטיל געסקריפעט ביי יעדן ווינט־אָנ־שטויס, אָבער זיך געהאַלטן פעסט. סיאָמע האָט אויפגעהאַנגען די לאָמ־טערן און האָט זיך אויסגעצויגן אויף דעם פרישן היי. וויפל וואָלט ער איצט באַצאָלט ווען עמעץ וואָלט אים אָפּגעהיט כאָטש איין שעה געשמאַקן שלאָף.

דוניאַשאַ איז געקומען אויפן בוידעם מיט פעקלעך קליידער און עסן. זי האָט אַוועקגעלייגט די פעקלעך אויפן שטרוי, האָט זיך אַליין אַוועקגעלייגט אין אַ פינצטערן ווינקל און האָט זיך צעוויינט. זי האָט זיך געפילט פאַרלוירן. זי האָט זיך געשראָקן פאַר די מוראדיקע כוחות פון דער נאַטור און האָט פון דעם קיין סוד נישט געמאַכט.

סיאָמאַ איז געווען איבערראַשט פון דוניאַשעס געוויין. אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד האָט ער זי נאָך קיינמאָל נישט געזען. ער האָט זי תמיד באַטראַכט ווי די שטאַרקערע און עלטערע פון די ביידן, כאָטש זי איז געווען יונגער פון אים. ער האָט קיינמאָל נישט געוואַגט אַרויס־צוּווייזן זיין עראָטישן דראַנג צו איר, כאָטש ער האָט אַליין פון דעם געליטן. זי האָט אין זיך געהאַט אַזוי פיל פרישקייט און אַזוי פיל רייץ, אָבער זי איז געשטאַנען אויף עפּעס אַ העכערן טרעפּל און סיאָמע האָט נישט געוואַגט איבערטרעטן דאָס טרעפּל, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו עפענען פאַר איר זיין מענלעכן וועזן. איצט האָט ער דערזען אַן אַנדערע דוניאַשאַ און האָט אין זיך מיטאַמאָל דערפילט

אַ מאַן. ער איז צו איר צוגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעלייגט נאָענט צו איר:

— האָסט מורא, דוניאַשע?

זי האָט זיך ביי אים געבעטן:

— נעם מיך אַרום, סיאָמאַ?

ער האָט זי אַרומגענומען און זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט. זי האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. סיאָמע האָט געגלעט מיט זיין ברענענדיקער דלאָניע אירע פייכטע האָר און איר פאַרוויינט, הייס פּנים. זי האָט זיך נאָך מער צוגעדריקט צו אים; זי האָט געוואָלט אַריינעמען אין זיך דעם זיכערן כוח פון זיין שטאַרקן, מענלעכן קערפּער. זי האָט געזוכט אַ מאַן און אַ באַשיצער און זי האָט אים געפונען אין דער זיסער נאָענטקייט פונעם שטאַרקן, אָבער איידעלן סיאָמען...

* * *

אויפן דריטן יאָר, זומער, האָט זי אים געלערנט שווימען ביינאַכט, מיט די שטערן אין בלויען הימל אַלס שטומע, שוויגנדיקע עדות. זי האָט געלאַכט פון זיין אומבאַהאָלפנקייט און געהאַט הנאה פון ווייזן אים דעם כוח און פלינקייט פון איר אייגענעם קערפּער. זי האָט געמיינט, אַז עס וועט נעמען לאַנג, אָבער ער האָט זיך זייער שנעל אויסגעלערנט שווימען. צום סוף פון יענעם זומער איז ער לייכט אַריבערגעשווומען דעם טייך, פון וואַלד ביז צו דער קרוטשע אַהין און צוריק.

עס איז געווען אַ נייער סיאָמאַ, אַ ניי־געבוירענער מענטש, ווען ער האָט, נאָך צוויי יאָר אין וואַלד, באַזוכט מליני און זיין טאַטנס שטעטל. ביי די לעסניקס, האָט אים קיינער, חוץ אהרנען, נישט דערקענט. ער איז געווען אויסגעוואַקסן הויך, שטאַרק, פאַרברוינט פון דער זון ווי אַ פּויער נאָך די זשניוועס. ביים טאַטן אין שטוב האָט ער פאַרטיילט מתנות צווישן די יונגערע ברידער. (זיין געהאַלט איז שוין פון לאַנג אָנגעקומען צום טאַטן). ער איז שוין דאָ נישט געווען סתם אַ זון און אַ ברודער, נאָר אויך אַ שטיצער, אַ וווילטוער, וואָס לעבט

ערגעצוווּ ווייט, ווייט און פאַרהיט די משפּחה פון הונגער. ער האָט שוין נישט געקאָנט מער זיך פילן ביים טאַטן אין שטוב ווי אינדערהיים. ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווו ס׳איז זיין היים: ביים טאַטן אָדער ביים פעטער אהרן, צי אין וואַלד.

עטלעכע יאָר האָט ער אַזוי געלעבט, צעטיילט צווישן דריי היימען. אָבער ער איז שוין געשטאַנען אויף זיינע אייגענע פיס און זיך גע־פילט גליקלעך אפילו ווען ער איז געווען איינער אַליין מיט די שטומע ביימער, אַזוי ווי ער וואָלט מיט זיי געטיילט דעם סוד פון טיף־פאַרוואָרצלטן לעבן.

די קלאַנגען פון קריג און די טיילווייזע מאָביליזאַציע האָבן סיאָמען מיטאַמאָל אַוועקגעשטעלט פאַר אַ נייעם נסיון. ער איז געווען אין מילי־טעריׄשן עלטער און האָט געדאַרפט זיך שטעלן צום פּריזיוו. צוליב דעם איז ער געקומען קיין מליני. וועגן דעם האָט ער געטראַכט אויף דער וועראַנדע, ווו אהרן האָט אים געפונען אַ פאַראומערטן.

אַזייגער עלף ביינאַכט, ווען די גאַנצע שטוב איז שוין געשלאָפן, איז צו אים אַרויסגעקומען דוניאַשאַ. ער האָט פּלוצים דערפילט איר וואַרעמע האַנט אַרום זיך. ער האָט זיך געוואָלט צו איר אויסדרייען, זי אַרומנעמען, אָבער זי האָט זיך פלינק אָפּגערוקט פון אים; זיך צעלאַכט מיט איינגעהאַלטענעם געלעכטער; זיך אַ יאָג געטאָן פון די טרעפּ איבערן הויף.

ביי סיאָמען האָט עס דעם אומעט ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך דוניאַשען ביז אין דער ראָשטשע אַריין, דאָרטן האָט ער זי דעריאָגט, אַ וואָרף געטאָן אויפן גראָז און זייער געלעכטער האָט זיך צונויפגעמישט מיטן גערויש פון די בלעטער אויף די אויפגעוועקטע ביימער און מיט דער פּלוידעריי פון פויגל, אין ״ זיכערע זומערדיקע נעסטן.

11

נו, זשוקל לויף — געניס פונעם לעבן

— אַנו, יאַשאַ, ווייז אים ווער ס׳איז עלטער!

— קוועטש אים, יאַנקל, אַ רוח אין דיינע ביינער אַריין, קוועטש דעם גימנאַזיסטל, בויג אים, בויג אים שטאַרקער, אָט אַזוי אַ...

— אַ־אַ־אַ, שלי־מזל...

לעוו סלוצקי, וועלכער האָט מיט אַ יאָר צוריק זיך פאַרמאָסטן מיטן דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע און איז אַרויס מיט גאַנצע ביינער, האָט זיך איצט געראַנגלט מיטן יונגן בינדיוזשניק, יאַנקל נאָסקע.ביידע זענען זיי געווען נאַקעט ביזן גאַרטל, ביידע שטאַרק־פאַרברוינטע קערפּערס זענען געווען נאַס פון שווייס.

יעדער איינער פון זיי האָט שווער געאָטעמט פון אָנשטרענגונג, גע־שפּיגן אויף דער ערד אין אָנפאַל פון אויפרעגונג און דאַך זיך באַמיט צו שמייכלען, ווי איינער וועלכער איז זיכער אין זיינע אייגענע כוחות און וועט זיך שוין געבן אַן עצה מיטן אַנדערן, ווען די צייט וועט פאַר דעם זיין רייף.

אַרום זיי האָט זיך פאַרזאַמלט אַ קרייזל יאַטן פון פאַרשידענעם עלטער און שטאַנד. זיי האָבן זיך אַלע צוזאַמענגענומען, זונטיק ביי־טאָג, פון די אַרומיקע גאַסן אין אַ גרויסן, פרייען הויף, מיט ווילד־גראָז באַוואַקסן, וואָס האָט זיך געפונען כמעט אין מיטן שטאָט. דאָ איז געווען דוכט זיך זייער שפּיל־פּלאַץ פון ששת ימי בראשית.

דוד׳קע לעסניק איז אויך דאָ געווען. ער איז געשטאַנען נעבן אַרטשיקן, וועלכער האָט איצט אינגאַנצן פאַרגעסן אין די צייטונגען און די צייטונג־נייעס, אַזוי איז ער געווען פאַרקאָכט אין דעם געראַנגל. ער איז געווען פאַר יאַנקלען. ער האָט אין אים געגלויבט און איז געווען זיכער, אַז יאַנקל וועט זיך נעמען וואָס עס קומט אים. וואָרים, לייבל, ווי שטאַרק ער זאָל נישט זיין, האָט געהאַט חוץ פיזישע כוחות, אויך

פיל אַנדערע זאַכן פון וואָס צו געניסן, מיט וואָס זיך צו באַווייזן; יאַנקל — וואָס האָט יאַנקל געהאַט חוץ שטאַרקע הענט — קוטשע־ראַווע האר? אַרטשיקן האָט עס פאַרדראָסן: פאַרוואָס איינער האָט אַלץ — דאָס זאַטע עסן, שיינע קליידער, גוטע בילדונג — און דער צווייטער — גאָרנישט? פאַרוואָס איז איינער אַ גביר און דער צווייטער — אַ קבצן?... פאַרוואָס זאָל אַ קבצן תמיד זיין פון אונטן? בפרט, ווען ער איז אַ בינדיוזשניק, האָט אַ פּאָר אייזערנע הענט אָדן פיס און האָט צו טאָן מיט אַ גימנאַזיסטל.

— אַרטשיק פיין האָט אַ שטויס געטאָן דודע׳קן מיטן עלנבויגן:

— פּישי פּראָפּאַלאָ, אויף דיין גימנאַזיסטל, יאַנקל וועט אים שוין אַוועקלייגן אויף ביידע לאָפּאַטקעס. ער שפּילט זיך נאָר אַזוי מיט אים עס זאָל פריילעכער זיין. ער׳ט אים שוין אַוועקלייגן; ווי איך בין אַ ייד, ער וועט אים אַוועקלייגן.

דוד׳קע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זיכער שפּילט ער זיך נאָר אַזוי, ער׳ט אים שוין אַוועקלייגן...

אַרטשיק איז געוועזן אָנגענעם איבערראַשט. ער האָט נישט דער־וואַרט צו געפינען דוד׳קען אין זיין לאַגער. אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אין דוד׳קעס טאַטן. אהרן לעסניק פלעגט קיינמאָל נישט קויפן ביי אים די צייטונג ווי אַנדערע מענטשן — אַ כאַפּ געטאָן דאָס בלאַט, אַ וואָרף געטאָן די מטבע און פטור אַן עסק. דוד׳קעס טאַטע פלעגט נעמען די צייטונג נישט געאיילט און פלעגט אים אויספרעגן בעת מעשה, וואָס מאַכן זיינע טאַטע־מאַמע און וואָס מאַכט ער אַליין, אַזוי ווי אַרטשיק וואָלט מיט אים געוועזן עפּעס אַ מחותן. אַ פּראָסטער מענטש איז זיין אַרטשיקס טאַטע און דוד׳קע, כאָטש ער איז אַ גבירי־שער יינגל, איז ער אויך אַ לייטישער יאַטל.

אַרטשיק האָט אַ קלאַפּ געטאָן דוד׳קען איבערן רוקן.

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — נאַשאַ ווזיאַלאַ, יאַשאַ האָט אים איצט אין דער ערד...

אָבער דוד׳קע האָט זיך מיט דעם גאָר נישט געפרייט. ער איז שוין נישט געווען אויף יאַנקלס צד. ער האָט געביטן זיינע סימפּאַטיעס מיטן

גאַנג פון פאַרמעסט. ווען יאַנקל איז געווען אונטער לייבלען איז דוד׳קע געווען פאַר אים. ס׳האָט זיך אים זייער שטאַרק געוואָלט, יאַנקל זאָל זיך אַרויסרייסן פון אונטער לייבלען, זיך באַפרייען פון די מוסקול־קלאַמערן, זיך אָוועקשטעלן צוריק אויף די פיס, גרייט זיך אַרומכאַפּן מיט זיין איצט שטאַרקן שונא; אָבער אַזוי שנעל ווי יאַנקל איז אַליין געוואָרן דער שטאַרקערער און לייבל האָט זיך געבריקעט אונטער זיין שווערן קערפּער, איז דוד׳קע באַלד געוואָרן לייבלס אַ פריינד. קיין קלאָרן חשבון האָט ער זיך אין דעם נישט אָפּגעגעבן, אָבער ווען דער געראַנגל וואָלט דאָ אָנגעגאַנגען לויט זיינע ווונטשן, וואָלט דאָ נישט געווען נישט קיין זיגער, נישט קיין באַזיגטע.

אייגנטלעך איז ער נישט געווען פאַרקאָכט מיטן געראַנגל. ער האָט זיך יעדע ווײַלע פאַרקוקט צו באַמערקן אַ שפּעטן זומער־פויגל אויפן גראָז מיט ציטערנדיקע פליגלען, אָדער די טויבן שוועבן אין דער לופטן איבער אַ נאָענטן דאַך, אָדער אַ פאַריתומט ווייס־וואָלקנדל אינעם בלויען ים פון זוניקן אויגוסט־הימל.

זיינע אויגן האָבן אַזוי זיך געוואָנדערט איבער דער וועלט, ווען ער האָט פלוצים אויפגעכאַפּט עפּעס אַ ווייטן מאָדנעם קלאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער גאַס און דערמאָנט אין זייער אַ ווייטן דונער. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין דונער. דוד׳קע האָט עס געפילט, ער האָט געפילט עפּעס וויכטיקס פאַסירט איצט אין גאַס, אַז עפּעס וויכטיקס ווערט אָנגעזאָגט מיט דעם דאָזיקן מאָדנעם שטייגנדיקן קלאַנג.

פאַרכאַפּט מיט דעם געפיל איז ער אַרויסגעלאָפן פון הויף אין גאַס. אין גאַס האָט זיך געיאָגט אַ וואָלקן־שטויב פון דער ריכטונג, ווו ס׳איז געווען די באַן־סטאַציע. אינעם וואָלקן־שטויב האָט מען שוין געקאָנט זען אַ פּאָר צעהיצטע פערד, וואָס האָבן געטראָגן נאָך זיך אין אַ ווילדן אימפּעט אַ בראָזגנדיקע בריטשקע. אין דער בריטשקע איז געשטאַנען עפּעס אַ פאַרשוין. דער פאַרשוין האָט געהאַלטן אין איין האַנט די לייצעס און מיט דער צווייטער זיך אָנגעהאַלטן פאַר די קאָזלעס. ער האָט עפּעס געשריגן. מענטשן זענען אַרויסגעשפּרונגען

פון די טויערן: ווער אַ פאַרשלאָפענער אין צעקנייטשטע קליידער, ווער אין יום־טובדיקע מלבושים.

ווען די בריטשקע מיט דעם פאַרשוין האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן נאָענט פון דוד׳קען איז שוין די גאַנצע חברה פון הויף געווען אין דער גאַס, דוד׳קע האָט איצט דערקענט דעם פאַרשוין. ס׳איז געווען פייוול קאַמינסקי, וועלכער איז תמיד געווען דער ערשטער זיך צו דערוויסן וועגן די וויכטיקע נייעס. ער האָט געשריגן עפעס מיט באַ־נומענע קולות, כדי איבערצושרייען דעם ליאַרם פון דער בריטשקע און די טופּערײ פון די פערדישע פיס, אָבער מען האָט געקאָנט קלאָר הערן נאָר איין וואָרט:

— מלחמה!

ער האָט געשריגן:

— מען האָט אונדז דערקלערט מלחמה!...

אָדער:

— די דייטשן האָבן אונדז דערקלערט מלחמה!...

דוד׳קע איז אין דעם נישט געווען זיכער, אָבער אַז עס איז אויס־געבראָכן אַ מלחמה, דאָס האָט ער שוין געוווּסט אויף זיכער פון פייוולס געשרייען; פון דעם טויט־ערנסטן אויסדרוק אויף זיין פּנים; פון דער שנעלקייט מיט וועלכער זיין וואָגן האָט זיך געטראָגן איבערן שטאָט; פון דעם באַטויבנדיקן ליאַרעם, וואָס דער יואָגן האָט געמאַכט, פון דעם וואָלקן־שטויב, וואָס ער האָט אויפגעהויבן.

דוד׳קע האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין מינוט צייט. ער האָט זיך באַלד געלאָזט לויפן אַהיים זיך צו טיילן מיט דער נייעס.

אינדערהיים איז דאָס שוין קיין נייעס נישט געווען. סיאַמאַ האָט שוין געפּאַקט זיינע זאַכן. ער האָט געוואָלט פאָרן צום טאַטן אַזוי שנעל ווי מעגלעך. דאָרטן האָט ער זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו און ער האָט געוואָלט האָבן כאָטש אַ ביסל צייט אויף געזעגענען זיך מיטן פאָטער און די ברידער, ווען ער האָט נישט געזען פון פאַריאָרן אָן.

דוד׳קע איז צו אים צוגעגאַנגען:

— פּאַרסט שוין, סיאָמע?

— כ׳דאַרף, דוד׳קע.

— זיך שטעלן צום פּריזיוו?

— זיך שטעלן צום פּריזיוו.

— מ׳וועט דיך נעמען?

— סיאָמאַ האָט אויפגעהערט פּאַקן די זאַכן, אַ קוק געטאָן אויף דוד׳קען מיט אַ טרויעריקן שמייכל און געענטפערט ווי צו זיך אַליין:

— און וואָס דען? — וואָס פעלט מיר אויס — פּאַטריאָטיזם? דאָס רעכנט זיך נישט.

— וואָס מיינט פּאַטריאָטיזם, סיאָמאַ?...

סיאָמאַ האָט זיך ווידער גענומען פּאַקן די זאַכן, אַ זיפץ געטאָן און געענטפערט מיט אַ זאַכלעכן טאָן:

— פּאַטריאָטיזם? — פּאַטריאָטיזם מיינט ליבע צום אייגענעם לאַנד, צום היימלאַנד.

— האָסט ליב דאָס לאַנד, סיאָמאַ?

— האָסט ליב דאָס לאַנד, סיאָמאַ? — האָט סיאָמאַ איבערגע־חזרט דוד׳קעס פראַגע פאַר זיך אַליין. ער האָט ווידער אויפגעהערט פּאַקן די זאַכן, זיך פאַרטראַכט און געענטפער ווידער, ווי צו זיך אַליין:

— זיכער האָסטו ליב דאָס לאַנד, סיאָמאַ: דעם וואַלד, דעם טייך, אַ סטשעזשקע אינמיטן פעלד, אַ פּאַסטוך מיט דער טשערעדע, אַ וואָלקן אַ גאָלדענעם אויפן פאַרנאַכטיקן הימל, דעם שניי, וואָס סקריפּעט אונטער די פיס און איז ווייס ווי די נשמה פון אַ טויב — אַי האָסטו ליב דאָס לאַנד — סיאָמאַ!

— טאָ וואָסזשע זאָגסטו, אַז עס פעלט דיר אויס פּאַטריאָטיזם?

סיאָמאַ האָט ברייט צעעפנט די אויגן. ערשט איצט האָט ער דער־פילט, אַז ער רעדט נישט צו זיך אַליין, נאָר צו דוד׳קען, צו זיין קלענסטן „ברודערל" און גרעסטן פאַרערער אין דער משפחה. ער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אונטער די אָרעמס און האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטול:

— כ׳ווייס נישט, זשוקל, כ׳ווייס אַליין נישט, — האָט ער געזאָגט

ערנסט — מסתמא טויג אונדזער מענטשלעכער לשון נישט. די ווערטער זאָגן איינס, אָבער מיינען, מיינען זיי אַנדערש — אויב דו פאַרשטייסט וואָס איך מיין...

סיאָמאַ האָט זיך צעשמייכלט:

— און אויב דו פאַרשטייסט עס נישט, איז אויך נישט קיין גרויסער אומגליק. דער עיקר, דאַרף מען קענען ליב האָבן דעם מענטשן מיטן גאַנצן האַרצן...

ער האָט אַרומגענומען דוד׳קען, אים צוגעטוליעט צו זיך, געהאַלטן אים אַ ווייל אין זיינע אָרעמס און דאַן אַוועקגעשטעלט צוריק אויפן דיל און אים אַ שטופּ געטאָן שפּילעוודיק, מיט דער דלאָניע:

— נו, לויף זשוקל, געניס פונעם לעבן, שטער מיר נישט איין פּאַקן די זאַכן, כ׳דאַרף זיך גרייטן פאַר אַ לאַנגן וועג...

* * *

אין אָוונט האָט מען באַגלייט סיאָמען אין וועג. מען איז פון אָנפאַנג געזעסן אַ ווייל אין עסצימער און געשוויגן. דאַן האָט זיך אהרן אויפגעהויבן פון פּלאַץ און אַרומגענומען סיאָמען. ער איז געווען בלייך אָבער צורוקגעהאַלטן. סאָניע און ליובע האָבן זיך נישט געקאָנט האַלטן אין די הענט. זיי האָבן זיך אויסגעוויינט אויף סיאָמעס ברוסט און ער האָט זיי געדאַרפט טרייסטן מיט ווערטער, וואָס אים איז שווער געווען צו געפינען. דוניאַשא איז געזעסן ביי דער טיר, ווו עס זענען געשטאַנען זיינע טשעמאָדאַנען און האָט געקוקט אויף סיאָמען מיט מורא אין די אויגן. ער איז צו איר צוגעגאַנגען. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זי שטאַרק אַרומגענומען, געקושט און איז אויף שנעל אַוועק פון הויז מיט די טשעמאָדאַנען אין זיינע צוויי געזונטע הענט, באַגלייט פון אהרנען, סאַשען און דוד׳קען. דוניאַשאַ האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפן שטול און זיך ביטער צעוויינט. זי האָט זיך ווידער געפילט ווי אַ יתומה.

12
ווי קאָן דאָס זיין?...

ווי קאָן דאָס זיין?...

— העי, חברה, גיט אַ קוק וועמען איך האָב אייך געבראַכט!...
סאַראַטשקאַ גאָטליב האָט זיך ממש אַריינגעריסן אויף דער וועראַנדע פון לעסניקס הויז און האָט מיט זיך מיטגעריסן לייבלען. אַ רויט־האָריקע, ווייס־הויטיקע מיידל פון אַ יאָר פערצן מיט אַ קליין פּאַריסן נעזל און יינגלשער באַנעמונג, האָט סאַראַטשקאַ אויסגעזען ווי אַ קליין שוועסטערל פון דעם הויכן לייב סלוצקי. לייב אַליין איז געווען אָנגע־טאָן אין סאָלדאַטסקע קליידער, גוט צוגעפּאַסט צו זיין אַטלעטישן גוף. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן שוועל פון דער וועראַנדע און באַ־האַלטן זיין פאַרלעגנהייט אונטער אַ גאַרנישט־מיינענדיקן שמייכל. ער איז אינגאַנצן נישט געווען זיכער, אַז דער עולם דאָ אין לעסניקס הויז און באַזונדערס ליובאַ, וועט אים אויפנעמען מיט דער זעלבער מאָס באַגייסטערונג מיט וועלכער סאַראַטשקאַ האָט אים פאַרגעשטעלט.

דער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אויף דער וועראַנדע. סאַשאַ לעס־ניק און העסיאַ גאָטליב האָבן געשפּילט שאַך. דוד׳קע האָט נאָכגעפאָלגט די שפּיל אויף וויפל ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך אויפן ברעט. ער האָט זיך בשעת מעשה אַליין געשפּילט מיט די אַראָפּגענו־מענע פיגורן. די ברידער שור, צוויי הויכע גימנאַזיסטן מיט אויגן־גלעזער איבער זייערע לאַנגע נעזער, זענען געווען פאַרטאָן אין אַ גאַרנישט־מיינענדיקער אָבער פריילעכער פּלאַפּלעריי, וואָס האָט באַ־שעפטיקט ליובאָס אויערן, אָבער נישט איר מוח. זי האָט געטראַכט וועגן אים, וועגן ליאָווען, וועגן דעם געוואַגטן לייב סלוצקי, וואָס האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן צו זיין אויפן פראָנט.

דערהערט סאַראַטשקעס אויסרוף און דערזען לייבלען אין זיין שפּאָגל נייעם מיליטערישן אוניפאָרם, האָבן זיך אַלע אויפגעכאַפּט פון

די פּלעצער און געבליבן שטיין יעדער אין זיין אייגענער אומגעלומ־פּערטער פּאָזע. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס מען דאַרף זאָגן אָדער טאָן ביי אַזאַ געלעגנהייט, און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו זאָגן וואָס מען האָט געטראַכט.

אפילו העסיאַ גאָטליב. גאָרנישט קיין שעמעוודיקער יונג, האָט גע־שוויגן. ער האָט אָבער געטראַכט מיט ביטערקייט: אָט האָסטו דיר, שמערקע דעם קאָזאַק; אין אַ גרויסן אויעזד מיט צענדליקער טויזנטער תושבים האָבן זיך אָפּגערופן גאַנצע דריי פרייוויליקע, דאַרף לייבל זיין אינמיטן. ליאַנקא הוזער, סערגעי סמירנאָוו און לעב סלוצקי — טריומוויראַט פון טיפּשים מיט אַ יידישן יאָקל בראש...

ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט סאַשען, וועלכער האָט אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און אַ בורטשע געטאָן אונטערן נאָז: אָבאָלטוס!...

זיין שוועסטער ליובא, האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון לייבלען. לייבל האָט שוין פון לאַנג זיך שטאַרק באַמיט צו געווינען פאַר זיך דאָס מיידל, אָבער נישט מיט צו גרויסן דערפאָלג. זי האָט אים פון זיך נישט געיאָגט. ס׳איז איר געווען גוט מיט אים. איר האָט בפירוש אימפּאָנירט זיין פיזישע שטאַרקייט, אַזוי ווי די שטאַרקייט פון זיין כאַראַקטער. זי האָט ליב געהאַט זיך אָנשפּאַרן אויף זיין אָרעם און האָט מיט אים קיין מורא נישט געהאַט אין אַ סאַמער פינצטערער נאַכט, ווען זי האָט איר אייגענע האַנט נישט געקאָנט זען, אָבער געפילט זיינע אונטער איר אָרעם. ליובאַ האָט אפילו זיך אויפגעפירט אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס געהאַט אַ רעכט אויף אים. ביי־לייטן האָט עס געהייסן, אַז ער איז ליובאַס אַ בחור, אָבער פאַרליבט אין אים איז זי נישט געווען; אַזוי האָט זיך איר אַליין געדאַכט.

ער איז געווען עפּעס צו פּראָסט, צו איינפאַך, צו טאָג־טעגלעך: אַ דאָרפס־בערל מיט בילדונג. עפּעס האָט לייבלען אויסגעפעלט, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים אויסטיילן פון יונגן מלינער עולם אויף אַן אַנטשיידענעם אופן, עפּעס, וואָס זאָל אויף אַן אמת׳ן אָנצינדן ליובאַס האַרץ. סוף כל סוף איז ליובאַ געווען אַ זיבעצן־יאָריקע גימנאַזיסטקע און לייבל האָט געדאַרפט זיך קאָנען פאַרמעסטן מיט אַ היפּשער צאָל

ראָמאַנען־העלדן. ער איז געווען צו היימיש פאַר אַ ראָמאַנטישער פערזענלעכקייט. אמת, ער איז געוואָרן אַ העלד אין שטאָט נאָך זיין צוזאַמענשטויס מיטן אָפּגערונדעוועטן, געשליפענעם גאַרבאַטאָוו, אָבער די זאַך איז אויף שנעל געוואָרן פאַרטושט און ענדלעך רעדוצירט צו אַ טשיקאַווע אַנעקדאָט. עס איז שוין געווען אַ געוווינהייט אַזאַ ביים רוב מלינער יידן, זיך אויסצולאַכן פון אייגענע צרות און ליידן, אַזוי גוט ווי פון אייגענעם אויסדויער און געוואַגטקייט. איז לייבל געבליבן אַנעם אָרעאָל פון אַ העלד.

איצט איז אָבער לייבל געשטאַנען מיט איין פוס אין דער גרויסער וועלט. ער איז געווען אויסגעקליידט פאַר דעם אין קליידער פון אַ שלאַכטמאַן און אויסגעזען אַזוי ווי לערמאָנטאָווס פעטשאָרין אַליין וואָלט זיך באַוויזן אויפן שוועל פון ליובאָס היים. ווי אַזאַ איינעם האָט זי אים, ליובאַ, איצט געזען: אַ מערקווירדיקן יחיד, אַ שטאַרקן, און גע־וואַגטן; אַן אַנדערשדיקן מענטשן, וואָס טראָגט אין זיין גרויסן גוף דעם סוד פון אומגעווענלעכן זיין. איצט איז זי געווען גרייט זיך אָנ־שפּאַרן אויף זיין האַנט און גיין צוזאַמען מיט אים אַנטקעגן דעם אומגעווענלעכן, אַנטקעגן דער אויסגעחלומטער וועלט פון יום־טוב לעבן.

זי האָט שוין געוואָלט זיך אויפהייבן פון פּלאַץ, ווען איר מאַמע איז אַרויס אויף דער וועראַנדע.

סאָניע האָט אַ פלאַסקע געטאָן מיט די הענט און געזאָגט שטיל:

— גאָטעניו זיסער, טייערער פאָטער מיינער... וואָס האָסטו אָפּ־געטאָן, לייבל ?.. קיין בעסער שפּילעכל ווי מלחמה האָסטו זיך נישט געפונען ?

ליובאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען מיט פאָרוווּרף אין די אויגן:

— מאַמע !...

סאָניע איז אַנטשוויגן געוואָרן, צוגעלייגט די האַנט צום מויל און באַקוקט לייבלען מיט מוטערלעכער זאָרג.

ליובאָ איז צוגעגאַנגען צו לייבלען און אים גענומען פאַר דער האַנט:

— וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלטביים שוועל, ליאָווא. קום אַריין, זיי אַ גאַסט...

דוד׳קען האָט לייבל נישט באַמערקט. אָבער דוד׳קע איז איצט געווען פול מיט לייבלען. ער האָט אים געזען אַ נאַקעטן ביזן גאַרטל, ווי ער ראַנגלט זיך מיט אַן אַנדערן גבר, יאַנקל נאָסקאַ. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי לייבל שטייט דאָרט אין דעם גרויסן זאַל פון גימנאַזיע און ברומט אויס מיט געדעכטן כעס: דאָס איז נישט אמת! דאָס איז אַ בלבול!... ווער האָט זיך געקאָנט פאַרמעסטן מיט לייבלען אין גבורה?... דוד׳קען האָט זיך פּלוצים פאַרוואָלט דערציילן עמעצן וועגן אים, עמעצן וואָס קאָן לייבלען און ווייסט נישט וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש ער איז.

דוד׳קע איז אַרויס אין גאַס.

אין גאַס האָט זיך געהערט אַ כסדרדיקער טומל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַ פּויערישן הויף נישט ווייט פון זיין היים. דוד׳קע איז אַוועק אין דער ריכטונג פון טומל און איז אַריין אין אַ גרויסן הויף, וווּ מען האָט געדראָשן ווייץ.

דער הויף איז געגאַנגען כאַדאָראָם. עס האָט געלעכערט די אויערן דער טאַראַראַם, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַ מאָלאָטילקע מיט צווייי ועיאַלקעס. עס האָט געשניטן די לופט דאָס סווישטשען פון אַ לאַנגער בייטש איבער די קעפּ פון פיר פערד, געטריבן אין אַ קרייז־אַרום אַ דאָך אינמיטן הויף, וווּ עס האָבן זיך געפונען די טרייב־רעדלעך פאַר דער גרויסער דרעש־מאַשין. עטלעכע פּויערישע משפחות, גרויס און קליין, האָבן געאַרבעט אַרום די מאַשינען. זיי האָבן געהאָלפן איינער דעם אַנדערן מיט אַן אַרבעט, מיט וועלכער איין משפחה וואָלט זיך נישט געקאָנט ספּראַווען. די משפחה פון אַלטן פלאָטניק, וואַסיל באַטעי איז דאָ אויך געווען.

זיין עלטערער זון אַנדרעי, אָנגעטאָן אין אַן אַלט־סאָלדאַטיש העמד, איז געשטאַנען אויף אַ ברייטער באַנק, נעבן דער מאָטילקע, ביי דער עפענונג דורך וועלכער ער האָט געוואָרפן די רייפע ווייץ אויף די צעהיצטע אייזערנע ציין פון דער טומלדיקער מאַשין. אַנדרעי האָט

פלינק צעבונדן די זאַנגען, וועלכע מען האָט אים דערלאַנגט פון אונטן, און האָט רעגולירט די באַוועגונג פון דער שטרוי־מאַסע וואָס איז נאָכ־נישט געווען אָפּגעטיילט פון די ווייץ־קערנדלעך, אָבער געטאָן האָט ער עס מעכאַניש.

ער האָט געטראַכט נישט פון דעם ווייץ, וואָס איז געווען דער קוואַל פון זיין לעבן, נאָר וועגן דער מלחמה; וועגן דעם, אַז מען וועט אים זיכער אינגיכן רופן, כאָטש ער האָט שוין זיינס אָפּגעדינט. ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין היים, גראָד איצט, ווען עס איז אים געלונגען, נאָך אַזויפיל יאָרן מי און נויט, אויסצובויען אַן אייגענע כאַטע און איינשטעלן אַ לייטישעווירטשאַפט. ער האָט פאַרמאָגט ערד, אַ פּאָר גוטע פערד, מכשירים מיט וועלכע די ערד צו באַאַרבעטן, און אַ פּאָר אַרבעטזאַמע, געזונטע הענט. זיין פרוי, נאַסטיאַ, זיין גוטע באַלעבאָסטע, האָט אים שוין צוויי יינגלעך אויף דער וועלט געבראַכט. עס יאָגט דאָרטן די פערד אימיטן הויף זיין עלטערער יאַטל. ער האָט אפילו נישט קיין אַנונג, אַז זיין פאָטער וועט מוזן אים פאַרלאָזן, אפשר גאָר אינגיכן און אַוועקגיין אַהין, פונוואַנען מען קומט אָפטמאָל שוין נישט צוריק. אָט איז געווען אַ מענטש, ער האָט געהאָרעוועט, געהונ־גערט אָדער געגעסן זיין ברויט „מיטן שווייס פון זיין פּנים", ווי דאָס הייליקע בוך זאָגט, און אַז עס איז געקומען צום געניסן פון לעבן איז מער נישט געווען קיין לעבן... פאַרשאָלטענע דייטשן!..

געפאַנגען אַזוי פון זיינע טרויעריקע מחשבות, האָט ער אָפטמאָל דערפילט דעם וואַרעמען, וויברירנדיקן מעטאַל נאָענט צו די שפּיץ פינגער. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ ווילדער פאַרלאַנג אַ שטויס צו טאָן די האַנט פאָרויס צו די אייזערנע ציין. ס'איז געווען אַזוי פּשוט: אַ רוק מיט דער האַנט און פּטור אַן עסק. קיינער וועט קיין קאַליקע נישט נעמען ... און די הענט — זיינע אַלטע פאַרלעסלעכע חברים, וואָס האָבן אים נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט פאַרראַטן

— וואָס וועט זיין מיט די הענט? ווי וועלן זיי אויסזען? ווי וועלן אויסזען די פינגער אין בלוטיקע שמאַטקעלעך צעדריבלט?

— ב־ר־ר!..

אויפגעשווידערט פון דעם ווילדן איינפאַל האָט אַנדרעי צוריקגע־צויגן די הענט און האָט אָנגעהויבן אַרבעטן זייער פּאַר'זיכטיק. אָבער אַרבעטן רויק ביי דער מאַש'ן האָט ער שוין נישט געקאָנט. געמאַטערט פון בייזע מחשבות, האָט ער שליסלעך געבעטן זיין יונגערן ברודער, גריצקאָ, אים צו פאַרבייטן אויף אַ ווײַלע. אַליין איז ער אַוועק צום טויער, ווו ס'האָט זיך געפונען אַ גרוי'סער ברונעם.

דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דוד'קען. דוד'קע האָט אים גוט געקענט, ווי ער האָט געקענט די גאַנצע משפחה פון וואַסיל באַטעי. אהרן לעסניק האָט אים און זיינע זין באַשעפטיקט ביי יעדער געלעגנ־הייט און זיי זענען געווען אָפטע באַזוכער אין לעסניקס נייעם הויז. דוד'קע האָט גערופן דעם אַלטן פּלאַטניק — דיד וואַסיל (זיידע וואַסיל) און זיין עלטערן זון — דיאַדאַ אַנדרעי (אָנקל אַנדרעי). דערזען אים, האָט דוד'קע באַלד אויסגעשאָסן:

— דיאַדיאַ אַנדרעי, איר ווייסט? — ליאָוואַ סלוצקי, האָט פרייווי־ליק זיך אויפן פראָנט געמאָלדן!

— אַנדרעי, פאַרטיפט אין זיינע אייגענע געדאַנקען, האָט פון אָנ־פאַנג גאָרנישט פאַרשטאַנען. ער האָט אַרויפגעצויגן אַן עמער וואַסער פון ברונעם, געטרונקען לאַנג מיט גרויסער הנאה דאָס קאַלטע וואַסער. ווען ער איז פאַרטיק געווען מיטן טרינקען, האָט ער אָפּגעווישט די ליפּן און די סאָלדאַטיש, אַ ביסל אויף אויבן־פאַרדרייטע וואָנצעס און געפרעגט דוד'קען:

— וואָס האָסטו געזאָגט, אַראָניטש?

— ליאָוואַ סלוצקי גייט פרייווילליק אויפן פראָנט, דיאַדיאַ אַנדרעי. כ'האָב אים אַליין געזען. ער איז איצט ביי אונדז צו גאַסט...

— וועלכער איז דאָס, ליאָוואַ סלוצקי, דיין ליובאַס אוכאַזשאָר?

— אַהאָ...

— ס'קאָן נישט זיין.

— כ'זאָל אַזוי...

— שווער זיך נישט, אַראָניטש, כ'גלויב דיר. מסתמא איז ער אַן אמתער העלד, דיין ליאָוואַ, אויב ער גייט פרייווילליק אויפן פראָנט

— האָט אַנדרעי געזאָגט לאַנגזאַם און אַליין אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר איז דאָס די זאַך, וואָס ער, אַנדרעי, וואָלט אויך געדאַרפט טאָן. וואָרים אַלס אויסגעדינטער סאָלדאַט מיט אַ בענדל און נאָך דערצו אַ פּרייוויליקער, וואָלט ער אפשר געהאַט אַ בעסערע געלעגנהייט דורכ־צומאַכן די מלחמה בשלום און קומען אַהיים מיט גאַנצע ביינער. באַ־רויקט זיך אַליין, אין אַ געוויסער מאָס, מיט דעם געדאַנק, איז ער צוריק אַוועק צו דער אַרבעט.

— דוד׳קע האָט דערפילט, אַז לייבלס טאַט האָט נישט אַרויסגע־רופן ביי אַנדרעי באַטעי קיין גרויסע באַגייסטערונג. עפּעס האָט אַנדרעי געגעדעט ווי סיאָמאַ; עפּעס האָט ער אַזאַ אויסדרוק אויפן פּנים געהאַט. פונוואַנען קומט עס? דוד׳קע האָט נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן וועגן דעם, ער איז אַוועק אַהיים מיט אַ געפאַלענער שטימונג.

ביי אים אינדערהיים איז געווען לייבלס טאָג. צעהיצט פון אַ פּאָר גלעזער וויין, אַנגעוואַרעמט דורך ליובאָס אָפענעם אויפמערק, האָט ער הייס פאַרטיידיקט זיין האַנדלונג:

— לאָמיר קוקן די פאַקטן גלייך אין פּנים אַריין — האָט ער געדונערט מיט זיין באַסאָווער שטימע — די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַ מלחמה, וואָס קיינער האָט זי נישט געוואָלט. זיי האָבן דערקלערט מלחמה פראַנקרייך. זיי האָבן פאַררעטעריש אָנגעגריפן דאָס אַנטוואָפנטע קליינע לאַנד — בעלגיע. זיי האָבן אָנגעגריפן אונדז. קאָן יעדער איינ־זען, אַז...

לייבעל האָט אָפּגעלאָזט דעם טאָן:

— אַז וועלכע חשבונות מיר זאָלן נישט האָבן מיט אונדזער אומ־געלומפּערטער רעגירונג...

לייבעל האָט אָנגעהויבן רעדן גאָר שטיל:

— אָדער אפילו מיט דער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם אין אונדזער לאַנד, מוזן מיר אָפּרטיידיקן דאָס לאַנד פונעם אָנגרייפער, אָבער...

לייבל האָט צוריק אויפגעהויבן זיין שטימע:

— איין זאַך איז אָנערקענען די נויטיקייט פון עפּעס און אַ צווייטע — צו טאָן וואָס איז נויטיק. וואָרים, ווי דאָס ווערטל גייט „סוואַי רו־

באַכאַ בליזשע ק׳טיעלו״, יעדער איינער זאָרגט זיך וועגן דער אייגענער שקורע; יעדער איינער שרעקט זיך פאַרן טויט און די פאַרשאָלטענע דייטשע ציוויליזירטע, געשליפענע באַרבאַרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — אוי האָב איך זיי פיינט! — זיי קוקן אַרויס אויף דעם. זאָג איך אייך, אַז איך בין נישט פון די שרעקעוודיקע. צום טייוול מיט דעם! אַז זיך שלאָגן, איז זאָל דאָס זיין זיך שלאָגן! כ׳קלייב זיך נישט באַהאַלטן הינטער יענעמס רוקן. כ׳האָב מיר מיין אייגענעם.

אַלע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און זיך איבערגעקוקט בשעת מעשה; אַלע, חוץ סאַראָטשקע, ליובע און דוד׳קע.

סאַראָטשקע האָט לייבלען נישט געהערט. זי איז געווען באַשעפּטיקט מיט סאַשען.

זי האָט אָנגעטראָטן אויף זיינע פיס אונטערן טיש, באַוויזן אים איר צונג, געקנייטשט איר נעזל אַנטקעגן זיין גלייכגילטיקן פּנים. ליובאַ איז געזעסן שטיל, אָבער זי האָט מער געהערט דעם קלאַנג פון לייבעלס מענלעכער שטימע, ווי פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פון די ווערטער וועלכע ער האָט באַנוצט, און דוד׳קע איז געווען באַשעפטיקט מיט זיינע אייגענע געדאַנקען.

ער האָט פאַרגליכן סיאָמען מיט לייבלען. סיאָמע איז אַוועק צום פּריזיוו ווי אויף אַ לויה — אַ טרויעריקער אַזאַ, אַ נישט קיין זיכערער אין גאָרנישט, חוץ אפשר אין דעם, אַז מ׳דאַרף האָבן ליב דעם מענטשן מיטן גאַנצן האַרצן, ווי ער האָט עס אַליין געזאָגט. לייבל גייט אַוועק אויפן פראָנט ווי אויף עפּעס אַ שמחה, אַן אויפגעלייגטער. אַ מונטערער. און דאָך זענען זיי ביידע טייער דוד׳קען און ביידע זאָגן זאַכן, וואָס לייגן זיך אויפן שכל — ווי קאָן דאָס זיין?

דוד׳קע וואָלט עס געפרעגט ביי סאַשען, אָבער ער האָט שוין נישט איינמאָל געהאַט מיט אים אַ ביטערע דערפאַרונג. אָנשטאָט ענטפערן אויף דער פראַגע, זאָגט סאַשאַ אָפטמאָל, אַז דוד׳קע וועט שנעל אַלט ווערן, אויב ער׳ט אַלץ וויסן. דוד׳קע האָט עס אָנגענומען אַלטן תירוץ פאַר דער באָבען, אָבער ער האָט געפילט, אַז אין פאַרענטפערן די רעטענישן פון לעבן איז ער אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, אַז עס איז

געקומען די צייט ווען ער מוז אָנהויבן וואַקסן שנעלער ווי ער האָט עס געטאָן ביז איצט.

מיט אַזאַ ווונטש האָט ער זיך אָוועקגעלייגט שלאָפן יענע נאַכט, און כאָטש ער איז אויפגעשטאַנען אויף צו מאָרגנס אינדערפרי דערזועלבער קליינער יינגל, איז ער אָבער אויסגעוואַקסן פיל שנעלער, ווי אַ קינד דאַרף וואַקסן.

13
אַזוינע קומען נישט אום...

די מלינער באַן־סטאַציע האָט זיך געפונען ביים סאַמע עק שטאָט. נאָך דער סטאַציע איז שוין מער קיין הייזער נישט געווען. עס איז נאָר געלעגן דער גיגאַנטישער טעפּיך פון פעלדער אויסגעשפּרייט ביזן סאַמע האָריזאָנט, ווו דאָס רחבותדיקע פלאַכלאַנד האָט זיך מיטן הימל פאַרייניקט.

די באַן־סטאַציע איז געווען דאָס אויג, מיט וועלכן מליני האָט אַרויסגעקוקט צו דער דרויסנדיקער וועלט. מסתמא צוליב דעם האָט זי שוין פון לאַנג צו זיך געצויגן דעם אַכט יאָריקן דוד׳קען, אָבער נאָך סיאָמעס אָוועקפאָרן האָט ער באַלד באַזוכט די באַן־סטאַציע און איז דאָ געוואָרן גאָר אַן אָפטער גאַסט.

אמת, ס׳איז געווען אַ ווייטער מהלך פאַר אַן אַכט יאָריקן יינגל און ווען דוד׳קע וואָלט געבעטן אַ דערלויבעניש ביי טאַטע־מאַמע, וואָלט מען אים, מסתמא נישט געלאָזט גיין. אָבער ער האָט געהאַט אַ טבע נישט צו בעטן קיין דערלויבעניש. ער פלעגט אָוועקגיין פון דער היים פאַרטראַכט און גיין פאָרשן די וועלט; זען, אַ שטייגער, ווי אַזוי די צעקאַליעוועטע קלעצלעך אייזן ווערן אין פאַדקאָוועס געשמידט, אָדער זיך צוקוקן ווי אַזוי פון רויע קלעצלעך האָלץ ווערט אַ טיש, אַ פעסל, אַ וואָגן געמאַכט. שעה׳ן לאַנג פלעגט ער נאָכפאָלגן יעדע באַוועגונג פון געניטע הענט, וואָס האָבן געשאַפן נוצלעכע געברויך־זאַכן. אַלע בעלי־מלאכות פון שטאָט האָבן אים געקענט און אים קיינמאָל נישט

געטריבן פון זיך, וואָרים ער פלעגט קיינעם נישט שטערן. ער האָט געהאַט עפּעס אַ מאָדנע פעיקייט נישט צו פאַלן קיינעם צו־לאַסט. ער פלעגט זיך אויסזוכן אַ שטיל ווינקל, זיך איינטוליען דאָרט און זיך אויפפירן אַזוי, ווי ער וואָלט באַשטאַנען נאָר פון אַ פּאָר גרויסע, ניי־געריקע אויגן.

אַזוי האָט דוד׳קע ביי קיינעם נישט געפרעגט, קיינעם קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן, געפּאָרשט די מלינער וועלט אין דער טיף און אין דער ברייט, ביז ס׳איז געקומען די ריי פון דער באַן־סטאַציע.

דאָ אויף דער סטאַציע האָט די מלחמה זיך געלאָזט פילן מער ווי אין דער שטאָט גופא. פון דאַנען זענען דוד׳קעס מלינער לאַנדסלייט אַוועק אויף די ווייטע שלאַכט־פעלדער, אַוועק אין אַלטע ציווילע קליי־דער אָנגעטאָן, מיט קליינע פּעקלעך און קעסטלעך איבער די פּלייצעס איבערגעוואָרפן, באַגלייט מיט געוויין פון שוועסטער און מאַמעס. דורך דאַנען האָבן זיך געצויגן עשאַלאָנען פון מיליטער אויפן פראָנט, מיט פאַרשלאָפענע קאַנאָנען אויף די אָפענע פּלאַטפאָרמעס, אומרויִקע פערד אין די רויטע קאַסטנס אויף רעדער, און טומלדיקע סאָלדאַטן, וועלכע פלעגן דאָ קריגן אַ טשייניק הייס וואַסער, צומאָל אַ מתנה פון אַ פּאַטריאָטישער דאַמע, אָדער אַ זיסן שמייכל פון אַ גוט־האַרציקער מיידל. דורך דאַנען האָבן זיך אויך געצויגן האָספּיטאַל־צוגן, פון פראָנט צום טיפן הינטערלאַנד, אָנגעפילט מיט בלייכע, פאַרוווּנדעטע, מער־סטנס צוקינפטיקע אינוואַלידן, וועלכע האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: צי פרייען זיך מיט דעם, וואָס די שרעק פון מלחמה איז שוין געבליבן ווייט הינטער זיי, אָדער טרויערן אויף דעם פאַרלוירענעם געזונט און אָפּטמאָל אויך גייסטיקן גלייכגעוויכט.

אַ גאַנצער דור מענער אָנגעטאָן אין מיליטערישע קליידער איז פאַרבייגעפאָרן די קליינע מלינער באַן־סטאַציע דורך די יאָרן פון דער מלחמה; אַ דור סאָלדאַטן, וואָס זענען געווען נאָענט דוד׳קען צום האַרצן, כאָטש זיי האָבן אויסגעזען גאָר אַנדערש ווי שפּילעכל־סאָלדאַטן, און, אפשר, גראָד צוליב דעם. זיי זענען פאַר דוד׳קען געווען

סיאָמעס און ליאָוועס חברים. און ער האָט נישט אויפגעהערט זוכן סיאָמען און ליאָווען צווישן זיי.

ביים אָנקומען פון יעדן מיליטערישן עשאַלאָן, אָדער אַ האָספּי־טאַל־צוג פלעגט ער לויפן פאַרביי און פלעגט פרעגן ביי די סאָלדאַטן צי עס איז נישטאָ צווישן זיי עמעצער וואָס האָט געדינט אין טיראַס־פּאָלסקי פּאָלק און צי עמעץ האָט נישט געקענט סעמיאָן רובין, אָדער לעוו סלוצקי.

אין די מערסטע פאַלן פלעגן די סאָלדאַטן אויסנוצן די געלעגנ־הייט פאַר אַ ביסל שפּאַס טרייבן. זיי האָבן געפּראָוועט קאַטאָוועס מיט דעם מאָדנעם יינגל. איינער האָט געזען ליאָווען אויף אַ ווייס: פערד אַריינפאָרנדיק בראש פון טיראַספּאָלסקי־פּאָלק אין דער פעסטונג פון פשעמישל.

אַ צווייטער האָט געזען סיאָמען אויפהייבן עטלעכע דייטשע סאָל־דאַטן אויף זיין פּיקע און דערביי געשווירן „ביי דער באָרד פון מאַהאָ־מעד״, אַז אויב עפּעס אַ קוזמאַ קרוטשקאָוו קען עס זיין סיאָמאַ רובין אויך... די סאָלדאַטן האָבן געלאַכט און דוד'קע האָט מיט זיי מיטגעלאַכט, אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט זוכן עמעצן, וואָס זאָל אים איבער־געבן אַ לעבעדיקן גרוס פון סיאָמען, אָדער כאָטש פון לייבלען. ער האָט אפילו ביי דעם געהאַט שותפים: דוניאַשען און ליובאַן.

יעדעס מאָל ווען ער פלעגט קומען אַהיים פון דער סטאַציע פלעגן זיי אים אָנהאָדעווען, אָפּרייניקן פון אים דעם שטויב, אָדער די בלאָטע, צומאָל אפילו באַשיצן פון דער מאַמעס טענות, און שליסלעך, ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט, ווען קיינער האָט עס נישט געהערט, פרעגן:

— נו, דוד'קע, האָסט עפּעס געהערט?

די הערצער פוןביידע מיידלעך האָבן געלעכצט נאָך אַ לעבעדיקן גרוס פון זייערע בחורים. זיי האָבן געהאַט פון זיי בריוו, אָבער וואָס פאַר אַ מין בריוו זענען דאָס געווען? עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן פאַרבאַהאַלטן מער ווי זיי האָבן דערציילט; ווערטער געשריבן פאַר דער מיליטערישער צענזור... זיי האָבן געמוזט האָבן אַ לעבעדיקן גרוס און אַזוי ווי דער ווונטש איז דער פאָטער פון געדאַנק, האָבן זיי ביידע

געגלויבט, אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך, נישט מער וואָס ליובאַ האָט זיך צומאָל געטאַדלט פאַר איר קינדישער אויפפירונג. אין אָנפאַל פון בענקשאַפט נאָך לייבלען האָט זי אָבער פאַרט צוגעלייגט איר אויער צו דעם וואָס דוד׳קע האָט געהאַט צו דערציילן, ביז ס׳איז געקומען אַ טאָג ווען דוד׳קע האָט איר ענדלעך געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס.

עס איז געווען אין זומער פון 1915, ווען די באַנען, וואָס זענען געגאַנגען צום פראָנט האָבן זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן אויף דער מלינער באַן־סטאַנציע. עשאַלאָנען נאָך עשאַלאָנען זענען זיי געגאַנגען צו מערב, געטריבן אינעם אָפענעם מויל פון דער מלחמה, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אָנזעטיקן און פאַרלאַנגט אַלץ מער און מער מענטשלעכע קרבנות. די עשאַלאָנען פלעגן זיך אָפשטעלן אויף אַ ווייל ביז דער לאָקאָמאָטיוו וועט דאָס וואַסער ביי דער וואָדאָקאַטשקע אָננעמען אָדער ביז אַ באַן פון אַן אַנדערער ריכטונג וועט דעם וועג באַפרייען.

צו איינעם פון די עשאַלאָנען איז צוגעגאַנגען דוד׳קע. די סאָלדאַטן זענען געזעסן אויפן ראַנד פון דעם רויטן לאַסט־וואַגאָן, ביי דער אָפענער טיר. הינטער זיי, אינעווייניק פון וואַגאָן, האָבן זיך געזען גופים פון עטלעכע פערד. אַן עלטערער באַבערדלטער סאָלדאַט איז געשטאַנען ביי דער זייט פון דער ברייטער טיר און האָט זיך פאַרדרייט אַ ציגאַרעטל.

ווען דוד׳קע האָט געפרעגט וועגן סיאָמאַ רובין, האָבן זיך די סאָלדאַטן צעלאַכט הויך אויפן קול — גיי זוך אַ נאָדל אין היי. זיי האָבן דעם „פראָנט״ אפילו פון דער ווייטן נאָך נישט געזען, און האָבן באַלד אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און גענומען שיטן מיט וויצן. דער באַבערדלטער סאָלדאַט מיט אַ שווערד פון אַ קאַוואַלעריסט אויף דער זייט, איז געוואָרן שטאַרק אין כעס:

— אפשר וועט איר פאַרמאַכן אייערע נאַרישע פיסקעס, נישט קיין דערוואַקסענע יאָלדן, וואָס איר זענט! — האָט ער זיך צעבייזערט אויף די אַנדערע סאָלדאַטן — דאָס יינגל פרעגט ביי אייך אַן ערנסטע פראַגע און איר הירזשעט ווי די פערד... שכל דאַרף מען האָבן!

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן און זיך צוגעזעצט אויף די

פיס נעבן דוד׳קען. ער האָט איבערגעלאָזט ביי זיך אינדערהיים פונקט אַזאַ יאַטל. ס׳האָט זיך אים געבענקט נאָך אים און ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז אפשר שטייט זיין גרישוטקאַ אויף אַ ווייטער סיביר׳ישער סטאַנציע און פרעגט זיך ביי מענטשן, צי זיי האָבן ערגעצוווּ נישט געזען זיין טאַטן. ער האָט אַוועקגעלייגט אַ האַנט אויף דוד׳קעס פלייצע.

— איז ווי אַזוי זשע, זאָגסטו, רופט מען אים?

— סיאָמאַ רובין.

— סיאָמאַ רובין? — וואַרט אַ מינוט, לאָמיר אַ טראַכט טאָן. ווי זעט ער אויס? — אַ הויכער, זאָגסטו, אַ שטאַרקער, אַזוי ווי איך, אָבער אָן אַ באָרד... אָ יאָ, איצט געדענק איך אים, דאָס איז ער.

— זיכער, דאָס איז ער — האָט זיך דער סאָלדאַט אַ פּאַטש געטאָן איבערן שטערן — ווי אַזוי האָב איך געקאָנט אין אים פאַרגעסן? מיר זענען דאָך מיט אים צוזאַמען אין איין אָקאָפּ געלעגן; אַ גוטער אָקאָפּ. מיט אמתע בלינדאַזשן, ממש אַ פעסטונג. נישט נאָר קיין קויל, אפילו אַ באָמבע, וועט עס נישט נעמען... זיכער געדענק איך אים — אַ ווילער מענטש. ער האָט מיר דאָס לעצטע ביסל טאַבאַק אָפּגעגעבן און האָט זיך אפילו נישט פאַרקרימט; רויכער — זאָגט ער — גאַווריליטש, געזונטערהייט, מיר ווילט זיך עפּעס נישט רויכערן און איך שלאָכט — איז ער אַן אָדלער... אַזוינע קומען נישט אום!...

אויף דער באַן־סטאַנציע האָט זיך צעקלינגען אַ גלאָק. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזט אַ קורצן פייף, האָט אַ שפיי געטאָן מיט אַ ביסל פאַרע און אַ ציי געטאָן נאָך זיך מיט אַ סקריפּ דאָס לאַנגע שנירל רויטע וואַגאָנען. דער סאָלדאַט האָט אַ קניפּ געטאָן דוד׳קען אין באַק:

— נו זיי מיר געזונט!...

ער איז אַרויפגעשפרונגען אויף דעם וואַגאָן, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט אַנטלאַנג דעם פעראָן פון וואָקזאַל און פונעם וואַגאָן נאָך אַמאָל אויסגעשריגן:

— זאָרג זיך נישט וועגן דיין ברודער, יאַטל, אַזוינע ווי ער קומען נישט אום, טאַקע ניע פּראָפּאַדאַיוט!...

ער האָט אַ ווײַלע געפּאָכעט צו דוד׳קען מיט דער האַנט און דוד׳קע האָט אים באַגלייט מיט דאַנקבאַרע בליקן.

און דאַן האָט עס מיט דאַווידקען פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך:

דאָס פּנים פון דעם באַבערדלטן סאָלדאַט האָט זיך אים גוט אײַנגעקריצט אין זכרון. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַהיים יעדן שטריך פון זײַן ווײַלן פּנים, אַזוי אויך ווי כמעט יעדעס פון די ווערטער, וואָס ער האָט באַנוצט, אָבער אַז עס איז געקומען צו דערציילן די מעשה דוניאַשען און ליובאַן האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער ווייסט נישט געננוי פון וועמען האָט דער ווײַלער גאַוורילִיטש איבערגעגעבן זײַן גרוס. צוערשט, האָט ער דערציילט די מעשה דוניאַשען. ער האָט איר געזאָגט, אַז דער גרוס איז געווען פון סיאָמען, און דוניאַשע האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די ווערטער: „אַזוינע קומען נישט אום, ס׳איז דער ריינער, ליכטיקער אמת — אַזוינע קומען נישט אום״. אין אָוונט איז אָבער ליובאַ געקומען אַהיים און ער האָט איר דערציילט די זעלבע מעשה, אָבער דער גרוס איז געווען ווי פון לייבלען. ס׳איז אַזוי אַרויסגעקומען און ס׳האָט זיך אים אַליין געדוכט, אַז דער גרוס איז טאַקע פון לייבלען.

ליובאַ האָט אָבער אָנשטאָט זיך דערפרייען מיט דער גוטער בשורה, זיך שטיל צעוויינט.

זי האָט גוט פאַרשטאַנען דעם אַלטן סאָלדאַט, גערירט פון זײַן פּשוטער גוטסקייט, האָט זי זיך געווישט די טרערן און אויסגעשעפּטשעט:

— אַזוינע קומען נישט אום, אַזוינע קומען קיינמאָל נישט אום...

14
זאָל זי הערן ס׳געוויין פון קינדער...

אַ שטילער נאָוועמבער־טאָג האָט אַ רוק געטאָן די שטאָט צום ווינטער מיט דער האַנט פון ערשטן שניי, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פאַלן און באַדעקט די ערשט נעכטן האַרבסטיק־נאַקעטע גאַסן פון מליני מיט אַ נײַעם ווינטער־מלבוש. אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן יום־טובֿ־

דיקן פוטער, האָט זיך די שטאָט געהנדלט אַנטקעגן דעם שניי און וואָלקן־פאַרשלייערטן הימל מיט שטיפערייען און געלעכטער פון קינדער אין די גאַסן.

גדליה׳ס קינדער האָבן זיך אין דער גאַס נישט געשפּילט. ביידע ייִנגלעך זענען נאָך אַלץ געזעסן שבעה אין אַ ווינקל פון זיידנס כאַטע.ביים אויוון און האָבן נישט אָפּגעריסן די אויגן פון דער מאַמען. די מאַמע איז געזעסן אויף אַ באַנק ביים טיש. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ וואָכעדיק קלייד. די האָר זענען ביי איר געווען יום־טובדיק פאַרקעמט מיט אַ פרעמדער האַנט און אַרומגענומען מיט אַ שוואַרצן טיכל. אויף איר בלייכן פנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ פאַרשלייערטע גלייכגילטיקייט צו אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום איר. זי האָט געקוקט מיט גרויסע, אויסדרוקלאָז־גרויע אויגן אין אַ פּוסטן ווינקל, ווו עס האָט זיך קוים געמערקט דאָס ליכט פון טאָג. דאָס ביסל דרויסנדיקע ליכט, וואָס האָט געפונען אַ וועג אין דער כאַטע דורך אַ קליין, מיט פאַלנדיקן שניי פאַרשלייערט פענצטערל, האָט דאָ געהאַט אַ בין־השמשותדיק אויסזען. ביי דבורהלען איז אָבער געווען נאַכט אויף דער נשמה. זי האָט נישט געוויינט און נישט געקלאָגט. זי האָט זיך אויפגעפירט אַזוי, ווי עס וואָלט איר גאָר נישט אָנגעגאַנגען.

אויפן נאַקעטן טיש, אין אַלטע, ביי ראַנדן אָפּגעהאַקטע טעלערס. איז געשטאַנען דבורה׳לעס קאַלטע עסן. זי האָט עס נישט אָנגערירט. עטלעכע פאַרוויינטע שכנות זענען געזעסן נעבן דבורה׳לען און זי געפּרוווט טרייסטן מיט גוטע ווערטער. די ווערטער זענען אָבער צו איר נישט דערגאַנגען. זי האָט גאָרנישט געהערט זינט מען האָט איר געלאָזט וויסן, אַז איר גדליה איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, אַז ער איז געפאַלן אין עפּעס אַ שלאַכט. וואָס דבורה׳לע האָט נישט געזען קיין זין דעריין, קיין שכל, קיין שייכות צו איר אייגענעם זיין, צום לעבן אין איר אייגענער וועלט. זינט דער גרויזאַמער „נישטאָ" איז אַריין אין איר באַוווסטזיין מיטן פּיין פון אומבאַגרייפלעכן אומגליק, האָט זי אויפגעהערט הערן, זען און וועלן. עס איז מיטאַמאָל פּוסט געוואָרן ביי איר אויף דער נשמה; פיינפול פּוסט, אַזוי ווי עס

איז געווען פוסט אין אָט יענעם ווינקל פון שטוב, פון וועלכן זי האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן.

די קינדער האָט מען צו איר נישט צוגעלאָזט. די מומעס האָבן זיי געהאָדעוועט, געוואַשן און געלייגט שלאָפן אויפן „פאָל" ביים אויוון. מען האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן נישט דאָקוטשן דער מאַמען, ווייל די מאַמע איז קראַנק, זייער קראַנק.

זענען זיי געזעסן אין אַ שבעה־ווינקל ביים אויוון אויף אַ ריינעם זאַק, וואָס האָט באַדעקט דעם ליימענעם דיל און נישט אָפּגעריסן די אויגן פון דער מאַמען, בעת די טיר האָט זיך געעפנט און אין דער כאַטע איז אַריין איליא סעמיאָנאָוויטש ליעקאַר, באַגלייט פונעם זיידע, דעם „אַלטן" בינדיוזשניק הערש נאָסקא.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט זיך שטיל באַגריסט מיט די מענטשן אין שטוב, געלאָזט אַראָפּנעמען פון זיך דעם מאַנטל, אָפּגעגעבן דעם באַטריבטן אַלטן האָרעפאַשניק די שאַפּקע און איז געבליבן שטיין ביי דער טיר.

ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן. ער האָט קיין שום רפואה פאַר דבורה׳לען נישט געהאַט. ער האָט געצווייפלט, צי עס איז דאָ בכלל אַזאַ רפואה אויף דער וועלט. ער איז אַהער געקומען נאָר צוליב דער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט זיך געפילט אין די רייד פון דעם טאַטן און זיידע, וועלכער האָט פאַרלוירן אַ זון און אומבאַהאָלפן געזען ווי עס גייט אויס אין יסורים די מאַמע פון זיינע אייניקלעך, די ווילע דבורה׳לע.

איליא סעמיאָנאָוויטש האָט געוואָרנט דעם פאַרצווייפלטן פיראָונ־פופציק יאָריקן „זקן" נישט צו דערוואָרטן קיין ניסים פון זיין באַזוך, אָבער אָפּזאָגן אים האָט ער נישט געקאָנט.

איצט, ווען ער איז געווען דאָ, אין דער כאַטע, האָט אים פּלוצים אַרומגעכאַפּט אַ געפיל, אַז ער מוז עפּעס טאָן פאַר דער אומגליקלעכער משפחה, אַז ער קאָן נישט איבערלאָזן די שטוב אין אַזאַ צושטאַנד פון אומבאַהאָלפנקייט און יאוש.

ער האָט מיט אויפמערק באַטראַכט דבורה׳לעס פנים: קיין סימן

פון לעבן האָט זיך אין אים נישט געמערקט; אפילו קיין סימן פון פיין נישט, ווי פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקן מת.

ער האָט געפּרוווט צוציען צו זיך דבורהלעס אויפמערק מיט צו־דרינגלעכן קוקן אין איר גרויסן גלייכגילטיק־גרויען אויג, וואָס ער האָט געזען פון דער זייט, ווען ער האָט דערפילט עמעצנס בליק אויף זיך אַליין.

ער האָט אימפּולסיוו אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען דבורה׳לעס צוויי יינגלעך. די אייניקלעך האָבן שוין מער נישט געקוקט אויף דער מאַמען. זיי האָבן נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון אים, פון איליא סעמיאָנאָוויטשן.

ער האָט אויסגעזען מאָדנע, גאָר אַנדערשדיק ווי דער טאַטע, ווי דער זיידע, ווי די פעטערס, ווי אַלע מענער וואָס פלעגן קומען אַהער אין שטוב. דאָס פּנים איז ביי אים געווען עפּעס אַזוי מאָדנע ווייס און די אויגן עפּעס אַזוי מאָדנע דורכדרינגנדיק; און געקומען איז ער אין שטוב צוליב דעם אומגליק, וואָס זיי האָבן מער געפילט ווי פאַר־שטאַנען זיין מיין. עפּעס האָט פאַרבונדן דעם דאָזיקן מאָדנעם פאַרשוין מיטן אומגליק און זיי האָבן אויף אים געקוקט מיט נייגער און מורא אין די אויגן.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט צו זיי אַ שמייכל געטאָן און עס איז אים איינגעפאַלן, אַז אפשר האָט ער דאָ אַ שליסל צו דבורה׳לעס נשמה. ער איז צוגעגאַנגען צו די יינגלעך. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און זיך איינגעטוליעט אינעם ווינקל ביים אויוון. איליאַ סעמיאָנאָ־וויטש האָט אָנגענומען דעם קלענערן, פיר־יאָריקן יינגל פאַר די הענט, אים אויפגעהויבן אין דער לופטן און צוגעפּרעסט צו זיך.

— ווי הייסטו, בחורל — האָט ער אים געפרעגט מיט אַ שמייכל און אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף זיין מוטער.

דאָס קינד האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איליאַ סעמיאָנאָוויטשס הענט און זיך צעוויינט.

זיין זיידע איז צו אים צוגעגאַנגען, אים אַ דראָ געטאָן מיטן פינ־גער און אויסגעשעפּטשעט:

— ש־ש־ש, וועסט ווי טאָן דער מאַמען...

איליא סעמיאָנאָוויטש האָט אָפּגעשטעלט דעם זיידע מיט דער האַנט. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט געזען אַ קוים באַמערקבאַרע ענדערונג אין דבורה׳לעס פּנים, אַ סימן פון אָנשטרענגונג, פון אָנ־שטרענגונג צו הערן עפּעס.

ער האָט אָנגענומען דעם זיידן פאַר דער האַנט און געזאָגט שטיל:

— זאָל זי הערן ס׳געוויין...

ער האָט נאָך שטאַרקער צוגעפּרעסט צו זיך דאָס קינד.

דאָס ייִנגל האָט זיך נאָך מער צעוויינט. ער האָט זיך איצט געריסן פון איליא סעמיאָנאָוויטשס הענט מיט אַלע כוחות.

דער עלטערער ייִנגל האָט זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט פאַר די פּאָלעס פון זיין ראָק.

— לאָזט אים אָפּ, לאָזט אים אָפּ, זאָג איך אייך!...

דאָס קלענערע ייִנגל, איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געיאָמער.

דער סימן פון אָנשטרענגונג אויף דבורה׳לעס פּנים האָט זיך פאַר־שטאַרקט. אירע אויגן זענען געוואָרן אומרויק. זי האָט אָנגעהויבן באַ־וועגן מיטן קאָפּ אַזוי, ווי זי וואָלט געזוכט דעם מקור פון די קלאַנגען, וואָס זי האָט איצט געהערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער; און אָט האָט זי אויפגעהערט צו זוכן דעם מקור. זי האָט זיי איצט געהערט אין זיך אַליין. עפּעס אַ ווייטיק האָט זיך באַוועגט אונטער איר האַרצן. עפּעס אַ פּיינפולע וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן איבערן גוף און זיך צוגעגאָסן צו די באַקן... עמעץ האָט זיך געטוליעט צו דבורה׳לען מיטן וואַרעמען גוף, און פונעם גוף האָט זיך די וואַרעמקייט געשפּרייט צום האַרצן, און פונעם האַרצן האָט אַ ווייטיק זיך געשפּרייט איבערן ברוסט, און גדליה האָט געגלעט דבורה׳לעס וואַרעמע באַק מיט זיין פאַרהאַרטעוועטער דלאָניע: „שטיי אויף מאַמעלע, דאָס קינד וויינט — בעניעלע וויינט"... אַ גאַט, ס׳האָט געקלאַגט און געוויינט איר אייגן לייב און בלוט...

— ווו איז ער, ווו איז דאָס קינד!...

דבורה׳לע האָט זיך ראַפּטאָם אויסגעדרייט צו איליאַ סעמיאָנאָ־

וויטשן און פלוצים דערזען איר וויינענדיק קינד, וואָס האָט זיך געריסן פון פרעמדע הענט.

— אָ נייַן, איר וועט אים פון מיר נישט צונעמען!...

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון פּלאַץ, איז צוגעלאָפן צו איליא סעמיאָנאָוויטשן, אויסגעריסן פון אים דאָס קינד, אַ טראָט געטאָן אויף צוריק, אויפגעכאַפּט דעם ווילן שמייכל פון עפּעס אַ באַקאַנטן מענטשן, זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים, דערקענט דעם פעלדשער, דערקענט אַלעמען אין דער כאַטע, פאַרשטאַנען אַלץ און זיך צוגעטוליעט מיטן ברענענדיקן פּנים צום קינדס פאַרוויינטן געזיכט — דער מאַמעס גרויסע שטומע טרערן האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיט דעם קינדס אויף זיין איידעלער באַק.

דער זיידע איז צוגעגאַנגען צו דבורה׳לען. ער האָט געגלעט מיט דער ציטערנדיקער, פאַרהאַרטעוועטער דלאָניע דעם שוואַרצן טוך פון טרויער אויף איר קאָפּ, ער האָט געביסן די ליפּ, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן.

אילאי סעמיאָנאָוויטש האָט זיך אויסגעדרייט צום קליינעם פענצ־טערל פון כאַטע און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער זעט דורך דעם קליינעם, מיט פאַלנדיקן שניי פאַרשלייערטן פענצטער די גאַנצע פאַר־אומערטע מלחמה־וועלט.

— זאָל זי הערן דאָס געוויין פון קינדער — האָט ער געטראַכט — זאָל זי הערן דאָס געוויין...

גדליה נאָסקא איז געווען איינער פון די ערשטע מלינער מלחמה־קרבנות. אַ צייט נאָך אים איז אומגעקומען אַנדרעי באַטעי, וואָס האָט אויך איבערגעלאָזט צוויי יינגלעך מיט זיין אלמנה... און דאַן האָט מען אויפגעהערט צו ציילן די קרבנות.

15

וואָס איז די נפקא מינה?

עס זענען דאָ אָפּטימיסטישע מענטשן עקשנים, וועלכע זענען פעיק זיך צופּאַסן צו די סאַמע ערגסטע אומשטענדן פון לעבן און דאָך בלייבן געטריי צו דער אייגענער מאָראַלישער נאַטור, צום אייגענעם גאַנג אין די באַציונגען מיט אַנדערע מענטשן; צום אייגענעם קוק אויף דאָס שלעכטע און גוטע אין לעבן. אהרן לעסניק איז געווען איינער פון זיי. די מלחמה איז אים געווען דערווידער, אַזוי ווי עס איז אים געווען דערווידער יעדער מין געשלעג. ער האָט געקאָנט זיך צופּאַסן צו דער מלחמה־ווירקלעכקייט נישט ערגער ווי ס'רוב אַנדערע מלינער תושבים, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אָנערקענען דעם וועלט־געשלעג אַלס אַ זאַך, וואָס איז באַרעכטיקט צו עקזיסטענץ, אַפילו דאַן ווען ס'איז שוין געווען אַ פאַרטיקער פאַקט.

דער אופן ווי אַזוי ער האָט „פאַרלייקנט" די מלחמה האָט זיך געצייכנט. אויב פאַר דער מעשה, האָט ער זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די וועלט איז קלוג גענוג „אויסצומיידן דעם פאַרגעניגן" פון אַ נייעם בלוט־באָד, האָט ער נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה אָנגעהויבן טענה'ן אַז די מעשה וועט נישט לאַנג דויערן, אַז ס'וועט נישט נעמען קיין פאַר חדשים און די וועלט וועט זיך צוריקקערן צו נאָרמאַלע צייטן, מיט נאָרמאַלער באַציונג צו מענטשלעכע לעבנס. אַזוי האָט ער זיך דערוואָרבן אַ נאָמען פון אַן „אייביקן אָפּטימיסט", ווי עס האָט אים משה גאָטליב גערופן, ער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן צו זיין אַ קנאַפּער נביא.

די מלחמה האָט געדויערט פיל לענגער ווי דאָס לאַנד האָט געקאָנט אויסהאַלטן. זי האָט געהאַלטן אין איין איינשלינגען יונגע לעבנס. דער דורכשניטלעכער עלטער פון סאָלדאַטן האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. פון אָנהויב זענען פון מליני אַוועק צום „פראָנט" אַזוינע יונגע ווי יאַנקל נאָסקאָ, צום סוף האָט עס דערגרייכט צו דעם מיטליאָריקן

איליאַ סעמיאָנאָוויטש ליעקאַר, ווען ליעקאַר איז אַוועק האָט זיך שוין אין מליני שטאַרק געפילט דער מאַנגל אין אינדוסטריעלע פּראָדוקט; און אפילו שפּייז, שוין אָפּגערעדט פונעם מאַנגל אין פּאַטריאָטיזם.

נאָך אַלעמען איז מליני געווען אַן אוקראַיִנישע שטאָט, ווו דער אוקראַיִנער האָט געהייסן „מאַלאָרוס", אָדער אפילו „כאַכאָל", כאָטש אים איז בפירוש נישט געווען צום האַרצן, ווען מען האָט געלייענט דעם פאַרבאָטענעם „קאָבזאַר" פון טאַראַס שעווטשענקאָ און מען האָט גוט געדענקט דאָס יאָר 1905. די מלחמה, וועלכע האָט מיט זיך געבראַכט נייע ווייטיקן, נייע טרערן, האָט צוגעשאָטן אַ היבש ביסל זאַלץ אויף די אַלטע ווונדן. קיין גוטע מלחמה־נייעס, וואָס זאָל אונטערוואַרעמען דעם פּאַטריאָטיזם צווישן דעם גלייכגילטיקן עולם, איז נישט געווען.

אין אָנהייב פון דער מלחמה איז די רוסישע אַרמיי געווען בכוח עפּעס אויפצוטאָן אויפן שלאַכט־פעלד. די אַרמיי האָט זיך אַריינגעריסן אין מזרח־פּרייסן; אויפן גאַליצישן פראָנט, ביי די קאַרפּאַטן, וואָס דער אוקראַיִנער האָט באַטראַכט פאַר אַ טייל פון זיין לאַנד, איז שוין גע־נומען פּערעמישל און לוואָוו (לעמבערג). אין מליני האָט מען אפילו אַ פּאַראַד אַראַנזשירט ביי דער געלעגנהייט. די גאַנצע שטאָט האָט אָנטייל גענומען אין דעם יום־טוב. מען האָט מאַרשירט איבער די גאַסן — קריסטן מיט זייערע איקאָנעס, די יידן — מיט די ספרי תורה. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ס'איז שוין דער סוף פון מלחמה.

ס'איז אָבער נאָך געווען זייער ווייט פון סוף. די אָנגריף־אָפּעראַ־ציעס אויפן מזרח־פּרייסישן און גאַליצישן פראָנט האָבן זיך פאַר־ענדיקט מיט אַ קאָסטבאַרן דורכפאַל. די רוסישע אַרמיי האָט פאַרלוירן נישט נאָר די הונדערטער טויזנטער מענטשן, נאָר אויך אַ גרויסן טייל אַמוניציע, באַזונדערס אַרטילעריע. אָפּגעשניטן פון די פאַרבינדעטע, אָנגעוויזן אויף די אייגענע, מאָגערע אינדוסטריעלע רעסורסן, האָט דאָס לאַנד נישט געקאָנט גוטמאַכן די פאַרלוסטן אויפן פראָנט און נאָכקומען אַלץ נייע און נייע פאָדערונגען אין מלחמה־מאַטעריאַלן.

די הונגעריקע, אָפּגעריסענע, אָפּטמאָל האַלב־באָרוועסע סאָלדאַטן מיט קליינע פאַרציעס פּאַטראָנען פאַר זייערע ביקסן, האָבן צוביסלעך

פּ. גאָרעליק

פאַרלויר'ן די האָפנונג אויף אַ שנעלן נצחון און האָבן מיטגעבראַכט די בלוטיקע רוטינע פון מלחמה מיט פאַטאַליסטישער גלייכגילטיקייט צו דעם, וואָס וועט מאָרגן זיין...

* * *

אין האַרבסט 1915 האָט די ראָטע, ווו ס'האָט געדינט סיאָמאַ רובין, זיך געגרייט צו אַ לאָקאַלן אַנגריף אויף די דייטשע פּאָזיציעס, גאָר נאָענט צו וואַרשע. עס איז געווען אַן אומעטיקער טאָג. שווערע האַרבסטיקע וואָלקנס האָבן זיך געצויגן נידעריק איבער די, מיטן שטעכיקן דראָט באַצייכנטע שלאַכט־ליניעס אין אַן ענדלאָזער טרויעריקער פּראָצעסיע פון פינצטערניש און פייכטקייט, וואָס האָבן כמעט אָפּגעמעקט דעם אונטערשיד צווישן טאָג און נאַכט. די פינצטערניש און פייכטקייט האָט אַריינגעדרונגען אין יעדן קנייטש פון דער פאַרבלוטיקטער ערד, אין יעדן ווינקל פון די טראַנשעיעס און בלינדאַזשן, אין סיאָמעס יעדן ביין. צוליב דער פייכקייט האָט ער אפילו געהאַט פאַרגעסן אין די אינסעקטן אויף זיין קערפּער, מיט וועלכע ער האָט געמוזט פירן אַן עקשנותדיקע אָבער פאַרלוירענע שלאַכט. די נאַכט פון אומרויקן שלאָף אויף דער, מיט פאַרפוילטער שטרוי באַדעקטער ערד פון אַ „בלינדאַזש", האָט אים אינגאַנצן אויסגעמאַטערט. ס'האָט זיך אים געחלומט, אַז מען פאַרשיט אים, אַ פאַרוווּנדעטן, לעבעדיקערהייט אין גאָר אַ קליינעם קבר, אָבער וויפיל ער האָט זיך נישט באַמיט אויפצושטיין פון קבר, אָדער כאָטש אויסשרייען, האָט זיך עס אים נישט איינגעגעבן, ביז די פייכטע ערד האָט זיך אים אריינגעשאָטן אין האַלדז אַריין. ערשט דאַן האָט ער זיך פאַרהוסט און זיך אויפגעוועקט. ער האָט לאַנג געהוסט און נישט געקאָנט אַרויסהוסטן דעם ווייטיק פון זיין האַלדז. די פייכטע קליידער האָבן זיך געקלעפּט צו זיין קערפּער. ער האָט געפיבערט פון אַ פאַרקילונג, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט פון אים אָפּטשעפּען שוין אין משך פון עטלעכע טעג.

עטלעכע סאָלדאַטן, נאָענט צו אים, האָבן זיך געדרייט אויפן רויען

געלעגער, גערעדט פון שלאָף, געקרעכצט, זיך געבעטן ביי עמעצן מחילה, געזידלט עמעצן אַנדערש, אָדער סתם געכראָפּעט און געסווישטשעט מיט דער נאָז, אַזוי ווי זיי האָבן עס תמיד געטאָן.

סיאַמאַ איז זיי מקנא געווען. ער האָט זיך אויפגעזעצט, זיך אָנגע־שפּאַרט מיטן רוקן אויף דער פייכטער וואַנט פון בלינדאַזש און זיך גענומען צו די אינסעקטן אויף זיין לייב. ס'האָט זיך אים שטאַרק נישט געוואָלט אומקערן צום חלום, ווי עס האָט זיך אים נישט גע־גלוסט צו טראַכטן וועגן דעם גורל פון סאָלדאַטישן לעבן און טויט. ער האָט זיך באַמיט אַרויפצווינגען אויף זיך פריילעכע געדאַנקן פון לעבן אין וואַלד. פון אָנפאַנג איז אים דאָס אפילו געלונגען. ער האָט זיך דערמאָנט אינעם וואַלד אַרום דער קאַנטאָרע, ווו ער איז צום צווייטן מאָל געבוירן געוואָרן און האָט דערפילט דעם טעם פון פול־בלוטיקן לעבן. אָט בינדט ער די ברעטער מיטן דראָט טראָץ ווינט און רעגן, דונער און בליץ, וואָס צערייסט דעם הימל אויף שטיקער; אָט שווימט ער איבער דעם ברייטן רויקן טייך, וואָס שפּיגלט אָפּ אויף זיין שוואַרצן בייגאַכטיקן פלאַך דעם זילבער פון קוועלנדיקער לבנה און אָט יאָגט ער זיך אויף אַ פּאַליאַנקע נאָך דער פלינקער, פריילעכער דוניאַשע... אָבער וואָס איז דאָס?... ס'איז נישט דער זעלבער וואַלד. דער וואַלד איז נאָך ווייט. איצט ליגט ער אינמיטן פעלד אין אַ קליי־נעם אָקאָפּ, וואָס ער האָט אויסגעגראָבן צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן פון זיין אַלטער ראָטע. די נאַכט פון שווערער אַרבעט מיט דער קליי־נער לאָפּאַטקע אין שטיינערנעם באָדן פונעם פעלד אונטער די קאַר־פּאַטן איז שוין פאַרביי. דער פרימאָרגן שאַרט זיך אַרויס פון אונטערן נידעריק־הענגנדיקן נעפּל און די זון פאַרגיסט מיט ליכט דאָס פעלד, און ס'וועלדל צופוסנס פון בערגל.

ס'וועלדל ציט צו זיך סיאַמען מיטן כוח פון ערשטער ליבע. ער וויל זיך אויפהייבן און באַלד טוליעט ער זיך צו מיטן גאַנצן קערפּער צו דער שטיינערנער ערד. עס צעטראָגט זיך איבערן פעלד דאָס מאָנאָ־טאָנע „קלאַפּערייי" פון מאַשין־געווערן; — די קוילן שטעכן דאָס פעלד, ווי טויזנטער אומברחמנותדיקע נאָדלען, וואָס זוכן עמעצן צונייען אויף

אייביק צו פרעמדער ערד. אַ הייזעריקער אָפּיציר קריכט אינעם צייט־ווייליקן אָקאָפּ, כמעט אויף אַלע פיר און טרייבט די סאָלדאַטן מיט אַ קליינער לאָפּאַטקע:

„פאָרויס טייוולאָנים! פאָרויס הינטישע זין! פאָרויס פאַרדאַמטע טרוסן! זיי וועלן אונדז אַלעמען דאָ אויפן פלאַץ אומברענגען, אויב מירן נישט נעמען די פּאָזיציע אין וואַלד, פאָרויס, אַ רוח אין אייער מאַמען אַריין!...

אַ סאָלדאַט פרוווט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ פון גרוב און ציט זיך באַלד צוריק, פאַריאָגט דורך דער געד־כטער סווישטשעריי פון קוילן. אַן אַנדערער גיט זיך אַ ריס פאָרויס מיטן גאַנצן קערפּער און בלייבט ליגן איבערגעבויגן איבערן אָנשיט מיט די הענט אין דער ערד איינ־געגראָבן.

סיאָמען ווערט אומעטיק אויפן אָפענעם פעלד. עס ציט אים צום וועלדל, ער קריכט לאַנגזאַם אַרויס פון גרוב און שאַרט זיך פאָרזיכטיק פאָרויס. ער דריקט זיך צו צו דער האַרטער ערד, און קריכט מיט פאַרמאַכטע אויגן, איבער זיין קאָפּ פייפן אויס די קוילן דאָס נאָגנדיקע ליד פון טויט, אָבער סיאָמען טשעפּען זיי נישט. ער דערשאַרט זיך צו אַ קליין בערגל מיט אַ ביסל קוסטן אויפן שפּיץ און בלייבט ליגן אַ ווייל זיך אָפּרוען. עס איז אים שווער צו ליגן אויפן בויך. ער הויבט דעם קאָפּ העכער, נאָך אַ ביסל און נאָך אַ ביסל העכער, אָט זעט ער שוין ווידער ס׳וועלדל...

וואָס טוט איר? דער טייוול זאָל אייך נעמען!!!

אַ גאַנצער פאָנטאַן פון ערד האָט פאַרשאָטן סיאָמעס אויגן. ער איז צוריק צוגעפאַלן צו דער ערד. אַ ווינט פון קוילן האָט זיך אַוועק־געשטעלט צווישן אים און דעם וואַלד. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינ־שניידן אינעם בערגל אין פאָרנט פון אים, אַזוי ווי זיי וואָלטן עס גע־וואָלט אויסגראָבן, צעשטעכן, צערייבן אויף שטויב, אָפּראַמען פון וועג צו סיאָמעס האַרץ, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעלענקט פון סיאָ־מעס חברים אין די צייטווייליקע אָקאָפּעס. ס׳האָט זיך פון די אָקאָפּעס אַ ריס געטאָן אַ כוואַליע פון מענטשן מיט ביקסן — הוראַ־אַ־אַ!..

עמעץ איז אַריבערגעשפּרונגען איבער סיאָמעס קאָפּ און אים פאַר־טשעפּעט מיטן קנאַכל... סיאָמע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ. געעפנט די אויגן און האָט זיך ווידער אומגעקערט צו דערווירקלעכ־קייט אינעם פינצטערן בלינדאַזש...

— ער האָט זיך געהאַט דערמאָנט אין אַ דערפאַרונג, וואָס ער האָט געהאַט, דוכט זיך ערשט נעכטן, און דאָך האָט עס אויסגעזען ווי עפּעס אַ משונהדיקער חלום. אפילו די אויסצייכנונג, וואָס ער האָט געקראָגן „פאַר העלדישקייט אין שלאַכט", האָט אויסגעזען ווי אַ שפּילעכל, וואָס האָט באַלאַנגט צו עפּעס גאָר אַן אַנדערער וועלט. אויף וואָס האָט ער דאָס געדאַרפט האָבן? וואָספאַרא זין האָט געהאַט דאָס שפּילעכל אינעם אומזין פון בלוטיקן כאָאָס, צו וועלכן עס האָט זיך נישט געזען קיין סוף און קיין עק?...

אַ גאָט, ווו נעמט מען כּוחות נישט צו טראַכטן וועגן דעם; ווו נעמט מען די גלייכגילטיקייט פון אַ שטיינדל, וואָס איז פאַרכאַפּט גע־וואָרן אין אַן אַוואַלאַנדזש און קייקלט זיך באַרג־אַראָפּ מיט וואַקסנדיקן אימפּעט?!

* * *

אינדערפרי איז סיאָמע צוזאַמען מיט זיינע בלייכע, אויסגעמאַ־טערטע שלאַכט־חברים אַרויסגעקראָכן פון בלינדאַזש אין דער טיפער טראַנשעיע אַריין. די אייגענע אַרטילעריע האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן די צוגרייטונג־שיסעריי אָבער אַ מאָדנע זאַך — וועמענס אַרטילעריע איז דאָס? די קאַנאָנען האָבן זיך געהערט הינטער די אייגענע ליניעס. אָבער די אויפרייסן פון סנאַריאַדן האָבן זיך אויך געהערט הינטער די אייגענע ליניעס און אַלץ נענטער און נענטער צו די טראַנשעיעס. וואָס איז דאָס — ווידער אַ בייזער חלום? די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אומרויק אַזוי, ווי זיי וואָלטן געזוכט ערגעצווו אין די טראַנשייעס דעם ענטפער.

אַ הויכער אָפיציר, מיט אַ נערוועזן, באַוועגלעכן פּנים, וועלכער

איז געלאָפן אַנטלאַנג דער טראַנשעיע איינגעבויגן אין דרייען, האָט זיך פּלוצים אויסגעגליכן פון כעס, איז אַריינגעפאַלן אין אַ גוט באַפעסטיקטן אָפיצירישן בלינדאַזש, האָט אַרויסגעריסן אַ טעלעפאָן טרובקע פון אַ סאָלדאַטישער האַנט און אויסגעשריגן: „וואָס טוט איר, ניבזים, אַ רוח אין אייער טאַטערישער מאַמען אַריין!... שטעלט אָפּ די שיסעריי איבער די אייגענע, שטעלט באַלד אָפּ די שיסעריי, פּראַכוואָסטן" — דער טייוול זאָל אייך אַלעמען נעמען!

אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. אַ קויל האָט זיך אויפגעריסן נאָענט צו דער טראַנשעיע און האָט באַשאָטן סיאָמען מיט פייכטער ערד. אַ צווייטע קויל האָט אַ ריס געטאָן סיאָמעס אויערן מיט אַ באַטויבנדיקן איפּברויז פון קלאַנגען און האָט אַראָפּגעלאָזט אַ שוואַרצן פאָרהאַנג איבער אַ טייל פון אָקאָפּ.

אַ האַלב געבלענדטער, מיט בלאָטע באַדעקטער, האָט ער אינסטינקטיוו זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, זיך אַ קאַטשע געטאָן אין דער ריכטונג פון לעצטן אויפרייס, אַריינגעפאַלן אין אַ פרישער גרוב זיך אָנגעשטויסן אויף עמעצנס וואַרעמען נאַסן קערפּער, דערזען אויף אַ ווייל דעם רויען וואַלקן־שלייער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נאָענט צו דער ערד, דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק אין דער האַנט, אין וועלכער ער האָט געפּרווט זיין ביקס האַלטן, אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז אפשר דער סוף און רויק באַגעגנט די שטילע פינצטערנישט פון אויסגעלאָשענעם באַוווסטזיין...

אין אַ פּאַלאַטקע פון לאַזאַרעט, באַלד הינטער די פּאָדערשטע פּאָזיציעס, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ווייטיק אין זיין רעכטן צייג־פינגער, וואָס ער האָט באַנוצט ביים שיסן פון ביקס. ער האָט געוואָלט זיך צורירן צום פינגער און נישט געפונען די האַנט...

ער האָט אָנגעטאַפּט דעם באַנדאַזש נאָענט צום אַקסל און האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט זיך נישט געקלאָגט אויף זיין גורל. וואָס איז די נפקא מינה?!

16
אַ פריידיק אינדזל אינעם ים פון טרויער

עס איז אַוועק נאָך אַ מלחמה־יאָר און ס׳איז געקומען דער לעצ־טער חודש פון יאָר 1916 פון פרעסט און שניי־שטורעמס באַגלייט.

אינדערפרי פון אַ פראָסטן אינדערוואָכנדיקן טאָג, האָט אהרן לעס־ניק געקויפט אַ צייטונג ביי אַרטשיק פיין, וועלכער איז געזעסן אין צייטונג־קיאָסק און געציטערט פון קעלט. ער איז שוין איצט געווען אַ בר־מצוה יינגל און אין זיין באַוווסטזיין — שוין אַ מאַן.

— וואָס מאַכט דער טאַטע — האָט אהרן אים געפרעגט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן.

— נישט גוט — האָט אַרטשיק געענטפערט, אָן קיין שום אָנשטעל — ער הוסט און הוסט און קאָן זיך נישט העלפן, קיין פרנסה איז נישטאָ. די גאַזעטן ברענגען אַריין קאָפּיקעס און וואָס איז איצט אַ קאָפּיקע?

— ס׳איז מער ערגערניש ווי געלט. פרווו איך פאַרדינען אויף דער זייט: כ׳אַרבעט אין דער דרוקעריי ווען עס מאַכט זיך; כ׳שטיי ביי דער טיר אין טעאַטער, אָבער וואָס העלפט עס דעם טאַטן, אַז ער איז אַזוי געפאַלן ביי זיך. ס׳איז אים זייער נישט גוט, הער לעסניק, זייער נישט גוט...

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט אהרן באַגעגנט אין גאַס אַ מאַן אין אַ וואַרעמען פוטער, אָנגעטאָן מיט אַ וואַרעמער שאַפּקע, אַראָפּ־גערוקט ביז די אויגן, וואָס זענען געווען אונטער טונקלע ברילן באַ־האַלטן. דער מאַן האָט פאַרזיכטיק געטאַפּט דעם וועג אויפן פאַרשנייטן טראָטואַר מיט אַ דיקן שוואַרצן שטעקן, וואָס איז געווען מיט זילבער באַצירט. אהרן האָט זיך אים באַגריסט:

— גוט מאָרגן, פּייזל!

— גוט מאָרגן, אהרן לייב — האָט אים געענטפערט פּייזל קאַמינסקי.

דאָס איז געווען דער זעלבער פּייזל, פון וועלכן דוד׳קע האָט זיך

דערוווסט וועגן דער מלחמה. ער האָט דערקענט אהרנען לויט זיין שטימע. ער איז געווען בלינד און קיינער וואָלט נישט געקאָנט זאָגן ווער עס איז שולדיק אין זיין אומגליק, כאָטש יעדער איינער האָט געוווּסט, אַז ווען נישט די מלחמה וואָלט ער איצט אין דער פינצטער־ניש נישט געלעבט. פאַר דער מלחמה האָט פייוול געהאַט געזונטע אויגן. אויפן פריזיור האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אַזוי ווי זיין טאַטע־מאַמע האָבן דאָס געוואָלט, אַלס איינער וואָס זעט אויס צו זיין האַלב בלינד. אים איז עס נישט געווען צום האַרצן, אָבער ער האָט עס גע־מוזט טאָן צוליב די געטרייע עלטערן, וואָס האָבן געציטערט איבער אים פון קינדוויַז אָן. מען האָט אים באַפרייט פון מיליטער דינסט. ס'איז געווען אַ שמחה אין דער משפּחה, אָבער אין אַ יאָר אַרום איז פייוול אינגאַנצן בלינד געוואָרן און האָט געזאָגט צו די געטרייע טאַטע־מאַמע: „ס'איז נאָך ערגער ווי דער טויט"... אַזאַ טראַגישער אומזין!

אהרן האָט געוואָלט עפּעס אַ וואַרעם וואָרט פאַר פייוולען געפינען, אָבער ווו נעמט מען אַזאַ וואָרט?... האָט ער זיך באַגריסט מיטן גוט־מאָרגן.

נאָך מיטאָג האָט ער באַזוכט זיין נאָענטן פריינד משה גאָטליבן.

משה איז געלעגן אין בעט, די מלחמה האָט אינגאַנצן רויִנירט זיין געשעפט און די ערגערנישן — זיין האַרץ. ער האָט נישט געהאַט קיין סחורה פאַר זיין מאַנופאַקטור־קלייט און קיין כוחות אויף זיך נעמען פאַר עפּעס אַן אַנדערער באַשעפטיקונג. זיין ענערגישע פרוי, נאַדיע, האָט געעפנט אַ קליינעם רעסטאָראַן. די פריילעכע סאַראַטשקע, וועלכע איז שוין איצט געווען זעכצן יאָר אַלט, האָט פאַרלאָזט די גימנאַזיע צו העלפן דער מאַמען, ווען זי איז נישט געווען אין שטוב ביים טאַטנס בעט: זי האָט באַגעגנט אהרנען מיט טרערן אין די אויגן.

איר פאָטער האָט זיך באַקלאָגט פאַר אהרנען:

— זיי האָרעווען ווי צוויי דינסט־מיידלעך און איך ליג דאָ אין בעט, ווי אַ פּריץ, מ'שטיינס געזאָגט — אַ זאַק מיט אומבאַהאָלפענעם פלייש... אַן אַנדערער אויף מיין פּלאַץ וואָלט זיך אויפגעהויבן פון בעט, זיך גענומען טאָן עפּעס און באַגעגנט דעם טויט ווי אַ לעבעדיקער

מענטש... און איך — וואָס טו איך? — איך באַגראָב זיך לעבעדי־קערהייט אונטער אַ פאַרשטונקענער פערענע, כ'בעט איבער דיין כבוד... וואָס איז דאָס פאַר אַ מין לעבן?... זאָל איך אַזוי וויסן פון טויט, ווי איך ווייס דעם ענטפער. די גאַנצע מעשה האָט נישט קיין שום זין... כ'האָב מורא פאַרן טויט און לאָד אים איין צו זיך מיט מורא, וואָס מאַטערט מיך בייטאָג און ביינאַכט... דאָס לעבן איז אויסגעליי־דיקט פון יעדן אינהאַלט — ס'איז אַ זינלאָזער כאַאָס אפילו דאָרטן, אויף יענער זייט פון מיין שלאָף צימער... כ'זע אַ וועלט וואָס קייקלט זיך צום אָפגרונט און איך טראַכט... איך טראַכט: וואָס קימערסטו זיך אַזוי משה, סערדצע, ווילסט דערלעבן צו זען זיך און דיינע קינדער אין היימלאָזע בעטלער פאַרוואַנדלט? אָדער אפשר ווילסטו דערלעבן אַ טויט אין גאָר אַ גרויסער שחיטה... ווי עס פּאַסט פאַר די גרויסע צייטן, ווען דאָס מענטשלעכע לעבן איז אַ שמעק־טאַבאַק נישט ווערט? ענטפער איך זיך, אַז ניין! אַז איך וויל נישט... און דאָך ליג איך אין בעט — און איך האָב מורא זיך איבערדרייען אויף דער אַנדערער זייט... און איך האָב מורא צו רעדן הויך אויפן קול... אַז אַ מענטש וויל לעבן איז דאָך נישט שייך... כ'וואָלט כאָטש געוואָלט שטאַרבן קליגער, ווי איך האָב געלעבט, אָבער גיי, זיי אַ חכם אויפן טויטן־בעט. גיי — גיב זיך אַן עצה.

— אַן עצה — האָט זיך אהרן אָנגעכאַפּט אָן דעם וואָרט — אָט גיב איך דיר מיין עצה: טרייב נישט איבער. די וועלט האַלט נאָך נישט ביים עקן זיך און דו וועסט זיך נאָך צוריק אויף די פיס אַוועק־שטעלן. אַ ביסל מער גלויבן, אַ ביסל ווייניקער מרה־שחורה — אַזאַ רעצעפּט האָט מען דיר געדאַרפט פאַרשרייבן, נעם די רפואה יעדן טאָג, אַזוי אָפט ווי מעגלעך און אָט גיב איך דיר מיין האַנט, אַז די וועסט דאָס בעט פאַרלאָזן גאָר אינגיכן.

אין דעם איז אהרן, אייגנטלעך, נישט געווען זיכער און ער וואָלט מסתמא געווען דערשטוינט, ווען ער וואָלט זיך דערוווּסט, אַז באַלד נאָך זיין אַוועקגיין האָט משה אַנטדעקט, אַז ער פילט זיך בעסער, אַז ער פילט זיך אַ סך בעסער ווי פריער, אַזוי ווי אהרן וואָלט טאַקע אים

אָנגעשטעקט מיט אַ ביסל געזונט און האַפערדיקייט. אהרנס אייגע־נער איינדרוק איז געווען, אַז משה וועט אַזוי אינעם בעט דעם סוף באַגעגענען און וועט אַוועקטראָגן מיט זיך אין קבר דעם אומגליק־לעכן שׂכל זיינעם, אַ לעבעדיקן, אַ שאַרפן, אַ שפּילעווודיקן ביזן לעצטן אָטעם...

גראָד וועגן דעם האָט ער געטראַכט אין דעם אָוונט, ווען צו אים אַהיים איז געקומעןביילע דלין, אַלטער דלינס מאַמע.

ביילע האָט נאָך יענער דין־תורה, ווען אַלטער האָט געוווּנען דעם גינסטיקן פּסק דין, נישט אויפגעהערט צו לויבן אהרנען און האָט פון אים געהאַלטן שטאָל און אייזן, אַזוי ווי אַלטער אַליין האָט עס געטאָן. זי איז אַריין אין הויז מיט איר הויכער, דאַרער פיגור אונטער עטלעכע שיכטן אַלטע, פאַרלאַטעוועטע קליידער באַהאַלטן און מיטן קאָפּ אין אַ וואַרעמער, אָבער אָפּגעריסענער פאַטשיילע איינגעוויקלט. זי האָט נישט געוואָלט אויסטאָן די שווערע קליידער. זי איז געקומען נאָר אויף אַ מינוט צו קויפן אַ ביסל האָלץ אויף באָרג: „וואָרים אין שטוב איז געווען קאַלט און עס איז נישט געווען ווו אַ טאָפּ וואַסער אָנצוּוואַרעמען.

פרעגט אהרן ביי ביילען:

— הערט איר עפּעס פון אַלטערן?

ענטפערט ביילע:

— מיר הערן, מיר הערן, גאָט צו דאַנקען, אַמאָל אין אַ יובל אַ בריוו, אַ פּאָר ווערטער, זיך נישט צו באַקלאָגן... ס׳איז אים גוט, שרייבט ער, און ס׳פעלט אים גאָרנישט — פון אונדז דאָס זעלבע צו הערן, און דאָס האַרץ פרייט זיך, ער לעבט נאָך, אַזאַ טייערער זון ווי ער איז. קיין עין הרע זאָל אים נישט שאַטן. אַלס קינד איז ער שוין דער ברויט־געבער געווען, אַלץ אין שטוב געבראַכט און עס פּאַר־דריסט וואָס מען האָט אים די אָפּעראַציע געמאַכט, וואָרים מען לעבט דאָך אויך אָן אַזאַ אָפּעראַציע און מען בלייבט אינדערהיים מיט טאַטע־מאַמען, גאָט זאָל מיר מוחל זיין פאַר מיינע נאַרישע רייד, אָבער וואָס קאָן איך טאָן, אַז ס׳איז פאַרט אַן אייגן קינד...

נאָך דער וועטשערע האָט אהרן צוזאַמענגענומען די משפּחה אינעם

גאַסט־צימער, ווי זיין שטייגער איז געווען. סאָניע האָט אָנגעצונדן אַ קליין לעמפּל און האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט אויסנייען אַ האַנטוך.

סאַשאַ, ליובאַ און דוד׳קע האָבן זיך אַוועקגעזעצט נאָענט צום טאַטן אין אַ ווינקל פון צימער, ווו דאָס ליכט פון לעמפּל האָט כמעט אינגאַנצן נישט דערגרייכט.

מען איז געזעסן שטיל ביז אהרן האָט אָנגעהויבן זינגען אַ ליד פון נאַדסאָן. ס׳איז געווען אַ ליד — אַן עצה פאַר אַ באַליידיקטן מענטשן, וואָס „טרויערט אָרנטלעך״ און איז „אָרנטלעך מיד״ זיך אָפּצורוען אויפן בלאַט פון לידער. דער דיכטער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו אַזאַ מענטשן, אָבער ער האָט פון אים פאַרלאַנגט פּונקט די זעלבע פעיקייט צו העלפן אַ ברודער אין נויט, און אין שעה פון זיין פאַר־צווייפלונג.

די קינדער האָבן געהאָלפן דעם פאָטער מיטן אויסזינגען נאַדסאָנס ווילע עצה. סאָניע האָט עס נישט געטאָן. די ווערטער פון ליד האָבן פאַר איר געקלינגען פרעמד. זי האָט געוואַרט ביז אהרן און די קינדער וועלן פאַרענדיקן זינגען און האָט אָנגעהויבן זינגען איר אוקראַאינישע „ליד פון אַ יתומה״:

— טאַי נעמאַ הירש ניקאָמו; יאַקוטי סיראָטיני, — טאַי ניכטאָ נע פּריהאָרני, פּריליכי גאָדינו — (ס׳איז קיינעם נישט ביטער ווי יענער יתומה...)

ליובאַ האָט זיך צוגעזעצט צו דער מאַמען און איר אויסגעהאָלטן צו וועבן דעם שטילן געוועב פון דער טרויעריקער מעלאָדיע.

דאַן האָט זי פּלוצים אַליין אָנגעהויבן זינגען איינע פון די לידער וואָס זי האָט צווישן פּוילישע פּליטים פון שטאָט געזאַמלט:

מיין טייערע מאַמע
האָב איך פאַרלוירן
דו גוטער שוכן במרומים.
ווו איז די שבועה,
וואָס דו האָסט געשוווירן:
דו ביסט אַן אב איבער יתומים....

זי האָט זיך איבערגעהאַקט אינמיטן זינגען, האָט זיך פאַרטראַכט און געפרעגט, ווי ביי זיך אַליין:

פונוואַנען נעמען זיך אַזוי פיל יתומים־לידער אויף דער וועלט?...

וואָס חידושסטו זיך, האָט איר סאַשאַ געענטפערט — ס׳פעלט דען אויס יתומים אויף דער וועלט?

ניין, עס האָבן קיינמאָל נישט אויסגעפעלט קיין יתומים אויף דער וועלט, ווי עס האָבן נישט אויסגעפעלט קיין טרויעריקע לידער, אַלטע און נייע. מען האָט געזונגען דאָ אינעם האַלב־פינצטערן גאַסט־צימער פון אהרן לעסניקס ניי הויז. און עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די נאַטור אַליין נעמט אָנטייל אין זינגען די טרויעריקע לידער, אַז זי באַגלייט זיי אין דרויסן מיטן סקריפּען פון לויזע לאָדנס, מיט ווויען פון ווינט אין דער פאַרשנייטער גאַס.

דוד׳קע האָט זיך צוגעהערט צו דער טרויעריקער ווינט־מעלאָדי פון דרויסן. ער האָט געפרוווט פאַר איר צוטראַכטן פאַסיקע ווערטער. ווען אין דער מעלאָדיע האָבן זיך אַריינגעריסן פרעמדע קלאַנגען. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו הערן וואָס עס טוט זיך אינדרויסן און האָט געקאָנט קלאָר הערן אַ קלינג פון אַ גלעקל, אַ גלעקל אויפן האַלדז פון אַ פערד, ס׳פערד האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. דאָס גלעקל האָט ווידער אַ קלינג געטאָן און זיך ווידער איינגעשטילט. צוויי מענער אינדרויסן האָבן עפּעס גערעדט איינער צום אַנדערן הויך אויפן קול, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך באַמיט איבערשרייען דעם ווינט. דאַן האָט אַ סקריפּע געטאָן דער טויער און דוד׳קע האָט גענומען לויפן צו דער דרויסנדיקער טיר מיט אַ געשריי:

— סיאָמע איז געקומען!...

ווי אַזוי איז עס אים איינגעפאַלן, האָט ער אַליין נישט געוווּסט ער האָט נישט דערקענט סיאָמעס שטימע. ער האָט אים נישט געזען און דאָך האָט ער געוווּסט אויף זיכער אַז דאָס איז ער. אָט הערט שוין דוד׳קע דאָס סקריפּען פון סיאָמעס שטיוול אויפן שניי אין הויף. אָט איז שוין דוד׳קע אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, נישט געגנוג אָנגעטאָן, נישט געטראַכט וועגן קעלט און ווינט. און אָט זעט ער שוין סיאָמען.

סיאָמע האָט אים אַרומגענומען מיט דער לינקער האַנט: די האַנט איז איצט געווען אַזוי שטאַרק ווי זי וואָלט אין זיך געהאַט אויך דעם כוח פון דער פעלנדער צווייטער האַנט. סיאָמע האָט אויפגעהויבן דעם צען־יאָריקן דוד׳קען, האָט אים צוגעטוליעט צו זיך און איז מיט אים צוזאַמען אַריינגעלאָפן אין שטוב, באַגלייט פון דעם פורמאַן, וועלכער האָט זיין טשעמאָדאַן געטראָגן.

סיאָמע האָט נאָך אַלץ אויף זיך געטראָגן דעם סאָלדאַטישן שינעל מיט אַן אַרבל פאַרלייגט און פאַרשפיליעט, כמעט ביים סאַמע אַקסל. דוניאַשאַ, וועלכע האָט זיך געהאַט געלייגט שלאָפן זייער פרי, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון טומל, איז אַן איבערגעשראָקענע, אַריינגעלאָפן אין עס־צימער, נישט אָנגעטאָן, נישט פאַרקעמט. דערזען סיאָמען אינמיטן דער גאַנצער טומלדיקער משפּחה, איז זי צו זיך געקומען. זי האָט זיך אַ מינוט געפילט פאַרלוירן פון פאַרלעגנהייט און גליק און איז דאַן אַרויסגעלאָפן צו ברענגען זיך אין אָרדענונג.

אהרן, סאָניע און זייער געזינדל האָבן פאַרגעסן אין די טרויעריקע לידער, וואָס מ׳האָט נאָרוואָס געזונגען. מען האָט אפילו פאַרגעסן, אַז סיאָמאַ שטייט נאָך אַלץ אינמיטן צימער אין זיין פולן אָנטועכץ. מ׳האָט אים געהאַלדזט און געקושט און אים פאַרשאָטן מיט פראַגן, אויף וועלכע ער האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן; אויף וועלכער קיינער האָט קיין ענטפער נישט דערוואַרט... אהרן איז געווען דער ערשטער צו מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג אינעם כאַאָס פון פרייד. ער האָט געהאָלפן סיאָמען זיך אויסטאָן. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז הערש נאָסקאַ שטייט נאָך אַלץ ביי דער טיר, נעבן טשעמאָדאַן און האָט אים איינגעלאַדן צום טיש.

צום טיש האָבן דערלאַנגט ליובאַ מיט דוניאַשאַן. דוניאַשאַ איז געווען אָנגעטאָן אין איר זונטיקדיק קלייד. אַ פאַררויטלטע, מיט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, האָט זי דערלאַנגט סיאָמען אַ גלאָז טיי. פּלוצים האָט זי זיך אָנגעבויגן און צוגעלייגט אירע ברענענדיקע ליפּן צו דעם פאַרבויגענעם אַרבל פון העמדל ביי זיין רעכטן אַקסל — דער אַרבל איז געוואָרן נאַס אויף ערטער ווו עס זענען געפאַלן אירע גרויסע

טרערן. סיאָמע האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איר די האַנט געקושט. סאָניע האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן. ליובאַ האָט זיך אויפ־געהויבן פון טיש און איז אַנטלאָפן אין קיך אַריין.

— נו, גענוג, האָט אהרן אַ קלאַפּ געטאָן איידל מיט די פינגער איבערן טיש. גענוג שוין געטרויערט. גענוג שוין געוויינט. לאָמיר שוין זען אַ ביסל פרייד אין שטוב. אַנו, סיאָמאַ, זיי דו דער ערשטער. לאָמיר זען דיין שמייכל... אָט אַזוי. אַ שיינער מענטש ביסטו ביי אונדז, אָבער מיטן שמייכל ביסטו נאָך שענער...

* * *

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט ווען אהרן לעסניק מיט סיאָמען זענען געבליבן אליין. אהרן האָט געוואָלט וויסן דעם גאַנצן אמת וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט. סיאָמע האָט דעם אמת נישט באַהאַלטן. אָבער נישט געהאַט קיין פרישע נייעס. קיין מליני איז ער געקומען פון זיין טאַטנס היים. דעם פראָנט האָט ער פאַרלאָזט נאָך פאַריאָרן, זינט דעמאָלט האָט זיך די לאַגע געענדערט, זיכער נישט צום בעסערן. איין גוטע נייעס האָט ער יאָ געהאַט פאַר אהרנען: ער האָט באַגעגנט איליא סעמיאָנאָוויטש ליעקאַר אויף אַ באַן־סטאַציע, ווו יענער האָט אויסגעשטיגן פון אַ צוג צו באַזוכן זיינע קרובים. אויף וויפל סיאָמאַ האָט געוווסט, האָט איליא סעמיאָנאָוויטש געדאַרפט קומען אַהיים אין אַ פאָר טעג אַרום, וואָרים קיין סך צייט האָט ער נישט געהאַט, — ער פאָרט אַהיים אויף אַן אורלויב.

אהרן האָט זיך דערפרייט מיטן גרוס און האָט פון זיך אָפּגעלאָזט סיאָמען:

— נו, אַ גוטע נאַכט, מירן נאָך האָבן גענוג צייט זיך דורכצוריידן ווי עס דאַרף צו זיין.

— אַ גוטע נאַכט. כ׳וועל מסתמא נישט בלייבן לאַנג דאָ אין שטאָט. כ׳וועל פאָרן מיט דוניאשאן צוריק אין וואַלד אַריין.

— שוין אין וואַלד!

— אויב מעגלעך — מאָרגן.

— מעגלעך, אָבער נישט נויטיק. מיר האָבן נאָך דיר געבענקט.

— אָבער...

— לאָז איבער אויף שפּעטער דעם אָבער... ווייסט טאָן אַזוי ווי איך וויל און איך וויל נישט וויסן פון זויערע מינעס פון פאַרצווייפלונג, פאַרשטאַנען?

ס'אָמאַ האָט אַ זיפץ געטאָן.

— נו, גוט, אַ גוטע נאַכט.

17
צוויי מענטשן — צוויי וועלטן.

אַ לאַנגער צוג מיט עטלעכע פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען פון פאָרנט און אַ פּאָר צענדליק „טיעפּלושקעס" (לאַסט־וואַגאָנען מיט אויוועלעך אין מיטן) פון הינטן, איז לאַנגזאַם פאַרבייגעפאָרן צוויי הויכע שניי־ווענט ביי דער מלינער באַן־סטאַציע און איז צוגעפאָרן צום כמעט ליידיקן פּעראָן, אַזוי ווי דער צוג וואָלט געהאַט מורא זיך אויסגליטשן אויף די פאַרפרוירענע רעלסן. דער צוג האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אָפּצו־שטעלן ווי עס דאַרף צו זיין, ווען פון די טיעפּלושקעס האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויפן פּעראָן אַ שטראָם סאָלדאַטן מיט טשייניקעס. די סאָל־דאַטן זענען געווען פאַרוואַקסן מיט ווילדע בערד. זייערע שינעלן זענען געווען פאַרדריפּעט און צעקנייטשט, די שטיוול — אויסגעקרימטע: ביי איינע אומגעלומפּערט פאַרלאַטעט, ביי אַנדערע — פּשוט צעריסן, ביי קיינעם נישט געפּוצט. די סאָל־דאַטן האָבן געציטערט פון קעלט, געלאָפן איבערן פּעראָן מיט די העלדזער אין די קאָלנערס אַריינגעצויגן, געבלאָזן אויף די פרירענדיקע הענט, געקלאַפּט אַ פוס אין אַ פוס, ביים וואַרטן אויפן הייסן וואַסער אין אַ לאַנגער ריי, נעבן וואַסער־שטיבל אויפן פּעראָן, און אָנגעפילט די לופט אַרום זיך מיטן געקלאַנג פון בלעכן געשיר, צוזאַמען מיט די

אויפבראַוויזן פון קאָלעקטיוון געלעכטער, אויסגעמישט מיט אינדיווי־דועלע הויך־גראַדיקע זידלערייען.

דער צוג האָט זיך שוין געהאַט כמעט אינגאַנצן אויסגעליידיקט ווען פון אַ טיפּלושקע איז אַראָפּגעשפּרונגען אויפן פּעראָן איליאַ סע־מיאָנאָוויטש ליעקאַר, וועלכער איז געקומען אַהיים אויף אַן אור־לויב. ער האָט אויף זיך געטראָגן אַ גוטן, אָבער אַ ביסל צו־שמאָלן און קורצן שינעל, מיט עפּאָלעטן פון אַן אונטער־אָפיציר און אַן אָרעם־באַנד פון דער מעדיצינישער אַרמיי־אָפּטיילונג. דער שינעל איז אויף אים געלעגן אומגעלומפּערט, ווי אַ פרעמדער בגד, וועלכער האָט זיך נעבעך נישט געקאָנט איינאָרדענען אויף ליעקאַרס גרויסן קערפּער ווי עס באַדאַרף צו זיין; און פּונקט אַזוי איז געזעסן די גוטע סאָלדאַטסקע שאַפּקע אויף זיין ציווילן קאָפּ. הכלל, ער האָט אויסגעזען אַזוי נעבעכ־דיק ווי אַלע אַנדערע סאָלדאַטן אויף דער סטאַנציע, טראָץ דעם גוטן, נישט־אָפּגעטראָגענעם אוניפאָרם.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען אויפן פּעראָן, אַראָפּגענומען זיין טשעמאָ־דאַן פון וואַגאָן און זיך אַרומגעקוקט מיט זייער מידע אויגן מיט פרייד פון אַהיימקומען.

די מלינער באַן־סטאַנציע האָט זיך שטאַרק געביטן דורך די מלחמה יאָרן. עס איז פאַרשוואונדן די אַמאָליקע ציכטיקייט. דער פּעראָן איז געווען פאַרוואָרפן מיט שטיקלעך פּאַפּיר, ציגאַרעטן־רעשטלעך, מאַכאָרקע־פּעקלעך און מיט אַלערליי אַרטיקלען פון קלייך־מיסט, וואָס איז גע־ווען אויסגעמישט מיטן שמוציקן, צעטאָפּטשעטן, פאַרפרוירענעם שניי. די פענצטער פון דער סטאַנציע־געביידע זענען געווען דאָ און דאָרטן צעקנאַקט, פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר. אָבער די נידעריק־הענגנדיקע זון אויפן מערב פון קלאָרן הימל, האָט אָנגעצונדן רויט־גאָלדענע פייער־לעך אין די פאַרפרוירענע פענצטער, און די פייערלעך האָבן פאַרדעקט די פענצטער פון דער סטאַנציע־געביידע זענען געווען דאָ און דאָרטן אַ פּרוי אין די יאָרן.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש ליעקאַר האָט זיך צעשמייכלט אַנטקעגן די פייערלעך פון שקיעה און האָט זיך געלאָזט גיין צום אַריינגאַנג אין

דער סטאַציע־געביידע. ער האָט נישט באַמערקט, אַז גלייכצייטיק מיט אים, איז פון אַ פּאַסאַזשיר־וואַגאָן אין פראָנט פון באַן אַראָפּ אויפן פּעראָן סערגעי סמירנאָוו, וועלכן ער האָט אַמאָל מיט אַזוי פיל מסירת נפש געראַטעוועט פון מעגלעכן טויט.

סערגעי סמירנאָוו, איז איצט שוין נישט געווען מער דער יונגער גימנאַזיסט פון דעמאָלט, נאָר אַ מלחמה־וועטעראַן, מיט צוויי יאָר בלוי־טיקער־דערפאָרונג הינטער זיינע פּלייצעס. ער האָט אויף זיך געטראָגן אַ גוטן אָפיצירן־שינעל מיט עפּאָלעטן פון אַ פּראַפּאָרשטשיק (דער ניי־דעריקסטער אָפיצירן־ראַנג אין דער אַלטער רוסישער אַרמיי). זיין גרויע שאַפּקע, די שיינענדיקע שטיוול, די גלאַנציקע שפּאָרן אויף די קנאָפּל און די קנעפּלעך אויף די גוט־געפּאַסטע קליידער, זענען ביי אים געווען אין אַן אויסגעצייכנטן צושטאַנד. זיין פּנים איז געווען ריין אָפּגעגאָלט, די דינע בלאָנדע וואָנצעס — נעט אונטערגעשוירן. ער איז געווען קליינוווקסיק און האָט פון דערווייטן אויסגעזען מער ווי אַ מאַנעקין אין אַ שויפענצטער פון אַ מענער־קליידער מאַגאַזין, ווי אַן אמתער שלאַכט־מאַן, וואָס געהערט צו דער זעלבער אַרמיי צוזאַמען מיטן טומלדיקן סאָלדאַטישן עולם אויף דער מלינער באַן־סטאַציע. ערשט פון דער נאָענט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ לאַנגער שראַם אויף דער רעכטער זייט פון זיין פּנים, וואָס האָט געמאַכט דאָס פּנים אויסזען, ווי עס וואָלט געווען צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי טיילן: איין טייל אַ מידער, אָנגעשטרענגטער, פריצייטיק פאַרעלטערטער האַלב־פּנים פון אַ מלחמה־וועטעראַן, מיט אַן אויג, וואָס זעט אויס צו זיין פאַרגאָסן מיט בלוט און הערט נישט אויף פינטלען, און דער צווייטער טייל — פון אַ שול־יונג, וועלכער האָט דוכט זיך ערשט נעכטן אָנגע־הויבן גאָלן די באַקן...

ער איז אַראָפּ אויפן פּעראָן, זיך אָפּגעשטעלט און אַרומגעקוקט מיט דער זעלבער פרייד פון אַהיימקומען אין זיין יוגנטלעכן אויג, ווי די, וואָס האָט זיך אָפּגעפילט אין איליא סעמיאָנאָוויטשן. ער האָט אָבער באַלד דערזען די סאָלדאַטן אויף דער באַן־סטאַציע, זיך פאַר־קרומט און אָנגעהויבן פינטלען מיטן רעכטן אויג. די סאָלדאַטן האָבן

אים ווידער דערמאָנט אין דעם וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויפן פראָנט, כאָטש ער וואָלט נישט געוואָלט וועגן דעם טראַכטן. „און דאָס רופן זיי אַרמיי — האָט ער געטראַכט מיט ביטערקייט — און מיט דעם ווילן זיי די דיסציפּלינירטע דייטשע מלחמה־מאַשין באַזיגן. אַ כאַפּטע שלעפּער אין גרויע שינעלן... קיינער פון די פאַרביילויפנדיקע סאָל־דאַטן האָבן אים נישט סאַלוטירט. קיינער האָט אפילו אויף אים זיך נישט אַרומגעקוקט, אַזוי ווי עס וואָלט דאָ געשטאַנען נישט קיין אָפי־ציר פון דער רוסישער אַרמיי, וועלכער איז פרייוויליק אַוועק אויפן פראָנט און דורכגעמאַכט צוויי יאָר מלחמה אויף די פאָדערשטע פּאָזי־ציעס, נאָר עפּעס אַ זייטיקער פאַרשוין, וואָס מען האָט אים אין דער לינקער פּיאַטע: „אַ כאַפּטע פאַרדאַמטע שלעפּער״...

סערגעי סמירנאָוו האָט אויפגעהויבן שטאָלץ דעם קאָפּ און געגאַנ־גען אין דער ריכטונג צום אַריינגאַנג פון דער סטאַציע־געביידע, ער האָט געפּרווט, בעת מעשה, וואַרפן פון אויבן אַראָפּ בליקן פול מיט פאַראַכטונג אויפן סאָלדאַטישן עולם, און דאָס וואָלט אים מסתמא געלונגען. ווען ער וואָלט נישט געווען קליין־געוואַקסן און וואָלט נישט געמוזט אַרויפקוקן אויף יעדן איינעם פון פולער מאָס.

נאָענט צו דער גרויסער טיר פון דער באַן־געביידע האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף איליא סעמיאָנאָוויטש ליעקאַר, וועלכער איז איצט געווען נאָך מער צעטראָגן, ווי ער איז תמיד געווען אין זיין פּריוואַטן לעבן. אָנגעוואָרעמט מיטן פריידיקן געפּיל פון אַהיימקומען, האָט ליעקאַר כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן אַז ער איז אַ סאָלדאַט אין אַן אוניפאָרם, און אַז זיינע באַציונגען מיט אָפיצירן ווערן רעגולירט דורך שטרענגע כללים פון עפּעס אַן „אוסטאַוו״. ער איז געווען אַ העפלעכער מענטש. ווען ער האָט דערפילט אַז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן עמעצן, האָט ער געוואָלט זיך אַנטשולדיקן, אויף אַ געוויינלעכן ציווילן אופן. ער האָט נאָך נישט באַוויזן אויסרעדן אַ האַלב וואָרט, ווי ער האָט דערקענט דעם יונג. אַזאַ מערקווירדיקע באַגעגעניש! דאָס טייערסטע וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין מליני, חוץ דער אייגענער פרוי, זענען געווען זיינע פּאַציענטן. און דאָ איז געשטאַנען אַ יונג, וועלכן ער האָט

ממש דאָס צווייטע מאָל אויף דער וועלט געבראַכט, ביי וועמענס צווייטער געבורט ער האָט ממש די ווייען געפילט... ער האָט אַ וואָרף געטאָן זיין טשעמאָדאַן אויף דער ערד און אויסגעשפּרייט די הענט:

— סיערִיאָזשאַ, גאָלובטשיק!...

מער ווי דאָס האָט ער נישט באַוויזן אויסצורעדן, דער פּראָפּאָר־שטשיק סמירנאָוו האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַשיצן פון אַן אָנגריף. ער האָט געקוקט אויף דעם אומגעלומפּערטן אונטער־אָפיציר מיטן רויטן פינטלדיקן אויג. זיין צווייט אויג האָט זיך אויך פאַרגאָסן מיט בלוט פון כעס. ער האָט אינגאַנצן פאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיינע צעשרויפטע נערוון.

ער האָט פאַר זיך נישט געזען דעם ווילן פעלדשער, ווי ער האָט אים געקענט מיט דריי יאָר צוריק. ער האָט פאַר זיך געזען איינעם פון „די שלעפּער", אַן אומגעלומפּערטן סאָלדאַט מיט אונטער־אָפיציר־ישע בענדלעך, וואָס האָבן זיך, גאָט ווייסט ווי אַזוי, אָנגע־טשעפּעט אויף זיינע עפּאָלעטן; איינער פון די וועלכע האָבן גע־פּרוווט ברעכן די דיסציפּלין פון דער אַרמיי און אונטערמינעווען דעם אויטאָריטעט פון אָפיצירן. ער האָט געפילט, אַז ער מוז דעם פאַרשוין אויף זיין פּלאַץ אַוועקשטעלן.

ער האָט זיך אויסגעגליכן און צעשריגן מיט אַ וויטנדיקער, נאָך אַלץ יוגנטלעכער שטימע:

— טי קאַק סטאָיש?! ס'קעם ראַזגאָוואַריוואַיעש? אוסטאַוואַ ניע זנאַיעש?! (ווי אַזוי שטייסטו?! מיט וועמען רעדסטו?! קענסט נישט דעם אוסטאַוו?!...

איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט זיך גלייך דערמאָנט אין דעם, אַז ער איז אַ סאָלדאַט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט גלייך, אַראָפּגעלאָזט די הענט און געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויפן יונגן אָפיציר, מיט פאַר־שנדיקע אויגן. ער האָט געפּרוווט זיך פונאַנדערקלייבן אין דעם וואָס עס טוט זיך דאָ. האָט אים סערגעי סמירנאָוו פּשוט נישט דערקענט? ער האָט געפּרוווט פאַרזיכטיק פאַרריכטן דעם טעות:

— אָבער, הער פּראָפּאָרשטשיק, דאָס בין איך איליא סעמיאָ־נאָוויטש ליעקאַר.

— ווירקלעך?! האָט אים דער פּראָפּאָרשטשיק געפרעגט סאַר־קאַסטיש — אפשר וועט איר מיר געבן אייער וויזיט קאַרטל, הויך־געשעצטער הער ליעקאַר?... זענט איר אַ סאָלדאַט אָדער נישט? ווייסט איר ווי אַזוי אַ סאָלדאַט דאַרף זיך אויפפירן, ווען ער שטייט פאַר אַן אָפיציר? איר זענט דאָך אַ געבילדעטער מענטש. איר דאַרפט דאָך זיין אַביישפיל פאַר די דאָזיקע „שלעפער" אין די גרויע שינעלן!..

דער אויסדרוק אין ליעקאַרס אויגן האָט זיך געביטן. ער האָט פיינט געהאַט דאָס וואָרט „שלעפער". ער האָט פיינט געהאַט אַלץ, וואָס האָט אויסגעדרוקט אַ ביטולדיקע באַציונג צו אַ מענטשן און ער האָט גוט געוווסט ווער און וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַזאַ צושטאַנד פון סאָלדאַטישער מאַסע; אַ חוצפה פון אַ יונגן צוציק אין אַן אָפיצירישן אוניפאָרם. וויניק האָט ער אים, ווייזט אויס גע־קענט. אפשר איז ער תמיד אַזאַ געווען? ער האָט זיך פלוצים דערמאָנט אינעם קלאַפּ איבער דער האַנט, וואָס דער יונג האָט אים דערלאַנגט דעמאָלט, ווען ער איז געלעגן אומבאַהאָלפן אויפן שוועל פון טויט. און אַזוי ווי דעמאָלט, האָט ער זיך באַלד גענומען אין די הענט אַריין. עס איז אים נישט שווער געווען זיך אומצוקערן צו דער ווירקלעכ־קייט, ווי ער האָט זי געזען אויפן פראָנט. סוף־כל־סוף, האָט ער גע־טראַכט, איז דער יונג אויך איצט קראַנק, כאָטש איצט ליידט ער פון אַ גייסטיקער, אָדער געזעלשאַפטלעכער קרענק, פון וועלכער ער קאָן דעם יונג נישט אויסהיילן. „דער מענטש איז נישט מיט אַלעמען; איז זיי־זשע זיך אַ גוטער נאַר" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, זיך באַרויקט, געמאַכט שלום מיטן גורל און זיך אָוועקגעשטעלט פאַרן אָפיציר, לויט אַלע כללים פון מיליטערישער דיסציפּלין. ער האָט געשוויגן.

לאַנג האָט ער אָבער נישט געדאַרפט אַזוי שטיין. אַרום אים און דעם אָפיציר האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם סאָלדאַטן, וואָס האָט גע־האַלטן אין איין וואַקסן. די סאָלדאַטן האָבן איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן דעם אָפיצירס ווערטער וועגן די „שלעפערס אין גרויע שינעלן"

און האָבן געקוקט אויף דעם „כוואַטסקן" פּראַפּאַרשטשיק מיט נישט־וויניקער פאַראַכטונג אין זייערע אויגן, ווי סערגעי סמירנאָוו האָט געהאַט אין זיינע. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן זיך איבערוואַרפן מיט שפּאַט־ווערטלעך. איינער פון זיי האָט אויסגעשריגן מיט אַ קוויטשענדיקער שטימע, וואָס האָט נאָכגעמאַכט סמירנאָווס:

— פּאַשקאָ, וועק מיך אויף, וואָס איז איצט פאַרנאַכט, צי פרימאָרגן?

— כ'הער אַ האָן קרייען!...

— וועלכן האָן מיינסטו? — האָט אַן אַנדערער סאָלדאַט געפרעגט, אַלע אונדזערע הענער האָט דער דייטש שוין פון לאַנג אָפּגעפּליקט!...

פּלוצים האָט אַ גרויסער, יונגער סאָלדאַט מיט אַ געמאַכטן יאָלדישן אויסדרוק אויף זיין פאַרוואַקסענעם באַוועגלעכן פּנים, זיך אַ ריס־געטאָן דורך דער מענגע סאָלדאַטן פאַרביי דעם אָפיציר, ווי ער וואָלט זיך געאיילט צו דער סטאַציע־געביידע. ער האָט אָנגעטראָטן מיטן שווערן פוס אויף דעם גוט־אויסגעפּוצטן אָפיצירן־שטיוול, האָט שטייף אָנגעצויגן זיין גוף, ווי עס באַדאַרף צו־זיין, און אויסגעשריגן:

— „פּראָשו פּראָשעניאַ וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע!..." (כ'בעט מחילה אייער דערהויבנקייט!)

דער סאָלדאַטישער עולם האָט זיך אַ וויג־געטאָן אויף אַ כוואַליע פון געלעכטער.

סערגעי סמירנאָוו איז געוועגן רויט פון באַליידיקונג און כעס. ער האָט אויפגעהערט פינטלען מיטן רעכטן אויג, געעפנט עס אַזוי ברייט, ווי ער האָט געקאָנט. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רעכטן טייל פון פּנים צו די סאָלדאַטן און זיך געכאַפּט פאַרן לעדערנעם טאַש פון זיין רעוואָלווער. ער איז געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן אויסרוף צום אַקט פון מלחמה. דער סאָלדאַטישער עולם איז געוואָרן שטיל. עס האָט זיך דערפילט אין דער לופטן אַ דראָונג פון אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס, וואָס די סאָלדאַטן אַליין האָבן נישט געוואָלט אָנהויבן, אָבער זענען געווען גרייט צו פאַרענדיקן. זיי האָבן געקוקט אויף דעם פּראַפּאַרשטשיק מיט חוזק און אַרויסרוף אין די אויגן.

סערגעי סמירנאָוו האָט דעם אַרויסרוף נישט אָנגענומען. ער איז

נישט געווען גרייט צו שטאַרבן ווי אַ העלד אין אַ האָפענונגסלאָזער שלאַכט מיט די אייגענע סאָלדאַטן. ער האָט פון זיך אַרויסגעלאָזט דעם אָנגעזאַמלטן כעס און געפילט גאַרנישט, חוץ עקל צו דער פאַרשאָלטענער, זינלאָזער מלחמה־ווירקלעכקייט. ער האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון זיין רעוואָלווער, אין דעם נאָך־אַלץ פאַרשפּילעטן לעדער־טאַש, האָט אויסגעשפּיגן אין אַ זייט, זיך אַ שטופּ געטאָן צו דער טיר און איז אַריין אין דער סטאַציע־געביידע.

די סאָלדאַטן האָבן אים געלאָזט גיין בשלום און האָבן זיך באַלד פאַרזאַמלט אַרום איליא סעמיאָנאָוויטשן. זיי האָבן געוואָלט אים טרייסטן, אָבער אָנשטאָט דעם האָבן זיי זיך באַקלאָגט פאַר אים אויף זייער אייגענער דאָליע. עפּעס אין זיין גאַנצן וועזן איז געווען אַזוינס, וואָס האָט איינגעלאַדן צו דעם. אפשר איז דאָס געווען זיינע לאַנגע האָר און בערדל, און אפשר — דער אָרעם־באַנד פון אַ מעדיצינישן אָפּטייל. אָבער אַזוי צי אַנדערש, האָבן די סאָלדאַטן אין אים געזען אַ מענטשן, וועלכער מוז האָבן מער שכל פון זיי. ער האָט זיכער מער בילדונג און דאָך איז ער אַן אייגענער מענטש, „אַ געלערנטער אין דעם גרויען שינעל". איינער אַן עלטערער מאַן, וואָס האָט געציטערט פון קעלט און גערעדט מיט אַ הייזעריקער שטימע פון אַן אמתן וועטעראַן האָט געטענהעט:

— קיין כוחות צו ליידן איז מער נישטאָ. מען לעבט ווי גאָסן־הינט, גאָט זאָל מיר מוחל זיין. מען האָדעוועט די לייז אויף דער ערד און די ווערים אין דער ערד. ...זיי האָבן פאַרקאָכט אַ קאַשע און מיר דאַרפן די קאַשע אַראָפּשלינגען. קיין כוחות צו ליידן איז שוין מער נישטאָ..

איליא סעמיאָנאָוויטש האָט געדולדיק אויסגעהערט די טענות און כאָטש ער האָט די סאָלדאַטן נישט געקאָנט טרייסטן, כאָטש ער איז נישט געווען אין דער שטימונג פאַר דעם, האָט ער זיך אַליין דערפילט געטרייסט. סוף־כל־סוף, איז זיין קריוודע שוין נישט געווען אַזוי ערנסט און עס איז דען געווען נאָר זיין אייגענע קריוודע ?...

* * *

אינדערהיים, ביים אימפּראָוויזירטן קבלת־פּנים, וואָס זיינע פריינד האָבן פאַר אים אַראַנזשירט, האָט סערגעי סמירנאָוו זיך אָנגעטרונקען מיט היימיש־געמאַכטן בראָנפן, כאָטש טרינקען איז דאָן געווען פאַר־באָטן דורכן געזעץ. ער האָט אָנגעהאַלטן אַן אָנשטעל פון אַ מלחמה־העלד דעם גאַנצן אָוונט, ער האָט דערציילט צוגעפּאַרבטע פּראָנט־מעשיות, וואָס פּאַסן פאַר אַזאַ געלעגנהייט און געמאַכט זייער אַ פיינעם איינדרוק אויף אַלע געסט.

ערשט ווען ער איז געבליבן אַליין אין דעם קליינעם צימערל, האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם פעלדשער, אין איליאַ סעמיאָנאָוויטש ליעקאַר, ווי ער האָט אים געקענט פאַר דער מלחמה. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט דער צווייפל אין זיך. ער האָט זיך דערפילט אַזוי ווי די קרענק, וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַט, וואָלט צו אים צוריקגעקומען. ער האָט אַריינגעבראַכט נאָך אַ פלאַש בראָנפן צו זיך אין צימערל און געטרונקען אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך אים פאַרוואָלט וויינען, וויינען אויפן גורל פון רוסלאַנד, וואָס גייט צו גרונט אומזיסט און אומנישט מיט אַזויפיל לעבנס, מיט אַזויפיל כוחות, ווי אויפן ווינט אַרויסגעוואָרפן.

—ווער איז אין דעם שולדיק? — האָט ער ביי זיך געפרעגט וויי־נענדיק — ווער האָט אונדז פאַרקויפט און פאַרראַטן אויף אַזאַ מיאוסן אופן? אַ רוח אין זיין מאַמען אַריין!...

ער האָט זיך דערמאָנט אין עמעצנס ווערטער:

— זיכער. דאָס איז אַ זיכערע זאַך. ווער אַנדערש קאָן דאָס זיין? דאָס זענען די יידן... די יידן האָבן פאַרקויפט רוסלאַנד צו די דייטשן... כ'מיין די דייטשן האָבן פאַרקויפט רוסלאַנד צו די יידן... כ'מיין... אַ, צום טייוול מיט דעם... ווער ווייסט וואָס עס טוט זיך איצט אויף דער וועלט... עס איז ביטער און פטור אַן עסק... אָט אַ ביסל אויסטאָן מיין אוניפאָרם, זיך אָנטאָן אין טאָטנס פאַטשטאַניקעס און כ'וועל גיין כאַפּן פיש אין מלינקע... זאָלן זיי, — יאָ, זאָלן זיי זיך ברעכן די אייגענע קעפּ...

ווער ס'זענען די „זיי" — האָט סערגעי סמירנאָוו אַליין נישט געוווּסט...

* * *

אויפן קבלת פּנים, אַראַנזשירט פון אַ קרייזל אינטימע פריינד פאַר איליאַ סעמיאָנאָוויטש ליעקאַרן, האָט מען קיין בראָנפן נישט געטרונקען און איליאַ סעמיאָנאָוויטש אַליין האָט קיין שום פּראָנט־מע־שיות נישט דערציילט. ער האָט זיך, בכלל, אָפּגעהאַלטן פון צופיל רעדן, נישט צו באַאומרויקן די פאַרזאַמלטע געסט, וועלכע זענען גע־קומען צו אים אין זיין קליינער דירה. אָבער ווען אהרן לעסניק האָט געפּרוּווט, אויף זיין שטייגער, זיך פאַרופן אויפן גראדן שכל, אויף שכל הישר, וואָס סוף־כל־סוף וועט ער איבערנעמען די ממשלה איבער דער גאַרער וועלט, האָט איליאַ סעמיאָנאָוויטש אָנגעהויבן נערוועז צופּן דעם מאַטעריאַל אויף זיין וויכן שטול, ביז ער האָט אָפּגעריסן אַ שטיק צענדל פון דער זייט. ער איז געוואָרן אומרויק, פאַרלוירן די געדולד און האָט באַשלאָסן מיט אַמאָל, אַז ער האָט שוין גענוג געהערט; אַז עס איז שוין געקומען די צייט זיך אַליין צו לאָזן הערן.

ער האָט אָפּגעוואָרפן אַלע „צערעמאָניעס" און האָט איבערגעריסן אהרן לעסניקן אינמיטן רעדן:

— דער גראדער שכל? — זאָגט איר — זייער גוט, אָבער וועמענס גראדער שכל? — אייערער, מיינער צי אפשר ראַספּוטינס?... האָט איר דען די מינדסטע אנונג וואָס עס טוט זיך איצט אָפּ אין לאַנד. מען האָט אַ געוואַלדיקן מענטשלעכן קאָלעקטיוו אין אַ גרויזאַמען וועלט־געראַנגל אַריינגעוואָרפן. אַזוי פיל פאַרשידענע פעלקער האָט מען אין איין מלחמה־וואָגן איינגעשפּאַנט. פיל פון זיי האָט מען אין צייט פון פרידן ווי שטיפקינדער באַהאַנדלט. וועגן דעם דאַרף איך אייך נישט דערציילן. דאָס פאָלק, וואָס האָט קיין זיס לעבן פאַר דער מלחמה נישט געהאַט, שלעפּט איצט דעם מלחמה־וואָגן ממש אַזוי ווי יענע

בורלאַקעס שלעפּן די שיף אויף דער וואָלגע — מיטן שטריק וואָס שניידט זיך אַריין אין פלייש פון רוקן.

אבער איצט קומט מען צום פאָלק און מען שרייבט אים צו אַ געוויסן מין פּאַטריאָטיזם, אַלס אַ רפואה אויף זיין מכה, ווי די מיליטערישע דאָקטוירים טוען דאָס אויפן פראָנט: ס׳טוט דיר ווי דער קאָפּ? — אַ פּראָשיק; ס׳טוט דיר ווי דער בויך? — ווידער אַ פּראָשיק... און שוין, פּטור אָן עסק, דאָס איבעריקע וועט שוין פון זיך אַליין קומען. איז דאָס איבעריקע געקומען: צוויי יאָר מלחמה, צו וועלכער מען זעט נישט קיין סוף; צוויי יאָר פון אָנשטרענגונגען איבער די מענטשלעכע כוחות, וואָס פירן צו גאָרנישט און ווערן אָנגעפירט אָן אַ פּלאַן, אָן שום שכל, אָן שום געפיל פאַר דער ווירקלעכקייט, אָן שום אַנונג, אַז מ׳יר לעבן איצט איבער אפשר די גרעסטע טראַגעדיע פון פעלקער, וואָס די וועלט האָט ווען נישט איז געזען..

דו גיסט אַ טראַכט וועגן דעם און ווערסט אויפגעשוידערט: ווער פירט איצט אָן מיטן לאַנד?

— גראָטעסקע פיגורלעך, קאַריקעס אין די מונדירן פון פאַרגאַנגענהייט אויסגעפּוצט; מענטשן וועלכע זענען נישט פעיק מיטן בופעט אויף אונדזער מלינער וואָקזאַל אָנצופירן. עפּעס אַ צעדרייטער גלח, אַ שאַרלאַטאַן, מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, האָט געפירט פאַר דער נאָז אונדזער שוואַכזיניקן צאַרישן הויף. און ווערט נישט שאָקירט. זייט אַזוי גוט, ס׳איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. דער מינדסטער טשינאָווניק אין דער הויפּטשטאָט האָט געוווּסט, אַז ראַספּוטין האָט געצויגן שטריקלעך אין הויף, אַזוי ווי די מלחמה וואָלט זיין עפּעס אַ זינלאָזער, געשמאַקלאָזער פאַרס, נישט אויפצופירן אפילו אויף דער ביליקסטער פּראָווינציעלער בינע...

כ׳האָב אַנומלט געהערט, צופעליק, אַ שמועס צווישן צוויי אָפיצירן: זאָגט איינער „רכילות", שאָקלט דער צווייטער צו מיטן קאָפּ: „זיכער זענען דאָס רכילות", גלויב איך אַז איר פאַרשטייט זייער גוט פאַרוואָס האָט מען ראַספּוטינען דערהרגעט.

אָבער אויב אפילו דאָס איז אַזוי, אויב אין דעם וואָס מען דער־

ציילט וועגן ראַספּוטינען איז דאָ אַן עלעמענט פון רכילות, איז דאָס אַנגע־מאָסטן אויף דעם סאָרט אַנפירונג, וואָס רוסלאַנד האָט אין דער טראַ־גישער שעה, ווען איר סאַמע עקזיסטענץ שטייט אויף אַ וואָגשאָל.

אויב איר דערוואַרט פון זיי עפּעס שכלדיקס, עפּעס וואָס זאָל זיין אויף דער הויך פון גרויסע געשעענישן, וועט איר זיך דערוואַרטן אויף אַ זייער ביטערער אַנטוישונג... זיי זענען בלינד־געבוירן און וועלן נישט זיין פעיק צו זען די אמתע וועלט אפילו דאַן ווען עס וועט זיין צו שפּעט...

— אינעם לאַנד האָט זיך עפּעס גערירט פון אָרט. עס האָט זיך עפּעס גערירט פון אָרט אינעם שכל פון מינדסטן סאָלדאַט אויפן פראָנט. עס קומט אָן די צייט פאַרן גראָדן שכל פון פשוטע מענטשן...

— דאָס זאָגט מיר מיין גראָדער שכל. און כאָטש איך ווייס נישט אַליין וואָס פאַר אַ סאָרט רוסלאַנד ס'וועט פון דעם אַלעמען אויס־וואַקסן, — איך בין נישט קיין נביא, און איך בין אויך נישט קיין דאָגמאַטיקער — איין זאַך ווייס איך אָבער יאָ, און איך האָף אַז איר וועט עס אויך פאַרשטיין: עס איז געקומען אַ צייט ווען מען מוז אָנ־הויבן טראַכטן אויף אַ נייעם אופן און לעבן אויף אַ נייעם אופן.

18
ביים קאַיאָר

— טאַ... טאַטאַטאַ... טאַטאַ... טאַ...

איוואַן דזיובאַ, אַ גרויהאָריקער טעלעגראַפיסט מיטן פּנים פון אַ מיטל־יאָריקן פּויער, האָט זיך איינגעהערט אינעם קלאַפּן פון זיין אַפּאַראַט, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעשאָרט אַ פּאַפּיר־בענדל, באַצייכנט שוואַרץ אויף ווייס, מיט פּונקטן און שטרייכעלעך. ס'איז געווען אַ טעלעגראַמע פון גובערנאַטאָר צום פּריסטאַוו פון מליני', אָבער דער פאַקט איז געווען די איינציקע זאַך, וואָס איוואַן דזיובאַ האָט געקאָנט פאַרשטיין. ווייטער זענען געגאַנגען משונהדיקע ווערטער, וועלכע האָבן קיין שום שייכות איינס צו אַנדערן נישט געהאַט. אַז דאָס איז אַ שיפר,

איז געווען קלאָר פון אויבן אויף. פונדעסטוועגן האָט דער בייגעריקער טעלעגראַפיסט זיך גוט איינגעהערט אין דער מאַנאָטאָנער קלאַפּעריי אַזוי, ווי ער וואָלט דערוואַרט, אַז זיין אַפּאַראַט וועט סוף כל סוף אויפהערן אַרויסלאָזן פון זיך פאַרשטעלטע רייד, וועט זיך אומקערן צום לייטישן לשון און דערציילן דעם אמת וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

אַז עס טוט זיך אויף דער וועלט עפּעס גאָר גרויסעס, האָט איוואַן דזיובאַ געוווסט און פאַרשטאַנען, ווי עס האָבן געוווסט און פאַרשטאַנען די מערהייט דערוואַקסענע מענטשן פון שטאָט. אין משך פון עטלעכע לעצטע טעג איז מליני געווען פול מיט פאַרשידענע קלאַנגען וועגן דער לאַגע אין פּעטראָגראַד. אמת, די מאַגערע צייטונג־נייעס האָבן נישט דערזאָגט מער, ווי זיי האָבן דערציילט; שוין אָפּגערעדט פון דעם וואָס די צייטונגען זענען אָנגעקומען מיט פאַרשפּעטיקונג און האָבן מיט זיך געבראַכט אייערנעכטיקע נייעס, כאָטש דאָס זענען געווען די טעג פון אָנפאַנג מערץ 1917, ווען דער אונטערשיד פון נעכטן ביז היינט איז געווען, בפועל ממש, אַזוי גרויס ווי דער אונטערשיד צווישן צוויי באַזונדערע יאָרהונדערטער. אָבער די צייטונגען זענען נישט געווען דער איינציקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע פאַר דער באַאומרויקטער באַפעלקערונג.. אויטענטישע באַריכטן פון „פאַרלעסלעכע" קוואַלן פאַר „פאַרלעסלעכע" מענטשן זענען אויף עפּעס אַ מיסטעריעזן אופן אויס־גערונען פון „פאַרלעסלעכע" פּלעצער און האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער די שטעט און שטעטלעך פון דעם פיבערדיקן לאַנד, ווי אַ פייער איבער טרוקענעם גראָז.

דער טעלעגראַפיסט איוואַן דזיובאַ וואָלט געקאָנט אַ סך דערציילן וועגן דעם אופן ווי דאָס איז געשען. ער אַליין האָט, וואַרשיינלעך, געוווסט די פאַקטן מער, ווי ווער אַנדערש אין מליני. ער האָט, אַ שטייגער, געוווסט, אַז די סטאַטשקע פון פּעטראָגראַדער אַרבעטער איז אויסגעוואַקסן אין אַן אויפשטאַנד קעגן דער מאַכט; אַז נישט נאָר גע־וויינלעכע סאָלדאַטן, נאָר אפילו קאָזאַקן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן אויף די אַרבעטער, וועלכע זענען אַרויס אין די גאַסן און זיך געלאָזט

זען אין סאַמע צענטער פון דער הויפּט־שטאָט, בעת דער גאַנצער גאַרניזאָן איז אַריבער אויף דער זייט פון פאָלק.

די נייעס האָט פאַר אים, ביי אַנדערע געלעגנהייטן, אויסגעקלאַפּט זיין אַפּאַראַט און ער האָט איצט דערוואַרט מיט אומגעדולד צו הערן פון אים דעם סוף פון דער מעשה. ער האָט איבערגעחזרט די ווערטער אין אַזאַ אָרדענונג ווי זיי זענען אויסגעקלאַפּט געוואָרן, כאָטש ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין זייער פולן אמתן מיין:

— טאַ־טאַטאַ־טאַ־טאַ... אָסיען, סאַפּאַג, סינאָקאָס. טאָטשקאַ...

און פלוצים האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן אַזוי שטאַרק, אַז די דאָזיקע קלאַנגען פון זיין אייגענער אויפּרודערונג האָבן זיך גע־פלאָכטן מיטן קלאַפּן פון דער קליינער מאַשין, וואָס האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט צו שפּילן מיט רעטענישן און האָט פון זיך אַרויסגעלאָזט קלאָרע דיבורים:

— טאַ־טאַטאַ: האַרבסט, שטיוול, היי־שניט, פונקט, פונקט, פונקט, איגנאָרירט די טעלעגראַמע פון גובערנאַטאָר, פונקט, איגנאָרירט אַלע באַפעלן פון צאַרישע קנעכט, פונקט, דער אַלטער רעזשים איז טויט, פונקט. די מאַכט אין דער הויפּט־שטאָט איז אין די הענט פון דער דומע. פונקט. די זון פון באַפרייונג איז אויפגעגאַנגען איבערן פאַרבלוטיקטן היימלאַנד, פונקט. פרייט זיך קינדער פון פאָלק, פונקט, גוט יום־טוב ברידער...

די טעלעגראַמע האָט אויף זיך געטראָגן אַלע סימנים פון אימפּראָ־וויזאַציע און קיין סימן נישט געהאַט פון דעם ווער ס׳האָט זי געשיקט און פאַר וועמען. אָבער דעם טעלעגראַפיסט איוואַן דזיובאַ איז אפילו נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן דעם. אַ כוואַליע פון פרייד האָט פאַרפלייצט זיין נשמה און האָט אים אויפגעהויבן פון פלאַץ, ווי אויף פליגל. ער האָט אָפּגעריסן דאָס פאַפּיר־בענדל פון אַפּאַראַט, עס אַריינ־געשטופּט צו זיך אין בוזעם אַריין; אַ כאַפּ געטאָן זיין שאַפּקע פון אַ שטול, אַ ריס געטאָן זיין פאָלושובאָק פון אַ הענגער, אַ געשריי געטאָן צום געהילף — „קאָלקאַ, נעם איבער דעם אַפּאַראַט" — און

איז אַרויסגעלאָפן אינדרויסן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַן אויפרודערונג אין דער געביידע פון פאָסט און טעלעגראַף.

ער איז געלאָפן איבערן גוט איינגעטאָפּטשעטן שניי פון דער גאַס, ווו מענטשן האָבן אים נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן, זיך איבערגעקוקט פיל־מיינענדיק בשעת מעשה, אָבער אים נישט געפרוווט אָפּשטעלן. ער איז אַזוי געלאָפן ביז ער האָט דערפילט אַ ווייטאָג אין ברוסט, ביז ער איז געוואָרן פאַרגאָסן מיט שווייס, טראָץ דעם פראָסט, וואָס ער האָט געפילט אויף זיין צעהיצטן פּנים און די פרירנדיקע הענט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ערשט אויף די טרעפּ ביים אַריינגאַנג אין דער גרויסער געביידע פון דער „שול פאַר קונסט און קעראַמיק”, ווו זיין עלטערער זון איז געווען אַ שילער. די הויכע קאָלאָנעס פון פאַסאַד, דאָס שטרענגע דערהויבענע אויסזען פון דער געביידע האָט אים אַ ביסל צו זיך געבראַכט. ער האָט אויסגעגלייכט אויף זיך דעם פּאָלושובאָק, וואָס ער האָט געהאַט פאַרשפּילעט קרום אין איילעניש, אויסגעטאָן די שאַפּקע, איז אַריין אין דער שטילער געביידע אויף די שפּיץ פינגער און זיך באַוויזן פאַרן דירעקטאָר פון דער שול.

דער דירעקטאָר, אָסטאַפּ באָנדאַר איז געווען אַ מיטל־וווקסיקער, ברייט־געבויטער זקן פון אַ יאָר זיבעציק, מיט אַ הויכן שטערן, לאַנגע האָר, פון די יאָרן אָפּגעוועלקטע, אָבער נאָך אַלץ בלאָנדע, מיט לאַנגע ברעמען איבער ברוינע פאַראומערטע אויגן פון אַ מענטשן וואָס נעמט דעם ענין לעבן ערנסט, און מיט לאַנגע פויערישע וואָנצעס אויף אַ ריין־אָפּגעגאָלטן, צעקנייטשטן אָבער איידעלן פּנים. ער איז געזעסן אין זיין קאַבינעט ביים שרייב־טיש און געשניצט פון אַ קלעצל האָלץ אַ קליין פיגורל פון אַן אַלטן פויער.

מיט איוואַן דזיובאַ איז ער געווען פאַרבונדן אין אַן אייגנאַרטיקער פריינדשאַפט, וועלכע איז אויסגעוואַקסן פון באָנדאַרס באַציונג צום פאָלק. די שול, אין וועלכער ער איז געווען שוין פיל יאָרן אַ דירעקטאָר, איז געווען אַ מין אַקאַדעמיע, ווו די באַגאַבטע אוקראַאינער יונגט האָט פאַרגעזעצט די טראַדיציע פון פאָלקס־קונסט. די שול איז אויך געווען אַ צענטער פון אוקראַאינער נאַציאָנאַליזם. טאַראַס שעווטשענקאָ איז דאָ

געווען דרייפאַך פּאַרערט: אַלס אַ מאָלער, דיכטער און מאַרטירער. זיין „קאָבזאַר״, די זאַמלונג פון זיינע לידער, איז דאָ געלייענט געוואָרן און באַהאַלטן אין געהיימע ווינקלעך, וואָס האָבן גוט אָפּגעהיט דעם סוד, טראָץ אַלע באַמיונגען פון פּאָליציי, וועלכע האָט געהאַלטן אַן אויג אויף דער שול.

איוואַן דזיובאַס 16־יאָריקער זון פּאַוולאָ, האָט צו זיך צוגעצויגען זיין דירעקטאָרס אויפמערקזאַמקייט צוליב אַן אַ שיעור לידער, וואָס ער האָט געקאָנט אויסנווייניק און זיי תמיד געזונגען ביי דער אַרבעט אין די קלאַסן פון סקולפּטור און קעראַמיק. פון אים האָט דער דירעקטאָר זיך דערוווּסט, אַז זיין פאָטער זינגט נאָך שענער פון אים, און קען נאָך מער לידער, אַזוי גוט, ווי פאָלקס־מעשיות. האָט אָסטאַפּ באַנדאַר באַזוכט דעם פאָטער, פאַרשריבן אַ צאָל פון זיינע מעשה׳ס און אים פאַרגעלייגט צו זאַמלען די מעשה׳ס פאַר די צוקונפטיקע דורות, זיי זאָלן חלילה נישט אָפּשטאַרבן צוזאַמען מיט די אַלטע לייט.

איוואַן דזיובאַ, באַשיידן ווי ער איז געווען, איז אויף דעם איינגעגאַנגען. זינט דאַן פלעגן זיי כמעט יעדן יום־טוב זיך אַרויסלאָזן אויף אַ באַזוך אין די פאַרשטעט, און צומאָל אפילו אין די נאָענטע דערפער, צו זאַמלען די „פּערל״ פון מינדלעכער שאַפונג, וואָס איז זיי ביידן געווען נאָענט צום האַרצן.

אַזוי איז אויסגעוואַקסן אַן אייגנאַרטיקע פריינדשאַפט צווישן די צוויי פאַרשידענע מענטשן. די טאַלאַנטן, וואָס יעדער פון זיי האָט באַזיצט, האָבן אין דעם אויך געהאַט אַ גרויסן חלק. איוואַן דזיובאַ האָט געהאַט אַ פיינעם לירישן טענאָר און ער פלעגט רירן ביז די טרערן דעם אַלטן אָסטאַפּ באַנדאַר מיט זיין זינגען. באַנדאַרס האָלץ־שניצערייען, ווי די פען־און־בלייער צייכנונגען אויפן פלאַץ, ביי די וויזיטן אין פוילישע כאַטעס, האָבן אויסגעזען אין די אויגן פון זיין פריינד, ווי אַן אַרבעט, וואָס נאָר אַן אויסדערוויילטער מענטש קאָן דעם ווונדער באַשאַפן.

צו אים, צו דעם וואָס ער האָט פאַרערט מער ווי וועמען ס׳איז

אַנדערש פון די לעבעדיקע מענטשן, האָט ער איצט געבראַכט זיין טעלעגראַמע.

דערזען פאַר זיך איוואַן דזיובאַ האָט ער באַנומען באַלד אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכעס האָט אים געבראַכט אַהער. אין מיטן פון אַ פראָסטן אינדערוואָכן. האָט אָסטאַפּ באַנדאַר זיך אויפגעהויבן פון פלאַץ, ער האָט גאָרנישט געפרעגט, ער האָט געפילט, אַז יעדעס וואָרט איז דאָ איבעריק.

איוואַן דזיובאַ האָט אויך געשוויגן. ער האָט שווער געאָטעמט. האָט צעשפּילעט דעם פּאָלושובאָק, אַרויסגענומען פון זיין בוזעם דאָס צעקנייטשטע, מיט זיין שווייס דורכגעזאַפּטע, טעלעגראַף־בענדל, גע־קוקט אַ ווייל אויף די פּונקטן און שטרייכעלעך פון מאָרז־שריפט. וועלכע זענען אים איצט געווען אַזוי טייער, און האָט שליסלעך געזאָגט:

— אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, איך האָב צו אייך געבראַכט די גרויסע נייעס, אַז די אַלטע אָרדענונג איז טויט. עס זאָגט זיך דאָ, אין דער טעלעגראַמע, וואָס איך האָב ערשט איצט באַקומען, אַז די מאַכט אין דער הויפּט־שטאָט איז אין די הענט פון דער דומע. עס זאָגט זיך דאָ: עס איז געקומען דער סוף צו די פינצטערע טעג פון שקלאַפעריי. די זון פון פרייהייט איז אויפגעגאַנגען פאַר די פעלקער פון רוסלאַנד. פרייט זיך קינדער פון פאָלק. גוט יום־טוב, ברידער!... דאָס זענען די ווער־טער פון דער טעלעגראַמע. וויל איך אייך זאָגן, אין מיין אייגענעם נאָמען: גוט יום־טוב אָסטאַפּ פּעטראָוויטש!...

אָסטאַפּ באַנדאַר האָט געהערט די לעצטע ווערטער מיט אַ פּאָר־כאַפּטן אָטעם. אַ קנויל פון פרייד האָט זיך צוגעקייקלט צו זיין האַלדז. ער האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט, כדי זיך נישט צעוויינען פון פרייד. צוויי גרויסע טרערן האָבן אים נישט געוואָלט פאָלגן און האָבן באַ־נעצט. זיינע אַלטע באַקן. ער איז צוגעגאַנגען צו איוואַן דזיובאַ, אים אַרומגענומען און געקושט אין ביידע באַקן, ווי ביי אַ יום־טובדיקער באַגעגעניש. ער האָט גענומען פון זיין האַנט דאָס פּאַפּיר־בענדל, גע־קוקט אויף אים אַ ווייל מיט דעם זעלבן דרך ארץ מיט וועלכן ער האָט פריער געקוקט נאָר אויף גרויסע ווערק פון ליטעראַטור און קונסט —

ער איז געשטאַנען אַזוי אַ ווייל, פאַרפלייצט מיט דערשיינערונגען, מיט חלומות פון דער פאַרגאַנגענהייט, ביז די שטימע פון איוואַן דזיובאַ האָט אים אויפגעוועקט:

— דערלעבט האָבן מיר, הייסט עס, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, דער־לעבט די גרויסע שעה. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן ווי גרויס עס וועט זיין די פרייד פון פאָלק?...

— די פרייד פון פאָלק?... אָ גאָט מיינער, וואָס שטייען מיר דאָ אַזוי, נאָך נישט געגוג צייט פאַרלוירן?... אַנו, קומט מיט מיר, איוואַן סעמיאָנאָוויטש, אָבער שנעל.

ער איז אַרויס אינעם לייִדיקן קאָרידאָר, אַ כאַפּ געטאָן דאָס גלעקל פונעם טישל, ווו דער אַלטער אויפזעער האָט געדרימלט, און אָנגעהויבן קלינגען מיט ענערגישער, לאַנגזאַמער באַוועגונג פון אַן אַלטער, אָבער נאָך אַלץ שטאַרקער האַנט.

דער אויפזעער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין דרימל און זיך אַרומ־געקוקט אַ דערשראָקענער.

— וואָס טוט איר, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, גאָט איז מיט אייך, וואָס טוט איר?...

— איך קלינג, — האָט אָסטאַפּ באָנדאַר געענטפערט מיט אַ שמייכל, איך קלינג דעם גלאָק פון פרייהייט...

אין אַ מינוט אַרום האָבן די אויפגערודערטע שילער פאַרפלייצט דעם קאָרידאָר. דערהערט די ווערטער פון דער טעלעגראַמע זענען זיי געוואָרן ווילד פון פרייד. מען האָט זיך געהאַלדזט און געקושט. באַלד האָט זיך פון ערגעץ־ווו באַוויזן אַ רויטע פאָן און עמעצער האָט געשריגן:

— אין גאַס אַרויס כלאָפּצעס, אַלע ווי איינער אין גאַס אַרויס!!!

די חברה האָט זיך געכאַפּט צו די קליידער און זיך אַ שאָט געטאָן אין דרויסן, מיט געלעכטער און געזאַנג און מיט געשרייען, וואָס האָבן פאַרהילכט די שטאָט... און באַלד האָט מען שוין דערהערט דעם טומל אין דער גימנאַזיע.

די שילער פון דער גימנאַזיע האָבן זיך אַ וואָרף־געטאָן צו די

פענצטער, זיי האָבן אַלץ פאַרשטאַנען און באַלד געווען פאַרכאַפּט פון דער זעלבער התלהבות־כוואַליע, וואָס האָט פריער אויפגעהויבן אויף זיך די שילער פון דער קונסט־שול. די גימנאַזיסטן זענען אַרויסגעלאָפן פון די קלאַסן צוערשט די עלטערע און צום לעצט די יונגסטע. די לערער זענען געבליבן שטיין אינמיטן די ליידיקע קלאַס־צימערן, אומ־באַהאָלפן און דערשיטערט פון דעם פלוצימדיקן אויפברויז, צו וועלכן זיי זענען נישט געווען צוגעגרייט. נאָר דער לערער פון געשיכטע — דער אומגליקלעכער אַלקאָהאָליקער פיאָטר אַלעקסעיעוויטש סמירנאָוו האָט זיך געלאָזט לויפן אין גאַס נאָך די שילער, אָן אַ מאַנטל, אָן אַ היטל. ערשט אין גאַס האָט ער דערפילט, אַז עס איז אַ ווינטער אײַנ־דרויסן און האָט זיך צוריקגעקערט אין דער כמעט ליידיקער געבײַדע אַרײַן. דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויפן דירעקטאָר גאַרבאַטאָוו, אויף דעם זעלבן וויאַטשעסלאַוו ראָמאַנאָוויטש גאַרבאַטאָוו, וועלכער האָט אין יאָר 1913 נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט בײַליסעס באַפרײַונג. ער איז איצט געשטאַנען אין מיטן אַ ליידיקן קאָרידאָר, ביים אַרײַנגאַנג אין לערער־צימער און געפּרעגט עמעצן, וואָס איז דאָ נישט געווען:

— עטאָ טשטאָ זשע יעשטשאָ טאָקאָיע?... עטאָ שטשאָ זשע טאָ־קאָיע?... (וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס איז דאָס אַזוינס?

סמירנאָוו האָט זיך פאַרהאַלטן אַ מינוט, באַטראַכט דעם צעטומלטן דירעקטאָר מיט אַ בליק פון אַ מענטשן, וואָס באַטראַכט אַן אייגענע ווונד און שטיל געענטפערט, פאַר עמעצן, וואָס איז דאָ נישט געווען:

— דאָס איז אַ בונט־וויאַטשעסלאַוו ראָמאַנאָוויטש... איר געדענקט סטעפּאַן ראַזין, איוואַן באָלאָטניקאָוו און פוגאַטשעוו... אַ בייזער חלום, האָ?...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, איז אַרײַן אין לערער־צימער, זיך אָנגעטאָן אויף שנעל און איז ווידער אַרויסגעלאָפן אינדרויסן. ער האָט אָנגעיאָגט זײַנע שילער ווען זיי זענען געווען נאָענט צום צענטער פון שטאָט.

דאָ איז שוין די גאַס געווען שוואַרץ פון עולם. פון אַלע עקן שטאָט זענען געלאָפן מענטשן, יעדער איינער פון זיי האָט איבערגע־

ריסן זיין וואָכעדיקע באַשעפטיקונג אָנטיילצונעמען אינעם גרויסן יום־טוב. עס איז געווען עפּעס אומגעוויינלעכעס אין דער לופטן, וואָס האָט אָנגעשטעקט די מלינער תושבים מיט אַ נייער מין התלהבות.

אויסגעוואַקסן אין דער ברייט און אין דער לענג האָט די דעמאָנ־סטראַציע דערגרייכט דעם צענטער פון שטאָט אָן קיין שום אינצידענטן.

אַ קעראַמיקער, וואָס האָט מאַרשירט אין די פאָדערשטע רייען, האָט געפונען אַ שווערד, וואָס עפּעס אַ גאָראָדאָוואָי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אין דער איילעניש פטור צו ווערן פון די ווערטלאָזע מאַכט־סימבאָלן, וואָס זענען איצט געווען געפּערלעך נאָר פאַר אים אַליין.

דער קעראַמיקער האָט גענומען די שווערד, אַרויפגעקראָכן מיט איר טראָץ דעם פראָסט אויף אַ טעלעגראַף־סלופּ, און זי אויפגעהאָנגען, באַגלייט פון געלעכטער, דערמוטיקט פון געשרייען פון עולם:

— נידער מיט אונטערדריקונג!...

— נידער מיט דער זעלבסט־הערשאַפט!...

— זאָל לעבן די פרייהייט!...

— זאָל לעבן די רעפּובליק!...

די דעמאָנסטראַציע האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט. דער גרויסער עולם האָט פאַרפלייצט די גאַס אַרום דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אויפן באַל־קאָן האָבן זיך באַלד באַוויזן עטלעכע מענטשן.

איינער פון זיי איז געווען איוואַן דזיובאַ. ער האָט ווידער גע־לייענט די טעלעגראַמע און ווען עס האָבן זיך צעהילכט איבער דער גאַס די ווערטער: „די זון פון פרייהייט איז אויפגעגאַנגען פאַר די פעלקער פון רוסלאַנד... פרייט, זי קינדער פון פאָלק... גוט יום־טוב, ברידער", איז געוואָרן אַזוי שטיל אין דער גאַס, ווי דער עולם דאָ ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג וואָלט געווען פאַרכישופט. דאַן האָט עמעצער אויסגעטאָן דאָס היטל און דער גאַנצער עולם האָט אים נאָכגעפאָלגט. פון באַלקאָן האָט עס אויסגעזען, ווי אַ כוואַליע וואָלט זיך דורכגע־טראָגן איבער אַ ים פון קעפּ. אַן אונטער־אָפיציר מיט אַן עכט רוסישן

נאָמען: איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו, האָט זיך איבערגעבויגן איבער דעם פּאַרענטש און אויסגעשריגן:

— נידער מיט דער זעלבסט־הערשאַפט.

— זאָל לעבן די רעפּובליק!... הוראַ!...

— הו—ראַ—אַ!!! האָט זיך צעטראָגן אַ פּאַרטויבנדיקער דונער פון שטימען איבער דער שטאָט...

דער לעצטער האָט גערעדט צום מידן הייזעריקן עולם פון באַ־גייסטערונג און געשרייען דער אַלטער אָסטאַפּ באָנדאַר. גערעדט האָט ער אָן שום אָראַטאָרישן אָנשטעל:

— ברידער — האָט ער געזאָגט שטיל, — ברידער מיטבירגער! ווען איך בין געגאַנגען אַהער, האָב איך געטראַכט וועגן אונדזער ביטערער פאַרגאַנגענהייט. כ'האָב זיך פאַר דעם אַליין געטאַדלט: ווי שעמסטו זיך נישט, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, אין שטאָט איז אַ יום־טוב און דו טראַכסט וועגן דער בייטש, וואָס האָט געשמיסן דאָס לייב פון פאָלק אין משך פון אַזוי פיל יאָרן און וועגן דעם שטיוול, וואָס האָט געטאָפּטשעט זיין נשמה, און וועגן דעם טרויער, וואָס האָט זיך אויפ־געבויט אַ נעסט כמעט אין יעדער כאַטע, כמעט אין יעדער היים פון לאַנד. אָבער העלפן האָב איך זיך נישט געקאָנט. ס'איז שווער אַט אַזוי, מיט איינמאָל, זיך אָפּצורייסן פון דעם, וואָס איז אַמאָל געווען און איבערגיין צו דעם וואָס וועט זיין, וואָס מוז זיין. אָבער סוף כל סוף, וועלן מיר עס טאָן. אונדזער פאַרגאַנגענהייט איז אָנגעפּילט נישט נאָר מיטן טרויער. דאָס פאָלק האָט אין משך פון יאָרהונדערטער גע־וועבט אַ דין, פראַכטפול געוועב פון נאָבעלן חלום וועגן דער פרייהייט פון מענטשן; לאָמיר נעמען דעם חלום און אים פאַרוואַנדלען אין וואָר...

דער עולם האָט איבערגעריסן די רעדע מיט שטאַרקע אַפּלאָדיס־מענטן. אָסטאַפּ באָנדאַר האָט אויפגעהויבן זיין ציטערדיקע האַנט, איינ־צושטילן דעם עולם:

— ברידער מיטבירגער! — האָט ער פאַרגעזעצט די רעדע אַ ביסל שטאַרקער.

— מיר פייערן היינט אַ יום־טוב וואָס איז אַנדערש פון אַלע ביז־

איצטיקע יום־טובים. עס איז נישט קיין יום־טוב אין פאַרבינדונג מיט דעם וואָס איז אַמאָל געווען, ווי גלאַררייך און הייליק דאָס זאָל נישט זיין, עס איז אַ יום־טוב פאַר דעם, וואָס וועט ערשט זיין. איז לאָמיר מיט אייגענע הענט באַשאַפן פאַר זיך און פאַר די קומענדיקע דורות אַ יום־טובדיקע וועלט, אַ באַפרייטע פון נויט, אונטערדריקונג און פינצטערניש.

— זאָל לעבן אונדזער ליכטיקער מאָרגן!...

— זאָל לעבן און בליען די פרייהייט!..

— זאָל לעבן אונדזער אומשטערבלעך פאָלק!!!

— הוראַ! — האָט אויסגעשריגן דער אונטער־אָפיציר אָן היטל. איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו, ווען דער רעדנער, אָסטאַפּ באָנדאַר, האָט עס פאַרפעלט צו טאָן.

— הורא־אַ־אַ!!! — האָט זיך ווידער צעהילכט אַ באַטויבנדיקער דונער פון שטימען איבער דער שטאָט און עס האָט זיך געדוכט, אַז די שטאָט האָט געשוווירן טרייהייט צו דער אָרדענונג, וואָס האָט מיט זיך געזאָלט ברענגען דאָס ליכט פון זאַטן, אויפגעקלערטן לעבן אָן צוואַנג און אונטערדריקונג פון דעם פינצטערן אַמאָל.

19

וואָס צו טאָן מיט זיך האָט דער טאַטע נישט געוווסט

דוד'קע, — איצט שוין אַ שילער אין דער גימנאַזיע, האָט איבער־געלעבט דעם פרייהייט־יום־טוב צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע גימנאַזיסטן. ערשט ווען מען האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער געביידע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, האָט ער זיך אָפּגעטיילט פון די אַנדערע יאַטלעך. געטאָן האָט ער דאָס צוליב פייוול קאַמינסקי.

דער בלינדער פייוול איז געגאַנגען אויפן טראָטואַר אונטער דעם באַלקאָן פון צווייטן שטאָק, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די רעדנער. ער איז געווען אומבאַהאָלפן. ער האָט נישט געוווסט ווו ער זאָל גיין, ווייל ביי יעדן פרווו צו גיין אין דער ריכטונג פון גרויסן טומל האָט

ער, אָדער מיט זיין שטעקן אָדער אַליין, זיך אויף עמעצן אָנגעשטויסן; און זיך באַלד צוריקגעצויגן, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס קען נישט שווימען ציט זיך צוריק ווען ער דערפילט די קעלט פון וואַסער אַרום די פיס. אַז ער איז בלינד און נויטיקט זיך אין הילף האָט קיינער נישט באַמערקט, ווייל יעדער איינער איז נייגעריק געווען צו זען וואָס עס טוט זיך אויפן באַלקאָן, צו הערן די רעדנער, אָנטייל צו נעמען אין דער שמחה פון דער בעסט־מעגלעכער פּאָזיציע. וואָס שייך דוד'קען — האָט ער געהאַט אַ גוטן פּלאַץ, אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט דערזען פּיוולען, האָט ער זיך דערמאָנט ווי אַזוי פּיוול איז אַריינגעפלויגן אין שטאָט מיט דער טרויעריקער בשורה וועגן דעם אויסברוך פון דער מלחמה, און ס'האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן הלמאי מען האָט אים, אַן אומבאַהאָלפענעם בלינדן, פאַרשטופּט אין אַ טעמפּן ווינקל, ווו ער וועט מסתמא אפילו נישט קאָנען הערן די יום־טובדיקע נייעס. ער האָט זיך דורכגעשטופּט אַ וועג צו פּיוולן מיט אַן ענערגיע, וואָס איז גאָר נישט געווייגלעך פאַר אַ צען יאָריקן יינגל און האָט אים ענדלעך גענומען פאַר דער האַנט.

— ווער איז דאָס? — האָט פּיוול געפרעגט מיט אַ טאָן אין זיין שטימע, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז אַנגענעם איבערראַשט.

— דאָס בין איך, דוד'קע, דוד'קע לעסניק. קומט מיט מיר, וועט איר בעסער הערן. האַלט זיך אָן אין מיין אָרעם.

געפירט דורך אַ יינגל פאַר דער האַנט, מיט דעם קאָפּ אַ ביסל אויף אַ זייט, צו הערן בעסער מיטן רעכטן אויער, האָט איצט פּיוול געצויגן צו זיך פיל מער אויפמערקזאַמקייט ווי פריער מצד די מענטשן. געדיכט צוזאַמענגעפּרעסט ווי זיי זענען געווען פאַרטאָן אין זען און הערן וואָס עס טוט זיך אויפן באַלקאָן, האָבן זיי דאָך זיך באַמיט צו עפענען פאַר אים אַ וועג.

ווען דוד'קע האָט אים געבראַכט בשלום אויף דער אַנדערער זייט גאַס, פּונקט אַנטקעגן דעם באַלקאָן, ווו מען האָט געקאָנט הערן יעדעס וואָרט פון די רעדנער, האָט שוין איוואַן דזיובאַ געלייענט זיין טעלע־גראַמע. פּיוול איז געשטאַנען רויק, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן

דוד׳קעס האַנט אין זיינער, און זיך געפּילט אַ ביסל פאַרלוירן צוליב דער נייער דערפאַרונג. אָבער אַז עס איז געקומען צו די ווערטער: „די זון פון באַפרייונג איז אויפגעגאַנגען איבערן פאַרבלוטיקטן היימלאַנד״, האָט פּייוול זיך איינגעקלאַמערט אין דוד׳קעס האַנט אַזוי שטאַרק, אַז ביי דוד׳קען האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן פון ווייטיק. אָבער אַרויסרייסן זיין האַנט פון פּייוולס האָט ער נישט גע־וואַגט. ווארים ער האָט געזען ווי עס פרירן די טרערן אויף פּייוולס באַקן, האָט ער זיך נאָר ביי אים געבעטן:

— פּאַוואָליע, פּייוול, דריקט נישט מיין האַנט אַזוי שטאַרק, עס טוט וויי!...

פּייוול האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט:

— אָ, אַנטשולדיק מיר, כ׳האָב זיך פאַרגעסן, אַזוינע שיינע ווער־טער. אַזאַ גרויסער יום־טוב...

געטראַכט האָט ער, אַז דער יום־טוב איז פאַר דער גאַנצער וועלט אַ חוץ אים, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט זען דעם קאַיאַר, סיידן אין חלום.

„אויף וואָס דאַרפסטו האָבן דיין לעבן פּייוול? האָט ער זיך אויס־געטענהט מיט זיך אַליין, וואָסאַראַ מחותן ביזטו דאָ, אויף דער שמחה, אַז דו ביזט אָנגעוויזן אויף אַ קליין יינגל, כדי צו קאָנען זיין אַ טייל פון המון; וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו אָנצוהאַלטן זיך אָן זיין האַנט, ווען ער וויל, מסתמא, פילן זיך פריי. ער האָט זיך צוגע־בונדן צו דיר אויס רחמנות. גיי אַוועק! גיי אַוועק פונדאַנען! פאַרבאַ־האַלט זיך אין דיין ווינקל, ווו דו וועסט קיינעם נישט פאַלן צו לאַסט, ווו קיינער וועט דיר נישט דערמאָנען, אַז עס איז נאָך דאָ ליכט אויף דער וועלט. גיי אַוועק פון דאַנען, פּייוול! גיי, לייג זיך שלאָפן און חלום פון קאַיאַר״.

פּייוול האָט אַראָפּגענומען די שוואַרצע ברילן, אָפּגעווישט די אומ־באַוועגלעכע אויגן מיטן אַרבל פון זיין מאַנטל און געבעטן זיין באַ־גלייטער:

— פיר מיך אוועק פון דאַנען, דוד׳קע, כ׳פיל זיך עפּעס נישט אַזוי גוט...

דוד׳קע האָט עס געטאָן זייער פּאָרזיכטיק און מיט פּאַרדרוס צוליב פּיוולס פּאַרלעגנהייט, וואָס ער האָט גוט געפילט. ערשט ווען פּיוול איז שוין געווען אויף יענער זייט פון גרויסן עולם, האָט דוד׳קע זיך מיט אים געזעגנט און זיך באַלד געלאָזט לויפן אויף צוריק.

אָפּגעשטעלט האָט אים אַ באַקאַנטע שטימע פון אַ פרוי:

וווהין איילסטו זיך, דאַווידקאַ?!

ס׳איז געווען נאַטאַליאַ וואַינאָווא. זי האָט אים צו זיך צוגערופן, זיך געפרעגט וועגן דער משפחה, איינגעלאַדן אים צו שטיין מיט איר, און געהאַלטן די האַנט אויף זיין שולטער, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט זיין זיכער, אַז ער שטייט דאָ אויפן פּלאַץ און וועט זיך, חלילה, נישט פאַרלירן צווישן גרויסן עולם. אין דער אמתן האָט זי זיך אַליין געוואָלט אָנשפּאַרן אויף דוד׳קעס שולטער, כאָטש עס איז נאָר געווען אַ שולטער פון אַ קינד. זי איז נישט געווען זיכער אין זיך. זי האָט דערלעבט די שעה פון פרייהייט און איז געווען צופרידן מיט דעם. אָבער זי האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער מורא, אַז אַלס אַ געוועזענע דוואָריאַנקע וועט מען איר שטעלן חוץ למחנה. איר עלטערער זון, ניקאָלאַי, האָט נאָך אַלץ געלערנט אין אַ „קאַדעטסקי קאָרפּוס". ער איז געווען אויסגעהאַלטן פון דער אַלטער מאַכט, אַלס איינער וואָס געהערט צום פּריווילעגירטן שטאַנד. אָבער וואָס וועט איצט זיין מיט אים? ווי אַזוי וועט ער אויפנעמען די ענדערונג? וועט ער זיך קאָנען צופּאַסן צו דער נייער אָרדענונג? און זי אַליין? פון וואָס וועט זי איצט לעבן? וועט מען ביי איר צונעמען דאָס ביסל פאַרמעגן, וואָס איז איר געבליבן פון דער אַמאָליקער עשירות? וועט זי דאָס פאָלק אויפנעמען ווי אַ גלייכע? וועט מען אויף איר נישט קוקן ווי אויף איינער, וועלכע טראָגט אויף זיך די שולד פון לאַנג־יאָריקער אונטערדריקונג, צוזאַמען מיטן גאַנצן אַדעלשטאַנד? זי האָט זיך געזאָרגט און געטריבן פון זיך די זאָרג. דער פאַקט, וואָס דוד׳קע לעסניק, וועלכער איז געווען אַן עדות פון

איר צאָרן קעגן דעם בייזן פון אַמאָל, איז נעבן איר און האָט מיט איר געטיילט זיינע איינדרוקן, האָט איר געהאָלפן קומען צום באַוווסטזיין. זי איז אויף זיך אַליין אין כעס געוואָרן און אויף אַן איידעלן אופן אַוועקגעשיקט פון זיך דוד׳קען.

צוריק צו די פאָדערשטע רייען, ווו די גימנאַזיסטן זענען געשטאַנען, האָט זיך שוין דוד׳קע נישט געקאָנט דערשלאָגן. ער האָט זיך גע־שטופּט אין פאַרשידענע ריכטונגען, אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך אָנ־געשטויסן אויף אַרטשיק פיינען. מיט אים צוזאַמען איז ער שוין גע־שטאַנען אויף איין פּלאַץ ביזן סאַמע סוף פון דער שמחה.

אַהיים זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען. אַרטשיק איז געווען פול מיט התלהבות. אַט האָט ער איבערגעחזרט די ווערטער פון די רעדנער; אַט האָט ער געשריגן, סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין: סוואָבאָדאַ, ראַווייענסטוואָ אי בראַטסטוואָ, (פרייהייט, גלייכהייט און ברודערשאַפט); אַט האָט ער געטראַכט, געשוויגן און אפילו נישט געענטפערט דוד׳קען און אַט האָט ער אָנגעהויבן דעקלאַמירן:

אַן אַלטער מאַן האָט זיך פאַרהוסט אין כאַטע;
אַן אַלטער מאַן מיט אַן איינגעפאַלענער ברוסט.
דאָס לעבן איז געוואָרן שווער דעם טאַטן,
און וואָס צו טאָן מיט זיך האָט דער טאַטע נישט געוווּסט...

— וואָס איז דאָס? — האָט אים דוד׳קע געפרעגט מיט בייגער.

— דאָס איז אַ פּאָעמע.

— פון וועמען?

— פון מיר. כ׳האָב דאָס איצט צוגעטראַכט.

—וואָס זאָגסטו? אַנו ווי גייט עס ווייטער?

— כ׳ווייס נאָך נישט. כ׳וועל עפּעס צוטראַכטן, ווי די זון גייט אויף און וואַרעמט אָן דעם טאַטן און ברענגט פאַר אים דעם ליכטיקן טאָג, און גיט אים נייע כוחות צום לעבן... די זון פון פרייהייט — אַזאַ שיין וואָרט, אַזאַ גרויס וואָרט.

אין די מלינער וועלטן

* * *

נאָכן געזעגענען זיך מיט אַרטשיקן האָט דוד׳קע אויך געפּרוווט צוזאַמענשטעלן אַ ליד, אָבער עס איז אים עפּעס נישט געגאַנגען. ער האָט געפּרוווט צוזאַמענשטעלן אַ ליד וועגן דער מאַמען, אָבער דאָס ליד וואָס די מאַמע אַליין האָט געזונגען איז אים געשטאַנען אין וועג. האָט ער די זאַך אויפגעגעבן, אָבער ער האָט זיך עס נישט גענומען צום האַרצן און איז געקומען אַהיים אַן אויפגעלייגטער.

אינדערהיים איז נישט געווען אַזוי פריילעך. אַלע אין שטוב זענען געגאַנגען אויף שפּיץ־פינגער אַרום דעם קינדער־צימער, ווו עס האָבן זיך פאַרשלאָסן ליובאַ מיט סאַראָטשקען. ווען דוד׳קע האָט זיך אַרומ־געוואַשן און שוין געהאַט אָפּגעגעסן דעם קאַלטן מיטאָג, זענען זיי דאָרטן נאָך אַלץ געווען. זיי זענען אָבער קורץ נאָך דעם אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן צוזאַמען.

סאַראָטשקע גאָטליב איז געווען פאַרוויינט, אָבער דאָס האָט איר נישט געשטערט אויסזען זייער שיין. זי איז איצט געווען זעכצן יאָר אַלט. פאַר די לעצטע צוויי יאָר האָט זי זיך אָבער שטאַרק געביטן. די שווערע יאָרן פון אומעטיקן לעבן, צוגעשמידט צום טאַטנס קראַנקן־בעט, האָבן צוגעגעבן נישט נאָר דעם חן פון רייפקייט צו אירע געטאָקטע געזיכט־שטריכן, נאָר אויך דעם אויסדרוק פון ערנסט, וואָס האָט איר פריער אינגאַנצן געפעלט. אויב איר פּנים איז פריער געווען באַוועגלעך אויף אַזוי פיל, וואָס ס׳איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן קלאָר איר פּנים אין איר אָפּוועזנהייט, האָט עס איצט געהאַט אַן אויס־דרוק פון רויקן טרויער; און איינמאָל זי אָנגעקוקט, האָט מען שוין נישט געקאָנט פאַרגעסן די איידל־געטאָקטע געזיכט־שטריכן.

ווען סאַראָטשקע איז אַרויס פון דעם קינדער־צימער, האָט אהרן זי צוגערופן צו זיך:

— קום, סאַראָטשקע, איך וויל זיך דורכרעדן מיט דיר.

זיי זענען ביידע אַריין אין גאַסט־צימער. דוד׳קע, וועלכער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון סאַראָטשקען, איז זיי נאָכגעגאַנגען. עס האָט אים געצויגן צו סאַראָטשקען, צו איר שיינעם פּנים, צו אירע

פאַרבענקטע אויגן. ער האָט געוואָלט איר אַרויסהעלפן, טאָן פאַר איר עפּעס גאָר גוטעס, עפּעס גאָר גרויסעס, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פאַר־טרייבן דעם טרויער פון איר פּנים און זי פאַרוואַנדלען צוריק אין דער פריילעכער שטיפערין פון אַמאָל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, ביים וואַרעמען אויוון, וואָס איז געווען איינגעבויט אין דער וואַנט.

אהרן האָט אים געוואָלט אַוועקשיקן, אָבער באַמערקנדיק די בענק־שאַפט, מיט וועלכער דוד׳קע האָט געקוקט אויף סאַראַטשקען, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן. ער האָט נישט געוואָלט צונעמען ביי זיין זון דעם חלום, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע אויגן. ער האָט נישט געוואָלט אים שטערן פון וואַקסן אויף אַן אייגענעם אופן, וואָס איז צומאָל פאַר אים געווען אַ רעטעניש, אָבער אים קיינמאָל נישט באַרויקט.

אהרן האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט סאַראַטשקען אין אַן אַנדערן ווינקל פון צימער אויף אַ סאָפע און האָט ביי איר געפרעגט:

— וואָס איז געשען, ס׳איז אים ערגער?

— ניין! — האָט סאַראַטשקע געענטפערט שטיל — ס׳איז אים נישט ערגער. אָבער מיר ווייסן נישט וואָס צו טאָן וועגן אים. דער דאָקטאָר זאָגט מען מוז אים אָפּהיטן פון יעדער מין אויפרודערונג; מען טאָר אים גאָרנישט דערציילן פון דער איבערקערעניש. האָבן מיר אַלץ געהאַלטן אַ סוד פון אים. אָבער איצט איז געקומען אַזאַ טאָג און ער ליגט דאָרטן אַ פאַראומערטער און ער פרעגט ביי מיר די גאַנצע צייט: „סאַראָטשקאַ, סערדצע, איך פיל, אַז עפּעס קומט פאָר אין שטאָט — זאָג מיר דעם אמת, ס׳האָט עפּעס פאַסירט? פונוואַנען נעמט זיך דער טומל?... מאַך איך זיך נישט וויסנדיק: וועלכער טומל? וואָס פאַראַ טומל? כ׳הער נישט קיין שום טומל! און איך לאַך, און איך נעם אים אַרום און בראָק ליגנס. איך פאַררייד אים די ציין און איך דער־צייל אים באָבע־מעשיות, אָבער דאָס האַרץ וויינט אין מיר, ווייל ער גלויבט מיר נישט און ער הערט נישט אויף זיך זאָרגן. מען דאַרף אים פון דעם אָפּהיטן. אָבער ס׳איז איבער מיינע כוחות... האָב איך

מורא, אַראָן שאַיעוויטש. ער איז דאָך אַזוי שוואַך, אַזוי אומבאַהאָלפֿן. דער דאָקטאָר זאָגט...

אהרן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— דער דאָקטאָר זאָגט, דער דאָקטאָר זאָגט — צום טייוול מיטן דאָקטאָר, סאַראָטשקאַ. לאָמיר נוצן אַ ביסל גראָדן שכל. לאָמיר אים דערציילן דעם אמת און פּטור אַן עסק...

— אָבער...

— וואָס אָבער, סאַראָטשקאַ? וואָס — אָבער? גלויבסטו, אַז שטי־לע זאָרגן איז אַ בעסערע רפֿואה ווי שטאַרקע פֿרייד?... דאָס קאָן נישט זיין: פֿרייד קאָן נישט ברענגען קיין שום מענטש קיין שאָדן, און ס׳וועט דיין טאַטן גאָרנישט שאַדן. איך נעם פֿאַר דעם אויף זיך די פֿולע אחריות, כ׳וועל זיין פֿאָרזיכטיק, איכ׳ל אים דערציילן די מעשה דורך קליינע פּאָרציעס, אַזוי, אַז ער זאָל דאָס אויפנעמען נישט מיט צופיל אויפרעגונג; און ווייסטו וואָס איכ׳ל דיר זאָגן, קראַסאַ־וויצע, אַז דיין טאַטע וועט זיך דערוויסן דעם אמת, וועט ער אויפשטיין פֿון בעט, אַלע דאָקטוירים אויף צו להכעיס...

סאַראָטשקאַ האָט זיך צעוויינט.

— נו גענוג, ס׳פּאַסט דיר נישט צום פּנים.

ער האָט זי גענומען פֿאַר דער האַנט און צוגעפֿירט צום שפּיגל. אין שפּיגל האָט זיך באַוויזן אַ ווייס, לענגלעך פּנים ווי פֿון עלעפֿאַנטן־ביין, אויסגעטאָקט מיט רויטן גאָלד פֿון דיקע צעפּ געקרוינט, און צוויי גרויסע אויגן פֿון גרינעם יאַנטאַר, איבער רויטע לעבעדיקע שלענגלעך פֿון דינע ליפּן.

— נו, וואָס זאָגסטו דאָרטן, סאַראָטשקאַ, — האָט זיך אהרן צע־שמייכלט אָנקוקנדיק דעם פּנים אין שפּיגל — אַ שטיקל זון ביי גאָט געגנבעט, האַ?... ווען איך וואָלט זיין אין סאַשעס יאָרן, וואָלט איך דיך שוין פֿון לאַנג אַרויסגעכאַפּט און מיט דיר צום עק וועלט אַנט־לאָפֿן... וואָס איז דיין מיינונג, דוד׳קע — ס׳איז כדאי?...

סאַראָטשקע האָט זיך אויסגעדרייט צו דוד׳קען און האָט דערזען גרויסע שוואַרצע, כמעט בחור׳שע אויגן זיך לייכטן אין דעם טונקעלן

ווינקל ביים אויוון. זי האָט זיך פֿאַררויטלט, איז צוגעלאָפֿן צו דוד׳קען, גענומען זיין קאָפּ אין אירעביידע ווייסע הענט, אים אַ הייסן קוש געטאָן אין באַק און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון צימער אַן אויפֿגערודערטע, אָבער אַ באַרויקטע.

אהרן האָט זיך צעלאַכט און איר נאָכגעשריגן:

— אַנטלויף נישט פֿון אונדז. מירן דיך נישט אויסכאַפּן, סאַראָטש־קע, וואַרט אויף מיר, כ׳וועל דיך אַהיים באַגלייטן — האָט ער צו־געגעבן מיט אַן ערנסטן טאָן.

— איכ׳ל אויך גיין, האָט זיך דוד׳קע אָנגערופֿן, מעג איך?

— ביזט דען ווייניק היינט אַרומגעלאָפֿן?

— איך בין נישט מיד, פּאַפּאַ, קאָן איך גיין מיט דיר? זיי אַזוי גוט, — קאָן איך?

—נו גוט, איכ׳ל זיין אַזוי גוט, אָבער רעד נישט צופֿיל, פֿאַרשטאַנען?..

אַריין אין משה גאָטליבס שלאָף־צימער זענען זיי ביידע צוגעגאַנגען צום בעט.

אהרן האָט געפֿרעגט מיט אַ שמייכל:

— וואָס מאַכט עפּעס דער חולה?

— אויסגעצייכנט! ס׳פֿעלט דען מיר עפּעס. כ׳לעב זיך ווי אַ ניי־געבוירן פּריצ׳ל אינעם וויגעלע... כ׳ליג זיך טאָג און נאַכט אויפֿן רוקן, כ׳פּ... אונטער זיך, איך בעט איבער דיין כבוד. כאָטש נעם און הויב אָן פֿון סאַמע אָנהויב... אַ גוטער איינפֿאַל, האַ?

—זייער אַ גוטער איינפֿאַל. אָבער ביז וואָס וועט, וועל איך דיר זאָגן וואָס עס פֿעלט דיר.

— לאָמיר הערן?

— אַ ביסל פֿרייד.

— אדרבא...

— אַ גרויסע פֿריידיקע נייעס.

לאָמיר הערן.

— אַ שטייגער אַ נייעס, אַז עס וועט שוין באַלד זיין אויס „טשער־

טאַ אָסיעדלאָסטי״, אויס נומערוס קלאַוזוס און אויס ,זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ״.

— אהרן, דו מיינסט דאָס ערנסט? פאַרוואָס נישט?

— מיינסט צו זאָגן אַז...

— אַז וואָס? אַנו לאָמיר זען, צי דו קאָנסט טרעפן?

— אַז דער טומל אין גאַס... ס׳קאָן נישט זיין?

— פאַרוואָס נישט? ס׳גייט אַלץ „קאַק פּאָ מאַסלו״. אַלץ איז ווויל און גוט און פיין. ס׳איז אַ גרויסע שמחה, משה, אַלעמענס שמחה... כ׳בין זיכער, אַז די נייעס וועט דיך זייער שטאַרק דערפרייען... מיר זענען געבענטשט געוואָרן מיט אַ דעמאָקראַטישער איבערקערעניש...

— משה האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן אויפן גלעגער און איז געבליבן זיצן ווי אַ געפּלעפטער פון אָנגענעמער איבעראַשונג.

סאַראָטשקע, וועלכע איז געשטאַנען ביי דער טיר, האָט זיך אָנ־געכאַפּט מיט דער האַנט פאַרן מויל, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט צוריק־האַלטן אַ געשריי. משה איז געזעסן אַ וויילע, געקוקט אַ ווייל אהרנען אין די אויגן אַריין אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגען, אַז אהרן פּראַוועט נישט קיין קאַטאָוועס און האָט זיך לאַנגזאַם צוריק אַוועקגעלייגט אויפן קישן. זיין האַרץ האָט געשלאָגן שטאַרקער ווי געוויינלעך, אָבער ער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם. ער האָט גע־קוקט אויף דער סטעליע, געטראַכט פון דעם, וואָס אַ מענטש קאָן אויפטאָן מיט דער פרייהייט און האָט געשמייכלט.

— נו, ווי פילסטו זיך איצט, משה? האָט אים אהרן געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— כ׳פיל זיך איצט ווי אַ ניי־געבוירן קינד.

— וועסט אויפשטיין?

— און וואָס דען — כ׳וועל שטאַרבן אָן צו פאַרזוכן דעם טעם פון פרייהייט? כ׳וועל אויפשטיין, כ׳וועל זיך לערנען גיין...

סאַראָטשקע איז צוגעלאָפן צום טאַטנס בעט, זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קני און האָט זיך צוגעטוליעט צו אים מיט איר גאַנצן קער־

פער. איר פאָטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער נישט אויפגעהערט שמייכלען.

— נו, דוד'קע קום אַהיים, האָט אהרן געזאָגט שטיל, מען דאַרף אונדז שוין מער נישט האָבן.

זיי זענען שטיל אַרויס פון צימער, האָבן זיך איבערגעקוקט ווי צוויי מיט־פאַרשווערער און עס איז זיי ביידע מיטאַמאָל געוואָרן קלאָר, אַז זיי פאַרשטייען זיך אויפן ווונק.

20

ע, דאָס איז נישט יושר'דיק!...

צום ערשטן סדר איז משה גאָטליב אַרונטער פון קראַנקן־בעט און אַז ס'איז געקומען זומער, האָט ער זיך שוין באַנוצט מיט דער פריי־הייט פון וואָרט, וואָס די רעוואָלוציע און די רעפובליק האָט מיט זיך געבראַכט, מיט אַזאַ דערפאָלג, אַז סיי ער אַליין, סיי זיינע צוהערער פלעגן אָפטמאָל פאַרגעסן אין זיין קראַנקן האַרץ. ער איז געווען אַ גוטער, געבוירענער רעדנער, שטענדיק מיט אַ משל אונטער דער האַנט, מיט אַ גוטן אויסוואָל פון וויצן, מיט פעיקייט צו רעפּרעזענטירן דעם אייגענעם אידעאַל אויף אַ רירענדיקן, און אפילו דראַמאַטישן אופן, ווען דאָס איז נויטיק געווען; מיט פעיקייט אָנצוצינדן ביי די מענטשן, וועלכע האָבן צו אים גערן זיך צוגעהערט, די התלהבות, פאַר דער „אידעע פון דער יידישער באַפרייונג", ווי ער האָט גערופן דעם פּאָליטישן ציוניזם. געניינגט צום סקעפּטיציזם, צומאָל אפילו צו דער צינישער גלייכגילטיקייט לגבי די „גרויסע געשעענישן אין דער גרוי־סער וועלט", איז ער אָבער געווען אַזאַ מין סקעפּטיקער נאָר ביז אַהער — ביז די גרענעצן פון יידישן היימלאַנד. געעפנט די טויערן צום לאַנד פון אבות, האָט ער זיך געקאָנט פאַרמעסטן אין גלויבן מיט זיין זון — העסיאַ. דאָ איז ער געווען יונג, האַפערדיק, גלויביק און אפילו „נאַיוו אידעאַליסטיש" ווי אהרן לעסניק האָט עס באַצייכנט. אַזאַ קאָמבינאַציע פון בעסערן סקעפּטיציזם מיט עקזאַלטירטן אי־

דעאַליזם איז געווען גאַנץ ברייט פאַרשפּרייט צווישן די מלינער תושבים און ס'איז קיין וווּנדער, אַז משה האָט געהאַט אַ גרויסן עולם פון פריינד, נאָכפאָלגער און פאַרערער, וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאַר דער „נשמה פון דער באַוועגונג" אין שטאָט. די ציוניסטישע באַוועגונג איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די מלינער יידן, וועלכע האָבן באַוויזן צו שאַפן אין משך פון עטלעכע חדשים פון פרייהייט אַ פאַר־צווייגטן קולטור־וועזן מיט קלובן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, כאָר קאָנ־צערטן און סתם גרויסע קולטור־אָוונטן, וואָס פלעגן פאָרקומען אינעם גרויסן קאָנצערט זאַל פון דער אוקראַינער שול פאַר קונסט און קעראַמיק.

עס איז געווען אַ גרויסע פרייד פאַר גאָטליבן, וועלכער איז געווען אַזוי פיל לאַנגע חדשים צוגעשמידט צו אַ בעט. ער האָט דערזען ס'ליכט פון אַ בעסערן לעבן פאַר זיך און פאַר זיין פאָלק און האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז עס איז כדאַי צו לעבן אויף דער וועלט. קיין ניי האַרץ האָט עס אים נישט געגעבן, אָבער עס האָט אים באַנייט אַלס אַ מענטש.

אין דעם הינזיכט האָט די נייע אָרדענונג געגעבן אים אפילו מער ווי אהרן לעסניקן. אהרן האָט קיין שום אָנהענגער אין שטאָט נישט געהאַט. ער איז נישט געווען קיין פּאָליטישע פיגור. ער איז געווען דער איינציקער „דובנאָוויסט" אין שטאָט און פלעגט זעלטן־ווען אַרויס־טרעטן אויף די יידישע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ס'האָט דאָמינירט משה גאָטליב אַזוי גוט ווי זיין זון — סטודענט העסיאַ, נאָכן קומען אַהיים פון קיעוו.

פונדעסטוועגן, ווען עס איז געקומען צו די וואַלן אין דער נייער דעמאָקראַטישער שטאָט־פאַרוואַלטונג, איז אהרן לעסניק אויסגעוויילט גע־וואָרן אַלס איינער פון די פאָרשטייער אויף עטלעכע וואַל־צעטלעך. משה גאָטליב אַליין האָט געניצט דעם בעסטן טייל פון זיין אָראַטאָרישן אַרסענאַל פאַר דעם צוועק, און האָט צום סוף פון אַ הייסער וואַל־קאַמפּאַניע, געפירט לויט אַלע כללים פון פאַרלאַמענטאַרישער קונסט,

איבערגעדרייט דאָס אַלטע גלייך־ווערטל און געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקן סאַרקאַזם:

— אַז מען דאַרף האָבן אַן אָרנטלעכן מענטש, נעמט מען אים אַראָפּ פון דער תליה.

אהרן לעסניק איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען דער איינציקער אָרענטלעכער מענטש אין שטאָט און ער האָט זיך גאָרנישט געפילט אַלס אַן „אויפגעהאָנגענער" צוליב דעם, וואָס זיינע אַנשויאונגען זענען נישט געווען פּאָפּולער אין שטאָט, אָבער ער האָט אָנגענומען משה׳ס וויץ פאַר אַ קאָמפּלימענט און האָט געענטפערט מיט אַן אייגן־געמאַכטן גלייך־ווערטל:

— אַז מען דאַרף האָבן אַ האַרציקן ייד, שטייט ער אויף תחית המתים.

אַז משה איז ממש אויפגעשטאַנען תחית המתים איז געווען נישט נאָר אהרנס איינדרוק. — סאָראָטשקע האָט אויך געהאַט אַזאַ געפיל. צוגעשמידט צום טאַטנס בעט אין משך פון לאַנגע חדשים, האָט זי צוערשט נישט געגלויבט, אַז ער איז אויפגעשטאַנען אויף לאַנג. אַ צייט האָט זי נאָך אַלץ געלעבט צוויי לעבנס און געהאַט צוויי פּנימער: איינעם אַ טרויעריקן, אַ שטרענגן, אַן אַפּוועזענדיקן פּנים פאַר דעם דרויסנדיקער וועלט; און דעם צווייטן — אַ פריילעכן, כלומרשט זאָרגלאָזן, שפּילעוודיק־באַוועגלעכן, אַמאָליקן פּנים — פאַר איר טאַטן. זי האָט זיך אָבער צוביסלעך באַפרייט פון איר מורא פאַרן טאַטנס לעבן און האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך. זיך אויפפירן ווי פריער האָט זי שוין אָבער נישט געקאָנט. זיך צעבליט, ווי אַ זעלטענע עקזאָטישע בלום אין אַ קליינשטעטלדיקן גאָרטן מיט זיסן חן אין יעדן שטריך פון איר פּנים און יעדן גליד פון איר בויגעוודיקן קערפּער, האָט זי צו זיך געצויגן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט פון מענער, אַז זי האָט אָפט־מאָל געהאַט מורא די אויגן אויפצוהויבן, ווען זי איז געגאַנגען אין גאַס. צומאָל פלעגט זי זיך פילן אַזוי, ווי מען וואָלט זי אויסגעטאָן מיט די אויגן, ווי מען וואָלט מיט זיי דורכגעדרונגען ביז דער ווייס־קייט פון איר קערפּער און באַפלעקט מיטן שמוץ פון חיה׳שער לוסט.

זי האָט געפּרוּווט זיך באַגיין אײנגאַנצן אָן קאָסמעטיק. זי האָט זיך געקליידט זייער באַשיידן. זי האָט זיך אפילו די צעפּ אָפּגעשניטן און זיך אַ יינגלישן קאָפּ האָר פאַרלאָזט... און ווען זי איז געוואָרן פון דעם נאָך חנעוודיקער, אייגנאַרטיקער ווי פריער, האָט זי געלאָזט צוריקוואַקסן די האָר און אָנגעהויבן זיי פאַרקעמען אויף צוריק, אין אַ קנויל פאַרבונדן, אַזוי ווי די עלטערע פרויען האָבן עס געטאָן. ס׳האָט אָבער אַלץ נישט געהאָלפן; איר פּנים האָט געקראָגן אַ בייעם חן פון רייפקייט און איז געוואָרן נאָך מער רייצנדיק ווי פריער. האָט זי שוין דאַן געמוזט אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: פאַרפאַלן!...

עס זענען געווען נאָר צוויי היימען אין מליני, וווּ זי האָט זיך געפילט פריי: אין דער אייגענער היים און אין דער היים פון אהרן לעסניק. אָבער אפילו אין לעסניקס הויז האָט זי זיך אָפּטמאָל געפילט באַדריקט — כאָטש צוליב אַנדערע סיבות, צוליב סאַשעס באַציִונג צו איר.

זי האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו דערנענטערן צו אים און נישט געקאָנט. עפּעס אַ וואַנט איז געשטאַנען צווישן זיי ביידע. עפּעס אַ דורכזיכטיקע וואַנט, וואָס סאַראַטשקע האָט זי נישט געקאָנט זען און דאָך געפילט איר אָנוועזנהייט; און סאַראַטשקען איז געגאַנגען אין לעבן דורכצוברעכן די וואַנט.

זי איז געווען פאַרליבט אין דער גאַנצער משפחה, אין זיי אַלעמען. עס איז דאָ געווען אין די לעסניקס אַזוי פיל זיכערקייט אין זיך און אין דעם, אַז דער מענטש איז בטבע גוט, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ גלייכער וועג צום גליקלעכן צוזאַמענלעבן פון מענטשן, און אַז די וועלט וועט סוף כל סוף געפינען דעם דאָזיקן וועג.

מען האָט ביי זיי אין שטוב געטרויערט אָבער נישט געצווייפלט, פאַרנייגט, אָבער נישט פאַרדאַמט, זיך גערעכנט מיטן פינצטערן און געזען דאָס ליכטיקע.

עס איז ביי זיי אין שטוב געווען עפּעס אַ לופט אַזאַ מיט וועלכער ס׳איז לייכט געווען צו אָטעמען.

ביי זיך אינדערהיים האָט זי זיך געפילט אַזוי, ווי אויף אַ זעגל־

שיפל אָן אַ רודער, וואָס ווערט געטריבן פון ווינט אין אַ שטורעמדיקן ים, ווער ווייסט וווּהין; אָט אָט וועט אַ כוואַליע איינשלינגען דאָס שיפל און ס'וועט זיין אויס לעבן, אויס חלומות, אויס סאַראַטשקע.

ביי די לעסניקס אין הויז האָט זי תמיד געפילט אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס. זי איז דאָ געווען אויף אַ גרויסער שיף מיט אַ רודער, ווו עס האָט זיך אפילו נישט געטראַכט וועגן שיף־ברוך.

וואָס איז שייך סאַשען, איז ער געווען אַ לעסניק מיט בלויע אויגן, וואָס האָבן אין זיך עפּעס פאַרבאָרגן. זעלטן ווען איז סאַראַטשקען געלונגען אַריינצוקוקן אין סאַשעס אויגן. פון צייט צו צייט פלעגט זי אויף זיך דערפילן סאַשעס בליק פון שטייגנדיקער באַוווּנדערונג, אָבער אַזוי שנעל ווי זי פלעגט זיך אויסדרייען צו אים מיט דער־וואַרטונג און ציטער אין איר גאַנצן וועזן, פלעגט ער אַראָפּלאָזן די אויגן, אָדער געפינען עפּעס אַן אָביעקט פאַר זיין אויפמערקזאַמקייט.

סאַשאַ האָט סאַראַטשקען אויסגעמיטן. ער האָט אויסגעמיטן פיזישע נאָענטקייט מיט איר, ביים קלענסטן באַריר.

צומאָל, ווען זי פלעגט פּרוּוון אַריינקוקן אין אַ ביכל, וואָס ער האָט געלייענט, פלעגט ער זיך אָפּרוקן פון איר. ס'איז אים נישט געווען באַקוועם אַזוי: — „באַליידיק זיך נישט, זיי אַזוי גוט, ס'איז פּשוט נישט באַקוועם" — פלעגט ער זאָגן.

וואָס האָט ער דערביי אַליין געפילט, איז געווען זיין אייגענער סוד, אָבער ער האָט עקשנותדיק געהאַלטן אַ דיסטאַנץ צווישן זיך און סאַראַטשקען.

סאַראַטשקע פלעגט אין אַזעלכע פאַלן זיך יאָ באַליידיקן. זי פלעגט אפילו זיך פּרוּוון איינרעדן, אַז סאַשאַ איז אַ טרוקענער, האַרצלאָזער מענטש, וואָס האָט אין זיך גאָרנישט, חוץ שיינע בלויע אויגן, „קיין קאַפּעלע מענטשלעכן געפיל". זי האָט אָבער נישט אויפגעגעבן די באַ־מיונגען צו געווינען זיין האַרץ.

זי פלעגט זיך גוט גרייטן פאַר וויזיטן צו דער לעסניק־משפחה. נישט דורך קליידונג און פּוצן זיך. זי פלעגט זיך גרייטן גייסטיק: אויסגעמאָלן פאַר זיך פאַרשידענע וואַריאַנטן פון איר באַגעגעניש מיט

סאַשען: וואָס וועט זי זאָגן? וואָס וועט ער ענטפערן? ווי אַזוי ער וועט פון אירס אַ וויץ זיך צעלאַכן? ווי אַזוי ער וועט איר קאָפּ אין זיינע שטאַרקע דלאָניעס נעמען, ווי אַזוי ער וועט... הכלל זי פלעגט זיך אויסמאָלן אַ נייעם וועג צו איר געליבטן פאַר יעדער באַגעגעניש.

* * *

אין אַ שטילן יולי־אָוונט פון יאָר 1917 האָט זיך אין הויז פון אהרן לעסניק פאַרזאַמלט אַ היפּשער יונגער עולם, מערסטנס סטודענטן, וועלכע זענען געקומען אויף אַן אורלויב אין זייער היימשטאָט. די געלעגנהייט פאַר דעם איז געווען לייבלס אַהיימקומען. ער איז אויך געקומען אויף אַן אורלויב, אָבער ערשט נאָך צוויי אין אַ האַלב יאָר פון מלחמה־דינסט אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. געקומען איז ער נישט דירעקט פון פראָנט. מען האָט אים פון פראָנט קיין פּעטראָגראַד אָוועקגעשיקט. דאָרטן האָט ער, נאָך אַ קורצער צוגרייטונג אויף ספּעציעלע קורסן, אַ ראַנג פון פּראָפּאָרשטשיק באַקומען. איצט איז ער געפאָרן צוריק צום פראָנט, אַלס אַ סאָלדאַט, וואָס האַלט שוין ביים סאַמע סוף, און אַן אָפיציר, וועלכער האַלט ערשט ביי סאַמע אָנהויב.

ווען סאַראָטשקאַ האָט אים דערזען אויף דער איבערגעהאַקטער ווערענדע פון לעסניקס הויז, האָט זי זיך פּלוצים דערפילט ווי דאָס מיידל, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט דעמאָלט, אין אָנפאַנג אויגוסט 1914.

זי האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיט אָפענע אָרעמס:

— ליאָווושקאַ, טייערער!...

ער האָט זי אויפגעהויבן מיט זיינע שטאַרקע הענט, ווי זי וואָלט געווען גאָר אַ קליין מיידעלע. זי האָט אים געהאַלדזט און געקושט און געלאַכט און געוויינט. און ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר די אויגן:

— גיב אַ קוק סאַראַ שיינע מויד איז פון איר אויסגעוואַקסן!...

ליובאַ האָט צו אים אַרויסגעשטעקט אַ צינגל און האָט מיט גע־

לעכטער צוגענומען פון אים סאַראַטשקען. ווען סאַראַטשקע האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט ליובאַ זי גענומען פאַר דער האַנט און זי צוגעפירט צו אַ בחור פון אַ יאָר זיבעצן, וועלכן סאַראַטשקאַ האָט פריער אינגאַנצן נישט געקענט.

דער יונג איז געווען קליין־געוואַקסן. אפילו סאַראַטשקאַ, אַליין נישט קיין הויכע, איז געווען אַ ביסל העכער פון אים. דאָס פנים און די הענט זענען ביי אים געווען ווייס, ווי ביי סאַראַטשקען. די האָר רויט און די אויגן גרין, כמעט אַזוי ווי ביי סאַראַטשקען. אָבער ער איז געווען ווייט פון שיין. זיין פנים איז געווען איידל און קליין. דער שטערן — נידעריק, אָבער זייער ברייט. די האָר זענען ביי אים געווען קורץ־געשוירן און זענען געלעגן אויפן יונגן קאָפּ סתם זיך אַזוי, אָן וועלכער ס׳איז אָרדנונג. זיינע שמייכלענדיקע אויגן זענען געווען שמאָל, ווי ביי אַ זייער קורצזיכטיקן מענטש. ער האָט געטראָגן ברילן און געהאַט עטלעכע בלויזן צווישן זיינע קליינע, געלע ציין.

ליובאַ האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר סאַראַטשקען:

— זיי באַקאַנט, סאַראַטשקע, דאָס איז אַבראַשאַ, ס׳אַמעס יונגערער ברודער.

אבראַשאַ האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויגן צו זען דאָס פנים פון אַ נייער באַקאַנטער. גענומען סאַראַטשקעס האַנט, געהאַלטן איר האַנט אין זיינער אַ וויילע, געקוקט סאַראַטשקען אין די אויגן, אין אָנהויב מיט אויסדרוק פון צווייפל אויף זיין פנים און דערנאָך מיט אָפענער באַוווּנדערונג און דערשטוינונג, ביז ער האָט זיך פּלוצים צעשמייכלט גוטמוטיק, אַ קראַץ־געטאָן דעם קאָפּ מיט דער לינקער האַנט און יושרדיק:

— „ע־ע־ע, עטאַ ניע ספּראַוויעדליוואַ!״ (אַ, דאָס איז נישט יושרדיק!).

דער עולם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. אַבראַשקאַ האָט אָפּגעלאָזט סאַראַטשקעס האַנט און זיך אַליין אויך צעלאַכט מיט אַ דריבנעם, גוטמוטיקן געלעכטער.

סאַראַטשקע האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם. זי האָט נישט

פֿאַרשטאַנען דעם וויץ, אָבער האָט מיטגעלאַכט פֿון יוצא וועגן.

זי האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט ליובען. ליובאַ האָט זי אָפּגעפֿירט אין אַ זייט און צו איר אויסגעשעפּטשעט:

— אַזאַ געפֿיל פֿאַר הומאָר!...

— וואָס האָט ער געמיינט? — האָט איר סאַראָטשקע געפֿרעגט.

— וואָס מיינט ער נישט־יושרדיק?...

— ער האָט געמיינט, נאַרעלע, אַז עס איז נישט יושרדיק צו באַשאַפֿן פֿון דעם זעלבן פֿלייש און ביינער און אפֿילו פֿון די זעלבע קאָלירן, איינע — אַ שיין, זיס מיידל ווי דו ביסט, און דעם אַנדערן אַן אַזוי נעבעכדיק אויסזעענדיקן יונג...

— כאָטש, אייגנטלעך, איז ער נישט אַזוי מיאוס, ווען מען קוקט זיך צו צו אים. ער האָט אַן איידעלן פּנים, ער האָט אַ פֿיינעם שמייכל און איז זייער אַ גוטמוטיקער יאַט.

— צו וואָס איז ער אַהער געקומען?

— דיך אַרויסכאַפּן.

— ניין! ערנסט?

וואָס זאָל איך דיר זאָגן סאַראָטשקע? דער אמת איז, אַז ער איז אַהער אַנטלאָפֿן פֿון הונגער. פֿריער סיאָמאַ, איצט ער, אָבער ער איז נישט אַזאַ ווי סיאָמאַ. סיאָמאַ איז אַ פֿויערל אין פֿאַרגלייך מיט אים, כאָטש ער איז פֿיל יונגער פֿון סיאָמען. זעסטו נישט זיין ברייטן שטערן?

— ווייסט וואָס איכ׳ל דיר זאָגן, ליובאַ, ער האָט נישט קיין מיאוס׳ן שטערן...

— זיכער. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער איז נישט אַזוי מיאוס ווי עס דוכט זיך אויס אויפֿן ערשטן בליק. אָבער קאָנסטו זיך פֿאָרשטעלן וואָס עס טוט זיך אונטער דעם דאָזיקן שטערן? — אַ וועלט, סאַראָטשקאַ, אַ וועלט מיט וויסן... עס איז נישטאָ ממש אַ זאַך וואָס ער ווייסט נישט. מיט אים דאַרף מען נישט קיין ענציקלאָפּעדיע. און מערק דיר, מיידל, ער איז נישט קיין דילעטאַנט, ער איז אַ גוטער מאַטעמאַטיקער. ער האָט געלייענט די הויפּט־ווערק פֿון יעדן וויכטיקן

פילאָזאָף. זיינע קענטעניש פון דער וועלט־ליטעראַטור האָבן מיך דער־שטוינט, כאָטש ווי דו ווייסט, איז דאָס דאָס פעלד, אין וועלכן איך קלויב זיך ספּעציאַליזירן.

— וואָס איז ער, אַ סטודענט?

— אַ פּראָפעסאָר איז ער, נישט קיין סטודענט.

— אַ פּראָפעסאָר? ווו?

— איך מיין, ער קען אַזוי פיל ווי אַ פּראָפעסאָר. און מערק דיר, מיידל, ער האָט קיינמאָל אין קיין אָנשטענדיקער שול נישט געלערנט. זעלבסט־בילדונג — דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט... אַז איך גיב אַ טראַכט וועגן דער אָרעמקייט ביי אים אין דערהיים, קאָן איך זיך אפילו נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי האָט ער דאָס אַלץ באַוויזן... איך האָב פאַר דעם נאָר איין דערקלערונג — ס'איז אים וואָרעמער געווען אין דער ביבליאָטעק ווי אַנדערשוווּ. סיאָמאַ דערציילט, אַז ער פלעגט פון דאָרטן נישט וועלן אַוועקגיין. געקומען אַהין אינדערפרי און אַהיימגעגאַנגען ביינאַכט.

— ווו נעמט מען עס אַזוי פיל זיץ־פלייש? — האָט זיך סאַראָטש־קע געחידושט.

— די פרעג בעסער: ווו נעמט מען אַזאַ קאָפּ?

— אַזוי קלוג איז ער?

— קליגער ווי מירביידע צוזאַמען. אַ ביסל איז ער קאָמיש. ער איז אַזוי צעטראָגן, אַזוי צעטראָגן; אַנעקדאָטן דערציילט מען וועגן זיין צעטראָגנקייט.

— אַנו, לאָמיר הערן.

— לאָז מיך זיך דערמאָנען. אָ, יאָ — איינמאָל איז ער אַריין איז שטוב פון גאַס מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם. אַריינגעקומען אין הויז. האָט ער גענומען אַ שטול, זיך אַוועקגעזעצט ביי דעם אייוועלע, אויס־געצויגן די פיס און באַמערקט, אַז זיינע פיס זענען נאַס, וואָרים אין גאַס האָט שטאַרק געגענט. פרעגט ער ביי סיאָמען, וואָס איז דאַן געווען אינדערהיים: „סיאָמע, עס רעגנט דען אינדרויסן?...

סאַראָטשקע האָט זיך צעלאַכט:

— אַ, דאָס האָט סיאָמע אויסגעטראַכט.

— ס׳קאָן זיין, סאַראַטשקע, אָבער וועגן אים טראַכטן זיך אויס די מעשיות פון זיך אַליין. ער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער מענטש און דערצו אויך זייער אַ ווילער. אַ שאַד נאָר וואָס ער זעט אויס אַזוי נעבעכדיק. ווי אַזוי האָט ער דאָס געזאָגט: ס׳איז נישט יושרדיק!..

* * *

ווען סאַראַטשקע איז צוזאַמען מיט ליובען צוגעשטאַנען צו אַנ־דערע געסט, האָט לייבל דערציילט וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין דער הויפּט־שטאָט. מען האָט צו אים זיך צוגעהערט מיט אינטערעס און ער איז געווען אָפּגעהאַרציק:

— עס איז גאָר נישט פויגלדיק אין פּעטראָגראַד. די רעגירונג פון קערענסקי איז גאָרנישט זיכער מיט דער מאַכט. איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן ווי שטאַרק ס׳זענען די סאָוויעטן, מען רעדט וועגן דאָפּל־טער מאַכט אין דער הויפּט־שטאָט. און דאָס איז אמת. איר ווייסט דאָך, אַז גענעראַל קאָרנילאָוו האָט געפּרוווט אָראָפּוואַרפן די רעגירונג. וואָס האָט ער געוואָלט, ווייס איך נישט. איך ווייס אָבער יאָ, אַז גראָד די סאָוויעטן האָבן געראַטעוועט די רעגירונג. מען האָט באַוואָפנט די אַרבעטער. אָבער צוריק האָט מען די וואָפן נישט געקראָגן. איז גיי־טו עפּעס, אַז קיינער איז נישט זיכער מיט וועמען עס וועט גיין דער גאַרניזאָן...

— איז דאָס נישט גענוג, ווערט נאָך געפירט אַ דעפיטיסטישע פּראָפּאַגאַנדע. דאָס הייסט: „פרידן אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס״. ווי אַזוי קאָן מען האָבן אַזאַ פרידן נאָר פאַר זיך אַליין, ווען דער דייטש האָט נאָך אַלץ דעם קייזער ווילהעלם און די פּרייסישע יונקערס? — דאָס קאָן איך נישט פאַרשטיין... אָבער וואָס איז די נפקא מינה, עס זענען דאָ גענוג מענטשן, וואָס זענען מיד פון דער מלחמה. די דעמאַ־גאָגן נוצן דאָס אויס, און זיי האָבן אַ שטאַרקן איינפלוס...

— די איינציקע זאַך, וואָס קאָן ראַטעווען די לאַגע, איז אַן אָנגריף אויפן פראָנט. אויב עס וועט געלונגען צו פאַרענדיקן די מלחמה אויפן שלאַכט־פעלד, וועט די לאַגע זיך ענדערן. אַ פאַרצויגענע מלחמה וועט

אונדז באַגראָבן...

— גלויבסט איר אין אַ מעגלעכקייט פון אַזאַ אָנגריף? — האָט אַבראַשקאַ געפרעגט מיט אַ סקעפּטישן שמייכל.

— יאָ, איך גלויב אין אַזאַ מעגלעכקייט. אָבער צווישן אונדז געזאָגט, איז די לאַגע אַזאַ, אַז קיין שום זיכערקייט קאָן מען נישט האָבן, עס הענגט אָפּ, ווי הויך עס איז די מאָראַל פון די סאָלדאַטן אויפן פראָנט... עס הענגט אויך אָפּ פון די דייטשן. סוף־כל־סוף זענען זיי אויך מענטשן. ווער ווייסט ווי אַזוי עס האָט געווירקט אויף זיי די פאַרצויגענע מלחמה. מען דאַרף פּרוּוון. דאָס איז דער איינציקער אויסוועג.

— און אויב דער אָנגריף וועט דורכפאַלן, וואָס דאַן? — האָט אַבראַשקאַ געפרעגט שטיל.

— פרעגט ביי מיר עפּעס לייכטערס.

— הייסט עס, איר אָנערקענט, אַז ביי געוויסע אומשטענדן וועלן מיר אַריינקריכן אין אַ טעמפּן ווינקל, אין אַן אומענדלעכער מלחמה אָן קיין שום אויסוועג.

— איך אָנערקען גאָרנישט, גאָלובטשיק... ווי איז אייער נאָמען — אַבראַשקאַ?

— איך אָנערקען גאָרנישט, אַבראַשקאַ. איך האָב פיינט דעם אויסדרוק: „הייסט עס איר אָנערקענט". ס'שמעקט פון אים מיט אַן אַדוואָקאַט. עס דערמאָנט מיר אין אונדזערן געוועזענעם דירעקטאָר, גאָרבאַטאָוו... אָבער צום טייוול מיט די ווערטער. מען דאַרף טאָן עפּעס, אַרויסצוקריכן פון דער מיאוסער לאַגע.

— זיכער, זיכער — האָט אַבראַשקאַ אַ שמייכל געטאָן, ווי אַ גוטער טאַטע צו אַ קאַפּריזנעם קינד, — מען דאַרף טאָן עפּעס, אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז דער אָנגריף פאַלט דורך, וואָס דאַן? — אַ מלחמה אָן אויסזיכט, אָן אויסוועג, פּלוס כאַאָס אין לאַנד?

— אָפּן גערעדט — האָט אַבראַשקאַ איבערגעחזרט לייבלס ווערטער — קאָן איך אייך נישט פאַרשטיין. ווי איך זע אייך, זענט איר אַן איינגעבוירענער קעמפער, איר געהערט צום סאָרט מענטשן, וועלכע

אַנערקענען נישט קיין אויסוועגלאָזע סיטואַציעס. איר האָט אַ נאַטור פון אַ מענטש, וואָס זוכט אַן אויסוועג און איז גרייט זיך שלאָגן פאַרן אויסוועג, טאָ ווי קומט צו אייך אַזאַ איינשטעלונג: אָנגריף, אָדער אומקום?...

— ע־ע־ע, גאָלובטשיק, איר זענט טאַקע אַן אמתער אַדוואָקאַט. מען בענקט נאָך אַזאַ אין פּעטראָגראַד, כ׳לעבן, מען בענקט נאָך אייך אין דער הויפּט־שטאָט.

— זאָלן זיי זיך בענקען — האָט זיך אַבראַשקאַ גוטמוטיק צע־לאַכט — איכ׳ל דערווייל פּרוּוון דערגיין מיט אייך אַ שטיקל טאָלק. איז ווו האַלטן מיר? — יאָ, איך האָב געזאָגט, אַז איר טראַכט איצט אויף אַן אופן, וואָס איז אינגאַנצן פרעמד אייער נאַטור, פאַרוואָס? פאַרוואָס זעט איר נישט קיין אויסוועג. חוץ אַן אָנגריף אויפן פראָנט, וואָס וועט מסתמא פּלאַצן? ווייל, אָפן גערעדט, פאַרשטייט איר נישט דעם זין פון דעם וואָס עס קומט איצט פאָר אויף דער וועלט...

סאַראַטשקאַ האָט ברייט צעעפנט די אויגן. זי האָט זיך גוט צו־געהערט צו אַבראַשקעס רייד און איז געווען דערשטוינט פון דעם כוח, וואָס האָט זיך געפילט הינטער זיינע ווערטער. עפּעס האָט אין די ווערטער געמאַכט דעם קליינעם אַבראַשקעס אויסזען שטאַרקער פון דעם גרויסן לייבל.

— און וואָס קומט איצט פאָר אויף דער וועלט? — האָט אים געפרעגט לייבל, מיט דעם זעלבן שמייכל, וועלכן ער האָט געהאַט אויף זיין פּנים ביים ראַנגלען זיך מיט יאַנקל נאָסקאַ, אין אויגוסט 1914.

אַבראַשקאַ האָט אַ צעשמייכלטער זיך אַ קראַץ געטאָן דעם קאָפּ.

— איך מוז אָנערקענען, — אַנטשולדיקט מיר — איך מוז צוגעבן, אַז איר האָט מיך געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט. איך ווייס, אַז איכ׳ל באַליידיקן די בעסטע געפילן פון פיל מענטשן, וועלכע זענען דאָ פאַרזאַמלט, אָבער דער אמת איז פאַרט העכער פון פּלאַטאָ. איז זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין, כ׳וועל מוזן אַרויסקומען מיטן גאַנצן אמת. און דער אמת איז, אַז אויף דער וועלט קומט איצט פאָר אַ קריזיס פון סיסטעם, וועלכער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַן אויסוועגלאָזער סיטו־

אַציע. די אויסוועגלאָזע סיטואַציע איז דאָ, אָבער נאָר פאַר דעם סיסטעם. איר און איך אַלס דענקנדיקע מענטשן, מיר ביידע האָבן יאָ אַן אויסוועג...

— און דער אויסוועג איז? — האָט לייבל געפרעגט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל, וואָס האָט נישט געפּאַסט צו זיין פּנים.

— דער אויסוועג איז סאָציאַליזם.

— סאָציאַליזם? — האָט זיך אָפּגערופן העסיאַ גאָטליב.

— פאַר רוסלאַנד? — איז סאַשאַ לעסניק געווען דערשטוינט פון דעם ענטפער.

— פאַר דעם צוריקגעשטאַנענעם אַגראַר לאַנד?

— און דאָס זאָגט איר, אַ מאַרקסיסט?

אַבראַשקאַ האָט געפּרוווט עפּעס ענטפערן, אָבער זיין שטימע האָט ער שוין אפילו אַליין נישט געקאָנט הערן.

דער גאַנצער גרויסער עולם האָט זיך אָנגעוואָרפן אויף דעם אָרעמען אַבראַשקאַ. מען האָט אויף אים געוואָרפן מער דערווידערונגען, ווי ער האָט געקאָנט נוצן ווערטער. ער האָט זיך מוטיק באַטייליקט אין דעם געראַנגל מיט איבערוויגנדיקע כוחות. ער האָט געשמייכלט אומבאַהאָלפן ביי יעדן פאַל, ווען ער האָט נישט געקאָנט פאַרענדיקן אַ פראַזע, אָדער געדאַרפט פאַרמאַכן דאָס מויל אַזוי שנעל, ווי ער האָט געוואָלט אָנהויבן ענטפערן.

סאַראַטשקאַ האָט דאָס שטאַרק זיך גענומען צו האַרצן, וואָס זענען זיי אַלע אויף אים אַזוי אָנגעפאַלן? וואָס פאַר אַ מין פאַלעמיק איז דאָס? דאָס איז שוין באמת נישט יושרדיק — אַלע קעגן איינעם. און סאַשאַ? — ער איז אויך אַ חברה־מאַן. ער וואָלט געמעגט האָבן אַ ביסל מער איינזעעניש מיט איינעם פון דער אייגענער משפחה. נישט גענוג האָט זיך אַבראַשקאַ אָנגעליטן?... זי האָט זיך נענטער צוגערוקט צו אַבראַשקען און געפּרוווט אים אַרויסהעלפן. ער האָט עס באַלד באַמערקט. ער האָט זיך צעשמייכלט גוטמוטיק אָנטקעגן איר צעהיצטן פּנים, אויפגעשטאַנען פון זיין שטול און אויפגעהויבן ביידע הענט:

— איך בין אין אַן אויסוועגלאָזער סיטואַציע. כ׳גיב זיך אונטער! געזאָגט האָט ער עס אַזוי חנעוודיק, מיט אַזוי פיל גוטמוטיקער

שפּילעוודיקייט, אַז אפילו לייבל, וועלכער האָט ערשט מיט אַ מינוט פריער אין אים געזען אַ „פּיפּיקן דאָגמאַטיקער און דערצו נאָך אַ פּיפּערנאָטער", האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול:

— אַ גוטער אויסוועג פון אַן אויסוועגלאָזער סיטואַציע!...

סאַראַטשקאַ האָט געלאַכט ביז טרערן אין די אויגן, געלאַכט אין געשריגן: „ע־ע־ע — דאָס איז שוין נישט יושרדיק" און האָט ווידער געלאַכט.

צום סוף אָוונט האָט זי אינגאַנצן פאַרגעסן אין סאַשען און האָט געבעטן אַבראַשקען ער זאָל זי באַגלייטן אַהיים. ער האָט זי באַגלייט, אָבער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער ווייסט נישט דעם וועג אויף צוריק. האָט סאַראַטשקע אים געוויזן דעם וועג אויף צוריק און פאַרהילכט, בעת מעשה, די פאַרשלאָפענע גאַס מיט איר האַרציקן געלעכטער אַזוי, ווי זי האָט עס שוין פון לאַנג נישט געטאָן.

21
מען גיט זיך אַן עצה

— הייסט עס, פּעטער, איר זענט מסכים מיט מיין באַהויפּטונג, דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין גרויסע... נו, לאָמיר זאָגן, רעפאָרמען?

— איך בין מסכים, איך בין מסכים, אַבראַשקאַ. אָבער איך בין נישט מסכים, אַז דיין סאָציאַליזם וועט עפּעס קאָנען אויפטאָן פאַרן פאָלק. וואָס מיר דאַרפן האָבן, איז אַ סטימולירנדיקע אָרדענונג. דאָס פאָלק איז געשלאָפן יאָר־הונדערטער לאַנג, מען מוז עס אויפוועקן און נישט איינשלעפערן. מען מוז אויפוועקן די מענטשלעכע אַמביציע ביי יעדן בירגער אין לאַנד, וועט דאָס פאָלק אַ שטויס טאָן דאָס לאַנד פאָרויס. דיין סאָציאַליזם וועט עס נישט קאָנען באַווייזן, ווייל ער וועט אָנטאָן אַ נייעם אוניפאָרם אויפן עולם און וועט דערציען דעם יחיד צו וואַרטן אויף ניסים פון דער „געזעלשאַפט", אַזוי ווי די „געזעלשאַפט" וואָלט זיין עפּעס אַ דרויסנדיקער אויטאָריטעט, אָדער, אויב

דו ווילסט, אַ מין אָפּגאָט, און נישט קיין אויסדרוק פון באַציונג צווישן מענטשן...

אהרן האָט געפּרוווט רעדן מיט אַבראַשקען אויף אַבראַשקעס אייגענעם לשון. ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אַבראַשקען פון נאָוואָגרודינס גרויסע מיל, ווי אים איז געלונגען צו קריגן פאַר דעם יונג אַ שטעלע פון געהילף צו אַ בוכהאַלטער. געגאַנגען איז ער לאַנג־זאַם מיט דער שטויביקער גאַס אונטער דער ברענענדיקער סוף־יולי־זון. ער האָט זיך באַגאַסן מיט שווייס, איז געווען מיד, נישט צופרידן מיט אַבראַשקעס „פאַנאַטיזם", אָבער טראָץ דעם אויפגעלייגט. ער האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט אַ שכלדיקן מענטש.

אַבראַשקאַ איז אים נאָכגעלאָפן, אַרויפגעקוקט צו אים מיט קלוגע, שמייכלענדיקע, גוטמוטיקע אויגן און האָט אים געפּרוווט אַריינכאַפּן אין עפּעס אַ לאָגישער פּאַסטקע.

עס איז אָבער נישט געווען אַזאַ לייכטע אויפגאַבע, וואָרים אהרן האָט געוווּסט וואָס ער וויל און האָט מער גערעדט ווי געהערט.

— דער יחיד, דער איינצלנער מענטש — איז ער באַשטאַנען ווידער און ווידער אַמאָל — דאַרף זיין באַפרייט פון אַלע איזמען און שטעלן פאַר זיך אַן אויפגאַבע צו דערגרייכן ביזן הימל, אי מאָראַלישער הינזיכט אַזוי גוט ווי אין מאַטעריעלער. וועט ער די גאַנצע געזעלשאַפט במילא דערגרייכן ביזן הימל.

— אָדער זיך פאַרפּלאָנטערן אין אַ מגדל־בבל מעשה אינעם סטיל פון אונדזער וועלט־מלחמה — האָט אבראַשקאַ באַמערקט סאַרקאַסטיש.

— גוט געזאָגט, אַבראַשקאַ, ס'איז באמת אַ מגדל־בבל מעשה. אָבער די זאַך איז דאָך פּונקט אַ פאַרקערטע, אונדזער מאָדערנע מגדל־בבל מעשה קומט דאָך גראָד פון די פאַרשאָלטענע איזמען — אימפּעריאַליזם איינגעשלאָסן. עס איז נישט קיין שום צווייפל, אַז דאָס איז איינער פון די געפערלעכע איזמען, וואָס האָט זיך אייגענע שקלאַפן און דראָט אונדז אַלעמען מיט פיזישער אויסראָטונג. יעדער יונקער, יעדער שמאָל קעפּיקער הוראַ־פּאַטריאָט אין אונדזער לאַנד, איז אַ שקלאַף פון זיין „איזם", פון זיין אידעע פיקס, ווי דו ווערסט דאָס,

מסתמא, באַצייכענען. ער דינט עפּעס אַן אָפּגאָט און אים גייט גאָר נישט אָן, וויפיל מיליאָנען קרבנות וועט פון אים זיין אָפּגאָט פאַר־לאַנגען... ווען איך רעד וועגן דעם אַמביציעזן יחיד, רעד איך וועגן אַן אַנדערער סאָרט אַמביציע, וועגן דעם דראַנג צו בויען און נישט צום צעשטערן, וועגן דעם פאַרלאַנג צו טאָן דאָס גוטע, נישט דאָס שלעכטע.

— אַ־אַ־אַ, אָנקל, איר זענט דאָך נישט אַזוי נאַיוו, איר ווייסט דאָך זייער גוט, אַז די מערהייט מענטשן טראַכטן פון ברויט און נישט פון שיינע טאַטען, און איר קאָנט, מסתמא, דאָס ווערטל: דער וועג צום גיהנום איז אויסגעלייגט מיט גוטע כוונות...

— איך קאָן דאָס ווערטל, אָבער דער פאַקט איז, אַז דער סאָ־ציאַליזם איז אויך, אין בעסטן פאַל, נאָר אַ גוטע כוונה, וואָס, אין באַדינגונגען פון אונדזער לאַנד, וועט עס פאַר אונדז ברענגען אַן אמת'ן גיהנום... די צרה איז מיט דיר, אַבראַשקאַ, וואָס דו האָסט זיך אויסגעלערנט, ווי דער רוס זאָגט, צו טאַנצן ביי איין אויוון. שטעל דיך אַוועק אין אַן אַנדערן ווינקל און דו ביסט אויס קאַפּעלוש מאַ־כער. דו האָסט אַ גוט האַרץ און אַ גוטן קאָפּ, דאָס מעגסטו וויסן. דו זעסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט און די פילסט, אַז מען דאַרף געבן דעם פאָלק עפּעס מער ווי נאָר פרייהייט זיך אַראָפּצו־רעדן פון האַרצן; אַז מען דאַרף באַווייזן דעם פאָלק אַ וועג צו אַ בעסער לעבן. אויב נישט דעם אויסוועג, איז כאָטש די טיר צום אויסוועג פון צרות, פוןליידן, פון הונגער, פון טויט אויף די שלאַכט־פעלדער. אָבער, אַז עס קומט צו דער פראַגע: וואָס טוט מען? — מאַרשירסטו באַלד צום אויוון, וואָס קאַרל מאַרקס האָט צוגעטראַכט... איך בין אָבער אַ פּראַקטישער מענטש, איך זוך דעם ענטפער אין דער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט און איך ווייס, אַז גראָד סאָציאַליזם וועט באַשאַפן אין לאַנד דעם נייעם מגדל־בבל. עס וועט זיין אַן עקספּערי־מענט מיט טויזנטער און מיליאָנען לעבנס, אפשר אַזאַ גרויזאַמער ווי דער „עקספּערימענט", משטיינס געזאָגט, פון דער וועלט־מלחמה, וואָס קיינער ווייסט נישט ווען און מיט וואָס ס'וועט זיך פאַרענדיקן...

— זיכער, מען דאַרף עפּעס טאָן וועגן דער לאַגע — האָט אהרן

פאַרגעזעצט נאָך אַ ווייל שווייגן — מיר נויטיקן זיך אין רעפאָרמען, אין אַן אַגראַר רעפאָרם בפרט, אָבער דאָס איז אַ פראַגע, וואָס מוז געלייזט ווערן אין ליכט פון פראַקטישער דערפאַרונג. אָט נעם טאַקע די אַגראַר פראַגע און פּרווו טאַנצן פון דייך סאָציאַליסטישן אויוון, וועט דיר אויסקומען צו טאַנצן אויף הייסע קוילן. אפילו באָלשעוויקעס אין פעטערבורג לייגן פאַר נישט ווייניקער, ווי צונעמען די ערד ביי די פריצים און אָפּגעבן צו די פויערים, וועלכע זענען אַלע קליין־אייגנטימער. אַזאַ רעפאָרם וועט פאַרמערן די צאָל פון קליין־אייגנטימער אין לאַנד און וועט, לויט דער טעאָריע פון מאַרקס אַליין, אונדז אָפּרוקן ווייטער פון סאָציאַליזם. איז ווי קומט עס, אַז זיי זענען אַרויסגעקומען מיט אַזאַ מין אַגראַר־פּראָגראַם? זענען זיי אַזוי באשיידן? ניין, זיי מוזן האָבן דעם פויער, זיי מוזן האָבן דעם סאָלדאַט וואָס איז אין מערסטע פאַלן דער זעלבער פויער אָבער אין אַ גרויען שינעל. זיי מוזן זיך רעכענען מיט דערווירקלעכקייט.

— איז לאָמיר זיך נישט נאַרן, אַבראַשקאַ, מיר דאַרפן דיין סאָציאַליזם אויף צען כפּרות... וואָס מיר דאַרפן יאָ, איז מענטשן מיט פאַנטאַזיע, מיט פאַרנעם, מיטן דראַנג צו שאַפן עפּעס נייעס, עפּעס גוטעס, נוצלעכעס, דערהויבנדיקעס, מענטשלעכעס, עפּעס וואָס זאָל ליכטיקער מאַכן דאָס לעבן.

— אַ שטייגער? — אָנקל.

— אַ שטייגער, אַן עלעקטרישע סטאַציע פאַר מליני — האָט זיך אהרן צעלאַכט פון דעם אופן ווי אַזוי אַבראַשקאַ האָט די פראַגע געשטעלט, ער האָט אַליין געפילט, אַזוי גוט ווי אַבראַשקאַ, אַז ער באַנוצט זיך מיט צו פיל אַלגעמיינע פראַזן.

— אַן עלעקטרישע סטאַציע פאַר מליני?...

— זיכער. דער געדאַנק איז מיר אַנומלט געקומען אין קאָפּ און איך קאָן זיך פון דעם נישט באַפרייען. אָט, מיר זענען מיט דיר געווען אויף דער מיל. מען האָט דאָרטן אייגענע עלעקטרישע ליכט. ס'איז עקאָנאָמיש, ס'איז ריין, ס'איז שיין און ס'איז ניי; עס מאַכט דיך פילן, אַז דו גייסט פאָרויס. פאַרוואָס זאָל די גאַנצע שטאָט דאָס נישט

האָבן, בפרט, אַז עס פעלט אונדז אויס קעראָסין ?... ביי מיר איז דאָס אַ באַשלאָסענע זאַך — היינט וועל איך מאַכן אַזאַ פאָרשלאַג און אויב די שטאָט־פאַרוואַלטונג וועט זיך אָפּרופן גינסטיק, וועלן מיר האָבן ליכט אין אונדזער שטעטל — געפעלט דיר די מעשה, אַבראַשקאַ ?...

— אַבראַשקאַ האָט זיך צעשמייכלט אַנטקעגן אהרנס אויפגע־לייגטן פּנים און האָט אויסגעשריגן :

— זאָל לעבן דאָס עלעקטרישע ליכט !

— זייער פיין, האָב איך שוין, הייסט עס, אַ האַלבע אַרבעט אָפּ־געטאָן. איצט וועל איך גיין טאָן דאָס איבעריקע. וועסטו געפינען דעם וועג אַהיים ,... ב׳זט זיכער אין דעם ?.. איז גיי זשע זיך אַהיים, אַבראַש־קאַ. איך מוז זיך צואיילן צו דער זיצונג פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, די זיצונג וועט זיך שוין באַלד אָנפאַנגען...

* * *

דער פאָרשלאַג צו בויען אַן עלעקטרישע סטאַציע אין מליני האָט אַרויסגערופן שטורמישע דעבאַטן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. וואָס מער מ׳האָט וועגן דעם גערעדט, אַלץ מער האָט מען זיך געהיצט. איינער האָט געשריגן, אַז דאָס איז אַ לוקסוס, וואָס די שטאָט קאָן זיך נישט דערלויבן. דער צווייטער, אַז דאָס איז אַ חלום, וועלכער פּאַסט נישט פאַר אַזאַ פּראַקטישן מענטש ווי דער בירגער לעסניק, דער דריטער האָט זיך ווידער געוואַקלט, אָבער איז סיי־ווי־סיי געווען גרייט צו רעדן וועגן דעם, אַזוי גוט ווי וועגן אַנדערע אַזוינע זאַכן — ביז אינ־דערפרי.

ווען די זיצונג האָט זיך פאַרענדיקט, נאָך אָננעמען אַ ריי אַדמי־ניסטראַטיווע באַשלוסן און דאָס דורכוואָרפן די עלעקטרישע ליכט, איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט.

אהרן איז אַרויס אין דרויסן צוזאַמען מיטן דירעקטאָר פון קונסט־שול, אָסטאַפּ באַנדאַר, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אינדרויסן איז נאָך אַ הייסן טאָג אַ פּלוצימדיקער רעגן־שטורעם געקומען. עס האָט געבליצט און געדונערט מיט אַ מורא־דיקן כּוח. גאַנצע, ווייס פאַרצווייגטע סנאָפּעס פון ליכט האָבן זיך גע־

וואָרפן אַנטקעגן דעם הימל מיט אַן אויפברויז פון קלאַנגען, וואָס האָבן געצוווּנגען איבערגעשראָקענע מענטשן צו שטעלן טריט אויף צוריק ביי יעדן אויפרייס. די שטאָט האָט געציטערט ביי יעדן גיגאַנטישן דונערשלאַג, אַרויסגערוקט ביי יעדן אויפבליץ איר נאָס פּנים צו דער ווייטער וועלט און האָט זיך באַלד באַהאַלטן אונטערן צודעק פון פינצ־טערניש. עס האָט אָנגעהויבן גיסן ווי פון צעבערס. טייכן וואָסער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער גאַס, וואָס ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק איז זי געווען אויסגעטריקנט און אַזוי דורשטיק נאָך אַ ביסל פייכטקייט.

די דעפּוטאַטן זענען געשטאַנען אינעם וועסטיבול פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, געוואַרט דער רעגן זאָל אויפהערן און פאַרטריבן די צייט מיט פאַרזעצן די פאַרענדיקטע דעבאַטן. אהרן לעסניק און אָסטאַפּ באָנדאַר זענען געשטאַנען אינדרויסן אונטערן אַריינגאַנג־צודעק.

— אַ מוראדיקער כּוח — האָט אהרן געזאָגט.

— אַ מוראדיקער ספּעקטאַקל — האָט צוגעגעבן אָסטאַפּ באָנדאַר.

— אַ שאָד נאָר, וואָס מען האָט נישט געקאָנט דאָס האָבן אינעם זי־צונג־זאַל. ס׳וואָלט זיין אַ גוטער אַרגומענט פאַר אייער פּראָיעקט.

— כ׳צווייפל אין דעם. מיר האָבן צופיל פאַרשלאָפענע מענטשן אין דער פאַרוואַלטונג. אַז עס קומט צו רעדן, זענען זיי דווקא אויף דער וואַך, אָבער אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, לייגן זיי זיך אַוועק שלאָפן.

— וואָס קאָנט איר טאָן, דער מענטש איז אַ קריכער.

— איכ׳ל דאָך עפּעס טאָן.

— הייסט עס, איר האָט נישט אויפגעגעבן דעם פּראָיעקט.

— ניין, בשום אופן נישט! פאַרוואָס זאָל איך אויפגעבן אַזאַ שכלדיקע זאַך.

וואָס זענען אייערע פּלענער?

— איך האָב דערווייל נישט קיין באַשטימטע פּלענער, אָבער איך ווייס, אַז מירן האָבן עלעקטרישע ליכט אין שטאָט, אויב נישט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, איז פון אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואָס די תּושבים

אליין וועלן אָרגאַניזירן. כ׳גלייב, אַז דאָס וועט זיין די בעסטע זאַך: אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַר דער עלעקטרישער באַלייכטונג.

— אַ קאָאָפּעראַטיוו?!...

— וואָס וואונדערט איר זיך?

— כ׳וואונדער זיך, ווי קומט צו אייך אַזאַ געדאַנק?

— צו אַ פּריוואַטן אונטערנעמער, מיינט איר?

— יאָ, דאָס מיין איך... און... און איך מיין נאָך עפּעס.. איכ׳ל מיט אייך זיין אָפנהאַרציק. ביי אונדז, איך מיין צווישן אונדזערע אוקראַינער אינטעליגענטן, איז שטאַרק פאַרשפּרייט די אידעע פון קאָאָפּעראַציע. איר וועט ביי אונדז געפינען מענטשן, וועלכע ווילן פון גאָרנישט וויסן חוץ פון קאָפּעראַציע. „יאַ קאָאָפּעראַטאָר פּערש זאַ וסיע", וועט אייך זאָגן אַזאַ מענטש. און איר פילט, אַז ער מיינט עס. דאָס איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך פאַר מענטשן, וואָס ווילן אַרויס־העלפן דעם פּויער. אָבער ביי פיל פון אונדזערע מענטשן איז דאָס פאַרבונדן מיט... ווי זאָל איך דאָס אויסדריקן... מיט אַנטי־יידישע געפילן. אַ סך פון אונדזערע קאָאָפּעראַטאָרן זאָגן אָפן, אַז זיי וועלן נישט רוען ביז דער לעצטער יידישער קרעמער וועט נישט פאַרלאָזן אונדזערע קאַנטן... נו, אַראָן איסאַיעוויטש, איז מיר דער צוגאַנג נישט צום האַרצן. איך בין שוין אַן אַלטער מאַן, איך וויל זיך נישט ביי אייך אַפּישירן אַלס אַ יידן־פריינד, אָבער איך בין אַ מענטשן־פריינד. איך גלויב נישט אין דער יידן־פרעסעריי, אָדער אין רוסן־פרעסעריי, וואָס איז פאַרשפּרייט צווישן אונדז צוליב דער ביטערער פאַרגאַנגענהייט. איך וויים וואָס ברילאָוו און אַנדערע רוסישע מענטשן האָבן אויפגעטאָן פאַר אונדזער טאַראַס שעווטשענקאָ, ווי איך ווייס וואָס אַנטאָקאָלסקי, אָדער לעוויטאַן האָבן אויפגעטאָן פאַר דער רוסישער קונסט. איך קאָן אויך אַזאַ מענטש ווי נאַטאַן באַלאָטני, וועלכער איז איינער פון אינדזערע בעסטע שפּראַך־קענער, כאָטש ער איז אַמאָל געווען אַ לערער פון העברעיש — איר רופט עס, דוכט זיך: מלמד. איז מיר דער אַנטיסעמיטיזם נישט צום האַרצן. עס איז אָבער דאָ אַזאַ זאַך אין אונדזערע רייען. ס׳איז דאָ נאָך די אַלטע פאַרביטערונג קעגן אייער פאָלק. עס

זענען דאָ אַלטע לעגענדעס און לידער אָנגעפילט מיט האַס און פאַר־אַכטונג צו יידן. עס זענען דאָ שטאַרקע און איינפלוסרייכע אַנטיסעמיטישע עלעמענטן צווישן אונדזערע קאָאָפּעראַטאָרן, טאָ ווי קומט עס, אַז איר טראָגט זיך אַרום מיט אַזאַ אידעע?...

אהרן האָט אויף דעם נישט געענטפערט גלייך. ער האָט זיך פאַר־טראַכט, און איז באַלד געווען אַרומגעכאַפּט פון אַ שטראָם ביטערע מחשבות וועגן דעם יידישן גורל.

אָסטאַפּ באָנדאַר האָט עס באַלד דערפילט און האָט געזאָגט מיט אַ שולדיקן טאָן:

— איך האָף, אַז איך האָב דיך נישט באַליידיקט?

— אַ ניין! — האָט אהרן פּראָטעסטירט ענערגיש, גאָט באַהיט, איר האָט מיך נישט באַליידיקט.

— איך האָף, אַז נישט!

— איך זאָג אייך דעם אמת. איר האָט אויפגעהויבן אַן ערנסטע פראַגע און איך האָב געטראַכט, וואָס איך זאָל אייך ענטפערן. ווייל איך אייך עפּעס פרעגן, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, וואָס איז אייער מיינונג, איז די קאָאָפּעראַציע אַ גוטע זאַך, צי נישט?

— זייער אַ גוטע.

— איך גלויב אויך, אַז אַלס אַן אַקט פון פרייען אינדיווידועלן ווילן, איז דאָס זייער אַ גוטע זאַך. און אויב דאָס איז אַזוי, טאָ פאַר־וואָס זאָל דאָס זיין שלעכט פאַר יידן. ס'קאָן נישט זיין, אַז אַ גוטע אידעע זאָל זיין גוט פאַר איינעם און שלעכט פאַר אַן אַנדערן... כ'מיין צו זאָגן, אַז אַ ייד איז נישט געבוירן געוואָרן אַ קליין־הענדלער, ווי איר זענט נישט געבוירן געוואָרן — אַ קינסטלער, ווי לעוויטאַן איז נישט געבוירן געוואָרן — אַ רוסישער מאַלער, און נאַטאַן באַלאָטני — אַן אוקראַאינער שפּראַך־קענער. די אומשטענדן פון לעבן בייטן זיך און מיר זענען אַ פאָלק, וואָס האָט באַוויזן אין משך פון טויזנט־יאָריקער געשיכטע, אַז מיר קאָנען זיך צופּאַסן צו נייע אומשטענדן.

— דאָס איז אמת.

— זיכער, — האָט אהרן צוגעגעבן מיט אַ שמייכל צוליב אַ ווילדן איינפאַל, וואָס איז אים פּלוצים געקומען אין קאָפּ, — זיכער: אָט, איכ׳ל פאַר אייך באַלד דעמאָנסטרירן ווי אַזוי מען פאַסט זיך צו צו בייע אומשטענדן, טאַקע דאָ אויפן פּלאַץ גיט אַ קוק: דער רעגן הערט שוין אויף. אין אַ מינוט, צוויי, וועלן מיר שוין קענען גיין אַהיים אין טרוקענע קליידער, אָבער וואָס טוט מען מיט די שיך? האָט איר קאַלאָשן? — ניין! ווער האָט געוווסט, אַז ס׳וועט רעגענען? האָט איר אַן איזוואָשטשיק? — ניין! ווער האָט געוווסט, אַז ס׳וועט רעגענען מיט וועטער ביז דער האַלבער נאַכט? וועלן מיר שוין מוזן גיין מיט אונדזערע שיך גלייך אין דער בלאָטע אַריין. קאָנט איר מיר געבן אַן עצה וואָס איך זאָל טאָן?... ניין — זאָגט איר? און איך זאָג אייך, אַז יאָ. וואָס טוט אין אַזאַ פאַל אַ פּויער, וואָס ווייסט די ווערט פון אַ פּאָר שיך? ער טוט אויס די שיך און גייט אין דער בלאָטע באָרוועס. דאָס איז אַ פּשוטער שכלדיקער אויסוועג. וועל איך טאָן דאָס זעלבע.

און צו אָסטאַפּ באָנדאַרס דערשטוינונג האָט אהרן לעסניק אויס־געטאָן די שיך מיט די זאָקן, פאַרקאַטשעט די הויזן ביז איבער די קני׳ און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— דאָ פאָבאַטשעניאַ, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש.

— דאָ פאָבאַטשעניאַ, האָט געענטפערט אָסטאַפּ באָנדאַר ערנסט און האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום וועסטיבול, וווּ די דעפּוטאַטן האָבן נאָך אַלץ געוואַרט, אַז דער רעגן זאָל אויפהערן און פאַרגעזעצט, בשעת מעשה, די פאַרענדיקטע דעבאַטן. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט אויסגעשעפּטשעט:

און איר האָט זיין פּראָיעקט אָפּגעוואָרפן!

* * *

ווען אהרן איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אינעם

אַריינגאַנג־קאָרידאָר אויף דוניאַשען, וועלכע האָט דעם נאָסן דיל גע־
ווישט. זי איז נאָר וואָס מיט סיאָמען פון וואַלד געקומען און האָט
זיך געאײַלט אָפּרייניקן די בלאָטע, וואָס זיי האָבן מיט זיך פון גאַס
געבראַכט. דערזען אהרנען אַ באָרוועסן, האָט זי זיך אויף אַן אמת
איבערגעשראָקן:

— גאָט איז מיט אײַך — אַראָן איסאַיעוויטש — וואָס איז געשען?

— ש־ש־ש, — האָט זיך אהרן צעשמייכלט — גאָרנישט געשען:
עס האָט גערעגנט אין גאַס.

ער האָט גענומען ביי דוניאַשען די שמאַטע, אָפּגעווישט מיט איר
די בלאָטע פון די פיס, אָנגעטאָן די זאָקן און די שיך, אויסגעגליכן
די הויזן און האָט צו איר שטיל געזאָגט:

— דערציילט נישט מיין סאָניען, פאַרשטאַנען?

ער איז אַריין אין עס־צימער מיט טרוקענע שיך.

אין עס־צימער ביי אַ טיש איז געזעסן סאָניע, סיאָמע און אַב־
ראַשקאַ. סאָניע האָט געוואַרט אויף אהרנען, אויסגעגנייט אַ האַנטוך
און שטיל געזונגען אירס אַ ליבלינג־לידל.

סיאָמאַ און אַבראַשקאַ זענען געזעסן איינער קעגן דעם אַנדערן
און האָבן געפירט אַ שמועס ווי צוויישן צוויי ברידער, וועלכע
פרייען זיך מיט זייער באַגעגעניש און האָבן חוץ דעם גאָרנישט צו
זאָגן:

— נו, סיאָמאַ?

— נו, אַבראַשקאַ?

— אַזוי איז עס, הייסט עס, סיאָמאַ.

— אַזוי איז עס, אַבראַשקאַ...

דערזען אהרנען איז סיאָמאַ באַלד אויפגעשטאַנען און געזאָגט
מיטן ערנסט פון אַ וויכטיקן שליח:

— קומט אָנקעל, איך דאַרף זיך מיט אײַך דורכריידן.

אין אהרנס אַרבעט־צימער האָט ער דערציילט, אַז אין וואַלד
איז גאָרנישט פויגלדיק, אַז די פויערים פון פערעוואָז, ווי עס האָט גע־
הייסן דאָס דערפל אויף יענער זייט טייך קעגן דעם וואַלד, זענען נישט

צופרידן מיט דער לאַגע, אַז זיי ווילן ערד און שוין באַלד, און אַז דער עיקר ווילן זיי געהילץ. סיאָמאַ האָט דערציילט, אַז איינער פון זיי, אַן אינוואַליד פון דער מלחמה, וואָס האָט אַ פוס פאַרלוירן און איז, אגב, מיט אים צוזאַמען אין אַ שפּיטאָל געלעגן, איז צו אים געקומען אין וואַלד. ער האָט סיאָמען געוואָרנט אָפּצוטראָגן זיך פון וואַלד כל זמן ער קאָן זיך אַרויסכאַפּן מיט גאַנצע ביינער. פּעטראָ בורלאַק, האָט סיאָמאַ געזאָגט, איז אַ מענטש אויף וועמענס וואָרט מען קען זיך פאַרלאָזן. פּעטראָ איז אַ גראַמאָטנער חברה־מאַן און ער פירט די גאַנצע אַגיטאַציע צווישן די פּויערים. ער איז אַ קלוגער, אָבער אַ פאַרצווייפלטער מענטש. אַז ער ווערט גוט אין כעס וועט אים דער טייוול נישט אָפּשטעלן.

— איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, נישט געפאָלגט, האָט מען אויפן צווייטן טאָג אין אונדזערע צוויי לאַדקעס די דיל־ברעטלעך אויסגעבראָכן. די לאַדקעס זענען איינגעזונקען אינמיטן טייך. פּעטראָ האָט מיר געזאָגט: „דאָס איז דיר די ערשטע וואָרנונג...״

— מען איז איצט, בכלל, נישט זיכער מיטן לעבן אין אַלע פּלעצער, וואָס זענען ווייט פון די גרעסערע ישובים, באַזונדער ביי־נאַכט — האָט סיאָמע צוגעגעבן נאָך אַ ווייל שווייגן — עס מערן זיך פאַלן פון רויב און מאָרד. אפילו די פּויערים מיידן אויס אַרויס־פאָרן פון דאָרף ביינאַכט. ס׳איז אַן אַרבעט פון סתם גאָרגל־שניידער, וואָס האָבן דערפילט, אַז זיי קאָנען איצט צעפירן די הענט, ווייל ס׳האָט זיך נאָך גאָרנישט איינגעשטעלט אין די דערפער. עס איז דאָ פרייהייט, נאָר קיינער ווייסט נישט דערווייל וואָס צו טאָן מיט איר. אָבער אַזוי, צי אַנדערש איז איצט אין וואַלד גאָרנישט פריילעך. אונדזער ראַבטשיק בילט איצט אויף עמעצן כמעט די גאַנצע נאַכט. כ׳בין געשלאָפן די לעצטע וואָך מיט דער ביקס צוקאָפּנס...

— האָסטו מורא צו זיין אין וואַלד? — האָט אהרן געפרעגט שטיל.

— כ׳ווייס נישט, איך גלויב, אַז איכ׳ל בעסער בלייבן אין שטאָט. ס׳איז נישט אַזוי די מורא, ווי...

— ווי וואָס?

— וואָס זאָל איך פון אייך באַהאַלטן, פּעטער, מיט די גאָרגל־שנײַדער וואָלט איך זיך שוין ווי נישט איז אַן עצה געגעבן, אָבער עס האַנדלט זיך נישט אַזוי אין זיי, ווי אין דער פּוילישער אַרעמקייט. זיי לעבן בשכנות מיט אַ וואַלד און קיין געהילץ האָבן זיי נישט. מען הייצט מיט שטרוי, מען בויט כאַטעס פון ליים און קיזיאַקעס. מיינט איר, אַז דאָס איז יושרדיק? איך מיין, אַז נישט. דאָס דאַרף איז אַן אָרעמס און איך וויל זיך נישט שטעלן אין זייער וועג... איכ׳ל בלייבן אין שטאָט.

— און דו וועסט זייער גוט טאָן, האָט אהרן געזאָגט וואַרעם. האָסט שוין געהאַט געווּג מלחמה. רו זיך אָפּ, פאַרברענג אַ ביסל מיט אַבראַשקען. ער האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. כאָטש, צוריק גערעדט, אַז מען גיט אַ טראַכט, האָבן אונדזערע מיניסטאָרן זייער פלאַכע קעפּ... איז וואָס זאָגסטו, סיאָמע, מיר האָבן שוין מער נישט וואָס צו טאָן אין וואַלד, האַ?

— ס׳זעט אויס אַזוי, פּעטער, מען דאַרף קאָנען קוקן דעם אמת גלייך אין פּנים אַרײַן.

— דאָס איז אויך אַן אמת. מען דאַרף קאָנען... נו, אַ גוטע נאַכט. כ׳האָב זיך שוין געווּג אָנגערעדט היינט, אפילו פאַר אונדזערע באַרעדעוודיקע צייטן. לאָמיר גיין שלאָפן. דער פּרימאָרגן איז קלוגער פון דעם פאַרנאַכט, ווי דער רוס זאָגט...

געשלאָפן איז אָבער אַהרן נישט. ער האָט פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט אי׳נעם אַרבעט־צימער, טראָץ סאָניעס פּראָטעסטן. ער האָט געטראַכט, געשריבן עפּעס, געריסן און געקנייטשט די צעריסענע בלעטלעך, געררויכערט אַ ציגאַרעטל נאָך אַ ציגאַרעטל, אפילו געזונגען אונטער דער נאָז אין רוסיש: „שוואַרצע געדאַנקען, ווי פליגן פאַרפּאָלגן מיך ביינאַכט״, און ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָג ווערן אין דעם פאַררויכערטן אַרבעט־צימער, האָט ער גענומען זיך קלייבן אין וועג אַרײַן.

22
מילקע פלאַטאָווס „אמתע לעבן״

אויף דער באַן־סטאַציע האָט זיך אהרן באַגעגנט מיט וואָלף מאַר־קאָוויטש גראָדינען און מילקע פלאַטאָוו, וועלכע זענען געקומען קיין מלינ' פון קיעוו, ווו זיי האָבן געהאַט דערליידיקט בשותפותדיקע גע־שעפטן. אהרן האָט פאַרגעסן מיט זיי זיך באַגריסן און ווען מילקע פלאַטאָוו און וואָלף מאַרקאָוויטש זענען שוין געזעסן אינעם פאַיעטאָן פון איזוואָשטשיק, וואָס האָט זיי געפירט איבער דער שטויביקער הויפטגאַס, האָט מילקע געזאָגט מיט אַ טאָן פון פאַראַכטונג:

— אַ היפשער מוזשלאַן איז דייך אהרן לעסניק.

וואָלף מאַרקאָוויטש האָט אים געענטפערט שאַרף:

— ער איז נישט מיינער און ער איז נישט קיין מוזשלאַן. און טיקי מיך נישט, זיי אַזוי גוט. ביי דיר איז נאָך די מילך אויף די ליפן נישט פאַרטרוקנט און דו „דוקעסט״ מיך אַזוי ווי מיר וואָלטן ביידע צוזאַמען אין חדר געגאַנגען. איך בין פאַר דיר — זי, נישט דו.

וואָלף מאַרקאָוויטש פלעגט זיך תמיד באַנוצן מיט אַ דייטשיש וואָרט, ווען ער האָט געוואָלט „אָוועקשטעלן עמעצן אויפן פּלאַץ״. —

מילקע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט.

— כאַ־כאַ־כאַ, האָט ער זיך צעלאַכט און אויפגעהויבן, בשעת מעשה, זיינע פיס הויך אין דער לופטן, ביי מיר זענט איר — זי?... ביי מיר איז טאָטענקאָ פעלאַגעיאַ—זי, אַ רוח אין אירע פליישן אַריין. אַזאַ מזיק אַ מויד. כ'וואָלט זי געדאַרפט מיט זיך מיטנעמען קיין קיעוו און פאַר אַ מאַמעלע פון אַלע שאַנסאָנעטקעס מאַכן, וואָלט זי זיי גע־לערנט די מלאכה...

וואָלף מאַרקאָוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף מילקען פון דער זייט. ער איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק, מיט אַ ריין אָפּגעגאָלטן זעלבסט־צופרידענעם פנים און גאָלדענע ציין צווישן צוויי דיקע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געשאָפן גע־

וואָרן נאָר אויף פּייפּן, אָדער צו קושן. וואָלף מאַרקאָוויטש האָט געקוקט אויף אים אַ ווייל מיט פאַראַכטונג. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן זיין נייעם באַקאַנטן און צום סוף אויסגעשפּיגען:

— טפו!...

— כאַ־כאַ־כאַ... וואָס שפּייט איר. קענט איר דען אונדזער טיאָטענקאַ פּעלאַגעיאַ?... אויב איר קענט זי נישט, ווייסט איר נישט ווי עס שטעקט דער אמתער פאַרגעניגן!... איר ווייסט וואָס איכ׳ל אייך זאָגן? — איך האָב אַ געניאַלן פּלאַן: לאָמיר היינט אין אָוונט זיך טרעפן ביי דער בירזשע און פון דאָרטן פאָרן אויף פּאָרטיאַנקעס צו טיאָטענקאַ פּעלאַגעיאַ...

— משוגע ביסטו?

— איר ווילט נישט הייסט עס, איר האָט מורא, האַ? — אַזוי ווי יענע פּרישטשעוואַטע יאַטלעך, אָדער ווי יענע מיידלעך, וואָס איך האָב זיי אויסגעלערנט ווי אַזוי מען ווערט אַ כלה און אַ געזעצלעך ווייב פון אַ יאָלד?...

— מילקע, ביזט אַן אויסוואורף!

— און איר זענט אַן אָנשטענדיקער מענטש, האַ?

— אָנשטענדיקער פון דיר.

— טאָ וואָס חברט איר זיך נישט מיט אייער אהרן לעסניק?

— מילקע, אויב דו וועסט נאָך אַמאָל זיין נאָמען דערמאָנען וועל איך דיר אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש.

— אַ פּאַטש וועט איר מיר אַראָפּלאָזן? — און וואָס נאָך?... אַזאַ פּחדן ווי איר טוט נישט אַזוינע זאַכן. ער האָט מורא, אַז מען וועט אים דערלאַנגען צוריק.

— מילקאַ, פאַרמאַך דיין פּאַסקודנעם פּיסק.

— וואָס: ס׳לוינט אייך נישט צו הערן אַז איר זענט אַ פּחדן און אַז אייער אהרן לעסניק איז אַ בוימל־פּ... ער פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל און לעבט זיך אַ גוטן טאָג. פונוואַנען האָט ער גענומען זיין פאַרמעגן, אייער מוזשלאַן. — זיין טאַטע האָט אים איבערגעלאָזט אַ ירושה טלית און תפילין?

— ער האָט נישט קיין צענט־חלק פון דעם, וואָס דו האָסט נעכטן געוווּנען אין קיעווער קאַזינאָ.

— און די וועלדער זענען בלאָטע?

— ער האָט נישט קיין וועלדער, מילקע.

— האָט ער אַ וואַלד?

— ער האָט נישט קיין וואַלד. ער קויפט נאָר די ביימער אין יענעמס וואַלד און האַקט זיי אויף האָלץ.

— און דערלייגט דערביי זיין באָבעס ירושה...

— ער דערלייגט נישט, אָבער ער עסט אויף אַלץ וואָס ער פאַרדינט.

— יענער פּרעסער!

— מילקע, דו ביזט אַ געוויסנלאָזער שאַרלאַטאַן... אהרן איז נישט קיין פּרעסער. ער האָט אַ גרויסע משפחה.

— אַ פּרוי מיט דריי קינדער איז ביי אייך אַ גרויסע משפחה?

— ער האָדעוועט פיל מער מענטשן, ווי דאָס, אָבער וואָס זאָל איך מיט דיר רעדן, אַז דו האָסט אַ פאַרפאַסקודיעטן קאָפּ, אַלץ וואָס פאַלט אַהין אַריין, גייט פון דאָרטן אַרויס פאַרפאַסקודיעט. כ׳וויל מיט דיר מער נישט רעדן.

— אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן — איר וועט מיט מיר נישט רעדן. אהרן לעסניק וועט מיט מיר נישט רעדן. מוזשלאַן מוזשלאַנאָ־וויטש מוזשלאַנאָוו וועט מיט דיר נישט רעדן. אַ מענטש קאָן זיך קיין שניפּס פאַרבינדן ווי עס דאַרף צו זיין. זעץ אים אַוועק ביים טיש אין דער געזעלשאַפט, וועט ער נישט וויסן ווו מ׳האַלט די הענט. האָט איר געזען, ווי אַזוי ס׳ליגט אויף אים זיין אַנצוג? דער מענטש ווייסט נישט וואָס עס איז אמת לעבן, מיט שוווּנג און פאַרנעם. ווילט איר איך זאָל גיין אין זיין חדר? — אַ שיינעם דאַנק. כ׳פאַרשטיי מיך זייער גוט ווי צו לעבן אויף דער וועלט.

מילקע האָט אַוועקגעלייגט די פיס אויף אַ קליין בענקל אונטער די קאָלעס און זיך צעזונגען מיט אַ לידל, וואָס ער האָט עס געהערט אין אַ קיעווער קאַפע־שאַנטאַן:

— וושיזני זשיווי׳ טאָלקאָ ראַז! (— מיר לעבן נאָר איינמאָל אין לעבן!)

* * *

אין אָוונט, נאָך אַ גאַנצן טאָג שלאָפן, האָט ער געטרונקען אַ ביסל משקה, אַ צי געטאָן אַ ביסל קאַקאַין אין זיינע ברייטע נאָז־לעכער אַריין, האָט זיך אָנגעשמירט מיט שמעקעוודיקן וואַזעלין און צוגעקעמטביים שפּיגל די שיטערע ברוינע האָר, זיך אָנגעטאָן אין אַ ווייסן אַנצוג און אַרויס אין גאַס. די הייסע גאַס האָט אָנגעהויבן זיך אויסרוען פון דער בייטאָגיקער ברענעניש. די זון האָט זיך אַרונטער־געלאָזט פון דער נידעריקער שטאָט און כאָטש דער ווינט האָט נאָך אַלץ געטראָגן וואָלקנס שטויב איבער דער הויפּט־גאַס, וואָס האָט איצט געהייסן פּושקינסקאַיאַ און נישט ניקאָלאַיעווסקאַיאַ אוליצאַ, האָט זיך אין דער גאַס דאָרט געאָטעמט לייכטער.

מילקע איז געגאַנגען אַ ווייל לענגאויס דער גאַס און זיך אַרומ־געקוקט. דערזען נאָדיעס רעסטאָראַן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווייל, זיך שטאַרק באַמיט אין עפּעס צו דערמאָנען, זיך דערמאָנט אין עפּעס, זיך צעשטראַלט מיט זיינע קליינע גלאַנציקע אויגן און מיט די גאָלדענע ציין, אָפּגעלעקט די אויבערשטע ליפּ און זיך געלאָזט גיין מיט טאַנצענדיקע שריט פון אַ מענטש, וואָס גייט אויף עפּעס אַ שמחה.

ווען ער האָט געעפנט די טיר, איז סאַראָטשקאַ געווען אַליין אין דעם ליידיקן רעסטאָראַן. זי האָט אָפּגעווישט די טישן מיט אַ שמאַטקע און געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, נישט אויפצוּוועקן די מאַמע, וועלכע האָט זיך צוגעלייגט שלאָפן אינעם קעמערל, הינטערן עס־זאַל.

מילקע איז געווען דערשטוינט פון איר שטראַלעדיקער שיינקייט, וואָס איז געווען נאָך מער באַטאָנט, צוליב דער באַשיידנקייט פון איר פּשוטן גרויען שטובן־קלייד און ווייסן פאַרטוך.

דאָס גאָלדן־רויט פון אירע האָר, דאָס באַצויבערנדיקע גרין פון אירע

אויגן, דאָס רויט פון דינע ליפּן אויף איר ווייסן איידעלן פּנים, האָט פאַרכאַפּט זיין אויג.

ער איז אַ מינוט געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אַזוי ווי ער וואָלט מיטאַמאָל צוריק געוואָרן דער פּראָווינץ־יונג פון מיט אַ צען יאָר צו־ריק, ווען ער האָט נאָך געקאָנט באַוואונדערן שיינקייט לשם שיינקייט און איז נאָך געווען געגוג „נישט געשליפן", כדי זיך אָפּהאַלטן פון טראַמפּלען אויף מענטשן. עס האָט אים אָבער נישט גענומען לאַנג: דאָס צו זיך קומען. ער האָט געפונען אַן אוצר און האָט „געמוזט" קומען אין זיין באַזיץ. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען זיך דעם נאָמען. — אַהאַ! ער געדענקט שוין — סאַראַטשקאַ. ער האָט ברייט צעעפנט זיינע אָרעמס:

— סאַראַטשקאַ, קראַסאַוויצאַ טי מאָיאַ, סקאָלקאָ ליעט, סקאָלקאָ זים? — (מיין שיינע סאַראַטשקאַ, וויפל זומערן און וויפל ווינטערן?) אַן אייביקייט האָב איך דיך שוין נישט געזען. לאָמיך דיך נעמען אין מיינע אָרעמס.

סאַראַטשקאַ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט דערשטוינונג. זי האָט אים געהאַט ערגעצוווּ געזען, אָבער ווער איז ער? אַ יאָ, ס'איז מילקאָ פּלאַטאָוו. ווי אַזוי האָט זי דאָס געקאָנט פאַרגעסן — דער טרויעריק באַרימטער מילקאָ פּלאַטאָוו. קיין בעסערע אויפפירונג האָט מען פון אים נישט געקאָנט דערוואַרטן.

— זעצט זיך אַוועק, האָט אים סאַראַטשקאַ געזאָגט שטרענג, וואָס ווילט איר האָבן?

— מילקאָ האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול, איז צוגעגאַנגען צו סאַראַטשקאַן, האָט גענומען איר האַנט מיט דער שמאַטקע און גע־קושט די האַנט.

— וואָס וויל איך האָבן, סאַראַטשקאַ — האָט ער ווּיליונגעריש אויסגעשריגן און ווידער ברייט צעעפנט די אָרעמס. איך וויל דיך האָבן! זינט איך האָב געעפנט די אויגן אין וויגעלע וויל איך דיך האָבן. מער ווי מיין לעבן וויל איך דיך האָבן, אַ, זיסער חלום מיינער. קום צו מיר, קום אין מיינע אָרעמס.

מילקע האָט געפּרוּווט אַרומנעמען סאַראַטשקען. זי האָט אים אָבער פון זיך אָפּגעשטופּט:

— טשעפּעט זיך אָפּ!...

מילקע האָט געהאַט הנאה פונעם שפּיל. ער האָט אָבער אויך גע־האָט הנאה פון דער נאָענטקייט צו סאַראַטשקען און אפילו פון איר טראַציקייט.

עס האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט אַרומנעמען דאָס מיידל. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, צוגעצויגן צו זיך און אַרומגענומען מיט זיינע „דערפאַרענע" הענט. זי האָט געוואָלט אים אָפּשטופּן, אָבער זיינע הענט האָבן זיך געקלאַמערט אַרום איר קערפּער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ער איז געווען פאַרשכורט פון בראַנפן, פון קאָקאַאין, פון סאַראַטשקעס שיינקייט. ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן. סאַ־ראַטשקאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן זיין ברוסט, און דורכגעזופּט דורך צוזאַמענגעפּרעסטע ציין:

— לאָזט מיך אָפּ, לאָזט מיך אָפּ, זאָג איך אייך...

— אַ ניין, איכ'ל דיך נישט אָפּלאָזן אָן אַ קוש — האָט זיך מילקע צעלאַכט מיט אַ דריבנעם לוסט־געלעכטער — אַ ניין!

ער האָט די פּראַזע נישט פאַרענדיקט. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ שמערצלעכן שמיץ איבערן רוקן, אָפּגעלאָזט סאַראַטשקען און אָפּ־געשפּרונגען אין אַ זייט.

ס'האָט אים אָבער נישט געהאָלפן. די שמיץ האָבן זיך געלייגט אויף זיין קערפּער פון רעכטס און פון לינקס.

עס האָט אים געשמיסן דוד'קע.

זיינע קינדישע אויגן זענען געווען אָנגעפילט מיט טרערן פון פאַרצווייפלונג.

ער איז געווען אין אַ צושטאַנד, ווען אַ קינד קאָן נישט טראַכטן. ער האָט געזען אַ מענטש, וואָס האָט געטאָפּטשעט אין בלאָטע זיין חלום און ער האָט זיך אויף אים אָנגעוואָרפן מיט דעם דינעם שטאַרקן צווייגל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט ביים אַריינגיין אין רעסטאָ־ראַן; און ער האָט געשמיסן, און געשמיסן, און געשמיסן...

מילקע האָט פֿאַרשטעלט זיין קערפּער מיט די הענט און אָנגעהויבן צוריקטרעטן צו דער טיר. ער האָט געשטאַמלט:

— וואָס איז מיט דיר, וואָס טוסטו?...

דוד׳קע האָט נישט געוווסט וואָס איז מיט אים, אָבער די ווערטער האָבן אים געבראַכט צו זיך. ער האָט אויפגעהויבן דעם צווייג, אים געהאַלטן אַ ווייל אין דער הויך און דאַן אים אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל און זיך ביטער צעוויינט.

סאַראָטשקע איז צו אים צוגעלאָפן. זי האָט אים אַרומגענומען. זי האָט אים געהאַלדזט און געקושט. זי האָט זיך אַליין מיט טרערן באַגאָסן און געשעפּטשעט:

— יינגל מיינער, דוד׳ל מיינער, טייערער באַשיצער מיינער. גיבורל מיינער, טייער ברודערל, וויין נישט, איך בעט דיך, וויין נישט...

מילקע איז אַרויסגעלאָפן פון רעסטאָראַן, און זיך געלאָזט לויפן צו דער בירזשע פון איזוואָשטשיקעס:

— אַ משוגענע שטאָט, כ׳לעבן אַ משוגענע שטאָט.

* * *

אויפן צווייטן טאָג איז וואָלף מאַרקאָוויטש גראָדין אַריין צו מילקען „אויף אַ פּאָר מינוט". ער האָט אים געזאָגט:

— מילקאַ פּאַק דיינע זאַכן. איך ווייס אויף זיכער, אַז עס זענען דאָ אַ סך דערוואַקסענע בעלנים אין שטאָט אויף אָנצושפּייען דיר אין פּנים. טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, איידער עס וועט קומען צו אַ גרויסן סקאַנדאַל.

מילקע האָט זיך נישט געלאָזט פיל בעטן:

— אַ משוגענע שטאָט, כ׳לעבן אַ משוגענע שטאָט!...

23

דער וואַלד און דער גראַדער שכל

אין וואַלד איז אהרן לעסניק געקומען פאַר מיטאָג. אַראָפּ פון באַן אַרום ניין אַזייגער אינדערפרי, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו פוס און אין קנאַפּע צוויי שעה דורכגעמאַכט צוועלף ווערסט פון מחיה־דיקן וועג צווישן ווילדע ביימער, וואָס וואַקסן זיך זייט ביי זייט אויף דער שטילער ערד און שמייכלען איינער צום אַנדערן מיטן שיין פון דער זון אויף זייערע בלעטער....

ווען דער אַלטער שומר, מאַלאַניס, האָט דערזען פאַר זיך פּלוצים לעסניקן, האָט ער נישט געגלויבט זיינע אויגן. ער איז געזעסן אויפן שוועל פון דעם קאַנטאָר און האָט געשניצט אַ לעפל פון אַ קלעצל האָלץ. ס'איז געווען זיין מלאכה. ער האָט זיך מיט דעם באַשעפטיקט שוין מכמה וכמה יאָרן. ער אַליין וואָלט נישט געקאָנט זאָגן וויפל יאָרן ס'זענען אַוועק זינט ער האָט זיך גענומען צו מכשירים, ווי ער האָט נישט געקאָנט זאָגן ווי אַלט ער איז אַליין. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס איז דאָ תמיד געווען און וועט דאָ אייביק זיין צו שניצן מיט זיינע לאַנגזאַמע מיושבדיקע באַוועגונגען די הילצערנע כלים און צושטעלן זיי צו די פויערים פון פערעוואָז, וואו מען האָט זיך באַנוצט מיט זיי שוין אַזוי פיל יאָרן. קיין גרויסע פאַר־דינסטן האָט ער פון דעם נישט געהאַט, אָבער ער האָט אויך געהאַט אַ קליינעם איינקונפט אַלס אַ וואַלד־היטער און ווי עס איז נישט איז — אויסגעקומען. וואָס דאַרף אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט נישט קיין משפחה אַרום זיך, חוץ דער משפחה פון ביימער און פויגל, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעלערנט שמועסן און פאַרברענגען, וועלכע פלעגן אים אַזוי פיל מעשיות דערציילן, כאָטש ער איז שוין פון לאַנג געווען טויב?

פאַרטיפט אין שניצן אַ לעפל, האָט דער אַלטער טראַכים מאַלאַניס דערפילט עמעצן דערנענטערן זיך צו אים, ערשט ווען אהרן איז שוין

געוועזן זייער נאָענט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויפגעצי־טערט, אַזוי ווי ער וואָלט פאַר זיך דערזען אַ גייסט, אַ מת, וואָס איז ערשט איצט אויפגעשטאַנען פון קבר. עס איז געווען אַ מאָמענטאַלער איינדרוק, אַ מאָמענטאַלע שרעק. דער לעבעדיקער אויסזען פון לעס־ניקן, וועלכער איז געווען אויפגעפרישט דורך דער זאַפטיקער לופט אין וואַלד און האָט געשמייכלט, האָט אים געבראַכט צו זיך.

— זדראַסטוויטע, דיד טראַכים, באָג נאַ פּאָמאָטש!! — האָט זיך מיט אים אהרן באַגריסט גאָר הויך אויפן קול.

דער אַלטער טראַכים האָט זיך איבערגעצלמט:

— זדראָוואָ, אַראָן איסאַיעוויטש, — האָט ער געענטפערט מיט אַ ציטערדיקער שטימע, — צו וואָס זענט איר אַהער געקומען?

— פּאָ דיעלאָם, — האָט אהרן אַריינגעשריגן דעם אַלטן מאַן אין אויער אַריין, — פּאָ דיעלאָם טראַכים פּאַוולאָוויטש!

טראַכים האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— נישט געדאַרפט האָט איר דאָס צו טאָן, אַראָן איסאַיעוויטש, קיין גוטס וועט פון דעם נישט אַרויסקומען...

— זאָרגט זיך נישט זיידע, זאָרגט זיך נישט, קאָנט איר מיך אַריבערפירן אויף יענער זייט טייך?

— איר ווילט אַהין גיין?

— יאָ, איך וויל!!!

— טוט עס בעסער נישט....

— לאָמיר גיין, איך וויל נישט פאַרשפּעטיקן!!!

— ווי איר פאַרשטייט, — האָט טראַכים געזאָגט זייער שטיל, ווי ער וואָלט צו זיך אַליין גערעדט — איך בין אַן אַלטער מאַן און קיי־נער וויל נישט דעם אַלטן מאַן הערן. — דאָס בייזע בלוט איז ווי די וואַסערן פון טייך אין אַ טאָג פון פאַרפלייצונג. עס פאַרגיסט די וועלט. ווער קאָן זיך שיצן קעגן דעם? ווער קאָן דאָס אָפּשטעלן? אַ קלוגער מענטש קריכט אַרויף אויף אַ הויכן בוים, ער וואַרט דאָרטן געדולדיק אַ טאָג, צוויי, דריי טעג, ביז די זון גייט אַרויס פון דער כמאַרע און די שטילקייט שטעלט זיך איין איבער דער וועלט

און עס וועט איִם נאָך ווילער צו לעבן אויף דער וועלט. וואָרים ער ווייסט ווי טייער עס איז דאָס לעבן....

איבערן טייך איז מען געפאָרן אין אַ שמאָלן טשעלנאַק, וואָס האָט מער ווי צוויי מענטשן נישט געקאָנט אַריינגעמען. ס'איז געווען אַ קליין שיפל, פון אַ סאָלידן שטיק בוים, אויסגעשניצט אויף דעם זעלבן שטייגער ווי טראַכים האָט געשניצט זיינע לעפלעך אָבער מיט גרעסערע מכשירים. דער שמאָלער טשעלנאַק האָט זיך ווייך געגליטשט איבערן רויקן וואַסער פון ברייטן טייך, וואָס האָט זיך געשפילט מיט די שטראַלן פון דער זון אויף זיין גרויער אויבערפלאַך.

— אַ פיינער טייך!! — האָט אהרן אויסגעשריגן צום טויבן טראַכים און דער עכאָ אין וואַלד האָט איבערגעחזרט זיינע ווערטער עטלעכע מאָל:

— אַ פיינער טייך!!!

— אַ איינער אייך!!!

— אַ איינער אייך!...

אַהאַ, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ דער טויבער טראַכים.

— וויפל כוח אין דעם וואַסער!!!

— וויפל כוח אין דעם וואַסער!!!

— וויפל כוח אין דעם וואַסער...

— אַהאַ...

דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט. עס איז געווען אַזוי פיל שטילע רו אויפן וואַסער־אויבער־פלאַך און אַזוי פיל אָנשטרענגונג אינעם שמאָלן וועלטל אַרום דעם שיפל. טראַכים מאָלאָניס האָט עס נישט אַרויסגעוויזן, אָבער ער איז געווען אומרויק אַזוי, ווי ער וואָלט געווען נישט אינמיטן שטילן טייך, נאָר אין שטורעם־וואַסערן, וואָס אָט אָט וועלן זיי זיין קליין שיפל איבערקערן און ער וועט זיך אומקערן צוריק אין וואַלד אַריין מיט אַ גרויסער עבירה אויף זיין נשמה. אהרן איז אויך געוואָרן אַלץ מער אומרויק, וואָס נענטער ער איז געקומען צו יענער זייט ברעג. ער האָט גע־טראַכט וועגן דעם וואָס עס דערוואַרט אים דאָרטן אין פּעטראָ בור־

לאָקס כאַטע. וועט פעטראָ זיך צוהערן צו אהרנען, וועט ער אָנעמען זיין פאָרשלאָג? וועט ער לאָזן אַפּעלירן צו זיין שכל? וועט ער נישט פאַרפ׳ידט ווערן פון בייזן בלוט און ענטפערן מיטן ברוטאַלן לשון פון פשוטער רציחה?... מען האָט עס אויף אהרנען נישט גע־קאָנט זען, אָבער עטלעכע מאָל האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג זיך גלייך אומצוקערן צום קאַנטאָר און זיך לאָזן לויפן צוריק צו דער סטאַנציע. ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן. ער האָט פאַרברענט אונטער זיך די שיפן. ער האָט נישט געוואָלט אויסזען אין די אייגענע אויגן אַלס אַ פּחדן. ער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן און געגלויבט אין זיין אייגענער פעיקייט צו באַאיינפלוסן אַ מענטש־. „כ׳וועל זיך שוין געבן אַן עצה״, האָט ער זיך אַליין דערמוטיקט, ווען דאָס שיפל האָט אָנגע־רירט דעם ברעג, „כ׳וועל זיך שוין געבן אַן עצה״...

בורלאַקס כאַטע האָט זיך געפונען אויפן סאַמע שפּיץ בערגל, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט אַ קרוטשע אינעם טייך. אהרן איז געגאַנגען באַרג־אַרויף מיטן דאָרף, נאָכגעפאָלגט פון צענדליקער ביי־געריקע אויגן, וואָס אהרן אַליין האָט מער געפילט ווי געזען. אינמיטן וועג איז אַ הונט אַרויסגעשפּרונגען פון אַ הויף, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים מיט אַ הייזעריקן בילן, אָבער זיך באַלד איינגעשטילט און צוריקגעקערט אין הויף אַריין. אהרן האָט זיך אָפּגעשטעלט און נישט ווילנדיק זיך צעשמייכלט. ער האָט דערקענט דעם הונט, ס׳איז געווען „וואָלני״, וועלכן ער האָט געקויפט מיט אַ צייט צוריק ביי אַ פויער. דער הונט האָט זיך ביי אהרנען נישט געהאַלטן. קיין שום קייט, קיין שום עסן האָט נישט געהאָלפן. ער פלעגט זיך אַראָפּרייסן פון קייט, אַריבערשווימען איבערן טייך און צוריק אַנטלויפן אין דאָרף אַריין. אהרן, — אַ נייגעריקער, האָט פאַר טשיקאַווע־וועגן, גענומען דעם הונט מיט זיך אין שטאָט אַריין, אָבער ס׳איז געשען דאָס, וואָס אהרן האָט דערוואַרט: אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די קייט געבליבן הענגען אויפן דראָט פאַריתומט און פאַרבענקט נאָך וואָלנין. וואָלני אַליין איז אַריבערגעשווומען צוויי טייכן און האָט נאָך אַ נאַכט לויפן זיך באַוויזן אין דאָרף אַ הונגעריקער, אָבער אַ צופרידענער. נאָך דעם

פאַל האָט אהרן שוין מער נישט גענומען צו זיך דעם הונט. ער האָט פיינט געהאַט צו באַצווינגען אַ לעבעדיק באַשעפעניש, אפילו ווען דאָס איז געווען נאָר אַ הונט, און ער האָט באַוווּנדערט וואָלנין, כאָטש עס איז געווען נאָר אַ הונט.

די באַגעגעניש מיט וואָלני האָט אויף עפּעס אַן אופן איינגעשטילט אהרנס געמיט און בעת ער איז אַריין אין בורלאַקס כאַטע איז ער שוין געווען אינגאַנצן רויק, כאָטש געאָטעמט האָט ער שווער צוליבן גיין באַרג־אַרויף די גאַנצע צייט.

אין דער כאַטע, נישט ווייט פונעם אויוון, אַרום אַ קליין טישל ביז די קני־הויך, איז געזעסן די משפחה בורלאַק אָנגעטאָן אין לייווענט־קליידער: דער אַלטער בורלאַק, זיין פרוי, דער עלטערער זון, פּעטראָ, אַ מיידל און אַ קליין יינגל. אויפן טישל איז געשטאַנען אַ גרויסער ליימענער טאָפּ מיט עפּעס אַ פליסיקן געקעכטס, פון וועלכן עס האָט זיך געהויבן אַ פּאַרע. די משפחה האָט געגעסן מיט הילצערנע לעפל גלייך פונעם טאָפּ און פאַרביסן מיט שוואַרצן ברויט, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַלטן אין דער לינקער האַנט.

ווען אהרן איז אַריין אין דער כאַטע, האָט די גאַנצע משפחה מיטאַמאָל אויפגעהערט עסן. אויף אַלע פּנימער האָט זיך באַוויזן דער זעלבער אויסדרוק, וואָס אהרן האָט אין וואַלד אויף טראַכימס פּנים געזען.

אהרן האָט זיך שטיל באַגריסט מיט זיי און האָט זיי געבעטן:

— עסט, זייט אַזוי גוט. איך וויל אייך נישט שטערן, איכ׳ל וואַרטן ביז פּעטראָ וועט אָפּעסן. כ׳האָב מיט אים אַ וויכטיקן ענין צו דערליידיקן.

פּעטראָ האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר די קאָסטילעס, וועלכע זענען געלעגן אויף דער קני פון זיין אייניציקן פוס, אָבער אהרן האָט אים אָפּגעשטעלט מיט דער האַנט:

— מען דאַרף נישט, פּעטראָ, דיין עסן וועט קאַלט ווערן. עס אָפּ — די צייט וועט פון אונדז נישט אַנטלויפן.

פּעטראָ בורלאַק האָט געלאָזט צו רו די קאָסטילעס און אָנגע־

הויבן לאַנגזאַם עסן דאָס וואַרעמע געקעכטס. אָבער דאָס עסן איז אים אין זינען נישט געלעגן, ער איז געווען זייער נייגעריק צו וויסן מיט וואָס איז לעסניק צו אים געקומען. וואָס האָט ער צו זאָגן. אַז ער איז אַ געוואַגטער מאַן, אין דעם האָט פּעטראָ בורלאַק נישט געצווייפלט; אַז דער געוואַגטער מאַן געפינט זיך איצט ביי אים אין די הענט, האָט ער אויך געוווסט. אָבער ער האָט איצט פון דעם נישט געמאַכט קיין צו פיל ווערן. ער האָט נישט געהערט צו דעם מין מענטשן, וועלכע האָבן הנאה פון דערלאַנגען אַ קלאַפּ, פון שלאָגן, פון שטופן עמעצן אין אַ קבר, פון פילן דעם אייגענעם כוח צו טאָן דאָס, וואָס איז צוגע־שריבן צו די כוחות פון געטער. ער איז געווען אַ נאָרמאַלער מענטש. ער האָט געליטן פון אָנפאַלן פון כעס, ווען ער פלעגט קאָנען צובלו־טיקן אַ מענטש, אָבער ווען ער פלעגט זיך באַרויקן פלעגט ער זיך דערפילן שולדיק און ווערן אַזוי ווייך, אַזוי צולעסלעך, אַז מען האָט זיך געוווּנדערט ציי עס איז דער זעלבער מענטש. אין אַזאַ צושטאַנד איז ער געווען איצט. ער האָט נישט געהאַט פון וואָס אין כעס צו ווערן. דאָס דאָרף איז געווען אויף זיין זייט. דאָס עסן האָט אים גע־שמעקט. לעסניק איז געווען אין זיין הײם און האָט זיך אויפגעפירט זייער לייטיש. אַלץ וואָס ער האָט איצט געוואָלט, איז צו וויסן, וואָס דער דאָזיקער אַראָן איסאַיעוויטש לעסניק האָט צו זאָגן. סיאָמאַ האָט אים געהאַט זייער פיל דערציילט וועגן אהרנען, ווען זיי זענען נאָך געווען צוזאַמען אין שפּיטאָל, און ער האָט אַ געלעגנהייט זיך באַקע־נען נענטער מיט דעם דאָזיקן מענטש.

אהרן האָט אויך געפילט, אַז לכל הפּחות דאָ אין שטוב איז ער אויסער יעדער געפאַר. פּעטראָ בורלאַק האָט אויף אים געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. ער איז געווען אַן ענערגישער יונגערמאַן פון אַ יאָר זיבן און צוואַנציק, מיט שוואַרצע האָר און ברוינע אויגן פון אַ ציי־גיינער. די שטאַרקע ווייסע ציין האָבן נאָך פאַרשטאַרקט דעם איינ־דרוק און די פויערים האָבן אים טאַקע אַזוי גערופן — פּעטראָ ציגאַן. אָבער אהרנען האָט זיך געדוכט, אַז דער צוזאַמען דערציילט נישט די גאַנצע געשיכטע וועגן דעם מענטש, וואָרים די אויגן זענען געווען ביי

אים דורכדרינגענדיקע, שכלדיקע און אין דער זעלבער צייט ערנסטע. ס'קאָן זיין, אַז דער איינדרוק איז געווען באַאיינפלוּסט דורך דעם פאַקט, וואָס פעטראָס עלטערער ברודער, ווי סיאָמע האָט עס אהרנען דערציילט, איז אַמאָל געווען אַ שילער אין באַנדאַרס שול. לויט סיאָמעס ווערטער, איז דער ברודער געוואָרן אַ סקולפּטאָר און איז גע־ווען פאַרשיקט קיין סיביר צוליב זיין אגיטאַציע צווישן די פּויערים. ער איז געשטאָרבן אין סיביר מיט פיל יאָרן צוריק. דער באַוווּסטזיין, אַז ער איז אַ ברודער פון אַן אינטעליגענטן, אידעאַליסטישן מענטשן, האָט באַאיינפלוסט אהרנס איינדרוק און האָט פאַרשטאַרקט זיין זי־כערקייט אין דעם, אַז ער וועט דערגרייכן דעם ציל, צוליב וועלכן ער איז אַהער געקומען.

אהרן איז געזעסן רויק אויף אַ באַנק ביי דער וואַנט און האָט גע־שמייכלט צום יינגל ביים טישל. דאָס יינגל האָט געגעסן צעשטרייט, זיך באַגאַסן מיטן הייסן געקעכטס און זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פונעם מאָדנעם פאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזען גאָר אַנדערש ווי אַלע מענטשן (ער האָט נאָך אין זיין לעבן קיינעם, חוץ די תושבים פון פערעוואָז נישט געזען).

דער אַלטער בורלאַק האָט עס באַמערקט. ער האָט אים דערלאַנגט מיטן לעפל איבערן קאָפּ:

— אָדנאָ ראָבי, איזש!, — טו איין זאַך — עס!

פאַרן יינגל און פאַר דער גאַנצער משפחה איז דאָס געווען אַ גוטער ס'גנאַל אָנצוהויבן עסן ווי עס דאַרף צו זיין...

ווען פעטראָ האָט אָפּגעגעסן, האָט ער זיך איבערגעצלמט אַקעגן דער איקאָנע אויף דער וואַנט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, נאָענט צו אהרנען. ער האָט באַקוקט זיינע קאָסטילעס און געשוויגן.

אהרנס האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, ווי ביי אַ שילער אויף זיין ערשטן עקזאַמען.

— פעטראָ, — האָט ער שליסלעך געזאָגט, נאָך אַ רגע אָנגע־שפּאַנטן שווייגן — סיאָמאַ האָט מיר דערציילט וועגן דיר און דע־

לאגע. ער האט מיר אויך געזאגט, אז ער איז מיט אייך מסכים און מיך געווארנט נישט צו קומען אהער. איך האב אבער, ווי דו זעסט, אים נישט געפאלגט, ווייל איך האלט, אז איר זענט נישט גערעכט.

— איך וויל דו זאלסט מיך אויסהערן, ווייל דאס, וואס איך וויל זאגן, האט צו טאן נישט נאר מיט מיינע אינטערעסן, נאר אויך מיט דיינע...

— דו טענה'סט, אז עס וואקסט א וואלד אונטערן סאמע נאז פון דארף און דער דארף האט נישט קיין געהילץ. וויל איך דיר פון סאמע אנהויב זאגן, אז דאס איז א גערעכטע טענה און לויט מיין מיינונג דארף מען שוין באלד אננעמען א געזעץ מען זאל אויסטיילן דעליאנקעס פון וואלד פאר יעדער נויטבאדערפטיקער משפחה, אבער ווי דו ווייסט, איז נאך נישטא אזא געזעץ.

— דאס איז די ערשטע זאך, וואס דו דארפסט אין באטראכט נעמען. די צווייטע זאך איז א פאקט, אז אויב מירן נעמען און צע־טיילן די וועלדער צווישן די פויערים פון די דערפער, וואס זענען נאענט צו די וועלדער, וועלן די שטעט בלייבן אן געהילץ.

— אמת, מען קאן זאגן: „זאלן זיי גיין אין דער ערד — די שטעט. פארוואס דארפן מיר פארזארגן די שטעט? האבן זיי דען אונדז פאר־זארגט מיט קעראסין, אדער שוועבעלעך, אדער מאנופאקטור? אבער דאס וואלט זיין אומגערעכט, ווייל דאס געהילץ גייט נישט צו די, וואס מוזן נישט די נויטיקע זאכן, מסתמא, ווייל זיי קאנען נישט. עס גייט צו אזוינע פלעצער ווי א שטייגער דער שפיטאל, וווּ עס ליגן פארוווּנדעטע סאלדאטן, די באנען, וואס ווערן איצט געהייצט אלץ מער און מער מיט האלץ אנשטאט קוילן און אויך צו פריוואטע איינוווינער, וואס לײדן נישט ווייניקער, ווי איר לײדט דא אין דארף.

אהרן האט ארויסגענומען א פאק דאקומענטן פון זיין קעשענע:

— דו ביסט א גראמאטנער מענטש, פעטרא, און דו קאנסט זיך אין דעם פונאנדערקלייבן...

פעטרא בורלאק האט אויסגעצויגן די האנט.

אהרן האט אים דערלאנגט די קאנטראקטן איינס נאכן אנדערן:

— דאָ האָסטו דיר דעם קאָנטראַקט מיט דער באַן און אַט איז דער קאָנטראַקט מיטן שפּיטאָל. כ׳גלויב נישט, אַז דו וואָלסט געוואָלט איבערלאָזן דעם שפּיטאָל אָן געהילף. ביסט אַ מאָל אַליין געווען אַ פאַרוואונדעטער סאָלדאַט און איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז דו ביסט געוואָרן אַ שונא פון דיינע אייגענע ברידער; אָבער אויב דו ביסט זיי נישט קיין שונא, טאָ ווו וועסטו נעמען געהילף פאַר זיי.

קאָנסטו אַליין דאָס טאָן? קאָנסטו נאָכקומען די קאָנטראַקטן, וואָס זענען איצט ביי דיר אין דער האַנט? אויב יאָ — טו דאָס, איכ׳ל דיר איבערלאָזן די קאָנטראַקטן און אונטערשרייבן דאָ אויפן פּלאַץ אַ באַפולמעכטיקונג איבערצונעמען די אַרבעט מיט די פאַרדינסטן, מיט וועלכע איך דערנער מיין משפחה. נעמט עס איבער און זאָל דער גאַנ־צער דאָרף פון דעם געניסן...

פּעטראָ בורלאַק איז געווען דערשטוינט פונעם פאָרשלאַג:

— איר מיינט עס ערנסט?

— זיכער מיין איך עס ערנסט. אַ מענטש קומט נישט פון שטאָט מיט אַזאַ לאַנגן וועג, אין אַזאַ צייט צו פּראַווען קאַטאָוועס. איך האָב אַהער געבראַכט די קאָנטראַקטן און איך בין גרייט איבערצוגעבן דיר אין האַנט די אַרבעט אויסצופירן די קאָנטראַקטן, נעמסטו דאָס איבער?

פּעטראָ בורלאַק האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט נישט דערוואַרט צו הערן פון לעסניקן אַזאַ מין פאָרשלאַג און האָט נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן וועגן דעם. ער האָט געפילט, אַז דער ענין איז אַן ערנס־טער. אַז לעסניק מיינט ערנסט וואָס ער זאָגט און אַז ער אַליין וואָלט נישט געוווּסט מיט וואָס אָנצופאַנגען, ווען ס׳וואָלט אים איינגעפאַלן אָננעמען לעסניקס פאָרשלאַג.

— נו, — האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווייל טראַכטן. — איך קאָן נישט אָננעמען דעם פאָרשלאַג. איך גלויב נישט, אַז דאָס וועט גיין, עס איז נישט קיין פּלאַן.

— איך גלויב אויך נישט. אָבער איך האָב אויך אַ פּלאַן, וואָס וועט יאָ אַרבעטן. הער זיך צו אויפמערקזאַם: דו ווייסט, אַז דער

וואַלד איז נישט מיינער, דער וואַלד געהערט צום פּריץ, און אַ טייל פון אים שטייט אויף רעזערוואַציע.

— מען טאָר דאָ נישט האַקן קיין בוימער איידער זיי ווערן אויס־געוואַקסען צו אַ געוויסער מאָס, אָבער אַזוי, צי אַנדערש, איז דער וואַלד נישט מיינער און אפילו דאָס שענסטע מיידל קאָן נישט געבן מער ווי זי פאַרמאָגט...

פּעטראָ בורלאַק האָט זיך שטיל צעלאַכט.

— קאָן איך, הייסט עס, רעדן נאָר וועגן דעם חלק וואַלד, וואָס איך האָב אָפּגעקויפט צום האַקן. טאָ נעמט זיך צוזאַמען עטלעכע חברה, פאַרשטייער פון דאָרף, קומט מאָרגן אינדערפרי אין וואַלד אַריין. מירן אָפּמעסטן אַ דריטל פון וואַלד און איר וועט עס צעטיילן אויף דיעליאַנקעס פאַר די נויטבאַדערפטיקע משפחות פון דאָרף. טוט עס אַליין. אין דעם וועל איך זיך נישט מישן.

— אָבער צוויי דריטל פון מיין חלק אין וואַלד וועל איך באַ־נוצן כדי אויסצופירן די קאָנטראַקטן, וואָס דו האַלטסט איצט אין דער האַנט. איכ׳ל דיר איבערלאָזן די קאָנטראַקטן, נעם אָן דיין באַשלוס, אַן אַנדערע פּרנסה, אויב דו וועסט אָבער יאָ קומען, וועט דאָס פאַר און אויב דו וועסט מאָרגן אינדערפרי נישט קומען אין וואַלד, וועל איך פאַרן אַהיים און נעמען זוכן פאַר מיר אַן אַנדערע באַשעפטיקונג, מיר זיין אַ צייכן, אַז דו וועסט מיר נישט שטערן.

— דאָס איז מיין פּלאַן. איך גלויב אַז דאָס איז אַ שכלדיקער פּלאַן. אָבער איך וויל זיך נישט אויף דיר אָנצווינגען. טראַכט וועגן דעם און זיי מיר געזונט. ס׳איז שוין צייט צו גיין...

פּעטראָ בורלאַק האָט געקוקט אַ ווײַלע אויף די קאָנטראַקטן אין זיין האַנט, זיך געוואַקלט, אָבער צום סוף צוריקגעגעבן אהרנען דעם פּאַק פּאַפּירן.

אהרן האָט אָפּגעשטופּט זיין האַנט מיט אַ ווייכן זשעסט:

— האַלט זיי, איך וויל דו זאָלסט זיך גוט איבערלייגן. זיי געזונט.

— איכ׳ל אייך באַגלייטן צום טייך — האָט פּעטראָ געזאָגט — די צייטן זענען איצט אומרויִקע, מאַלע וואָס עס קאָן עמעצן איינפאַלן.

— אויב דו ווילסט, וועל איך האָבן דיין קאָמפּאַני מיט פאַרגעניגען.

אגב, כ׳האָב ערשט נעכטן געהאַט אַ שמועס מיט אָסטאַפּ באָנדאַר.

— ס׳קאָן נישט זיין! — ווי פילט ער זיך. ער מוז שוין זיין אַן אַלטער מאַן.

— מיטן לייב אפשר יאָ, אָבער נישט מיט דער נשמה. ער רעדט ווי אַ יונגער מענטש און האַלט זיך ווי אַ יונגער מענטש. דו ווייסט דאָך, אַז ער איז דער פאָרזיצער פון אונדזער שטאָט פאַרוואַלטונג.

— ניין! כ׳האָב דאָס נישט געוווּסט. זעט איר זיך מיט אים אָפט.

— גאַנץ אָפט.

— גיט אים איבער אַ גרוס פון מיר. זאָגט אים, אַז פּעטראָ בורלאַק, דער ברודער פון לוקאַ, געדענקט אים און איז אים דאַנקבאַר פאַר זיין גוטסקייט.

* * *

אויף מאָרגן אינדערפרי איז אין וואַלד געקומען אַ דעלעגאַציע פון פּויערים. פּעטראָ בורלאַק האָט געבראַכט מיט זיך די קאָנטראַקטן. דעם גאַנצן טאָג האָט מען געמאָסטן און געטיילט חלקים און אין אָוונט איז געקומען אַ וואָגן אָפּפירן אהרנען צו דער סטאַציע, איבער אַ וואַלד־וועג, וואָס ערשט נעכטן איז ער, לויט סיאָמעס ווערטער, געווען אַזוי געפערלעך אפילו בייטאָג. היינט ביינאַכט האָט ער אויסגעזען ביי אהרנען ווי דער רויקסטער וואַלד־וועג אין דער וועלט.

24

...און קום קיינמאָל נישט צוריק

— סאַשאַ, אַלעקסאַנדער באַטקאָוויטש...

סאָפיושקאַ האָט זיך געטוליעט מיט דער רונדער, געפאַרבטער באַק צו סאַשען און זיך באַמיט אָפּרייסן דעם פאַרשלאָפענעם סטודענט פון זיינע אייגענע חלומות.

זי איז געווען אַ בלאָנד מיידל פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן מיט חן־גריבלעך אויף אַ רונדן פּנים, וואָס איז געווען באַדעקט, ווי מיט אַ פּרעמדער מאַסקע, מיט אַ דיקן שיכט אויגן־אויפרייסנדיקער קאָסמעטיק. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ גרין שמאָל קליידל, וואָס האָט ענג אַרומגענומען איר קליינעם, גוט געבויטן גוף און האָט באַטאָנט יעדן

בייג פון איר יוגנטלעכער, אידל אויסגערונדעוועטער און רייצנדיקער פּרוויאישקייט. דער נידעריקער דעקאָלט האָט כמעט אינגאַנצן אַנט־בלויזט אירע אומרוויקע בריסטן. זי האָט זיך מיט זיי צוגעפּרעסט צו סאַשעס שטאַרקער האַנט און געזוכט אַ וועג צו זיין, אין די סטו־דענט־קליידער איינגעהילטן, מענלעכן ורעזן.

ער איז געווען פאַר איר אַ נייע דערפאַרונג. קליינוווקסיק און יוגנטלעך אין יעדער איר באַוועגונג, אין יעדן זשעסט און חנדל, איז זי געווען אַ ליבלינג פון עלטערע מענער, וועלכע האָבן אין איר גע־זען אַ קינד און אין איר געזוכט די פרישקייט פון יוגנט, וואָס האָט זיי שטאַרק געפעלט. עס האָט איר געעקלט פון בארירונג מיט זיי, כאָטש זי האָט דערפון געהאַט איר שטיקל ברויט און אַן אייגענעם ווינקל צו חלומען אייגענע חלומות. איצט איז דער חלום געווען דאָ מיט איר. זי האָט געוואָלט האָבן סאַשען דעם גאַנצן. זי האָט געמוזט האָבן זיינע בלאָנדע האָר, זיין לענגלעכן, פאַרברענטן אויף דער זון, רויקן פּנים, זיינע אַפּוועזנדיקע אויגן, די ווייסע שטאַרקע ציין; יעדן מוסקול אויף זיין שטאַרקן גוף, יעדער צערטלונג, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין זיין ברייטער דלאָניע; זי האָט עס געמוזט האָבן ווי דאָס ביסל פרישע לופט פון פּאַרק, וואָס זי האָט פון צייט צו צייט באַזוכט. זי האָט זיך שטאַרק באַמיט צוציען צו זיך סאַשעס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט עס אָבער נישט געפילט.

ער איז האַלב געזעסן, האַלב געלעגן אויף אַ דיוואַן אין אַ ווינקל פון צימער, וואָס איז געווען פול מיט מענער און פרויען פון פאַרשידענעם עלטער און שטאַנד. מענער אין צווילע אַנצוגן, אָפיצירן מיט שפּאָרן און שווערדן, פרויען מיט נידעריקע דעקאָלטן און געדיכטע שיכטן פון שרייענדיקער קאָסמעטיק אויף צעקנייטשטע פּנימער, האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין טומלדיקן עולם, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין אַ נעפּל פון ציגאַרעטן־רויך. אינעם נעפּל האָבן זיך געלאָזט זען מענטשן ביי די גרינע טישלעך. זיי האָבן גע־קלאַפּט מיט קאָרטן און זיך איבערגעוואָרפן מיט אָפּגעריסענע ווערטער ברוגז פון געלעכטער. עפּעס אַ הויכער אָפיציר האָט זיך געשלאָגן פון שפּילער־זשאַרגאָן. עס האָבן זיך געהערט פון צייט צו צייט אויפ־

ברויזן פון געלעכטער. עפּעס אַ הויכער אָפיציר האָט זיך געשלאָגן אין ברוסט מיטן קולאַק און געשריגן: „טאַקאַיאַ אָבידאַ, טאַקאַיאַ אָבידאַ" („אַזאַ באַליידיקונג, אַזאַ באַליידיקונג"). אַ רויט האָריקע מויד, מיט אַ גלאַנצנדיקן בונט־באַפּאַרבטן פּנים און אַנטבלויזטע ווייסע הענט און פיס, מיט אַ גערדיכט באַפּודערטער נאָז, איז געשטאַנען אויף אַ קליינער בינע און האָט געזונגען, ווי עס האָט זיך גערדוכט, אַ „ציגיינער ראָמאַנס", וואָס האָט געהאַט דעם טאַקט פון טאַנגאָ. אַן אויסגעמאָגערטער יונג מיט לאַנגע האָר איז געזעסן ביי אַן אַלטער פּיאַנאָ און האָט געקלאַפּט איבער די קלאַווישן מיט אַן ערנסט, וואָס איז געווען נישט קלענער ווי די פאַלשקייט פון די קלאַנגען, וועלכע זיין אינסטרומענט האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. עטלעכע פּאָרלעך האָבן זיך לאַנזאַם באַוועגט צווישן די טישלעך, ווי שאָטנס פון פאַרליבטע, וואָס קאָנען זיך נישט אָנזעטיקן מיט דער נאָענטקייט פון גופים און וויגן זיך און שווימען אין אַ נעפּל פון עפּעס אַן עראָטישער „יענער־וועלט".

סאַשען איז שווער געווען זיך צו צעקלייבן אינעם ווירוואַר פון געשטאַלטן, באַוועגונגען, קלאַנגען, קאָלירן און פאַררויכערטער קאָלירלאָזיקייט; ער האָט זיך נישט געקאָנט אויפוועקן ווי עס דאַרף צו זיין. ער איז איינגעשלאָפן דאָ אויפן דיוואַן נאָך אַ ווילדער נאַכט פון טרינקען. ער האָט זיך געפּרווט דערמאָנען ווי אַזוי איז ער אַהער געקומען און נישט געקאָנט.

— דאַן האָט ען פלוצים דערזען דעם שוואַרצן, גאָר יונגן אָגער.

— ס'אַ שיינקייט אַ פערד, ס'אַ וווּנדערלעך באַשעפעניש.

אָט טרעט ער לאַנגזאַם מיט די דינע געטאָקטע פיס אויפן ברוק פון גאַס. זיין שיינענדיק שוואַרצע הויט שפּיגלט אויף זיך אָפּ די ביינאַכטיקע ליכט פון דער גרויסער שטאָט. יעדער מוסקול אויף זיין גוף טיילט זיך אויס מיטן שפּיל פון אייגענע געטאָקטע פאָרמען, ווי עס טיילט זיך אויס אַן אייגענאַרטיקע מוזיקאַלע פראַזע אין אַן איינהייטלעכער קאָמפּאָזיציע. זיינע גראַציעזע, יונגע פיס קלאַפּן אויס דעם טאַקט פאַר דער קאָמפּאָזיציע.

— קלאַ־קלאַ, קלאַ־קלאַ, קלאַ־קלאַ...

אַ שוואַרצער פאַיעטאָן וויגט זיך אויפן ברוק פון גאַס אין טאַקט מיט די קאָפּיטעס־קלאַפּעריי. אינעם פאַיעטאָן זיצט עפּעס אַ פּאַרשוין מיט אַ ציגאַרעטל אין מויל און מיט אַ שטעקן אין האַנט.

און אָט שפּרינגט ער אַראָפּ פונעם פאַיעטאָן:

— אימעו טשעסט!... (כ׳האָב די ערע!...)

ס׳איז מילקאַ פלאַטאָוו.

— אַ שיין פערד, האַ? — זאָגט ער מיט שטאָלץ.

— זייער אַ שיין פערד — טראַכט זיך סאַשאַ.

— ס׳אַ שאָד צו האָבן אַזאַ וווּנדערלעך באַשעפעניש אין שפּאַן. ווי פּראַכטפול וואָלט ער אויסגעזען אויף אַ גרינער פּאַשע, נעבן אַ וועלדל, אונטערן בלויען הימל פון פרייען סטעפּ, ווו ער — אַ זאַטער, אַ נישט געצוימטער — וואָלט זיך געלאָזט לויפן אַנטקעגן דער זון ביים האָריזאָנט אין אַ ווילדן געוועט מיטן ווינט...

— אַנו, קום אַהער, ברודערקע — קום נעענטער אַהער. לאָמיך אַ גלעט טאָן דיך שטאָלצן האַלדז... ווי ווייך און איידל איז דיין הויט. מיין שטאָלצער אַגער...

— אַגער?!

דאָס מיידל אויפן דיוואַן האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול.

— וועקט זיך אויף — בירגער סטודענט — און גיט אַ קוק אויף מיר, זע איך אויס ווי אַן אַגער?...

זי האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— אין ערגסטן פאַל בין איך אַ קאָבילּיצע... פונדעסטוועגן, קאָנט איר מיך רופן סאָפיאַ; סאָפיושקאַ, אויב אייך איז ליב... און וועקט זיך שוין אויף, זייט אַזוי גוט. דעם פאַריקן אָוונט האָט איר געהאַט אַ פלעשל בראָנפן פאַר אַ קאָמפּאַניע, אָבער היינט וועל איך נישט לאָזן טרינקען אַזוי פיל... נאָר איין טרונק — איר ווילט אַ גלעזל?...

סאָפיושקאַ האָט געבראַכט אַ גלעזל...

סאַשאַ האָט געטרונקען לאַנגזאַם און האָט מיט אויפמערקזאַמקייט באַקוקט דעם פאַרנעפּלטן צימער. ער האָט זיך געמוזט אָנשטרענגען צו זען וואָס עס טוט זיך אַרום אים. דאַן האָט זיך פונעם נעפּל־רויך

אַרויסגעשניטן אַ קאָפּ רויטע האָר, ווייסע הענט און ווייסע פּיס.

— סאַראַטשקאַ?!

סאַשאַ איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם דיוואַן און האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט. איצט איז ער שוין געווען איינגאַנצן וואַך:

ס׳אַ נאַרישקייט. ווי קומט אַהער סאַראַטשקאַ? זי איז דאָך נאָך אַ קינד. אַ קינד?... אַ מאָדנע זאַך — עס האָט זיך סאַשען אויסגעדוכט אַז סאַראַטשקאַ איז פּלוצים אויסגעוואַקסן, אַז זי איז שוין מער נישט קיין קינד; נעכטן איז זי געווען אַ קינד און היינט אַ פרוי, ווי סאָ־פיושקאַ, ווי אַנדערע פרויען אינעם צימער, אָבער אַן אַנדערשדיקע.

ער האָט ווידער־אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער רויט־האָריקער מויד מיטן גלאַנצנדיקן פון קאָסמעטיק פּנים און ווייסע הענט... ס׳איז זיכער נישט געווען סאַראַטשקאַ. סאַשאַ האָט אָפּגעזיפצט מיט דער־לייכטערונג און דאָך... זי האָט אים געפעלט. ער האָט געפילט אַז זי פעלט אים. ער האָט געוואָלט זי האָבן דאָ, נעבן זיך אויפן דיוואַן, אָט אַזוי ווי ער האָט איצט דאָס בלאָנדע, זשוואַוועס מיידל, וואָס האָט אים צוריק אַוועקגעזעצט אויפן פּלאַץ און געקוקט אין זיינע אָפּ־וועזנדיקע אויגן מיט בענקשאַפט נאָך ענגער באַרירונג.

— אַ גאָט, וואָס שלעפּ איך אַריין דאָ סאַראַטשקען; זאָל עס זיין סאָ־פיושקע. זאָל עס זיין סאָפיושקע!...

ער האָט איר אַ גלעט געטאָן מיט דער דלאָניע איבער די יונגע, איידעלע האָר:

— מען רופט אייך סאָפיושקאַ?...

איצט האָט ער קלאָר געזען איר רונדלעך, כמעט קינדיש פּנים, ווי ער האָט געפילט די וואַרעמקייט פון איר גוף. זי איז געווען אַזוי נאָענט, אַזוי רייצנדיק און נאָכגעביק. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוועגדן פון דער נאָענטקייט מיט איר; די נאָענטקייט איז שוין גע־ווען אין אים אַליין, אין זיין פילן און וועלן. אַ פיינפולער דראַנג נאָך איר האָט אַרומגעכאַפּט זיין גאַנץ וועזן. ער האָט זי פּלוצים אַרומגע־נומען און געקושט אין דעם אומרויקן האַלדז. סאָפיושקאַ האָט זיך צעלאַכט און זיך צוגעפּרעסט צו אים מיטן ציטערנדיקן גוף.

— וועסט גיין מיט מיר, — האָט זי אויסגעשעפּטשעט, גלעטנדיק זיין פּנים מיט דער קליינער האַנט.

סאַשאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט אַ שמייכל געטאָן: אָט אַזוי פּשוט איז עס: „וועסט גיין מיט מיר".

דאָס מיידל האָט נישט פאַרשטאַנען דעם שמייכל. זי האָט נאָר דערפילט, אַז סאַשאַ גייט שוין ווידעראַמאָל אַוועק פון איר אין עפּעס אַן אַנדערער וועלט. אָ ניין, ער'ט נישט אַוועקגיין. ער'ט מיט איר בלייבן.

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם דיוואַן, אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט און אַ צי געטאָן נאָך זיך:

— קום, קום באַלד...

* * *

אין איר קליין, האַלב־פינצטערן, מיטן ריח פון פּאַרפום אָנגעפילטן צימערל, האָט זי זיך אויף שנעל אויסגעטאָן און האָט זיך אַוועקגע־שטעלט פאַר אים מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און פאַרמאַכטע אויגן.

סאַשאַ האָט גענומען איר קליינעם רייצנדיקן קערפּער און אַוועק־געלייגט אין בעט.

זי האָט געעפנט די אויגן און אויסגעצויגן צו אים די הענט און ליפּן:

— קום שנעלער, סאַשאַ...

* * *

אין מיטן נאַכט האָט זיך דאָס מיידל אויפגעוועקט. אַ ווייל האָט זי זיך געשפּילט מיט סאַשעס ווייכע האָר און געגלעט זיין הויכן שטערן. דאַן האָט זי זיך אויפגעהויבן, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ נאַכט־העמד און זיך גענומען נישטערן אין די קעשענעס פון סאַשעס קליידער, וואָס זענען געהאָנגען אויף אַ שטול ביים בעט. די קעשענעס זענען געווען פּוסט. זי האָט געדאַרפט זיין נישט צופרידן און איז גע־וואָרן אויפגעלייגט. זי האָט געשמייכלט צו זיך אַליין. זי האָט אים

בּישט געוואָלט האָבּן אַלס איינעם, וואָס קויפט איר לייבּ. זי האָט אים געוואָלט ליבּ האָבּן. זי האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— אַזאַ יאָלד, קיין קאָפּיקע ביי דער נשמה און ער קומט אין אַזאַ פּלאַץ. ווער וועט פאַר אים באַצאָלן?

דאַן האָט זי זיך פּלוצים דערמאָנט:

— ער איז דאָך מילקעס אַ „גאַסט".

אַ, גאָט, ווי אַזוי האָט זי געקאָנט אין דעם פאַרגעסן. ער האָט דאָך זי אַליין צום סטודענט צוגעשיקט.

זי האָט זיך דערמאָנט אין מילקעס ווערטער: הער זיך צו, סאָפּיושקאַ, דו בּיסט דאָך פאַר מיר אַ קלוג מיידל און דו ווילסט דאָך, מסתמא, האָבּן אַ גאָלדן זייגערל, איז געדענק זשע וואָס איך זאָג. טו אים אויס נאַקעט, אָבּער טו אים אויס אַזוי, ער זאָל שוין קיינמאָל זיין סטודענטן־רעקל אויף זיך נישט אָנטאָן. האַלט אים אין בעט אַ פּאָר נעכט און איכ׳ל אים האַלטן אַ פּאָר נעכט ביים בּוטל און ביי די גרינע טישלעך. ער וועט מיך קאָסטן אַ בּערגל גאָלד, אָבּער ער׳ט שוין פון מיין האַנט עסן. דו וועסט זען סאָפּיושקאַ, ער׳ט שוין מיינע שיך פּוצן, ער און זיין טאַטע, ווי הייסט ער דאָרטן, מוזשלאַן, מוזשלאַנאָוויטש מוזשלאַנאָוו...

— אַזאַ גאַרנישט, וואָס האָט ער צום סטודענט?... ער וועט דאָך אים צעטאָפּטשען... מען מוז אים פון דאַ באַלד אַרויסשאַרן איידער ס׳איז נישט צו שפּעט....

— אַ ניין, זי וועט עס נישט טאָן, זי מוז אים האָבּן, כאָטש נאָך איין טאָג, כאָטש נאָך איין נאַכט. זאָל ער דאַ מיט איר בּלייבּן... און מילקאַ?... אַ גאָט, מען מוז אים באַלד אויפוועקן און זאָל ער באַלד פון דאַנען אַטלויפן. אפשר וועט ער צוריקקומען און וועט זיין סאָפּיושקאַ פון דאַנען אויסלייזן. ער וועט זיכער צוריקקומען. ער איז דאָך אַזאַ שטאַרקער, אַזאַ איידעלער.

סאָפּיושקאַ איז צוגעשפּרונגען צום בּעט און אַ טרייסל געטאָן סאַשען פאַרן אַקסל:

— שטיי אויף, סאַשע, שטיי אויף שנעל.

— האַ?... וואָס איז געשען.

— שטיי אויף און טו זיך אָן, אָבער שנעל... טו נישט אָן די שיך. וועסט זיי אָנטאָן אין גאַס. כ׳וועל דיך אַרויספירן דורך דער הינטער־שטער טיר...

ביים זייטיקן טויערל פון הויף האָט זי אים צו זיך צוגעצויגן:

— נעם מיך אַרום, נעם מיך אַרום שטאַרק... נו גיי, און קום קיינ־מאָל נישט צוריק... זי האָט עס געזאָגט אימפּולסיוו און האָט זיך צו סאַשען אויסגעדרייט מיטן רוקן. זי האָט אים נישט געוואָלט באַווייזן אירע טרערן.

ביי זיך אין צימערל, וואָס סאַשאַ האָט געטיילט מיט אַ חבר־סטודענט, האָט ער געפונען אַ טעלעגראַם:

עס איז געווען אַ טעלעגראַם פון מליני.

— קום באַלד אַהיים, כ׳דאַרף האָבן דיין עצה בנוגע דער עלעק־טרישער סטאַציע. פּאַפּאַ.

ער האָט זיך באַלד אָנגעהויבן גרייטן אין וועג, אָבער געטראַכט האָט ער נישט וועגן דער סטאַציע. ער האָט געטראַכט וועגן סאַראַטש־קען, וואָס איז שוין מער קיין קינד נישט געווען.

25
מזל־טוב

געקומען אַהיים פון וואַלד איז אהרן לעסניק מיט אַ דאָפּלטן געפיל: פון באַפרידיקונג און זאָרג. ער איז געווען צופרידן מיט דער אייגענער פעיקייט צו געפינען אַ געמיינזאַמען לשון מיט מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַנדערע אינטערעסן, באַגריפן און טעמפּעראַמענט. ער האָט געהאַט נאָך אַ געלעגנהייט זיך איבערצייגן, אַז זיין גלויבן אינעם שכל הישר פון נאָרמאַלע מענטשן איז נישט געבויט אויפן זאַמד. ער האָט דערגרייכט אַ קאָמפּראָמיס און איז געווען צופרידן מיט דעם.

דער קאָמפּראָמיס האָט אים אָבער רואינירט פינאַנציעל. די הכנסה פונעם וואַלד האָט איצט נישט געקאָנט דעקן זיינע חובות, וואָס זענען געווען גרויס. ער אַליין איז אין דעם געווען שולדיק, ער האָט אַזוי לאַנג נישט געגלויבט, אַז די אינפלאַציע וועט בלייבן און אַזוי לאַנג געגלויבט אין דעם נאָרמאַלן עקאָנאָמישן לעבן, אַז ער איז סוף כל סוף געבליבן מיט ליידיקע הענט, אָן שום אָפּשפּאָרונגען פון האַרטן געלט, אָדער ווערטפולע זאַכן. ער האָט נאָך אַלץ געלעבט אין אַ וועלט פון פּאַפּירן־געלט, ביז זיין פאַרמעגן איז געבליבן אַ פּאַפּירענע דערמאָנונג און אפילו דערמאָנונג האָט אים שוין אויסגעפּעלט. אויב עפּעס האָט אים געראַטעוועט פון באַנקראָטירן, איז דאָס געווען זיין נאָמען פון אַן אָרנטלעכן, זויבערן מענטש. ער האָט נישט געהאַט קיין שום שוועריקייט צו קריגען אַ הלואה אין אַ באַנק, אָדער ביי אַ פּריוואַטן מענטש און ער האָט באַוויזן ווי נישט איז זיך האַלטן אויף די פיס אַלס אַן אונטערנעמער, כאָטש זיין אייגן הויז איז שוין פאַקטיש געווען עמעצנס אייגנטום; אַ זאַך וואָס ער האָט געהאַלטן בסוד פאַר דער גאַנצער משפּחה.

אין דער הינזיכט האָט ער געמוזט אָנערקענען זיין מפּלה; עס האָט אויסגעזען אַלס אַ סוף פון זיין אונטערנעמערישער קאַריערע. עס האָט זיך ווייזט אויס דערנענטערט די צייט, ווען, ווי איליא סעמיאָנאָוויטש ליעקאַר האָט עס באַצייכנט, אַ מענטש האָט זיך געמוזט לערנען לעבן אויפן נייעם אופן.

ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן פאַרפירן אַ פּויערישע באַלעבאַטישקייט און באַאַרבעטן ערד. ער האָט אויך געזוכט עפּעס אַ געביט, ווו ער וואָלט געקאָנט געפינען באַשעפטיקונג פאַר זיינע אַדמיניסטראַטיווע פעיקייטן.

ער האָט זיך געגומען ענערגיש צו בויען אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַר עלעקטרישער באַלויכטונג פון שטאָט.

ער האָט פיל גערעדט וועגן עלעקטריציטעט מיטן טעלעגראַפיסט איוואַן דזיובאַ, וועלכער איז געווען אַ מומחה אויף דעם געביט. זיין אומגעדולד אָנצוהויבן דאָס בויען פון דער עלעקטרע סטאַציע אין

מליני אַזוי שנעל ווי מעגלעך איז אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי אַרויסרופן סאַשען אַהיים מיט אַ טעלעגראַמע. סאַשאַ איז געווען אַ סטודענט פון פּאָליטעכניקום אין כאַרקאָוו, און האָט געהאַט באַשלאָסן אויסצונוצן זיין זומער־וואַקאַציע פאַר פּראַקטישער אַרבעט אין אַ פאַבריק, כדי זיך בעסער צו באַקענען מיט די מאַשינען, מיט וועלכע ער האָט שפּעטער געדאַרפט האָבן צו טאָן אַלס אַן אינזשיניער. אהרן האָט זיך געוואָלט עצה'ן מיט אים וועגן דעם מין מאַשינען און אַנדערע אָנגעלעגנהייטן, אין פאַרבינדונג מיט דער אונטערנעמונג, וואָס איז שוין איצט נישט געווען זיין פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט, און האָט אים דאָך שטאַרק באַגייסטערט.

סאַשעס קומען אַהיים האָט אָבער געהאַט אַן אָפּקלאַנג, וואָס אהרן האָט זיכער אין זינען נישט געהאַט.

ווען אהרן האָט וועגן דעם דערציילט אַבראַשקען, האָט זיך אַבראַשקע צעשמייכלט צופרידן: — וועלן מיר הייסט עס האָבן מיט וועמען צו שפּילן שאַך, האַ?...

ס'איז אָבער געווען נאָר אַן אָנשטעל. ער איז געוואָרן באַאומרויקט פון דער נייעס. עס האָט אים פּשוט געפּלאָגט דאָס געוויסן. ער איז אין דעם נישט געווען אינגאַנצן זיכער, אָבער עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט צוגענומען ביי סאַשען זיין מיידל; אַז סאַראַטשקע איז געווען סאַשעס מיידל, איז געווען אַן אָנגענומענע זאַך איןביידע משפחות, ביי די לעסניקס און ביי די גאָטליבס, כאָטש קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען דאָס איז געדרונגען.

אַ וואַרעמע באַציונג צווישן אַבראַשקען און סאַראַטשקען האָט זיך אַנטוויקלט צוביסלעך, אָן באַזונדערע אָנשטרענגונגען פון זיי ביידע... סאַראַטשקען האָט געפעלט אַ פריינד, מיט וועלכן זי זאָל זיך פילן אָנגענעם, מיט וועלכן זי זאָל זיך פילן ווי אַ האַרציק מיידל און נישט בלויז ווי אַ שיינע זאַך, באַשאַפן צו דערפרייען עמעצנס אויג, אָדער צו באַפרידיקן עמעצנס לוסט. אַבראַשקאַ איז געווען אַזאַ איינער און כאָטש ער איז אַליין געווען נישט שיין, האָט ער אָבער געהאַט זיינע אייגענע חנ'ען. זי האָט די חנ'ען באַלד באַמערקט און האָט געהאַט

הנאה פון זיי. די זייטיקע מענטשן האָבן זיך געחידושט און געפרעגט: וואָס האָט זי דערזען אין דעם דאָזיקן שלימזל. אפילו משה גאָטליב, וועלכער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון זיין ציניש אין סאַראַטשקעס אָנ־וועזנהייט, אפילו איר אייגענער טאַטע האָט צו איר איינמאָל געזאָגט: „סאַראַטשקאַ, זיי אַזוי גוט, זאָג מיר: וואָס האָסטו געפונען אין דעם פאַרזעעניש״. איז סאַראַטשקאַ ס׳ערשטע מאָל אין איר לעבן געוואָרן אין כעס אויף איר טאַטן, אָבער טאַקע אויף אַן אמתן: — אַ פאַרזעע־ניש?!... ווי וואַגסטו אַזוי רעדן וועגן אַבראַשקאַן? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין באַציִונג צו אַ מענטשן, וואָס דו האָסט זיך אפילו נישט גע־געבן די מי׳ אַ וואָרט מיט אים אויסרעדן, כאָטש אַראָן איסאַיעוויטש האָט אים ליב, ווי אַן אייגענעם זון? אַבראַשקאַ איז אַ שיינער, איידע־לער, האַרציקער מענטש... פאַר אַזוינע מענטשן דאַרף מען זיך פאַרנייגן.

משה גאָטליב האָט זיך אַזש צעלאַכט פון דעם אויסברוך און פון סאַראַטשקעס אויסזען. זי האָט אים דערמאָנט אין אַ מוטער־חיה, אין אַ שיינער טיגער־מאַמע, וואָס באַשיצט דעם אייגענעם זויגלינג פון עפּעס אַ דראָונג. ער האָט נישט געוואָלט האָבן אַבראַשקאַן פאַר זיינס אַן איידעם, אָבער גראָד סאַראַטשקעס אויסברוך האָט פאַר אים קלאָר געמאַכט, אַז אַזוי ווייט וועט עס נישט גיין. סאַראַטשקאַ האָט געדאַרפט האָבן נישט אַ זיס קינד צו באַשיצן פון דער בייזער וועלט, נאָר אַ מאַן, וועלכער זאָל זי באַשיצן, און אַזוי ווי משה האָט געגלויבט, אַז סאַ־ראַטשקע האָט שכל און וועט סוף־כל־סוף אָפּגעבן זיך אַ רעכענונג פון דעם, וואָס עס קומט מיט איר פאָר, האָט ער די גאַנצע געשיכטע פאַרוואַנדלט אין אַ וויץ.

סאַראַטשקאַ האָט זיך אָבער נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון פון דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט איר. איר איז אָנגענעם געווען צו זיין מיט אַבראַשקען צוזאַמען, באַזונדער נאָך איר דערפאַרונג מיט מילקע פלאַטאָוון. חוץ דעם האָט ער איר געהאָלפן פאַרזעצן די ביל־דונג. מיט אים האָט זי געהאַפּט אָניאָגן די פאַרלוירענע צייט צוליב פאַרלאָזן די גימנאַזיע. זי האָט פאַרבראַכט שעה׳ן לאַנג מיט אַבראַש־קען אין לעסניקס הויז, אָדער אין דער ראָשטשע. זי האָט מיט אים

צוזאַמען געלייענט ביכער, אָדער געלייזט אַלגעברישע פּראָבלעמען, די מאַטעמאַטיק האָט זי נישט געקאָנט פאַרטראָגן און האָט זיך צוליב דעם מיט אַבראַשקאַן געקריגט: — ווער דאַרף האָבן דעם גאַנצן אומזין מיט די אותיות וואָס מען לייגט זיי צוזאַמען און מען טייטשט אין זיי אַריין די מאַמע ווייסט וואָס? אָבער אַבראַשקאַ האָט געהאַט אַ זעלטענע פעיקייט זיך נישט צו קריגן, אפילו ווען מען האָט זיך מיט אים געקריגט. ער פלעגט אויסהערן סאַראַטשקען מיט אַ שמייכל און פלעגט איר דערקלערן די זאַך אַזוי, אַז עס האָט שוין יאָ געהאַט אַ זין. איינמאָל איז זי אַזוי געווען באַגייסטערט פון אַ דערקלערונג, אַז זי האָט געכאַפּט אַבראַשקאַס קאָפּ אין אירע הענט און האָט אים צעקושט די ליפּן...

אַזוי איז עס געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך. סאַראַטשקאַ האָט זיך געלערנט ביי אַבראַשקאַן מאַטעמאַטיק, זיך אָנגעלענט מיט איר בייגעוודיקן קערפּער אויף זיין שוואַכן שולטער, צומאָל זיך געטוליעט מיט איר שיינעם פּנים צו זיין איידעלן ווייסן שטערן, געקושט זיינע ליפּן און באַקן ביי יעדן אויפברויז פון באַגייסטערונג פאַר איר לערער, און עס האָט זיך זיי ביידע געדוכט, אַז דאָס דאַרף אַזוי זיין, אַז ס'וועט אַזוי אייביק זיין.

אַבראַשקאַ האָט אָבער נישט געקאָנט לעבן צו לאַנג מיט אַן אילוזיע. זיין שכל איז געווען צו שאַרף און מאָנענדיק. ער האָט געהאַט אַ מאָטאָ אין זיין לעבן און פלעגט אָפטמאָל ציטירן די ווערטער: „נישט וויינען, נישט לאַכן און נישט האַסן, נאָר פאַרשטיין". אפשר איז עס געווען אַן איינזייטיקע אידעע פאַר אַ יונגן מענטש, אָבער אַזאַ איז ער געווען און ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן סאַשאַס קומען אַהיים, האָט ער זיך פאַרטראַכט אויף זיין אייגענעם אופן.

* * *

דער אָוונט אין דער ראַשטשע איז געווען אַזאַ ווי אַלע אַנדערע זומער־אָוונטן, ווען עס איז דאָ אַזוי פיל טעטיקייט און קלאַנגען אין דער נאַטור, נאָר עס דוכט זיך, אַז ס'איז שטיל, אַז די שטילקייט לאָזט זיך הערן אין יעדן שאָרך פון בלאַט אויף אַ שווייגנדיקן בוים,

אין יעדן צווירטש פון אַ וואַכענדיקן פויגל. יעדנפאַלס, אַבראַשקאַ האָט געהאַט אַזאַ איינדרוק, ווען ער איז געקומען צוזאַמען מיט סאַראַטשקען אין דער ראַשטשע.

עס האָט אים דאָ גאָרנישט געשטערט זיך צו באַשעפטיקן מיט דעם, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט. ער האָט געפונען אַן אַלטן פעניאַק, געהאָלפן סאַראַטשקען זיך אַוועקזעצן אויף אים. ער האָט זי לאַנג באַטראַכט פון דער ווייטן, באַמערקט אַ וואָלקן פון עפּעס אַ פאַרדרוס אויף איר פּנים, און האָט שליסלעך געזאָגט שטיל:

— ע־ע־ע, דאָס איז נישט יושרדיק....

סאַראַטשקע האָט זיך אימפּולסיוו זיך אַראָפּגעכאַפּט פונעם פעניאַק און האָט געפּרוּווט אויסטיילן איר ווילן לערער אַ האַרציקן קוש. אַבראַש־קאַ האָט זי איידל פון זיך אָפּגעשטופּט און צוריק אַוועקגעזעצט אויפן פעניאַק. זי האָט צו אים אַרויפגעקוקט מיט חידוש אין די אויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט פרעגן: וואָס קומט דאָ פאָר?

אַבראַשקאַ האָט דעם בליק אויפגעכאַפּט און זיך צוגעאײַלט מיטן ענטפער.

— דו חידושסט זיך, סאַראַטשקאַ — האָט ער געזאָגט מיט אַ רויקן טאָן פון אַ גוטן לערער — פאַרוואָס איך האָב דיך אַהער געבראַכט. וועל איך דיר דאָס באַלד דערקלערן, אויב דו וועסט זיין אַ גוט מיידל און זיך גוט צוהערן צו מיינע ווערטער.

— עס זענען פאַרביי נאָר עטלעכע וואָכן זינט מיר האָבן זיך באַקענט, אָבער מיר פירן זיך שוין אויף ווי צוויי פאַרליבטע... ווייזט אויס, אַז עס ציט אונדז איינער צום אַנדערן, ווייל מיר האָבן וואָס צו געבן איינער דעם אַנדערן. וואָס דו האָסט אין מיר געפונען, איז מיר נישט אינגאַנצן קלאָר און אפילו אַז יאָ, איז דאָס עפּעס נישט שיין צו רעדן וועגן זיך אַליין. וועגן דיר אָבער בין איך זיכער, אַז דו וואָלסט מיר געקאָנט געבן דאָס, וואָס מיין אומגליקלעכע מאַמע האָט נישט באַוויזן צו טאָן. כ׳האָב אַ סך געטראַכט וועגן דעם און איך ווייס עס אויף זיכער, אַז אונדזערע באַציונגען האָבן אין זיך מער עלע־

מענטן פון באַציונגען צווישן מוטער און קינד, ווי פון די באַציונגען צווישן מאַן און פרוי...

סאַראַטשקאַ האָט געעפנט איר מויל צו פּראָטעסטירן, אָבער אַב־ראַשקאַ האָט זי אָפּגעשטעלט מיט אַ ווייכן זשעסט פון האַנט און באַ־רויקנדיקן שמייכל:

— ווען איך וואָלט נישט געוואָלט צעשטערן די שטילקייט פון דער ראַשטשע, וואָלט איך זיך איצט פאַרשאַפן דעם פאַרגעניגן צו לאַכן פון זיך אַליין. ס'איז באמת קאָמיש, אַזאַ דערוואַקסענער מענטש ווי איך בין שטעלט זיך אַוועק אונטער אַ בוים און דערקלערט זיך אין ליבע... פון אַ קינד צו זיין מאַמען.

סאַראַטשקאַ האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון שמייכלען.

— אָבער וואָס קאָן מען טאָן, אַז דאָס לעבן איז אַזוי רייך אין קאָלירן. עס איז דאָך ממש נישטאָ קיין קאָמבינאַציע פון באַציונגען צווישן מענטשן, וואָס זאָל נישט קומען צום אויסדרוק ביי אַ געלעגנ־הייט...

סאַראַטשקאַ האָט אָנגעהויבן זיך איינהערן אין אַבראַשקאַס ווער־טער ווי אַ געטרייע שילערין.

— וואָס שטעלסטו מיט זיך פאַר, טאַראַטשקאַ, ווי איך זע דיך?

— דו ביזט אַ מאַמע, נישט סתם אַ פרוי, נאָר אַ מאַמע און נישט סתם אַ מאַמע, נאָר אַ פריילעכע, לעבנס־לוסטיקע מאַמע, וועלכע איז פעיק אַ גאַנצע כאַליאַסטרע קינדער אויף דער וועלט ברענגען און זיי גליקלעך מאַכן. איך בין אָבער ליידער נישט קיין מאַן, וואָס טויג זיך אויס צו ווערן אַ פאָטער פון קינדער, וואָס איז פעיק צו געבן גליק פון צוזאַמענלעבן פאַר זיין פרוי און זיין גאַנצער משפחה. גאָט זאָל אָפּהיטן פון אַזאַ שלימזל, ווי איך בין.

סאַראַטשקאַ האָט ווידער געפּרוווט פּראָטעסטירן:

— אַבראַשקאַ!...

אַבראַשקאַ האָט זי ווידער אָפּגעשטעלט מיט דער האַנט און זיין גוטמוטיקן שמייכל:

— כ'וויס סאַראַטשקאַ, כ'וויס, אַז דיר איז דאָס נישט אַזוי אָנגענעם צו הערן, אָבער מען דאַרף קאָנען קוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן, ווי מיין ברודער סיאָמע האָט ליב דאָס צו זאָגן. כ'בין נישט קיין מאַן, וואָס וועט דיך אויף זיינע הענט נעמען און צו זיך אין נעסט ברענגען. אויב איכ'ל דאָס פּרווון טאָן, וועלן מיר זיך ביידע איבערקוליען און ס'וועט זיין אַ לייטישער געלעכטער.

סאַראַטשקאַ האָט אַ שמייכל געטאָן נישט־ווילנדיק

— דו זעסט, דו שמייכלסט אַליין, ווייל אייגנטלעך ביזטו גרייט מיך צו טראָגן אויף דיינע הענט, ווי דיין אייגן קינד, און שטיפן מיט מיר ווי מיט דיין אייגן קינד...

סאַראַטשקאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אַבראַשקע האָט איר ווידעראַמאָל עפּעס דערקלערט, אָבער איצט האָט זי נישט געהאָט קיין פאַרלאַנג אָפּצודאַנקען אים פאַר דעם מיט אַ קוש. זי האָט געליטן פון דער נויטיקייט זיך צו שיידן מיט אַן אָנגענעמען חלום.

אַבראַשאַן האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ. ער האָט נישט געוואָלט שטעלן סאַראַטשקען אין פאַרלעגנהייט. ער האָט אויך געוואָלט האָבן ס'מיידל פאַר זיך. מאַמע צי נישט מאַמע, אָבער אַזאַ סאָרט באַציונג ווי ער האָט צו איר געהאַט, האָט צו גאָר נישט געפּירט. ער האָט פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון דעם וואָס ער האָט געטאָן, און דאָס האָט פאַרלייכטערט זיינע יסורים.

— אַזוי איז עס, סאַראַטשקאַ, — האָט ער פאַרגעזעצט נאָך אַ רגע שווייגן — אַזוי איז דאָס איצט. אָבער עס וועט זיך ענדיקן מיט אַ ביטערער אַנטוישונג אויב מירן נישט מאַכן גיך אַ סוף צו דעם.

— פאַרוואָס אַ סוף? — האָט סאַראַטשקע פּראָטעסטירט.

— ווייל סאַשאַ קומט מאָרגן אַהיים.

— וואָס האָט סאַשאַ צו טאָן מיט דעם?

— ער איז דיין בחור.

— ווער האָט דיר געזאָגט?

— איך ווייס.

— וואָס ווייסטו. דו ווייסט גאָרנישט! איך האָב אים פיינט!... איך וואָלט אים מיט מיינע אייגענע הענט אויף שטיקלעך צעריסן... קיין מענטשלעך וואָרט הערט מען נישט פון אים, נאָר ער בייזערט זיך: „נעם צו דיינע האָר... ס'איז מיר נישט באַקוועם". ס'איז אים נישט באַקוועם, דו פאַרשטייסט עס אַבראַשקאַ, נישט באַקוועם!... אַן אַנדער מיידל וואָלט... כ'ווייס אַליין נישט, וואָס זי וואָלט אים געטאָן... און איך וואָס? — איך האָב דאָס תמיד גענומען אַזוי ווי עס וואָלט מיר געקומען. פאַר וואָס, פאַר ווען?... זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז.. האָב איך דען אים אַמאָל אַן איבעריק וואָרט געזאָגט. האָב איך דען פאַר אים אַמאָל זיך באַקלאָגט, אַז עס טוט וויי?

סאַראָטשקאַ האָט אָנגעהויבן פּינטלען מיט די אויגן.

אַבראַשקאַ האָט געדולדיק געוואַרט ביז זי וועט זיך באַרויקן. ער האָט זי נישט געפּרוווט טרייסטן. ווען ער האָט דערפילט אַז זי האָט זיך באַרויקט, האָט ער שטיל געזאָגט:

— נו, זעסט שוין אַליין, אַז דו האָסט אים ליב, אַז דו האָסט אים ליב אַזוי, ווי אַ פרוי האָט ליב איר מאַן.

סאַראָטשקאַ האָט ווידעראַמאָל אָנגענומען אַ קאַמף־פּאָזע.

— עס איז נישט אמת. איך האָב אים פיינט און ער קאָן מיך נישט פאַרטראָגן.

— האָסטו שוין געזען עמעצן חוץ סאַשען, וואָס קאָן דיך נישט פאַרטראָגן?

— ניין! אָבער... דו זעסט דאָך אַליין ווי ער באַנעמט זיך צו מיר.

— זיכער, איך זע ווי ער באַנעמט זיך, אָבער ער איז אַן אויסנאַם און מען דאַרף זען פאַרוואָס איז ער אַן אויסנאַם און וואָס עס באַהאַלט זיך אונטער זיין מאָדנער באַנעמונג.

— גאָרנישט איז באַהאַלטן. ער איז אַ שלעכטער, דאָס איז דער גאַנצער אמת.

— ניין, סאַראָטשקע, ניין! דאָס איז נישט אַזוי. ער איז נישט קיין שלעכטער. ער איז נאָר אַזוי צוריקגעהאַלטן ווי אַ פאָטער איז צו־

ריקגעהאַלטן מיט זיין טאָכטער, וועלכע איז אַזוי שיין, אַז ער קאָן אין זיך נישט די מענערשע אינסטינקטן אינגאַנצן דערדריקן.

— ווי לאַנג קענט איר זיך שוין ?

— ווער קאָן דאָס געדענקען ?

— דו זעסט, איר קענט זיך שוין אַזוי לאַנג און זינט ער געדענקט דיך ביזטו געווען אַ קליין מיידל, תמיד קלענער און נאַרישער פון אים. ער געדענקט דיך נאָך, מסתמא, מיט דער זייג־פלאַש אין דיין מויל. איך קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי דו האָסט דעמאָלט אויסגעזען, אַ רויט פעמפיקל מיט גרינע אויגן.

סאָראָטשקאַ האָט זיך שטיל צעלאַכט :

— ער איז נישט פיל עלטער פון מיר, אינגאַנצן מיט צוויי יאָר.

— פאַר קינדער איז עס אַ גרויסער אונטערשיד. פאַר סאַשען ביזטו תמיד געווען זיין קליינע שוועסטערל און אַזוי ביזטו פאַר אים געבליבן. שעמט ער זיך מיט זיין מענערישן דראַנג נאָך דיר, אַזוי ווי דיין אייגענער ברודער וואָלט זיך מיט דעם געשעמט. איך קאָן נישט דיין ברודער העסיאַ און איך ווייס נישט ווי אַזוי דו קומסט אויס מיט אים, אָבער איך בין זיכער, אַז ער באַגייט זיך מיט דיר אויך נישט צו איידל.

סאָראָטשקאַ האָט זיך פאַררויטלט און אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

— אָבער סאַשאַ איז נישט העסיאַ. ער איז נישט דיין ברודער. ער איז נישט אַ גאָטליב, ער איז אַ לעסניק, אהרן לעסניקס אַ זון. ער איז שטאַרק, ער איז שיין. ער האָט דיך ליב און וועט צו דיר קומען אַזוי שנעל, ווי ער וועט זיך באַפרייען פונעם געפיל, אַז ער באַעוולט דיך מיט זיין עראָטישן דראַנג נאָך דיר. אַז דאָס וועט פּאַסירן, וועט ער ווערן אַן אַנדערער סאַשאַ : ער וועט דיר מער זיסע ווערטער אין אויער איינרוימען, ווי דו האָסט מיר איינגערוימט...

אַבראַשקאַ האָט אויפגעהערט רעדן און אַ קוק געטאָן אויף סאָ־ראָטשקאָן. זי איז געזעסן מיט אַ ביסל צעעפנטן מויל און מיט אַן אָפּוועזנדיקן בליק, פאַרחלומט, פאַרגעסן ווו און מיט וועמען זי געפינט זיך איצט.

זי האָט געשמייכלט צו סאָשען, זי האָט אים אַלץ פֿאַרגעבן און געשמייכלט צו אים מיט אַבראַשקאַס שמייכל.

אַבראַשקאַ האָט אומבאַהאָלפֿן אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט זאָגן: — וואָס קאָנסטו טאָן; אַזאַ ביזט! געבוירן אויף דער וועלט. ער האָט זיך שטיל אויסגעדרייט אויפֿן פּלאַץ און איז לאַנגזאַם אַוועק אַהיים, אַן איינזאַמער מענטש נאָך מער, ווי ער איז געווען פֿאַר זיין באַקענען זיך מיט סאַראַטשקען.

סאַראַטשקאַ האָט אים דעריאָגט אין אַ מינוט אַרום.

— וואַרט אַ ווייל — האָט זי צו אים געשריגן פֿון ווייטן — וואַרט אויף מיר. דו גייסט אַזוי שנעל, אַז איך קאָן דיך נישט דעריאָגן. דאָס איז אויך נישט יושרדיק.

אַבראַשקאַ האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אויסגעדרייט צו סאַ־ראַטשקען מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט — נו, קום, צוזאַמען....

* * *

ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס סאַראַטשקאַ האָט זיך גע־גרייט צו דער באַגעגעניש מיט סאָשען און האָט אַזוי פֿיל צייט אָפּגע־געבן פֿאַרן אָנטאָן און צוקעמען זיך. זי האָט געביטן עטלעכע מאָל דאָס קלייד, איבערגעקעמט עטלעכע מאָל די האָר און זי וואָלט, מסתמא, מיט דעם קיינמאָל נישט פֿאַרטיק געוואָרן ווען איר מאַמע, נאַדיע גאָטליב, וואָלט זיך אויף איר נישט גענומען בייזערן:

— אפֿשר וועסטו שוין אויפֿהערן זיך דרייען פֿאַרן שפּיגל — האָסט נישט גענוג חן אָן דעם? צי אפֿשר האָסטו נישט גענוג צרות?

סאַראַטשקאַ האָט זיך נישט געפֿילט באַליידיקט. זי האָט זיך אָנגעשטעקט מיט אַבראַשקעס שכלדיקער באַציונג צו מענטשלעכע עמאָ־ציעס און האָט פּלוצים אַנטדעקט, אַז איר מאַמע איז שוין נישט אַזוי בייז, ווי זי מאַכט דעם איינדרוק; אַז זי איז אין אמתן אומגליקלעך. אַז זי איז פֿאַרשקלאַפֿט ביי די טעפּ אינעם רעסטאָראַן און אינדערהיים; אַז אַן אַנדערע פֿרוי אויף איר פּלאַץ וואָלט איינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן.

האָט זי געמאַכט פאַר אַ געוווינהייט צו קושן איר מאַמען ווען זי פלעגט זיך בייזערן, און ס׳האָט געווירקט.

אַזוי האָט סאַראַטשקאַ אויך איצט געטאָן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער מאַמען און איר געקושט אַזוי לאַנג ביז נאַדיע איז ווייכער געוואָרן און זיך צעשמייכלט:

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, נאַרישע מויד, גיי קוש זיך מיט דיין חתן.

— איכ׳ל דאָס טאַקע טאָן, און איכ׳ל דאָס טאַקע טאָן, אייך אַלע־מען אויף צו להכעיס — האָט זיך סאַראַטשקאַ צעלאַכט.

ביי לעסניקן אין הויז האָט זי דאָס אָבער נישט געפּרוּווט טאָן. זי האָט זיך געפילט פאַרלוירן. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. זי האָט נישט געוואָגט אויפהויבן די אויגן אַ קוק צו טאָן אויף סאַשען.

סאַשאַ איז געווען אין דעם זעלבן צושטאַנד. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז אָט וועט ער אויפהויבן די אויגן און דערזען פאַר זיך סאַפּיושקאַן, אַז זי וועט אים נעמען פאַר דער האַנט און זאָגן: — וועסט מיט מיר גיין... און ס׳וועט זיין אויס חלומות, און ס׳וועט זיין איין פרעמדער גוף מיטן צווייטן פרעמדן גוף פאַרייניקט.

ער האָט איצט געוווּסט אויף זיכער, אַז סאַראַטשקאַ איז שוין מער נישט קיין קינד. ער האָט זי איצט געזען אַזוי ווי זי איז געווען. ער האָט געדאַרפט האָבן צייט זיך צוגעוווינען צו דער פרוי סאַראַטשקאַ. זיין טאַטע האָט אים נישט ווילנדיק אין דעם אַרויסגעהאָלפן. ער האָט סאַשען לאַנג געהאַלטן אין זיין אַרבעט־צימער. ער האָט געוואָלט אַרויס־קריגן פון סאַשען אַזוי פיל אינפאָרמאַציע וועגן עלעקטרישער באַ־לויכטונג, ווי מעגלעך.

סאַשאַ איז אַליין געווען פאַרקאַכט אין דער וועלט פון עלעקטראָ־טעכניק און געקאָנט אויסגעצייכנט די עלעקטראָ־פיזיק פון דער צייט. ער איז אויך געווען גוט באַקאַנט מיטן צושטאַנד פון דער אינדוסטריע פאַר עלעקטרישע מכשירים אין רוסלאַנד. ער איז געווען אַ זאַכלעכער מענטש און האָט דעם פאָטער געגעבן די נויטיקע אינפאָרמאַציע, אָבער ער

האָט וועגן דעם נישט געוואָלט טראַכטן און צום סוף געזאָגט צום טאַטן:

— נו, דאָס איז דוכט זיך אַלץ. ס'טוט ביי מיר אַ ביסל וויי דער קאָפּ. כ'וועל אַרויסגיין אינדרויסן צו שעפּן אַ ביסל לופט.

אַרויס פון טאַטנס אַרבעט־צימער, איז ער צוגעגאַנגען צו סאַראַטשקען, געוואָלט עפּעס זאָגן און האָט בשום אופן נישט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיק וואָרט. ער איז אַפילו נישט געווען זיכער צי ער דאַרף עפּעס זאָגן, צי ער דאַרף עפּעס טאָן חוץ קוקן אויף סאַראַטשקען און האָבן הנאה פון דעם: אַזוי פיל ליכט איז געווען אין דעם מיידל, וואָס האָט זיך איצט אויפגעהויבן פון שטול און געשטאַנען פאַר אים ווי אין חלום, קיינעם נישט געזען, קיינעם נישט געהערט, פאַרגעסן אַז זי געפינט זיך אינמיטן שטוב און עס איז דאָ נאָך עמעצער חוץ סאַשען. דער חלום האָט סאַשען געלאָקט, געצויגן מיטן כוח פון אוממיטלבאַרן לעבן. ער האָט אָנגענומען סאַראַטשקען מיט דער שטאַרקער האַנט פאַרן פּנים און צוגעפּרעסט זיינע ליפּן צו די ווייסע ציין פון איר אָפענעם מויל: סאַראַטשקע האָט פאַרמאַכט איר מויל, האָט זיך צו־געטוליעט צו סאַשען מיטן גאַנצן קערפּער.

פּלוצים האָט זי אים אָפּגעשטופּט פון זיך מיטביידע הענט און האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול. ס'האָט זיך איר דערמאָנט דאָס ווערטל: „מזל־טוב! דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען". זי האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם ווערטל. זי האָט נישט געקאָנט דאָס ווערטל האַלטן אין זיך. זי איז צוגעלאָפן צו סאָניען און זי אַרומ־גענומען פון הינטן. סאָניע איז געזעסן ביים פענצטער און אויסגענייט אַ האַנטעך, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַלע אַנדערע אַזוינע האַנטע־כער, אויסגענייט פון אירע טיכטיקע, אומדערמידלעכע הענט אין משך פון אַזויפיל יאָרן. סאַראַטשקע האָט אַ קוש געטאָן סאָניען אין דער באַק און אַ שעפּטשע געטאָן אויפן אויער:

— „מזל־טוב! דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען".

סאָניע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ שמייכל געטאָן:

מזל־טוב טאָכטער.

26

לאָמיר איר ווינטשן גליק...

נאָך דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס'איז געשאַפן געוואָרן דער נייער קאָאָפּעראַטיוו פאַר דער עלעקטרישער באַלויכטונג פון מליני, איז אהרן לעסניק געגאַנגען אַהיים צוזאַמען מיט אָסטאַפּ באָנדאַר. מען האָט זיך אויסגעקליבן אַ וועג גראַד נישט מיט דער גאַס, נאָר מיטן ברעג פון טייך און מען האָט געשמועסט. אַ שטילער אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער רויקער שטאָט און דער אָוונטיקער הימל האָט זיך געשפּיגלט אינעם טייך, ווי עס שפּיגלט זיך אַן אויסגערוט, זאַט פּויעריש מיידל, ווען זי האָט נישט וואָס צו טאָן, וואַהין זיך איילן, פאַר ווערמען זיך צו באַווייזן און קוקט אינעם שפּיגל, סתם אַזוי אָן קיין שום כוונה, כאָטש מיט אַ באַשיינפּערלעכער הנאה.

— זענט איר איצט צופרידן, אַראָן איסאַיעוויטש? — האָט אָסטאַפּ באָנדאַר געפרעגט שטיל.

— זיכער בין איך צופרידן. ס'איז אַ גוטער אָנפאַנג.

— אַן אָנפאַנג? האָט איר דען נאָך עפּעס אין זינען.

— כ'האָב, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, כ'האָב.

— איר האָט?... קאָנט איר מיר זאָגן וואָס?

— אָט יענע סטריכע האָב איך אין זינען, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש. אהרן האָט באַוויזן מיט דער האַנט אויפן שטרויענעם דאַך און אַ פּויערישער כאַטע נישט ווייט פונעם טייך.

— די סטריכע?

— יאָ די סטריכע. האָט איר שוין געזען, ווי זיי ברענען די סטריכעס?...

— ווער האָט עס נישט געזען. מיר אַלע זענען גענוג אומגליקן אין משך פון אונדזער קורצן לעבן.

— אָבער מיר מוזן נישט, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, מיר מוזן נישט. עס זענען דאָ אומגליקן וואָס מען קאָן זיי אויסמיידן. פאַרבייט אַ יענע סטריכע מיט אַ קעראַמישן דאַך און אַ שׂרפה וועט שוין נישט קאָנען אָנטאָן אַזוי פיל אומגליק אונדזערע תושבים.

— ס'איז אַ גוטער אייַנפאַל, אהרן איסאַיעוויטש... פאַרט ווייטער.

— האָב איך געטראַכט, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, אַז ווען מיר וואָלטן אָרגאַניזירט אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַר פּראָדוצירן טשערעפּיצע, וואָלט דאָס זיין זייער אַ פיינע זאַך... האָבן מיר ליים פאַר דעם צוועק נישט ווייט פון שטאָט?

— מיר האָבן.

— גוט. וועגן די באַק־אויוונס האָט איר דאָך גענוג אינפאָרמאַציע. איר האָט דוכט זיך גאַנצע צוויי באַק־אויוונס אין אייער שול. איז עס שווער אויסבויען אַזאַ אויוון?

— ניין.

— האָט איר אייך די גאַנצע זאַך, ווי אויף דער דלאָניע.

אָסטאַפּ באָנדאַר האָט זיך צעלאַכט.

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, אַראָן איסאַיעוויטש, איר זענט אַ טרוימער מיט אַ ניכטערן קאָפּ. שאַפט אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַר די קעראַמישע דעכער און פאַרשרייבט מיך אַלס אייער ערשטן מיטגליד.

— גוט, איכ׳ל דאָס טאָן. און איכ׳ל טאָן נאָך עפּעס, וואָס וועט אייך זיכער געפעלן. כ׳וועל זיך פּרווון פאַרלייגן אַ פויערישע באַלעבאַטישקייט. כ׳וועל פּרווון זיך פאַרלייגן אַ בינען־שטאָק, פּראָדוצירן האָניק, פלאַנצן גרינסן, אַקערן דאָס פעלד... איר געדענקט דאָך ווי איך האָב זיך אויסגעטאָן באָרוועס... ס׳איז געווען דער אָנפאַנג, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש... כ׳גיי איצט זיך געזעגענען מיטן לעבן פון אַן אונטערנעמער און מיט די זאָרגן פון אַ געשעפטס־מאַן.

— איר מיינט עס ערנסט?

— איך מיין עס זייער ערנסט, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש.

— אויב אַזוי, ווינטש איך אייך פיל גליק און הצלחה.

— אַ דאַנק פאַרן ווונטש, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, אָבער לאָמיר ביידע ווינטשן גליק אונדזער גרויסער, אומגעלומפּערטער, צערודערטער וועלט.

אָסטאַפּ באָנדאַר האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ זיפץ געטאָן:

— לאָמיר איר ווינטשן גליק, לאָמיר איר ווינטשן גליק...

טייל

ב

אינהאלט פון 2־טן טייל

זייט

.1	די תקופה פון אַנאַרכיע	231
.2	דאָס שולדיקע געוויסן	243
.3	אין שאָטן פון אַ תליה	250
.4	אויפן וועג צום אומבאַקאַנטן	263
.5	דער פאָטער און דער זון	277
.6	איין שטוב — פיר וועלטן	285
.7	אונטערן צודעק פון נאַכט	294
.8	דער טראַגישער אומזין	303
.9	„אַ פּוסטיאַשנע וונד"	307
.10	סאַשאַ כאַפּט דעם גנב	318
.11	אין די הענט פון באַטקאַ בלאַזשעני	326
.12	על קידוש השם	338
.13	דער צווייפל	347
.14	נייע „העלדן־טאָטן" פון אַלטע באַקאַנטע	351
.15	אין פרעמדע הענט	361
.16	ביים טויער פון שטאָט	374
.17	ערב פּאָגראָם	384
.18	לויף סאַראַטשקע	390
.19	דער מענטש און דאָס ווערימל	396
.20	אויף סאַראַטשקעס שפּורן	405
.21	אין די הענט פון אַ באַפולמעכטיקטן	413
.22	עפּילאָג און פּראָלאָג	431

1

די תקופה פון אַנאַרכיע

עס האָט זיך דערנענטערט נאָוועמבער 1917. מיטן נייעם ווינטער ביי די טויערן פון דעם אויסגעמאַטערטן לאַנד, האָבן אַלע נויטן, וויי־טיקן, ליידן, זאָרגן און פּראָטעסט קעגן דער ביטערער דאָליע פון פאָלק זיך פאַרגרעסערט און פאַרשאַרפט. די רעפּובליק האָט געבראָכן דעם שלאָס, וואָס האָט געהאַלטן דאָס מויל פאַרמאַכט אין משך פון אַזוי פיל יאָרן, און דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן רעדן, זיך באַקלאָגן, מאָנען, פאָדערן. די נייע רעגירונג האָט אָבער נישט געהאַט וואָס צו געבן חוץ דער פרייהייט פון וואָרט, וואָס איז, ממש, רעדוצירט גע־וואָרן צו דער פרייהייט אויף צו זיין נישט צופרידן מיט דער ביטערער לאַגע אין לאַנד. די אָפענסיווע, פון וועלכער אַלע אָנהענגער פון דער רעפּובליק האָבן דערוואַרט אַזוי פיל, האָט זיך נישט רעאַליזירט. די מאָראַל פון דער אַרמיי איז געווען נישט אין קיין בעסערן צושטאַנד ווי די אויסשטאַטונג. עס איז נישט געווען גענוג קאַנאָנען און עס האָט אינגאַנצן אויסגעפעלט דער חשק צו שלאָגן זיך מיט די דייטשן.

דאָס לאַנד האָט זיך גענויטיקט אין פרידן און פרידן איז נישט געווען; דאָס לאַנד האָט זיך גענויטיקט אין גרויסע רעפאָרמען און זיי האָט מען אָפּגעלייגט ביז נאָך דער קאָנסטיטוציאָנעלער פאַרזאַמ־לונג, וואָס האָט פאַרשאַרפט די אומזיכערקייט מיטן פּאָליטישן גורל פון לאַנד. דאָס דאָרף האָט פאַרלאַנגט פּראָדוקטן פון אינדוסטריע און האָט זיי נישט געקאָנט קריגן. דער שטאָט האָט אויסגעפעלט ברויט. די ברויט־קאַרטלעך האָבן די פּראַגע נישט געלייזט, ווייל דאָס איז שוין נישט געווען קיין אַדמיניסטראַטיווע פּראַגע. מען האָט גע־דאַרפט האָבן פיל מער ווי ברויט־קאַרטלעך, כדי דאָס פאָלק אָדער כאָטש זיין וויכטיקער טייל זאָל דערפילן, אַז עס איז כדאי צו הונגערן, צו לעבן אָן ליכט אין די קאַלטע, נישט־באַהייצטע הייזער, און פאַר־זייען די שלאַכטפעלדער מיט קערפּערס פון אייגענע קינדער נאָך אַ

יאָר און נאָך אַ יאָר — אַז עס איז כדאי צו ליידן, ווייל די צוקונפט וועט ברענגען אַ נייע, שענערע וועלט. מען האָט געדאַרפט האָבן פאַנ־טאַזיע און געוואַגטקייט אין אָוועקשטעלן, אויב נישט אינגאַנצן לייזן די פּראָבלעמען פון לאַנד, כדי אָנשטעקן דאָס פאָלק מיט געוואַגטקייט און אויסדויער, וואָס די לאַגע האָט געפאָדערט. אָבער דאָס האָט אויסגעפעלט דער נייער רעפּובליק. די רעפּובליק איז צוביסלעך גע־זונקען אין דער פּראָזע פון פּאָליטישער טאָג־טעגלעכקייט, און דאָס פאָלק האָט זיך געזוכט ערגעצוואו, ביי דער זייט, אַ פּראָגראַם פאַר דערלייזונג.

דאָס איז שוין אָבער נישט געווען מער קיין פאָלק פון טרוימער. די רעוואָלוציע האָט עס אויפגעוועקט, די מלחמה האָט עס באַוואָפנט. מיליאָנען מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט האַלטן אַ ביקס אין האַנט. טויזנטער אכזריותדיקע מענטשן, ברוטאַל אין זייער נאַטור און דער־ציונג, וועלכע וואָלטן ביי אַנדערע אומשטענדן אַרויסגעוויזן זייער ברו־טאַליטעט דורך פאַרשמייסן אַן אייגן קינד, צעמזיקן אַ מענטש אין גאַס פאַר אָנטרעטן אויף זיין פוס, אָדער באַגיין אַ מאָרד צוליב פּערזענ־לעכע חשבונות, — טויזנטער אַזעלכע מענטשן, שוין אָפּגערעדט פון פּשוטע קרימינעלע פאַרברעכער, האָבן געקראָגן געווער אין האַנט און טרענירונג פון פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטן. די מלחמה האָט געמאַכט דאָס טויטן מענטשן פאַר אַ טאָג־טעגלעכער דערשיינונג און באַשעפ־טיקונג פון מיליאָנען. די אַרמיי, וועלכע האָט זיך מאָראַליש צעלייגט אויף די שלאַכטפעלדער, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געוואַלדיקן רע־זערוואַר פון ברוטאַלן כוח פאַר די פּאָליטישע פּאַרטייען און פּאָליטישע אַוואַנטוריסטן פון לאַנד.

דער אויפשטאַנד אין פּעטראָגראַד פון נאָוועמבער 1917, וועלכער האָט איבערגעגעבן די מאַכט אין די הענט פון די סאָוויעטן, האָט גע־עפנט דאָס דעקל פון דעם דאָזיקן רעזערוואַר און עס האָבן זיך באַלד געפונען גענוג בעלנים צו נוצן די רעסורסן פון מאַכט פאַר די אייגענע אינטערעסן, פאַר דער אייגענער זאַך — יושרדיקער אָדער אומגערעכ־טער, אמתער אָדער באַטריגערישער, גוטער אָדער בייזער. עס איז

געווען דער אָנהויב פון בירגער־קריג פאַר דעם גרויסן, אומבאַהאָלפע־
נעם לאַנד. עס איז געווען דער אָנהויב פון בירגער־קריג אין מליני.

מליני איז אָבער געווען נאָר אַ קליין רעדל אינעם גרויסן מעכאַ־
ניזם פון לאַנד און דאָס רעדל האָט זיך אָנגעהויבן דרייען מיט פאַר־
שפּעטיקונג.

אין דער ערשטער העלפט פון נאָוועמבער 1917 האָט מען אין
מליני נישט געהאַט קיין אַרבעטער־פּויערים און סאָלדאַטן־ראַטן. נאָך
אַלעמען איז די שטאָט געווען אַ קליינע. עס זענען דאָ געווען זייער
ווייניק לוין־אַרבעטער צווישן די בעל־מלאכה׳ס, זייער ווייניק פּריצישע
ערד צו צעטיילן צווישן די פּויערים און זייער ווייניק סאָלדאַטן אין
דעם נעבעכדיקן גאַרניזאָן.

אין שטאָט האָט זיך געפונען נאָר איין קליינער אַרמיי־טייל, וואָס
האָט געטראָגן אַ מאָדנעם נאָמען: „סלאַבאַ־סילנאַיאַ קאָמאַנדאַ", אַ
שוואַך־געזונטע קאָמאַנדע. די קאָמאַנדע איז באַשטאַנען פון סאָלדאַטן,
וועלכע זענען געווען צו שוואַך פאַר דעם אַקטיוון מיליטערישן דינסט,
אָבער נאָך גענוג שטאַרק צו זיין געהאַלטן אין דער אַרמיי אויף יעדן
פאַל, „טאָמער, אפשר, עמעצער פון זיי וועט ווערן צוריק אַ מענטש,
וועט ווידער טויגן פאַר דער מלאכה צו הרגענען און ווערן געהרגעט".
אַזוי האָט אַ לץ עס באַצייכנט.

די ראַדיקאַלע פּאָליטישע פּאַרטייען פון שטאָט זענען אויך געווען
אַ מין „שוואַך־געזונטע קאָמאַנדע". זיי זענען געשטאַנען מיט איין
פוס אין דער מלינערווירקלעכקייט און מיטן אַנדערן אין דער גרויסער
וועלט פון די פּאָליטישע אויפטרייסלונגען. זיי האָבן נישט געוווּסט
גענוי וואָס עס קומט פאַר אויף דער וועלט...

איז מליני געבליבן אָן אַ פּאָליטישן רעזשים, אָן אַ פּאָליטישער
אָרדענונג. עס איז געווען די צייט, וואָס די מלינער תושבים האָבן עס
גערופן „פּעריאָד בעזוולאַסטיאַ" (אַ פּעריאָד פון אַנאַרכיע).

פון אָנהויב האָט דאָס נישט אויסגעזען צו זיין שרעקלעך און פיל
מלינער בירגער האָבן שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אפשר איז אַנאַר־
כיע באמת „די מוטער פון אָרדענונג", אָבער לאַנג האָט עס נישט גע־

דויערט. נאָך עטלעכע טעג שטילן לעבן, איז די שטאָט געוואָרן אויפ־געברויזט פון אַ שוידערלעכן מאָרד.

דער אַלטער רוסישער קרעמער פּיסמעני און זיין פרוי זענען דער־שטאָכן געוואָרן ביינאַכט אין זייערע בעטן. דאָס הויז איז געווען באַ־רויבט פון אַלע ווערטפולע זאַכן; דאָס מעבל און די ווענט צעריסן מיט מעסערס, ווייזט אויס, אין אַ פאַרצווייפלטן פאַרזוך צו געפינען באַהאַלטענע אוצרות.

עפּעס אַזוינס האָט די שטאָט נישט געזען, אָבער דאָס איז געווען נאָר דער אָנהויב. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָבן די מערדער־רוי־בער זיך אַריינגעריסן אין הויז פון בלינדן פייוול קאַמינסקי. די גאַנצע משפּחה, פייוול איינגעשלאָסן, איז אומגעקומען פון זייער האַנט אין גרויסע יסורים. ביים בלינדן זון האָט מען פון איין האַנט די פינגער אָפּגעהאַקט, ווייזט אויס, כדי אַרויסצורייסן פון אים דעם שוואַרצן, מיט זילבער־באַצירטן שטעקן, וואָס האָט אים ביים לעבן פאַרביטן די אויגן...

עס איז געווען אַ גרויסע, האַרצרייסנדיקע לויה אין שטאָט און נאָך דער לויה האָט יעדער איינער פון די אָנשטענדיקע תושבים גע־זאָגט: — עד כאן!..

ווי פון דער ערד איז אויפגעשטאַנען די זעלבסט־שוץ. יעדער קוואַרטאַל איז געווען אָפּגעהיט דורך די איינוווינער, באַוואָפנט, מער־סטנס, מיט קאַלטע כלי־זין. אהרן לעסניק איז צוזאַמען מיט סיאָמען אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַס ביינאַכט מיט יעגער־ביקסן, וועלכע ער האָט מיט זיך פון וואַלד געבראַכט. אַנדערע האָבן זיך באַוואָפנט מיט העק, אַלטע שווערדן און סתם מעסערס. איז עס געוואָרן אויס מאָרדן. אָבער דער טעראָר, די שרעק פאַר די מערדער איז געבליבן. די תושבים זענען געווען איבערגעמאַטערט פון שלאָפלאָזע נעכט. אַזאַ צושטאַנד האָט נישט געקאָנט לאַנג דויערן. מען האָט געמוזט כאַפּן און בינדן די מערדער.

* * *

סאַניע האָט אויפֿגעוועקט אהרנען אַזייגער אַכט אין דער פֿרי, כאָטש ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן פֿיר אַ זייגער פֿאַרטאָג:

— שטיי אויף — האָט זי אים געזאָגט, — ליפֿע קרוטיקאָוו, דער שערער, וויל דיך זען?

— וואָס וויל ער?

— ער זאָגט, אַז עס איז זייער וויכטיק, אַז ער דאַרף דיך זען באַלד.

— גוט, פֿיר אים אַריין אין מיין אַרבעט־צימער.

אָנגעטאָן האָט זיך אהרן זייער שנעל, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז ליפֿע האָט צו אים געבראַכט עפּעס זייער אַ וויכטיקע נייעס. אָן אַזאַ נייעס וואָלט ער אַהער נישט געקומען אַזוי פֿרי. ער איז בכלל נישט געווען קיין מענטש, וואָס איז געניגט צו וויזיטן ביי פֿרעמדע מענטשן. אַליין אַן אַלטער בחור האָט ער געפֿירט אַן אָפּגעשלאָסן לעבן. אין זיין פֿרייער צייט האָט ער געלייענט. געלייענט האָט ער אָבער אָן שום טאַלק. ער איז נישט געווען איבערקלייבעריש און צווישן די ביכער וואָס ער האָט איינגעשלונגען איז געווען אַ שלל פֿון קרימי־נעלע מעשׂיות צוגעבונדן צו די נעמען פֿון שערלאָק האָלמס, נאַט פּינקערטאָן, ניק קאַרטער און מאַלע ווער נאָך. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן פֿאַר אַ באַלעזענעם מאַן און האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַן איינזאַמער גאון, וואָס קיינער אין דער קליינער שטאָט פֿאַרשטייט אים נישט. דער מאָרד־טעראָר אין שטאָט האָט אים אויפֿגערודערט נאָך מער ווי אַנדערע מענטשן. ער האָט פּלוצים דער־פֿילט, אַז עס איז געקומען די צייט, ווען ער מוז אויסנוצן זיין גייסטיקע דערפֿאַרונג לטובת דער שטאָט, וואָס האָט אים נישט באַוויזן ביז איצט אָפּצושאַצן.

ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט שטילערהייט, אָבער אַזוי ווי מלינ׳ איז פֿאַרט געווען אַ קליינע שטאָט, האָט מען זיך באַלד דער־וווּסט, אַז „דער שלימזל מיט די לאַנגע פֿיס און גרויסע אויערן״, ווי

די שטאָטישע לצים האָבן אים גערופן, אַז ליפּאַ קרוטיקאָוו, הייסט עס, פּרוּווט געפינען די גזלנים.

אהרן לעסניק האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין ביטול־דיקע באַציונג צו מענטשן. ער האָט זיך אָנגענומען ליפּעס קריוודע און אַזוי לאַנג פאַרלאַנגט פאַר אים אַ מער יושרדיקע באַציונג, ביז ער האָט אַליין אָנגעהויבן גלויבן, אַז ליפּע קרוטיקאָוו ווייסט וואָס ער טוט און עס קאָן זיין, אַז אים זאָל געלונגען עפּעס צו געפונען, עפּעס, וואָס זאָל דערמעגלעכן צו כאַפּן און בינדן די גזלנים.

זיך צוגעאיילט מיטן אָנטאָן, האָט אהרן געעפנט די טיר אין זיין אַרבעטס־צימער און נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַריינצושטעלן אַ פוס, האָט אים ליפּע באַגריסט מיט אַ גייעס:

— אַראָן איסאַיעוויטש, איך ווייס ווער ס'זענען די מערדער?

אהרן איז געוואָרן דערשטויגט, ווייל טיף, טיף ביי זיך אין האַרצן האָט ער ליפּען נישט גענומען ערנסט.

— ווער? פונוואַנען ווייסט איר, זענט איר זיכער? — האָט ער געפרעגט ליפּען מיט אומצוטרוי.

— איך בין זיכער — האָט ליפּע געענטפערט רויק און אָן שום אָנשטעל. איך בין זיכער אין דעם אַזוי, ווי איך בין זיכער, אַז שערלאָק האָלמס האָט טאַקע געלעבט אויף דער וועלט און איז נישט נאָר געווען אויסגעטראַכט פון קאָנאַן דאָיל. כ'האָב די זאַך גרינטלעך אונטערזוכט און קיין מינדסט פּיצל צווייפל נישט איבערגעלאָזט. אָבער וואָס זאָל איך זיך פאַר אייך באַרימען. לאָמיר אייך בעסער דערציילן וואָס און ווי אַזוי איך האָב אויסגעפונען נאָך לאַנגע חקירות.

ליפּע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול ביים שרייב־טיש און האָט איינגעלאַדן אהרנען צו זיצן:

— זעצט זיך אַוועק און הערט מיך אויפמערקזאַם. כ'וועל אייך דערציילן די מעשה כסדר.

— פון וואָס זאָל איך אָנהויבן — האָט ליפּע פאַרגעזעצט, ווען אהרן האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים אויף אַ שטול — אַ יאָ, לאָמיר אָנהויבן פון דעם, אַז ביז איצט האָט עס קיינער נישט געוווּסט ווי

אַזוי האָבן די גזלנים זיך אַריינגעגנבעט איןביידע הייזער. איר ווייסט וואָס איך האָב דאָ אין זינען.

— איר ווייסט אַז עס זענען געווען אייזערנע פרענטן אויף די פענצטער און די טירן סיי אין פיסמעניס הויז און סיי אין קאַמינסקיס׳ טאָ ווי אַזוי האָבן זיך אַהין די מערדער אַריינגעקליבן? זיי האָבן נישט אויפגעבראָכן קיין פענצטער און קיין טיר. זיי האָבן דאָס נישט געקאָנט טאָן אָן אַ צו גרויסן טומל און זיי האָבן דאָס נישט געטאָן. די פענצטער פון ביידע הייזער זענען געבליבן פאַרמאַכט און די טירן האָט מען געעפנט פון אינעווייניק. דאָס איז אייך פאַקט נומער איינס.

איצט שטעלט זיך אַ פראַגע, ווי אַזוי האָבן זיי זיך פאַרט אַריינגעגנבעט אין הויז? — איז דער ענטפער אויף דעם: דורך אַ קליין פענצטערל, וואָס האָט אויף זיך אינגאַנצן קיין לאָדנס נישט געהאַט. ס׳פענצטערל פירט אין דעם צימערל, וואָס דער נאָמען פאַר דעם איז, איך בעט איבער אייער כבוד... אין ביידע הייזער זענען דאָ די פענצטערלעך פון דעם מין און דאָס איז אייך דער פאַקט נומער צוויי...

— איצט וועט איר מיך פרעגן: קאָן אַ מאַן אַריינקריכן אין אַ הויז דורך אַזאַ פענצטערל? האָב איך טאַקע אַליין אויך געשטעלט די פראַגע, און כדי צו ענטפערן אויף דעם אָן אַ מינדסטן פיצעלע צווייפל, האָב איך באַזוכט ביידע הייזער און איך בין אַליין דורך ביידע פענצטער אַריינגעקראָכן. עס איז נישט אַזוי שווער, ווען מען שטעלט זיך אויף עמעצנס פלייצעס און ווען מען איז אַזוי שמאָל געבויט ווי איך. דאָס איז אייך דער פאַקט נומער דריי...

— איצט וועל איך אייך פרעגן: — ווער האָט געוווּסט, אַז עס זענען דאָ אַזוינע פענצטערלעך אָן לאָדנס, אָן פראַהאַניטשעס, ערגעצ־ווו אויף אַ פאַרשטעלטער וואַנט פון הויז, וואָס גייט אַרויס אין אַ טונקעלן ווינקל פון הויף? מסתמא דער וואָס אַרבעט דאָרטן ווען די שטאָט שלאָפט, כדי אויסרייניקן די יאַמעס הינטערן הויז פון עפּעס, וואָס איז נישט פאַר ליטישע רייד, כ׳בעט איבער אייער כבוד...

— פאַנקראַט פאַדפּרוהאַ? — האָט אהרן געזאָגט שטיל, ווי צו זיך אַליין.

— פּאַנקראַט פּאָדפּרוהאָ, אַראָן איסאַיעוויטש, פּאַנקראַט פּאָדפּרוהאָ. האָט איר באַמערקט אויף וויפיל ער איז ענלעך אויף מיר מיט זיין פיגור?

— ניין! כ'האָב דאָס נישט באַמערקט, ליפּע, אָבער די זאַך לייגט זיך מיר אויפן שכל... פונדעסטוועגן בין איך נישט זיכער אין דעם. ס'איז נאָר אַ פאַרדאַכט און אפילו דער פאַרדאַכט האַלט זיך ביי אייך אויף איין קליין פענצטערל, וואָס קאָן זיין, אַז אַן אַנדערער מענטש האָט וועגן דעם אויך געוווסט. אַזוינע פענצטערלעך זענען דאָ אין פיל הייזער...

— וואַרט אַ מינוט, וואַרט איין סעקונדעלע, אַראָן איסאַיעוויטש. איך בין נאָך נישט פאַרטיק מיט דער מעשה און איך וויל אייך אָנ־ווייזן, אַז אַזוינע פענצטערלעך זענען דאָ פיל און פּאַנקראַט פּאָדפּרוהאָ איז דאָ נאָר איינער אַזאַ מענטש אין מליני, אָבער לאָמיר גיין כסדר.

— ווען איך האָב געמאַכט די דעדוקציע, האָב איך זיך באַלד אויפן פלאַץ דערמאָנט אין אַ געוויסער באַגעגעניש. די באַגעגעניש וועל איך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן. ס'איז געווע[ן] בשעת דער גרויסער שריפה, ווען די פאַרשטאָט פּאַרטיאַנקי האָט גע־ברענט. איר געדענקט דאָך וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן. דער ווינט בלאָזט, די פייערפונקען פון שטרוי און שטרויענע דעכער פליען אין דער לופטן פון איין הויז אויפן אַנדערן און צינדן אָן אַלץ וואָס איז אין וועג. דאָס פייער הויבט זיך גאַרנישט אויבן אַרויף, ער שפרייט זיך איבער דער ערד צוזאַמען מיטן רויך. עס איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. דער רויך עסט זיך איין אין די לונגען. עס אַנטשטייט אַ טומל — די אייגענע שטימע קאָן מען נישט הערן. עס וויינען פרויען און קינדער. עס שרייען מענער. עס הירזשען די איבערגעשראָקענע פערד. די גאַנצע שטאָט איז זיך צוזאַמענגעלאָפן און יעדער איינער טוט עפּעס, שרייט עפּעס, אַזוי ווי ס'וואָלט געברענט זיין אייגן הויז. איך לויף אַרום מיט אַן עמער וואַסער צום פייער און אויף צוריק. עס איז נישטאָ מער ווי איין קישקע און מען לעשט מיט עמערס, מיט לאָפּאַטעס, שיי נישט מיט נאַקעטע הענט. לויף איך אַרום מיט מיין עמער, ערשט איך שטויס זיך אָן אויף אַ מאַן, אַ הויכן און דאַרן, ווי להבדיל איך בין.

כ׳קוק אים אָן, ער שטייט װי איינגעגראָבן אין דער ערד. ער רירט זיך נישט פון פּלאַץ. ער קוקט אויפן פייער מיט זיין אויסגעקריבטן פּנים, וואָס איך קאָן פאַר אייך נישט אויסמאָלן. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן דעם טייוול וואָס קוקט זיך צו, ווי עס פּרעגלען זיך ביי אים אויפן פייער זינדיקע נשמות? אָט אַזוי האָט ער אויסגעזען. ער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ מענטש וואָס האָט הנאה פון יענעמס בראַך. כ׳געדענק שוין נישט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, אָבער כ׳האָב זיך אַזוי אויף אים פאַרקוקט, אַז ער האָט עס באַמערקט. ער האָט אַזש אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער און האָט זיך אויף מיר אַ וואָרף געטאָן:

— וואָס קוקסטו אויף מיר — עס ברענט אַזאַ פייער און דו שטייסט מיט אַן אָפענעם מויל — לעש דאָס פייער, הינטישער זון!...

מילא, האָב איך זיך נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן די זידלעריי, אָבער דעם פּרצוף זיינעם האָב איך שוין נישט געקאָנט פאַרגעסן; כ׳מיין דאָס בייז־קוועלענדיקע פּנים, וואָס שפּיגלט מיט זיך אָפּ דאָס פייער פון דער שריפה... איר שטויסט זיך שוין אָן מסתמא, אַז דאָס איז געווען פאַנקראַט פאַדפּרוהאַ. דאָס איז אייך דער פאַקט נומער... ס׳דוכט זיך מיר, נומער פינף.

— דאָס איז אַלץ נישט קיין באַווייז, האָט אַ זיפץ געטאָן אהרן, אָבער כ׳מוז צוגעבן, אַז ער זעט אויס צו זיין אַ פאַסיקער מענטש אין אַ באַנדע מערדער.

— איך בין זיכער, אַז ער איז איינער פון די מערדער, אָבער ער איז נישט דער איינציקער. איז וואָר נאָך? האָב איך אויסגעפונען אַ זאַך, וואָס האָט מיך אַרויסגעפירט אויף אַ שטיקל וועג, און שוין מיט באַווייזן.

— איר האָט באַווייזן?...

— כּמעט נישט, אַראָן איסאַיעוויטש, לאָזט מיך אייך דערציילן אַלץ כּסדר...

— ווי איר ווייסט, שטייען איצט דיביידע הייזער ליידיק. מענטשן האָבן מורא אַהין אַריינצוגיין אפילו בייטאָג. און דאָס גראָד ווי מ׳דאַרף

ווייל אַלץ איז דאָרטן געבליבן אַזוי ווי די מערדער האָבן איבערגע־לאָזט. בין איך דאָרטן געווען און איך האָב זיך גוט צוגעקוקט און אויסגעפונען, אַז די פּרויען־קליידער האָבן זיי נישט געטשעפּעט. אָבער די שאַליקעס האָבן זיי יאָ גענומען. פאַרוואָס? איך וועל אייך זאָגן פאַרוואָס. זיי האָבן נישט געדאַרפט האָבן קיין קליידער פון צוויי זקנות, אָבער די פאַטשיילעס פּאַסן זיך פאַר יעדער פרוי. דאָס איז אייך נאָך אַ פאַקט...

— האָב איך געטראַכט און געטראַכט און אויסגערויכערט אַ גאַנץ פּעקל סיגאַרעטן, ביז איך האָב זיך דערמאָנט אין טיאָטענקאַ פּעלאַגעיאַ, וואָס איר נאָמען איז נישט קיין געהויבענער. בין איך צו איר אַוועק אויף אַ וויזיט, וואָס פאַר דעם זאָלט איר אויף מיר קיין פאַריבל נישט האָבן, און איר ווייסט וואָס איך האָב אויף איר׳ע פּלייצעס געזען? — אַ פאַטשיילע. און איר ווייסט וואָס פאַר אַ פאַ־טשיילע? — אַ יידישע פאַטשיילע, וואָס איז אַזוי אַלט ווי דער יידי־שער גלות, ס׳איז אַ פאַטשיילע, וואָס האָט שוין מסתמא מער לענדער געזען, ווי להבדיל טיאָטענקאַ פּעלאַגעיאַ, — מענער, איך בעט איבער אייער כבוד. איז פון וואַנען קומט צו איר די פאַטשיילע? זאָג איך אייך, אַז דאָס איז דער זקנה קאַמינסקיס פאַטשיילע. מיר האָבן געגנו־עדות אין שטאָט, וועלכע וועלן די פאַטשיילע דערקענען. דאָס איז אייך דער פאַקט נומער — ס׳דוכט זיך — זיבן...

— ליפע, איר זענט אויפן גלייכן וועג, כ׳לעבן, איר זענט אויפן גלייכן וועג, די פאַטשיילע איז אַ באַווייז. וואָס קלייבט איר זיך צו טאָן?

— דאָס וועל איך אייך באַלד זאָגן. כ׳בין צוליב דעם צו אייך געקומען. כ׳האָב די גאַנצע נאַכט נאָכגעשפּירט פּעלאַגעיאַס הויז. עס זענען דאָרטן געווען עטלעכע מענער. זיי זענען אַליין אַריין צוזאַמען און זענען אַרויס אַלע צוזאַמען. איינער פון זיי איז געווען אַ לאַנגער דאַרער מאַן מיט מיין פיגור. כ׳האָב אים באַלד דערקענט, כאָטש איך האָב זיין פּנים נישט געזען. דאָס זענען זיי. מען קאָן זיי דאָרטן אַלע־מען פאַקן. נאָר וואָס דען, ווו נעמט מען געווער? — האָב איך גע־

הערט, אַז איר האָט ביקסן. טאָ באַרגט אונדז אייערע ביקסן — איר וועט פאַרדינען אַ מצוה, אַראָן איסאַיעוויטש...

אהרן האָט זיך פאַרטראַכט. ליפּע האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין אַ גוטער שילער פון זיין שערלאָק האָלמס, צי נאַט פינקערטאָן, אָדער ווער ווייסט פון ועמען צווישן זיי, אָבער ער האָט פאָרט נישט אויס־געזען ווי איינער וואָס קאָן כאַפּן אַ מערדער און אים בינדן.

— קענסטו שיסן? — האָט אים אהרן געפרעגט.

— ניין! אָבער...

— ניין... איז גענוג. דער אָבער וועט דיר נישט קאָנען העלפן אַז עס וועט קומען צום שיסן. חוץ דעם זענען מיינע יעגער־ביקסן נאָך אַלץ אויף צו שרעקן די געגנט. דו וועסט מיט זיי קיין אמתן רוצח נישט איבערשרעקן, און אויב דו וועסט זיי נישט איבערשרעקן, וועסטו זיי נישט קאָנען איינגעמען. פאַר אַזאַ זאַך מוז מען האָבן עמעצן, וואָס קען די מלאכה.

— ועמען מיינט איר?

— די סאָלדאַטן.

— כ'לעבן איר זענט גערעכט. די סאָלדאַטן זענען אויף זיי פּאַר־ביטערט. עמעצער האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס איז זייער אַרבעט. מען האָט אויף זיי צוליב די מערדער אַ בלבול אויסגעטראַכט. וועלן זיי טאַקע וויזן ווו די שדים טאַנצן. קומט גלייך מיט מיר צו די סאָלדאַטן.

— אויף וואָס דאַרפט איר מיך האָבן? זענט איר אַ שעמעוודיקער צי וואָס?

— כ'דאַרף אייך האָבן. אָן אייך וועט מען מיך אפשר נישט אויס־הערן.

— ווער האָט עס אייך געזאָגט? איך האָב דאָך אייך אויסגעהערט.

— איר זענט עפּעס אַנדערש. איר וועט אַליין אויסהערן און מען וועט אייך אויסהערן. איר האָט אַ נאָמען אין שטאָט און אַז איר שטעלט זיך אַוועק, זעט מען באַלד אַז עס שטייט אַ מענטש.

— און איר?

— איך וואַקל זיך אויף מיינע פיס.

אהרן האָט אַ שמייכל געטאָן.

— זייט אַזוי גוט, אַראָן איסאַיעוויטש — קראָמיע שוטאָק, (אַן אַ שפּאַס), קומט מיט מיר. איר קאָנט זיך אפילו נישט פאָרשטעלן ווי שטאַרק איך וויל זיי כאַפּן.

— נו, גוט.

* * *

אין דער קאַזאַרמע האָט מען זיך דורכגערעדט מיט אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט געהאַט סימנים פון אונטער־אָפּיצירעשע בענדלעך אויף זייניע עפּאָלעטן, אָבער די בענדלעך האָט מען שוין נישט געזען. אהרן און ליפּע האָבן אין אים באַלד דערקענט דעם אונטער־אָפּיציר, וואָס האָט אַמאָל דער ערשטער געלאָזט הערן די הוראַ־געשרייען פאַרן גרויסן עולם אונטערן באַלקאָן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. דער סאָלדאַט איז געווען אַ קליין וווקסיקער מאַן מיט אַ בלייכן־פּנים פון אַ שפּיטאָל פּאַציענט און מיט אַ הייזעריקער שטימע פון אַ מענטשן וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געשנעכטיקט און געטאָגט אין אַ קאַלטן דרויסן. ער האָט אויסגעהערט רויק ליפּעס מעשה, האָט געטראַכט לאַנג און שליסלעך געזאָגט:

— די זאַך איז קלאָר. דאָס זענען זיי. אָבער אייער פּלאַן טויג נישט. מען דאַרף נישט וואַרטן ביז דער נאַכט. זיי האָבן אַ הינטישן ניוף. זיי וועלן עפּעס דערשמעקן און גיי כאַפּ אַ ווינט אין פעלד. די נאַכט איז זייער צייט. בייטאָג שלאָפן זיי מסתמא. דאַרף מען שמידן דאָס אייזן כל־זמן ס'איז הייס... גיט אונדז זייערע אַדרעסן און לאָזט דאָס איבער אונדז. מיר ווייסן וואָס צו טאָן אין אַזוינע פאַלן.

ליפּע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אהרן איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— זייער גוט. מיר ווינטשן אייך פולן דערפאָלג.

2

דאָס שולדיקע געוויסן

אַזייגער איינס פון אַ גרויען נאָוועמבער־טאָג, ווען ס'איז שווער געווען צו דערקענען, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט — צי עס רעגנט, צי עס שנייט — זענען אַלע ייִנגלעך פון שטאָט געלאָפן צו דער געביידע, וווּ פריער האָט זיך געפונען, צוערשט די פּאָליציי און דערנאָך די מיליץ.

דוד'קע האָט געזען מענטשן לויפן איז ער אויך געלאָפן.

„וואָס איז געשען?" — האָט ער פּרובירט אויסגעפינען פון די יאַטן. האָט מען אים צוערשט געענטפערט, אַז מען האָט געכאַפּט די מערדער. אָבער ווען דוד'קע איז שוין געווען נאָענט צום פּלאַץ, וווּ עס איז געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, האָט מען אויף דעם געענטפערט: מען שלאָגט און מען ממית'ט די מערדער.

די סאָלדאַטן פון דער „שוואַך־געזונטער קאָמאַנדע" האָבן געשלאָגן די מערדער אונטער דעם הויכן זאַבאַר אויפן גרויסן הויף פון דער געוועזענער פּאָליציי־געביידע. ייִנגלעך זענען געזעסן אויפן זאַבאַר און זיך אָנגעשטרענגט נישט דורכצולאָזן קיין מינדסטע אייַנצעלהייט, קיין מינדסטן קלאַפּ, ווי דאָס וואָלט זיין אַ זעלטענע פאָרשטעלונג, וואָס מען זעט איינמאָל אין לעבן, אויף צו געדענקען און דערציילן אין משך פון לאַנגע יאָרן. אַנדערע ייִנגלעך האָבן זיך געטוליעט מיט די אויגן צו די לעכער פון פּאַרקאַן און געמוזט זיך באַנוגענען מיט פּיצעלעך פון דער פאָרשטעלונג. אַנדערע, ווידער, זענען געלאָפן פון איין עק זאַבאָר צום אַנדערן, געפּרוּווט געפינען עפּעס אַ שפּעלטל, אַז טייל פון זיי האָט געוויינט פון פאַרדרוס, וואָס דאָס איז זיי נישט געלונגען. די „גליקלעכע" ייִנגלעך האָבן געשריגן:

— מען שלאָגט מיט פּריקלאַדן!... אוי שלאָגט מען זיי! גיב אַ קוק אויף דעם לאַנגן, ער שפּייט שוין מיט בלוט!..

דוד'קען איז נישט גוט געוואָרן אויפן האַרצן. יעדער איינער האָט

געשריגן: „מערדער"! אָבער דוד'קע האָט זיך נישט געקאָנט פאָר־שטעלן די געשלאָגענע מענטשן אַלס מערדער. ער האָט נאָר געהערט דאָס טעמפּע קלאַפּן פון די שווערע פּריקלאַדן איבער מענטשלעכע קערפּערס — און ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ער זעט אַן אָרעמען, שוואַ־לאַזן מענטש שפּייען מיט בלוט און בעטן מחילה מיט די אויגן... אָבער מען איז אים נישט מוחל און מ'האַלט אין איין שלאָגן: בוך... בוך...

אַ ביסל ווייטער פון זאַבאַר איז געשטאַנען דער עולם דערוואַקסענע מענטשן, זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף יענער זייט טראָטואַר און אינמיטן גאַס. אַ טייל פון זיין האָט געליאַרעמט:

— גיט זיי אַהער!

— ציט נישט אַרויס די נשמה!...

— מירן זיי אַליין משפּטן!...

— פאַרשאָלטענע רוצחים!... אַנו, גיט זיי אַהער!...

— מירן זיי ווייזן ווי אַזוי אָפּגעהאַקטע הענט זעען אויס!...

באַזונדערס שטאַרק האָט זיך געקאָכט דער קאָלבאַסניק הוזער:

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט ער געשריגן צו די מענטשן אַרום אים — זיי וועלן זיי אַליין דערהרגענען, גאָט זעט — אַליין וועלן זיי דערהרגענען די מערדער.

...גיט זיי אַהער. זאָל דאָס פאָלק זיי משפּטען... גיט זיי אַהער די הינטישע זין!

דאָס רוב מענטשן האָבן געשוויגן. זיי איז נישט געווען צום האַרצן די גאַנצע זאַך. עפּעס האָט זיי אויך, ווי דוד'קען, זיך געדוכט, אַז די רוצחים זענען שוין נישט קיין רוצחים, נאָר אומבאַהאָלפענע קרבנות פון אַ רציחה; אַז ס'איז נישט יושרדיק אַזוי צו שלאָגן אומ־באַהאָלפענע מענטשן, נישט יושרדיק און נישט שיין.

משה גאָטליב האָט אויך אַזוי געטראַכט און וועגן דעם האָט ער גערעדט צו אַ גרופּע יידן אַרום זיך. ווען ער האָט דערזען דוד'קען, האָט ער אים צו זיך צוגערופן:

— דוד'קע, ווו איז דיין טאַטע?

— ער שלאָפט.

— אַ פיינע צייט האָט ער געפונען צו שלאָפן. לויף אַהיים און ברענג אים אַהער. אפשר וועט ער דאָס קאָנען אָפּשטעלן.

דוד׳קע האָט זיך נישט געלאָזט פיל בעטן. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן לויפן אַהיים, ברענגען דעם טאַטן. ער האָט געגלויבט, אַז זיין טאַטע קאָן עס באַוויַיזן, אַז די סאָלדאַטן וועלן אים פאָלגן:

ער וועט שוין אָפּשטעלן די הריגה!

* * *

ווען אהרן איז געקומען צו דער געוועזענער פּאָליציי־געביידע, האָט שוין דער עולם אָנגעהויבן זיך צעגיין. די סאָלדאַטן האָבן געטריבן די יאַטלעך און די גרעסערע יונגעןפון זאַבאַר ווי אויך די דערוואַקסע־נע מענטשן פון דער גאַס: גייט זיך אַהיים! — האָבן זיי געשטופּט די נייגעריקע עקשנים מיט די ביקסן, — גייט זיך אַהיים, עס איז נישטאָ מער וואָס צו זען...

אהרנען וואָלט מען מסתמא אויך אָפּגעשטעלט, נאָר ער האָט זיך געלאָזט גיין גלייך צום אַריינגאַנג פון דער געביידע, מיט אַזאַ אַנט־שלאָסנקייט, אַז די סאָלדאַטן האָבן אים אָנגענומען פאַר עפּעס זייער אַ וויכטיקער פּערזאָן און האָבן אים דורכגעלאָזט אָן קיין שום פּרוו אויסצוגעפינען וואָס דאַרף ער דאָרט האָבן.

אין דער געביידע, ווו עס איז אַמאָל געווען די קוואַרטיר פון דער פּאָליציי, האָט ער געטראָפן דעם געוועזענעם אונטעראָפיציר מיט וועלכן ער האָט זיך געהאַט באַקענט אינדערפרי. ער איז איצט געזעסן ביי אַ פּאַרשטויבטן ליידיקן טיש, אין אַ קאַלטן קאַבינעט און עפּעס איבער־געשריבן אויף אַ בלאַט פּאַפּיר פון אַ צעקנייטשטע בלעטל. דערזעט אהרן לעסניקן האָט ער זיך אָפּגעריסן פון שרייבן:

— אַ, דאָס זייט איר, בירגער...

— אַראָן לעסניק, אַראָן איסאַיעוויטש לעסניק, דאָס איז מיין נאָמען.

— אַראָן לעסניק?... וואַרט אַ מינוט... לאָמיר דאָ אַ קוק טאָן... אהא, איר זענט דאָ אויף דער ליסטע... זיי האָבן אייך געהאַט אין זינען, בירגער לעסניק.

...אַראָן איסאַיעוויטש, — שטייט דאָ געשריבן — ער שלאָפט ביי אָפענע פענצטער.

...שלאָפֿט איר טאַקע ביי אָפֿענע פֿענצטער? אַ גוטע זאַך, אַ געזונטע, אָבער נישט אין אַזוינע צייטן... כ'שטעל זיך פֿאָר, וואָס וואָלט פּאַסירט מיט אייער פֿאַמיליע, ווען מיר כאַפּן נישט די באַנדע...

אהרן האָט אַ זיפֿץ געטאָן:

— ס'קומט אייך אַ גרויסן דאַנק נישט נאָר פֿון מיר, נאָר פֿון דער גאַנצער שטאָט, אָבער כ'קאָן נישט פֿאַרשטיין איין זאַך: צו וואָס האָט איר זיי געשלאָגען? צו וואָס האָט איר געדאַרפֿט האָבן די מיאוסע פֿאַרשטעלונג?

— ע־ע־ע בירגער לעסניק, דאָס טויג שוין נישט. איר מאַכט אונדז אַ פֿאָרוואורף וואָס מיר האָבן נישט פֿאַרדינט. מיר האָבן דאָ קיין שום פֿאַרשטעלונגען נישט געמאַכט. די איינוווינער אַליין זענען זיך אַהער צוזאַמענגעלאָפֿן. מיר האָבן קיינעם נישט געבעטן קומען.

— אָבער איר האָט זיי געשלאָגן.

— זיכער, מיר האָבן זיי געשלאָגן. אָן שלאָגן וואָלטן מיר ביז איצט נישט געוווּסט ווער די מערדער זענען.

— וואָס הייסט, נישט געוווּסט? ווען מיר זענען ביי אייך געווען...

— ווען איר זענט ביי אונדז געווען האָב איך געקראָגן פֿון אייער קאָמפּאַניאָן צוויי אַדרעסן און מער גאָרנישט.

— און דאָס טיכל?

— דאָס טיכל איז זייער אַ פֿיינע זאַך, בירגער לעסניק, אָבער איר ווייסט וואָס עס האָט מיר די „טיאָטענקאָ פּעלאַגעיאַ" געזאָגט? — דאָס האָט איר אַ קליענט מיט דעם באַצאָלט. ווער? ווי זעט ער אויס? האָט זי מיר באַשריבן אַ פֿאַרשוין מיט לאַנגע פֿיס און גרויסע אויערן, וועלכער איז געווען ענלעך ווי צוויי טראָפּן וואַסער... נו, טרעפֿט אויף ועמען? אויף אייער קאָמפּאַניאָן, אויף אייער ליפּאַ קרוטיקאָוו, אַזוי דוכט זיך רופֿט מען אים. דאָ האָט איר אייך אַ שווערע נוס צו קנאַקן. וועמען זאָל איך גלויבן?... האָב איך אויסגערעכנט, אַז אויב אייער קאָמפּאַניאָן זעט אויס ווי אַ שלימזל און די טיאָטענקאָ פּעלאַגעיאַ — ווי אַ פּראָווינציעלע וויערע טשיבעריאַק, אויב איר געדענקט נאָך דעם ביילים־פּראָצעס, מוז איך גלויבן דעם שלימזל. וואָס מיינט איר,

כ'האָב אומזיסט זיך געלערנט אין אַ גאַראַדסקאָיע אוטשילישטשע? קיין באַווייזן האָב איך אָבער פאָרט נישט געהאַט. האָב איך געפּאַקט די גיפּטיקע טיאַטעטקאַ צוזאַמען מיט איר פּאַנקראַט און מיר האָבן פון זיי אַרויסגעקראָגן אַלץ וואָס מיר האָבן געדאַרפט. אין אַנהויב זענען זיי נאָר געווען צוויי, דאַן זענען צו זיי צוגעשטאַנען נאָך און נאָך פון דער חברה, וועלכע האָבן אונדז געגעבן נייע אַדרעסן. איצט האָבן מיר אַלץ ווי אויף דער דלאָניע און איר קאָנט זיך שלאָפן ביי אָפענע פענצטער, אויב עס איז אייך צום האַרצן...

— אָבער ווו איז אייער זיכערקייט, אַז די מענטשן האָבן זיך מודה געווען און אַריינגעשלעפּט די אַנדערע נישט צוליב די קלעפּ, צוליב דעם ווייטיק פון קלעפּ, צוליב דער מורא פאַרן טויט?

— ווו איז מיין זיכערקייט? — וואַרט אַ מינוט, איך וועל אייך אַרויסברענגען די זיכערקייט.

דער סאָלדאַט איז אַרויס אין דרויסן און האָט באַלד געבראַכט מיט זיך עפּעס אַ זאַך, פאַרזיכטיק איינגעוויקלט אין אַלטע צייטונ־גען. דער סאָלדאַט האָט צעוויקלט די צייטונגען און דערלאַנגט אהרנען אַ שוואַרצן שטעקן מיט זילבער באַצירט.

ביי אהרנען האָט אַ קנויל פון פיין זיך צוגעקייקלט צום האַלדז. ער האָט גענומען דעם שטעקן אין האַנט און זיך דערמאָנט אין פּיוולען, ווי ער פלעגט גיין פאַרזיכטיק אין גאַס מיט אַנגעשטרענגטע אויערן און טאַפּן דעם וועג מיטן שטעקן און שווייגן, שווייגן וועגן עפּעס, וואָס האָט ביי אים געשריגן אין האַרצן:

— אַזאַ רציחה, אַזאַ רציחה!..

עס איז נישטאָ קיין שום צווייפל, אַז דאָס איז די גרעסטע ני־דערטרעכטיקייט וואָס אַ מענטש קאָן באַגיין.

— טאָ וואָס נעמט איר זיך אָן זייער קריוודע?

— איך נעם זיך נישט אָן זייער קריוודע. איך האַלט אָבער, אַז מיר טאָרן זיך נישט שטעלן מיט זיי אויף איין ברעט. מיר זענען נישט קיין רוצחים.

— זיכער זענען מיר נישט קיין רוצחים, אָבער מיר האָבן נישט

קיין ברירה. ס'איז געווען דער איינציקער וועג אַרויסצוקריגען פון זיי דעם אמת. אפשר וואָלט איר געהאַט אַן אַנדערן וועג?

אהרן האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס:

— אָפן גערעדט: ווייס איך נישט, וואָס מען וואָלט געדאַרפט טאָן, אָבער איך ווייס, אַז אויב עמעץ פון זיי וועט שטאַרבן פון די קלעפּ, אָדער בלייבן אַ קאַליקע פון די קלעפּ, וועט דאָס זיין אויף מיין געוויסן...

— דאָס גלויב איך אייך. כ'בין אַמאָל אויך געווען אַזאַ עמפּפינדלעכער מענטש. ביז כ'האָב אויסגעפונען, אַז די וואָס דאַרפן האָבן אַ שולדיקן געוויסן האָבן דעם געוויסן ביים טייוולס מאַמען אין בוזעם; און גראָד דער וואָס איז אומשולדיק, מאַטערט זיך מיטן „שולדיקן געוויסן", ווען אים דוכט זיך, אַז ער האָט אינמיטן נאַכט אַ וואַנץ צעקוועטשט... מענטשן צונדן אונטער די וועלט, וואָס ברענט נאָך עד היום אינעם פייער פון מלחמה. פונדעסטוועגן זעט מען נישט זיי זאָלן זיך מאַטערן צוליב אַזאַ זאַך ווי געוויסן. אדרבה, זיי דערוואַרטן מען זאָל זיי אַ גאָלדענע מצבה נאָכן טויט אַוועקשטעלן, און אפילו ביים לעבן; אָבער אויב עפּעס אַ סאָלדאַט שרעקט זיך איבער פון אַ קויל, וואָס צערייסט אויף שטיקער זיינעם אַ חבר, מוטשעט ער זיך מיטן שולדיקן געוויסן, הלמאי ער האָט זיך באַגראָבן אין דער בלאָטע און נישט באַוויזן צו ראַטעווען דעם חבר... ער האָט אים, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט ראַטעווען, אָבער דאָס געוואָלט האָט ער... אַך, אַראָן איסאַיעוויטש, אַראָן איסאַיעוויטש — אַזוי דוכט זיך רופט מען אייך — ווען אַלע מענטשן וואָלטן געהאַט אַ געוויסן, וואָלט מען נישט געהאַט פאַר וואָס צו מוטשען זיך...

אהרן לעסניק איז געווען גערירט פון דעם סאָלדאַטס רייד, אָבער אַלץ נישט איבערצייגט:

— דאָס איז מסתמא אַזוי — האָט ער צו אים געזאָגט מיט וואָרעמקייט — אָבער מיר ביידע האָבן אונדזער געוויסן און מיר מוזן זיך אויפפירן אַזוי, ווי מיר פילן, אַז דאָס איז יושרדיק. עס איז נישט יושרדיק צו שלאָגן אַ געפאַלענעם, אַן אומבאַהאָלפענעם. חוץ

דעם, מיט שלאָגן קאָן מען קיין גערעכטיקייט נישט דערגרייכן. אין געגעבענעם פאַל האָט איר געכאַפּט די מערדער, אין אַ צווייטן פאַל וועט מען צווינגען אַן אומשולדיקן מענטש, זיך מודה זיין אין אַ פאַרברעכן, וואָס ער איז נישט באַגאַנגען. כדי דאָס אויסצומיידן, דאַרף מען אויסמיידן די ברוטאַליטעט; ברוטאַליטעט און גערעכטיקייט גראָמען זיך נישט איינס מיטן אַנדערן. דעריבער בעט איך אייך זייער שטאַרק: שטעלט זיך נישט אַוועק אויף איין ברעט מיט די מערדער, דערלאָזט נישט צו קיין ווייטערדיקע געוואַלט-אַקטן. אויב זיי נויטיקן זיך אין מעדיצינישער הילף — רופט אַ דאָקטער צו זיי. היט זיי אָפּ פון די אויפגעהעצטע מענטשן אין גאַס, ווייל ביי אַנדערע אומשטענדן וועלן זיי צעטאַפּטשען אַן אומשולדיקן מענטש, אויב עמעצן וועט איינפאַלן אויסצוטראַכטן אויף דעם מענטש אַ בילבול. עס איז פאַר אונדז — כ׳מיין פאַר מענטשן מיטן געוויסן — אפילו אַ גרעסערע געפאַר, ווי די מערדער, וואָס געפינען זיך איצט אין אייערע הענט. בעט איך אייך זייער שטאַרק, האַלט אין אייערע הענט און אייער געוויסן ריין...

— בעט מיך נישט אַזוי שטאַרק, איכ׳ל דאָס טאָן אָן אייער בעטן. אָט איז מיין האַנט. איך גיב אייך אַן ערנוואָרט פון אַ סאָלדאַט, אַז איכ׳ל זיי פאַרשפאַרן אין טורמע און זיי האַלטן דאָרטן אַזוי לאַנג, ביז עס וועט זיך איינשטעלן דאָ אין שטאָט אַ געזעצלעכע מאַכט.

— אַ שיינעם דאַנק, אגב, ווי הייסט איר. כ׳מעג זיך שעמען, כ׳האָב מיט אייך שוין צוויי מאָל זיך באַגעגנט און כ׳ווייס נאָך נישט אייער נאָמען.

— מיין נאָמען איז איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו. איר גלויבט נישט? קיינער גלויבט מיר נישט, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער אַזוי איז עס, עמעץ דאַרף דאָך הייסן איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו, טאָ פאַר־וואָס זאָל דאָס נישט זיין מיין ווייניקייט?

אויפן וועג אַהיים האָט אהרן געטראַכט:

איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו? — אַ נייער מענטש מיטן אַלטן נאָמען — ווען וועט ער שוין די סאָלדאַטסקע קליידער אויסטאָן?

3

אין שאָטן פון אַ תליה

איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו האָט געהאַלטן זיין וואָרט, כאָטש דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. אַ צאָל מלינער תושבים, מיט קאָלבאַסניק הוזער בראש, האָבן פאַרלאַנגט פון אים אַ שנעלן משפּט. זאָל דאָס פאָלק אַליין באַשטימען דעם גורל פון די פאַרברע־כער, האָט געפאָדערט הוזער, וועלכער איז, אגב, אויך געווען אַן איוואַן איוואַנאָוויטש. געמיינט האָט ער אָבער אַ „סאַמאָסוד" — אַן עקזעקוציע דורך אַן אויפגעהעצטן עולם אין מיטן גאַס. ער האָט אויפריכטיק געגלויבט, אַז דאָס איז די פּאַסיקע שטראָף פאַר די מערדער און אַז זיין דורשט נאָכן בלוט פון די פאַרדאַמטע מענטשן באַווייזט באַשיינפּערלעך פאַר דער גאַנצער שטאָט, וואָס פאַר אַ נאָבעלער מענטש ער איז. עס איז געווען אַ צייט ווען כמעט יעדער מענטש אין מלינער האָט זיך געפּרוּווט אויסטויגן אַלס „כלל־טוער" און דאָס איז געווען איינע פון די זעלטענע געלעגנהייטן פאַרן ביר־גער הוזער צו שטילן זיין כעס אויף זיין אייגענעם אופן און אין דער זעלבער צייט ווייזן ווי שטאַרק ער נעמט זיך אָן די קריוודע פון דער שטאָט. אינגאַנצן באַוווסטזיניק אין דעם איז ער נישט געווען, אָבער ער האָט געפילט, אַז עס איז געקומען זיין צייט. ער האָט אויך געפּרוּווט שמידן דאָס אייזן אַזוי לאַנג ווי ס'איז נאָך הייס.

איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו האָט אָבער געהאַט אַן אַנדערן קוק אויף דער זאַך. ער האָט געוואָלט אַ גערעכטן משפּט פאַר די פאַרברעכער און נישט קיין מאָרד־אָרגיעס פון צעיושעטע תושבים. ער האָט עטלעכע מאָל אָנעקגעשיקט אַהיים דעם צודרינגלעכן איוואַן הוזער און אים געוואָרנט, אַז אויב ער'ט זיך נישט אויפפירן לייטיש, וועט מען אים אַריינזעצן צוזאַמען מיט די פאַרברעכער אין איין קאַמער. דאָס האָט געווירקט, אָבער נישט אויף אַלע די, וואָס האָבן פאַרלאַנגט אַ שנעלן משפּט, וואָרים צו זיי האָבן באַלאַנגט אַ גרעסע־

רער טייל פון זיינע סאָלדאַטן. „נישט געגוג וואָס מיר הונגער׳ן, האָבן זיי געטענהט, נישט גענוג וואָס מיר ווייסן נישט אויף וועלכער וועלט מען געפינט זיך, מוזן מיר נאָך שטיין אויף דער וואַך און באַשיצן אַ באַנדע רוצחים פון אַרנטלעכע מענטשן. לאָמיר די הינט אַרויס־געבן צום פאָלק און פטור אַן עסק! אַז איינער איז אַ הונט, קומט אים אַ הינטישער טויט״.

מיט די דאָזיקע סאָלדאַטן האָט איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָו זיך געגעבן אַן עצה אויף גאָר אַן אַנדערן אופן. ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי דאַרפן נישט שטיין אויף דער וואַך, אויב זיי ווילן נישט. אַז די גאַנצע מעשה: „שוואַך־געזונטע קאָמאַנדע״ האָט קיין שום זין נישט און איז אויסגעטראַכט געוואָרן פון אַלטן רעזשים, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרגינען דעם מענטש אַ ביסל פרייהייט, בקיצור, אַז ס׳איז שוין צייט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די סאָלדאַטסקע קליידער און מאַכן אַ סוף צום הינטישן אופן פון לעבן. — „קיינער פון אונדז — האָט ער געזאָגט — טויג שוין פון לאַנג נישט פאַר דער אַרמיי. איצט אָבער איז אפילו נישטאָ ביי וועמען צו דינען. איז זאָל זשע יעדער איינער וואָס וויל, זיך גיין בשלום אַהיים. איך בין דאָ דער קאָמאַנדיר און איך דערלויב. איז באַלד געוואָרן אויס „שוואַך־גע־זונטע קאָמאַנדע״.

דער געוועזענער אונטער־אָפיציר איוואַנאָוו איוואַנאָוויטש איוואַ־נאָוו איז אָבער געבליבן צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע סאָלדאַטן, וועלכע זענען געווען צו אים צוגעבונדן דורך פערזענלעכער פריינדשאַפט און האָבן צוזאַמען מיט אים געהאַלטן, אַז זיי האָבן גענומען אויף זיך אַ וויכטיקע מיסיע. זיי האָבן אָפּגעהיט די פאַרברעכער ביז עס איז אין שטאָט די נייע מאַכט געקומען.

* * *

געקומען זענען די פאָרשטייער פון דער מאַכט אין אַ פאַנצער־צוג. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס די מלינער באַן־סטאַציע האָט אַזאַ מין באַן געזען.

אנגעפירט מיט די פארשטייער פון דער נייער מאכט האט א מאן אין שווארצן לעדער אנגעטאן: א לעדערנעם קאפעלוש, א לע־דערנע טוזשורקע, אפילו לעדערנע־הויזן, שוין אפגערעדט פון לע־דערנע שטיוול. אזא סארט קליידער האבן די מלינער תושבים קיינ־מאל פריער נישט געזען.

גערעדט האט דער מאן אין די לעדערנע קליידער פונעם באל־קאן, וואס האט אויף זיך נאך קיינמאל קיין מענטש מיט אזא קלינ־גענדיקער, זיכערער שטימע, נישט געהאלטן.

גערעדט האט ער פאר א גרויסן, שווייגנדיקן עולם, וואס האט זיך פארזאמלט אין דער ביטערער קעלט ביי דער געביידע פון דער שטאט־פארוואלטונג צו הערן דאס ווארט פון דער נייער מאכט.

עס איז געווען א ניי ווארט וועגן דער געזעלשאפט „אן עקס־פלואטאציע", אן קלאסן, ווו „דער וואס ארבעט נישט — עסט נישט", ווו דאס פאלק איז דער אייגנטימער פון אלע רייכטימער און דער באזיצער פון מאכט; ווו שטאט און דארף ארבעטן צוזאמען פאר אלעמענס ווילזייך; ווו אלע פעלקער זענען גלייך און לעבן אין פרידן ווי איין גרויסע משפחה".

דאס ווארט איז געווען א זיכער קלינגענדיק ווארט פון א מענטש, וואס ווייסט שוין דעם גאנצן אמת און וועט זיך נישט לאזן אפשטעלן אויף זיין וועג פאראויס צו זיין ציל.

אבער וואס צו טאן מיט די מערדער האט דער מאן אין די לעדערנע קליידער נישט געוווסט. אזוי שנעל ווי ער איז איבערגעגאנ־גען צו מלינער ענינים און דערמאנט די מארדן, אלס אן אקט פון שונאים, וואס נוצן אויס די שוועריקייטן פון דער איבערגאנג־צייט, כדי צו קאמפראמיטירן די נייע מאכט, האט ער זיך אנגעהויבן וואקלען.

פון אנהויב האט ער געזאגט, אז פאר אזוינע פארברעכנס דארף מען „אוועקשטעלן צו דער וואנט", וואס האט באדייט, פארשטייט זיך, — שיסן.

האט אהרן לעסניק, צו דער שטוינונג פון גאנצן גרויסן עולם אויסגעשריגן:

— קאָן איך שטעלן אַ פראַגע?
— זיכער!
— זענט איר אַ באָלשעוויק?
— זיכער!
— ווייסט איר, מסתמא, ווער עס האָט אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג: „נידער מיט טויט־שטראָף?"

— זיכער ווייס איך. מיר האָבן דאָס אַרויסגעשטעלט דעם דאָזיקן לאָזונג. אָבער דעמאָלט האָבן מיר געוואָלט באַשיצן די סאָלדאַטן פון טויט שטראָף, וואָס די רעגירונג פון קערענסקי האָט פאַר זיי איינגעפירט. דאָס איז געווען אַ טויט־שטראָף איינגעפירט כדי צו ראַטעווען דעם פאַרברעכן פון דער אימפעריאַליסטישער מלחמה, און דאָ האַנדלט זיך וועגן טויט־שטראָף פאַר קרימינעלע פאַרברעכער. דאָס איז אַ גרויסער אונטערשיד. אָבער מיר זענען נאָך אַ יונגע מאַכט. מיר האָבן נאָך נישט קיין געזעצן פאַר די קרימינעלע פאַרברעכער און קיין אייגענעם געריכט. גלויב איך, אַז מיר וועלן דעם ענין איבערגעבן צום פאָלק, זאָל דאָס פאָלק משפטן:

— זאָל דאָס פאָלק משפטן! — האָט עמעץ פון עולם אונטערגעכאַפּט — זאָל דאָס פאָלק משפטן!!! — האָבן זיך באַלד דערהערט געשרייען פון צענדליקער שטימען.

און אַזוי איז דאָס געבליבן.

* * *

אויפן צווייטן טאָג איז דער פאַנצער־צוג אַוועק אויף ווייטערדיקע באַזוכן אין צענדליקער און הונדערטער אַנדערע אַזוינע שטעט און שטעטלעך, וועלכע האָבן נאָך נישט געהאַט קיין נייע מאַכט. אָבער אַזוי שנעל ווי דער צוג איז פאַרשוווּנדן הינטערן האָריזאָנט, איז אויף זיין פּלאַץ אָנגעקומען אַ פראַכט־צוג מיט עטלעכע טיעפּלושקעס, וואָס האָט געבראַכט אַהיים איליאַ סעמיאָנאָוויטש ליעקאַר.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש ליעקאַר האָט איצט געהאַט לכל הפּחות

איין געמיינזאַמען שטריך מיט איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו: ער האָט געהאַט נאָר סימנים פון אונטער־אָפיציר־ישע בענדלעך אויף זיינע עפּאָליעטן.

ער האָט אויך מיטן מאַן אין לעדערנע קליידער געהאַט אַ גע־מיינזאַמען שטריך, כאָטש ער איז נישט געווען קיין באָלשעוויק: ער איז געווען אַן אָנהענגער פון דער נייער מאַכט. אָבער להיפּוך פון זיי ביידן איז ער נישט געווען קיין נייער מענטש אין שטאָט.

דערהערט פון זיין באַטריבטער פרוי די ביטערע נייעס פון דער מאָרד־כוואַליע אין שטאָט; דערהערט, אַז אויף צו־מאָרגנס וועלן די איינוווינער פון שטאָט משפּטן די פאַרברעכער אויפן פּלאַץ, וואָס איז אַנטקעגן דער טורמע, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פינגער איבערן טיש: — איכ'ל נישט דערלאָזן קיין שום ווילדע סאַמאָסודן אין שטאָט. נאָר דאָס האָט אונדז געפעלט? די פאַרברעכער וועלן געשטעלט ווערן צום געריכט נאָך דעם ווי מירן דאָס נייע געריכט איינשטעלן.

— גאָט איז מיט דיר, איליאַ, — האָט וויעראַ ליעקאַר אויסגע־רופן אַ דערשראָקענע, — כ'האָב דיך שוין כמעט אַ יאָר נישט געזען און דו זוכסט זיך שוין נייע צרות. וואָלסט בעסער געזעסן אינדער־היים. דו קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן ווי שטאַרק דער עולם איז אויפ־געהעצט. דו ווילסט מען זאָל דיך דאָרטן, צוזאַמען מיט די מערדער מיט די שטיוול צעטראַמפּלען.

— האָב נישט קיין מורא, זיי וועלן מיך נישט צעטראַמפּלען!

— און אַז נישט, מיינסטו, אַז מען וועט דיין גוטסקייט אָפּשאַצן. ווער דאַרף האָבן דיין פיינקייט, ווער זעט די פיינקייט? מענטשן זעען נאָר דאָס וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן — די דרויסנדיקע סימנים פון גבורה. אַ באַשיידענער מענטש איז נישט קיין העלד היינט־צו־טאָג. טאָ צו וואָס דאַרפסטו דיר נייע צרות? כ'בעט דיך זיץ אינדערהיים און לאָמיר זיך אומקערן צום נאָרמאַלן משפּחה־לעבן.

— נו, גענוג, גענוג וויעראָטשקאַ, — האָט געענטפערט איליאַ סעמיאָנאָוויטש, — אַלץ וועט זיין גוט. די געשיכטע וועט דאָך פאַר־קומען ערשט מאָרגן און ביז מאָרגן איז נאָך דאָ אַ גאַנצער אוונט

צו פאַרברענגען, איז לאָמיר רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן.

* * *

אויף צומאָרגנס האָט אַ גרופּע פּרייוויליקע תושבים אויפגע־שטעלט אַ תליה אויפן ליידיקן פּלאַץ, קעגנאיבער דער טורמע.

עס איז געווען קאַלט אויפן גרויסן פּלאַץ, וואָס איז געווען באַ־דעקט מיט האַרטער, פאַרפרוירענער ערד און אַ דינעם שיכט שניי. דער פּלאַץ האָט פּרובירט זיך אַ ביסל אָנצוואַרעמען פון דער ווינ־טער־זון, אָבער נישט מיט קיין צופיל הצלחה. אַ פראָסט־כוואַליע פון צפון האָט זיך דאָ געלאָזט פילן נאָך מער, ווי אין דער שטאָט גופא. מענטשן, וועלכע זענען געקומען צו פאַרנעמען פּלעצער אין „די פאָדערשטע רייען", כדי צו קאָנען בעסער זען דעם ספּעקטאַקל, האָבן געטופּעט מיט די פיס אין דער פאַרפרוירענער ערד, געבלאָזן אויף די הענט און זיך באַקלאָגט, למאי מען לאָזט זיי אַזוי לאַנג וואַרטן.

איוואַן איוואַנאָוויטש הוזער האָט זיך נישט באַקלאָגט. ער האָט געאַרבעט ביים בויען די תליה און עס איז אים געווען אַזוי וואַרעם, אַז ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם קאָזשוך. ער איז נישט געווען אַזאַ גוטער פּלאָטניק, ווי אַ קאַלבאַסניק, און אָפטמאָל געטראָפן מיטן האַמער איבער די דיקע פינגער פון זיין לינקער האַנט, אַנשטאָט אויף די טשוועקעס, אָבער דאָס האָט אים אויך נישט צו־שטאַרק געקימערט. ביי יעדן אַזאַ פאַל האָט ער זיך אויסגעזידלט מיט אַ פּאָר שאַרפע קללות און האָט ווייטער פאַרגעזעצט דאָס אַריינ־האַקן טשוועקעס איז דער תליה. געטאָן האָט ער דאָס מיט אַן ענער־גיע פון אמתן כעס. אין כעס איז ער געווען אויף די מערדער, וועלכע דרייען זיך אַרויס אַזוי לאַנג פון זיינע הענט; אויף דער נייער מאַכט, צוליב וועלכער די אַרבעטער זענען פון אים אַוועק און דראָען צו־נעמען ביי אים די קאַלבאַסניע. אין כעס איז ער אויך געווען אויף דער גאַנצער כאַאָטישער וועלט, וועלכע, ווי ער האָט עס געזען, איז „פון זינען אַראָפּ" און קייקלט זיך צו אַן אומבאַקאַנטן פינצטערן

מאָרגן. הכלל, ער האָט אַריינגעהאַקט טשוועקעס אין דער תליה מיט אַזאַ ענערגיע, ווי ער וואָלט אויף איר געוואָלט אויפהענגען אַלע זיינע שונאים. צוזאַמען מיט אים האָבן געאַרבעט ביי דער תליה דריי מענטשן, וואָס יעדער פון זיי וואָלט געקאָנט זיך בייטן מיט די פאַרברעכער אַזוי, אַז קיינער אין שטאָט וואָלט נישט באַמערקט דעם אונטערשיד. זיי זענען געווען: סעמיאָן פּריכאָזשי, איוואַן קופּאַ און גריגאָרי טשוב. זיי זענען געווען מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט פון צופעליקע פאַרדינסטן, אָפּטמאָל נישט כשרע. זיי פלעגן פאַרשפילן און געווי'נען אין קאָרטן מער ווי זיי האָבן ווען עס איז פאַרדינט. און זענען געווען באַוווּסטע שלעגער אין שטאָט. זיי האָבן געבויט די תליה מיט באַשיינפּערלעכער הנאה און אייפער פון מענטשן, וואָס דערוואַרטן אַ גוטע באַלוינונג. כאָטש אין דעם פאַל האָט עס זיך געהאַנדלט נישט וועגן ברויט נאָר וועגן אַ „פאַרשטעלונג״.

חוץ זיי איז דאָ געווען נאָך איין בויער פון דער תליה — דער געוועזענער גאָראָדאָוואָי כוועדיר פּאַרטוואַ. ער איז געווען הוזערס אַן אַלטער באַקאַנטער און מיט פאַרגעניגן אַרויסגעהאָלפן ביי דער אַרבעט מיט אַ טאָלק און מיט עפּעס אַ מאָדנע געפיל, אַז די תליה איז נישט פאַר די מערדער, וואָס מען וועט זיי אָט־אָט אַרויספירן פון דער טורמע, נאָר פאַר דער גאַנצער נייער אָרדענונג, וועלכע האָט ביי אים צוגענומען „די מענטשלעכע ווירדע פון אַ גאָראָדאָוואָי״ ווי די זאַך איז געווען באַצייכנט פון זיינע פריינד.

די דאָזיקע פינף בויער פון דער תליה זענען געווען די איינ־ציקע אויפן פּלאַץ, וועלכע האָבן קיין קעלט נישט געפילט. אַלע אַנדערע צווישן דעם אויפגערודערטן עולם, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, האָבן געפרירט. פיל פון זיי זענען געווען אומגעדולדיק און געשריגן:

— אויף וואָס וואַרטן זיי דאָרטן ?!

— די תליה איז שוין באַלד פאַרטיק. מ׳קאָן שוין אַרויספירן די מערדער !

— ברענגט זיי אַרויס, די רוצחים !..

— גיט זיי אַהער!
— אַרויס מיט די הינט!...
פּלוצים איז געוואָרן שטיל אויפן פּלאַץ.
הינטערן גרויסן טויער פון טורמע האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון אייזנס. דער אָנגעשטרענגטער עולם האָט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם געקוקט ווי עס עפנט זיך לאַנגזאַם דער טויער צו מאַכן אַ וועג פאַר אַ גאָר אומגעוויינלעכער איבערלעבונג. פונעם טויער איז אָבער אַרויס נאָר איין מענטש, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן, ווי אַ סאָל־דאַט, אָבער נישט געהאַט קיין געווער. מען האָט אין אים באַלד דער־קענט איליאַ סעמיאָנאָוויטש ליעקאַר.
די שטילקייט אויפן פּלאַץ איז צעשטערט געוואָרן דורך אַ גע־ברום פון אומצופרידענע שטימען.
איליא סעמיאָנאָוויטש האָט אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט, ער איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו די פּאַרטיקע טרעפּ פון דער תליה, איז אַרויף אויפן שטאַנד, האָט אָפּגעשטעלט מיט דער האַנט די בויער — „געבוג שוין, ס'וועט שוין זיין גוט אַזוי ווי עס איז" — און מ'יט אַ מאַך פון דער האַנט צוגערופן צו זיך דעם עולם:
— זייט אַזוי גוט — לאַנדסלייט — קומט צו נענטער, נענטער, נאָך נענטער. כ'האָב עפּעס וויכטיקעס אייך מיטצוטיילן, איז קומט זשע אַלע אַהער נענטער!
עס איז געווען עפּעס אין איליא סעמיאָנאָוויטשעס אויסזען און זיין שטימע, וואָס האָט באַלד געביטן די שטימונג פון דער מערהייט מענטשן אויפן פּלאַץ, וועלכע זענען אַהער געקומען צוליב דעם פּשוטן בייגער: זיי זענען אַהער נישט געקומען צו משפּטן די פאַרברעכער, נאָר צו זען ווי מען הענגט זיי אויף. איצט האָבן זיי פּלוצים דער־פילט, אַז זיי זענען נישט קיין זייטיקע מענטשן אין דער אָנגעלעגנ־הייט, אַז זיי זענען אַהער געקומען צו דערליידיקן עפּעס גאָר אַן ערנסטן ענין און אַז זיי מוזן דאָס טאָן צוזאַמען מיט איליאַ סעמיאָנאָוויטשן. זיי האָבן אים גוט געקענט און כאָטש ער האָט צוליב זיינע מיליטע־רישע קליידער אויסגעזען ווי אַ פאַרשטייער פון דער מאַכט — זיי האָבן

אים פאָרט נישט געקאָנט באַטראַכטן אַלס אַ סאָלדאַט — איז ער אָבער נאָך אַלץ געווען אַן אייגענער מענטש. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט צעקלייבן אין דער פּלאָנטערניש פון געשעענישן, וואָס האָבן זיי געבראַכט אויפן שוועל פון דער תליה און האָבן באַלד דערפילט, אַז איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט עפּעס וויכטיקעס צו זאָגן. אפילו די אומגעדולדיקסטע צווישן זיי האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט דער שטימונג און זיך איינגעשטילט.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט געוואַרט ביז דער עולם וועט זיך איינאָרדענען אין אַ האַלבן קרייז אַרום אים און געטראַכט, בשעת מעשה, אינטענסיוו וועגן דעם, וואָס וועט ער די מענטשן זאָגן. ער האָט געוווסט וואָס ער וויל — אַ גערעכטן משפּט פאַר די פאַרברעכער און אַ יושרדיקע באַציִונג צו זיי, אַלס מענטשן; ער האָט די פאַרברעכער באַטראַכט פאַר מענטשן, „קרבנות פון נויט, אומוויסנקייט און באַרבאַרישע באַדינגונגען פון לעבן". ער איז געווען זיכער, אַז ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלטן זיי אויסגעזען גאָר אַנדערש. ער האָט זיי באַזוכט אין זייערע באַזונדערע צעלן און זיי געבעטן דערציילן פּרטים וועגן זיך אַליין. זיי האָבן אים אָבער נישט פאַרשטאַנען. אייניקע פון זיי האָבן זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און געשוויגן. זיי האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ תליון, וואָס איז געקומען זיך גריבלען אין זייערע נשמות. פאַנקראַט פאַדפּרוהאַ האָט זיך צו אים נישט אויסגעדרייט מיטן רוקן. ער האָט זיך צעלאַכט היסטעריש: „גיי אין די שמוץ־יאַמעס פון שטאָט, וועסטו דאָרטן געפינען די פּרטים פון מיין לעבן... די איינציקע פּרוי צווישן זיי האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט און אָנגעהויבן קושן: „ניע גוביט׳ע באַטיושקאַ, פּאָמילויטיע", אַזוי ווי איליאַ סעמיאָנאָוויטש וואָלט זיין אַ האַר, וועלכער האַלט איר לעבן אין זיינע הענט...

עס איז פאַר אים געווען אַ פּיינפולע דערפאַרונג, וואָס האָט נאָך מער באַפעסטיקט זיין באַשלוס נישט צו דערלאָזן צו דער עקזעקוציע, אָבער דער באַזוך אין דער תפיסה האָט אים נישט געגעבן קיין מאַטעריאַל פאַר דער פאַרטיידיקונג, וואָס ער האָט דאָרטן

געזוכט. עס איז פאַר אים געבליבן נאָר איין זאַך צו טאָן: צו באַ־קעמפן די תליה צוליב דער תליה אַליין.

ער האָט באַטראַכט דעם עולם אַזוי, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגן, אַז יעדער איינער פילט זיך באַקוועם און האָט אָנגע־הויבן שטיל:

— חברים, ברידער, מיט־בירגער און לאַנדסלייט! איך שטיי דאָ מיט אייך אינעם שאָטן פון דער תליה, וואָס איז שוין כמעט אינגאַנצן פאַרטיק. ווייס איך נישט ווי אַזוי יעדער איינער פון אייך קוקט אויף דעם, אָבער פאַר מיר איז עס אַ טרויעריקער צייכן, זייער אַ טרויעריקער צייכן!...

— עס איז תמיד געווען דער צייכן פון באַדריקונג און גרוי־זאַמקייט. די תליה האָט אין משך פון יאָר־טויזנטער געדינט די טי־ראַנען, אָבער אפילו אין סאַמע פינצטערע טעג פון די אַלטע צייטן, האָבן מיר דאָ, ביי אונדז אין שטאָט, קיין תליה נישט געהאַט.

איצט האָבן מיר זי אַליין אויפגעבויט און זי זעט אויס ווי אַ פרעמדער געשוויר אויפן לייב פון אונדזער שטאָט... האָבן מיר דען אין אונדזערע רייען אַ תלין?

איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט אויסגעצויגן זיין האַנט און אויפגע־הויבן זיין שטימע:

— איך פרעג ביי אייך, האָבן מיר דען אין אונדזערע רייען אַ תלין?!...

— ווער פון אונדז קאָן אָנטאָן אַ פעטליע אויפן האַלדז פון אַ מענטש און אים קאַלטבלוטיק דערשטיקן?

דער עולם אויפן פאַרפרוירענעם פלאַץ האָט זיך נאָך נענטער צוגערוקט צו דער תליה, אַזוי ווי צוגעצויגן צו איליאַ סעמיאָנאָ־וויטשן מיטן כוח פון פשוטן אמת, וואָס האָט זיך געפילט אין זיינע ווערטער.

איוואַן הוזער, וועלכער איז געשטאַנען אויף די טרעפּ און גע־האַלטן דעם האַמער אין האַנט, האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זיך צוריק־געהאַלטן, ער האָט פריער נישט געטראַכט וועגן דעם, ווער

ס׳וועט אויפהענגען די פאַרברעכער און עס איז אים איצט עפּעס נישט אָנגענעם געווען צו זאָגן, אַז ער׳ט זיך אונטערגענומען צו טון די אַרבעט פון אַ תלין. ס׳איז אים געוואָרן מיטאַמאָל אומאָנגענעם פון אַ געפיל, אַז מענטשן קוקן אויף אים מיט פאַראַכטונג, כאָטש קיינער האָט זיין פאַרלעגנהייט נישט באַמערקט. ער האָט אַראָפּגע־לאָזט די אויגן און געשוויגן.

געשוויגן האָבן אויך די פיר אַנדערע בויער פון דער תליה, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט וואַרפן אין די אויגן.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט צעפּירט מיט די הענט:

— איר זעט, איר שוויגט. איר פילט מסתמא דאָס זעלבע וואָס איך. עס איז נישט פאַר אונדז קיין עסק. עס איז אַ גרויזאַמע זאַך. מיט וועלכער מיר ווילן נישט האָבן צו טאָן. ס׳איז נישט פאַר אונדז קיין אַרבעט!...

— אַ מענטש, וואָס פאַר אַ סאָרט פאַרברעכן ער זאָל נישט באַ־גיין, מוז קודם־כל געמישפּט ווערן און ערשט דאַן באַשטראָפט. מיר זענען אָבער נישט קיין ריכטער און זיכער נישט קיין הענקער, טאָ צו וואָס דאַרפן מיר מיט דער דאָזיקער תליה, פאַראומרייניקן אונ־דזער שטאָט?!

איוואַן הוזער האָט זיך פּלוצים דערפילט געטראָפן. ער האָט דער־פילט אין איליאַ סעמיאָנאָוויטשעס רייד אַ ביטול באַציונג צו זיין מי. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט, געוואָלט עפּעס זאָגן, זיך גע־וואַקלט אַ וויילע און צום סוף אויסגעשריגן מיט אַ מאָדנע דינער שטימע:

— וואָס הייסט מען דאַרף נישט האָבן! ס׳איז גרינג צו זאָגן — מען דאַרף נישט האָבן!...

איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט אַ שמייכל געטאָן:

— ניין, ניין, עס איז נישט גרינג צו זאָגן. אַז מען שטייט אין שאָטן פון אַ תליה, געפינט מען נישט קיין לייכטע ווערטער און כ׳האָב נישט ביי זיך אַזעלכע ווערטער שוין פון לאַנג. כ׳בין איצט געקומען פון פראָנט, וווּ כ׳האָב געזען אַזוי פיל מענטשלעכע פּיין,

אַזוי פיל ליידן, אַזוי פיל צעשטערונג און טויט, אַז עס איז ביי מיר אין קאָפּ קיין קלענסטער פּלאַץ נישט געבליבן פאַר לייכטע ווערטער... אָבער עס זענען ביי מיר געבליבן ריינע הענט!

איליאַ סעמיאַנאָוויטש האָט געוויזן דעם עולם די הענט.

— ריינע הענט, דאָס איז מיין גרעסטער פאַרמעגן, און דאָס איז אייער גרעסטער פאַרמעגן. מיר מוזן דאָס אָפּהיטן, אויב מיר ווילן דערלעבן ביזן ליכטיקן מאָרגן... בעט איך אייך אַלעמען אין נאָמען פון אמת און יושר, אין נאָמען פון אונדזער ווילער היים־שטאָט, אין נאָמען פון אונדזער מענטשלעכער ווירדע: לאָמיר האַלטן אונדזערע הענט ריין!..

מירן האַלטן די הענט ריין. — האָט עמעץ פונעם עולם אימ־פּולסיוו אויסגעשריגן. צענדליקער שטימען האָבן אונטערגעכאַפּט די ווערטער און האָבן זיי ווי אַן עכאָ צעטראָגן איבער פּלאַץ ביי דער תפיסה.

— מירן האַלטן די הענט ריין!

— מירן האַלטן אונדזערע הענט ריין!

איליאַ סעמיאַנאָוויטש האָט דערפילט, אַז עס איז געקומען די צייט צו טאָן עפּעס.

ער האָט אויסגעצויגן די האַנט:

— בירגער הוזער, גיט מיר אייער האַמער.

איוואַן הוזער — אַ דערשטוינטער און צעטומלטער, — איז נאָכגעקומען דעם פאַרלאַנג, וועלכן ער האָט אויפגענומען אַלס אַ באַפעל.

איליאַ סעמיאַנאָוויטש האָט אויסגעצויגן דעם האַמער צום אויפ־גערודערטן מיט התלהבות און אַנגעצונדענעם עולם:

— חברים, ברידער, מיטבירגער און לאַנדסלייט! איר זעט דעם דאָזיקן האַמער? ער איז געשאַפן געוואָרן צו בויען און נישט צו צעשטערן, אָבער מיט דעם האַמער אין אונדזערע ריינע הענט וועלן מיר אַלע צוזאַמען אַראָפּנעמען דעם שאַנד־פלעק פון אונדזער שטאָט — מירן טאָן די הייליקע זאַך אין פולער אָרדענונג! יעדער פון

אונדז וועט צולייגן די האַנט! אַ טשוועקל נאָך אַ טשוועקל, אַ ברעטל נאָך אַ ברעטל וועלן מיר די תּליה צענעמען.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון די טרעפּ, אַריינ־געקלאַמערט דעם האַמער אין אַ שפּאַלט און אַראָפּגעריסן אַ ברעטל. דאַן האָט ער געגעבן דעם האַמער צו עפּעס אַ הויכן פּויער, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ סוויטקע און געטראָגן אַן אַלטמאָדישע נידעריקע, שוין פֿון לאַנג אָפּגעטראָגענע שאַפּקע. דער פּויער האָט אַראָפּגענומען די שאַפּקע, געקושט דעם האַמער, אָפּגעריסן נאָך אַ ברעטל, און איבערגעגעבן דעם האַמער צו אַן אַנדערן פּויער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אַ ביסל אַנדערש ווי ער, יענער האָט געטאָן דאָס זעלבע.

אַ מאַן נאָך אַ מאַן, אַ פֿרוי נאָך אַ פֿרוי, אַ יונג נאָך אַ יונג, האָט דער שווייגנדיקער עולם געריסן די ברעטער פֿון תּליה מיט אַ ריטם פֿון געאָרדנטער פּראָצעסיע, ביז די גאַנצע תּליה איז פֿאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ הויפֿן געהילץ.

ווען ס׳איז שוין נישט געווען וואָס צו טאָן האָט איליאַ סעמיאָ־נאָוויטש אויפֿגעהויבן די הענט און אויסגעשריגן:

— און איצט לאָמיר גיין אַהיים בשלום!

דער עולם איז זיך שטיל צעגאַנגען אַן אויפֿגערודערטער, אָבער דערהויבענער.

ביי דעם הויפֿן געהילץ איז געבליבן שטיין נאָר איוואַן הוזער. ער האָט זיך געפֿילט אינגאַנצן פֿאַרלוירן. איליאַ סעמיאָנאָוויטשס ווערטער און זיין האַנדלונג האָבן אים גערירט, אָבער דער איינדרוק איז ביי אים אויך לאַנג נישט פֿאַרבליבן. עפּעס האָט ער פֿאַרלוירן, עפּעס האָט ביי אים איליאַ סעמיאָנאָוויטש צוגענומען. ער האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ גוטן מענטש. ער האָט אים אָפֿט געזען ביי זיך אין הויז — ביים קראַנקן־בעט פֿון זיין שוואַכער פֿרוי. ער פֿלעגט וועגן אים זאָגן: „אַזאַ גוטער מענטש. אַ ייד — און דאָך אַזאַ גוטער מענטש". דער דאָזיקער מענטש איז איצט אויסגעוואַקסן נאָך מער אין זיינע אויגן, און דאָך האָט ער אים מיט עפּעס זייער שטאַרק באַעוולט...

איוואַן הוזער האָט זיך געפּילט הילפלאָז און באַדריקט. דער עולם איז זיך שוין צעגאַנגען, אָבער ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי דעם הויפּל געהילץ. ער האָט געפרעגט ביי זיך אַליין:

— טאַ שטשאָ טצע וואַנאַ טאַקע?! (וואָס איז דאָס אַזוינס?!...)

און דאַן — באַוועגט פון עפּעס אַ ווילדן אימפּולס — האָט ער אַרויסגענומען מיט דער ציטערנדיקער האַנט אַ פּעקל שוועבלעך פון דער בוזעם קעשענע און געפּרוווט אָנצינדן דאָס געהילץ.

— זאָל דאָס ברענען אויפן פייער.

די שוועבעלעך זענען אָבער שנעל פאַרלאָשן געוואָרן פונעם ווינט און דאָס געהילץ האָט זיך נישט אָנגעצונדן. איוואַן הוזער האָט געפּרוווט באַשיצן די ברענענדיקע שוועבעלעך מיט די הענט. אָבער זיינע ציטערנדיקע הענט האָבן אים פאַראַטן.

ער איז געווען הילפלאָז, אינגאַנצן הילפלאָז. ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו שטילן זיין כעס. ער האָט געכאַפּט עטלעכע ברעטער, זיי צעוואָרפן אין פאַרשידענע ריכטונגען און האָט זיך צו זיי אויסגעדרייט מיטן רוקן.

ער איז אַוועק אַ היים אַן אויפגערודערטער און באַדריקטער.

4

אויפן וועג צום אומבאַקאַנטן

— פּאַוואָליע, פּאַוואָליע ברודערקע!...

דוד׳קע האָט איינגעהאַלטן אַ יונג קעלבל, וואָס האָט זיך געריסן צו דער מוטערס זיסער מילך. דאָס קעלבל האָט געשטופּט דאַווידקען מיטן קאָפּ, געדרייט אים אַרום זיך, זיך געריסן פון זיינע הענט, געשלעפּט אים צו דער שטאַל, אָבער דוד׳קע איז געווען אַ שטאַרקער יינגל און די טיר פון שטאַל איז שוין סיי־ווי געווען פאַרמאַכט. זיין מאַמע, סאָביע לעסניק, האָט דאָרטן אומגעשטערט גע־

מאָלקן די רויקע „מאַשע״, אַ האָלאַנדקע מיט אַ גאַנצן אוצר מילך אין פולע אייטערס. די מילך האָט געשלאָגן גלייך אין עמער אַריין מיט שטאַרקע ריטמישע שטרעמלעך, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט די פלינקע באַוועגונגען פון סאָניע לעסניקס געניטע הענט.

זי איז געווען אַנגעטאָן אין אַ פשוט שטוב-קליידל און געהאַט אויף זיך אַ וואַרעמע פאַטשיילע איבער די אַקסלען איבערגעוואָרפן. זי האָט אויסגעזען ווי אַ פויערטע, כאָטש אייגנטלעך האָט זי קיינמאָל נישט אויסגעזען אָדער זיך אויפגעפירט ווי אַ „דאַמע פון דער געזעלשאַפט״. תמיד — ביי דער אַרבעט אין דער שטוב; ביים קאָכן, באַקן, רייניקן דאָס הויז, וואַשן די וועש, מעלקן די קו — האָט זי געפירט אַן אַרבעטנדיק לעבן, איצט נאָך מער ווי ווען עס איז. אמת, דוניאַשאַ האָט זיך צוזאַמען מיט סיאָמען באַזעצט אין שטאָט און אַרויסגעהאָלפן סאָניען אין דער באַלעבאַטישקייט, אָבער ליובע איז נישט געווען אינדערהיים און דוניאַשעס הילף האָט נישט געקאָנט אין גאַנצן באַפרייען אַזאַ אַרבעטסזאַמע פרוי, ווי סאָניע לעסניק. סאָניע פלעגט תמיד געפינען וואָס צו טאָן, שוין אָפּגערעדט פון אויסנייען אַ האַנטעך, וואָס איז ביי איר געווען אַ מין זיסע פאַטראַווע נאָך אַ שווערן מאָלצייט. ווען סאָניע האָט געהערט פונעם ווערטל „ווער עס אַרבעט נישט, דער זאָל נישט עסן״, האָט זי אויף דעם געענטפערט: „זאָל ער נישט עסן!״. ווי זי האָט עס פאַרשטאַנען, האָט דאָס ווערטל צו איר קיין שום שייכות נישט געהאַט.

פאַרענדיקט מעלקן די קו און פאַרדעקט דעם עמער מיט אַ ווייסן האַנטוך, האָט סאָניע זיך געלאָזט גיין שנעל צום הויז, איבערן האַרטלעכן שניי, וואָס האָט געסקריפעט ביי איר אונטער די פיס. זי האָט זיך געאיילט פטור צו ווערן וואָס שנעלער פון דער קעלט, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אונטער איר פאַטשיילע און האָט זי געטריבן צו דער וואַרעמער שטוב.

דוד׳קע האָט זיך אַרומגעשפּילט מיטן קעלבל אַזוי לאַנג, ביז סאָניע איז אַריין אין הויז און האָט באַלד געלאָזט דאָס קעלבל לויפן אין שטאַל אַריין.

ער איז דאַן צוגעשטאַנען צו די מענער, וועלכע האָבן געזעגט און געהאַקט האָלץ אין װוּף.

סיאָמע און אַבראַשקע האָבן געזעגט אַ „דריי־אַרשיניקע“, וואָס איז געלעגן אויף שטאַרקע קאָזלעס, און כאָטש סיאָמע האָט געאַרבעט מיט דער לינקער האַנט, האָט ער עס געטאָן מער געשיקט, ווי אַבראַשקאַ מיט דער רעכטער; אַבראַשקאַ האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער לענגער זעג; ער האָט נישט אָנגעהאַלטן דעם זעלבן ריטם פון אַרבעט — געשלעפּט אָדער צו שנעל, אָדער צו לאַנגזאַם, געדריקט צו שטאַרק אויפן הענטל אָנשטאָט האַלטן דאָס לייכט און פריי, געבויגן די דינע, לאַנגע זעג אויף ביידע זייטן און געמאַכט די אַרבעט פאַר דער איינער האַנט פון זיין עלטערן ברודער זייער שווער.

סיאָמע האָט זיך אויף אים געבייזערט:

— שלעפּ נישט אַזוי שטאַרק!... שטופּ נישט!.. לאָז אָפּ די זעג ווען איך צי צו זיך!.. האַלט זיך נישט פאַרן הענטל אַזוי שטאַרק, וועסט נישט אַראָפּפאַלן פון וואַגן!.

דערזען דוד׳קען האָט ער אים צו זיך צוגערופן:

— אָנו, זשוקל, קום אַהער, נעם איבער די זעג פונעם שלימזל, ווייז אים ווי מען טוט די אַרבעט!

דוד׳קע האָט איבערגענומען די זעג פון אַבראַשקעס הענט און עס איז אַוועק אַ גאַנג:

— זינג־זאַנג, זינג־זאַנג, זינג־זאַנג, האָט זיך צעזונגען די שטאָלענע זעג אין איר רימיטישן גאַנג אויף אַהין און צוריק, באַגלייט מיט גלייכע שטרעמלעך געלן זעגעכץ — אויף לינקס און רעכטס, אויף לינקס און אויף רעכטס.

סיאָמע האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אַבראַשקען אַ בליק פון אַ זיגער:

— אָט אַזוי זעגט מען האָלץ...

אַבראַשקאַ האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, אַ שמייכל געטאָן אומבאַהאָלפן, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „וואָס קאָן איך טאָן, אַז די מאַמע האָט מיך אַזאַ איינעם אויף דער וועלט געבראַכט“.

ער האָט אַראָפּגענומען זיין מאַנטל פון אַ הויפן האָלץ, געוואָלט אים אנטאָן, אָבער באַלד חרטה געקראָגן. ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם מאַנטל צוריק אויפן פריערדיקן פּלאַץ און איז צוגעגאַנגען צו אהרנען.

אהרן האָט צעהאַקט די אָפּגעזעגטע דיקע קלעצלעך אויף דינע. ווען אַבראַשקאַ איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט אהרן שוין געהאַט אַריינגעיאָגט די האַק אין אַ פרישן קלעצל. איצט האָט ער אויפגעהויבן די האַק צוזאַמען מיטן קלעצל איבערן קאָפּ און מיט אַ לייכטן שווונג אַרונטערגעלאָזט די האַק אין אַן אַנדער דיק קלעצל, ווי אַ האַמער אויף אַ קאָוואַדלע. דאָס קלעצל האָט זיך געשפּאָלטן אויף צווייען און די צוויי טיילן זענען געפאַלן אויפן צעטאָפּטשעטן שניי, אַזוי ווי זיי וואָלטן קיין מאָל קיין גאַנצע זאַך נישט געווען.

— גיב מיר די האַק, איך׳ל פּרובירן, האָט זיך אַבראַשקאַ געבעטן ביי אהרנען.

אהרן האָט געגעבן אַבראַשקען די האַק:

— פּרוביר, אָבער זיי פאָרזיכטיק — היט די פיס.

— אַבראַשקאַ האָט אויפגעהויבן די האַק, אַ זעץ געטאָן אינעם קלעצל און אויף שנעל צוגעכאַפּט די פיס. די האַק איז אָפּגעשפּרונגען פונעם קלעצל, ווי עס וואָלט געווען האַרטער פון דעם שאַרפן אייזן. דאָס קלעצל איז אומגעפאַלן און אַבראַשקאַ האָט אויף דעם געקוקט מיט פאָרוואָרף אין די אויגן, וואָס האָבן געטענה׳ט: פאַרוואָס האָסטו דאָס אונדז אַזוי אָפּגעטאָן? — מוזטו אומבאַדינגט אונדז טאָן אויף צו להכעיס?...

אַ ביסל האָט אַבראַשקען די מעשה פאַרדראָסן. ער איז נישט געווען קיין האָלץ־העקער, אָבער... דער אָנקעל איז דאָך אויך נישט קיין האָלץ־העקער. און דאַווידקע?...

אַבראַשקע האָט געפּרוווט נאָך אמאָל — ס׳איז געווען אומזיסטע מי. אהרן האָט אים געעצהט:

— האַלט די האַק לייכט. ווערג נישט דאָס הענטל. האַלט גוט, אָבער טו עס אַזוי, ווי דו וואָלסט עס געוואָרפן: לאָז אין גאַנג דעם כוח פון שווונג...

ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די האַק און דאס האלץ האבן גאָרנישט געוואָלט האָבן צו טאָן איינער מיטן אַנדערן. אַבראַשקע האָט זיך אָנגעמאַטערט אַזוי עטלעכע מינוט, ביז ער האָט אָנגעהויבן זיך באַדעקן מיט שווייס טראָץ דעם פראָסט. האָט ער אַוועקגעלייגט די האַק אויף דער ערד, פאַר אהרנס פיס, ווי אַ שלאַכטמאַן לייגט אַוועק זיין שווערד פאַר די פיס פונעם זיגער און אויפגעהויבן די הענט:

— סדאַיוס!... (איך גיב זיך אונטער)

אהרן האָט זיך צעשמייכלט:

— נו געבנוג. גיי אין שטוב אַריין. נעם בעסער אַ ביכל צו לייענען. דו ביזט ביי אונדז אַ „קאַבינעט־מענטש". אפילו ביים סאָציאַליזם וועט מסתמא, נישט יעדער איינער האַקן האָלץ.

איך האָב אַזוי, האָט אַבראַשקאַ געענטפערט מיט אַ שמייכל. ער האָט גענומען דעם מאַנטל פאַרן קאָלנער, אָבער נישט אָנגעטאָן, נאר אַריבערגעוואָרפן אים איבער דער פלייצע. ס׳איז אים געווען הייס. ער איז אַרויף אויף דער וועראַנדע, אָפּגעקלאַפּט דעם שניי פון די קאַלאָשן און איז אַריין אין הויז.

געקומען אין שטוב איז ער באַלד אַריין אין אהרנס אַרבעט־צימער, האָט זיך צוגעזעצט צום שרייבטיש און זיך פאַרטראַכט. ס׳איז אים נישט געווען צום האַרצן זיין פיזישע אומבאַהאָלפנקייט. ער האָט געוואָלט אַרויסהעלפן אין דער באַלעבאַטישקייט און נישט געקאָנט. אַזוי איז דאָס געווען זומער, און איצט פאַסירט דאָס זעלבע. אין פרילינג האָט מען דעם הויף אויף אַ גאָרטן איבערגעגראָבן, האָט דוד׳קע געטאָן מער אַרבעט דערביי, ווי ער, אַבראַשקאַ. אזוי איז דאָס אויך געווען ביים פלאַנצן די גרינסן, אָדער ביים אַרויסרייסן די ווילדע גראָזן, אָדער ביים אויסגראָבן די רייפע קאַרטאָפל פונעם גאָרטן. איז דאָס נישט געווען קיין גרויסער אומגליק פאַר אַ מענטש, וואָס איז גאַנץ גוט צוגעפּאַסט צו אַן אַנדערער מין אַרבעט, צו דער אַרבעט מיטן מוח. אָבער אַבראשקא האָט אויך פון זיין לייענען און טראַכטן קיין פיל נחת נישט געהאַט. ער האָט אָנגעהאַלטן דעם אָנשטעל פון אַן אויפ־

געלייגטן, צופרידענעם מענטש; תמיד גרייט צו שמייכלען גוט־מוטיק. ער פלעגט אַזוי שמייכלען אפילו אין אַ פאַל, ווען אַ מענטש מיט אַן אַנדערן כאַראַקטער וואָלט זיך אויפגעקאָכט, אַנגערעדט נאַרישקייטן און אפילו באַגאַנגען עוולות. אָבער צופרידן מיט זיך איז ער נישט געווען.

געטראַכט אַ ווײַלע וועגן דעם האָט ער צום סוף אַרויסגענומען עטלעכע בלעטלעך גרוי, ביליק פּאַפּיר פון אַ שופלאָד, גענומען אַ פּען אין האַנט און אָנגעהויבן שרײַבן אַ בריוו צו זײַן יונגערן ברודער.

ער האָט געשריבן:

„טײַערער מישענקאַ!

כ׳האָב דיר שוין פון לאַנג נישט געשריבן. איך האָב געהאַט אַזוי פיל צו טראַכטן, אַז איך האָב פאַרגעסן אין אייך אַלעמען. אָבער היינט האָב איך צו זיך געזאָגט: גענוג! גענוג שוין געווען אַ חזיר....

כ׳בין ערשט איצט אַריין פון הויף און כ׳האָב געפּרוווט אַרויס־העלפן ביים זעגן און האַקן האָלץ. שטעל זיך פאָר, אַז סיאָמאַ מיט זיין איין האַנט טויג זיך אויס בעסער פאַר דעם, ווי איך מיטביידע הענט. מען האָט מיך פאַרביטן מיט דוד׳קען. ער זעט אויס, אגב, ווי אַ פּויער׃ — פשוטער שכל, פשוטע רייד. אַ ביסל איז ער אין זיין טאַטן געראָטן, כאָטש פעטער אהרן איז שוין גאָרנישט אַזאַ פּראָסטער מענטש. ער קאָן האַקן האָלץ — דאָס יאָ, אבער אַז ער רעדט, האַקט ער נישט קיין האָלץ...

— אַ מערקווירדיקער מענטש! וואָס מער איך באַקען זיך מיט אים, אַלץ מער באַוווּנדער איך אים. ערשט איצט הויב איך אָן פאַר־שטיין, פאַרוואָס דער טאַטע האָט אַזוי פיל גערעדט וועגן אים. פריער, ווי דו געדענקסט, איז ער מיר נישט געווען צום־האַרצן. כ׳האָב פיינט די גבירים! כ׳מיין צו זאָגן, אַז איך האַלט נישט פון דעם מין מענטשן, אויב אפילו עס איז דאָ ביי געווויסע באַדינגונגען אַ גוטער גרונט פאַר זייער עקזיסטענץ. האָב איך אין טאַטנס שבחים פאַר אָנקעל אהרן געזען אַ מין חניפה צו אַ גביר, וואָס וואַרפט דיר צו אַ ביינדל פון זיין טיש. טאַקע צוליב דעם האָב איך נישט געוואָלט פאָרן קיין מליני. ווי

דו ווייסט, האָב איך דאָס געטאָן נאָר צוליבן טאַטן. אָבער איצט האָב איך נישט קיין חרטה און איך קויף זיך דאָס בעקל פֿאַר זיין אַ געהאָרכזאַמער זון. וואָרעם, עס איז געווען כדאי, אויב אפילו נאָר צוליב פּעטער אהרן אַליין.

כ׳האָב נאָך נישט געזען קיין מענטש, וועלכער זאָל קאָנען זיך אַזוי צופּאַסן צו נייע אומשטענדן, און דאָך בלייבן דער זעלבער יחיד. ער איז דאָך איצט אויס גביר. דעם וואָלד האָט ער נאַציאָנאַליזירט. דאָס געלט האָט מען ביי אים צוגענומען...

כ׳געדענק דאָס ווי עס וואָלט פּאַסירט היינט. מען איז געקומען ביינאַכט און אים גערופן אויף דער באַן־סטאַציע. כ׳האָב געמיינט, אַז ער וועט שוין צוריק נישט קומען. דו ווייסט דאָך, אַז קיין שום רעוואָלוציע באַגייט זיך נישט אָן עקסצעסן און מיר האָבן איצט אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס באַטראַכטן די רעוואָלוציע אַלס אַ מין פּיזיאָלאָגישן פּראָצעס. פֿאַר זיי „באַזייטיקן דעם קאַפּיטאַליזם״ מיינט — פּיזיש אויסראָטן די גבירים. ס׳איז איצט, בכלל, אַזאַ צייט ווען די ווערטער: „באַזייטיקן״, „ליקווידירן״, און אפילו „אָראָפּנעמען פֿון חשבון״ — מיין אָרעמע בובהאַלטעריע! — זענען געוואָרן סינאָנימען פֿון וואָרט דערשיסן, — אינעם באַוווסטזיין פֿון מענטשן, וואָס האַלטן די ביקס אין האַנט.

האָב איך זיך שטאַרק געזאָרגט. עס האָט שוין מיך אַפּילו אָנגעהויבן מאַטערן דאָס שולדיקע געוויסן, וואָרעם איך גלויב נאָך אַלץ, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט אָפּגעלעבט זיין צייט און מיין האָרץ איז מיט דער נייער מאַכט.

— בין איך די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן. און ווער איז יאָ געשלאָפֿן? טאַנטע סאָניע האָט שטיל געוויינט אין אַ ווינקל, קיינער זאָל נישט זען. סיאָמע האָט געהאַלטן אין איין אַרויסגיין פֿון הויז און זיך אומקערן צוריק, ווייל ער האָט אפילו נישט געוווסט וווּהין ער זאָל גיין. דוד׳קע האָט יעדע ווייל אַרויסגעקוקט פֿון פֿענצטער. ס׳האָט זיך אים, מסתמא, אויסגעדוכט, אַז אָט אָט וועט זיין פֿאָפּע קומען צוריק. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען די גאַנצע נאַכט. אָבער אינדערפֿרי איז

דער פעטער געקומען אַהיים אַ גאַנצער, אַ ביסל אַ בלייכער אויפֿן פּנים, אָבער אַ מונטערער.

אָפּן געזעגנדיק, האָב איך נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגן. זאָגט צו מיר דער פעטער: „דו וווּנדערסט זיך, מסתמא, אַבראַשקאַ, פאַר־וואָס עס ציטערן ביי מיר נישט די קני און איך באַקלאָג זיך נישט אויף מיין ביטערן גורל, וועל איך דיר זאָגן: ערשטנס, בין איך געבליבן לעבן, איז דאָס ביי מיר זייער אַן אָנגענעמע זאַך. צווייטנס: מען האָט פאַר מיר אַ קאָנטריבוציע באַשטימט, אַ פיינע, אַ בכבודיקע קאָנטרי־בוציע. וואָלט איך געדאַרפט אפשר וויינען. אָבער געבליבן אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה בין איך נישט. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך האָב איצט אַ גוטע געלעגנהייט צו באַווייזן וואָס איך וועל קאָנען אויפטאָן אונטער דער נייער מאַכט, וואָס פּראָקלאַמירט, אַז „ווער ס׳אַרבעט נישט — עסט נישט“.

— דאָס זענען דעם פעטערס ווערטער, מישענקאַ. איך מוז צוגעבן, אַז צו־ערשט האָב איך געצווייפלט צי ער וועט זיך קאָנען לאַנג האַלטן אויף די פיס, אָבער שליסלעך האָב איך געמוזט אויפהויבן די הענט און אָנערקענען מיין מפּלה. עס מערקט זיך נישט ביי אים אין הויז נישט קיין הונגער און נישט קיין פאַרצווייפלונג. קיינער האָט דאָ נישט קיין מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. אמת, ווייץ און מעל קריגט מען פאַר שטוב־זאַכן און קליידער, אָבער לויט זיינע ווערטער איז עס אַ „צייט־ווייליקער צושטאַנד“... ס׳איז, זאָגט ער, איינס פון די ביידע: אָדער די באָלשעוויקעס וועלן זיך נישט האַלטן און דאַן איז דאָס זיכער נאָר אַ צייטווייליקער צושטאַנד; אָדער זיי וועלן אָפּטאָן מיר אויף צו להכעיס און וועלן זיך יאָ האַלטן פיל לענגער, ווי עס קומט זיי לויטן שכל־הישר, וועלן זיי מוזן געבן מיר אַ חלק ערד זי צו באַ־אַרבעטן, וואָרעם איך קאָן זיין אַ בעסערער פויער, ווי איך בין געווען אַן אונטערנעמער.. און מערקווירדיק, כאָטש דאָס האָט געקלינגען ווי אַ וויץ, האָט עס זיך מיר געלייגט אויפן שכל...

— פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ זיכערקייט ביי אַ מענטש? כ׳קען דאָס נישט דערקלערן מיט דעם, וואָס דער פעטער האָט אויף וואָס

זיך אָנצושפּאַרן — אַ הויז, אַ גרויסן הויף. אַנדערע מענטשן זענען אין דער זעלבער לאַגע און זיי זענען אָדער פאַרצווייפלט, אָדער פאַרוויקלט אין נישט קיין כשרע געשעפטן, וואָס האַלטן זיי אין צושטאַנד פון אומאויפהערלעכער שרעק. קיינער פון זיי גראָבט נישט קיין ערד און האַקט נישט קיין האָלץ, און קיינער פון זיי זעט נישט אויס אַזוי ווירדיק. פרעג איך ביי זיך, ווידער אַמאָל און ווידער אַמאָל פון וואַנעו נעמט זיך אַזאַ זיכערקייט אין זיך ביי אַ מענטש...

— אָפן גערעדט, איך ווייס נישט. עס איז, ווייזט אויס, אין דער נאַטור פונעם יחיד. אָט נעם מיך, כ׳בין נישט זיכער אפילו אין דעם, צי ס׳איז אַ גלייכע זאַך צו פאַרנודיען דיך מיט אַזאַ לאַנגן בריוו, כאָטש איך ווייס, אַז דו ביזט ביי מיר אַ גוטער, אַ קלוגער, אַ שכל־דיקער ברודער וועלכער איז אין מיר געראָטן — אויב דיר געפעלט אַזאַ באַשיידנקייט. איך האָב אַ גוטן גרונט צו גלויבן, אַז דו וועסט האָבן הנאה פון מיין בריוו און דאָך צווייפל איך.

— כ׳גלויב אַז רוסלאַנד האָט נישט קיין אַנדערן אויסוועג פונעם היינטצייטיקן כאַאָס, ווי נאָר אויפן וועג פון אַ גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, אָבער איך דערמאָן זיך אויף וויפיל איז רוסלאַנד צוריק־געשטאַנען; כ׳דערמאָן זיך אין אַלץ, וואָס איך האָב געלערנט ביי מאַרקסן, און איך צווייפל... דאָס לעבן איז פול מיט פּאַראַדאָקסן וואָס לאָזן זיך נישט אַריינשטופּן אין קיין שום סכעמעס, אָבער יעדער טאָג ברענגט אַלץ נייע און נייע באַווייזן, אַז דער אַלטער מאַרקס איז פאַרט געווען גערעכט, אַז דער סאָציאַליזם מוז האָבן אַ פונדאַמענט פון הויך־אַנטוויקלטער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט, וואָס מיר האָבן ליידער נישט.

— דו גיב נאָר אַ קוק, מישענקאַ, וואָס עס טוט זיך דאָ אָפּ. איז די הונגעריקע שטעט האָט מען זיך צוגעאיילט מיט נאַציאָנאַליזירן די אינדוסטריע, ווייל די גרויס־קאַפּיטאַליסטן האָבן סאַבאָטירט די פּראָדוקציע. אָבער ווער סאַבאָטירט דאָ?... וועל איך דיר איינרוימען דעם סוד אין אויער: דער פּויער טוט עס און נישט נאָר דער רייכער פּויער. די פּויערים האָבן צוגענומען די פּריצישע ערד און קומענדיקן

פרילינג וועלן זיי די ערד פּאַרזייען. פאַר וועמען? — פאַר די הונ־געריקע שטעט? פאַרן אַרבעטער? ניין, פאַר זיך אַליין! דאָס איז דער ענטפער. און פונוואַנען וועט זיך נעמען דאָס ברויט פאַר דער שטאָט? — די פראַגע בלייבט אָפן. קיין גרויס־ווירטשאַפט איז אין דאָרף פאַר דעם צוועק נישטאָ. די פריצישע מאַיאָנטקעס האָט מען פשוט צעראַבירט, אָנשטאָט פון זיי מאַכן סאָציאַליסטישע מוסטער־ווירטשאַפטן. מען האָט צעכאַפּט פון דאָרטן די מאַשינען, די פערד, די בהמות און פּטור אַן עסק! אַזוי האָט מען פאַרשטאַנען דעם חנעווו־דיקן לאָזונג: „רויב דאָס געראויבטע". איצט זיצט מען אויף דעם, וואָס מען האָט און מען מאַכט זיך תמעוואַטע, ווי דער טאַטע זאָגט. קיין ברויט פאַר דער שטאָט איז נישט צו קריגן פאַר געלט. דו פילסט דאָס, מסתמא, מיטן אייגענעם מאָגן. אַ מיל מאָלט ווייץ און קאָרן און עס בלייבט פון דעם מעל אין דער מיל. אָבער וויפל אַזוינע מילן פאַרמאָגט דער נייער שטאָט און וויפל בלייבט דאָרטן מעל...

בלייבט ביי דעם נייעם שטאָט נאָר איין מיטל — געוואַלט. מען וועט פּרוּוון קריגן מיט בייזן וואָס עס לאָזט זיך נישט נעמען מיט גוטן. דאָס וועט אָבער מיינען צו פירן אַ מלחמה קעגן דער איבער־וועגנדיקער מערהייט פון פאָלק — כ'מיין פאַרשטייט זיך די פויערים. ווי אַזוי אַזאַ מלחמה וועט אונדז ברענגען צום סאָציאַליזם, ווייס איך נישט. כ'ווייס אָבער יאָ, אַז זי וועט אונדז נאָך מער אַריינוויקלען אין דער וואַקכאַנאַליע פון צעשטערונג און באַדריקונג וואָס דער סאָציאַ־ליזם זוכט אויסצומיידן. ס'איז אַ מין קוואַדראַטור פון אַ קרייז...

— צווייפל איך, מישענקאַ. איך ווייס, פאַרשטייט זיך, וואָס איך וויל! כ'וויל פּטור ווערן פון אָרעמקייט, הונגער, פינצטערניש און אונ־טערדריקונג; כ'בין אָבער אינגאַנצן נישט זיכער, אַז כ'קען דעם וועג צו דעם, ווי דער רוס זאָגט: „ביל בי ראד וראַי, דא דווער טאָ גדיע" (איך וואָלט זיך געפרייט מיטן גן־עדן אָבער ווו איז די טיר?) אָפן גערעדט, מישענקאַ, ווייס איך נישט ווו איז די טיר.

— פונדעסטוועגן, זאָרג זיך נישט וועגן מיר. איך טויג זיך אויס גאַנץ גוט אַלס אַ בוכהאַלטער. איך בין אפילו לעצטנס אַ ברויטגע־

בער געוואָרן. כ׳אַרבעט דאָ אויף דער מיל, ווו מען צאָלט אַ טייל פון מיין געהאַלט מיט מעל. „אין אונדזער צייט פון נאַטורעלער ווירט־שאַפט“ איז עס אַ גרויסע זאַך... אפילו סיאָמע קאָן זיך מיט מיר נישט פאַרגלייכן, וואָרעם ער טוט גאָרנישט.

— אַ ביסל באַאומרויקט עס מיך. דו ווייסט דאָך, אַז ער איז ביי אונדז אַ שווייגער, אָבער ערליידט זייער פיל. מען זעט עס אָן אויף אים. ער איז פאַרצווייפלט מסתמא, אַזוי ווי איך. כ׳בין אָבער זיכער, אַז ביי אים איז דאָס דער אָנפאַנג, אַז פריער־שפּעטער וועט ער זיך אויף עפּעס אַנטשליסן און ס׳וועט ביי אים גיין אַ גאַנג: ער איז פאָרט געגאַנגען אין אָנקעל אהרנס חדר. אַ שאָד נאָר וואָס ער האָט די האַנט פאַרלוירן.

אגב, אַ גרוס דיר פון דוניאַשען. כ׳וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט דערלעבן דעם טאָג, ווען דער טאַטע וועט אַרויסוואַרפן פון זיין לעק־סיקאָן אַזעלכע ווערטער ווי „די גויע“, „די שיקסע“. דוניאַשע איז אַ פיינע פרוי. מיט דער טאַנטע סאָניע פאַרשטייט זי זיך אויפן וווּנק. צו סיאָמען איז זי זייער שטאַרק צוגעבונדן. מיט איר פילט ער נישט אַזוי שטאַרק אַז עס פעלט אים אויס אַ האַנט. און דאָס איז זייער אַ גרויסע זאַך...

— נו, גענוג שוין געשריבן. שרייב אונדז אָפּט. כ׳וואָלט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי איר גיט זיך אַן עצה מיט די שוועריקייטן? שרייב באַלד אויב איר נויטיקט זיך אין הילף? שרייב וואָס מאַכט דער טאַטע און די גאַנצע כאַליאַסטרע. גיב איבער אַלעמען אַ האַרציקן גרוס פון דער גאַנצער משפּחה.

זיי געזונט,

דיין אַבראַשקאַ.

אָנגעשריבן דעם בריוו, האָט אַבראַשקאַ זיך באַלד אָנגעטאָן און איז אַרויס פון הויז מיטן בריוו אין דער האַנט.

עס איז שוין געווען אַ זייגער זעקס פון אַ פראָסטיקן ווינטער־אָוונט. סיאָמע, דוד׳קע און אהרן האָבן זיך נאָך אַלץ געפּאָרעט אין דער פינצטער אויפן הויף: געטראָגן די מכשירים און צעהאַקטע האָלץ

אין סאַראַי אַריין. אַבראַשקאַ איז א ווייל געשטאַנען אין אומאַנט־שלאָסנעקייט, אָבער צום סוף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — „וואָס וועל איך דאָרטן טאָן, העלפן די שטערן?“. ער איז אַרויס אין גאַס. נישט ווייט פון דער פּאָסט האָט אים עמעצער אָנגערופן מיט זיין נאָמען.

— העי, חבר רובין, וווהין איילסטו זיך?

אַבראַשקאַ האָט זיך אַרומגעקוקט. ס'איז געווען יאַנקעל נאָסקאַ, דער זעלבער יאַנקל נאָסקאַ, וואָס האָט אַמאָל אַזאַ הנאה געהאַט פון דער מעשה מיטן עלענבויגן.

ער איז שוין אָבער נישט געווען דער זעלבער נאַאיוו־פריילעכער יונג פון אַמאָל.

ער האָט געטראָגן אויף זיך אַ סאָלדאַטסקען שינעל און געהאַט אַ רעוואָלווער ביי דער זייט. דאָס פּנים איז ביי אים געווען ענער־גיש־סאָלדאַטיש, כאָטש נאָך אַלץ אַ יונגס, אָן אויפגעלייגטס. ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט זיך באַרימען מיט צופיל וויסן, אָבער ער האָט זיך נישט געוואַקלט, אַזוי ווי אַבראַשקאַ. אַ מלחמה וועטעראַן, וואָס האָט איך משך פון צוויי לאַנגע יאָרן געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין, איז ער אויסגעפּאָרן אַ וועלט מיט די לאַנגזאַמע באַנען; אויסגעטאָפּטשעט מיט די אייגענע פיס אַן אַנדערע וועלט פון וועגן: געזען אַן אַ שיער נייע מענטשן; געליטן פון נייעם הונגער און נייע ליידן; געהערט נייע רייד — פריינדלעכע אַזוי גוט ווי פיינטלעכע. צום סוף איז ער צוגעשטאַנען צו די, וועלכע זענען צו אים געקומען ווי צו אַ גלייכן און האָבן צו אים געזאָגט: „יאשאַ, עס איז געקומען די צייט ווען דו קאָנסט באַנוצן די ביקס אין דיין האַנט לטובת דעם אָרעמען מענטש. נעם דעם אייגענעם גורל אין דער האַנט און בוי זיך אַ ניי גליקלעך לעבן, אָן נויט, אָן פינצטערניש, אָן זינלאָזע בלוט־פאַרגיסונגען. לייג דאָס נישט אָפּ אויף מאָרגן. טו עס באַלד, היינט: שמיד דאָס אייזן אַזוי לאַנג ווי ס'איז נאָך הייס!... עס האָט זיך אים געלייגט אויפן שכל, עס האָט געקלינגען אין זיינע אויערן ווי אַן אמת, ווי אַ פּשוטער אמת.

ווען ער איז געקומען אין מלינ' איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון אַרטיקן סאָוויעט און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן צו פאַרוואַלטן מיט דער גרויסער מיל, ווו ער האָט פאַר דער מלחמה געאַרבעט אַלס אַ פשוטער בינדווזשניק.

פאַר אַבראַשקאַן האָט ער געהאַט דעם גרעסטן דרך ארץ. וואָרעם אַבראַשקא האָט געלייענט אַלע ביכער, וועגן וועלכע יאַקאָוו נאָסקא האָט געהערט, אַז זיי זענען די וויכטיקסטע פון אַלע אַנדערע ביכער אין דער וועלט. חוץ דעם איז אַבראַשקאַ געווען גרייט אַרויסצוהעלפן זיין נייעם פאַרוואַלטער סיי ביי דער אַרבעט, סיי מיט קריגן אַ ביסל בילדונג. ווען יאַקאָוו נאָסקאַ פלעגט זיך אַנשטויסן אויף אַ ניי וואָרט, אָדער אויף עפּעס אַ נייעם באַגריף, מיט וועלכן ער האָט זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן, פלעגט ער ארויסרופן צו זיך אבראַשקאַן און יענער פלעגט אים דערקלערן דעם זין דערפון ווי ער פלעגט דאָס פריער טאָן פאַר סאַראַטשקען מיט די פאָרמולעס פון אַל־געברע. אַבראַשקא האָט רעספּעקטירט יאַקאָוו נאָסקאַן נישט ווייניקער ווי ער האָט ליב געהאַט סאַראַטשקען און אים גערן אַרויסגעהאָלפן.

אָפּגעשטעלט, האָט זיך אַבראַשקאַ מיט אים האַרציק באַגריסט.

— וווהין לויפסטו? — האָט אים יאַקאָוו נאָסקא געפרעגט.

— צו דער פּאָסט.

— ווילסט פון דאָרטן מיט מיר גיין?

— ניין!

— פאַרוואָס ניין?

— כ'בין נישט קיין פאַרטיי־מענטש.

— פונוואַנען ווייסטו, אַז איך גיי אַהין?

— כ'שטויס זיך אָן.

— האָסט אַ גוטן קאָפּ, חבר רובין, כ'מיין אַבראַשקע. לאָמיר אָפּוואַרפן די פאָרמאַליטעטן. רוף מיך יאַשאַ, כ'וועל דיך רופן אַבראַש־קאַ און לאָמיר אויפהערן רעדן איינער מיטן אַנדערן ווי צעטיילט דורך אַ פלויט. צעטיילט דען אונדז עפּעס?

— ניין!

— טאַ פאַרוואָס ווילסטו נישט צו אונדז צושטיין.

— יאַקאָוו גריגאָריעוויטש...

— שוין ווידעראַמאָל, יאַקאָוו גריגאָריעוויטש. כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, מען רופט מיך יאַשאַ.

— גוט, יאַשאַ, כ׳האָב שוין אויף אַזוי פיל פון אייערע, כמיין דיינע. פראַגעס געענטפערט, איז האָב אויף מיר נישט קיין פאַריבל, אויב איכ׳ל אויף דער פראַגע נישט ענטפערן.

— פאַרוואָס? — כ׳קאָן דאָס נישט פאַרשטיין, דיין פעטער? — איז ער ביי דיר נישט קיין אויטאָריטעט. קיין מענשעוויק ביסטו נישט — דאָס ווייס איך. קיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנער ביסטו זיכער נישט. דו העלפסט מיר אויס אויף דער מיל און דו ווייסט דאָך אַזוי פיל. ווען איך ווייס נאָר אַ צענט־חלק — וואָס זאָג איך אַ צענט־חלק — אַ טויזנט־חלק פון דעם וואָס דו ווייסט, וואָלט איך זיך געהאַלטן פאַרן גליקלעכסטן מענטש אויף דער וועלט. כ׳וואָלט די בערג פון אָרט גערידט... מיר דאַרפן אַזוינע מענטשן ווי דו. פיל פון אונדזער חברה האָקן אַ טשייניק. מען נוצט קלינגענדיקע ווערטער סתם אין דער וועלט אַריין — הידרע פון אימפעריאַליזם אַהער, הידרע פון אימפעריאַליזם אַהין — קיינער האָט אפילו נישט געזען דעם „קאַפּיטאַל" פון מאַרקס. מען קאָן קוים אַ צייטונג־אַרטיקל ביזן סוף איבערלייענען, און דו שטייסט ביי דער זייט און ווילסט אפילו נישט זאָגן פאַרוואָס? האָסטו מורא? פאַר וועמען האָסטו מורא — פאַר זיי, צי פאַר אונדז?

אַבראַשקאַ האָט אַ שמייכל געטאָן גוט־מוטיק:

— ניין יאַשאַ, כ׳האָב פאַר אייך נישט קיין מורא.

— טאַ וואָס זשע דען?

—ווילט איר אומבאַדינגט וויסן?

— איך מוז וויסן.

— איך שאַנעווע אייך.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין איינפאַל?

— איך וויל נישט פאַרפלאָנצן ביי אייך אין האַרצן דעם צווייפל אין דער זאַך, וואָס איז פאַר אייך הייליק.

יאַקאָוו נאָסקאָ האָט זיך פאַרטראַכט.

— זאָג מיר, זיי אַזוי גוט — האָט ער געפרעגט ביי אַבראַשקאַן — פאַרוואָס איז ביי אייך, אינטעליגענטן, יעדע זאַך אַזוי קאָמפּליצירט?

אַבראַשקא האָט זיך ווידער צעשמייכלט גוט־מוטיק:

— ווייל יעדע זאַך איז פיל מער קאָמפּליצירט, ווי עס זעט אויס פון אויבן אויף.

— פונדעסטוועגן — האָט ער צוגעגעבן, ווען ער האָט באַמערקט אַ שאָטן פון פאַרדראָס אויף יאַקאָוו נאָסקאָס גוט־מוטיקן פּנים — פונדעסטוועגן, האָט אויף מיר נישט קיין פאַריבל. וואָרעם, אָפן גערעדט, בין איך אייך מקנא. איר זענט פיל גליקלעכער פון מיר. איז זייט זשע מיר געזונט. די פּאָסט וואַרט אויף מיין בריוו.

5
דער פאָטער און דער זון

אַבראַשקעס בריוו האָט געהאַט אַ לאַנגע רייזע מיט באַנען, וועלכע האָבן זיך באַוועגט ווייניקער ווי זיי זענען געשטאַנען אויף די סטאַ־ציעס און אפילו אינמיטן וועג, צוליב מאַנגל פון לאָקאָמאָטיוון און קוילן אָדער געהילץ, ווי אויך צוליב דעם נישט אָפּגערייניקטן שניי, וואָס פלעגט צומאָל אָפּשטעלן די באַוועגונג פון באַנען אין משך פון טעג און וואָכן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן פילן דער ווירטשאַפטלעכער כאַאָס אין לאַנד. דער פּאָסט־פאַרקער איז געווען אינגאַנצן דעזאָרגאַ־ניזירט און אַבראַשקאָס יונגערער ברודער, מישענקאַ, האָט דעם בריוו באַקומען ערשט אין מערץ, 1918, ווען עס זענען שוין געפירט געוואָרן די פרידנס־פאַרהאַנדלונגען אין ברעסט־ליטאָווסק. מישענקאַ האָט אָנ־געשריבן און אַוועקגעשיקט דעם ענטפער אַזוי שנעל, ווי ער האָט דעם בריוו געקראָגן, אָבער זיין בריוו האָט געהאַט דעם זעלבן מזל וואָס אַבראַשקאָס, און ווען דער בריוו האָט פאַרענדיקט די לאַנגע נסיעה און איז אַריין אין אַבראַשקאָס הענט, איז שוין געווען פרילינג אויף דער ערד. די סאָוויעט־מאַכט האָט שוין עוואַקויִרט מלינע און

די שטאָט האָט דערוואַרט די דייטשן צוזאַמען מיט די כוחות פון דער נייער אוקראַינער רעגירונג.

געלייענט דעם בריוו, זיך צוגעקוקט גוט צו די שטעמפּלען אויפן קאָנווערט, האָט אַבראַשקאַ צעפּירט מיט די הענט: „אַלץ, וואָס די דייטשן בלייבט איצט צו טאָן איז: פאַרהאַלטן די בריוו אין וועג אויף אַ פּאָר יאָר, ווען זיי אפשר זיך האַלטן לענגער...“

געזאָגט האָט ער דאָס אין דער אַנוועזנהייט פון דוד׳קען, וועלכער האָט זיך געקליבן גיין „אין שטאָט“, ד. ה. צו דער שטויביקער גלאָוונער גאַס, זען און הערן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. דוד׳קע האָט נישט פאַרשטאַנען דעם מיין פון די ווערטער און ער האָט געפרעגט אַבראַשקאַן:

— שרייבט עפּעס מישענקאַ וועגן די דייטשן? — זענען זיי שוין דאָרטן ביי אייך אין שטאָט.

— ניין! — האָט זיך אַבראַשקאַ צעשמייכלט סאַרקאַסטיש, זיי זענען נאָך ביי מישענקאַן אין ברעסט־ליטאָווסק, אָבער ער שרייבט וועגן זיי, אַז זיי וועלן זיך דערווערגן מיטן ביסן... אָבער, ש־ש־ש זאָל דאָס בלייבן צווישן אונדזביידן — קאָנסטו האַלטן אַ סוד?...

— פאַרוואָס נישט? — האָט דוד׳קע געענטפערט מיט אַ טאָן פון טראַגיקייט אין זיין שטימע. עס האָט אים נישט געשמעקט די געוויינהייט פון דערוואַקסענע מענטשן צו רעדן מיט אים ווי מיט אַ קליין קינד. ער איז דאָך שוין געווען 12 יאָר אַלט, האָט מיטגעמאַכט כמעט פיר שטורמישע יאָרן פון מלחמה און רעוואָלוציע, ווען כמעט יעדער טאָג האָט אים צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ נייער דערפאַרונג אין באַציִונג פון מענטש צו מענטש. אַלס אַ קינד האָט ער שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם „זין פון לעבן“. איצט האָט ער שוין אָבער געהאַט אייגענע דערפאַרונג מיט אַ מלחמה, גזזלשאַפטס־אָרדענונג ביי אַ מאָנאַרכיסטישער, רעפּובליקאַנער און סאָוויעטישן רעזשים, אַזוי גוט ווי מיט צענדליקער פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם גורל פון דער מענטשהייט. ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס עס האָבן גערעדט די דערוואַקסענע און פאַרשטאַנען פיל מער, ווי זיי זענען געווען גרייט

צו אָנערקענען. אַבראַשקאַ איז גישט געווען קיין אויסנאַם פון דעם כלל, אָבער איצט האָט ער באַלד דערפילט, אַז דוד׳קע איז נישט דאָס קינד, און נישט דאָס פויערל, וואָס ער איז געווען געוווינט צו זען אין אים.

— נו, גוט, האָט ער זיך צוגעאײלט צו פאַריכטן דעם שאָדן, וועסט קומען אַהיים וועלן מיר זיך וועגן דעם דורכריידן. דו ווילסט, מסתמא, וויסן פאַרוואָס מײנט מישענקאַ, אַז די דייטשן וועלן זיך נישט האַלטן אין אוקראַיִנע? וועל איך פאַר דיר לייענען זיין בריוו.

— גוט.

* * *

ס׳איז געווען אַן אָנגעשטרענגטער פרילינג־שבת מיט האַלב־אָפּע־נעם הימל איבער די גאַסן פון דער אומרויקער שטאָט, וואָס האָט דער־וואַרט אַ נייע אָרדענונג, אַ נײַ מין לעבן, און נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ סאָרט לעבן דאָס וועט זיין?

די אומזיכערקייט פון די תושבים האָט זיך געפילט אין די גאַסן פון שטאָט, מען האָט כמעט נישט געזען קיין דערוואַקסענע מענטשן גיין אין גאַס. אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן זענען נאָר די יינגלעך — דער געוואַגטער טייל פון דער באַפעלקערונג, — אָבער די גאַסן זענען נישט געווען ליידיק. מענטשן זענען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן נאָענט צו די אייגענע טירן, גרייט צו יעדער מינוט זיך אַריינכאַפּן אין שטוב אַריין, ווו מען האָט זיך געפילט זיכערער מיטן לעבן.

איוואַן הוזער איז אויך געשטאַנען אין גאַס ביים אייגענעם טויער. ער האָט געקוקט אויף דעם ליידיקן געפּלאַסטערטן וועג אינמיטן גאַס און געטראַכט וועגן דעם, אַז אָט וועט שוין קומען דער סוף צו זיינע ליידן און ער וועט קאָנען ווידער זיך באַווייזן פאַר דער שטאָט: „איר זעט, דאָס בין איך, איוואַן איוואַנאָוויטש הוזער, אַן אייגנטימער פון מיין אייגענעם געוועלב און געשעפט, וואָס כ׳האָב אויסגעבויט מיט מיינע אייגענע הענט און שכל. דאָרטן אונטערן דאַך פון מייַ הויז קאָנט איר זען די שילד מיט מיין נאָמען און גרויסע אותיות.

דאָס איז מיין נאָמען און איך האָב אים דערהויבן אַזוי הויך מיט שווערער פּראַצע, נישט כדי אים אַרויסשטעלן צום שפּאָט פאַר היימלאָזע שלעפּער, וואָס האָבן ערשט נעכטן געפּרוווט באַלע־באַטעווען איבער מיר...״

איוואַן הוזער האָט אויסגעגליכן דעם רוקן. ער האָט זיך געפילט, ווי עס פילט זיך יעדער מענטש פאַר אַ יום־טוב און זיין געמיט־צו־שטאַנד איז געווען ווי אַנגעשריבן אויף זיין צעשטראַלטן פּנים.

קיין אויסנאַם איז ער נישט געווען. עס זענען דאָ געווען פיל מענטשן אין מליני, וועלכע האָבן געטיילט זיינע געפילן, אָבער זיין אייגענער זון, לעאָניד, איז נישט געווען צווישן זיי.

ער איז נישט געווען אין שטאָט. ער איז געגאַנגען מיט אַ וואַלד־וועג אין דער ריכטונג פון שטאָט. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַלטע, פּויערישע קליידער. ער האָט געטראָגן אויף זיין רוקן אַ גרויסן זאַק און פאָרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט אויף יעדן קרייץ־וועג און פּאַליאַנקע. ער איז געווען שטאַרק געבויט און געהאַט אַ רונדן פּנים, ווי זיין טאַטע. פאַרוואַקסן מיט אַ בערשטל שטייפע האָר, האָט ער אויסגעזען ווי איינער פון די „היימלאָזע שלעפּער״, וואָס זיין פאָטער האָט זיי אַזוי געהאַסט. ער איז אָבער נישט געווען קיין „שלעפּער״. ער איז געווען אַן אָפיציר פון דער רוסישער אַרמיי, וואָס איז נאָך אַלץ פאַר אים געווען אַ וועזן, כאָטש אין דער ווירקלעכקייט איז די אַרמיי שוין געווען צעפאַלן. ער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דער אַרמיי צו פאַרטיידיקן זיין היימלאַנד, אין יאָר 1914. איצט איז ער געווען אַן אָפיציר און עס איז אים אינגאַנצן נישט געווען צום האַרצן אַריינוואַרפן ווי אין אַ מיסט־קאַסטן אַלץ, וואָס אים איז געווען טייער. ער איז אַרויס פון דער אַרמיי מיט נישט קיין ליידיקע הענט. אונטער זיינע קליידער איז געווען באַהאַלטן אַ גוטער אָפיצירן־רעוואָלווער, — נאַגאַן, מיט עטלעכע פעקלעך פּאַטראָנען. אין דעם זאַק האָט ער מיט זיך געטראָגן גענוג דינאַמיט צו ברענגען דעם שונא אַזוי פיל שאָדן, ווי אַ מענטש אין זיינע באַדינגונגען האָט עס געקאָנט טאָן.

צוגעקומען צום סאַמע ברעג פון וואַלד, האָט ער פאָרזיכטיק גע־

וואַרפן אַ בליק אויף צוריק. אויפן נאַקעטן פרילינג־פעלד האָבן זיך לאַנגזאַם באַוועגט שאָטנס פון קליינע וואָלקנס. זייער ווייט אויפן סאַמע האָריזאָנט האָט זיך געטוליעט צו דער ערד דער ליכטיק־בלויער סילועט פון דער שטאָט; אויף רעכטס, גאָר נאָענט צום וועלדל, האָט זיך געשפּילט מיט ליכט און שאָטן דאָס גרויע בענדל פון מלינקע, איבער־געשניטן אויף צווייען דורכן אייזן פון אַ שוואַרצער באַן־בריק; אויף לינקס — גאָר ווייט פונעם וועלדל — אויף אַ וועג אין פעלד, האָט זיך געשלענגלט עפּעס אַן אָפּטיילונג פון קאַוואַלעריע. די אָפּטיילונג האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט אין דער ריכטונג פון דער שטאָט.

לעאָניד הוזער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ בינאָקל פון זיין בוזעם און אים אָנגעשטעלט אין יענער ריכטונג. ער האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער: דאָס זענען געווען זיי — די דייטשן, ער האָט אין דעם נישט געקאָנט צווייפלען. ער האָט נישט געקאָנט זען צו פיל דעטאַלן, אָבער די סילו־עטן פון מענטשן אויף די פערד, דער אופן פון זייער זיצן אין זאָטל, און דאָס האַלטן די ביקס נישט אויפן רוקן, נאָר אין זאָטל; די שטאָלענע קאַסקעס און קורצע שטיוול — יעדע קלייניקייט, וואָס ער האָט באַמערקט, האָט נישט איבערגעלאָזט קיין שום צווייפל ביי אים אַז דאָס זענען זיי. זיי זענען אים פאַרלאָפן דעם וועג אין זיין אייגענער שטאָט:

— פאַרשאָלטענע פריצן!...

ער האָט זיך אויסגעזידלט הויך אויפן קול און געטראַכט, ווי אַזוי וואָלט ער זיי געקאָנט באַצאָלן פאַרן אומגליק, וואָס זיי האָבן געבראַכט אויפן לאַנד? ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַזוי, ווי ער וואָלט געזוכט עפּעס אַ זאַך אויפן אָפענעם פעלד, וואָס וואָלט אים דעם ענטפער געגעבן. ער האָט ווידער דערזען די אייזערנע באַן בריק. די בריק איז געווען גאַנץ אין אומבאַוואַכט. עס איז געווען צום בריק מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. עס איז געווען אַ זעלטענע געלעגנהייט צו טאָן עפּעס קעגן שונא. מען האָט נישט געטאָרט קיין איין מינוט

פארלירן. לעאַניד הוזער איז אַרויס פון וואַלד און איז אויף שנעל געגאַנגען אין דער ריכטונג פון בריק.

* * *

אויף דער מלינער גלאַוונער גאַס האָט אין דער זעלבער צייט זיך באַוויזן אַ קליינער אָפּטייל פון רויטע קאַוואַלעריסטן. זיי זענען געווען נאָר דריי מענטשן, גוט באַוואָפנט, אָבער מאָדנע אָנגעטאָן אין פאַרשידענע קליידער. איינער איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ מאַטראָז, באַטש די שווערד און דער קאַראַבין איז ביי אים געווען פון אַ קאַוואַלעריסט. די אַנדערע צוויי האָבן געטראָגן פּשוטע סאָלדאַטסקע קליידער, אָבער באַוואָפנט זענען זיי געווען ווי פוס-סאָלדאַטן און גע־זעסן אויפן פערד זענען זיי אויף אַ היימישן אופן, אָן דער געאיבטער פאָזע פון אַן אמתן רייטער.

לצים האָבן זיך פון זיי אויסגעלאַכט הינטער די טויערן:

— די הילצערנע קאַוואַלעריע!... ס'פעלט דעם מאַטראָז אַ פּאָר וויאָסלעס, ער זיצט אויפן פערד, ווי אין אַ שיפל... אויף אַ זינקענדיק שיפל...

מענטשן אין דער גאַס, ביי די אייגענע טויערן, האָבן געקוקט אויף די רייטער, ווער מיטן שמייכל פון בייזוויליקער פרייד אין די אויגן, און ווער מיט רחמנות.

זיי אַליין האָבן געפילט אויף זיך די בליקן און געזען, געריטן לאַנגזאַם, מער כדי אָנצוהאַלטן פאַר די מענטשן פון שטאָט דעם אָנ־שטעל פון בראַווע שלאַכט-לייט, ווי צוליב אַ נויטיקייט. פאַרבייפאָרנ־דיק דאָס הויז פון איוואַן הוזער האָט דער מאַטראָס דערפילט אויף זיך אַ שאַרפן בליק פון שנאה, און האָט זיך באַלד אָנגעצונדן מיט כעס. ער האָט דאָס נישט געקאָנט שענקען „דער פעטער זעלבסט-צו־פרידענער מאָרדע", ווי ער האָט דעם מענטש באַלד באַצייכנט. ער האָט אויסגעדרייט זיין פערד, זיך אַ לאָז געטאָן צום טראָטואַר און אַרויסגעכאַפּט די שווערד פון שייד.

די מענטשן אין גאַס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די טויערן מיט אַ געדראַנג, אָבער זיי האָבן באַלד אַרויסגעשטעקט די קעפּ אין גאַס אַריין.

דער מאַטראָס האָט אַרויפגעיאָגט זיין פערד אויפן טראָטואָר און אויפגעהויבן די שווערד איבער הוזערס קאָפּ.

הוזער איז געווען געפּלעפּט פון פּלוצימדיקן אָנפאַל. ער האָט אינ־גאַנצן פאַרלוירן די קאָנטראָל איבערן אייגענעם קערפּער. די שרעק האָט צוגעשמידט זיינע פיס צום אָרט. דאָס מויל איז געווען ביי אים אָפן. די אויגן גרויס און פול מיט ווילדער אומבאַהאָלפנקייט ווי פון אַ מענטש וואָס באַגעגנט זיך פּנים אל פּנים מיטן טויט.

דער מאַטראָז האָט פאַרהאַלטן דאָס פערד. ער האָט געהאַלטן זיין שווערד הויך אין דער לופטן. אָבער זיין האַנט האָט געציטערט. דער איבערגעשראָקענער פּעטער מאַן האָט איצט אויסגעזען גאָר אַנ־דערש, ווי דער וועלכן האָט אויף אים נאָר־וואָס געקוקט מיט שנאה. עס איז געווען נישט דער זעלבער מענטש. מער ווי אַן עקל און פאַר־אַכטונג צו זיך האָט דער מאַן איצט ביי אים נישט געוועקט. ער האָט נישט געקאָנט אַראָפּלאָזן די שווערד אויפן אומבאַשיצטן קאָפּ, סתם אַזוי. ער האָט אויסגעשפּיגן מיט כעס: — טפו! — און אַריינגע־שטעקט די שווערד צוריק אין שייד.

אָבער דעם קלאַפּ פון הענטל איבערן שייד האָט ער נישט גע־הערט. דער קלאַפּ איז געווען פאַרהילכט פון אַ מעכטיקן, טעמפּן זע׳ן אין דער לופטן, וואָס האָט געמאַכט אויפציטערן די שויבן אין מלינער הייזער:

דאָס פערד אונטערן מאַטראָז האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס. דער רייטער איז שיער נישט אַראָפּגעפאַלן פון זאָטל. איינגעשטילט דאָס פערד האָט ער זיך אַ יאָג געטאָן אויף צוריק אַנטלאָנג דער גאַס, נאָכגעיאָגט זיינע חברים. מיט אַ מינוט שפּעטער האָבן אַלע דריי גאַלאָפּירט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, צו דער באַן־סטאַציע, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ וואָלקן שטויב.

הינטער זיי האָבן די מענטשן אין גאַס דערזען באַלד פון וויי־טן

אַן אַנדערן וואָלקן שטויב און געהערט אַ קלאַפּעריי פון אַ פיל גרע־סערער צאָל פערדישע פיס.

דער עולם האָט זיך ווידער באַהאַלטן הינטער די טויערן און ווידער אַרויסגעשטעקט די קעפּ און געוואָרפן נייגעריקע בליקן אויף דער גאַס. נאָר איין הויזער איז געבליבן שטיין. נאָך אַלץ אומבאַוועג־לעך, נאָך אַלץ געפּלעפט, נאָך אַלץ געבלענדט דורך דעם אויפבליץ פון שווערד אויף דער זון. און אָט האָט ער צוביסלעך אָנגעהויבן דערקענען די זאַכן אין גאַסן און דערזען גאַנץ אַנדערע רייטער זיך יאָגן פאַרביי זיין הויז.

זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין גוט־געפּאַסטע, גרויע אוניפאָרמען. זיי האָבן געטראָגן שטאָלענע קאַסקעס אויף זייערע קעפּ און גע־האַלטן לאַנגע שפּיזן אַנטלאַנג די קערפּערס פון פערד. דאָס זענען געווען זיי — די דייטשן. זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך זיינע שונאים, זיי האָבן אים געראַטעוועט פון טויט, זיי האָבן אים באַשיצט פונעם שאַרפן שווערד. ער איז אין דעם געווען זיכער. ער האָט אין זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן די פרייד פון דערליזונג. ער האָט אַריינגע־אָטעמט אַ פולע מאָס לופט אין די לונגען און אויסגעשריגן:

הו־ראַ־אַ־אַ!!!

דוד׳קע איז געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט גאַס און נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אים די אויגן. דער שטויב פון גאַס האָט פון דוד׳קען פאַרשטעלט די דייטשע רייטער און די נייגעריקע מענטשן אין גאַס, אָבער נישט איוואַן הויזערן. ער האָט אים געזען און ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין אָנפאַנג פון דער מלחמה: דענסטמאָל איז ער געווען אָנ־געטאָן אין יום־טובדיקע קליידער. אַרום אים איז געשטאַנען אַ גרוי־סער עולם מענטשן. זיי זענען געקומען באַגלייטן די רעקרוטן אין ווייטן וועג אַריין. די רעקרוטן האָבן אַרויסגעקוקט פון די פענצטער פון די וואַגאָנען. זיי האָבן געפאָכעט מיט די הענט. ליאָנקע הויזער, דער יונגסטער פון זיי אַלעמען האָט געפאָכעט מיט אַ טיכל צו זיינע

טאַטע מאַמע. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט דעם הימן. די באַן האָט זיך גערירט פון פּלאַץ. איוואַן הוזער האָט אָפּגעווישט אַ טרער מיט אַ טיכל און פּלוצים, ווי פון דער העלער הויט, אויסגעשריגן:

— בעי ניעמצעוו!!! (שלאָג די דייטשן!!!).

און דאַן האָט זיך אַרום אים אַן אַנדערער עולם פאַרזאַמלט. אַ יום־טוב אַ גרויסער איז געווען. מען האָט די פעסטונג פון פּשעמישל ביי די עסטרייכער און דייטשן צוגענומען. דער אָרקעסטער האָט ווידער אַמאָל געשפּילט דעם הימן. און איוואַן הוזער האָט איבערגע־שריגן דעם גאַנצן עולם:

— הוראַ־אַ־אַ!!!

אַ מאָדנע וועלט, אַ מאָדנע פאַרפּלאָנטערט לעבן...

6

איין שטוב פיר וועלטן

צווישן די מענטשן, וועלכע זענען געווען די ערשטע צו זען דייטשיש מיליטער אויף דער מלינער הויפּט־גאַס, איז געווען איליאַ סעמיאַ־נאָוויטש ליעקאַר. ער האָט זיי געזען דורך דעם פענצטער פון זיין קאַבינעט, צו וועלכן ער איז צוגעלאָפן צוליב דעם פּלוצימדיקן אויפ־רייס, וואָס האָט אַ טרייסל געטאָן דאָס גאַנצע הויז. ער איז אָבער געשטאַנען ביים פענצטער נישט לאַנג. דערזען די שטאָלענע קאַסקעס. איינגעבויגענע צו די נאַסע פאַראויס געשטרעקטע פערדישע העלדזער, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג איבערן פענצטער, זיך צוריק צוגעזעצט צום טיש און גענומען לייענען זיין מאַנוסקריפּט פון אַ בוך, געווידמעט דער פּראָפילאַקטישער מעדיצין. עס איז געווען, ווי ער האָט עס געשריבן, „די מעדיצין פון דער צוקונפט״, ווען דער טראָפּ פון דער וויסנשאַפט וועט געלייגט ווערן אויף פאַרניכטן די סיבות פון קראַנקהייטן; אויף נישט דערלאָזן זיי זאָלן זיך פאַרשפּרייטן; אויף אָפּ־היטן פון זיי די מענטשן. ער האָט איצט געפילט מער ווי ווען עס איז פריער, אַז מעדיצין און נישט פּאָליטיק איז זיין אינטערעס, אַזוי

גוט, ווי פראפעסיע. אייגנטלעך איז ער קיינמאל קיין פאליטיקער, קיין פארטיי מענטש נישט געווען. ער האט באוויזן צו ווערן א פאליטישע פיגור אין שטאט, אבער נאר צוליב דער דראמאטישער לאגע פון לאנד און נאר אויף א קורצער צייט. אלס א מיטגליד פון מלינער סאוויעט האט ער געפרוווט טאן פארן פאלק וואס ס׳איז געווען אין זיינע כוחות. אויפגעטאן אבער פיל ווייניקער ווי ער האט דערוואַרט. ער האט זיך אנגעשטויסן אויף געוואלד־טאטן פון דער נייער מאכט, וואס זענען אים נישט געווען צום הארצן און אנגעהויבן צו צווייפלען אזוי ווי אבראשקא רובין האט געצווייפלט. ער האט נישט געזען קיין מעג־לעכקייט צו שטיין ביי דער מאכט און „האלטן די הענט ריין". עס איז געווען א צייט פון געוואלד־טאטן און די נייע מאכט האט זיך מיט זיי באנוצט אן שום קווענקלעניש. האט איליא סעמיאנאוויטש רע־זיגנירט פון זיין אמט און — זיך ווידער געווידמעט זיינע קראנקע.

דעם באשלוס צו בלייבן אין מליני האט ער אנגענומען טראץ די ווארנונגען פון פיל פון זיינע פריינד, אז כאטש ער האלט זיך פאר נישט קיין פארטייאישן מענטש ריזיקירט ער פונדעסטוועגן מיט זיין קאפ, אויב ער וועט זיך נישט אפטראגן פון שטאט באצייטענס. מען האט אים פארגעווארפן נאאיוויטעט און פשוטע נארישקייט. ער האט אבער איגנארירט די ווארנונגען, ווייל ער האט געטראכט מיט אנדערע טערמינען, ווי ס׳רוב מענטשן פון זיין צייט. ער האט נישט געטראכט מיט די טערמינען פון פארטייען און לאגערן. ער האט זיך נישט געפילט געבונדן צו קיינעם חוץ דעם פאלק. ער האט נישט געהאט קיין שום מיסיע אין לעבן חוץ דינען דעם ווילזיין און געזונט פון פאלק.

אויף זיין נשמה איז נישט געווען קיין שום סטעמפלען, אבער אין די ביכער פון די, וואס האבן געפירט גענויע פאליטישע חשבונות מיט זייערע שונאים, איז זיין נאמען געווען געסטעמפלט. ניכטערע מענטשן, וועלכע האבן געקענט די פירונגען פון זייער צייט האבן דאס פארשטאנען און זיי האבן אויף דעם אנגעוויזן איליא סעמיאנאוויטשן.

ער האָט עס אָבער נישט געוואָלט אָנערקענען, אַזוי ווי אהרן לעסניק האָט נישט געוואָלט אָנערקענען די מלחמה.

איליאַ ליעקאַר האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן קיין מאָכט אין מליני, וועלכע זאָל נעמען און אַזוי, סתם אין דער וועלט אַריין, אַרויסוואַרפן זיין לעבן אין דער צייט, ווען די שטאָט נויטיקט זיך אין אים. עס האָט זיך אים אויך זייער שטאַרק נישט געוואָלט פאַרלאָזן די שטאָט, ווו ער האָט געהאַט אַזאַ פול מענטשלעך לעבן, אַזוי פיל אָנערקענונג, און זיך אַריבערקלייבן ערגעץ־ווו אין אַ נייעם פלאַץ, אַלס אַן אומבאַקאַנטער פעלטשער. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט זיך רעכענען מיט דער מעגלעכקייט פון געוויסע שוועריקייטן און האָט צוליב דעם אַוועקגעשיקט זיין פרוי, וויעראַ, צו אירע עלטערן און קרובים אין אַן אַנדערער שטאָט. אָבער אַליין איז ער געבליבן אין מליני.

זיין בוך, אויף וועלכן ער האָט שוין געאַרבעט עטלעכע חדשים האָט אים געהאָלפן פאַרטרייבן פון זיך די אומרו, דעם פאַרגעפּיל פון עפּעס אַ געפאַר, וואָס איז געהאַנגען איבער זיין קאָפּ.

אַליין אין אַ ליידיקער דירה, האָט ער געאַרבעט אויף דעם מאַנוסקריפּט כמעט דריי שעה אין טאָג. ער האָט שטאַרק געהאָפט, אַז זיינע פּאַציענטן וועלן אָנהויבן צו אים קומען און אים לאָזן זיך פאַרגעסן אין זיין טאָג־טעגלעכער טעטיקייט, אָבער די פּאַציענטן זענען נישט געקומען.

עס איז שוין געווען ניין אַ זייגער אין אָוונט, ווען ער האָט דערהערט דאָס קלינגען פון טיר־גלעקל. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן האַסטיקער. ער האָט אַוועקגעלייגט די פען, צוזאַמענגענומען די בלעטער פון מאַנוסקריפּט און זיי אַוועקגעלייגט אין אַ שופלאָד פון זיין שרייב־טיש. ער האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט געפּרוווט זיך נעמען אין די הענט אַריין. דאָס טיר־גלעקל האָט געקלינגען נאָך אַמאָל. ער איז אויפגעשטאַנען אַנטשלאָסן פון שטול און איז געגאַנגען עפענען די טיר. ער איז געווען גרייט פאַר אַ באַזוך, וועלכער וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשטימען זיין גורל.

געעפנט די טיר, האָט ער באַלד פריי אָפּגעאָטעמט. אויפן שוועל

איז געשטאַנען אַ קליינינטשקע, דאַרע מיטל־יאָריקע פרוי, מיטן אויסזען פון אַ זקנה און מיט אַ שולדיקן אויסדרוק אויף איר ביינערדיקן פּנים. איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט די פרוי באַלד דערקענט. ס׳איז געווען אַדאַרקאַ הוזער, צו וועלכער מען האָט אים גערופן זייער אָפט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אויב קיינער הערט נישט און האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

— אילאַ סעמיאָנאָוויטש, טייערינקער, זאָגט מיר נישט אָפּ, מיין זון לעאָניד איז זייער קראַנק, ער איז פאַרווונדעט, קומט שנעל מיט מיר, כ׳בעט אייך.

— איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט פאַרגעסן אין אַלע אַנגסטן, אין אַלע „גייסטיקע אומבאַקוועמלעכקייטן", ווי ער האָט עס אַליין גערופן. דאָס לעבן האָט זיך צו אים ענדלעך פאַרט אויסגעדרייט מיט זיין נאָרמאַלן גאַנג. ער האָט זיך אַ יאָג געטאָן נאָך די אינסטרומענטן, באַנדאַזשן און נויטיקע רפואות, אַזוי ווי ער האָט עס תמיד געטאָן, מיט דער ענערגיע פון אַ מענטש, וואָס טאָר נישט פאַרלירן קיין איין מינוט.

* * *

לעאָניד הוזער איז געזעסן אויף אַ סאָפע אין דעם האַלב פינצטערן עס־צימער פון זיין טאַטנס הויז, וווּ אַלע לאָדנס זענען געווען פאַרמאַכט. ער איז נאָך אַלץ געווען אָנגעטאָן אין פּשוטן פויערישן העמד און הויזן. ער איז נאָך אַלץ געווען נישט אָפּגעגאָלט, נישט אָפּגעוואַשן, מיט שוואַרצן שטויב אונטער די אויגן. ער האָט צוגעהאַלטן מיט זיין רעכטער האַנט די לינקע אַ ביסל נידעריקער פון שולטער. די האַנט איז געווען פאַרבונדן מיט צוויי שמאַטעס. איינע איז געווען דורכגעווייקט מיט פאַרטריקנט בלוט.

איוואַן הוזער איז געשטאַנען אַ צעוויטיקטער אַנטקעגן דעם פאַרווונדעטן זון און האָט אים געטאַדלט שטיל, אָבער צודרינגלעך:

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן. זיי האָבן מיר דאָס לעבן געראַטעוועט און דו?...

דער זון איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, צוזאַמענגעקאָרטשעט

פון ווייטיק און שוואַכקייט. עס האָבן זיך ביי אים אויסגעמישט שטילע קרעכצן מיט אָפּגעריסענע פראַזן:

— אייער לעבן... אַ־אַ... אייער לעבן ליגט זיי אין זינען... די באַרמ־הערציקע דייטשן... מיליאָנען פון אונדזערע לעבנס האָבן זיי שוין גע־נומען... אַ־אַ... ווי מיט מיסט די פעלדער פאַרזייט פון די קאַרפּאַטן ביזן באַלטיק... אַ־אַ... אייער לעבן... אַ־אַ־אַ... היט בעסער אייערע חזירים, זיי האָבן געגוג פרעסער צו האָדעווען אַ־אַ...

דערהערט די טריט פון איליא סעמיאָנאָוויטש און אָדאַרקאַ, האָט איוואַן הוזער אָפּגעשטעלט זיין זון:

— נו גענוג, דער ייד איז שוין דאָ.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש איז אויף שנעל צוגעגאַנגען צום קראַנקען און האָט באַלד באַפוילן:

— קאָכט־אויף וואַסער, שנעל! גיט מיר ריינע האַנטעכער!...

די צעווייטיקטע אָדאַרקאַ הוזער איז באַלד אַרויסגעלאָפן אין קיך. איוואַן הוזער אַליין איז אַוועק אין אַ זייט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול אין אַ פינצטערן ווינקל פון צימער, פונוואַנען ער האָט גע־קאָנט גוט זען דעם מענטש ביים דיוואַן, וואָס איז געווען באַלויכטן פון אַ קליין לעמפל אויפן ברעג פון אַ גרויסן טיש. ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון איליא סעמיאָנאָוויטשן. ער האָט נאָכגעפאָלגט זיין יעדע באַוועגונג.

איליא סעמיאָנאָוויטש האָט געעפנט זיין אָנגעפּאַקטן לעדער טאַש, אַרויסגענומען אַ שער, צעשניטן די שמוציקע, אין בלוט אויסגעווייקטע שמאַטע ביים עלנבויגן און באַטראַכט מיט אויפמערק די וווּנד. ס'איז געווען אַ מיאוסע פלייש־וווּנד, נישט צו טיף, אָבער אָפן און שמוציק. אַ שטיקל פלייש איז געווען אַרויסגעריסן פון דער האַנט, ווייזט־אויס דורך אַ היפּשן שטיקל פליענדיקן אייזן, אָדער אפשר שטיין־שפּליטער. די וווּנד וואָלט געקאָנט זיין געפערלעך, ווען דער יונגער הוזער גיט זיך נישט קיין עצה מיט אַ שמאַטקע, וואָס האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון פאַרלירן צו פיל בלוט אויפן וועג אַהיים. ער איז אָבער נישט געווען אויסער געפאַר, צוליב דער מעגלעכקייט פון בלוט פאַרגיפטונג.

מען האָט געדאַרפט גלייך עפּעס טאָן וועגן דעם, אויב ס׳איז שוין נישט צו־שפּעט.

אויסגעקאָכט גוט די אינסטרומענטן האָט זיך איליא סעמיאָנאָוויטש באַלד גענומען צו דער אַרבעט. די שלאָפּע אַדאַרקאַ הוזער איז געוואָרן רירעוודיק און האָט אים טיכטיק אַרויסגעהאָלפן: דערלאַנגט די אינסטרומענטן, צוגעהאַלטן די באַנדאַזשען, געהאַלטן איר זונס קאָפּ צוגעפּרעסט צו איר אויסגעדאַרטער ברוסט, אַזוי לאַנג ביז דאָס ערגסטע איז שוין געווען פאַריבער, כאָטש דער זון האָט זיך געווערט קעגן דעם. ווי שוואַך ער איז נישט געווען, האָט ער דעם באַוווסטזיין אויף קיין איין מינוט נישט פאַרלוירן און האָט געפּרוווט זיך אויפפירן ווי אַ מענטש וואָס קאָן פאַרטראָגן אַ ווייטיק.

זיין פאָטער איז געבליבן זיצן אין זיין ווינקל. ער האָט נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג פון דעם ענערגישן ליעקאַר, און יעדן אָפּשפּיגלונג פון ליכט אויף די כירורגישע אינסטרומענטן אין זיין האַנט. ער האָט געפּרוווט געפינען עפּעס אַן אויסוועג פון דער פלאָנטערניש אין זיין לאַנגזאַמען, אָבער פיבערדיקן מוח...

ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם „דאָזיקן יידישן פעלטשער״ — דאָס איז געווען ביי אים אַ קלאָרע זאַך. ער האָט פיינט געהאַט די אידעלע הענט מיט לאַנגע פינגער, די ווייסע הויט פון זיין פּנים, די לאַנגע, שוואַרצע באָרד און האָר, וועלכע האָבן אים געמאַכט אויסזען ווי עפּעס אַן אַנדערער מין מענטש. עס איז געווען אַ צייט ווען דאָס מאָדנע אויסזען האָט נישט געשטערט הוזערן צו רעספּעקטירן איליאַ סעמיאָנאָוויטשן. דאָס איז אָבער געווען שוין לאַנג צוריק. נאָך ליעקאַרס רעדע ביי דער תליה, האָט איוואַן הוזער זיך געפילט שטאַרק באַעוולט פון אים, דערנידעריקט, רעדוצירט צו גאָרנישט. דער פעלטשער האָט זיך דאַן אויפגעפירט ווי עפּעס אַ הייליקער מענטש, און איוואַן הוזער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז הייליקע מענטשן זענען נאָר דאָ אין די הייליקע ביכער, אָדער אויפן הימל. ער האָט נישט געגלויבט איליאַ סעמיאָנאָוויטשן, ווי ער האָט נישט געגלויבט, אַז עס איז דאָ אַ לע־

בעדיקער מענטש אויף דער וועלט, וועלכער זאָרגט זיך נישט צוערשט וועגן דער אייגענער הויט.

פריער האָט ער נישט געמאַכט צו פיל ווערן פון דעם וואָס איליאָ סעמיאָנאָוויטש איז אַ ייד. ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אויסנאַם פון כלל. פאַר אים האָט ער תמיד געהאַט אַ פאַרטיקע „לויב" פראַזע: „אַ ייד און דאָך אַ גוטער מענטש".

איצט האָט ער אין אים דערזען „דעם ייד", ווי ער האָט אים אַליין באַשאַפן אין זיין פינצטערער אינסטינקטן־וועלט און אין זיין פינצטערן מוח. עס איז אים איינגעפאַלן, אַז זיין זונס אומגליק איז איליאַ סעמיאָנאָוויטשעס אַרבעט; אַז ער האָט אומישנע געבראַכט דעם אומגליק אין זיין שטוב, כדי אים מאַטערן מיט זיין אָנוועזנהייט און דעם אָפּשיין פון הייליקייט.

„יידן זענען כיטרע, האָט ער געטראַכט אויף זיין שווער באַוועג־לעכן אופן: זיי זענען אין דעם טייוולס שול געגאַנגען. זיי קאָנען פאַר־פירן אַ מענטש; מאַכן פון שוואַרץ — ווייס... מסתמא איז ליעקאַר אַליין אַ יידישער מכשף, אַזאַ, וואָס האָט געקאָנט אַ שטאָט פאַרכישופן און געמאַכט די מענטשן צו גלויבן אין זיין גוטסקייט... ווען ער וואָלט קיין מכשף נישט געווען, וואָלט ער, נאָך זיין חברן זיך מיט די באָסאָ־קעס אין שטאָט נישט געבליבן. ער ווייסט וויפיל בייז בלוט ס'האָט זיך אין שטאָט אָנגעקליבן און דאָך איז ער דאָ... אָבער דאָס מאָל האָט ער געמאַכט אַ שלעכטן חשבון!... דאָס מאָל וועט אים זיין כישוף נישט העלפן!... מען וואָלט אים געדאַרפט דאָ אין שטוב מיט אַ שטריק בינדן און אין די הענט פון די דייטשן איבערגעבן. זיי ווייסן וואָס צו טאָן מיט אַזוינע ווי ער. דער דייטש איז דער קליגסטער מענטש אויף דער וועלט... ניין, דאָס וועט נישט טויגן; די נאַרישע באַבע און דער אומגעלומפּערטער יונג וועלן דאָס נישט דערלאָזן... און אפשר זענען זיי גערעכט... אויב ער וועט זיין אין די הענט פון די דייטשן, קאָן ער זיי נאָך דערציילן, פונוואַנען ס'קומט ליאָנקעס וווּנד... אַזאַ ווילדער יונג... אויף וואָס האָט מען אים געשיקט אין דער גימנאַזיע? אַן דער געלערנטקייט וואָלט ער אַזאַ זאַך נישט אָפּגעטאָן... די דייטשן

האָבן זיין טאַטנס לעבן געראַטעוועט און ער רייסט זיי אויף אַ בריק... אויב זיי וועלן זיך דערוויסן וועגן דעם, וועלן זיי אים זיכער אויפ־הענגען. אפשר מיך אויך — די גאַנצע משפחה וועלן זיי אומברענ־גען. ס'איז דען אַ קלייניקייט — אַן איזנבאַן־בריק! טאָ וואָס טוט מען?... דער ייד קאָן דאָך סיי־ווי דערציילן, וואָס פאַר אַ סאָרט קראַנקן ער האָט באַהאַנדלט. פאַרמאַכן אים דאָס מויל אויף אייביק אויפן פּלאַץ? דאָס וועט נישט טויגן... די באַבע און דער זון זיי פאַרשטייען גאָרנישט.

ליאָנקאַ, דער גרויסער חכם — איז אַליין באַשטאַנען, אַז מען זאָל דעם ייד רופן: „ער איז דער איינציקער מענטש, וואָס איך קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן"... און אפשר וועט ער טאַקע שווייגן? אפשר בעסער צו לאָזן אים גיין, וואַרטן אַ ביסל ביז ליאָנקע וועט זיין אויסער געפאַר און דאַן... מען קאָן דאָס טאָן ביינאַכט; אַרויסרופן אים אויף אַ וויזיט און שטילערהייט... קיינער וועט נישט זען, קיינער וועט נישט הערן... אַנדערש איז דאָס לעבן נישט קיין לעבן... מען האָט פריער געלעבט אין מורא פאַר די רויטע, איצט וועט מען לעבן אין מורא פאַר די דייטשן... קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ — לאָזן אים איצט גיין און וואַרטן ביז די צייט וועט קומען..."

איוואַן הוזער האָט געטראַכט לאַנגזאַם, און לאַנגזאַם געזוכט אין דעם אייגענעם דמיון דאָס שאַרפסטע און פאַסיקסטע מעסער פאַרן מענטש, וועלכער איז געקומען אין זיין הויז צו ראַטעווען זיין זונס לעבן. די אָנגעשטרענגטע אַרבעט אין זיין מאַרך האָט זיך אָפּגעשפּיגלט ביי אים אין די אויגן, און ווען איליאַ סעמיאָנאָוויטש איז פאַרטיק געווען מיט דער אַרבעט, ווען ער האָט גענומען צוזאַמענלייגן די אינסטרומענטן, האָט ער פּלוצים דערפילט, אַז דער עלטערער הוזער לאָזט פון אים נישט אַראָפּ די אויגן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און אויפגעכאַפּט אַ בליק, וואָס האָט אים אויפגעשוידערט. איצט האָט ער געוווּסט גענוי, ווי עס זעען אויס די אויגן פון אַ מערדער, וואָס לויערט איבער זיין קרבן און איז זיכער אַז ער האַלט דעם קרבן גוט אין די הענט.

כדי צו באַהאַלטן די פאַרלעגנהייט, האָט איליאַ סעמיאָנאָוויטש

אָנגעהויבן לאַנגזאַמער פּאַקן די אינסטרומענטן. ער האָט זיך אויך גע־פּרוּווט איינרעדן, בשעת מעשׂה, אַז עס ווייזט זיך אים אויס, צוליב אויפגעשרויפטע נערוון.

„איליא סעמיאָנאָוויטש — האָט ער געטראַכט — ביסט אַ פּחדן, ביסט אַן אַלטער פּחדן"...

ער איז אָבער נישט געווען דער איינציקער מענטש אין הויז, וואָס האָט אויפגעכאַפּט די שאַטנס פון רציחה אין איוואַן הוזערס קליינע אויגן. לעאָניד הוזער האָט אויך באַמערקט דאָס שפּיגל־בילד פון בייזע מחשבות אויף זיין פאָטערס פּנים און האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס עס טוט זיך ביי אים אויף דער נשמה. זיין פאָטערס אינעווייניקסטע וועלט איז פאַר אים נישט געווען קיין פאַרשלאָסן בוך. ער האָט געוווסט אַז זיין פאָטערס מאַרך איז פיל טעמפּער ווי זיין מעסער. אַז ער איז פעיק אויף אַ געוואַלט־טאַט, אין דעם האָט לעאָניד הוזער נישט גע־צווייפלט. ער אַליין איז געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט פון גרויסן בלוט־פאַרלוסט, אָבער ער האָט זיך געפילט בכוח נישט צו דערלאָזן צו קיין „חזירייען", ווי ער האָט עס גערופן, בפרט, קעגן אַ מענטש, וועלכן ער האָט געקאָנט פאַרטרויען זיין אייגן לעבן אָן קיין שום מורא, אַן וועלכן ער וואָלט אפשר געדאַרפט זיך געזעגענען מיטן לעבן.

אַן אויפגעפרישטער פון די ריינע באַנדאַזשן און איינשפּריצונגען, וואָס האָבן זיין ווייטיק און אומרו באַטויבט, אָבער נאָך אַלץ אַ מידער, האָט ער צוגעוואַרט ביז איליא סעמיאָנאָוויטש האָט צוזאַמענגעלייגט אַלע זיינע אינסטרומענטן און באַלד געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ מענטש, וועלכער איז געווען צוגעוווינט צו געבן באַפעלן:

— פאָטער, זייט אַזוי גוט, זעצט זיך אַוועק נעבן מיר, איך האָב אייך עפּעס וויכטיקס צו זאָגן... און איר מאַמע, זיי אַזוי גוט באַ־גלייט איליא סעמיאָנאָוויטשן צום טויער... אַ שיינעם דאַנק פאַר דער הילף, איליא סעמיאָנאָוויטש, איך ווייס, מען דאַרף אייך אפילו נישט זאָגן, אַז מיין צושטאַנד מוז בלייבן אַ סוד...

— זאָרגט זיך נישט וועגן דעם, — האָט איליא סעמיאָנאָוויטש גע־

ענטפערט — זייט פאַרזיכטיק מיט דער האַנט. איך וועל זיך נאָך זען מיט אייך.

אָדאַרקאַ הוזער האָט אַרויסבאַגלייט איליא ליעקאַר אין הויף. אויפן שוועל פון הויז האָט זי אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און שטיל געזאָגט:

— נעמט דאָס איליא סעמיאָנאָוויטש — ס׳וועט אייך צוניץ קומען.

עס איז געווען אַ קליינע מטבע, און איליא סעמיאָנאָוויטש, אַ באַאומרויקטער פון הוזערס בליק, האָט עס אויטאָמאַטיש אַריינ־געלייגט אין קעשענע. עס איז אים נישט איינגעפאַלן אַ קוק צו טאָן אויף דער מטבע.

אָדאַרקאַ האָט אַ דריק געטאָן איידל זיין האַנט און האָט שטיל צוגעגעבן:

— און זייט אַזוי גוט גייט אַהיים נישט מיט דער גאַס... בעסער מיט די הויפן. ס׳איז נישט רויק אין שטאָט. נאָר וואָס האָט אַ שכנה אין פענצטער אָנגעקלאַפּט. די היידעמאַקעס זענען אָנגעקומען און מען שלעפּט מענטשן פון די גאַסן, אייערע — די יידן. איינעם, האָט זי געזאָגט, האָט מען ביים טייך דערשאָסן. זייט פאַרזיכטיק, טייערער, — גאָט וועט אייך נישט פאַרלאָזן.

7

אונטערן צודעק פון נאַכט

עס איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן פינצטער, אָבער די שטאָט האָט זיך שוין געהאַט באַהאַלטן הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס און פאַרזיגלטע טירן. אין די הויפן האָט זיך קיין סימן פון לעבן נישט געמערקט. דאָ און דאָרטן איז אַ הונט געשטאַנען ביי דער קאָנורע מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פון פערדישע פיס, וואָס האָבן זיך צעהילכט איבער די ליידיקע, פאַר־שטומטע גאַסן.

דורכגעגאַנגען עטלעכע הויפן, אַריבערגעקראָכן עטלעכע פּלויטן

האָט איליא סעמיאַנאָוויטש אַרויסגעקוקט פון אַ טויער אין אַ געסל, וואָס האָט געפירט צום גרויסן הויף פון זיין דירה. ער האָט זיך אָבער באַלד אין איילעניש צוריקגעצויגען. דאָס הויז איז געווען אַרומגערינגלט פון מענטשן אויף פערד. די מענטשן זענען געווען אָנגעטאָן אין גאָר נישט קיין געוויינלעכע קליידער. זיי האָבן אויף זיך געטראָגן מאָדנע זשופּאַנעס, ברייטע שאַראַוואַרעס און שאַפּקעס מיט רויטע דרייעקן אויף דער זייט. איליא סעמיאַנאָוויטש האָט פריער געזען אַזוינע קליידער נאָר אויף די אילוסטראַציעס פון ביכער, אָדער אין אַן אוקראַיִנישן טעאַטער. דאָס זענען געווען קליידער פון אַמאָליקע היידעמאַקעס. אָבער די מענטשן אַרום זיין היים האָבן נישט אויסגעזען ווי שאַטנס פון פאַרגאַנגענהייט. עס איז געווען אַ גרויסע אָפּטיילונג פון מיליטער, גוט באַוואָפנט און גרייט צו אַ שלאַכט. די היידעמאַקעס האָבן איבּ, ווייזט אויס, באַטראַכט פאַר זייער אַ וויכטיקן און זייער אַ געפערלעכן פאַרשוין, אויב זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק באַמיט פאַר זיינעטוועגן....

ערשט איצט האָט ער באַנומען די מאָס פון זיין אייגענער נאַיוויטעט. ער איז פאַר זיי נישט געווען קיין מענטש פון דעם ציבור. ער איז פאַר זיי נישט געווען קיין מענטש, וואָס האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן פאַר דער שטאָט, ווהין דער גורל האָט זיי פאַרוואָרפן אויף אַ ווייל. זיי האָבן געהאַט זיין נאָמען, דעם שטעמפל און... די קויל. ס'איז געווען צו שפּעט צו טאָן עפּעס וועגן דעם. מען האָט געדאַרפט אַנטלויפן, זיך באַהאַלטן וואָס שנעלער. אָבער ווו?... אין וועלכער טיר זאָל ער אַניקלאַפּן?... ווער וועט אים אַריינלאָזן?... ווער איז מחויב זיך מקריב זיין פאַר אים?...

עס איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג, ווי פּרווון דערגרייכן זיין שוואָגער וואָלף מאַרקאָוויטש גראָדין. וואָלף מאַרקאָוויטש איז פאַרט געווען אַ פּראַקטישער מענטש, וואָס האָט זיך תמיד געקאָנט געבן אַן עצה און עס איז געווען אַ גוטער שאַנס, אַז ער וועט געפינען עפּעס אַן אויסוועג...

עס איז געווען אַ שווערער וועג איבער די הויפן. אויף איינעם פון די פּלויטן האָט זיך איליאַ סעמיאַנאָוויטש פאַרטשעפּעט אין אַ

פלעקל און צעריסן די הויזן, אויף אַן אַנדערן האָט ער זיך פֿאַרשטאָכן מיט אַ שפּליטער איין זיין פינגער און האָט געמוזט שלום מאַכן מיטן נאָגנדיקן ווייטיק, וואָס האָט אים פֿאַרפּאָלגט דעם גאַנצן וועג. אויס־געמאָטערט, פֿאַרביטערט צוליב דער אומגעלומפּערטער לאַגע, צוליב דער משונהדיקער נויטיקייט פֿאַר אַן אָרנטלעכן מענטש צו דאַרפֿן זיך באַהאַלטן ווי אַ פּשוטער גנב אונטערן צודעק פֿון נאַכט, האָט ער זיך דערשלאָגן ביז גראַדינס הויז.

עס איז שוין געווען פינצטער אין שטאָט. דער שוואַרצער הימל איבער דער שטילער שטאָט איז געווען באַחנט מיט אַ שפּע פֿון זיל־בערנע שטערנדלעך, ווי עס וואָלט געווען עפּעס גאָר אַ גרויסער יום־טוב אין די הימלען. אַ דינער, שאַרפֿער זיכעל פֿון דער נייער לבֿנה האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון הינטער אַ דאַך, ווי אַ פֿאַרשפּעטיקטער גאַסט אויף דער שמחה. עס איז אָבער געווען אַ פּריוואַטע אָנגעלעגענ־הייט, וואָס גאָט און נאַטור האָבן, ווייזט אויס, פֿאַר זיך אַליין אַראַנ־זשירט. איליא סעמיאָנאָוויטשן איז עס נישט געלעגן אין זינען. ער איז אַריין אין אַ פֿינצטערן הויף און אָנגעקלאַפּט אין דער הינטערש־טער טיר.

געקלאַפּט האָט ער שטיל; איינמאָל, נאָכאַמאָל... קיין ענטפֿער איז נישט געקומען. ער האָט געהערט שוואַכע קלאַנגען פֿון טריט הינטער די פֿאַרמאַכטע, מיט אייזנס באַפֿעסטיקטע לאָדנס, אָבער נישט ביי דער טיר. ער האָט געפּרוּווט קלאַפּן אַ ביסל שטאַרקער. ער האָט אָפּגעוואַרט עטלעכע סעקונדן און אָנגעקלאַפּט ווידער אַמאָל, נאָך אַ ביסל שטאַרקער... ענדלעך, איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל אין שטוב...
ער האָט געפּרוּווט רופֿן גאָר שטיל דורך די שפּאַלטן אין לאָדן:

וואָלף מאַרקאָוויטש, איר הערט מיך, דאָס בין איך — איליא סעמיאָנאָוויטש...

עס איז געווען אַן אומזיסטע מי, די איבערגעשראָקענע מענטשן הינטער דער טיר האָבן זיך נישט אָפּגערופֿן. ווען מען פֿרעגט ביי זיי, ווו איז דער שכל פֿון דעם, וואָלטן זיי נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, וואָרעם אַ גזלן וואָלט אויסגעזעצט דאָס פֿענצטער, אויב מען

וואָלט פאַר אים די טיר נישט געעפנט. אָבער ווּעמען איז געלעגן אין זינען דער שכל פון זאַכן. דער פחד האָט נישט קיין שכל. מענטשן האָבן מורא געהאַט, האָבן זיי זיך נישט אָפּגערופן און געטראַכט, בשעת מעשה, אפשר וועט דער גזלן זיך פּאָרט איבערלייגן? אפשר וועט ער אַליין מורא האָבן פאַר צו־פיל טומל? — הכלל זיי האָבן נישט גע־עפנט די טיר.

איליא סעמיאָנאָוויטש האָט זיי זייער גוט פאַרשטאַנען, ער האָט זיי דאס נישט געהאַלטן פאַר קיין עוולה. ער האָט אויפגעהערט קלאַפּן און רופן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל אין דעם פוסטן פינצטערן הויף. ער האָט נישט געהאַט קיין אויסוועג. ער איז גע־זעסן אַ צייט אויפן שוועל, נישט פעיק צו טראַכטן, מיד פון קריכן איבער די הויפן און פלויטן, מיד פון דעם נאָגנדיקן ווייטיק אין פינגער, מיד פון זיך קלאַמערן אינעם לעבן, וואָס איז פלוצים גע־וואָרן פוסט, אויסגעליידיקט פון יעדן זין.

ווען ער האָט זיך שליסלעך אויפגעהויבן פון אָרט מיטן געפיל פון יאוש אין יעדן אבר, האָט ער געדאַרפט זיך אָנטון די מי אויפ־צוהויבן דעם לעדערנעם טאַש מיט די אינסטרומענטן, וואָס ער האָט איצט געטראָגן, נאָר אויס געוווינהייט אַלס עפּעס אַן איבעריקע לאַסט. ער האָט פאַרלאָזט דעם הויף, ווו ער האָט נישט געהאַט וואס צו טאָן. ער איז אַרויס אין גאַס און אַוועק בלאָנדזשען אין דער פינצטערער נאַכט, אָן שום ציל, אָבער ווייטער פון שטאָט צענטער, נענטער צו דער פרישער לופט פון אַרומיקע ראַשטשעס, פון אַרומיקע פעלדער און וועלדער.

עפּעס אַן אונטערבאַוווסטזיניקער כוח האָט אים געטריבן אַוועק פון דערווירקלעכקייט, אַוועק פון בלוט און בלאָטע, אין וועלכער זיין שטאָט האָט אָנגעהויבן זינקען.

אָפּגעשטעלט האָט ער זיך ערשט, ווען ער האָט דערזען דעם סי־לועט פון לעסניקס הויז. ער האָט באַטראַכט דאָס הויז אַ ווייל און ס'איז אים פלוצים איינגעפאַלן, אַז ער איז דאָ געקומען אויף אַ באַזוך, אַזוי זיך, סתם, אַלס אַ גאַסט, צו זיין אַלטן פריינד, מיט

ווען ער האָט זיך שוין פון לאַנג נישט געזען, צו שמועסן מיט אים געמיטלעך ביי אַ גלעזל טיי.

ער איז אַריבערגעגאַנגען די גאַס, אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, און האָט געדולדיק געוואַרט ביז עמעץ הינטער די טיר האָט געפרעגט:

— ווער איז דאָס?

— דאָס בין איך, איליאַ סעמיאָנאָוויטש.

— די טיר האָט זיך געעפנט:

— האָסט באַוויזן זיך אָפּצוטראָגן באַצייטנס? אַבי איך האָב געמיינט...

* * *

זיין גלעזל טיי האָט איליא סעמיאָנאָוויטש געטרונקען אין אהרנס אַרבעט־צימער. ער איז געזעסן ביים שרייב־טיש, מיט אַ האַנטוך אַרום זיין האַלדז אַרומגעוויקלט, און געטרונקען פון צייט צו צייט פון אַ גלאָז, וואָס איז געשטאַנען צווישן אַ שיסל וואַרעם וואַסער אין אַ קליין לעמפל. אהרן האָט אָפּגעשוירן זיינע האָר און האָט איצט אים געגאָלט די באָרד. אהרן האָט געאַרבעט מיט דער זעלבע שנעל־קייט, מיט וועלכער איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט ערש מיט אַ פּאָר שעה צוריק געהאָלפן דעם פאַרוואונדעטן לעאָניד הוזער. אויך אין דעם פאַל האָט מען נישט געקאָנט צופיל צייט פאַרלירן.

— האָסט אַ ביסל געלט, האָט אהרן געפרעגט דעם געהאָרכזאַמען איליא סעמיאָנאָוויטש, ווען ער איז שוין כמעט פאַרטיק געווען מיט דער אַרבעט.

— געלט?... ניין!... כ׳מיין, כ׳האָב אַלטע פּאַפּירלעך — זענען זיי עפּעס ווערט?... אָ יאָ, כ׳האָב דאָ אין קעשענע עפּעס אַ מטבע. כ׳האָב דאָס פאַר אַ וויזיט געקראָגן...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן איראָניש, אַרויסגענומען אַ קליינע מטבע און דערלאַנגט עס אהרנען.

אהרן האָט עס גענומען אין דער האַנט און דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים איבערראַשט. עס איז געווען אַ גאָלדענע מטבע: צען רובל, — אַ גאַנצער אוצר אין אַ קליין, שיינענדיק, רונד שטיקל

מעטאַל איינגעפּרעסט. עס איז געווען אַ פּאַרמעגן, ווי פון הימל אַראָפּ־געפאַלן פאַר דער געלעגנהייט.

— ווער האָט עס אייך געגעבן? — האָט אהרן געפרעגט מיט פארוווּנדערונג.

— אַ פרוי.

— פאַר אַ וויזיט?

— יאָ. ס׳איז טאַקע אַ גאָלדן צענערל?

— ס׳אַ פראַגע?... אָבער ווי קומט עס?

— איך פאַרשטיי דאָס אַליין נישט, כ׳האָב אויפן אָרט דערויף קיין אַכט נישט געלייגט... די אָרעמע פרוי האָט עס, מסתמא, באַהאַלטן פון איר מאַן... געוואָלט זיך פאַרזיכערן, אז איכ׳ל נישט ארויסגעבן דעם סוד...

— אַ סוד?

— ס׳איז איינע פון די זאַכן... איר ווייסט דאָך, ס׳איז דאָ אַ געוויסע עטיק אין אונדזער פראָפעסיע.. כ׳קאָן נישט זאָגן ווער און וואָס, אָבער איך האָב עס געקראָגן פון אַ פרוי... אַ מאַמע ווייסט נישט פון קיין חכמות — זי האָט מורא. דאָס לעבן פון אַ זון איז ביי איר טייערער ווי גאָלד און דאָ האָסטו די מטבע. מען דאַרף דאָס איר צוריקגעבן...

— צוריקגעבן?!

אהרן איז געוואָרן אַזוי שטאַרק אין כעס, אַז ער האָט אויפגעהערט אַרבעטן מיטן ראַזיר־מעסער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין איינפאַל?! פארוואָס צוריקגעבן?! פון וואַנען נעמט איר, אַז די פרוי האָט אייך געוואָלט אונטערקויפן? אפשר האָט זי געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז איר וועט זיין אויף גרויסע צרות. אפשר האָט זי געוווּסט, אַז עס דראָט אייך אומקום און זי האָט אייך געוואָלט אַרויסהעלפן. אַ צענערל אין אונדזערע צייטן איז אַ גרויסע זאַך פאַר אַ מענטש, וואָס מוז אַנטלויפן ווער ווייסט וווּהין — האָט זי דאָס אייך געגעבן. ס׳איז אַ נאַטירלעכע זאַך. וואָס טו איך איצט מיט אייך? — כ׳פּרוּוו אייך אונטערקויפן?!. האָב איך אייך

דען געשוירן די האָר ווען איר זענט געווען אַ האַלבער וואָרטזאָגער זײַן שטאַט און איך — אַ גאַנצער בורזשוי ?!...

אָפּגעפרעמדט פון איליאַ סעמיאָנאָוויטש פאַר דער לעצטער צייט, האָט אהרן אים נישט געקאָנט זאָגן דעם אינטימען „דו", אָבער ער האָט געפילט אין אים אַן אייגענעם מענטש און זיך גענומען ס'רעכט צו טאַדלען אים אַלס אַן אייגענעם מענטש.

איליאַ סעמיאָנאָוויטש האָט עס פאַרשטאַנען. ער האָט אַ זיפץ געטאָן:

— נו געגנוג — ס'איז מײַן שולד. עס איז די געוווינהייט צו טראַכטן וועגן די מענטשן אין די אַלטע, קלעפּיקע טערמינען. דער מענטש איז פאָרט פיל נאָבעלער ווי מען וויל אים צושרייבן.

— און אָפּטמאָל פיל נאַרישער, ווי ער אַליין וויל דאָס אנערקענען. נעמט די מטבע. נייך, בעסער לאָזט דאָס אויפן טיש, סאָניע וועט דאָס אייך אין די וועש אַרײַננייען...

ווען סאָניע איז אַרײַן אין צימער איז שוין איליאַ סעמיאָנאָוויטש געווען אָפּגעשוירן און אָפּגעגאָלט. דערזען אים אָן זײַנע לאַנגע האָר און באָרד, האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט פאַר דער טיר מיט דער האַנט אויפן ברוסט, ס'האָט איר שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצן. עס זענען דאָ מענטשן, וואָס זייער אויסזען האָט זיך אויף אַזוי פיל אַסאָציאירט מיט זיי אין באַוווסטזיין, אַז עס ווערט אויפגענומען ווי אַ נאַטירלעכער טייל פון זייער וועזן. אַזוי איז דאָס אויך געווען מיט ליעקאָרס האָר און באָרד. זיי זענען עפּעס אַ מין סימבאָל פון גייסטיקער שיינקייט, פון דערהויבנקייט אין דער באַשיידענער פּראָווינץ שטאָט: אַ מין אינסטיטוציע, ווי איליאַ סעמיאָנאָוויטש אַליין איז געווען.

מיט די אָפּגעשוירענע האָר און באָרד האָט ער אויסגעזען אין סאָניעס אויגן ווי שמשון הגבור, ווען ער האָט פאַרלוירן דעם קוואַל פון זײַן גבורה און איז פלוצים געוואָרן אַן אומבאַהאָלפענער, געבראָכענער מאַן.

אהרן האָט נישט דערוואַרט, אַז סאָניע וועט עס אַזוי שטאַרק נעמען צום האַרצן. אָבער ווען ער האָט באַמערקט דעם פּײַן און די

גרויסע טרערן אויף איר בלייכן פּנים, האָט ער נישט ווילנדיק אַ קוק געטאָן אויף זיין אַלטן פריינד מיט די זעלבע אויגן און געקראָגן דעם זעלבן איינדרוק.

ער האָט אָבער זיך גענומען אין די הענט אַריין, דערקלערט סאָניען אויף וואָס ער האָט זי גערופן. ער איז דאָך אַרויס פון זיין אַרבעט־צימער, געפונען דוד׳קען און האָט אים אָפּגעפירט אין אַ זייט:

— דוד׳קע, האָט ער געזאָגט זייער שטיל, כאָטש עס איז נישט געווען אין הויז פאַר וועמען זיך צו היטן. — גיי איצט צו דיד וואַסיל, וועק אים אויף, אויב ער שלאָפט שוין, און זאָג אים, אַז איך האָב אים זייער שטאַרק געבעטן ער זאָל איינשפּאַנען אַ פערד און וואָגן און פאָרן צו דער אַלטער ווינט־מיל, ביים ליפּאָוון שליאַך. זאָג אים ער זאָל נעמען שטרוי אין וואָגן און וואַכעדיקע קליידער פאַר אַ מענטש. אויב ער׳ט דיך פרעגן, וואָס איז געשען, זאָג אים, אַז איכ׳ל דאַרפן זיין ביי דער מיל און איכ׳ל אים אַלץ דערציילן... נו גיי, אָבער זיי פאָרזיכטיק. גיי דורך דער ראָשטשע. האָסט דאָך נישט קיין מורא, האַ ?.

— כ׳האָב נישט קיין מורא, פּאַפּאַ.

— גוט! וועסט דעם טייך איבערשווימען ביי די גריבער. דאָס איז דער קירצסטער וועג. אָבער זיי זייער פאָרזיכטיק. עס איז דאָרטן זייער טיף.

— האָב נישט קיין מורא, פּאַפּאַ, כ׳קען די גריבער ווי מיינע צען פינגער. זאָל איך צו דער אַלטער מיל פאָרן? קאָן איך?

— גוט, דו קענסט. מירן צוזאַמען אַהיימגיין. אָבער זיי פאָרזיכטיק.

פאַרמאַכט הינטער דוד׳קען די טיר, האָט אהרן געוואַרט ביז סאָניע האָט די גאָלדענע צען רובל אין ליעקאַרס העמד אַריינגענייט און איז מיט אים באַלד אַרויס פון הויז.

מען איז געגאַנגען דורך דער ראָשטשע און טייך. די זאַפּטיקע פרילינג־ריחות און די מאָדנע קלאַנגען פון אומדערמידלעכער נאַטור האָבן געהאָלפן אהרנען פאַרטרייבן פון זיך די אַנגסטן און אומרויקייט פון אַ מענטש אויף אַ געפערלעכער מיסיע. ער האָט אפילו באַמערקט

דעם יום־טוב אויפן הימל און האָט אויף דעם אַנגעוויזן איליא סע־מיאָנאָוויטשן.

צוגעגאַנגען צום טייך, האָט ער זיך דערפילט אויף אַזוי פיל אויפגעמונטערט, אַז ער האָט אויסגעטאָן די שיך מיט דעם זעלבן פאַרגעניגען, ווי אין די יונגע יאָרן, ווען ער פלעגט ליב האָבן צו בראָדיען אין וואַרעמע קאַליוזשעס נאָך אַ זומערדיקן גאַס־רעגן. ערשט, אַז מען איז געגאַנגען איבערן טייך, ביים בראָד, ווו דאָס וואַסער האָט קוים דערגרייכט די קני, אין די טיפסטע פלעצער, און איז דאָך געווען קאַלט, האָט זיך אהרן דערמאָנט, אַז דוד׳קע מוז אַריבערשווימען דעם טייך אין זייער אַ טיפן פלאַץ און ער האָט זיך באלד אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט.

— קומט שנעל — האָט ער צוגעאיילט דעם צוריקשטייענדיקן איליא סעמיאָנאָוויטש, מיר האָבן נאָך אַ לאַנגן וועג צו גיין.

ביי דער אַלטער מיל האָט אהרן אָפּגעאָטעמט פריי. דער אַלטער וואַסיל איז שוין געווען אויפן פלאַץ. ער איז געזעסן אין וואָגן, גע־האַלטן די לייצעס אין די הענט און איז געווען גרייט זיך לאָזן אין וועג אַזוי שנעל, ווי איליא סעמיאָנאָוויטש וועט זיך איבערטאָן אין זיינע קליידער און וועט זיך אָװעקזעצן אין זיין וואָגן.

אַז עס האַנדלט זיך אין ראַטעווען איליא סעמיאָנאָוויטשן האָט ער שוין געוווּסט. דוד׳קע האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אים אַלץ דערציילט. ער האָט זיך אפילו אויף אַ מינוט נישט פאַר־האַלטן און איז געזעסן אין וואָגן מיט אַ רויקן געמיט און באַוווּסט־זיין, אַז ער טוט עפּעס זייער גוטס, זייער וויכטיקס און גוטס...

דוד׳קע איז געשטאַנען ביים וואָגן, געקייט אַ שטיקל שטרוי און אַריינגעקוקט אין דער פינצטערער פוסטקייט פון אָפענעם פעלד. דער־זען צוויי סילועטן אויפן וועג, האָט ער זיך געלאָזט לויפן צו זיי:

— מיר זענען ערשט מיט אַ מינוט פריער אָנגעקומען. דיד וואַסיל וואַרט אויף אייך.

ביים געזעגענען זיך זענען אהרן און איליא סעמיאָנאָוויטש גע־שטאַנען איינער אַנטקעגן אַנדערן אַ פּאָר מינוט.ביידע האָט אויסגע־

פעלט ווערטער.ביידע האָבן געפילט, אַז זיי געזעגענען זיך נישט נאָר איינער מיטן אַנדערן, נאָר אויך מיט אַ שטייגער פון לעבן, וואָס איז ביידע געווען טייער, טראָץ אַלעם וואָס האָט זיי צעטיילט. ביידע האָבן געוווּסט, אַז קיין וועג אויף צוריק איז שוין נישטאָ.

מען האָט דערלאַנגט איינער דעם אַנדערן די הענט. אהרן האָט גע־דריקט איליא סעמיאָנאָוויטשעס האַנט לאַנג און שטאַרק, ביז ס'האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן פון בענקשאַפט און ער האָט אַרומגענומען דעם אָפּגעפרעמדטן אַלטן פריינד.

דוד'קען האָט איליא סעמיאָנאָוויטש אַליין צוגעדרוקט צום האַרצן.

— נו, בלייבט געזונט.

8

דער טראַגישער אומזין

דער יונגערער זון פון איוואַן הוזער, דער 15־יעריקער פּעטריק, איז געקומען אַהיים שפּעט ביינאַכט. ער איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. ער האָט זיך באַפריינדט מיט ניי־אָנגעקומענע היידעמאַקעס און זיי אָנגעוויזן אויף יידישע הייזער אַזוי גוט ווי אויף יידן אין גאַס. די היידעמאַקעס זענען געקומען פון ווייטע מקומות, אַ צאָל פון זיי אַפילו פון גאַליציע, און זיי האָבן געדאַרפט האָבן הילף, כדי צו גע־פינען אין שטאָט אַ פּאַסיקע צאָל יידן צו „שטראָפן", ווי דאָס איז געווען ביי זיי דער מנהג פון אַמאָל. טראַדיציע איז טראַדיציע, און אַז איינער וויל אויספּרובירן דעם אייגענעם כוח אויף אַן אומבאַשיצטן מענטש, ווערט אַזאַ „טראַדיציע" אַ גוטער מיטל זיך אַליין צו דער־הויבן אין די אייגענע אויגן ביים באַגיין אַ פּשוטע נידערטרעכטיקייט.

האָבן די היידעמאַקעס געזוכט יידן און פּעטריק הוזער האָט זיי געהאָלפן מיטן גאַנצן האַרצן. ער האָט די היידעמאַקישע פערד צו־געהאַלטן ביז זייערע אייגנטימער האָבן די קרבנות פון די הייזער אַוועקגעשלעפּט. ער האָט אַפילו אויף אַ היידעמאַקישן פערד געריטן און איז געקומען אַהיים ווי נאָך אַ גרויסער שמחה.

מיט זיין עלטערן ברודער האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, אָבער

אַז לעאָניד איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין עפּעס אַן אומגליק־פאַל, האָט ער נישט געקאָנט גלויבן. וואָרים אויב דאָס וואָלט אַזוי זיין, טאָ פאַרוואס האט מען אים געזאָגט ער זאָל קיינעם נישט דערציילן און ער זאָל מיט פרעמדער חברה אין סאַראַי נישט קריכן? זיין פאָטער האָט אים אפילו געוואָרנט, אַז אויב ער וועט אים פאַקן מיט עמעצן אין סאַראַי, וועט ער פון אים „די הויט אָפּשינדן". האָט זיך פעטריק געלייגט שלאָפן מיט אַ פעסטן באַשלוס, אַז ער מוז אויסגעפינען דעם אמת פאַר יעדן פּרייז.

אויף מאָרגן האָט ער אויסגענוצט די צייט ווען דער פאָטער איז געווען אין דער קאָלבאָסניע און האָט גענומען זוכן און נישטערן אין די סאַראַיען, ביז ער האָט דעם רעוואָלווער מיטן רעשט פון די אויפ־רייס־מאַטעריאַלן געפונען. ער האָט דאָס גענומען אויף אַ ווייל, האָט געוויזן דאָס געווער די באַקאַנטע יונגען, וועלכע זענען אים מקנא געווען און האָבן אים אפילו באַוואונדערט, אַזוי איז ער אויסגעוואַקסן אין זייערע אויגן... און עס איז געגאַנגען אַ גאַנג, ביז עס איז דער־גאַנגען צו די היידעמאַקעס און די דייטשן. זענען זיי געקומען צו הוזערן אין הויז און גענומען זיין עלטערן זון לעאָניד צו דער באַן־סטאַציע.

די יידן וועלכע זענען נאָך פריער אַריינגעפאַלן אין די היידעמאַ־קישע הענט, מיט דער הילף פון פעטריק הוזער און אַנדערע יונגען פון זיין מין, האָט מען געהאַלטן אין דער תפיסה. מען האָט די מענטשן געשמיסן מיט דיקע דראָטן, וואָס מען האָט זיי געווינלעך באַנוצט צו רייניקן די ביקסן. מען האָט געשמיסן מיט „שאַמפּאַלעס" יונגע און אַלטע לייט; געשמיסן מיט דער קאַלטבלוטיקער אכזריותדיקייט, ביז דער רוקן ביי יעדן קרבן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צעבלוטיקטער מאַסע בלויען פלייש.

אַ שטילער קרעכץ פון פאַרפייניקטע מענטשן האָט זיך געהערט אין אַ ווינקל פון תפיסה־קאַמער און האָט זיך צעקלינגען ווי אַ פיינפולער עכאָ איבער דער גאַנצער שטאָט. דער גליקלעכער ייד, וואָס האָט אויסגעמיטן די היידעמאַקישע כאַפּערס, האָט נישט געוווּסט וואָס

צו זאָגן, וואָס צו טראַכטן. אויב ער איז געווען פרום, האָט ער זיך אויסגעטענה׳ט מיטן רבונו של עולם: פאַר וואָס קומט דאָס אונדז. פאַר וואָס?...

קיינער האָט נישט געוווסט קיין ענטפער אויף דעם.

פיל מענטשן האָבן אויך נישט געוווּסט, אַז צוזאַמען מיט זייערע יידישע קרבנות, האָבן די היידעמאַקעס אויך געשמיסן אַן אוקראַינער — איוואַן דזיובאַ.

ער האָט זיך געהאַט איינגעשטעלט פאַר אַ יידישן שכן:

— משוגע זענט איר, וווהין שלעפּט איר אַן אומשולדיקן מענטש?.

האָט מען אים געוויזן וווהין מען שלעפּט אים...

די מעשה האָט אויפגערודערט אַ גרויסע צאָל איינפלוסרייכע תושבים, שוין אָפּגערעדט פון אָסטאַפּ באָנדאר. די היידעמאַקעס האָבן זיך געמוזט באַפרידיקן מיט דעם ביסל פאַרגעניגן, וואָס זיי האָבן אַריינגעכאַפּט די ערשטע טעג. זיי זענען געווען געצוווּנגען צו באַפרייען זייערע צופעליקע קרבנות. פאַר איוואַן דזיובאַ האָט מען זיך אפילו אַנטשולדיקט: „ס׳איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש״.

אָבער לעאָניד הוזער איז געבליבן אין די דייטשע הענט. מען האָט אים לאַנג און מעטאָדיש געפּייניקט אַרויסצוקריגן פון אים די נעמען פון די פאַרשווערער, וועלכע האָבן אים, לויט דער אויסרעכענונג פון די דייטשן, געשיקט אויפרייסן די בריק. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַזאַ אויסגערעכנטע מיליטערישע אַקציע אַלס אַן אַקט פון אַ יחיד, וואָס האָט זיי פיינט און וויל זיי שטערן אַן קיין שום אָנווייזונגען פון דרויסן. זיי האָבן געזוכט אַן אָרגאַניזאַציע, אַ מעטאָר און אַנשטאָט אויפצוהענגען דעם געפאַנגענעם אָדער אים דערשיסן, האָבן זיי אים פאַרפּייניקט ביז טויט. זיי האָבן אים דערביי נישט פאַרגעבן די עקשנות און האָבן אים באַערדיקט אין נישט קיין באַצייכנטן גרוב ביי דער סטאַציע.

זיין פאָטער האָבן זיי אָבער קיין דין וחשבון נישט אָפּגעגעבן. זיי האָבן זיך נישט געפילט מחויב. פאַר אים האָבן זיי געהאַט באַר איין פראַזע: „ביע פּאַנימאַיעש פּאָ

רוסקי", אפילו ווען ער האָט צו זיי געררעדט אוקראַיניש. ער האָט אָבער אויפריכטיק געגלויבט, אַז זיי זענען געקומען איינשטעלן אָרדע־נונג אין מליני און באַשיצן אים פון בייזע ווינטן. איז ער אַרומגע־לאָפן איבער דער שטאָט, געבעטן, געזוכט הילף ביי איינפלוסרייכע מענטשן, געגעבן געלט צו אַפּעריסטן, געזוכט פאַרצווייפלט אַ ריכטיקן איבערזעצער פון אוקראַיניש אויף דייטש אַזוי לאַנג, ביז די היידעמאַ־קעס זענען אַוועק, אַ העטמאַן איז געקומען צו דער מאַכט אין קיעוו צו רעגירן איבער דער „וואָלנער אוקראַינע".

דאַן איז געקומען די צייט, ווען איוואַן הוזער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס האנדלט זיך דאָ נישט אין אַן איבערזעצער, אַז ער וועט זיין זון שוין קיינמאָל נישט זען און אַז אַזוי לאַנג ווי די דייטשן זענען דאָ, וועט ער אפילו זיין קבר נישט געפינען.

האָט ער געזאָגט צו דער שטילער אָדאַרקאַ:

— ס'איז אַרויסגעוואָרפענע מי... מען דאַרף בעטן דעם אויבערשטן פאַר זיין נשמה... כ'וועל גיין זען דעם גלח.

איז אָדאַרקאַ אַרויס פון צימער, זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און שוין קיינמאָל נישט אויפגעשטאַנען.

דער פופצן־יאָריקער פעטריק איז שוין געהאַט פריער אַנטלאָפן פון הויז און איז צוגעשטאַנען צו עפּעס אַ באַנדע, וואָס האָט אויסגע־מיטן די גוט־באַוואָפנטע דייטשן; אויסגעמיטן אויך די פאַרזיכטיקע פויערים, אָבער נישט אויפגעהערט צו טעראַריזירן און רויבן די יידן אין די אַרומיקע דערפער. אַנטלאָפן איז פעטריק טיילווייז צוליב זיין טאַטן, ווייל ער האָט נישט געצווייפלט, אַז זיין טאַטע וועט פון איב „די הויט אָפּשינדן", ווי ער האָט אים צוגעזאָגט, אויב ער וועט אויסגעפונען דעם אמת.

איז איוואַן הוזער געבליבן לעבן איינער אַליין אין אַ גרויזאַמער, פרעמדער, מיט בלוט באַפּלעקטער וועלט.

9

אַ „פּוסטיאַשנע‟ ווונד

אַ זומערדיקער שטורעם־רעגן האָט זיך דורכגעטראָגן פֿאַרביי דער שטאָט און איז פֿאַרשווונדן הינטערן האָריזאָנט אין דרום, אַזוי שנעל ווי ער איז געקומען פֿון צפֿון. ווי מיט איין מאָך פֿון דער האַנט האָט דער ווינט אַראָפּגעצויגן דעם גרויען צעיאָכמעטן צודעק פֿון הימל און אַנטבלויזט זיין ביינאַכטיקע, אייביק־יונגע, מיט זילבער פֿון שטערן באַשפּרענקלטע בלויקייט.

סאשאַ און סאראָטשקע זענען געפֿאָרן אויף אַ פֿאַיעטאָן פֿון אַן איזוואָזטשיק און האָבן איינגעאָטעמט מיט הנאה די פֿרישע לופֿט פֿון דער היים־שטאָט, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אויסגעבאָדן און האָט זיך געהנדלט אַנטקעגן די שטערן מיט די באַשיינטע דעכער און פֿייכטע גאַסן.

זיי ביידע האָבן אויסגעזען ווי מענטשן, וועלכע נויטיקן זיך אין פֿרישער לופֿט, באַזונדערס סאַראָטשקע. די האָר קורץ אָפּגעשוירן, די אויגן אויסגעלאָשן און פֿאַרשלאָפֿן, דער קערפּער דין און בויגעוודיק ווי אַן איידל שטעמל, וואָס אָט אָט וועט עס זיך איבערברעכן פֿון ווינט־אָנשטויס — האָט זי אויסגעזען, ווי נאָך אַ שווערער, אויסמאַטערנדי־קער קראַנקהייט. זי איז אָבער נישט געווען קראַנק. זי איז געווען אויס־געהונגערט, אַזוי ווי סאַשאַ, און אַזוי ווי די מערהייט סטודענטן פֿון דער גרויסער שטאָט. סאַשאַ איז געווען אַ רויקער מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. ער האָט געקאָנט אויסרעכענען יעדן ביסן אַזוי גוט, ווי ער האָט געקאָנט אויסרעכענען יעדן צוג אין אַ לייזונג פֿון אַ מאַטעמאַטישן פּראָבלעם. אויב ער האָט געהאַט נאָר אַ פֿונט ברויט פֿאַר דריי טעג, האָט ער דאָס צעטיילט אויף דריי גלייכע טיילן — אַ שטיקל ברויט פֿאַר יעדן טאָג. אין פֿאַל ווען עס פֿלעגט אָנקומען אַ פּעקל עסנוואַרג פֿון מליני, פֿלעגט ער דאָס פּעקל צעטיילן אין קליינע פּאָרציעס, מיט אַ פּלאַן צו נוצן זיי אין משך פֿון לאַנגע וואָכן, וואָס

ער האָט נישט פאַרפעלט צו־טאָן, אויב סאַראַטשקע האָט אים דעם פלאַן נישט צעשטערט. זי האָט אָבער נישט געהאַט סאַשעס אויסדויער. צומאָל איז זי געווען פעיק צו הונגערן נאָך מער ווי עס איז געווען נויטיק, אַבי אָפּשפּאָרן אַ ביסל עסן פאַר סאַשען, אָבער אַן אַנדערש מאָל פלעגט זי נישט אויסהאַלטן און פאַרצערן אַלץ וואָס איז געווען אונטער דער האַנט... און אויף דעם זעלבן אופן האָט זי זיך געלערנט אינעם אוניווערזיטעט: אָט איז זי געווען צוריקגעשטאַנען, דורכגעפאַלן אין עקזאַמען נאָכן אַנדערן, פאַרלוירן די פעיקייט זיך צו קאָנצענטרירן, אפילו אַ ביכל לייענען, און אָט האָט זי זיך אָנגעוואָרפן אויף די זעלבע ביכער מיט אַן אמתן ברען און ביים עקזאַמען דערשטוינט דעם פּראָפעסאָר, אַזוי גוט ווי די סטודענטן, מיט דער שאַרפזיניקייט פון אַן ענטפער און מיט דער טיפקייט פון איר וויסן. זי האָט נישט געקאָנט האַלטן קיין גלייכגעוויכט. זי האָט זיך געוויגט אויף די כוואַליעס פון געמיט, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. צום סוף זמן האָט זי זיך קוים געקאָנט האַלטן אויף די פיס. די איינציקע זאַך וואָס האָט איר געראַטעוועט פון פולשטענדיקן צוזאַמענברעכן איז געווען: איר פעיקייט צו שלאָפן ביז נאָך מיטאָג...

אויך איצט, פאַרנדיק אַהיים פון דער באַן־סטאַציע, איז זי באַלד איינגעשלאָפן כאָטש עס איז נאָך געווען פאַר וועטשערע.

סאַשאַ איז נישט געשלאָפן. ער האָט געשמועסט מיטן פורמאַן הערש נאָסקאַ, וועלכער איז געזעסן מיט דער זייט צו די פּאַסאַזשירן אויסגעדרייט און נאָר פון צייט־צו־צייט געוואָרפן אַ בליק אויפן וועג און אויף זיין שקאַפע. ער האָט נישט געיאָגט דאָס פערד און ער האָט זיך נישט געאיילט ביים רעדן:

— אויף אורלויב אַהיים געקומען, צי צוליב דעם טאַטן?...

— אויף אורלויב און צוליב דעם טאַטן...

— אַ געוואַגטער מענטש איז ער ביי אייך!

— שוין צופיל אַ געוואַגטער.

— וואָס ווייסט איר יונגע מענטשן?

— עפּעס ווייסן מיר דאָך.

— אפשר, ווי עס פאַלט איינעם איין. מיין יאַנקל דענקט אויך

אַזוי, אָבער ווו איז ער איצט? נו, מילא, מיט מיר איז נישט אַזוי שווער זיך צו פאַרגלייכן. אָבער ווי קומט איר, צו אייער טאַטן?

— כ׳בין דאָך זיין זון.

— איר קאָנט זיך מיט אים נישט פאַרגלייכן.

— פאַרוואָס?

— אַ קערנדיקער איז ער ביי אייך, אַ יאָדערדיקער — אים קאָן מען ניט נעמען מיט די נאַקעטע הענט.

— האָט מען אים גענומען מיט אַ ביקס...

— אַ מכה האָט מען אים גענומען!

— אַ ווונד איז נישט גענוג?

— פאַר אייך איז אפשר גענוג, פאַר אים נישט.

— האָט איר אים געזען?

— זיכער.

— ווען?

— פאַראַכטאָגן שבת.

— געקומען אים מבקר חולה זיין. פרעגט ער ביי מיר, ווי אַזוי איז עס מיר איינגעפאַלן? — ווייס איך נישט... קיין מחותן מיט אייך בין איך נישט. פונדעסטוועגן, אַז כ׳האָב געהערט: אהרן־לייב איז פאַר־ווונדעט, בין איך געגאַנגען. מסתמא איז דאָס אַן אַלטע געוווינהייט, ווי אייער טאַטע זאָגט.

— ווי פילט ער זיך, מיין טאַטע?

— גוט! ער פילט זיך גוט.

—באמת?

— פאַרוואָס זאָל איך זאָגן אַ ליגן?

ער חכמה׳ט זיך ווי גאָר אַ געזונטער מענטש. מען פרעגט ביי אים: צו וואָס זענט איר פון שטאָט אַרויסגעפאָרן אין אַזאַ צייט? ענט־פערט ער טאַקע מיט די ווערטער: ס׳איז אַן אַלטע געוווינהייט ביי מיר. כ׳פיל זיך נאָך אַלץ ווי אַ פרייער מענטש, זאָגט ער. מען פרעגט ביי אים: ווער האָט אויף אייך געשאָסן? ענטפערט ער: אַ קאַליקע... וואָרים פון אַ גוטן שיסער וואָלט ער זיך נישט געראַטעוועט מיטן

לעבן... לאַכן די מענטשן אַנשטאָט קרעכצן און די מורא איז שוין נישט אַזוי שרעקלעך.

ווי אַזוי איז ער אַנטלאָפן?

— ווי אַזוי? — מיט פערדישע פיס. אַזוי זאָגט אייער טאַטע. ער זאָגט מען האָט אים נאָכגעיאָגט, געשאָסן. ער האָט דאָס פערד געטריבן מיטן בייטש, געשמיסן, ביז עפּעס האָט אים אַליין אַ שמיץ געטאָן איבער דער האַנט, ווי אַ דין בייטשל — האָט ער אויפגעהערט שמייסן — אָבער דאָס פערד האָט אויך שכל, האָט עס זיך אַליין גע־סטאַרעט פאַר זיינעטוועגן, מיט שוויס באַדעקט, אין שטאָט זיך אַריינ־געיאָגט. אָבער איר דאַרפט זיך נישט זאָרגן, ס׳איז אַ לייכטע ווונד...

ביי אייער טאַטען זעט דאָס אויס נאָך אַ לייכטער, ווי עס איז.

— איז די לאַגע אין די דערפער שוין אַזוי שלעכט?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, כ׳בין נישט קיין געלערנטער מענטש. אַלץ וואָס איך האָב איז אַ פּאָר אויגן און ווי איך זע עס, איז עס פאַר איינעם שלעכט און פאַרן צווייטן נאָך ערגער. דער דייטש? אים אַרט עס נישט. ער האָט די מאַשינגעווער — טאַ־טאַ־טאַ און פּטור אַן עסק... באַנען פאַרן קיין דייטשלאַנד מיט מעל, מיט בהמות אָנגע־פּאַקט. ווען מען עס געפעלט נישט קאָן זיך קראַפּירן. אַזוי זאָגט דער דייטש. אָדער ער שוויגט אין גאַנצן. מען פאַרשטייט אים אויפן ווונק... ער נעמט און באַסטאַ. באַהאַלט מען פון אים דאָס ברויט און מען באַהאַלט פון אים דעם כעס... אָבער דער כעס איז דאָ, דאָס געווער איז דאָ... ביקסן, אַן אַ צאָל. און עס זענען דאָ אַלערליי מענטשן צו האַלטן אַ ביקס אין האַנט... אָרנטלעכע מענטשן האָבן גענומען די ביקס אין האַנט. מיין יאַנקל זאָגט אַז דאָס איז פאַר אַן אידעאַל, אָבער רוצחים האָבן אויך גענומען אַ ביקס אין האַנט. און דערווייל, אידער וואָס־ווען הרגעט מען אויס די יידן, ווו מען פאַקט זיי. אין דאָרף איז עס לייכטער ווי אין שטאָט; אויפן וועג; — אדרבא ואדרבא. לעבט היינט דער ייד ווי אין אַ תפיסה. ווילסט איינשטעלן דאָס לעבן — פאַר זיך אין דאָרף צו זען זיך מיט אַ מחותן. ווילסט נישט, — זיץ אין שטאָט און ציטער פון שרעק. אַ כאָליערע זאָל זיי נעמען...

וויל אהרן־לייב זיך נישט בויגן פאר דער שרעק. ער פּאָרט און טו
אים עפּעס. וואָרים אַ יאָדערדיקער איז ער ביי אייך... טפּרו־או־או,
מיר זענען אָנגעקומען גראָד צום סוף פון מיינע נאַרישע רייד.

סאשא האָט זיך האַרציק צעלאַכט:

— איר האָט מיך שיער נישט איבערצייגט, אַז מיר יונגע מענטשן
וויסן גאָר נישט, און צום סוף זאָגט איר „נאַרישע רייד", אַ דאַנק
פאר דער פיינער יאַזדע און אַ דאַנק פאַר די רייד.

* * *

דאָס הויז איז שוין געשלאָפן, אָבער מען איז באַלד אויפגעשטאַנען
אויפנעמען די געסט, געבן זיי צו עסן און געפינען פאַר זיי אַ פּלאַץ
צו שלאָפן. דאָס לעצטע איז געווען נישט קיין פשוטע אויפגאַבע. אין
הויז איז געווען ענגער, ווי ס׳איז געווען פריער. דאָס קינדער־צימער
האָבן שוין סיאָמאַ און דוניאַשאַ פאַרנומען. דאָס גאַסט־צימער איז גע־
ווען באַזעצט פון דייטשע אָפיצירן. דוד׳קע און אבראַשקאַ זענען גע־
שלאָפן אינעם עס־צימער: אַבראַשקאַ אויף שטולן, דוד׳קע אויפן דיל.

איצט האָט אַבראַשקאַ אויך געמוזט אָנקומען צום דיל, ווו מען
האָט אויסגעבעט פאַר דריי מענטשן, סאַשען איינגעשלאָסן. פאַר סאַ־
ראַטשקען האָט מען צוגעגרייט אַ פרישן געלעגער אויף אַבראַשקאַס
שטולן און זי האָט זיך באַלד נאָכן עסן אַוועקגעלייגט אויף דעם אימ־
פּראָוויזירטן געלעגער און האָט נאָך נישט באַוויזן צו ווינטשן דער
משפחה אַ גוטע נאַכט, ווען זי איז שוין געשמאַק געשלאָפן.

סאַשאַ האָט זיך אַ ביסל פאַרהאַלטן ביים טאַטנס בעט. אהרן האָט
געהאַלטן זיין פאַרוווּנדעטע האַנט אויף דער לייכטער קאָלדרע. באַדעקט
מיט אַ באַנדאַזש ביז איבער די פינגער, האָט די האַנט אויסגעזען אומ־
באַהאָלפן און פרעמד. אהרנס פּנים איז געווען בלייך, אָבער בכלל האָט
ער נישט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַן אומבאַהאָלפענעם מענטש.

— האָסט אַן אַנונג ווער ס׳האָט אויף דיר געשאָסן? — האָט
אים סאשא געפרעגט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער
פורמאַן, הערש נאַסקאַ, האָט אים דערציילט דעם גאַנצן אמת וועגן
דעם טאַטן.

— איך האָב אַן אָנונג, — האָט אהרן געענטפערט מיט אַ פיל מיינענ־דיקן שמייכל. אָבער אויף יוואָס דאַרפסטו דאָס וויסן?

— כ׳בין נייגעריק עס צו וויסן.

— נו, דאָס איז נישט קיין גרונט, אָבער אַזוי ווי דו ביסט שוין נישט קיין קינד, וועל איך דיר זאָגן, אַז איינעם האָב איך דערקענט ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט צו זען ווי ווייט זיי זענען פון מיר... ס׳איז געווען דעם קאָלבאַסניק הוזערס אַ זון, פּעטריק הייסט ער, אויב איך האָב נישט קיין טעות.

— פּעטריק הוזער, וואָס האָט ער צו דיר?

אהרן האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין פאַרוואונדעטער האַנט און ביי־טער אַ שמייכל געטאָן:

— ווער זאָגט דיר, אַז ער האָט צו מיר. ער האָט מסתמא צו דער וועלט. אפשר האָט ער אפילו צו זיך אַליין, אָבער שיסן שיסט ער אין יידן. און דער ייד דאַרף ברעכן זיך דעם קאָפּ צו טרעפן וואָס יענעם איז איינגעפאַלן. מיינסט איך טראַכט נישט וועגן דעם? איך טראַכט וועגן אים און וועגן זיין טאַטן און וועגן זיין גאַנצער משפחה. זיין טאַטע, ווי׳ דו ווייסט, איז געווען אַ כעסן און נישט אַזאַ איידעלער מענטש. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין יידן. עס האָט אים מסתמא פאַרדראָסן, הלמאי ביי די יידן איז אַלץ פונקט פאַרקערט; אַז וואָס ביי די יידן איז טריפה, ציט ער גראָד פון דעם זיין חיונה. אָבער גראָד ער, דער פאָטער, פירט זיך איצט אויף לייטיש. ער האָט איבער־געלעבט אַן אמתע טראַגעדיע. זיין זון, דעם אָפיציר, האָבן די דייטשן אַרעסטירט און ווייזט אויס פאַרפייניקט ביז טויט. זיין פרוי, אַן איידע־לער שלאָפער מענטש, איז געשטאָרבן, ווי מען דערציילט, פון ערגעט־נישן; דער יונגערער זון איז ערגעצוו אין וואַלד. זעט אויס דער מענטש, ווי׳ אַ שאָטן פון יענעם קאָלבאַסניק, ווי דו האָסט אים געקענט. ער איז געוואָרן זייער פרום. מען הערט פון אים קיין שלעכט וואָרט. אָבער דער זון...

אהרן האָט ווידעראַמאָל אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט און האָט זי אויפגעהויבן פון דער קאָלדרע:

— זעסטו דאָך וואָס דער זון טוט... מען שיסט. מען לערנט זיך שיסן אויף לעבעדיקע ציל־ברעטלעך. די איינציקע האָפענונג, אַז דאָס איז אַ צייטווייליקער צושטאַנד. אַלץ טראָגט איצט אויף זיך דעם צייכן פון צייטווייליקייט: יעדע אָרדענונג, אָדער אומאָרדענונג, וואָס מען גיט אונדז צו פארזוכן איר טעם... די צרה איז נאָר, וואָס די מענטשן דערהרגעט מען נישט צייטווייליק. אַנדערש וואָלט מען גע־קאָנט אַ מאַך־טאָן מיט דער האַנט, אפילו מיט אַ פאַרווונדעטער האַנט און וואַרטן געדולדיק ביז דער מענטש וועט קומען צום שכל...

* * *

זיך אָפּגעווינט צו שלאָפן ביי פארמאכטע לאָדנס און אויסגעמאַ־טערט פון וועג, איז סאַשאַ אויפגעשטאַנען שפּעט, ווען סאַראַטשקע איז שוין געהאט אוועקגעגאַנגען צו טאַטע־מאַמען.

סאַשאַ האָט אָפּגעגעסן זיין פרישטיק אויף דער וועראַנדע און דאָס עסן האָט אים גוט געשמעקט. די לופט דאָ איז פאָרט געווען בעסער ווי דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט. נענטער צו דער ערד — נענטער צום לעבן.

באַלד נאָכן פרישטיק איז ער אַרויס אין הויף, און פאַרבייגעגאַנגען לאַנגזאַם דעם גאָרטן. אויף דער גרויער, פון ווילד גראָז אָפּגערייניקטער ערד, האָבן זיך דאָ געגרינט גלייכע רייען פון קאַרטאָפל־קוסטן און קרויט־קעפּלעך. קליינע נאָך נישט רייפע טאָמאַטן האָבן זיך געטוליעט צו דער ערד נישט ווייט פון די טונקל־הויטיקע אוגערקעס. סאַשאַ האָט זיך אָנגעבויגן, אַראָפּגעריסן אַן אוגערקע און אַריינגעביסן אין איר, ווי ער וואָלט נאָך געווען הונגעריק. אפילו די הויט איז פאַר אים געווען זיס.

ער האָט באַקוקט נאָך אַמאָל דעם גאַנצן גאָרטן און איז אַוועק צו דער ראָשטשע. צווישן דעם הויף און דער ראָשטשע, אויף אַ לאָנקע באַדעקט מיט הויכן גראָז, האָט זיך געפּאַשעט די רויקע האָלאַנדקע „מאַשע" מיט איר יונג קעלבל, מיט וועלכן סאַשאַ האָט נאָך נישט געהאט דעם כבוד זיך צו באַקענען. סאַשאַ האָט געפּרוווט צו אים צו־

גיין. דאָס קעלבל האָט צוגעוואַרט ביז סאַשאַ איז געווען גאָר נאָענט און דאַן אַ בריקע געטאָן מיט די הינטערשטע פיס און זיך געלאָזט לויפן איבער דער לאָנקע, אויף די דינע, לאַנגע אומגעלומפּערטע פיס — מיט עפּעס אַ זיג־זאַג וועג, אין פאַרשידענע ריכטונגען מיט איין מאָל.

סאַשאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „ווילסט נישט — דאַרף מען נישט". ער איז אַוועק ווייטער צו דער ראָשטשע און טייך. די ראָשטשע איז געווען פול מיט געמיטלעכע קלאַנגען פון זאַרגלאָזן לעבן. אַ פויגל האָט זיך באַגריסט מיטן אַנדערן:

— צווירינק־צווירינק... צווירינק־צווירינק...

אַ בין האָט אומזיסטע שפּייז געזוכט אויף די גלייכגילטיקע, נאָכגיביקע פלאַנצן און בלומען.

זשזשזש או־או־או...

סאַשאַ איז צוגעגאַנגען צו אַן אַלטן בוים מיט אַ שטאַרקן צווייג. ער האָט געפּרוווט דערגרייכן מיט דער האַנט דעם צווייג — ס'איז געווען צו הויך. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן אין דער הויך, האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן צווייג מיט ביידע הענט, זיך אַ וויג געטאָן אין דער לופטן, איין מאָל און נאָך אַמאָל, און דאַן, מיט איין ענערגישן שווונג, זיך אַרויפגעוואָרפן מיטן קערפּער אויפן צווייג און אָט איז ער שוין געזעסן אויפן בוים, אַזוי ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געווען איינער פון די בעסטע אַטלעטן אין דער אָרטיקער גימנאַזיע. ס'האַרץ האָט בײַ אים געקלאַפּט שטאַרקער ווי פריער אָבער ער האָט זיך געפילט גוט. ס'האָט אים איצט נישט געאַרט דער הונגער. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין טאַטנס ווערטער, אַז אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד האָט אויף זיך אַ צייכן פון ציוויליזאַציע.

ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז אייגנטלעך איז דאָס דער ציל וואָס ער אַליין וויל דערגרייכן, זיך באַפרייען פון ציוויליזאַציע און דעם אופן פון לעבן, זיך אויסלערנען אַ פּראָפעסיע, וואָס שליסט אויס אַזאַ ציוויליזאַציע.

דער פויער — האָט ער געטראַכט גלעטנדיק די גרינע בלעטער

אויפן אַלטן בוים — באַארבעט די ערד, און ווי שווער די לאַגע זאָל נישט זיין, קאָן ער דאָס באַטראַכטן אַלס עפּעס, וואָס וועט סוף־כל־סוף איבערגיין (ווי צאָן־ווייטאָג גייט איבער), ווייל זיין באַשעפטיקונג גופא איז דער אייביקער קוואַל פון לעבן פארן לאַנד. און אַזוי איז דאָס מיט יעדן מין בויער, מיט יעדן מין שעפערישן מענטש. ווען דער היינטי־קער צייטווייליקער כאַאָס וועט זיין פאַריבער און דאָס לאנד וועט זיך נעמען צום פרידלעכן אויפבוי, וועט דער געבילדעטער בויער זיך באַפרייען פון די צייטווייליקע אומבאַקוועמלעכקייטן; ער וועט ווידער־שטיין אויפן פעסטן אייביקן באָדן, וואָס דאָס לעבן אַליין האָט באַשאַפן. אָן אינזשיניער איז נישט קיין צייטווייליקער מענטש אין דעם לעבן פון כלל. עס איז נישטאָ קיין שום צייטווייליקייט אויפן געביט פון עלעקטראָ־טעכניק, וואָס זאָגט צו דאָס פּנים פון דער ערד צו ענדערן און דעם מענטש אויף נייע הויכן פון ווילזיין צו ברענגען. עס איז נישטאָ קיין שום סימנים פון צייטווייליקייט אין אַ באַשעפטיקונג פון אַ דאָקטאָר, אַ לערער, אַ קינסטלער. יעדער מין געזעלשאַפט מוז זיי האָבן: „פרייער האַנדל", צי נישט פרייער האַנדל, „פריוואַטע איניציאַ־טיוו", צי נישט פריוואַטע איניציאַטיוו. אפשר צוליב דעם טאַקע פילט זיך אַזאַ גרויסער דראַנג צווישן דער יידישער יוגנט צום וויסן, צום לערנען, צו די קערנדיקע פּראָפעסיעס. עס איז אייגנטלעך אַ ליידנ־שאַפטלעכער פאַרזוך זיך צו באַפרייען פון דער פאַרשאַלטענער צייט־ווייליקייט, וואָס האָט תמיד באַצייכנט דאָס לעבן פון גלות־יידן. ווען מנחם־מענדל וואָלט נישט זיין קיין לופט־מענטש, וואָלט ער אפשר זיין איינער פון די טרוימער־בויער, טרוימער־שאַפער, וואָס נעמען אַנטייל אין דער אומדערמידלעכער, אייביקער אַרבעט פון מענטשלעכן פּראָגרעס...

סאַשען איז דער געדאַנק געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן:

— סאַשאַ, דו מעגסט זיך אַ קניפּ טאָן דאָס בעקל; דו ביזט אויף אַ ריכטיקן וועג; הונגער צי נישט־הונגער — ביזט ביים קוואַל פון לעבן און אמתן נישט איינגערעדטן גליק...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף דעם הויכן צווייג, אַראָפּגעשפּרונ־

גען אויף דער ערד, אָפּגעריסן אַ גרעזל, עס געגומען אין מויל, זיך אַרומגעקוקט און דערזען דורך די צווייגן פון דיביימער אַ באַקאַנטע פיגור, — די פיגור פון פּאַוולאַ דזיובאַ. פּאַוולאַ איז געזעסן מיטן רוקן צו אַ בוים ביים ברעג פון טייך און פאַרצייכנט עפּעס אין אַן אַלבאָם, וואָס איז געלעגן אויף זיין קני.

סאשא האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער געלעגנהייט צו כאַפּן אַ שמועס מיט אים. ער האָט אים גוט געקענט, ווי ער האָט גוט געקענט זיין פאָטער, דעם טעלעגראַפיסט, איוואַן דזיובאַ. פּאַוולאַ איז געווען איינער פון די אוקראַינער אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך געווידמעט דער שעפערישער אַרבעט און זענען געווען נאַציאָנאַליסטיש צוליב דער ליבע צום אייגענעם פאָלק און נישט צוליב דעם האַס צום צווייטן. מיט פּאַוולאַן האָט זיך סאשא תמיד געקאָנט צוזאמענרעדן, אומאָפּהענגיק פון דעם מיט וועלכער שפּראַך זיי האָבן זיך באַנוצט — מיט אוקראַיניש צי רוסיש.

איצט, נאָכדעם ווי פּאַוולאָס פאָטער האָט זיך פאַר אַ יידישן שכן איינגעשטעלט און איז צוליב דעם אכזריותדיק באַהאַנדלט געוואָרן, האָט סאשא געפילט נאָך אַ גרעסערע נאָענטקייט צום יונגן מאָלער.

ער איז צוגעגאַנגען צו אים, זיך מיט אים באַגריסט, ווי זיי וואָלטן ערשט נעכטן זיך געזען:

— זדראַוואָ, פּאַוולאַ.

— זדראַוואָ — האָט פּאַוולאַ געענטפערט מיט דער זעלבער נאַטירלעכקייט ווי סאשאַ.

— מאָלסט נאָך אַלץ ווערבעס ביים טייך?

— כ'מאָל זיי נאָך אַלץ, און זיי ווערן מיר אַלץ ליבער און וויכטיקער מיט יעדן טאָג.

— ס'איז נישט קיין וווּנדער, אין אַזאַ צייט ווי אונדזערע, ווען דער מענטש האָט זיך באַפלעקט מיט אַזוי פיל מיאוסקייט.

— אמת, סאשא, דאָס איז אַ הייליקער אמת. עס ווילט זיך אַנטלויפן פון אַזאַ לעבן; זיך אומקערן צו דער מוטער נאַטור. אָבער אַזוי ווי דער ווילער רוסאָ האָט גערופן — ווייל עס דוכט זיך מיר

אַז ס׳רוב אונדזערע מענטשן האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער נאַטור און האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין חיות...

פּאַוולאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון צייכנען.

— אגב, עס דערמאָנט מיך: וואָס מאַכט דיין פאָטער. כ׳האָב געהערט, אַז מען האָט אים פאַרוואונדעט?

— ער פילט זיך גוט. ס׳איז אַ לייכטע וווּנד — דורכגעשאָסן די דלאָניע. וואָס מאַכט דיינער? אַ פיינער מענטש איז ער ביי דיר, פּאַוולאַ. כ׳פיל, אַז איך קום אים אַ פערזענלעכן חוב. האָבן זיך זיינע וווּנדן פאַרהיילט?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן סאשאַ: פיזיש — יאָ; זיי האָבן זיך פאַרהיילט די וווּנדן. אָבער גייסטיק — בשום אופן נישט. ער וועט עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן. וועגן וואָס ער זאָל נישט טראַכטן און רעדן, קומט ער צו דעם צוריק. דאָס האַרץ בלוטיקט ווען מען הערט אים רעדן וועגן דעם. אַזוי פיל יאָרן געזאַמלט די רייכע ירושה פון פאָלקס־שאַפונג, אַזוי פיל האַרץ דעם פאָלק אָפּגעגעבן און צום סוף... ווער האָט אים געשמיסן? אָפּפאַל פון פאָלק; מענטשן וואָס האָבן הנאה פון יענעמס ליידן און זוכן פאַר זיך דעם רום פון היינטצייטיקן העראָאיזם. אַ שלעגער איז געוואָרן דער פאָרשטייער פון פאָלק, אַזוי צו זאָגן. זאָג איך דיר, אַז ניין, אַז דאָס איז נישט דער וועג. פאַר די דייטשן זענען זיי אפשר אוקראַינער, אָבער פאַר מיר זענען זיי דייטשע לאַנדס־קנעכט.

פּאַוולאַ דזיובאַ האָט אָנגעהויבן זיך היצן און מאַכן ענערגישע זשעסטן מיטן אַלבאָם, וואָס ער האָט איצט געהאַלטן אין זיין האַנט.

— פאַר מיר אויך, האָט סאַשאַ שטיל געזאָגט.

פּאַוולאַ דזיובאַ האָט זיך באַרויקט און זיך צוריק גענומען צום צייכנען.

— מיך וווּנדערט דאָס נישט. יעדער אָנשטענדיקער מענטש זעט עס. מיינסט אַז איך וועל פאַרגעסן מיין באַטקאָס וווּנדן. אין מיין לעבן וועל איך דאָס נישט פאַרגעסן. ס׳וועט קומען די צייט, ווען מיין וואָרט

וועט אויך האָבן עפּעס אַ ווערט, וועל איך זיי אין דעם דערמאָנען —
די חברה!

— און דערווייל וואָס — וועסט מאָלן די ווערבעס ביים וואַסער?

— דערווייל יאָ, וועל איך מאָלן, און אפשר וועל איך זיך אַרומ־
קוקן ווו ס'איז דאָ אַן אויסוועג. מען טאָר נישט איבערגעבן דעם גורל
פון אַ פאָלק אין די הענט פון מענטשן, וועלכע האָבן פון אונדזער
ביטערער דאָליע אַ יום־טוב געמאַכט. עס איז אַ וואַקכאַנאַליע פון רציחה
און נישט קיין קאַמף פאַר פרייהייט... אָבער לאָמיר בעסער וועגן דעם
נישט רעדן. ס'איז אַוועק די צייט פון פרייהייט פון וואָרט. פאַרגעס
וועגן דעם וואָס איך האָב דיר געזאָגט. איך וועל אויך פאַרגעסן וועגן
דיינע ווערטער און לאָמיר זיך געזעגענען. ס'קאָן נאָך עמעצער אָנט־
דעקן אַ „פאַרשווערונג אין דער ראָשטשע"... זיי געזונט סאשא, ס'וועט
נאָך זיין אויף אונדזער גאַס אַ יום־טוב.

— זיי געזונט, פּאַוולאַ.

סאשא איז אַוועק אַנטלאַנג דעם טייך, בראָדזשען נאָך אַ ביסל
איבערן גראָז, צו אָטעמען נאָך אַ ביסל מיט דער זאַפטיקער פרישער
לופט; צו טראַכטן נאָך אַ ביסל וועגן דעם קוואַל פון לעבן, און עס
האָט זיך אים געדוכט, אַז ער הערט נאָך אַלץ פּאַוולאָס ווערטער:

— ס'וועט נאָך זיין אויף אונדזער גאַס אַ יום טוב.

10
סאַשא כאַפּט דעם גנב

נאָך דער באַגעגעניש מיט פּאַוולאָן, האָט סאַשאַ מיט יעדן טאָג
זיך געפילט מער און מער באַפרייט פון דער זאָרג פאַרן לעבן פון
דער משפחה. עס איז געווען באמת רויק אין שטאָט. און בעת ס'איז
געקומען די צייט ווען סאַשאַ האָט געדאַרפט פאָרן צוריק, נישט צו
פאַרשפּעטיקן דעם אָנפאַנג פון נייעם לערן־זמן, האָט שוין זיין טאַטנס
וווּנד זיך גוט פאַרהיילט. מען האָט שוין אפילו אָנגעהויבן פאַרגעסן
וועגן דער וווּנד.

די איינציקע זאַך, וואָס האָט צעשטערט סאשעס רו, אַ פּאָר וואָכן פאַר זיין פאַרלאָזן די שטאָט, איז געווען די געשפּאַנטע שטימונג אין סאראַטשקעס משפּחה. צוערשט איז עס געווען צוליב איר פאָטערס געזונט־צושטאַנד, דערנאָך איז צו דעם צוגעקומען די זאָרג פאַרן גורל פון העסיאַן, וועלכער איז נישט געקומען קיין מליני אויף אור־לויב, און האָט זיך, ווייזט אויס, אויסבאַהאַלטן פון די דייטשן צוליב זיינע אָפענע סימפּאַטיעס פאַר ענגלאַנד און אירע פאַרבינדעטע. צום סוף איז צו דעם צוגעקומען אַ פּשוטע גניבה: עמעצער איז אַריינגעקראָכן אין נאַדיעס רעסטאָראַן און פון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט די גאַנצע שפּייז, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַרן קומענדיקן טאָג. עס איז געווען נישט נאָר אַ שאָדן, נאָר אויך די מורא פאַר ווייטערדיקע גניבות, וואָס האָט באַטריבט די גאַנצע משפּחה גאָטליב.

סאַראַטשקע האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן. זי האָט געהאַט באַשלאָסן צו בלייבן אינדערהיים, ווייל איר פאָטער איז שוין ווידער געלעגן אין בעט און די מאמע איז נישט געווען בכוח צו באַדינען אי דעם רעסטאָראַן און אי דעם קראַנקן מאַן. איצט איז צו דעם צוגעקומען נאָך אַן אומגליק.

סאשען האָט די זאַך פאַרדראָסן: מילא, אַ מענטש איז קראַנק, — איז עס, ווי מען זאָגט, אַ גאָט זאַך. עס איז דאָ אַ בירגער־קריג אין לאַנד, פון דעם לײַדן אַלע מענטשן, אָבער אַ גנב? — ווער איז מחויב צו ליידן פון אַ גנב? אַ גנב קאָן מען כאַפּן און בינדן, און אויב עס איז נויטיק, קאָן דאָס סאַשאַ אַליין טאָן. יעדנפאַלס עס וועט נישט שאַדן צו פּרווון. אַנטשלאָסן זיך אויף דעם, האָט סאַשאַ אויסגעאַרבעט אַ פּשוטן פּלאַן: ער וועט זיך לאָזן פאַרמאַכן יעדן אָוונט אין דעם רעסטאָ־ראַן און וואַרטן דאָרטן ביז דער גנב וועט קומען.

דער פּלאַן איז סאַראַטשקען נישט געפעלן געוואָרן. זי האָט מורא געהאַט, אָבער סאַשאַ האָט פאַרקאַטשעט דעם אַרבל און איר באַוויזן דעם מוסקול אויף זיין שטאַרקער האַנט. די האָט זיך באַלד אָנגעכאַפּט אָן דעם מוסקול מיט בײדע הענט, ווי זי האָט עס ליב געהאַט צו טאָן, זיך אָנגעהאָנגען אויף דעם אָרעם מיט דער גאַנצער וואָג פון איר

לייכטן קערפּער און האָט אַ קוש געטאָן סאַשען אין דער באַק.

סאַשאַ האָט עס אָנגענומען אַלס אַ סימן, אַז סאָראָטשקע וועט אים נישט שטערן. ער איז אַוועק אין דער ראָשטשע, האָט זיך אָפּגעשניטן אַ גראָבן שטעקן, איז געקומען אין אָוונט אין רעסטאָראַן און איז דאָרטן געבליבן נעכטיקן.

ער האָט פאַרבראַכט עטלעכע נעכט אין דעם קליינעם רעסטאָראַן אָן שום רעזולטאַטן. ער האָט שוין אָנגעהויבן צווייפלען אינעם דער־פאָלג פון זיין אונטערנעמונג, ווען ער האָט איינמאָל, אין מיטן נאַכט דערהערט פאָרזיכטיקע טריט אין דער פינצטערער גאַס. די טריט האָבן זיך דערנענטערט צום רעסטאָראַן. סאַשא איז אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו דער דרויסנדיקער טיר און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער זייט מיט דעם גראָבן שטעקן אין דער האַנט. דער מענטש אין דרויסן האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן באַאַרבעטן דעם שלאָס אויף דער טיר; אָט האָט ער שוין געעפנט דעם שלאָס, אַראָפּגענומען דעם אייזערנעם שטאַב, און זיך גענומען צו דער טיר גופא; און אָט האָט ער געעפנט שטיל די טיר און איז אַריין אויף די שפּיץ פינגער אין פינצטערן רעסטאָראַן.

סאַשא האָט נישט געקאָנט זען זיין פּנים, נאָר זיך צוגעוווינט אַ ביסל צו דער פינצטערניש, האָט ער גוט געזען אַ קליין־וווקסיקע פיגור פון דעם גנב. ער האָט אָפּגעאָטעמט מיט פאַרלייכטערונג, אָפּגעוואָרפן דעם שטעקן אין אַ זייט, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם אַריינדרינגער און אים אַרומגעכאַפּט מיט די הענט פון הינטן. דער גנב האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט פאַרצווייפלונג פון אַ חיה, וואָס וויל זיך באַפרייען פון אַן אייזערנער קלעם, אָבער ס'האָט אים נישט געהאָלפן, יעדע באַ־וועגונג האָט אים פאַרשאַפט אַלץ אַ גרעסערע און שטאַרקערע ווייטיק. ער האָט שוין כמעט אינגאַנצן נישט געקאָנט רירן מיט די הענט. סאַשא האָט אים געלאָזט זיך אויסשלאָגן פון די כוחות און דאַן אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט און זי פאַרדרייט הינטער זיין רוקן. באַלד איז שוין די צווייטע האַנט געווען אויף דעם זעלבן פּלאַץ, און דער

מאַן איז געווען געבונדן מיט אַ שטריקל, וואָס סאַשאַ האָט געהאַט צו־געגרייט אין קעשענע פאַר דער געלעגנהייט.

געבונדן דעם גנב — האָט ער אים געצווונגען זיך אַוועקצוזעצן אויף דער ערד און ער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ.

דער געבונדענער איז געזעסן אויפן דיל מיטן קאָפּ איינגעבויגן. אַזוי אַז סאַשאַ האָט נישט געקאָנט זען זיין פּנים, אָבער עפּעס באַ־קאַנטעס איז געווען אין זיין פיגור. סאַשאַ וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ערגעץ־ווו האָט ער אים געזען. ער איז צו אים צוגעגאַנגען, זיך איבער־געבויגן איבער אים, אָנגעכאַפּט פאַרן קין און אויפגעהויבן צו זיך דאָס פּנים, — ס'איז געווען פּעטריק הוזער.

דער יונג האָט געקוקט אויף סאַשען אַ ווייל, מיט געפּלעפּטע אויגן, ביז זיי האָבן זיך ביי אים אָנגעגאָסן מיט בלוט און רציחה פון פאַרצווייפלונג, און ער האָט זיך אַ ריס געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער אַנטקעגן סאַשעס פיס. סאַשע איז אומגעפאַלן, אָבער באַלד איז ער געווען צוריק אויף די פיס און אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט, פּעטריק האָט זיך געקייקלט אַ געבונדענער אויפן דיל, זיך פאַרטשעפּעט אָן די שטולן, זיך געוואָרפן מיטן רוקן אויף די פיסלעך פון די טישן אין אַ פאַרצווייפלטן פאַרזוך זיך צו באַפרייען פון דעם שטריק. פון זיין הויזן־קעשענע האָט אַרויסגעקוקט אַ הענטל פון אַ רעוואָלווער.

סאַשאַ איז צו אים צוגעשפּרונגען, אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאַרג, אים אויפגעשטעלט אויף די פיס, אים אַ שטויס געטאָן צו דער־וואַנט און אַרויסגעכאַפּט פון זיין קעשענע דעם פּיסטויל.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן פּעטריקס אומבאַהאָלפענעם קערפּער אויף אַ שטול און אויף אים אָנגעשטעלט דאָס געווער:

— אַן אָפיצירן־נאַגאַן, זאָגסטו? אַ גוטער רעוואָלווער... די הענט בעטן זיך, מען זאָל לאָזן דאָס שפּילעכל אויף דיר אויספּרובירן. זאָל מען זיי דערלויבן דעם פאַרגעניגען?...

פּעטריק האָט געקוקט פון אונטער די ברעמען מיט אַ ווילדן קוק פון אַ געפאַנגענער, אָבער נישט געצווימטער באַשעפעניש און גע־שוויגן. ער איז געווען אַ מיטלוועקסיקער, דאַרער יונג, מיט שאַרפע

געזיכטס־שטריכן פון אַן אומרויקן מענטש. ער האָט געהאַט שײנע בלויע אויגן און אַ נערוועז מויל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אײן באַוועגן, אַזוי ווי ער וואָלט געטראַכט מיטן מויל.

ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט צוזאַמענגעמען די געדאַנקען. אַז סאַשעס הענט זענען צו שטאַרק פאַר אים און אַז ער וועט שוין פון סאַשען מיט כוח זיך נישט אַרויסרייסן, דאָס האָט ער שוין געפילט. אָבער אויפגעבן די האָפנונג האָט ער נישט געוואָלט. עס האָט אים איצט שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי אומגעלומפּערט. תמיד די זעלבע זאַך. דעמאָלט מיט זײן ברודער לעאָניד האָט ער זיך אויך אַזוי אָפּגענאַרט. ווען ער וואָלט זײן פאָרזיכטיקער, וואָלט לעאָניד נאָך אַלץ געלעבט אויף דער וועלט. און אײן וואָלד איז דאָס זעלבע. צו וואָס האָט ער זיך צוזאַמענגעבונדן מיט סעמיאָן פּריכאָזשי און גריגאָרי טשוב? פאַרוואָס האָבן זײ זיך געדאַרפט אײנרײסן מיט די פּויערים? האָבן זײ דען נישט געקאָנט זיך באַגײן אָן דער נאַרישער מויד, וואָס גריגאָרי טשוב האָט זי פאַרגעוואַלטיקט?... איצט מוזן זײ זיך באַהאַלטן בײ איוואַן קופּא... גײן צום פאָטער? — אָ, נײן, נישט צום פאָטער... ווען ער וועט זיך נאָר דערוויסן!... די שקורע וועט ער פון אים, פעטריקן אָפּשינדן. טאָ וואָס זאָל ער פאָרט טאָן, וואָס זאָל ער טאָן?. ער האָט געמיינט, אַז עס וועט אים זײן גוט מיט איוואַן קופּא. ער האָלט נישט פון דער בלוט־פאַרגיסונג: „ס'איז מיר דערגאַנגען ביז אָט אָ־דאָ־אָ, זאָגט ער, ווילסט עסן — לקחן, אָבער גיב נישט קײן פרײהײט די הענט, איך קענפּאַל קאָנסטו גײן צום טײוולס מאַמען. ס'איז דאָ אין איר בוזעם פּלאַץ פאַר נאָך אַ שלאַנג"... האָט ער אים געפאָלגט. ער האָט זיך בײ אים אויסגעלערנט ווי צו אַרבעטן מיט אַן אָטמיטשקע — ס'איז נישט קײן גרויסע חכמה, און אָט איז דער סוף פון דעם אַלעמען... וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?

— האָסט באַשלאָסן, הײסט עס, נישט צו ענטפערן — האָט אים סאַשע געפרעגט נאָך אַ װײל שװײגן — גוט, װעל איך דיר עפּעס זאָגן: איך בין נישט קײן מערדער, אָבער איך האָב אַ גוטן גרונט דיך דאָ אויפן פּלאַץ צו דערשיסן אַלס אַ מערדער פון מײן פאָטער.

— ס׳איז נישט אמת, איך האָב אים נישט דערשאָסן — האָט זיך פּעטריק אַרויסגעכאַפּט מיטן וואָרט. עס האָט אים פאַרדראָסן פאַרוואָס מען טראַכט אויף אים אויס אַ בילבול.

— אָבער דו האָסט אים געוואָלט דערשיסן.

— איך האָב נישט געוואָלט אים דערשיסן, כ׳האָב געוואָלט נאָר דאָס געלט. כ׳מיין כ׳האָב געשריגן — סטאָי, כ׳וועל שיסן — און ער האָט נישט געפאָלגט.

— אָבער דו האָסט אין אים יאָ געשאָסן.

— ער האָט געפּרוּווט אַנטלויפן.

— וועל איך דיך דערשיסן „ווען דו וועסט פּרוּוון אַנטלויפן”. שטיי נאָר אויף און פּרוּוו אַנטלויפן און איכ׳ל זען צי איך קאָן אַזוי גוט צי־לעווען ווי דו.

פּעטריק הוזער האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט פּלוצים דערפילט, אַז סאשא איז נישט פעיק צו טאָן אַזאַ זאַך, אַז ער וועט אים נישט דערשיסן, אַז ער ווייסט אַליין נישט וואָס צו טאָן מיט אים, אַז ער האָט אויף אים נישט קיין אמתן כעס, אַז פון אים קאָן מען זיך באַפרייען מיט גוטן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי אַ זינדיקער מענטש און האָט שטיל געזאָגט:

— איר קאָנט מיט מיר טאָן וואָס איר ווילט. איך בין אין אייערע הענט. און עס אַרט מיך נישט. ס׳איז סיי־ווי־סיי אַ הינטיש לעבן. מיין עלטערן ברודער האָבן די דייטשע קאַטעס אומגעבראכט. כ׳האָב גענו־מען זיין רעוואָלווער און געגאַנגען אין וואַלד, אָבער איך קאָן שוין מער נישט פאַרטראָגן די בלוט־פאַרגיסונג. ס׳איז מיר שוין דערגאַנגען ביז אָט־אָ־דאָ־אָ. בין איך געקומען אין שטאָט און איך מוז זיך באַהאַלטן. כ׳קאָן נישט גיין צום אומגליקלעכן טאַטן, די דייטשן וועלן מיך דאָרטן כאַפּן. באַהאַלט איך זיך אויס ווו עס איז דאָ אַ גרוב און איך לעב ווי אַ געמיינער גנב. מיינט איר אַז כ׳בין אויף דעם דערצויגן געוואָרן. מיין ברודער אין זיין קבר איז שוין בעסער ווי מיר,ביים טייוועלס מאַמען אין בוזים איז שוין בעסער.

פּעטריק הוזער איז אויף אַזוי פיל אַריין אין זיין נייער ראָלע, אַז ער האָט שוין אַליין געגלויבט אין דער צוגעטראַכטער פאַר דער גע־לעגענהייט מעשה.

סאַשען האָט זיך די מעשה אויך געלייגט אויפן שכל. דער געבונדע־נער יונג איז נעבעך געווען אויף גרויסע צרות. וואָס האָט סאַשאַ מיט אים געקאָנט טאָן? אים אַרויסגעבן צו דער סטראַזשע, וועלן זיי דאָך אים איבערגעגעבן צו די דייטשן אין די הענט. ניין, דאָס איז נישט קיין פּלאַן. איז וואָס בלייבט דאָך צו טאָן. — דערשיסן אים דאָ אויפן פּלאַץ?

אַן איינפאַל! נאָך דאָס האָט סאַשען געפעלט — דערשיסן אַ מענטש! טאָ וואָס זאָל מען פאַרט טאָן? עס בלייבט נאָר איין זאַך, אים לאָזן גיין. זאָל ער שווערן ביי זיין מאַמען, אַז ער וועט זיך אָפּ־טראָגן פון שטאָט, אַז ער וועט זיך אויפפירן לייטיש און זאָל ער זיך גיין געזונטערהייט. שוין גענוג אומגליק האָט זיין משפחה געהאַט.

— הער זיך צו פּעטריק, האָט ער זיך אָפּגערופן נאָך אַ ווייל טראַכטן, איך האָב באַשלאָסן דיר צו גלויבן אויפן וואָרט. ס׳קאָן זיין, אַז דו בראָקסט ליגנס.

— זאָל מיך דער דונער אויפן פּלאַץ דערשלאָגן, אויב איך זאָג אַ ליגן!

— ס׳קאָן זיין, כ׳גלויב דיר און איכ׳ל דיך אַרויסלאָזן אויף דער פריי, אויב דו וועסט מיר שווערן ביי דער מאַמען, אַז דו וועסט גיין מיט אַ גלייכן וועג; אַז דו וועסט נישט גנבענען, נישט הרגענען, נישט טשעפּען קיין יידן.

— כ׳שווער ביי דער מאַמען, כ׳שווער ביי מיין גוטער מאַמען!

— גוט, כ׳וועל דיך איצט אָפּבינדן, אָבער איך וואָרן דיך: אויב דו וועסט פּרווון פּראַווען פּוילעשטיק, וועל איך אפילו דעם נאַגאַן נישט באַנוצן, כ׳וועל דיך דערווערגן מיט מיינע בלויזע הענט!

— וואָס רעדט איר, איר האָט מיר מיין לעבן געשענקט און איכ׳ל פּראַווען פּוילעשטיק — זאָל מיך דער דונער אויפן פּלאַץ דערשלאָגן!

— נו גענוג, שווערסט זיך ווי אַ ציגיינער.

— אַז איר גלויבט מיר נישט!

— כ׳גלויב דיר יאָ.

סאַשא האָט אַריינגעלייגט דעם פּיסטויל אין קעשענע און צעבונדן די שטריק:

— גיי זיך געזונטערהייט.

פּעטריק איז אויפגעשטאַנען פון שטול און אָנגעהויבן גיין צוריק־וועגס, נאָך אַלץ נישט זיכער אַז ער איז פריי. אַרויס פון דער טיר האָט ער זיך געלאָזט לויפן אין פינצטערניש פון דער נאַכט אַריין, כאָטש קיינער האָט אים נישט נאָכגעיאָגט.

סאשא האָט אַ קנייטש געטאָן מיט דער פּלייצע, אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל און אַריין אין קעמערל הינטערן רעסטאָראַן, זיך אָנגעלייגט אויפן קליינעם בעטל, זיך דערמאָנט, אַז די טיר איז נישט פאַרשלאָסן. ער האָט געוואָלט אויפשטיין, אָבער געבליבן ליגן אויפן פּלאַץ. עס האָט אים אויסגעפּעלט די ענערגיע צו טאָן עפּעס. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און רויק איינגעשלאָפן.

* * *

ווען סאשא האָט דערציילט די מעשה זיין שווער, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— דיין פּאָפּא האָט דיך געלאָזט גריסן... אַ שכל פון אַ לעסניק... האָסטו כאָטש פון אים די אָטמיטשקע גענומען. ער האָט דאָך מיט עפּעס די טיר אויפגעשלאָסן?

— ווו איז געווען מיין שכל! כ׳האָב אין דעם אינגאנצן פארגעסן!...

— וועסט זיך נאָך אין דעם דערמאָנען סאשא... אוי ביסטו ביי מיר אַ לעסניק!

ווען סאשא האָט דערציילט די מעשה דעם פאָטער, האָט ער צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ:

— קיין אַנדער ברירה האָסטו נישט געהאַט, מיט דער אָטמיטשקע האָסטו זיך טאַקע באַנאַרישט, אָבער ס׳איז נישט אַזא גרויסער אומ־גליק. אַן אָטמיטשקע קאָן אַזאַ יאט צו יעדער צייט קריגן. אנדערש

איז אָבער מיטן געווער, לאָמיר באַהאַלטן דעם רעוואָלווער, אַנישט קאָן עס ברענגען גענוג צרות.

* * *

ווען סאשא האָט דערציילט די מעשה סאראָטשקען, האָט זי איבּ אַרומגענומען און זיך שטיל צעוויינט.

איר איז שווער געווען זיך צו שיידן מיט סאשאן, אָבער זי איז געבליבן מיטן קראַנקן טאָטן אַ באַרויקטע, אַ זיכערע אין זיך. זי האָט געהאַט אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן. דאָס האָט זי איצט געוווּסט אויף זיכער.

11
אין די הענט פון באַטקא בלאַזשעני

דער סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין אוקראַינע איז געקומען צוזאַמען מיט דער נייעס פון „רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד". ס'איז געשען אין אָנהויב נאָוועמבער 1918. דער קליינער דייטשער גאַרניזאָן האָט פלוצים עוואַקואירט מליני. אין איילעניש צו פאַרלאָזן די שטאָט, האָבן די דייטשן פאַרברענט דעם טייל אויסשטאַטונג, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט מיטנעמען. די פערד, פאַר וועלכע זיי האָבן נישט געפונען קיין באַן־וואַגאָן, האָבן זיי דערשאָסן. זיי זענען צוריקגעטראָטן פון שטאָט, נישט ווי סאָלדאַטן פון אַ רעוואָלוציאָנערן לאַנד, נאָר אַלס אַ דיסציפּלינירטער טייל פון אַ דעראָבערונג־מאַשין, וועלכע איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן אַ פרעמדע שטאָט. אָבער דאָס איז געווען נאָר אַן אויסדרוק פון מעכאַנישער געוווינהייט. די דעראָבערונג־מאַשין האָט אָנגעהויבן זיך צעפאַלן. דייטשלאַנד האָט שוין פאַרלוירן די מלחמה און נעפּרוווט געפינען אַן אויסוועג דורך אַ רעוואָלוציע. דער אומזין פון דער וועלט־מלחמה, וואָס האָט פאַרזייט די פעלדער פון אייראָפּע מיט מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס, דער בלוטיקער אומזין האָט זיך אַנט־בלויזט פאַר די, וועלכע האָבן די מלחמה אָנגעהויבן. זיי זענען געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט דאָפּלטער מפּלה: אויף די פרעמדע שלאַכט־

פעלדער און ביי זיך אין דער היים. זיי האָבן געשטעלט די וועלט ביים שוועל פון רעוואָלוציע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ האַלבן קאָנטינענט און באַלד געפונען אַ גרויסע צאָל נייע אָנהענגער.

דער אמתער מיין פון די היסטאָרישע פּאַסירונגען איז נישט קיין זאַך, וואָס ווערט באַנומען און באַשטימט אויפן פּלאַץ. עס נעמט לאַנגע יאָרן ביז אַ זריעה פון אַן אידעע, אָדער געזעלשאַפטלעכער באַמיונג, וואַקסט אַרויס פונעם באָדן און צעוואַקסט זיך איבער דער לענג און ברייט פון פאַרזייטן פעלד; און ווען דער וואָס האָט די זריעה פאַר־זייט דערלעבט דעם טאָג ווען עס איז שוין דאָ די רייפע פרוכט, אַנט־דעקט ער, צו זיין אייגענער איבעראַשונג, אַז די פרוכט איז אַ פרעמ־דע, צו מאָל אַ ביטערע, זעלטן ווען אַ זיסערע ווי די זריעה, אָבער תמיד אַן אַנדערע, אַ פרעמדע.

אויפן פּלאַץ טראַכט נישט דער מענטש וועגן דעם. עס דוכט זיך אים, אַז ער האַלט דעם גורל פון דער וועלט אין זיינע הענט. ער זעט די ווייטע צוקונפט מיט די אויגן פון זיין אייגענעם חלום — און ער פייערט אַ יום־טוב.

* * *

די גרויסע גאַסן פון פּעטערבורג און מאָסקווע זענען אינמיטן האַרבסטיקן, בלאָטיקן אינדערוואָכן אָנגעפילט געוואָרן מיטן ליכט פון דעם יום־טוב. הונדערטער טויזנטער אַרבעטער האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן מיט רויטע פאָנען. דאָס פאָלק האָט זיך צוגעהערט מיט פאַר־כאַפּטן אָטעם צו די פלאַמיקע רעדעס פון די באַגייסטערטע אָראַטאָרן און באַגריסט די אַרבעטער פון בערלין מיט מעכטיקע הורא־געשרייען.

די אַרבעטער פון דער כאַרקאָוו־דאָן באַזע און קריוואָראָזשיע האָבן אָנטייל גענומען אין יום־טוב, אונטערן פרישן איינדרוק פון סוף־אָקו־פּאַציע און זענען געווען גרייט אָנצוהייבן דאָס לעבן אויפסניי. אָבער דער אַרבעטער איז געווען אַ קליינע מינדערהייט צווישן דער אַרבעטנ־דיקער באַפעלקערונג פון אוקראַינע. די מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון פויערים, וואָס זענען פּלוצים ווידער געבליבן אַן

אַ פרעמדער מאַכט איבער זייערע קעפּ און האָבן אויך באַשלאָסן צו נעמען דעם אייגענעם גורל אין זייערע אייגענע הענט.

די יוגנט אין די דערפער האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס באַהאַלטענע געווער פון אונטער די שטרויִענע דעכער און גריבער און זיך אָנגעהויבן גרייטן צו שלאָגן זיך פאַר עפּעס, וואָס יעדער איינער האָט עס פאַרשטאַנען אויף אַן אַנדערן אופן, כאָטש יעדער איינער האָט גערעדט וועגן ערד און פרייהייט, אַזוי גוט ווי וועגן דער פרייער אוקראַינע.

אַ יונגער פּויער האָט געזאָטלט אַ פערד, אַרויסגענומען אַ דייטשע ביקס פון דעם שטרויענעם דאַך, פון דער סטריכע, וואָס האָט באַדעקט זיין טאַטנס ליימענע כאַטע און זיך געזעגנט מיט דער משפּחה. זיין מוטער האָט געוויינט און געקלאָגט, ווי עס וואָלט געטאָן יעדע מאַמע, אָבער דער זון איז אַוועק און איז צוגעשטאַנען צו אַנדערע באַוואָפנטע פּויערישע רייטער אָדער פוסגייער.

אַן אַרמיי דאַרף האָבן אָנפירער, האָבן טאַקע באַלד זיך אָפּגעזוכט אַ צאָל אָנפירער, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף זייערע קאַמף־חברים, אָבער האָבן פיינט געהאַט איינער דעם אַנדערן און זיך שטאַרק געקריגט וועגן דעם, ווי אַזוי מען נעמט דעם אייגענעם גורל אין די הענט.

די אוקראַינישע אינטעליגענץ איז געווען געשפּאָלטן אויף קליינע פראַקציעס, וואָס האָבן געצויגן ווער צו רעכטס, ווער צו לינקס; ווער צום בונד מיט די רוסן, ווער — מיט פּאָליאַקן; ווער צו פריינדשאַפט מיט דער „זיגרייכער אַנטאַנט“ און ווער צו דער אייניקייט מיט די „אויפשטייענדע אַרבעטער־מאַסן פון דער וועלט“.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון צעטומלונג, האָבן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן זיך צעפלאָדיעט אומצאָליקע באַנדעס און אַטאַמאַנעס, צומאָל אומוויסנדיקע, צומאָל געוויסנלאָזע, פאַרצווייפלטע קריגער, וועלכע האָבן זיך אַרומגערינגעלט מיט גרויסע באַנדעס און זענען געוואָרן אַ גרויסע געפאַר פאַר ייִדן, בפרט פאַרן קליינשטעטלדיקן ייִד. וואָרעם, כאָטש זיי האָבן קיין קלאָרן פּראָגראַם נישט געהאַט, האָבן זיי אָבער געהאַט, ווי די היידעמאַקעס אין מליני, אַ „טראַדיציע“. זיי האָבן גע־

בומען פון דער אַלטער אוקראַינער ראָמאַנטיק דאָס דרויסנדיקע, דאָס איבערגייענדיקע: צומאָל דאָס קלייד, צומאָל אַ משונה׳דיקן „אָסעלעדל“ אויף ד׳עם געגאָלטן קאָפּ, אָבער זייער אָפּט די „טראַדיציע“ פון יידן־האָס און שחיטה.

אַ וואָלקן פון מורא און טרויער האָט באַדעקט דאָס אוקראַינער קליין שטעטל, פאַרגאָסן מיט בלוט און טרערן די הילפלאָזע, אָפּגע־שניטענע ישובים פון דער שטורעמדיקער וועלט. אַ יידישע מאַמע האָט נישט געוויינט ביים באַגלייטן איר זון אויפן שלאַכט־פעלד; אַ יידישע מאַמע האָט געטרויערט און געקלאָגט אויף די פרישע קברים פון זין און טעכטער, וואָס זענען דערשאָסן, געשענדעט און צעטראַמפּלט געוואָרן פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך אין חיות פאַרוואַנדלט. עס איז געשען דאָס, וואָס משה גאָטליב האָט פאַרויסגעזען, עס האָט זיך אויסגעלאָזט צו די יידישע קעפּ.

* * *

באַטקאָ בלאַזשעני, וועלכער האָט פאַרנומען מלינֿי סוף נאָוועמבער, 1918, איז נישט געווען קיין אומוויסנדיקער מענטש. ער איז געווען אַמאָל אַ שילער אין דער מלינער שול פאַר קונסט און קעראַמיק, גע־האַלטן זיך פאַר אַן אינטעליגענט, געפּרוווט מאַכן אַן איינדרוק פון אַן אויפגעקלערטן מענטש. און כאָטש ער האָט מיט זיך געבראַכט די מורא פאַר אַ פּאָגראָם, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן פון יעדן מין פיינטלעכער האַנדלונג אין באַצוג צו די מלינער יידן.

זיין קליינע אָפּטיילונג „קאָזאַקן“ האָבן זיך געהאַלטן ווייטער פון די יידישע הייזער און יידן האָבן זיך אינגאַנצן נישט געלאָזט פילן אין שטאָט, אַן אויסנאַם פון כלל איז נאָר געווען אהרן לעסניק.

זיי זענען געקומען צו אים אין הויז אינדערפרי, איבערגעקערט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, גאָרנישט געפונען, גאָרנישט גענומען, אָבער אהרן לעסניקן אַליין האָבן זיי אַרעסטירט.

זיי האָבן געזוכט אַ רעוואָלווער, און ווען זיי האָבן געבראַכט אהרן לעסניקן צו באַטקאָ בלאַזשעני, האָט דער יונגער באַטקאָ געזאָגט:

— כ׳האָב נישט צופיל צייט זיך ניאַנטשן מיט אײַך, איר האָט דעם רעוואָלווער, איך ווייס דאָס זיכער, גיט אים אַהער, אָדער איר קריגט אַ קויל אין קאָפּ!

און די „קאָזאקן" וואָס האָבן געבראַכט דעם אַרעסטירטן האָט ער באַפוילן:

— פאַרשפּאַרט אים הינטער די קראַטעס. אַ ייד איז קלוג, ער וועט שוין קומען צום שכל.

מען האָט אהרנען אַריינגעוואָרפן אין איינער פון די קאַמערן ביי דער געוועזענער פּאָליציי געביידע, ווו עס איז אַמאָל געזעסן פּאַנקראַט פּאָדפּרוהאָ מיט זיין באַנדע, און ווען ער איז געגאַנגען אין גרויסן הויף אונטער דער הויכער אָפּצאַמונג, איז ער געווען אויפגעשוידערט פון געדאַנק, אַז אפשר וועט מען אים אויף דעם דאָזיקן הויף אַזוי שלאָגן, ווי מען האָט געשלאָגן די מערדער. מען האָט אים אָבער שנעל דורכגעפירט דורכן הויף און אין דער קאַמער האָט ער זיך באַלד באַפרייט פון דעם מין אַנגסטן, ווייל ערשט דאָ האָט ער דער־פילט, אַז באַטקאָ בלאַזשעניס „קויל אין קאָפּ" איז אַ רעאַלע זאַך.

ער איז דאָ געווען נישט אַליין. די קאַמער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט אַ מאָדנעם עולם, וואָס איז געווען פאַרטיפט אין גאָר אַ מאָדנער שפּיל. אַ גרויסע גרופּע נישט געגאָלטע, אויסגעמאָגערטע מענטשן אין אימפּראָוויזירטע מיליטערישע אוניפאָרמען, זענען געזעסן אויף די היל־צערנע נאַרעס אָדער געשטאַנען נעבן זיי. אויף איינער פון די נאַרעס איז געלעגן אַ בלאַט פּאַפּיר מיט דיקע ליניעס ביי די ברעגן. אויפן פּאַפּיר האָבן זיך באַוועגט עטלעכע קליינע אינסעקטן, וואָס האָבן אויס־געזען אַזוי ווי זייערע „ברידער" אין די קליידער און האָר פון די געפאַנגענע. די אינסעקטן זענען לאַנגזאַם געקראָכן איבערן בלאַט פּאַ־פּיר און די מענטשן האָבן זיי דערמוטיקט, שטילערהייט.

— פאָרויס, בולאַני, פאָרויס רויטער טייוול, באַוויז דיין „פּאַראַדע"

— כ׳האָב אויף דיר אַ פאַרמעגן געשטעלט...

— ע־ע־ע סקאָרי, הינטישער זון, דאָס איז שוין נישט קיין גאַנג.

קענסטו נישט לויפן — טאָ קריך. האָסט נאָך נישט גענוג מיין בלוט געזאָפּט?

אהרן האָט זיך באַגריסט מיט די מענטשן און זיי האָבן איבערגע־ריסן די שפּיל אויף אַ ווייל.

איינער פון זיי, וואָס האָט געהאַט אַ באָרד פון אַ פייער און שוואַר־צע יונטלעכע אויגן, איז געשטאַנען ביי דער נאַרע אויף איין פוס, דערזען אהרנען איז ער געוואָרן דערשטוינט:

— אראָן איסאַיעוויטש? ווי קומט איר אַהער?

ס׳איז געווען פּעטראָ בורלאַק.

אהרן האָט אים דערקענט. ער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די פּליי־צעס און געענטפערט שטיל:

— כ׳ווייס אַליין נישט ווי איך קום אַהער, פּעטראָ. וואָלסט גע־דאַרפט פרעגן באַטקאָ בלאָזשעני. ער ווייסט. די מענטשן אין דער קאַמער האָבן אַ שמייכל געטאָן קרום און זיך גענומען צוריק צו דער שפּיל.

פּעטראָ איז צוגעגאַנגען צו אהרנען און האָט אים דערלאַנגט די האַנט:

— דער גורל האָט אונדז צוזאַמען־געפירט צום צווייטן מאָל, אַראָן איסאַיעוויטש.

— עס זעט אויס אַזוי.

— פיינע מענטשן — האָט פּעטראָ באַוויזן מיטן ווונק אויף די שפּילער. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, אהרן איסאַיעוויטש.

אהרן האָט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש.

ער האָט געוווּסט, אַז די מענטשן אין דער ענגער קאַמער זענען באַדראָט פון טויט. זיי זענען געווען באַטקאָ בלאָזשעניס קעגנער. מיט עטלעכע טעג צוריק זענען זיי געקומען אין שטאָט אין אַ מיליטערי־שער פאָרמאַציע, אָבער באַטקאָ בלאָזשעני האָט זיי אַנטוואָפנט. אַ טייל פון זיי איז באַלד אַריבערגעגאַנגען אויף זיין זייט. אַ טייל — אַלע רוסן און יידן צווישן זיי — האָט מען אָפּגעפירט צו דער באַן־סטאַציע, אַוועקגעפירט און דערשאָסן אויפן ראַנד פון אוקראַאינער סטעפּ, אין

אָנזיכט פון דער גרויסער פּאַראומערטער וועלט. די מענטשן אין קאָ־מער האָבן געוואַרט אויף זייער ריי. אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם און האָבן עס דערגרייכט אויף גאָר אַ טשיקאַווען און גאָר אַ דערפּאָלגרייכן אופן.

וואָס איז אהרנען געבליבן צו טאָן. ער איז אַליין געווען אין זייער לאַגע און האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן דעם נאָגנדיקן געפיל פון מורא פארן אומקום. ער האָט גענומען זיין „אַלטן באַקאַנטן" פאר דער האַנט:

— קום לאָמיר צוטטיין צום שפּיל. צו די „שפּילער" האָט ער שטיל געזאָגט:

— אַנטשולדיקט מיר פאר מיין אָרעמקייט, איך האָב נישט קיין מינדעסטע חיהלע. לייט מיר אויס אַ פערדל, כ׳וויל פּרוּוון מיין מזל.

דער עולם האָט זיך צעלאַכט מיט אַן איינגעהאַלטענעם פאַרשטיקטן געלעכטער און מען האָט אים אַרויסגעשטרעקט העגט מיט געגוג „פערד־לעך" איינצושפּאַנען אַ גאַנצן וואָגן. ער איז צוגעשטאַנען צו די שפּי־לער, אָבער אויפהערן טראַכטן וועגן זיין אומגליק האָט ער נישט געקאָנט.

דעם רעוואָלווער האָט ער געהאַט. ער איז געווען באַגראָבן אין גאָרטן, נישט ווייל אהרן האָט אים געוואָלט באַנוצן, נאָר צוליב דער מורא, אַז דער רעוואָלווער וועט נאָך אַמאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון אַן אַנדערן פּעטריק הוזער, אָדער טאָקע צוריק צו פּעטריק הוזער אַליין. זיך פּרוּוון צוריקציען און צוגעבן אַז ער האָט דעם רעוואָלווער, האָט ער איצט נישט געקאָנט, ווייל דאָס וואָלט זיין דאָס זעלבע ווי אָנערקענען די אייגענע שולד. פאר דעם וואָלט מען אים מסתמא אויס־געטיילט נישט קיין קלענערע שטראָף ווי זיי וועלן אים אויסטיילן פארן פאַרדאַכט, אַז ער האָט דעם רעוואָלווער און וויל אים נישט אָפּגעבן. ביי זיי איז דאָס נאָר אַ פאַרדאַכט. זיכער אין דעם זענען זיי נישט. עס איז אַ צופאַל אַז דער רעוואָלווער איז נאָך דאָ. זיי האָט מן־הסתם פּעט־ריק הוזער אַליין דערציילט די מעשה. אָבער דעם גאַנצן אמת האָט ער זיי נישט געקאָנט דערציילן און זיי קענען אים מסתמא נישט געגוג

צו וויסן, אַז פּעטריקס וואָרט איז קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט. איז זאָלן זיי בלייבן ביים פּאַרדאַכט און אהרן וועט בלייבן ביים רע־וואָלווער. און וואָס איז שייך דער מעשה לעבן, איז לאָמיר וועגן דעם נישט טראַכטן, לאָמיר זיך שפּילן אין פּערדלעך.

* * *

אהרן איז נאָך געווען אינמיטן שפּילן, ווען סאָניע לעסניק איז שוין געזעסן אינעם קאַבינעט פון אָסטאַפּ באָנדאַר. ער האָט געהאַלטן אין זיין האַנט אַ נישט פאַרענדיקט האַלץ־שניצלעריי פון אַ פויעריש־ייִנגל, וואָס האַלט אין האַנט אַ ביכל. ער איז געווען גרייט צו הערן די פּאַרוויינטע פּרוי לעסניק, וואָס איז געקומען צו אים מיט עפּעס אַ ביטע. זי האָט נישט געוווּסט וואָס זי זאָל אים זאָגן. זי האָט געהאַט מורא, אַז מען וועט אהרנען דערשיסן, אַזוי ווי מען האָט דערשאָסן אַנדערע מענטשן ביי דער באַן. אירע הענט האָבן געציטערט, אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך ביי איר נישט געקלעפּט. אָסטאַפּ באָנדאַר האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז עס האָט עפּעס פּאַסירט מיט איר מאַן און האָט זיך אָנגעהויבן צעפרעגן:

— ס'האָט פּאַסירט עפּעס מיט אַראָן איסאַיעוויטשן?

— באַטקאָ בלאַזשעני האָט אים פאַרנומען.

— אַרעסטירט? ווען?

— היינט אינדערפרי.

— פאַרוואָס?

—זיי פאָדערן פון אים געווער, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש.

— ביי אַראָן איסאַיעוויטשן געווער?

— זיי וועלן אים דערשיסן, אויב איר וועט זיך נישט אַריינמישן.

— וואָס קאָן איך טאָן?

— איר האָט אַ גאַנצן איינפלוס אין שטאָט. בלאַזשעני איז אייער געוועזענער שילער. זייט אַזוי־גוט, זאָגט מיר נישט אָפּ.

— מיינע שילער, מיינע שילער! ווילן זיי דען זיך צוהערן צו מיין וואָרט?

אָסטאַפּ באַנדאַר האָט אַ קוק געטאָן אויף דער האַלץ־שניצלערײַ פון אַ פּויעריש ייִנגל מיט אַ ביכל, האָט עס פּאָרזיכטיק אַוועקגעלייגט אויפן טיש און גענומען שפּאַנען איבערן קאַבינעט אַהין און צוריק. ער האָט גערעדט מיט אויפרעגונג און זשעסטיקולירט בשעת מעשה, מיט זײַן ציטערדיקער האַנט:

— מײַנע שילער האָבן מיך נישט אין זינען. זיי זענען פּאַרטאָן אין אַ ברודער־קריג. מען רײַסט אָפּ די קעפּ איינער בײַם אַנדערן. בלאַזשעני האָט איצט געפאַנגען אַ פּאָר אַנדערע פון מײַנע שילער, וועלכע האָבן נישט געהאַט די ערע אים צו קענען, ווען ער האָט געפּרוּווט זיך אויס־צולערנען צו באַקן די טעפּ. בין איך געגאַנגען בעטן פאַר זיי, זאָגט ער, אַז זיי זענען „הינטישע זין". אָדער, אויב אײַך געפעלט דאָס בע־סער: „שונאים פון פאָלק". ער האָט מיך אָפּגעשיקט צו זיי — איך זאָל זיי אויפן גלײַכן וועג אַרויספירן. בין איך צו זיי געגאַנגען אין דער קאַמער. מיינט איר, אַז זיי האָבן מיר געגעבן אַ וואָרט אויסצורעדן? איך האָב געפּרוּווט, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט. אַז בלאַזשעני איז אַ „הינטישער באַטקאָ", אַ גאָרנישט, אַ פּאָליטישער אַוואַנטוריסט, וועלכער זוכט פּערזענלעכע פּאָפּולאַריטעט, די סלאַווע פון אַ העלד, און זיי וועלן זיך פאַר אים נישט בוקן ווי פאַר אַן אָפּגאָט. און דאָס איז דער סוף פון דער מעשה. אַ סך פון די סיכסוכים וואָלט מען געקאָנט אויסגלײַכן אויף אַ לײַטישן אופן, אָבער פאַר דעם דאַרף מען האָבן גוטסקייט אין האַרצן. לאַכן זיי זיך אויס פון אַזאַ זאַך. איך בין בײַ זיי געוואָרן אַ ווייך־האַרציקער ליבעראַל. אַ מענטש דאַרף איצט האָבן דעם מוח און דאָס האַרץ, ווי אַ טייל צום ביקס — זי זאָל שיסן און הרגענען. און איר רעדט וועגן מײַנע שילער. זיי הויבן אויף דאָס הימל, ווען זיי באַגריסן זיך מיט מיר. אפשר וועלן זיי אַוועקשטעלן אפילו אַ פײַנע מצבה אויף מײַן קבר, אויב זיי וועלן דערלעבן מײַן טויט. אָבער זיך צוהערן צו מיר...

אָסטאַפּ באַנדאַר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

סאָניע לעסניק האָט זיך צעוויינט.

דער אַלטער קינסטלער איז צוגעגאַנגען צו איר און אַוועקגעלייגט זיין האנט אויף איר אַקסל:

— מען דאַרף נישט וויינען. מען דאַרף נישט פאַרלירן די האָפענונג. איך וועל, פארשטייט זיך, גיין און טאָן אַלץ וואָס אין מיינע כוחות.

* * *

אין דער געוועזענער פּאָליציי־געביידע האָט באַטקאָ בלאַזשעני פאַר־נומען דעם זעלבן קאבינעט, ווו מיט מער פון אַ יאָר צוריק האָט אהרן לעסניק זיך אויסגעטענה'ט מיט איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו.

באַטקאָ בלאַזשעני, אַ מאַן פון אַ יאָר 35 מיט אַ רייך אָפּגעגאָלט פּנים און אַסקעטישע געזיכט־שטריכן פון אַ פאַנאַטישן מענטש, האָט באַגריסט אָסטאַפּ באַנדאַרן מיט אָפענער אומצופרידנקייט.

— שוין ווידער געקומען בעטן?

— כ'בין געקומען באַשטיין!

— באַשטיין?! — וואָס האָט איר אין זינען?!

— איר מוזט באַפרייען אַראָן איסאַיעוויטש לעסניקן.

— דעם ייד מיינט איר?

— איך מיין דעם מענטש.

— וואָס זענט איר אַ יידן־פריינד געוואָרן?

איך בין נישט קיין געוואָרענער מענטש, כ'בין תמיד געווען אַזאַ ווי איך בין.

— כ'צווייפל אין דעם.

— איר קאָנט זיך צווייפלען, אָבער טוט וואָס איך זאָג אייך!...

— דאָס איז אַ באַפעל, הייסט עס?

— דאָס איז אַ באַפעל!...

— און אויב איך וועל דעם באַפעל נישט אויספירן?

— וועל איך אייך פאַרדאַמען!...

— פאַרדאַמט און לאָזט מיך צורו. איך האָב נישט קיין צייט פאַר אַזוינע נאַרישקייטן. כ'האָב נישט ליב, אַז מען גיט מיר באַפעלן. איך

האָב אייערע ידן נישט אין זינען. אָבער אויב איר וועט צו שטאַרק באַשטיין איך זאָל אים באַפרייען, וועל איך אים דערשיסן דאָ אויפֿן הויף אינמיטן העלן טאָג...

אָסטאַפּ באָנדאַר איז געוואָרן זייער בלייך. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן שטול נישט געבעטן. ער האָט פֿאַרדעקט ס'פּנים מיט איין האַנט צו באַהאַלטן דעם אויסדרוק פֿון פּיין און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם אַלטן גרויען קאָפּ, ווי אַן אומבאַהאָלפֿענער זקן. עס האָט זיך איינגעשטעלט אין קאַבינעט אַ געשפּאַנטע שטילקייט.

באַטקאָ בלאַזשעני האָט געביסן זיין ליפּ און געקוקט אויפֿן דיל. עס האָט אים קענטיק פֿאַרדראָסן די מעשה.

ער האָט נישט געוואָלט באַ'עוולען דעם אַלטן לערער זיינעם; נישט געוואָלט און נישט געטאָרט. צו באָנדאַרס וואָרט האָט זיך קיינער נישט צוגעהערט, אָבער זיין קריוודע וואָלטן זיך אָנגענומען זייער פֿיל מענטשן. בלאַזשעני האָט עס געוווּסט. ער האָט זיך נישט געקאָנט לייסטן דעם קאָנפֿליקט מיטן אַלטן מאַן, וואָס איז געווען אַ מין פּאַטריאַרך פֿאַר דער אוקראַינער באַפֿעלקערונג פֿון מליני. ער איז פֿאַרגאַנגען צו ווייט. אָבער צוריקציען זיך האָט ער נישט געקאָנט. ער איז נישט געווען פֿון דעם מין מענטשן. ער האָט פּרעטענדירט צו זיין אַ פֿירער פֿון מענטשן, וואָס „קען דעם וועג פֿאָרויס און וועט זיך נישט לאָזן בויגן מיט „ווייבערישע סענטימענטן". ווי יעדער פֿאַנאַטיקער, האָט ער פּרעטענדירט צו זיין „אייזן־פֿעסט". ער האָט נישט געקאָנט זיין בייגעוודיק. ביי אים איז עס געווען: געזאָגט, פֿאַרפֿאַלן.

אָסטאַפּ באָנדאַר האָט אָבער אַזוינע פּרעטענסיעס נישט געהאַט. ער האָט זיך יאָ געקענט צוריקציען. ער האָט אַראָפּגענומען די האַנט פֿון פּנים, געקוקט אַ ווייל מיט דורכדרינגענדיקע אויגן אויף זיין געוועזענעם שילער, און שליסלעך געזאָגט:

— איך מוז דיך בעטן מיר מוחל צו זיין. כ'האָב זיך פֿאַרגעסן. כ'האָב אָפּגעלעבט אַזוי פֿיל יאָרן, געלערנט אַזוי פֿיל און געבליבן דער זעלבער נאַר, וואָס קאָן זיך אַליין נישט. איך בין נישט קיין מענטש צו געבן באַפֿעלן און איך בעט דיך, זיי מיר מוחל פֿאַר דעם וואָס איך

האָב געפּרוווט קאָמאַנדעווען איבער דיר.

— אָ, וואָס רעדט איר, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, ס'איז אַ מיס־פאַרשטייעניש.

— אַ דאַנק פאַרן גוטן וואָרט, אָבער איך האָב צו דיר אַ ביטע אַ פּערזענלעכע ביטע, קענסטו מיר טאָן אַ פּערזענלעכע טובה?

— זיכער, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, אַלץ וואָס אין מיינע כוחות.

איז טו זשע מיר צוליב, שטעל מיך ביי דער וואַנט דאָ אין דעם גרויסן הויף און דערשיס מיך אין מיטן העלן טאָג, איך זאָל די אומ־זיניקע בלוט־פאַרגיסונג און ברידער־קריג נישט זען; איך זאָל מער נישט זען קיין מוטער אויפן קבר פון אַן אומגליקלעכן כלאָפּעץ וויינען; איך זאָל מער נישט זען די כמאַרעס פון אייביקן טרויער איבער מיין גרויען קאָפּ.

באַטקאָ בלאָזשעני האָט עס נישט דערוואַרט. ער איז נישט געווען גערירט פון באַנדאַרס ווערטער, אָבער ער האָט געפילט, אַז עס איז נישט סתם אַ מעלאָדראַמאַטישער אויסברוך פון אַן אומבאַהאָלפענעם זקן, אַז דער זקן קאָן זיך נאָך אַליין דאָ אויפן פּלאַץ עפּעס אָנטאָן. ער האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר די פאָלגן און האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער געלעגנהייט צו שפּילן אַ ראָלע פון אַ נאָבעלן מענטש, וואָס קאָן האַנדלען ריטערלעך. ער האָט אָנגעכאַפּט זיין אַלטן לערער פאַר דער האַנט:

— אָ־אָ־אָ, אָסטאַפּ פּעטראָוויטש, זייט נישט אַזוי, וואָס מיינט איר, איך בין אַן אכזר, צי וואָס? עס איז אַ צייט אַזאַ, אויב איך וועל זיי נישט מאַכן אומשעדלעך, וועלן זיי מיך אָוועקשיקן אויף יענער וועלט. אָבער איך וועל דעם ייד באַפרייען. איך וועל זיי אַלעמען באַפרייען. איך שטעל איין מיין קאָפּ פאַר דעם, אָבער איך גיב אייך מיין ערן־וואָרט, אַז איך וועל זיי באַפרייען. לאָזט מיך נאָר צוזאַמענעמען די געדאַנקען.

* * *

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט איז אהרן געווען אינדערהיים.

12
על קידוש השם

באַטקאָ בלאַזשעני האָט גאָר אינגיכן פאַרלאָזט די שטאָט. אַנדערע שטאַרקערע כוחות האָבן פאַרנומען מליני. אין שטאָט האָט זיך צוריק איינגעשטעלט די ממשלה פון די סאָוויעטן, וואָס איז געווען באַצייכנט פון די מלינער תושבים מיטן נאָמען „די צווייטע באָלשעוויקעס".

אָנגעפירט מיט דער מאַכט אין שטאָט האָט אַ גרופּע אוקראַאינער אינטעליגענטן, מיט דאָקטאָר סאַדטשענקאָ און די ברידער כוואַראָסט בראש. זיי זענען געווען פלאַמיקע אָראַטאָרן, אָבער אויך פּראַקטישע מענטשן, וואָס זענען געקומען מיט גענויע פּלענער פאַר טעטיקייט פון ממשלה אין שטאָט. זיי האָבן איינגעשטעלט אַ פאַרצווייגטן אַפּאַראַט אין מליני און האָבן באַוויזן אַריינצוציען אין דער קאָמונאַלער טעטיקייט אַ גרויסע צאָל מענטשן. זיי האָבן אַרויסגערופן צו זיך אַן אָפענעם רעספּעקט פון די מלינער תושבים, אפילו פון די קעגנער.

ס'האָט אויך פּאַסירט, אַז עס איז פּלוצים אָנגעקומען פון קיעוו די אויסשטאַטונג פאַר דער עלעקטרישער סטאַנציע, און דראָט מיט אַ גרויסע צאָל לעמפּלעך, וואָס זענען געווען באַשטעלט נאָך אין יאָר 1917 און האָבן זיך געוואַלגערט אין די סקלאַדעס, צוליב דער צעמישעניש אין לאַנד. פאַר אהרן לעסניק איז דאָס געווען אַ גרויסער יום־טוב, אַ גרויסער פּערזענלעכער טריומף, און כאָטש דער אַלטער קאָאָפּעראַטיוו פאַר דער עלעקטרישער באַלייכטונג איז געווען ליקווידירט פון דער נייער מאַכט, האָט מען אָבער באַלד איינגעשטעלט די סטאַנציע.

אהרן לעסניק, אַלס אַ מיטגליד פונעם אַלטן קאָאָפּעראַטיוו, איז געווען איינער פון די ערשטע צו געניסן פון עלעקטרישער ליכט

אין שטאָט. ער איז געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער ביי דער מאַכט, כאָטש דאָס איז נישט געווען קיין אַקט פון זיין פרייען ווילן.

מען האָט אים אַרויסגערופן צום עלטערן ברודער כוואָראָסט, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון מלינער „ראַט פאַר פאָלקס־ווירטשאַפט". ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן וועגן דעם: „שוין ווידער קאָנטריבוציע"? אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט פון פלאַטאָן כוואָראָסט, איז ער אָבער דערשטוינט געוואָרן צו דערקענען אין אים זיין „אַלטן באַקאַנטן", וועלכער האָט אים געליגן „אַ פערדל" אין דער איבערגעפּאַקטער תפיסה־קאַמער. אהרן האָט זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט; פּאַרט איינאיינעם געליטן. פלאַטאָן כוואָראָסט איז אויך געווען זייער פריינטלעך, ער האָט זיך דערמאָנט אין די אינסעקטן, געלאַכט פונעם איינפאַל, זיך אַליין געוווּנדערט ווי אַזוי דער מענטש קאָן זיך האַלטן אין די הענט, און שליסלעך געזאָגט:

— אַראָן איסאַיעוויטש — אַזוי דוכט זיך רופט מען אייך — איך האָב אייך גערופן צוליב זייער אַן ערנסטן ענין. מיר האָבן אייך מאָביליזירט צו דער אַרבעט אַלס אַ ספּעציאַליסט. איר וועט אָנפירן מיט דער וואַלד־אָפּטיילונג פון אונדזער אַנשטאַלט. איר וועט באַזאָרגן די שטאָט און אייזנבאַן מיט געהילץ. איר וועט אַרבעטן אונטער מיין אויפזיכט און זיין פאַראַנטוואָרטלעך נאָר צו מיר. איר וועט אַרבעטן אונטער מיליטערישער דיסציפּלין, אָבער קיינער וועט אייך נישט היטן מיטן ביקס אין האַנט, און איר וועט קריגן באַצאָלט ווי אַלע אַנדערע אָנגעשטעלטע. איך גיב אייך מיין ערן־וואָרט, אַז איר וועט ווערן יושרדיק באַהאַנדלט. טוט וואָס איר קאָנט. דער ווינטער איז שוין דאָ, די באַפעלקערונג הויבט שוין אָן פרירן. מען ברענט די פּלויטן, די אָפּצוימונג אַרום דער שול פאַר קונסט און קעראַמיק זעט שוין אויס אַזוי ווי אַ מויל מיט אויסגעהאַקטע ציינער. כ'בעט אייך, פאַרגעסט אין דער מאָביליזאַציע און נעמט זיך צו דער אַרבעט.

אהרן האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ס'האָט אים נישט געשמעקט דער פאַקט פון צוואַנג, אָבער סוף־כל־סוף איז די שטאָט אין דעם נישט געווען שולדיק און אהרן איז געווען צופרידן זיך צוריקצו־

קערן צו דער אַלטער באַשעפטיקונג. ער האָט אויך אין דעם געזען אַ מין פערזענלעכן טריומף איבער די, וועלכע האָבן אים פריער באַהאַנדלט אַלס געוועזענעם „בורזשוי", אַלס עפּעס „אַ פינפטן ראָד צום וואָגן". ער האָט זיך געפילט פעיק צו געבן מער, ווי ער האָט גענומען און זיך געפרייט מיט דער געלעגנהייט דאָס צו באַווייזן. קיין צופיל פרייד האָט ער פון דעם נישט געהאַט צוליב דעם באַוווסטזיין, אַז עס איז פאָרט אַ צייטווייליקער צושטאַנד.

עס איז נאָך געווען דער אָנהויב. דער בירגער־קריג אין לאַנד האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צעברענען ווי עס דאַרף צו זיין. אין די דערפער אַרום מליני איז נאָך אַלץ געווען אומרויק. די הונגעריקע גרויסע שטעט האָבן נאָך אַלץ זיך גענויטיקט אין ברויט און נאָך אַלץ נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן דעם פּויער. די נייע מאַכט האָט געפּרוווט דער־קלערן די נויטיקייט צו ברענגען קרבנות, צוגעזאָגט בעסערע צייטן אין דער צוקונפט, אָפּטיילן דעם רייכן דעם „קולאַק" פון דעם אָרעמען פּויער, אָבער פאַרן ברויט האָט מען נישט געהאַט וואָס צו צאָלן און מען האָט עס „גענומען" געצוואַלד" גענומען מיט געוואַלד.

דער פּויער האָט געענטפערט מיט באַהאַלטן די תבואה און אויס־גראָבן דאָס געווער, אָבער ער איז געווען צוגעבונדן צו זיין היים און האָט קיין אמתן קריג נישט געקאָנט פירן. די באַנדעס פון פּויערישע זין, וואָס האָבן זיך אָנגענומען זיין קריוודע, האָבן נישט געוווסט אויף וועלכער וועלט זיי זענען, געפירט דעם קאַמף אויף אַ פרימיטיוון אופן און אַליין געלעבט אויף זיינע קעסט. זיי האָבן אויך גענומען ביי אים ברויט, געשלעפּט זיינע פערד און אפילו געשענדעט די פּויערישע טעכ־טער פון פרעמדע דערפער.

די לאַגע פון פּויער איז אָבער געווען פיל בעסער ווי די לאַגע פון די דאָרפישע און קליין־שטעטלדיקע יידן, באַזונדער די קליין־הענד־לער. די נייע מאַכט האָט פאַרבאָטן דעם פּריוואַטן האנדל און האָט אויסגעריסן דעם באָדן פון אונטער זיינע פיס. ער איז איצט געווען נאָך מער לופט־מענטש, ווי ווען נישט איז פריער. די נייע מאַכט איז פאַר אים געווען אַ גרויס אומגליק, אָבער די קעגנער פון דער

נייער מאַכט זענען פאַר אים געווען נאָך אַ גרעסערער בייז, ווייל זיי האָבן זיך גענומען אויסלאָזן זייער אייגענעם כעס צו יידישע קעפּ. מיט אַ דאָרפישן און קליין־שטעטלשן יידן האָט מען נישט געדאַרפט זיך רעכענען. ער איז געווען אומבאַהאָלפן, און פיינט געהאַט יעדע מין בלוט־פאַרגיסונג. ער איז געווען אַן אומבאַשיצטע מינאָריטעט, איז אויסגעשטאַנען אַלע יסורים פון בלוטיקע אָנגריפן און באַוויזן זיך צו האַלטן אויף די פיס נאָר צוליב שוואַכקייט פון די, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אים צו פאַרטיליקן.

דער מלינער ייד, וועלכער האָט נאָך אַלץ אויסגעמיטן אַ שחיטה, האָט זיך געטרייסט מיט דעם, אַז ביי דער נייער מאַכט וועט מען צו דעם נישט דערלאָזן און האָט געפּרוווט אַנגיין מיטן לעבן, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

* * *

דער ווינטער איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן פאַריבער, ווען מען האָט זיך אין מלינ׳ גענומען גרייטן צו פּסח. אין איינקלאַנג מיט די נייע צייטן, האָט מען געשאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע מצה־בעקעריי. עס איז געווען שווער צו קריגן מעל, אָבער מען האָט זיך אַן עצה געגעבן. מלינ׳ גופא האָט נישט געליטן פון שטאַרקן ברויט־מאַנגל. מען האָט זיך דאָ זייער וויייניק באַנוצט מיט געלט. אַ שוסטער האָט גענייט שטיוול פאַר אַ פּויער און האָט פאַר דעם געקראָגן באַצאָלט מיט מעל אָדער ווייץ. דער שניידער, דער קאָוואַל, דער שאָרניק, אָדער גאַרבער, האָבן געטאָן דאָס זעלבע. הכלל, מען האָט געהאַט מעל און מען האָט געטראַכט וועגן פּסח. עס איז נאָך געלעגן דער שניי אויף די זוניקע מלינער גאַסן, ווען די מלינער מצה־בעקעריי האָט שוין געאַרבעט אין פולן גאַנג.

אָבער אין די דערפער האָט מען קיין מצות נישט געבאַקן. קליינע יידישע ישובים, צעזייט איבער אַ גרויסן אומרויקן סטעפּ, אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן דורך אומרויקע וועגן און פעלדער, האָבן נאָך אַלץ געלעבט אין שרעק און מורא פאַר אַ שחיטה. אפילו ווען די לופט איז שוין געווען פאַרשמעקט מיט די ריחות פון אָנקומענדיקן פרילינג, איז

אין די דערפער נאָך אַלץ געווען יום־כיפור.

אין איינעם פון די דערפער האָט געלעבט ישראל סלוצקי, לייבלס טאַטע. ער איז געווען אַ גארבער, אַ מיטל־וווקסיקער, ברייט־געבויטער מאַן, מיט אַ ברייטער גרויער באָרד און אַ פּנים פון אַ פויער. האָט ער געאַרבעט מער ווי אַ פויער, געלעבט אַזוי פּראָסט ווי אַ פויער, גערעדט די זעלבע שפּראַך פון זיין דאָרף, און איז דאָך געווען אַ פרומער ייד. ער האָט געגלויבט אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און אַז דער גורל פון זיין פאָלק ליגט אין זיינע יושרדיקע הענט. פאַר אים איז פסח געווען פסח.

ער איז געקומען צו פאָרן אין שטאָט פאַר פסח צו קריגן מצות פאַר זיך און פאַר אַנדערע דאָרפישע ישובים. ער איז איינגעשטאַנען ביי זיין מחותן, אהרן לעסניק. ער האָט זיך געפרייט מיט דעם, וואָס אהרנס ווונד האָט זיך אַזוי גוט פאַרהיילט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן לייבלען, פון וועלכן ער האָט שוין פון לאנג נישט געהערט, איז געווען זייער אויפגעלייגט, און ווען זיין וואָגן איז שוין געווען אָנגע־פילט מיט די מצות, זיך געזעגנט מיט דער גאנצער משפחה, ווי ער וואָלט געפאָרן צוריק אַהיים צו אַ שמחה. דאָס האַרץ האָט זיך אין אים געפרייט צו זען אַזוי פיל מענטשן, צו פילן אַרום זיך אַזוי פיל וואַרעמקייט פון אייגענער סביבה.

* * *

אַרויסגעפאָרן פון שטאָט איז ער נישט אַליין. פינף יידן האָבן זיך אָפּגערופן צו טיילן מיט אים צוזאַמען די סכנה און דעם כבוד. צווישן זיי זענען אויך געווען אַרטשיקס קראנקער טאַטע, נח פיין, און הערש נאָסקאָ. הערש נאָסקאָ האָט צוגעשטעלט דעם צווייטן וואָגן. מען האָט זיך אָנגעזעצט אין דרייען אויף אַ וואָגן און מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

עס זענען פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע טעג, וואָס האָבן זיך מיט גאָר־נישט אויסגעצייכנט פון אַנדערע טעג, חוץ אפשר מיט דעם, וואָס אין אַ סך מלינער יידישע הייזער האָט מען שוין אָנגעהויבן אויסרוימען דעם חמץ און כשרן דאָס געשיר.

דאַן, איינמאָל ביינאַכט, האָט זיך אַ טעלעפאָן צעקלינגען אין אהרן לעסניקס גאַסט־צימער, וואָס איז געווען פאַרנומען פונעם מיליטערישן קאָמיסאר פון שטאָט. דער קאָמיסאַר, אַ געווענער מאַטראָס מיטן נאָמען נעטשעס, אַ פאַרשלאָפענער, אַ בייזער, האָט זיך דורכגעטאַפּט אַ וועג אין דער פינצטער צום טעלעפאָן. ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ שטול, זיך אויסגעזידלט בייז: — „צום טייוול מיט אייער טעלעפאָנס מאַמען — אַ רויקע שעה שלאָפן לאָזט מען נישט קיין מענטשן" — און שליסלעך אַ כאַפּ געטאָן דאָס טרייבל.

— וואָס?! רעדט העכער, דער טייוול זאָל אייך נעמען!... האָט איר היינט נישט געגעסן?... וואָס — אַ באַנדע? וואָס פאַר אַ באַנדע? איר ווייסט נישט. און וואָס ווייסט איר יאָ? וואָס זאָגסטו! וויפל מענטשן — זעקס? שטאַרק צעשניטן זאָגסטו? עלטערע לייט? ווו? גוט, גוט. שריי נישט אַזוי. שטילער, כ'הער דיך. אַזוינע אויסוואורפן. כ'וועל דאַרטן באַלד זיין.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז נעטשעס אַרויסגעלאָפן פון הויז און אינדערפרי איז ער געקומען מיט אַ מיליטערישער אָפּטיילונג צוריק אין שטאָט. די אָפּטיילונג האָט מיט זיך געבראַכט אויף אַ וואָגן זעקס נאַקעטע מענטשלעכע קערפּערס.

מען האָט די קערפּערס געפונען נישט ווייט פון אַ וואַלד־וועג, ווען מען האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּלאַץ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער, פרישער קבר, אויסגעגראָבן און פאַרפילט אין איילעניש.

סאָלדאַטן האָבן געעפנט דעם גרוב און זענען געוואָרן אויפגעשוי־דערט. מענטשן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט פיר יאָר מלחמה האָבן פאַרביסן די ליפּן און זיך אָפּגערוקט פון גרוב. די קערפּערס זענען געווען צוזאַמענגעקאָרטשעט, פאַרגליווערט אין אַ קאָנוווּלסיע פון אומ־דערטרעגלעכער פּיין. זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּנימער, קיין פינגער אויף די הענט, קיין סימן פון זייער מענטשלעכקייט, חוץ טיפע גריבער אָנגעפילט מיט פאַרגליווערט בלוט. קיין איין טייל פון זייער קער־פּער האָט נישט אויסגעמיטן צו זיין געפּייניקט מיט חיה'שער אכזריות.

דערקענען די קערפּערס איז געווען אוממעגלעך, ווי עס איז געווען

אוממעגלעך צו וויסן, צי זיי געהערן צו יידן. זיי זענען אָבער געווען זעקס מתים און איינער פון זיי האָט געהאַט אַ גרויסן, טונקעלן געבורט־פלעק, וואָס אַרטשיק פיין האָט אים אַזוי אָפט געזען אויפן טאַטנס אויסגעדאַרטן, ווייסן רוקן.

אַ וויי־געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַרטשיקס יונגן האַרצן און האָט זיך צעהילכט איבער דער באַדריקטער שטאָט. וויפל ווייטיק, וויפל פיין קאָן אין זיך אַ האַרץ פון אַ מענטש אַריינגעמען און בלייבן קלאַפּן און אָנהאַלטן דאָס לעבן ביי דער נשמה? וויפל טרערן קאָן אַ טאַכטער, אַ זון, אַ מאַמע גיסן און נישט אויסווייינען די אויגן? וויפל שטילן טרויער עס קאָן זיך אַוועקלייגן אויף דער נשמה און זי נישט אָפּטיילן פון גוף, אַזוי פיל ווייטיק, פיין, טרערן און טרויער האָבן פאַר־פלייצט מלינער יידישע היימען.

אויף דער לויה האָט יעדער איינער געבראַכט אַ טייל פון זיך אַליין, אַ טייל פון אייגענעם האַרץ, עס געבראַכט צום קבר צוזאַמען מיט זעקס קדושים: „הן שנהרגו, הן שנשחטו ושנטבעו ושנחנקו על קידוש השם“...

* * *

דער זון פון הערש נאָסקאַ, יאַקאָוו נאָסקאַ, האָט זיך איינגעבעטן מען זאָל אים באַפרייען פון דער אַרבעט אויף דער מיל. ער איז אַוועק אין דער אַרמיי און האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט מסירת־נפש אינעם קאַמף קעגן די באַנדעס אַרום דער שטאָט.

* * *

לייב סלוצקי האָט זיך געהאַלטן ווייטער פון מליני, ווו יעדער מענטש האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ געוועזענער אָפיציר און אַ קעג־נער פון די רויטע. די טרויעריקע בשורה, אַז זיין טאַטע איז דערהרגעט געוואָרן פון באַנדיטן אויף אַזאַ אַכזריותדיקן אופן, וואָס איז צו אים דערגאַנגען מיט גרויסער פאַרשפּעטיקונג, האָט אים געבראַכט צוריק אין שטאָט. ער האָט פיינט געהאַט געוואַלד־טאָטן און האָט תמיד געהאַנדלט אַזוי, ווי עס האָט פון אים געפאָדערט זיין געוויסן. פיל מענטשן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פּראַסטאַק, אָבער אַזאַ איז ער געווען און אַזאַ

איז ער געבליבן. ער האָט זיך אָקעגנגעשטעלט דעם געוועזענעם די־רעקטאָר פון דער גימנאַזיע, וויאטשעסלאַוו גאָרבאַטאָוו, ווייל ער האָט נישט געוואָלט פאַרטראָגן זיין פּרוּוו צו פאַרלוימדן דאָס יידישע פאָלק. ער איז פריייוויליק אַוועק אויפן פראָנט צו קעמפן קעגן די דייטשן, ווייל דייטשן האָבן אָנגעגריפן דאָס לאַנד — כאָטש מען האָט אים אינעם לאַנד באַהאַנדלט ווי אַ שטיף־קינד. איצט האָט מען אָבער זיין אייגענעם טאַטן פאַרפייניקט צום טויט. איז ער געקומען צו דער נייער מאַכט און האָט געזאָגט ווער ער איז געוועזן און וואָס ער וויל: „איך וויל באַשיצן שוצלאָזע מענטשן פון רוצחים. גיט מיר געווער און איכ׳ל אייך העלפן אויסראָטן די באַנדעס. כ׳האָב געענדיקט מיליטערישע דער־פאַרונג, אָט זענען מיינע פּאַפּירן. כ׳גיב אייך מיין ערן־וואָרט, אַז איכ׳ל טאָן מיין חוב בשלימות, כ׳וועל זיי זוכן, די אויסוואורפן, און זאָלן זיי מיך, אַ באַוואָפנטן פּרוּוון שעכטן".

צו אהרנען האָט ער געזאָגט:

איצט מוז זיך שטעלן אַ מענטש קעגן דער חיה. כ׳האָב קיינמאָל זיך נישט באַהאַלטן אונטער קיינעמס רוקן און וויל דאָס נישט טאָן איצט. עס טוט נאָר ווי דאָס האַרץ, וואָס איך האָב נישט געקאָנט אָפּהיטן דעם טאַטן פון אַזוי פיל יסורים.

געזאָגט האָט ער עס שטילערהייט, ווען ער, סיאָמע און אהרן זענען געשטאַנען אינמיטן הויף ביינאַכט. געהערט די ווערטער, איז סיאָמע אויף שנעל אַוועק אין אַ ווייטן ווינקל פון הויף, אַרויסגעגראָבן מיט אַ לאָפּאַטע, מיט זיין איינציקער האַנט, עפּעס אַ זאַך אין אַ שמאַטקע איינגעוויקלט און איז צוריקגעקומען מיט אַ רעוואָלווער:

— דאָס איז דער רעוואָלווער, לייבל, נעם עס — ס׳וועט דיר צונוץ קומען. כ׳וואָלט דאָס אַליין געהאַלטן, אָבער וואָס קאָן איך טאָן מיט מיין לינקער האַנט?

ווען זיי זענען צוריק אַריין אין שטוב, האָט אהרן אַריינגערופן לייבלען אין זיין אַרבעט־צימער. ער האָט געבעטן לייבלען זיצן, אַרויסגענומען פון אַ שופלאָד אַ טלית־זעקל, אַרויסגענומען פון אים אַ קליין, טונקל און צעקנייטשט שטיקל מאַטעריאַל און עס דערלאַנגט לייבלען. לייבל

האָט באַלד באַמערקט די שוואַרצע, אָפּגעבליאַקעוועטע פּאַסיקלעך פון אַ טלית, עס האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן:

— ווו האָט איר דאָס געגומען? — האָט ער שטיל געפרעגט.

אַ פויער האָט עס געבראַכט, פעטראַ בורלאַק. דו קאָנסט איס נישט. ער איז אַן אינוואַליד פון דער מלחמה, צוזאַמען מיט סיאָמען אין האָספּיטאַל געווען. ער אַרבעט איצט אין וואַלד.

— ווי קומט דאָס צו אים?

— איכ'ל דיר זאָגן. זיי האָבן אין דאָרף אַ הונט, וואָלני רופט מען אים. ער איז אַזוי צוגעבונדן צום דאָרף, אַז עס איז אוממעגלעך אים פון דאָרטן אַוועקצונעמען. כ'האָב אַליין געפּרוּווט אָבער ס'איז נישט געגאַנגען. נו, האָט זיך אינעם דאָרף אַריינגעריסן אַ באַנדע און איינער פון די באַנדיטן, אַ יונג פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן, ווי פעטראַ בורלאַק דערציילט, האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן הונט. ער האָט אים מיט זיך פאַרשלעפּט אין עפּעס אַ וואַלד־באַהעלטעניש, מסתמא, כדי אָפּצוהיטן דעם לאַגער. אָבער דער הונט איז אַנטלאָפן און געקומען צוריק אין דאָרף מיט עפּעס אַ שטיק מאַטעריאַל אין בלוט אויסגעווייקט. דער אומגעוויינלעכער אויסזען פון מאַטעריאַל האָט אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט ביים שכלדיקן פעטראַ בורלאַק. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל געזען עפּעס ענלעכס אויף אַ יידישן סאָלדאַט, וועלכער האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען ביי דער וואַנט פון אַ בלינדאַזש. ער האָט דעמאָלט שטאַרק באַוווּנדערט דעם טלית און עס האָט זיך אים איינגעקריצט אין זכרון, האָט ער דאָס געבראַכט צו מיר.

— מען קאָן, פאַרשטייט זיך, נישט וויסן וועמענס טלית דאָס איז געווען, אָבער איין זאַך איז זיכער, פעטריק הוזער האָט צוגעלייגט זיין האַנט צו דער רציחה. לויט דעם ווי פעטראַ בורלאַק האָט אויסגעמאָלט דעם יונג, קאָן אין דעם נישט זיין קיין צווייפל.

אהרן האָט גענומען דאָס רעשטל פון טלית פון לייבלס ציטעריקער האַנט און עס צוריק אַריינגעלייגט אינעם טלית־זעקל:

— ווילסט עס נעמען, אָדער זאָל איך דאָס האַלטן?

— האַלט עס ביי זיך. ווער ווייסט וואָס עס קאָן מיט מיר פאַסירן...

פעטריק הוזער, **פעטריק הוזער**. אַ נאָמען אַזאַ. פעטריק — ס׳קלינגט ווייך, **ס׳קלינגט** ווייל, דער שכל קאָן דאָס נישט באַנעמען, אַ יונג **מיטן נאָמען פעטריק**, אַ ברודער פון אַ מארטירער זאָל זיין דאָס שאָ־**לעכץ פון** אַזא אכזריותדיקער נשמה. אייער סאַשע איז אויך אַ גרוי־**סער חכם** — רחמנות האָט ער געהאַט אויף דעם אָרעמען יינגל, נעבעך. צו מיר אין די הענט וואָלט ער געדארפט אַריינפאלן, כ׳וואָלט אים שוין געלאָזט לויפן אַהין, ווו ער געהערט, אין גיהנום. פון מיר וואָלט ער זיך שוין נישט אַרויסגעדרייט.

— ביסט זיכער אין דעם, לייבל ?

— אַזוי זיכער, ווי איך בין זיכער אין דעם — האָט לייבל אָנגע־וויזן מיט זיין האַנט אויפן טלית־זעקל.

— און איך נישט.

— פארוואָס ?

— ווייל דו ביסט נישט קיין אכזר.

13
דער צווייפל

אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ — דאָס לאַנד האָט זיך געוויגט אויף די בלוטיקע כוואליעס פון בירגער־קריג, ווי אַ שיף אַן אַ רודער אין אַ שטורעם, און ס׳רוב מענטשן אויף דער שיף האָבן שוין אָנגע־הויבן צווייפלען, צי זיי וועלן אַמאָל דערגרייכן דעם ברעג.

אפילו אהרן לעסניק האָט שוין אַרויסגעוויזן סימנים פון מידקייט. ער האָט זיך אפילו דערמאָנט אין משה גאָטליבס ווערטער וועגן דעם פּייער־באַרג, וואָס הויבט אָן שפּייען מיט דער הייסער לאַווע און ווישט אָפּ מיט איין מאָל דעם פּראָדוקט פון הונדערט־יאָריקער מענטשלעכער מי.

די רעזשימען אין מלינ׳ האָבן זיך געביטן כמעט מיט די סעזאָ־נען. די מאַכט פון די סאָוועטן האָט זיך איינגעשטעלט דאָס צווייטע מאָל צום סוף האַרבסט 1918 און זומער 1919 האָט זי ווידער עוואַקו־אירט די שטאָט.

אין איינעם פון די טעג איז דער געוועזענער מאַטראָס נעטשעס געקומען צו זיך אין צימער פריער ווי געוויינלעך. צוזאַמענגענומען די קליינע זאַכן, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט, פאַרברענט עטלעכע פּאַפּירן אין אַ גרויסן אַש־טעלער, האָט ער אַנגעקלאַפּט אין דער טיר פון עס־צימער, ווו אהרנס משפחה האָט זיך פאַרזאַמלט צו עסן וועטשערע. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר דער שטערונג און געבעטן אהרן לעסניקן צו זיך אין צימער, געבליבן אַליין מיט אים אַ פּאָר מינוט און צו אים געזאָגט:

— כ׳וויל זיך מיט אייך געזעגענען. כ׳קען אייך נישט פּערזענלעך, כאָטש איך האָב פאַרנומען אייער צימער אין משך פון עטלעכע חדשים. אָבער איך פאַרשטיי, אַז איר זענט אונדזערס אַ קעגנער. מען האָט מיר אָבער דערציילט, אַז איר זענט אַן אָרנטלעכער, אָפּנהאַרציקער מענטש. וויל איך באַצאָלן מיין דירה־געלט מיט אַ ביסל אָפּנהאַרציקייט. כ׳האָף אַז איר וועט מיך פאַרשטיין...

עס דערנענטערט זיך, לײדער, דער סוף פון אונדזער מאַכט אין שטאָט. מירן עוואַקוּאירן אפשר נאָך היינט ביינאַכט. ווער ס׳וועט אַהער קומען ווייסט איר. איר האָט געהערט די נעמען פון גענעראַל דעניקין און גענעראַל שוקראָ, איר ווייסט מסתמא אויך, אַז איר וועט האָבן צוריק די אָרדענונג, וואָס איז אייך צום האַרצן, אָבער איך בין נישט זיכער צי איר ווייסט וואָס עס דראָט אייך אַלס אַ ייד. וויל איך אייך וואָרענען איר זאָלט זיך אַליין נישט נאַרן. האַלט זיך ווייטער פון די גאַסן אין די ערשטע טעג פון דער ווייס־גוואַרדייאישער מאַכט. לאָזט אפילו נישט אַרויס אין גאַס אייער יינגל. באַהאַלט זיך ווי אַזוי איר ווילט, אָבער באַהאַלט זיך ביז זיי וועלן אָנזעטיקן זייער דורשט נאָך בלוט. טוט עס, אויב איר ווילט נישט האָבן דעם סוף פון אייערע זעקס מענטשן. כ׳האָף, אַז איר געדענקט זיי נאָך. איך ווינטש אייך אַלדאָס גוטס, אָבער איך גלויב אַז עס דערוואַרט אייך אַ ביטערע דערפאַרונג. זיי פּרוּוון צוּוואַרפן דעם פּשוטן מענטש אַ ביינדל פון זייער פאַנסקן טיש, אָבער דאָס ביינדל איז אייערס. וואָרן איך אייך, היט זיך פון אייערע פריינד... נו, זייט געזונט.

* * *

אהרן לעסניק האָט גענומען די דאָזיקע וואָרענונג ערנסט, אָבער ער האָט דערציילט וועגן דעם נאָר סיאָמען און אַבראַשקאַן. פון סאָניען און דודיקען האָט ער דאָס באַהאַלטן און איז שפּעטער געווען צופרידן מיט דעם, ווייל דער איבערגאַנג פון איין מאַכט צו דער אַנדערער איז אין מליני פאָרגעקומען אָן שום שיסעריי און אָן שום „אינצידענטן" — די שטאָט האָט זיך געלייגט שלאָפן אונטער דער מאַכט פון די רויטע און זיך אויפגעוועקט אונטער דער מאַכט פון ווייסע.

שטיל, אָן שום פּאַנפאַרן, אָן שום גאַסן־יום־טובים און גאַסן־שחיטות, האָט זיך אין שטאָט איינגעשטעלט אַ ממשלה פון „אייגנטום און אָרדענונג". די זאַך האָט אימפּאָנירט יעדן אייגנטימער פון שטאָט. צופרידן איז אויך געווען אהרן לעסניק. ער האָט אפילו צוריק געקראָגן זיין קליינע פּריוואַטע ביבליאָטעק, צוגענומען פון אים ביי דער פריערדיקער מאַכט.

דאָס ביסל ביכער האָט ער אָנגעזאַמלט פון די סאַמע יונגע יאָרן און זיי זענען געווען פאַר אים ווי אַלטע פריינד. עס איז אים פריער שווער געווען זיך צו שיידן מיט זיי.

„ווען איך וואָלט כאָטש זיין זיכער, אַז איר וועט זיי דאָרטן — אין אייער קלוב — לייענען און נישט רייכערן — האָט ער דעמאָלט געזאָגט זיין „נאַטשאַלניק", פלאַטאָן כוואָראַסט — וואָלט עס מיך נישט אַזוי שטאַרק געאַרט. כ'האָב פון זיי געגאַסן, זאָל עמעץ אַנדערש אויך געניסן פון זיי. אָבער, איר ווייסט דאָך, קיין ציגאַרעטן־פּאַפּיר איז נישטאָ, מען רייכערט איצט צייטונג־פּאַפּיר און בוך־בלעטער, טוט ווי דאָס האַרץ. כ'וועל אייך זאָגן: אויסרייכערן אַ באַנד פון שעקספּירס טראַגעדיעס וועט נישט נעמען לאַנג, אָבער וואָס וועט מען פון דעם האָבן חוץ הוסטעניש?..."

די ביכער זענען אָבער איבערגעלאָזט געוואָרן אין אַ ליידיקער געביידע אין פולער אָרדענונג און אהרן איז געווען צופרידן צו האָבן די אַלטע פריינד צוריק ביי זיך אינדערהיים.

ער האָט זיי אַליין אָפּגעשטויבט, אַליין אַוועקגעלייגט אין אָרדע־נונג אויף די פּאָליצעס אויף דער קליינער, אַלטער עטאַזשערקע, וואָס האָט זיי געדענקט, ווען זיי זענען נאָך געווען זייער ווייניק אין צאָל און האָט געמומען בלעטערן אַ באַנד געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד, צוזאַמענגעשטעלט פון באַזונדערע אָפּהאַנדלונגען און גוטע אילוסטראַ־ציעס. בלעטערנדיק דאָס בוך, האָט זיך אהרן אָנגעשטויסן אויף איינער פון די אילוסטראַציעס, וואָס האָט באַלד צוגעצויגן צו זיך זיין אויפ־מערקזאַמקייט. ס'איז געווען אַ קאָפּיע פון אַ מאָלעריי, וועלכע האָט פאָרגעשטעלט צוויי היידאַמאַקעס ביי אַ פייער און מיט שפּיל־אינסטרו־מענטן אין די הענט, אויפן הינטערגרונט... אַ ייד האָט איז געווען אויפגעהאָנגען פאַר די פיס.

אהרן האָט לאַנג געקוקט אויף דעם דאָזיקן בילד. ערשט מיט פיר־פינף יאָר צוריק האָט דאָס בילד פאָרגעשטעלט מיט זיך זייער אַ ווייטע פאַרגאַנגענהייט. דעמאָלט, ווען ער האָט ס'ערשטע מאָל געזען דאָס בילד, האָט ער זיך געפרייט מיט דעם, וואָס דער מענטש איז אַזוי ווייט אַוועק פון יענע גרויזאַמע טעג, וואָס ער אַליין האָט ביי זיך אַזוי פיל ביכער וואָס זאָגן עדות, אַז דער מענטש איז איצט נאָבעלער און שענער, ווי ער איז געווען אין מיטל־אַלטער. אָבער איצט האָט שוין דאָס בילד נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין זאַך פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט פאַרמאַכט דאָס בוך זייער פאַרזיכטיק, גע־פרווט זיך אָפּווענדן פון די ביטערע מחשבות און זיך דערמאָנט אין די ווערטער פון געוויזענעם מאַטראָס נעטשעס. ס'האָבן זיך אים דער־מאָנט מעשים, אין וועלכע ער האָט געוואָלט פאַרגעסן, און רייד, וועלכע ער האָט געוואָלט איגנאָרירן אַלס אַ פּראָדוקט פון קראַנקן שכל: זאָלן זיי זיך שרייען „שלאָג די יידן, ראַטעווע רוסלאַנד!" — אומזין בלייבט אומזין. אָבער אַ רציחה בלייבט אויך אַ רציחה און אפשר איז משה פאַרט גערעכט. אפשר בוי איך מיין היים ביי אַ פרעמדן פייער־באַרג? אפשר צוליב דעם זענען מיר אויסגעשטעלט צו דער רציחה און אָנגע־וויזן אויף עמעצנס פריינדשאַפט, אויף עמעצנס הילף, אויף עמעצנס חסד?

14

נייע „העלדן־טאַטן״ פון אַלטע באַקאַנטע

ניקאָלאַי וואַינאָוו איז געקומען אַהיים שפּעט. ער איז געווען זייער הונגעריק און האָט געגעסן דעם מיטאָג אַליין אין קיך. ער האָט שנעל געשלונגען דאָס עסן און קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט. די מוטער האָט אים דערלאַנגט דאָס עסן, צוגענומען די אויסגעליידיקטע טעלער און נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אים. זי האָט גאָר נישט גע־הערט פון איר עלטערן זון אין משך פון צוויי און אַ האַלב יאָר. וויפל שלאָפלאָזע נעכט האָט זי פאַרבראַכט מיט דער מורא פאַר זיין לעבן? וויפל פּיין האָט איר פאַרשאַפט די מורא, אַז ער לעבט אין נויט, אַז זיין נשמה און לייב ווערן געפּייניקט ערגעצוו אין באַהעלטעניש, וואָס זי האָט אויסגעמאָלט אין איר פאַנטאַזיע, אַלס עפּעס אַ צעפּוילטער, פינצטערער גרוב? איצט איז ער גאָר אַן אַנדערער, ווי זי האָט זיך אים די גאַנצע צייט פאָרגעשטעלט.

דער 15־יאָריקער יינגל איז איינגעשלונגען געוואָרן פון דער אומ־ברחמנותדיקער צייט. אויסגעוואַקסן הויך, אָנגעטאָן אין „פראָנט־קליי־דער פון אַן אַרמיי־אָפיציר, באַוואָפנט מיט אַ שווערד און רעוואָלווער, האָט ער געהאַט זיין טאַטנס וואָנצעס און זיין פאַרהאַרטעוועטן, אָבער נאָך אַלץ יונגן פּנים און זיך אויפגעפירט ווי אַן איינגעשלאָסענער אין זיך פראָפעסיאָנעלער סאָלדאַט. אַזאַ זאַך האָט זי געקאָנט דערוואַרטן, אָבער זי האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דעם. זי האָט געזוכט אַ וועג צו זיין נשמה. זי האָט געוואָלט וויסן: האָט ער געבענקט נאָך דער מאַמען? האָט ער נאָך פאַר איר אַ באַהאַלטענע וואַרעמקייט אין זיין האַרצן? זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך אויפצופירן מיט אים און האָט שווייגנדיק אים באַדינט ווי אַ פרעמדן פאַרשוין, וואָס איז ביי איר אויף קעסט, כאָטש זי האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען ער וועט דאַרפן האָבן זיין מוטער נישט אַלס דינסט, נאָר אַלס אַ מאַמע.

דער זון האָט געשוויגן נאָר אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען פאַרטאָן אין עסן. פאַרענדיקט דאָס עסן, האָט ער געדאַנקט פאַר דער מאָלצייט, צעשפּילעט דעם קאָלנער, פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל, זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אויפן אָנלען פון שטול און געזאָגט צו דער מאַמען מיט אַ טאָן פון פאַרוואָרף:

— איך האָב פאַר איך, מוטער, גאָר אַ פיינעם גרוס פון אייער העבר לעסניק. זיין עלטערער זון, סאשא, אַלעקסאַנדער אַראַנאָוויטש, איז אַ ריכטיקער חברה־מאַן; זיך צוזאַמענגעשמעקט מיט די רויטע אויסוואָרפן, דער פּראָלעטאַריער אַזוי צו זאָגן...

נאַטאַליאַ וואַינאָווא האָט זיך פאַררויטלט. זי איז געווען איבעראַשט פון איר זונס אויסברוך. עס איז איר געווען דערווידער דער טאָן, מיט וועלכן ער האָט צו איר גערעדט. אָבער זי האָט געפילט, אַז נישט זי אַליין ווערט דאָ באַעוולהט. עס האָט געקלינגען ווי אַן אָנפאַל אויף אַן אומשולדיקן מענטש. זי האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אין די אומשטענדן פון איר באַקאַנטשאַפט מיט דאַווידקאַ לעסניק און האָט זיך פאַררויטלט נאָך שטאַרקער:

— וואָס זאָגסטו ניקאָלאַי? — האָט זי שליסלעך זיך אָפּגערופן נאָך אַן אומאָנגענעמער רגע פון אָנגעשטרענגטן שווייגן — ס'איז עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש. איך קען זייער גוט דעם יונג, ער איז אַזוי ווי זיין טאַטע — אַ שטילער און פרידלעכער מענטש. ער מישט זיך נישט אין פּאָליטיק.

— יאָ, יאָ — האָט ניקאָלאַי וואַינאָוו איבערגעשלאָגן דער מוטער אינמיטן די רייד — ער מישט זיך נישט, דער שטילער, פרידלעכער מענטש, דער סטודענט, אַזוי צו זאָגן! דאָס לאַנד גייט אָפּ מיט בלוט און ער באַשעפטיקט זיך מיט מאָלן לופט־פּאַלאַצן פאַר אַ יידישן קעניג, אַזוי צו זאָגן. איר קאָנט זיי זייער ווייניק, מוטער! איר זיצט זיך דאָ אין שטוב ביים אויוון, איר לייענט זיך אייערע אַלטע ביכער און איר טראַכט זיך אויס אַ וועלט לויט די אַלטע, ראַדיקאַלע, באַבסקע רעצעפּטן, אַזוי צו זאָגן. איר האָט קיין שום אַנונג נישט וואָס עס טוט זיך אין אמתן לעבן. מיר האָבן אָבער אַ גענויע אינפאָרמאַציע פון

זייער פארלעסלעכע קוואַלן, אַז סאשא לעסניק, אַ סטודענט פון טעכנאָ־לאָגישן אינסטיטוט, איז אַ רויטער, אַזוי צו זאָגן, און אַז ער האָט געווער אין זיין באזיץ.

— געווער?! — האָט די מוטער אויסגעשריגן מיט אויפרעגונג

— כ׳וואָלט באמת געוואָלט וויסן, פונוואַנען האָט איר אַזא אינפאָר־מאַציע? ווער שטעלט אייך צו אַזוינע מסירות אויף אַ מענטש, וועל־כער וווינט אפילו נישט דאָ אין שטאָט.

— מסירות? איך האָב געזאָגט אינפאָרמאַציע, נישט מסירה, מו־טער. איר וואָלט זיך נישט געדארפט באַנוצן מיט דעם דאָזיקן וואָרט. ס׳איז פשוט אַ באַליידיקונג, באַזונדערס אין דעם געגעבענעם פאַל. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ מענטש, וועלכער האָט זיין אייגן לעבן נישט געזשאַלעוועט פאר אונדזער ליידנדיקן היימלאַנד. זיין ברודער, אַ מאַר־טירער, איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די דייטשן, ער אַליין האָט באַ־קעמפט די דייטשע אָקופּאַנטן אַזוי גוט, ווי די באָלשעוויסטישע פאַר־רעטער, מיט געווער אין האַנט. אַזוינע מענטשן ווי ער דאַרף מען אויסקשטעלן אַלס ביישפּיל פאַרן לאַנד: קוקט און לערנט זיך, אַזוי צו זאָגן. און איר רעדט גאָר וועגן מסירות.

— ניקאָלאַי! איך ווייס גוט וואָס איך רעד. עס האָט נאָך נישט געלעבט אויף דער וועלט קיין העלד, וועלכער זאָל זיין אַ מסור, אַזוי צו זאָגן. אגב, ווער האָט דיך אויסגעלערנט זיך באַנוצן אַזוי פיל מיט די ווערטער: אַזוי צו זאָגן, אַזוי צו זאָגן? — דו קאָנסט שוין אָן דעם קיין איין וואָרט נישט אויסריידן. ווער פּטור פון דעם אָנשטעל, רעד פשוט, רעד ווי אַ מענטש. אגב, דו האָסט מיר שוין אַזוי פיל דער־ציילט וועגן דיין העלד, אפשר ווילסטו מיר זאָגן ווי ער הייסט?

— פארוואָס נישט, ס׳איז פּעטריק הוזער.

— אָ־אָ־אָ, פּעטריק הוזער, ער?!

נאטאליא וואַסילעוונא האט זיך צעלאכט הויך אויפן קול, כמעט מיט אַ היסטערישן געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ, פּעטריק הוזער, אַ ברודער פון אַ מארטירער, אַ העלד פון פאָטערלאַנד, אַזוי צו זאָגן, אַ נייע לעגענדע, „אַזוי צו זאָגן״,

כאַ־כאַ־כאַ. אַן אָרעמע מוטער פון אַ רוסישן קאַדער־אָפיציר זיצט נעבעך בײַם אויוון און ווייסט נישט פון קיין ניסים פון אמתן לעבן. וועל איך דיר באַלד דערציילן אַ מעשה פון אמתן לעבן.

נאַטאַליאַ וואַסילעוונאַ האָט אויפגעהערט לאַכן. זי האָט זיך אויסגע־דרייט מיטן פּנים צו דער טיר, וואָס האָט געפירט פון קיך אין שטוב, און האָט אויסגעשריגן:

— אַליעג! דו הערסט אַליעג!

— יאָ, מוטער, וואָס איז געשען? — האָט זיך דערהערט אַ שטימע פון הינטער דער טיר.

— קום אַרײַן אהער — כ׳וויל דיך עפּעס פרעגן.

אין קיך איז אַרײַן אַ בלאָנדער, דרייצן־יאָריקער יונג מיט ווײַכע, כמעט מיידלשע געזיכט־שטריכן און גרויסע, פאַרבענקטע אויגן. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ בוך.

— וואָס איז מוטער?

— אַליעג — האָט אים די מאַמע געפרעגט שטרענג — קענסטו פּעטריק הוזער?

— יאָ, איך קען אים, וואָס איז געשען?

— און זײַן ברודער האָסטו געקענט? וואָס קאָנסטו דערציילן וועגן אים? וואָס האָט ער דאָ געטאָן, ווען די דײַטשן זענען געווען בײַ אונדז אין מליני?

— ער האָט אויפגעריסן די אײַזערנע בריק.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס?

— פּעטריק האָט דאָס דערציילט.

— האָט ער דאָס דערציילט נאָר דיר?

— נאָר מיר? — ער האָט דאָס אַלע יינגלעך דערציילט „פּאָסעקרע־טו", הייסט עס. יעדן איינעם פלעגט ער איינרוימען דעם סוד אויפן אויער, אַז ליאָנקאַ האָט אויפגעריסן די בריק. ער האָט אויך דער־ציילט, אַז ליאָנקאַ האָט זיך אַרײַנגעגנבעט אין שטאָט אַזוי כיטרע, וואָס קיינער ווייסט נישט וועגן דעם, כאָטש ער איז געווען פאַרוווּנדעט ער האָט אונדז אַלעמען באַוויזן אַ רעוואָלווער — אַ גוטער אָפיצירן־נאַגאַן — מיר האָבן אים געוואָרנט, צו האַלטן די צונג, אָבער ער האָט

קיינעם נישט געפאָלגט, ביז די גאַנצע שטאָט האָט געוווּסט, ווער עס האָט אויפגעריסן די בריק און ווו ער געפינט זיך — אַזאַ אידיאָט.

— און וואָס האָט דער אידיאָט געטאָן, ווען די דייטשן האָבן זיין אומגליקלעכן ברודער לעאָניד אַ פאַרוווּנדעטן פון שטוב אַרויסגעשלעפּט?

— ער איז אַנטלאָפן פון הויז. איך האָב איינמאָל ביינאַכט אים געזען דאָ אין גאַס מיט סעמיאָן פּריכאָזשי און גריגאָרי טשוב. דו געדענקסט דאָך זיי, ניקאָלאַי: צוויי אויסוווּרפן, ווי צוגעקליבן, פּשוטע פאַרברעכער. זיי זענען אַלע דריי שפּעטער פאַרשוווּנדן פון שטאָט.

— אַזוי צו זאָגן, פאַרשוווּנדן — האָט נאַטאַליאַ וואַינאָווא באַמערקט סאַרקאַסטיש — איצט האָט זיך דער „העלד" אָפּגעזוכט. קאָנסטו מיר זאָגן, ניקאָלאַי, ווי אַזוי האָט ער אַליין דערציילט די מעשה?

— ער האָט דערציילט — אַ־אַ, וואָס איז דער אונטערשייד? ס'קאָן זיין אַז ער איז אַ גרויסער גאָרנישט. ער איז דאָך פאַרט אַ זון פון קאָלבאַסניק. מען קאָן צו זיי קיין צוטרוי נישט האָבן; כ'מיין די קריכעוודיקע מעשטשאַנסטווע: קאָלבאַסניקעס, קרעמער, מאַרק־באַבעס, אַזוי צו זאָגן — זיי האָבן נישט קיין שום באַגריף וואָס עס מיינט ערע. אָבער פאַר וואָס זאָל ער וועלן באַגראָבן דעם ייד?

— דאָס וויל איך טאַקע אויסגעפינען. דו בלייב איצט אינדערהיים ביז איך וועל צוריקקומען. איך וועל איצט זיך אַריינכאַפּן צו אַראָן איסאַיעוויטשן. איך בין זיכער, אַז ער האָט דעם ענטפער אויף דייַ פראַגע.

— וואָס? — איר וועט גיין צו דעם דאָזיקן ייד? וואָס איז דאָס פאַר אַן איינפאַל. ווו איז אייער שטאָלץ. וואָס וועט איר האָבן פון דעם באַזוך? איר וועט נאָר זיך פאַרמיאוסן אין די אויגן פון מענטשן. זייט אַזוי גוט, מוטער, מישט זיך נישט אין די זאַכן, וואָס האָבן מיט איך גאָרנישט צו טאָן.

— די זאַכן האָבן מיט מיר יאָ צו־טאָן, ניקאָלאַי! איך בין אַן אָנשטענדיקער מענטש. איך וויל נישט דערלאָזן צו פאַרלוימדן און אומברענגען אַן אומשולדיקן מענטש. אויסער דעם, דו האָסט צו־טאָן מיט דער זאַך און דו ביסט מיין זון. איך וויל נישט דו זאָלסט אָנטיילנעמען;

אין אַ פאַרשוווערונג צו פאַרלוימדן און צעטראַמפּלען מענטשן.

— אַ־אַ־אַ, ער איז דאָך נאָר אַ ייד.

— ער איז נאָר אַ ייד — כ׳האָב דערלעבט צו הערן פון דיר אַזא ברוטאַלן אומזין. ערשט נעכטן האָסטו, דוכט זיך, געהאַט דיין דערפאַרונג מיט אַ ייִנגל, וואָס איז אויך געווען נאָר אַ ייד. כ׳האָב גע־גלויבט און געהאָפט, אַז דו וועסט פון דעם עפּעס לערנען, האַלטסט דאָך זיך פאַר אַ גלויביקן מענטש. כ׳האָב אָבער דיך אַזוי לאַנג נישט געזען, ווייס איך שוין נישט וואָס איך זאָל טראַכטן וועגן דיר. אפשר בוקסטו זיך איצט פאַר גאָר נייַע געטער, אפשר לערנען זיי דיך הענגען מענטשן צוליב פאַלשע מסירות?

— מוטער!...

— מוטער? — כ׳ווייס נישט, ניקאָלאַי, כ׳ווייס נישט. כ׳בין גאָר נישט זיכער צי דו האַלטסט מיך פאַר דיין מוטער.

— איר ווייסט זייער גוט אַז איך האַלט אייך יאָ פאַר מיין מוטער.

— איך בין זייער צופרידן דאָס צו הערן, אָבער אויב דו האַלטסט מיך פאַר דיין מוטער, זיי מיר אַ געהאָרכזאַמער זון — טו דאָס וואָס איך זאָג דיר. זאָג מיר נאָר איין זאַך: איז סאַשאַ לעסניק נאָך אויף דער פריי? לעבט ער נאָך?

— כ׳ווייס נישט... אפשר נישט... מען האָט נעכטן אַרויסגעשיקט די טעלעגראַמע. עס איז שוין, מסתמא, סיי־ווי־סיי שפּעט. אויף וואָס דאַרפט איר האָבן די גאַנצע קאָפּ־פאַרדרייעניש, פאַרשטיי איך נישט. עס איז דאָך אַ מלחמה אין לאַנד, ווען מען האָקט האָלץ פאַלן שפּענדלעך.

— אַ גאָט, וואָס האָט איר אָפּגעטאָן? — האָט אויסגעשריגן נאַ־טאַליא וואַסילעווא און זי איז אַרויסגעלאָפן פון הויז.

דער יונגערער זון האָט געוואַרט ביז די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער זיין מוטער און זיך באַלד אויסגעדרייט צו זיין עלטערן ברודער.

— ניקאָלאַי,—־האָט ער צו אים געזאָגט שטרענג, ווי ער וואָלט געווען אַ דערוואַקסענער מענטש,— איך וואָרן דיך מער אַזוי צו דער מאַמען נישט רעדן. זי האָט זיך די אויגן אויסגעוויינט צוליב דיר און דו רעדסט צו איר ווי אַ גראָביאַן — וואָלסט זיך געמעגט שעמען!

ניקאָלאַי וואָינאָוו האָט זיך אויפגעשטעלט מיט כעס און גע־וואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער זיין ברודער איז אַרויס פון קיך און צו־געקלאפּט די טיר הינטער זיך.

* * *

נאטאליא וואָינאָווא האָט געטראָפן אהרן לעסניקן אין הויף. ער איז דאָרטן געווען צוזאַמען מיט וואָלף מאַרקאָוויטש גראָדין. קיין אָפּטער באַזוכער איז גראָדין ביי לעסניקן נישט געווען. זיי האָבן נישט גע־רעדט איינער מיטן אנדערן כמעט דריי יאָר, אָבער סוף כל סוף האָבן זיי זיך איבערגעבעטן, כאָטש קיין אמתע פריינדשאפט איז צווישן זיי נישט געווען. זיי זענען געווען פארשידענע מענטשן און האָבן דאָס גוט געוווּסט. זיי זענען אָבערביידע געווען געשעפטסלייט און אָפּט־מאָל געדאַרפט האָבן איינער דעם אַנדערן. די נייע באַציונגען צווישן זיי האָבן זיך איינגעשטעלט אויף אַ פּראקטישן באָדן. מען מוז אויך צוגעבן, אַז וואָלף מאַרקאָוויטש גראָדין האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון אהרן לעסניקן, און אַז אהרן לעסניק האָט אים נישט געצאָלט מיט דער זעלבער מטבע, אָבער ער האָט אים יאָ געצאָלט היפּשע חובות. עס איז אפילו שווער געווען צו זאָגן, ווער פון זיי איז דער אמת'ער אייגנטימער פון דעם הויף, וואָס זיי האָבן איצט באטראכט און געמאָסטן מיט די אויגן. פאר דער וועלט איז דאָס געווען אהרנס הויף, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס געווען גראָדינס אייגנטום, וואָס ער האָט געקראָגן פון זיין אַמאָליקן פריינד פאַרשטעלט דירה־געלט. איצט איז גראָדין געקומען זען, צי ער קאָן אויסלאָדן דאָ אויפן הויף אַ טראַנ־ספּאָרט פון פּעסלעך נאפט, וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען פון דרום. און כאָטש ער איז נישט באשטאַנען אויף דעם, כאָטש אהרנען איז נישט געווען צום האַרצן צו צעשטערן דעם גאָרטן און אָנלאָדן די פרישע לופט פונעם הויף מיט שווערע ריחות, האָבן זיי, פונדעסטוועגן, ביידע געוווּסט, אַז אַזוי שנעל ווי די פעסלעך נאפט וועלן אָנקומען אין שטעטל, וועט עס דאָ שמעקן מיט נאָפט.

דערזען נאַטאַליאַ וואַינאָווא, זענען זיי ביידע געווען זייער שטאַרק דערשטוינט. זי האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט באַוויזן פאַר פרעמדע מענטשן אין אַזאַ צושטאַנד. איר פּנים איז געווען געל. די גרויע האָר, פאַרקעמט אין איילעניש ביים לויפן אין דער גאַס, זענען געווען אומ־געלומפּערט צוזאַמענגענומען אויפן האַלדז מיט אַ קאַם, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויפן פּלאַץ. זי האָט געהאַלטן אַ ווייס פאַרטוך אין איר האַנט און שווער געאָטעמט פון שנעלן גיין.

דערהערט פון איר די טרויעריקע בשורה, האָט איר אהרן דער־ציילט אין אַ פּאָר ווערטער אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט וועגן פּעטריק הוזער. ער איז אפילו אַריין אין הויז און האָט פון דאָרטן אַרויסגע־בראַכט צוריק אין הויף דעם רעשטל פון טלית אין טלית־זעקל. נאַטאַ־ליאַ וואַינאָווא איז געווען אויפגעשוידערט און אינגאַנצן פאַרלוירן.

— וואָס זאָל מען איצט טאָן? וואָס זאָל מען איצט טאָן?...

— ערשטנס דאַרף מען זען — האָט זיך אָפּגערופן וואָלף מאַרקאָ־וויטש — מען זאָל פון דאָ אַרויסשיקן אַ טעלעגראַמע, אַז עס איז פאָר־געקומען אַ מיספאַרשטענדעניש. איך גלויב, אַז איר...

— איך וועל זען מען זאָל עס טאָן אַזוי שנעל ווי מעגלעך — האָט זיך נאַטאַליאַ וואַינאָווא צוגעאיילט אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג — איך וועל איצט לויפן אַהיים און גיין צוזאַמען מיט מיין זון ווו מען דאַרף. זיי וועלן מוזן אַזאַ טעלעגראַמע אַרויסשיקן. איך בין זיכער, אַראָן איסאַיעוויטש, אַז אייער זון וועט זיין באַפרייט גאָר אין גיכן. איך בין אין דעם פולשטענדיק זיכער. עס איז נאָך דאָ אמת און יושר אויף דער וועלט.

ווען נאַטאַליאַ וואַינאָווא איז אַוועק, האָט אהרן געזאָגט צו גראָדינען:

— איר וועט מיר מוזן אַנטשולדיקן, וואָלף מאַרקאָוויטש, איך דאַרף אייך פאַרלאָזן. טוט מיט די פּעסלעך נאָפּט ווי איר פאַרשטייט. איך מוז איצט אַריינגיין אין הויז זיך גרייטן אין וועג.

— איר ווילט פאָרן אַהין?

— איך מוז אַהין פאָרן. אין אַזעלכע פאַלן פאַרלאָזט מען זיך נישט אויף אַ טעלעגראַמע.

— אָבער איר ווייסט דאָך, אַז ס'איז אַ געפּערלעכע זאַך. עס זענען שוין געווען פאַלן ווען מען האָט אַרויסגעוואָרפן יידן פון די באַנען. ווילט איר פאַרענדיקן אייער לעבן אויף די רעלסן?

— איך וויל, פאַרשטייט זיך, נישט. איך וויל פאַרענדיקן מיין לעבן אויף די רעלסן פונקט אַזוי ווי איך וויל לעבן אין אַזאַ פאַרדאָרבענער וועלט. אָבער איך האָב נישט קיין ברירה. איך קאָן נישט זיצן מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט, ווען סאַשעס לעבן געפינט זיך אויפן וואָגשאָל. יעדע קליינקייט קען איצט איבערוועגן אַהין אָדער אַהער.

געזאָגט האָט עס אהרן שוין אויפן וועג צום הויז.ביים שוועל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— אָבער לאָמיר וועגן דעם מער נישט רעדן. כ'וויל נישט סאָניע זאָל וויסן וועגן דעם. כ'וועל זיך מיט אייך זען פאַרן אַוועקפאָרן.

— ניין! — אהרן־לייב — האָט געענטפערט גראָדין, איך וויל זיך מיט אייך זען איצט, נאָך פאַר דעם ווי איר האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט. קומט בעסער מיט מיר, באַגלייט מיך אַהיים אין אַ נאָווינע, איך האָב אַ בעסערן פּלאַן!...

— וואָס פאַר אַ פּלאַן? — האָט אהרן געפרעגט, ווען זיי זענען אַרויס אין גאַס.

— דער פּלאַן איז זייער אַ פּשוטער, האָט געענטפערט וואָלף מאַרקאָוויטש, איך וועל אַוועקשיקן אַ טעלעגראַמע צו מילקע פּלאַטאָוון און ער וועט שוין זען, אַז סאַשאַ זאָל זיין אויף דער פריי.

— צו מילקע פּלאַטאָוון?!

— ש־ש־ש, נישט אַזוי הויך — מיר זענען אין גאַס.

— אָבער וואָס פעלט אייך אים? ער איז דאָך אַן אַפּעריסט. איך ווייסט דאָך זייער גוט וואָס ס'האָט פּאַסירט צווישן אים, סאַראַטשקען און מיין דוד'קען. איר האָט אים אַליין אַרויסגעטריבן פון שטאָט, און איצט...

וואָלף מאַרקאָוויטש האָט זיך פאַרטראַכט, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגענומען אַ פּאָרט־סיגאַר:

— פאַררויכערט, אהרן־לייב, ס'איז גוט פאַר די נערוון.

— ניין! אַ דאַנק, כ'האָב נאָר וואָס געדרויכערט.

וואָלף מאַרקאָוויטש האָט אַליין פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל, גענומען אהרנען אונטערן אָרעם און אָנגעהויבן גיין און רעדן:

— ס'איז גאָר נישט, אהרן־לייב, מילקע איז צוגעוווינט מען זאָל אים, פון צייט־צו־צייט, אָוועקשטעלן אויפן פּלאַץ ווו ער געהערט. חוץ דעם איז ער נישט אַזוי פאַרדאָרבן ווי איר מיינט. ער האָט יאָ אַ געוויסן און ער זוכט זיך אויספיינען פאַר מענטשן, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אונטער די איצטיקע אומשטענדן. קיינער גיט נישט אַזוי פיל נדבות ווי ער. ער באַווייזט זיך אָפּטמאָל אין שול און ער באַמיט זיך מען זאָל אים דאָרטן זען. פאַר אים וועט דאָס זיין אַ גאָלדענע געלעגנהייט זיך אויספיינען פאַר לייטן, באַווייזן דער שטאָט וואָס ער קאָן. און קאָנען קאָן ער, אהרן־לייב, דאָס וויס איך. איצט איז זיין צייט. מען הוליעט איצט אין די גרויסע שטעט, מען פאַרברענט די וועלט. יעדער איינער האָט מיטאַמאָל אַנטדעקט אַז דאָס לעבן איז קורץ, אַז מען דאַרף אַריינכאַפּן די פאַרגעניגנס אויף וויפל עס לאָזט זיך. איז מילקע דאָרטן אַ גאַנצער העלד ביי די אָפיצירן און שאַנסאָנעטקעס; הוליען איז דאָך זיין מלאכה. וועט ער קאָנען טאָן פאַר סאשען מער, פיל מער ווי איר, אָדער איך, אָדער די ווילע פּרוי וואָינאָווא מיט אירע טעלעגראַמעס — אין דעם בין איך זיכער. און איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן: איר זעט דאָס ציגאַרעטל? איך האַלט עס נישט איצט אין האַנט, אויב מילקע וועט נישט ברענגען סאַשען אַהיים. עס איז ווי צוויי מאָל צוויי — פיר; ער וועט מיט אים אַהער אין שטאָט קומען. ער וועט נישט קאָנען ביישטיין דעם נסיון.

— אָבער, וואָלף מאַרקאָוויטש, צוליב וואָס זאָלן מיר גיין מיט קרומע וועגן, ווען עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ גלייכער זאַך?

— אַראָן איסאַיעוויטש, זייט נישט קיין קינד. מיר לעבן אין אַ קרומער וועלט, און אַז איר וועט פּרווון גיין מיט גלייכע וועגן, וועט איר זיך מוזן געזעגענען מיט דער וועלט, שוין אָפּגערעדט פון סאַשען. מען דערשיסט איצט מענטשן אויף אַ פאַרדאַכט. די רויטע טוען דאָס און די ווייסע שטייען פון זיי נישט אָפּ. גערעכטיקייט איז אַ לאַנגזאַמע

זאַך. מען מאַכט איצט אַלץ אויף שנעל. איז לאָמיר זיך נישט נאַרן, לאָזט דאָס איבער פאַר מיר.

* * *

צוריק אַהיים איז אהרן געגאַנגען נישט געאײַלט. דאָס ערשטע מאָל פאַר פיל יאָרן האָט אים אויסגעפעלט ענערגיע. ער האָט אויפגעהערט אפילו טראַכטן אויף אַ ווײַל. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם איבערן גאַס און האָט זיך צוגעקוקט צו די מענטשן. אַ גרויסע טומלדיקע כאַפּטע יונגעלייט זענען אים פאַרבײַגעגאַנגען אויפן וועג צום טייך זיך באָדן. אַ באַקאַנטער פויער, וועלכער איז געשטאַנען ביים פלויט, האָט זיך באַגריסט מיט אים און האָט באַמערקט מיט זאָרג: „ס׳אַ הייסער זומער, אַראָן איסאַיעוויטש, גאָט זאָל אונדז אָפּהיטן פון אַ טריקעניש״. צוויי שכנות ביי די טויערן האָבן זיך געזידלט הויך אויפן קול צוליב אַ קליין מיידל, וואָס האָט אַריינגעווײנט אין דער מאַמעס פאַרטוך אַריין. די גאַס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט אויף דער וועלט און אהרנען איז פלוצים איינגעפאַלן, אַז אפשר דוכט זיך עס אים אויס; אַז אפשר איז דאָס אַלץ נישט געווען; אַז אפשר איז עס נאָך אַלץ דער בייזער חלום, וואָס ער האָט געהאַט נאָכן חנוכת הבית. ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו באַקעמפן דעם איינפאַל. ער איז געקומען אַהיים און זיך געלייגט שלאָפן. ער האָט געמוזט האָבן רו. כאָטש איין שעה רו.

15
אין פרעמדע הענט

אין דעם זעלבן טאָג זענען פון שטאָט אָוועק צוויי טעלעגראַמעס, ווו עס איז געווען דערמאָנט סאָשעס נאָמען.

וועגן איינער פון די טעלעגראַמעס האָט מען באַלד געוואָרנט דעם אומרויקן פּעטריק הוזער, און ער איז באַלד אַוועק פון שטאָט אין אַ נישט באַקאַנטער ריכטונג. עס האָט זיך אים נישט געגלוסט צו באַ־

געגעגנען סאַשען צום צווייטן מאָל. ער איז געווען זיכער, אַז סאַשא וועט איצט קומען אַהיים און וועט ברענגען מיט זיך דעם רעוואָלווער. ער האָט זיך שוין אפילו פאָרגעשטעלט סאַשען, ווי ער גייט אַרום אין גאַס און ווייזט יעדן איינעם דעם אָפּיצירן־נאַגאַן: איר זעט, דאָס איז דער פּיסטאָל, וואָס פּעטריק האָט ביי זיין ברודער געגנבעט, מיט דעם „שפּילעכל" האָט ער זיך פאַר אייך אַלעמען באַרימט. צוליב דעם האָט ער דעם אומגליקלעכן לעאָניד צו די דייטשן פאַראַטן. אָבער עס וועט קומען די צייט און דער רעוואָלווער וועט אים קריגן. ער וועט זיך פון דעם נאַגאַן נישט אַרויסדרייען"...

זינט סאַשאַ האָט צוגענומען ביי אים דעם פּיסטאָל, האָט פּעטריק הוזער נישט געקאָנט רוען. ביי אים אין די הענט איז דאָס געווען אַ טייער אייגנטום, פאַר וועלכן ער האָט באַצאָלט אַזאַ הויכן פּרייז; אין די פרעמדע הענט איז דאָס געווען אַן עדות, פאַר וועלכן ער האָט זיך געשראָקן נאָך מער ווי פאַר זיין טאַטנס כעס. דער רעוואָלווער פלעגט אים קומען צו חלום. ער פלעגט אים זען מיט אַ פינגער אויפן צינגל. צוערשט פלעגט דאָס זיין איינער פון די פינגער, וואָס מען האָט דעמאָלט אין וואַלד פון יידישע הענט אָפּגעהאַקט. אָבער פּלוצים פלעגט דער פינגער אָנהויבן וואַקסן צוזאַמען מיטן רעוואָלווער, ביז ער האָט אויסגעזען ווי זיין טאַטנס, און ער האָט דאַן געהערט דעם טאַטנס ווערטער: „כ'וועל פון דיר די הויט אַראָפּשינדן"... ער האָט נישט געקאָנט רויק שלאָפן ביינאַכט. ער האָט זיך באַמיט צוריקקריגען דעם פּיסטאָל פאַר יעדן פּרייז. ער האָט דערציילט רירנדיקע געשיכטעס וועגן דעם, ווי אַזוי זיין ברודער האָט איבערגעגעבן דאָס געווער אין זיין האַנט און האָט אים אָנגעזאָגט זיך קיינמאָל מיט דעם נישט צעשיידן. ער האָט געשווירן, אַז עס איז אים טייערער ווי דאָס לעבן. ער האָט געבעטן מען זאָל דאָס צונעמען „פון דעם פאַררעטערישן ייד" און אומבאַדינגט אים עס צוריקקערן. ער איז שוין געווען זיכער, אַז דאָס מאָל וועט ער דערגרייכן זיין ציל. און איצט איז אַלץ פאַרפאַלן. ער האָט נישט געהאַט קיין מזל. ער האָט אפילו נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, וואָס ס'וועט פּאַסירן, אויב סאַשאַ לעסניק וועט אים פּאַקן אין גאַס.

אָדער אויב ער וועט אָפּטראָגן דעם רעוואָלווער צו זיין טאַטן.

ער איז אַוועק אין דעם זעלבן אָוונט אויף דער באַן־סטאַציע און מיטן ערשטן צוג אַוועקגעפאָרן אין עפּעס אַ שטאָט, וואָס איר נאָמען האָט ער ערגעצוווּ צופעליק געהערט.

די צווייטע טעלעגראַמע האָט געהאַט נישט קיין קלענערן עפעקט ווי די ערשטע. די טעלעגראַמע איז דערגאַנגען צו מילקע פלאַטאָוון, און ער האָט געבראַכט סאַשען אַהיים.

ווען ער איז אַראָפּ פון באַן צוזאַמען מיט סאַשען און אַ גוטבאַ־וואָפנטן אָפיציר, וואָס האָט אים באַגלייט אויף אַ געפערלעכן וועג, האָט מילקע אַפילו אַ קוש געטאָן סאַראַטשקעס האַנט.

— כ׳האָב די ערע, — האָט ער געזאָגט מיט אַן „אומשולדיקער" מינע פון אַ מלאך, — כ׳האָב דעם גרעסטן כבוד זיך צו פאַרנייגן פאַר דער שענסטער פרוי אין דער וועלט... אַפילו סאַשא האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פון אַ שמייכל טאָן.

אין שטאָט איז אָבער מילקע פלאַטאָוו לאַנג נישט געבליבן. ער האָט פאַרהילכט אַ ביסל די שטאָט מיט ווילדע יאַזדעס אויף די בעסטע פערד. ער האָט אַרויסגעוואָרפן אַ היפּש ביסל פּאַפּיר געלט אויף מייד־לעך, וועלכע ער האָט באַוויזן צו קריגען און איז שליסלעך פאַרשוווּנדן פון מלינער האָריזאָנט ווי אַ קליין ווינטל, וואָס הויבט אויף אַ ביסל שטויב אין גאַס און לאָזט איבער נאָך זיך די אָנגעשטרענגטע, פאַרן שטורעם, שטילקייט.

סאַשא איז געבליבן אין שטאָט. ער האָט אויך געדאַרפט האָבן אַ ביסל רו, אַ ביסל צייט זיך צוזאַמענצונעמען מיט געדאַנקען. סך־הכל איז ער געווען „הינטער די אייזערנע קראַטעס" נאָר עטלעכע טעג; אָבער וואָס פאַר אַ מין טעג זענען דאָס געווען, מען האָט אים באַ־האַנדלט ווי גאָר אַ וויכטיקן פאַרברעכער, ווי אַ באַוואָפנטן שטאַרקן מענטש, פון וועמען מען מוז דערוואַרטן אַ ווידערשטאַנד. אַזוי האָט אים אויסגעמאָלט פּעטריק הוזער, און אַזוי האָט מען אים באַצייכנט אין די אינסטרוקציעס צו די, וואָס האָבן אים געדאַרפט איינגעמען. האָט מען זיך אויף אים אָנגעוואָרפן בשעת דעם אַרעסט מיט אַלע

כוחות, און מען האָט אים געשלאָגן אַזוי לאַנג, ביז מען איז געווען פולשטענדיק זיכער, אַז ער וועט שוין קיין ווידערשטאַנד נישט שטעלן, אפילו ווען ער האָט אַ ביקס אין זיין קעשענע. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט מען אים געפייניקט אַרויסצוקריגען פון אים, ווו האָט ער באַהאַלטן זיין וואָפן...

מען האָט אים באַפרייט, ווען ער האָט שוין געפילט, אַז מער וועט ער נישט קאָנען אויסהאלטן די פייניקונגען. קיין טיפע סימנים אויף זיין קערפער האָבן פונדעסטוועגן די פייניקונגען נישט איבערגע־לאָזט. די הויט־ווונדן און געשווילעכצן האָבן זיך געהיילט שנעל. די ביינער זענען געווען גאַנץ. נאָר דאָס רעכטע אויג האָט אים נישט געוואָלט דינען ווי ס'דאַרף צו זיין, און האָט געפינטלט כמעט אַן אָפּשטעל, אַזוי ווי דאָס אויג פון מלחמה־וועטעראַן סערגעי סמירנאָוו. די פייניקונגען האָבן אָבער אויף אים געהאַט אַ פיל טיפערן, גייסטיקן עפעקט. באַדריקט און אָפּגעשוואַכט, ווי ער איז געווען, האָט ער אָבער באַלד נאָך דער באַפרייונג דערפילט, אַז ער קאָן מער נישט שטיין ביי דער זייט, אַז ער דאַרף פאַר זיך באַשטימען, איינמאָל פאַר אלעמאָל, מיט וועמען ער זאָל גיין. עס איז אים נמאס געוואָרן צו זיין אַן אָביעקט פון עמעצנס עקספּערימענטן, אָדער אַ קרבן פון עמעצנס משוגעת. ער האָט אויך דערפילט דעם פאַרלאַנג צו נעמען זיין גורל אין די אייגענע הענט.

קיין סך מזל האָט ער אָבער אין דער הינזיכט נישט געהאַט. וואָרים עטלעכע וואָכן נאָך זיין קומען קיין מליני האָט מען אים גענומען מיט צוואַנג אין דער „פרייוויליקער אַרמיי".

* * *

פּאַסירט האָט דאָס אינמיטן זומער פון 1919, ווען איינער פון די דערפּאָלגרייכסטע אוקראַאינישע באַטקאָס, מאַכנאָ, האָט געפירט די אייגע־נע מלחמה מיט די ווייסע. מאַכנאָ האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַן אַנאַר־כיסט. זיינע סאָלדאַטן האָבן מאַרשירט און געקעמפט אונטער די שוואַרצע

פאַנען און עס איז געווען גוט באַקאַנט זיין לאָזונג: „שלאָג די רויטע ביז זיי וועלן ווערן ווייס, און די ווייסע ביז זיי וועלן ווערן רויט". האָט ער איצט געשלאָגן די ווייסע. געטאָן האָט ער דאָס נישט מיט קיין קליינעם דערפאָלג. זיינע כוחות האָבן זיך שטאַרק צעוואַקסן, און פאַר־נומען אַ גרויסע געגנט פון דרום־אוקראַינע, און אפילו באַדראָט אַזאַ באַדייטנדיקע אינדוסטריעלע שטאָט, ווי יעקאַטערינאָסלאַוו. די „פריי־ווילקע אַרמיי" פון גענעראַל דעניקין איז געווען באַשעפטיקט מיטן קאַמף קעגן די רויטע, און נישט געהאַט מיט וואָס צו באַקעמפן דעם געוואַגטן, דערפינדערישן באַטקאַ. פון קיין אַלגעמיינער מאָביליזאַציע האָבן די ווייסע נישט געהאַלטן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די פשוטע מענטשן אין גאַס. האָבן זיי באַשלאָסן צו גיין אויף אַ קאָמפּראָמיס און דערקלערן אַ מאָביליזאַציע נאָר פון געבילדעטע, יונגע מענטשן, דאָס הייסט — סטודענטן.

די מאָביליזאַציע איז געווען דורכגעפירט אין איילעניש, צוליב דער געשפּאַנטער לאַגע, און די סטודענטן זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די שלאַכטן מיט געניטע גאַרגל־שניידער, אַזוי שנעל ווי מען האָט זיי איבערגעטאָן אין מיליטערישע קליידער און געבראַכט אויפן פּלאַץ. אמת, נישט אַלע סטודענטן האָבן געקאָנט און געוואָלט שיסן. אָבער עס איז אויך נישט געווען גענוג ביקסן פאַר אַלע סטודענטן. האָט זיך דאָס, ווי סאַשאַ פלעגט שפּעטער זאָגן, „אויסגעגלייכט".

* * *

עס זענען נאָך נישט פאַרביי קיין צוויי וואָכן נאָך דער מאָביליזאַ־ציע, ווען סאַשאַ איז שוין געווען איינקוואַרטירט אין אַ דאָרפישער כאַטע, צוזאַמען מיט עטלעכע אַנדערע סטודענטן — אומבאַוואָפנטע אָדער האַלב־באַוואָפנטע, מיט ביקסן פאַר וועלכע עס האָבן אויסגעפעלט קוילן.

סאַשא איז געווען אַזוי מיד פון די עטלעכע טעג פאָרן אין פאַר־זיגלטע פּראַכט־וואַגאָנען און מאַרשירן איבער די שטויביקע וועגן אונטער דער ברענענדיקער זון, אַז ער האָט אפילו נישט געוואַרט אויפן

עסן, אָדער ביז די נאַכט וועט קומען. ער איז אַריין אין אַ שטאַל, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם פריש אָפּגעשניטענעם היי און איז באַלד איינגעשלאָפן.

אויפגעוועקט האָט ער זיך אינמיטן נאַכט פון אַ שרעקלעכן טומל, אין וועלכן עס האָט זיך געהערט דאָס קנאַקן פון מאַשין־געווער און געשרייען פון איבערגעשראָקענע מענטשן. אַ קינד אין אַ וויגעלע האָט זיך שטאַרק צעוויינט, און זיינע האַרץ־רייסנדע געשרייען האָבן זיך אויסגעטיילט פון דעם כאַאָס, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער וועלט, וואָס האָט אים מקבל־פּנים געווען אויף אַזאַ פאַרדאַרבענעם אופן.

סאַשא איז צוגעלאָפן צו דער אָפענער טיר אין שטאַל און דער־זען סילועטן פון רייטער גאַלאָפּירן איבער דער גאַס מיט ווילדע גע־שרייען. ערגעצוווּ, נישט ווייט, האָט אַ קופּע שטרוי געברענט און באַ־לויכטן די פּנימער פון מענטשן אויף די פערד, אַזוי גוט ווי די שאַרפע שווערדן אין זייערע הענט. די שווערדן האָבן געבלישטשעט אין דער לופטן. פאַרשוויצטע פערד האָבן געהירזשעט פון אויפרעגונג און גע־קראָכן מיט די זייטן אויף פּלויטן, פון שרעק פאַר די צובלוטיקטע מענטשלעכע קערפּערס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אינמיטן פון דער שמאָלער שטויביקער גאַס.

אַ כוואַליע פון שרעק האָט פאַרפּלייצט דאָס דאָרף און מיטגעריסן מיט זיך דעם אומבאַהאָלפענעם, אומבאַוואָפנטן סאַשא לעסניק. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן לויפן טיפער אין הויף אַריין, ווייטער פון די בליש־טשענדיקע שווערדן אויף דער פאַרבלוטיקטער גאַס. צוויי קוילן האָבן אַ שמיץ געטאָן איבער די צווייגן פון אַ ווײַנשל־בוים אין הויף.

— פּפּיט, פּפּיט...

סאַשא האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דערזען אַ סילועט פון אַ קליינער חזיר־שטאַל אין אַ טונקעלן ווינקל פון הויף, איז צוריק אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, האָט זיך אַ יאָג געטאָן צום שטאַל און זיך אַריינגערוקט אַהין דורך דער ענגער טיר מיט די פיס פאָרויס. אַריינגעקראָכן אינעם חזיר־שטיבל, האָט סאַשא פאָרזיכטיק פאַרמאַכט הינטער זיך דאָס טירל. דער פּלאַץ איז געווען

„אומבאַוווינט״. דער הילצערנער דיל איז דאָ נאָך אַלץ געווען באַדעקט מיט צעפוילט שטרוי און פאַרטריקנטן אָפּפאַל. עס איז דאָ געווען אַזוי ענג, אַז מ׳האָט זיך נישט געקאָנט אפילו אויף די קני אַוועקשטעלן. די לופט איז געווען דורכגענומען מיט די ריחות פון חיה׳שן שמוץ. עס איז שווער געווען צו אָטעמען. אָבער עס איז דאָ געווען שטילער און רויקער ווי אין הויף. די דרויסנדיקע קלאַנגען האָבן זיך אַהער דער־טראָגן אָפּגעשוואַכט און אַזוי ווי אָפּגערוקט ערגעצוו אין די וויטע גאַסן. סאַשא האָט זיך דאָ געפילט מער־ווייניקער אויסער געפאַר. ער האָט געפרווט זיך גוט איינאָרדענען אין זיין משונה׳דיקער קוואַרטיר, ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ זייט מיטן פּנים נענטער צום טירל ווו עס האָט זיך געזיפּט אַ שטרעמל פרישע לופט פון דרויסן. ער האָט געאָטעמט שווער. אַ באַדעקטער מיט שווייס, האָט ער זיך צוגעהערט צו יעדן קלאַנג אין הויף, געהערט ווי עס קלאַפּט זיין אייגן האַרץ; געהערט זיך איינשטילן די קלאַנגען פון שלאַכט, געציילט די מינוטן, גערעכנט די שעה׳ן, וואָס ער וועט נאָך מוזן פאַרברענגען אינעם קליינעם חזיר־שטאַל און איז איינגעשלאָפן.

אויפגעוועקט האָט זיך סאַשא ערשט ווען די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ הויך איבערן שטילן דאָרף. ער האָט דאָס געוווּסט פון אַ שטראַל ליכט, וואָס איז אַריינגעדרונגען דורך אַ שפּאַלט ביים סאַמען שפּיץ פון דעכל. דער שטראַל איז געפאַלן אונטן אין אַ ווינקל און סאַשאַ האָט געפרווט פאַרטרייבן די וויטיקן אינעם קערפּער, מיט קאָנ־צענטרירן זיך אויף אויסרעכענען ווי שפּעט עס איז. ער האָט געפּרווט אויסגעפינען צי ער קאָן נאָכפאָלגן דער באַוועגונג פון ליכט־שטראַל. ס׳איז געווען זייער אַ לאַנגזאַמע באַוועגונג. ער האָט געפּרווט אונטער־טרייבן דאָס ביסל ליכט:

— זיי אַזוי גוט, טו מיר אַ טובה, באַוועג זיך אַ ביסל שנעלער. מוזטו אומבאַדינגט צעציען אַ טאָג ביז אין דער אייביקייט אַריין?

ער האָט געפּרווט זיך אויפמונטערן מיט וויצלען זיך איבער זיין אייגענער מערכה:

— האָסט נישט געוואָלט זיך חברן מיט חזרים, האָט מען דיך אין אַ חזיר־שטאַל אַריינגעיאָגט. ס׳איז אפשר ערגער ווי באַטקאָ מאַכנאָס

שלאָף צימער, אָבער ס׳איז בעסער ווי זיין קבר. דער געלעגער איז גראָד א ווייכער, טאָ וואָס באַקלאָגסטו זיך? ס׳שמעקט נישט? שמעקט דייך בלוט בעסער?

ער האָט געפּרוווט זיך באַשעפטיקן מיט לייזן די געאָמעטרישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון זינט זיינע יונגערע יאָרן, אָבער די צייט האָט זיך געצויגן ווי אים צו להכעיס לאַנגזאַם. עס איז געוואָרן הייס אונטערן דינעם דעכל. עס האָט סאַשאַן אָנגעהויבן מאַטערן אַן אומדערטרעגלעכער דורשט. עס איז אים נישט גוט געוואָרן פון הונגער און געשטאַנק.

ער האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם יעדעס מאָל, ווען ער האָט גע־הערט עמעצנס טריט נעבן דער שטאָל און דאָס האָט אים געמאַכט פילן די שטיקעניש נאָך שטאַרקער. ער האָט זיך געביסן די ליפּן פון יסורים, אָבער „זיך געהאַלטן אין די הענט״. ער האָט נישט געטאָרט אַריינפאַלן אין די הענט נישט פון די ווייסע און נישט פון זייערע איצטיקע שונאים, פאַר וועלכע ער איז אַליין געווען אַ ווייסער, און אפשר גאָר אַ רויטער, ווער ווייסט וואָס ס׳האָט זיי געקאָנט איינפאַלן. ער האָט געלעקט מיטן צונג די צעקנאַקטע, שמערצנדיקע ליפּן, גע־ליטן די יסורים מיט טרערן אין די אויגן און זיך דערוואַרט ביז דער נאַכט.

ביינאַכט איז ער אַרויסגעקראָכן פון חזיר־שטיבל, אַריבערגעקראָכן אַ נידעריקן פּלויט, אַרויסגעגאַנגען אין דער ליידיקער גאַס און זיך אַרויסגעגנבעט פון דאָרף, ווו עס האָט זיך שוין מער נישט געפילט קיין סימן פון דער נעכטיקער שחיטה.

דער וועג פון דאָרף האָט געפירט איבער אַ בריקל, אונטער וועלכן סאַשאַ האָט געפונען אַ טייכל מיט דעם „זיסטן וואַסער אין דער וועלט״. ער האָט זיך אָנגעטרונקען ביז אַ ווייטיק אין ברוסט, זיך אויסגעטאָן, אַרומגעוואַשען, אויסגעוואַשן זיין העמד און הויזן, און זיי אויף זיך אָנגעטאָן נאַסערהייט.

געגאַנגען איז ער די גאַנצע נאַכט גלייך איבערן פעלד, ווו ס׳האָט שוין געוואַרט אויף דער שאַרפער קאַסע דער הויכער, שמעקנדי־

קער ווייץ. די פרישע לופט האָט פון אים צו ביסלעך פאַריאָגט די ריחות פון זיין באַהעלטעניש, אָבער ער האָט זיך געפילט דערשלאָגן, ער איז געווען מיד און הונגעריק. ער איז געגאַנגען די גאַנצע נאַכט איבערן פעלד, ווי אַן אויטאָמאַט, וואָס עמעץ האָט געלאָזט אין גאַנג זיין מעכאַניזם, אָבער פאַרגעסן צו געבן אים עפּעס אַ ריכטונג, עפּעס אַ מאָמענט און פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן.

ערשט ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלעשן די שטערן אין הימל, האָט ער באַמערקט אין דער גרויקייט פון פאַרטאָג דעם אָנשיט פון אַ באַן־ליניע; די טעלעגראַף־סלופּעס אַנטלאַנג דעם אָנשיט און אַ קליינעם הויף מיט אַ הייזל, שטאַל, גאָרטן און אַ ברונעם. דער הויף איז געווען מיט אַ פּלויט אַרומגעצוימט. עס איז געווען, ווייזט אויס, דאָס וווינ־אָרט פון אַ באַן־אויפזעער. דער הויף איז געשטאַנען אינמיטן סטעפּ, ווי אַ קליין אינדזל אינמיטן ים. פאַר סאַשען האָט ער אויסגע־זען ווי אַן אָאַזיס אין מדבר.

איז עס נישט געווען קיין מיראַזש? ניין! עס איז נישט געווען קיין מיראַזש. סאַשא איז געווען זיכער אין דעם. ער איז אַוועק צום הויף און איז צוגעגאַנגען צום טויער. ער האָט באַשלאָסן צו פּרוּוון דאָ זיין גליק. ער האָט זיך קוים וואָס געהאַלטן אויף די פיס, איז גע־ווען הונגעריק, זיינע פיס האָבן געברענט אין די שטיוול פון עטלעכע שעה גיין איבער נישט קיין אויסגעטראָטענעם וועג. ער האָט געמוזט האָבן אַ פּלאַץ וווּ זיך גוט אויסרוען און שטילן דעם הונגער.

אַ הונט, צוגעבונדן מיט אַ קייט, האָט זיך צעבילט הייזעריק און אויפגעוועקט עמעצן אינעם הויף. אַן אַלטער מאַן האָט זיך לאַנג געפּאָרעט אין דער קליינער כאַטע און האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל, אַ פאַרשלאָפענער, מיט אַ דיקן שטעקן אין דער האַנט:

— ווער ביסטו? ווי קומסטו אַהער? טראָג זיך בעסער אָפּ פונדאַ־נען, איידער איך וועל אויף דיר מיין הונט אָנרייצן! מען שלייעט זיך איבער די וועגן ווי אמתע שלעפּערס. קיין רויקע מינוט קאָן אַן אָרנט־לעכער מענטש נישט האָבן.

סאַשא האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט נישט געוואָלט

אויפגעבן די האָפענונג. ער האָט געפּרווווט אַריינרעדן אין דעם אַלטן מאַן:

— איך שלייע זיך נישט, זיידע. כ׳בין אַ סטודענט. כ׳בין דאָ גע־קומען ניקשט מיט מיין פרייען ווילן. דער גורל האָט מיך אַהער פאַר־וואָרפן. גלויבט מיר אַז כ׳האָב שוין דריי טעג גאָר נישט געגעסן. אויב איר האָט עפּעס צום אָפּעסן, וועל איך אייך פאַר דעם באַצאָלן. כ׳האָב נאָך אַ פּאָר רובל אין קעשענע.

דער אַלטער מאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיטן שטעקן אויף ביין:

— נישטאָ ביי מיר קיין איבעריק עסן. איך בין אַליין הונגעריק. גיי זיך אַהין פונוואַנען דו ביסט געקומען. סטודענטן האָבן אונדז נאָך אויסגעפּעלט!

סאַשא איז געשטאַנען אַ וויילע אומאַנטשלאָסן, אָבער געזאָגט האָט ער שוין גאָרנישט, עס האָבן אים אויסגעפּעלט ווערטער. ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפן און זיך אַליין אין דעם מודה געווען. עס האָט זיך אים שטאַרק נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, אָבער ווי לאַנג האָט ער דאָ געקאָנט אַזוי שטיין. ער האָט זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט אַנטלאַנג דער באַן־ליניע, אַנטקעגן דער אויפשטראַלונג פון קאַ־יאָר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שנעל פאַרשפּרייטן איבערן פרימאָרגנ־דיקן הימל.

— וואַרט אַ מינוט! — האָט ער פּלוצים דערהערט הינטער זיין רוקן אַ שטימע פון אַ פרוי. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגע־דרייט צו איר. זי איז געווען אַ יונגע פויערטע, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל פון אַ ווייס לייוונט־העמד אויף אירע שטאַרקע, פאַרברוינטע אָרעמס. זי איז געשטאַנען אויפן שוועל צוזאַמען מיטן אַלטן מאַן און געהאַלטן דעם הונט פאַר דער קייט ביים סאַמע קאָלנער.

— וואַרט אַ מינוט — האָט זי געזאָגט נאָך אַמאָל מיט אַ ווייכער ברוסט־שטימע — קומט אַהער. איר זאָגט, אַז איר זענט אַ סטודענט. מען האָט אייך מאָביליזירט צי וואָס?

— יאָ.

— קיין געווער האָט איר נישט? אַנו, קערט איבער אייערע קע־שענעס.

סאַשאַ האָט געטאָן ווי זי האָט באַפוילן.

אויף דער ערד איז אַרונטערגעפאַלן אַ פּיכט פּעקל פּאַפּיר־געלט. אַ האַלב אויסגעליידיקט פּעקל טאַבאַק מיט שוועבעלעך, אַ שטיקל בליי־פעדער און אַ לאַנגע שוואַרצע קאַם.

סאַשאַ האָט אויפגעהויבן די זאַכן פון דער ערד און האָט עס באַוויזן דער פרוי.

— דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב.

— גוט, האָט די פרוי געזאָגט שטרענג, גייט אַריין, מיר זענען נישט קיין האַרצלאָזע מענטשן. מירן אייך געבן אָפּעסן. אָבער נאָכן עסן וועט איר באַלד מוזן גיין. מיר האָבן נישט קיין פּלאַץ פאַר קוואַר־טיראַנטן.

— האָט אויף אונדז נישט קיין פאַריבל — האָט זי צוגעגעבן, ווען זי האָט באַמערקט אַ שאָטן פון אַנטוישונג אויף סאַשעס פּנים, — האָט אויף אונדז נישט קיין פאַריבל, אָבער דאָס איז אַלץ וואָס מיר קאָנען טאָן פאַר אייך. מיר אַליין דאַרפן אויך לעבן אויף דער וועלט.

זיך אַרומגעוואַשן אין דרויסן ביים ברונעם, זיך אָפּגעפרישט מיט אַ טרונק קאַלט וואַסער, איז סאַשא אַריין אין כאַטע. די פרוי האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז מילך מיט אַ שטיקל ברויט, צו וועלכן סאַשאַ האָט זיך צוגעכאַפּט מיט אַ וואָלפישן אַפּעטיט.

דער אַלטער מאַן און די פרוי האָבן פון אים נישט אַראָפּגע־לאָזט די אויגן.

— ווער זענט איר, ווי קומט איר אַהער? — האָט אים די פרוי געפרעגט שטיל, ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז ער זעט נישט אויס ווי אַ בייזוויליקער מענטש.

סאשא האָט נישט געענטפערט. אַזוי פאַרטאָן איז ער געווען מיטן עסן.

זיך אָנגעזעטיקט, האָט סאשא אָנגעהויבן רעדן ווי צו זיך אַליין און גערעדט אַזוי לאַנג ביז די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעהויבן

צו קלעפּן. ער האָט דערציילט אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט וועגן זיך — דעם גאַנצן אמת. ער האָט נישט געהאַט וואָס צו באַהאַלטן. ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו שעמען. ער האָט נישט געהאַט קיין מורא פאַר די גוטע מענטשן, וואָס האָבן אים געגעבן דאָס געשמאַקע ברויט און פרישע מילך.

ער האָט זיי דערציילט די מעשה פון זיין לעבן אָן קיין שום אָנשטעל, אָבער מיט דער רויקייט פון אַ מענטש, וואָס האָט אַ ריין געוויסן און עס וואָלט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ער שטעלט זיך פאָר פאַר די גוטע מענטשן:

„דאָס בין איך, סאַשאַ לעסניק, אַ זון פון מיין פאָטער, אַ קינד פון מיין פאָלק און מיין צייט; אַ געוועזענער סטודענט אין סאָלדאַטישע קליידער, אויסגעשמירט אין פאַרלעגענעם חזיר־שמוץ, אָבער נישט באַפלעקט מיטן שמוץ פון מיאוסע טאַטן — נישט באַפלעקט מיט מענטשלעכן בלוט. טוט מיט מיר וואָס איר ווילט. איך בין אין אייערע הענט, אָבער, זייט אַזוי גוט, לאָזט מיך דאָ אַ ביסל זיך דורכשלאָפן ווי אַ מענטש."

די פרוי האָט אויסגעהערט סאַשען מיט אויפמערקזאַמקייט. זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווייל זי האָט אים גוט פאַרשטאַנען.

דערזען אַז סאַשעס אויגן פאַרמאַכן זיך שוין פון זיך אַליין, האָט זי אָנגעוויזן סאַשען אויף דער באַנק:

—לייג זיך אַוועק — בידלאַזשני כלאָפּעץ — שלאָף זיך אויס אַ ביסל. מירן שוין מיט דיר זיך עפּעס אַן עצה געבן.

* * *

זיך געשטאַרקט מיט עטלעכע שעה רויקן שלאָפן, האָט סאַשאַ פאַרבראַכט דעם רעשט פון טאָג אין שטאַל. אין אָוונט האָט די ווילע פרוי אים ווידער אַריינגערופן אין הויז, אים אָנגעוויזן אויפן געדעקטן טיש, ביי וועלכן עס איז געזעסן אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק מיט שמייכלדיקע ליכטיק גרויע אויגן אויף אַ ריין געגאָלטן פּנים פון אַן אַרבעטער.

— באַקענט זיך, דאָס איז מיין מאַן.

דער מאַן האָט דערלאַנגט סאַשען זיין שטאַרקע, מיט האַרטע מאָזאָ־ליעס באַדעקטע האַנט און האָט אים איינגעלאַדן צום טיש:

— זעצט זיך צו צום טיש, שטייט צו צו דער קאָמפּאַניע, שעמט זיך נישט.

ער איז געווען אָנגעטאָן אין פאַראייליטע העמד און הויזן און סאַשא האָט אין אים באַלד דערקענט אַ באַן־מאַשיניסט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש מיט אַ געפיל אַז דער מאַן וועט אים העלפן.

— ביסט, הייסט עס, אַ סטודענט — האָט אים דער מאַשיניסט געפרעגט נאָך אַ ווייל שווייגן — וואָס פאַר אַ סאָרט סטודענט ביסטו?

— טעכנאָלאָג.

— ביסטו מיט דאַמף־מאַשינען באַקאַנט?

— גאַנץ גוט. כ'האָב אפילו געאַרבעט ביי אַ דאַמף־קעסל.

— וווּ?

— אין אַ פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען.

— אין כאַרקאָוו?

— יאָ, העלפעריך סאַדע, איר האָט אפשר געהערט?

—כ'האָב געהערט. האָסטו, הייסט עס, פּראַקטיצירט דאָרטן, גע־שאַרט קוילן?

— יאָ, עטלעכע וואָכן צייט.

— זייער גוט, אויסגעצייכנט!... מיין אוסטינא האָט מיר דערציילט אַלץ וועגן דיר. איך קאָן שוין דיך, דוכט זיך, בעסער פון זיך אַליין. כ'האָב געטראַכט און געטראַכט און ווי מען זאָל דאָס נישט דרייען קומט אויס, אַז דו קאָנסט פון דאַנען אַליין אין ערגעץ נישט גיין. ווען דו וואָלסט כאָטש נישט זיין קיין ייד, אָבער אַזאַ ביסטו און ס'איז פאַר־פאַלן: אַ מענטש איז נישט קיין שטיק אייזן. מען קאָן אים נישט איבער־שמעלצן אויף אַ נייעם. כ'גלויב אָבער, אַז מירן פאַר דיר יאָ געפינען אַן אויסוועג. בלייב דאָ מיט מיין טאָטן און אוסטינאַן, זיי וועלן דיך דאָ אָפּהיטן. אין אַ וואָך אַרום וועל איך זיין צוריק, וועל איך דיר

קאָנען זאָגן ווו דו געפינסט זיך — אויף דער וועלט, אָדער אויף יענער...

* * *

אין אַ וואָך אַרום איז פּראָכאָר פּאָטאַפּאָוו (אַזוי האָט מען גערופן דעם מאַשיניסט) אַרונטערגעשפּרונגען פון פאַרבייגייענדיקן צוג, וואָס האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג פאַר זיינעטוועגן. ער איז געקומען אַהיים מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם. אינעם פּעקל האָבן זיך געפונען אַרבעט־קליידער פאַר אַ קאָטשעגאַר (אַ קעסל־הייצער). ער האָט באַלד געלאָזט סאשען אָנטאָן די קליידער און האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַפּירל:

— דאָס איז דיין דאָקומענט. געדענק, ביזט איצט סטעפּאַן פּעט־ראָוויטש הרובאַ, סטיאָפּאַ, הייסט עס. פאַרגעס אויף אַ ווייל אין... זוי הייסטו דאָרטן — סאַשאַ לעסניק? גוט, פאַרגעס אויף אַ ווייל אין סאַשען און אין לעסניקן. דער אָרעמער סטודענט, נעבעך, איז דערהרגעט גע־וואָרן פון די מאַכנאָווצעס, זאָל די ערד אים זיין גרינג ווי אַ פּעדער. ער איז נישטאָ און וועט נישט אויפשטיין תחית המתים, ביז איך וועל אים נישט געבן אויף דעם מיין פּערזענלעכע דערלויבעניש... נו, נאַ דיר מיין האַנט. אַ גליק וואָס דו זעסט אויס ווי אַן אונדזעריקער יאַט... ע־ע־ע, דו קאָנסט קוועטשן! — כ׳לעבן דו קאָנסט קוועטשן! ווו האָסטו גענומען דעם כוח. אַ סטודענט זאָל האָבן אַזאַ שטאַרקע האַנט. מסתמא ביזטו געבוירן געוואָרן צו ווערן אַ קאָטשעגאַר... ווי מען זאָגט עס ביי אייך, די געלערנטע מענטשן, כ׳מיין די קאָטשעגאַרן. אַ שפּיל פונעם גורל!..

16
##ביים טויער פון שטאָט

סוף זומער האָבן גרויסע אַפּישן אויף מלינער ווענט אָנגעזאָגט די גלייכגילטיקע תושבים, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון דער רויטער מאַכט. לויט די אַפּישן האָט די „זיגרייכע פריווויליקע אַרמיי״ פון גענעראַל דעניקין פאַרנומען אָריאָל און האָט זיך געלאָזט גיין אומ־

געשטערט קיין מאָסקווע. די אַרמיי פון גענעראַל יודעניטש האָט באַ־לאַגערט לענינגראַד און אַדמיראַל קאָלטשאַק איז שוין געווען ביי דער וואָלגע. קיינער האָט דאָס נישט געגלויבט, כאָטש פאַר אַ קורצער צייט איז דאָס געווען דער ריינער אמת. די שטאָט האָט געפילט, אַז די מאַכט פון די ווייסע איז נישט קיין דויערנדיקע, אַז זי געפינט זיך שוין אין אַ צושטאַנד פון צעפוילונג. די מאַכט האָט געפּרוּווט רעסטאַוּ־רירן דעם אַלטן רעזשים און איז נישט געווען פעיק דאָס צו טאָן. די פּריצים האָבן נישט געקאָנט באַנוצן די ערד, וואָס זיי האָבן ווידער־פאַרנומען, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט נישט קיין מכשירים, נישט קיין „הענט" פאַר דער אַרבעט. זיי האָבן מורא געהאַט צו וווינען אויף זייערע צעשטערטע גיטער. זיי האָבן געזוכט קונים אויף דעם איבערגע־בליבענעם אייגנטום און זעלטן ווען געפונען. אָבער אַז זיי זוכן די קונים האָט יעדער איינער געוווּסט. איז עס געווען אַ סימן, אַז זיי גרייטן זיך צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. יעדער איינער פון די פּריצים, אַזוי גוט ווי יעדער פון די גאָר רייכע מענטשן, האָט זיך געיאָגט נאָך דעם „באַוועגלעכן אייגנטום", נאָך די „נאָבעלע" מעטאַלן און שטיינער, וואָס האָבן אַ ווערט אין יעדן לאַנד פון דער גרויסער וועלט.

און אָט האָבן זיך שוין באַוויזן אויף די מלינער גאַסן ציווילע פּליטים אויף פאַרשטויבטע וועגענער, אָנגעפּאַקט מיט שטוב־זאַכן.

און אָט האָבן זיך שוין באַוויזן אויף די גאַסן פאַראיינצלטע קליינע אָפּטיילונגען פון סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהאַט אַן אייגענעם באַגריף וועגן „אייגנטום און אָרדענונג".

און אָט האָט די שטאָט איבערגעלעבט אין די גאַסן אַ געיעג אינמיטן העלן טאָג נאָך די מלינער שטיוול, מיט אַ פאַרצוג פאַר יידישע שטיוול אָדער שיך.

אין איינעם פון יענע טעג האָבן דריי סאָלדאַטן באַזוכט אהרן לעסניקן, ביי אים אינדערהיים. סאָניע האָט געהאַט גוט אין זינען, אַז איר סאַשאַ איז אויך אַ סאָלדאַט, האָט זי זיי געגעבן גוט אָפּצועסן און מיטגעגעבן אַ ביסל שפּייז. זיי האָבן שוין געוואָלט אַוועקגיין, ווען

איינער האָט באַמערקט אויף אהרנען אַ פּאָר גאַנצע שיך. האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— גיט מיר אַ גוטן פּריַיז פאַר אייערע שיך, וועל איך זיי אייך „פאַרקויפן".

אהרן האָט באַצאָלט דעם גוטן פּריַיז און האָט באַמערקט אָן קיין שום שמייכל:

— פונדעסטוועגן האָט איר מיר געקאָנט פּשוט זאָגן, אַז איר ווילט געלט. ס'איז, פאַרשטייט איר מיך, פּשוטער אַזוי און שענער.

— זאָרגט זיך נישט וועגן דעם — האָט דער סאָלדאַט געענטפערט — מיר וויסן אַליין ווי אַזוי זיך צו געבן אַן עצה.

אין דעם האָט אהרן נישט געצווייפלט.

* * *

אַזוי האָט זיך אָנגערוקט דער האַרבסט מיט גרויע וואָלקנס און נאַסע, כמורנע טעג אין דער אומעטיקער שטאָט.

אין איינעם אַזאַ טאָג זענען אין מליני אַריינגעפאָרן צוויי רייטער אָנגעטאָן אין קליידער פון קאָזאַקן. זיי האָבן געטראָגן שוואַרצע טשערקעסקעס מיט פּאַטראָנען־קעשענעס אויפן ברוסט און פוטערנע היטעלעך אויף די קעפּ. זיי זענען לאַנגזאַם געפאָרן אויף דער הויפּט־גאַס און עפּעס געזוכט אין שטאָט מיט נייגעריקע אויגן. איינער פון זיי — אַ קליין־וווּקסיקער מיט אַ רויטן פּנים און קליינע גרויע אויגן, פאַרשפּיצטע מיט אַ קרומען שמייכל אַנטקעגן דער דרויסנדיקער וועלט, איז געפאָרן אַ ביסל פאָרויס פון זיין חבר.

דערזען אַ פאָטאָגראַפישע אַטעליע האָט ער פאַרקערעוועט זיין פערד פון מיטן גאַס צום טראָטואַר און גערופן נאָך זיך דעם חבר:

— לאָמיר זיך לאָזן פאָטאָגראַפירן אויף אַ נאָווינע...

ביי דער אַטעליע איז ער אַראָפּגעקראָכן פון פערד, אַריין אינעווייניק און זיך באַלד אומגעקערט אין גאַס, באַגלייט פון דעם איבערגעשראָקענעם פאָטאָגראַפיסט בערל רודניצקי.

— פאָטאָגראַפיר — האָט ער אים שאַרף באַפוילן און זיך אַוועק־געשטעלט ביים פערד.

זיין פערד האָט אָבער נישט געוואָלט שטיין רויק. עס האָבן דעם פערד דאָקוטשעט גרויסע, בייזע פליגן, וועלכע האָבן איצט געהאַלטן ביי זייערע לעצטע טעג און זיך באַמיט צו פאַרשיכורן מיט אַ ביסל פריש בלוט. דאָס פערד האָט געיאָגט די פליגן מיטן וויידל, אָפּגעבריי־קעוועט זיך פון זיי מיט די פיס, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געאַרבעט מעשים, אַזוי לאַנג ביז בערל האָט זיך גענומען בעטן ביים קאָזאַק:

— עס איז אוממעגלעך צו נעמען דאָס בילד. אייער פערד קאָן נישט איינשטיין אויף איין פלאַץ. קומט מיט מיר אין מיין אַטעליע, וועל איך אַראָפּנעמען פון אייך אַ גוט בילד.

— זייער גוט — האָט דער קליין־וווקסיקער קאָזאַק אַ שמייכל געטאָן — זאָל זיין אין דער אַטעליע.

ער האָט אַ צי געטאָן נאָך זיך דאָס פערד, געעפנט די גלעזערנע טיר מיט אַ שטויס פון זיין שטיוול און איז אַריין אין אַטעליע צוזאַמען מיטן פערד. דאָס פערד האָט אויסגעהאַקט סמנים פון זיינע פאָדקאָוועס, צוערשט אויף די הילצערנע טרעפּ, און דאַן אויפן הילצערנעם דיל, זיך אַרומגעקוקט מיט אומרויקע אויגן, זיך צוגעהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, צי מ׳הערט נישט קיין קלאַנגען פון עפּעס אַ געפאַר אין דער דאָזיקער מאָדנער שטאַל, זיך דערפילט היימיש, צעשטעלט די הינטער־שטע פיס, אָפּגעטאָן וואָס עס האָט באַדאַרפט און זיך איינגאַנצן באַרויקט.

דער קליינער קאָזאַק האָט זיך צעלאַכט פונעם איינפאַל, געלאָזט פון זיך נעמען אַ בילד און באַלד געפרעגט:

— ווו איז דאָס בילד?

— דאָס בילד איז נאָך נישט פאַרטיק. עס נעמט צייט. קומט מאָרגן.

— מאָרגן? מיינסט, אַז איך האָב פאַר דיר צייט, דו הינטישע שקורע!..

— אָבער איך מאַך נישט קיין מאָמענטאַלע פאָטאָגראַפיעס!

— טאָ פאַרוואָס האָסטו מיר באַלד נישט געזאָגט, אַז דו מאַכסט נישט ?

— ס׳איז דאָך אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך.

— מיינסט צו זאָגן, אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט !

— אָ, ניין, גאָט איז מיט אייך. פּונקט פאַרקערט.

— פּונקט פאַרקערט, כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זיך צעלאַכט דער קליינער קאָזאַק — פּונקט פאַרקערט ? און וויפל קאָסט אַ טוץ פון די פאָטאָ־גראַפּיעס ?

בערל רודניצקי האָט געזאָגט וויפל. ער איז געווען געצוווּנגען צו באַצאָלן דריי מאָל אַזויפיל פאַרן „שאָדן״, וואָס ער האָט געבראַכט דעם קליינעם קאָזאַק, זיך דערוואַרט ביז יענער האָט אַרויסגעפירט זיין פערד פון אַטעליע, פאַרשלאָסן דאָס געשעפט און אַריינגעלאָפן אין שטוב אויס מורא פאַרן קליינעם מענטשל מיט דער גרויסער בייטש אין האַנט.

די קאָזאַקן האָבן אַוועקגעריטן אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַציע. עס האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ דריבנער רעגן.

כמעט ביים ראַנד פון שטאָט, נישט ווייט פון דער גרויסער מיל, האָבן זיי באַמערקט אַ מענטש גיין איינער אַליין אין גאַס. ס׳איז געווען אַבראַשקאַ. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער מיל ביים אונטערפירן אַ בילאַנס און האָט זיך געאיילט אָנצוקומען אַהיים איידער ס׳וועט צו־שפּעט. אַ מידער, אַן איינגעבויגענער ווי אַ זקן, האָט ער זיך גע־הויקערט און געוואַקלט ביים גיין פון זייט צו זייט. מיט זיינע געלע האָר אויף די נישט געגאָלטע באַקן האָט ער אויסגעזען ווי אַ ישיבה־בחור, וועלכער גייט אין גאַס נאָך אַ טאָג לערנען.

דער קליינער קאָזאַק האָט באַלד דערקענט אַז ער איז אַ ייד. ער האָט זיך באַלד אַ יאָג געטאָן צו אים, באַגלייט פון זיין גלייכגילטיקן חבר.

עטלעכע פּויערים ביים טויער פון דער מיל האָבן זיך אַריינגע־כאַפּט אין הויף אַריין אונטערן שוץ פון דעם הויכן, שטאַרקן צאַם. דער מיל־היטער איז צוגעשפּרונגען צום שווערן טויער און אים פאַר־שלאָסן פון אינעווייניק.

דער קליינער קאָזאַק איז כמעט אַרויפגעפאָרן אויף אַבראַשקאַן און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם פערד:

— וואָס טוסטו דאָ — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ קרומען, ציי־נישן שמייכל פון אַן אכזר — דו פאַרשטעלסט מיין פערד דעם וועג?!

אַבראַשקאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ געמיטלעכן שמייכל פון אַ דערוואַקסענעם מענטש, וואָס האָט צו טאָן מיט אַ בייזווייליק קינד, און שטיל געזאָגט:

— נישט ווילנדיק, אַזוי צו זאָגן.

— און אַ ייד ביזטו ווילנדיק, צי נישט־ווילנדיק? — האָט דער קליינער קאָזאַק געפרעגט מיט דעם זעלבן קרומען, ציינישן שמייכל אויף זיין רונדן פּנים.

אַבראַשקע האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן, אָבער מער צו זיך אַליין ווי צו עמעצן אַנדערש, און האָט גאָרנישט געענטפערט.

— דו שוויגסט? דו קאָנסט הייסט דאָס נישט רעדן, און טאַנצן קאָנסטו?

אַבראַשקאַ האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט און אויפגעהערט שמייכלען.

— קאָנסט נישט, הייסט עס, האַ? גוט, וועל איך דיך אויסלערנען רעדן און טאַנצן!..

דער קליינער קאָזאַק האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש איבער אַבראַשקעס פיס:

— טאַנץ, הינטישער זון!

אַבראַשקאַ האָט אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן אַ פוס, אָבער האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט, ער האָט זיך אויסגעגליכן און אויסגעזען פיל העכער, ווי עס האָט געשיינט ערשט מיט אַ מינוט פריער.

— טאַנץ, יידישע שקורע! — האָט זיך צעיושעט דאָס קליינע מענטשל אין די קאָזאַקישע קליידער. ער האָט ווידעראַמאָל אַ שמיץ געטאָן אַבראַשקאַן איבער די פיס. אַבראַשקאַ האָט איצט אינגאַנצן נישט רעאַגירט אויפן וויטיק. ער האָט געקוקט מיט אָפענער פאַר־

אַכטונג אויפֿן קליינעם קאָזאַק און האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות נישט צו באַוועגן די פּיס.

— טאַנץ! — האָט היסטעריש אויסגעשריגן דאָס קליינע קאָ־זאַקל און האָט אַ שמיץ געטאָן אַבראַשקאַן מיט דער בייטש איבערן פּנים. אַבראַשקאַ האָט אינסטינקטיוו פֿאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן. ער האָט זיי באַשיצט פֿון בייטש. אָבער דאָס לעדער פֿון דער בייטש האָט אים צעשפּאָלטן די אונטערשטע ליפּ. אַבראַשקאַ האָט אָפּ־געווישט דאָס בלוט פֿון ליפּ מיט דער האַנט. אַ קוק געטאָן אויף דער האַנט און אַ בורטשע געטאָן אונטערן נאָז:

— אידיאָט...

דער קליינער קאָזאַק האָט דאָס דערהערט. ער איז געוועזן צו־ערשט דערשטוינט. אָבער איצט האָט ער שוין געהאַט מיט אַבראַש־קען פֿערזענלעכע חשבונות. עס איז שוין מער נישט געווען פֿאַר אים סתּם אַ שפּיל מיט יענעמס לעבן, מיט יענעמסליידן. ער האָט איצט געהאַט צו טאָן מיט אַ שונא. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ גו־טער, באַקוועמער פּאָזיציע, אָנגעשפּיגן אויף דער דלאָניע און אָנגעהויבן שמייסן מיט דער פֿליאַנקע איבער אַבראַשקעס פּנים, איבער זיינע הענט, איבער די פּיס, איבערן רוקן מיט דעם גאַנצן כּוח פֿון זיינע קליינע הענט.

זיין גרויסער חבֿר האָט אויסגעשפּיגן אין אַ זייט. ער האָט שוין געוווסט דעם סוף פֿון דער מעשה. ער האָט געוווסט, אַז זיין חבֿר וועט נישט אָפּטרעטן פֿון דעם קרבן, איידער ער וועט אים פֿאַרשמייסן צום טויט. ער האָט מער נישט געוואָלט בייוווינען די ווילדע אַרגיע פֿון רציחה. ס'האָט אים געדריקט אויף די נערוון. ער האָט אַראָפּגענומען דעם קאַראַבין פֿון זיין רוקן, האָט גוט אָנגעצילעוועט און אויסגעשאָסן.

אַבראַשקאַ האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרצן, זיך שטיל אַראָפּגע־לאָזט אויף די פּייכטע ברעטער פֿון טראָטואַר און אַ זיפֿץ געטאָן מיט דערלייכטערונג. ער האָט שוין מער נישט געפֿילט קיין שום ווייטיק, קיין שום יסורים.

דער קליינער קאַזאַק האָט זיך אויסגעדרייט צו זיין גרויסן חבר און אויסגעשריגן מיט ווילדן כעס:

— וואָס האָסטו דאָ אָפּגעטאָן!

דער גרויסער חבר האָט אויף אים אָנגעשטעלט דעם קאַראַבין און שטיל געזאָגט:

— זיי אַזוי גוט, שורא, זעץ זיך אַוועק אויפן פערד איידער מיין געדולד פּלאַצט. דו ווייסט דאָך, אַז איך קאָן דערשיסן אַ מענטש, אויב ער צווינגט מיך דערצו.

דער קליינער קאַזאַק האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פערד און איז אַ שמיץ געטאָן מיט דער פליאַנקע. דאָס פערד האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער גאַס אין אַ ווילדן גאַלאָפּ, אַזוי ווי עס וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון די שמיץ, וואָס זענען געפאַלן אויף זיין נאַסער הויט.

אַבראַשקאַ איז געבליבן ליגן אויף די האַרטע, פאַרבלוטיקטע ברעטער פון טראָטואַר אונטערן טרויעריקן הימל, וואָס האָט געוויינט מיט שטילע רעגן־טרערן אויפן פאַרשניטענעם לעבן פון אַ האַרציקן, באַשיידענעם מענטש.

* * *

אַרטשיק פיין איז געווען איינער פון דער קליינער גרופּע מוטיקע מענטשן, וועלכע האָבן, צוזאַמען מיט דער משפּחה לעסניק באַגלייט אַבראַשקען אויף זיין לעצטן וועג. ער האָט אַבראַשקען גוט געקענט. אַבראַשקאַ איז געווען פאַר אים אַ קוואַל פון בילדונג, אַזוי ווי די ביכער, וואָס זענען נישט געווען צוגענגלעך פאַר אַרטשיקן, זענען פריער געווען אַ קוואַל פון בילדונג פאַר אַבראַשקען.

* * *

צו משה גאָטליב האָט די נייעס וועגן אַבראַשקעס טויט געבראַכט די פּאַרוויינטע סאַראַטשקע.

— דאָ האָסטו דיר דעם יידישן גורל — האָט איר פּאָטער געזאָגט נאָך אַ לאַנגן שווייגן — ס'האָט געלעבט אַ וווילער בחור, אַ געלערנ־טיר, אַן ערנסטער, אַ פארחלומטער מענטש. ווען דו וואָלסט ביי אים געפרעגט: „אַבראשקאַ, ביזט אַ ייד?", וואָלט ער מסתמא זיך גע־חידושט, למאי מען פרעגט ביי אים אַזאַ קלאָץ־קשיא. עס איז פאַר אים נישט געווען קיין ענין, וועגן וועלכן עס איז כדאי אַ טראכט צו טאָן. ער איז געווען אַ מענטש, און דאָס האָט אים פולשטענדיק באַפרידיקט. וואָס פאַר אַ מין מענטש? — אַ מענטש, בכלל, אַזוי צו זאָגן; קיינעמס נישט און אַלעמענס אַ מענטש — תמיד גרייט זיך אויפלייזן אינעם גרויסן כלל פון דער מענטשהייט. אָבער איך פרעג ביי דיר סאַראָטשקאַ — דו ביזט דאָך ביי מיר אַ קלוגע, אַ געלערנטע טאָכטער— איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי מענטשהייט? — עס איז דאָ אַזאַ וואָרט, סאראָטשקאַ, אַזאַ באַגריף, אָבער עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך. דער רוס איז דאָ, דער אוקראַינער איז דאָ און דער ייד איז נאָך אַלץ דאָ. גאָט זאָל אונדז אָפּהיטן פון אַלע אונדזערע שונאים. און דאָס איז דיר די גאַנצע מלינער מענטשהייט. נאָר וואָס דען? — דער רוס האָט זיך זיין לאַנד און שפּראַך; דער אוקראַינער לערנט זיך רעדן אוקראַיניש ביי זיינע אינטעליגענטן. דער ייד אָבער רעדט אוקראַיניש, רוסיש, טאָטעריש און ער לעבט ווו עס מאַכט זיך. אָבער אַז עס קומט צו שטאַרבן, שטאַרבט ער אויף דער פרעמדער ערד דווקא אַלס ייד. שטאַרבט ער אַליין נישט אַלס ייד — דערהרגעט מען אים אַלס אַ ייד. פּרוווט ער, ווידער, אויס־חלומען פאַר זיך אַ וועלט, ווו מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ מענטש בכלל, גלייך מיט אַלע אַנדערע בכלל־מענטשן, הויבט מען אויף אַ טומל, אַז דאָס איז דווקא אַ יידישע וועלט. אַ ראיה האָסטו — מאַרקס איז געווען אַ ייד. פרעג איך ביי דיר, סאַ־ראָטשקאַ, האָט זיך מארקס געהאלטן פאַר אַ ייד? — חס ושלום. אָבער ביי פּורישקעוויטשן, הייסט עס, אַז מאַרקסיזם איז אַ פּראָדוקט פון יידישן גייסט, נישט מער און נישט ווייניקער. און אויב פּורישקעוויטש מעג, מעג דאָך איינער אַ ניקאָלאַי וואַינאָוו אוודאי און אוודאי. איז מען שוין גרייט צו פירן אַ הייליקע מלחמה קעגן דעם „יידישן מאַרקסיזם",

אָדער „יידישן באָלשעוויזם”, אָדער יידישן ווייס איך וואָס. עס קומט אויס, אַז דער ייד, וואָס האַלט זיך נישט פאַר קיין ייד איז נאָך מער אַ ייד, ווי דער וואָס האַלט זיך דווקא יאָ פאַר אַ ייד. און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דערהרגענען אַזאַ ייד ווי איך — מעג מען, אָבער אַזאַ ווי אַבראַשקאַ — מוז מען. פרעג איך ביי דיר, סאַראַטשקע, האַרציק מיידל מיינס, ווו איז דער שיער? זענען מיר געבוירן געוואָרן צו לעבן אַלס יידן, צי נאָר צו שטאַרבן אַלס יידן.

* * *

עטלעכע טעג נאָך אַבראַשקעס טויט האָט דוניאַשאַ געזאָגט צו אַ שכנה:

— דאָס איז דאָך אַזוי ווי דערהרגעט אַ קינד.

* * *

סיאָמאַ האָט נישט געוויינט, נישט געקלאָגט און נישט גערעדט וועגן אַבראַשקען און זיין טויט. ער האָט בכלל אויסגעמיטן צו רעדן מיט מענטשן. ער האָט געליטן שטיל. טיף אין זיין נשמה האָט ער נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט אַבראַשקעס טויט, אַזוי ווי ער אַליין וואָלט פאַרפעלט אָפּצוהיטן אַבראַשקעס לעבן. ער האָט געהאַט נאָר איין האַנט, אָבער ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן אויך מיט דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט. ער האָט לאַנג געטראַכט און צום סוף זיך געזעגנט מיט דוניאַשען. איבערגעטאָן זיך אין פשוטע פויערישע קליידער, איז ער אַוועק שפּעט ביינאַכט פון דער היים: כ׳וועל זיך שוין מוזן אַן עצה געבן מיט דער לינקער האַנט — האָט ער דוניאַשען געזאָגט. זי האָט געוויינט, אָבער נישט געפּרוווט אים צוריקהאַלטן. זי האָט געפילט, אַז זי אויף זיין פּלאַץ וואָלט אויך געטאָן דאָס זעלבע. און סיאָמאַ איז דאָך געווען אַ מאַן.

ווען סיאָמאַ איז אַוועק, האָט אהרן לעסניק געזאָגט צו סאָניען:

— מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן, ווייס איך נישט. די איינציקע

האָפענונג איז, אַז דער מענטש איז פאַרט נישט קיין חיה. אויב דאָס איז אמת, וועלן מיר נאָך ווי עס איז דערלעבן ביז ליכטיקע טעג...

— אָבער אבראשקא וועט שוין נישט זען די ליכטיקע טעג — האָט סאָניע געענטפערט און זיך שטיל צעוויינט.

* * *

דוד׳קע האָט געבענקט נאָך אַלעמען: נאָך ליובען, נאָך סאשען, ליבלען, סיאָמען און אַבראַשקען, קיינער פון זיי איז שוין נישט געווען אין דער שטאָט. אַבראשקע איז אַוועק אויף אייביק, אָבער אויך די אַלע אַנדערע זענען אַוועק. און זיי האָבן דוד׳קען אויסגע־פעלט. עס איז אים שטאַרק אומעטיק געווען אויפן הארצן. ער האָט זיך גוט געהאלטן. ער איז געבליבן אין הויז נאָר איין יונגער מענטש מיט צוויי פרויען און זיין טאַטן. ער האָט זיך נישט געקאָנט אויפ־פירן ווי אַ קינד. חוץ דעם האָט ער געוווסט, אַז דאָס איז נישט דער סוף, אַז דער בייזער חלום וועט דאָך אַמאָל אַריבער, אַז זיי אַלע וועלן צוריקקומען.

17
ערב פּאָגראָם

דער ווינטער האָט זיך אַנגעוואָרפן אויף מלינער יידן מיט ביטערע פרעסט און אַ נייער כוואַליע פון כסדרדיקע גוואַלדטאַטן.

ס׳איז איצט געווען פינצטער און ביטער בייטאָג און בייַנאַכט אין גאס און אין שטוב. איין ייד האָט געזאָגט:

— ס׳איז שוין באַלד אַזוי ווי אין פאנקראט פּאָדפּרוהאס צייטן.

האָט דער צווייטער געענטפערט:

— ס׳אַראַ איינפאַל. זענען דען דעמאָלט געווען אַזעלכע צייטן? איצט האָבן מיר די פאנקראט פּאָדפּרוהאס צייטן.

* * *

אהרן לעסניק האָט זיך פאַרשפּאַרט אין זיין קאַלט אַרבעט־צימערל מיט אַלטער דלין און וואָלף מאַרקאָוויטש גראָדין. זיי האָבן מיט זיך געבראַכט נישט קיין פריילעכע נייעס און האָבן נישט געוואָלט באַאומרויקן די גאַנצע משפּחה, כאָטש זייער אויסזען אַליין האָט געקאָנט אָניאָגן אַן אימה אויף מענטשן. דוד׳קען איז אפילו איינגעפאַלן, אַז די געסט זעען אויס להבדיל אַזוי ווי די מענטשן, וואָס מען האָט זיי שיעור נישט אויפגעהאָנגען ביי די טויערן פון מלינער תפיסה.

וואָלף מאַרקאָוויטש גראָדין איז שוין נישט געווען דער זעלבער זעלבסט־צופרידענער, זעלבסט־זיכערער מענטש פון אַמאָל. עס איז אַוועק די רויטקייט פון זיין פּנים, אַזוי ווי עס זענען אַוועק פון אים אַנדערע סימנים פון האָפערדיקן לעבן, מיט גרויסע זעקלעך אונטער די אויגן, מיט הענגענדיקער, געלער הויט, מיט נישט אונטערגעשוירענע האָר און באָרד, נישט צוגעקעמט ווי עס דאַרף צו זיין, איז גראָדין געווען אַ לעבעדיקער עדות פון דעם, אַז עס זענען געקומען מוראַדיקע טעג פאַר מלינער יידן.

אַלטער דלין האָט אויך אויסגעזען ווי אַ באַדריקטער, דערשלאָגענער מענטש. ער האָט געהאַט אַ בלוי אויג און אַנדערע סימנים פון קלעפּ אויף זיין פּנים. ער האָט געזאָגט, אַזוי שנעל ווי אהרן האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר:

— אהרן לייב, מיר זענען אויף גרויסע צרות.

— וואָס איז געשען?

אַלטער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, וווּ עס זענען געשטאַנען אויף אַ שאַך־ברעט עטלעכע שאַכמאַט־פיגורן, וואָס האָבן געהאָלפן אהרנען און דוד׳קען פאַרטרייבן די לאַנגזאַמע צייט. אַלטער האָט גענומען אַ ווייסע פּושקע אין דער האַנט און האָט זי געהאַלטן די גאַנצע צייט צווישן די נערוועזע פינגער. ער האָט דערציילט:

— מען האָט אַרעסטירט פיר פון אונדזערע יידן און מיך.

— און דיך?

— יאָ, מיך אויך. איך האָב קוים מיט צרות זיך אַרויסגעראַטעוועט פון זייערע הענט. אויף ווי לאַנג ווייס איך נישט. אָבער לאָמיר אייך דערציילן אַלץ פאַ פּאָריאַדקו:

סאיז געווען נעכטן אין אָוונט. מיר האָבן געהאַט געדאַווענט ביי מיר אין שטוב, ווייל, איר ווייסט דאָך, פון אונדז איז ווייט צו דער שול; אין שטאָט איז אומרויק; ס׳איז ווינטער, ס׳ווערט פינצטער זייער פרי. הכלל, מיר האָבן צוזאַמענגענומען אַ מנין צווישן די שכנים און אָפּגעדאַווענט מנחה און מעריב בשלום. אַ טייל פון אונדז איז שוין געהאַט אַוועק פון שטוב, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעריסן מיט ביקסען. ס׳קאָן זיין, עמעץ האָט זיי צוגעטראָגען אַ מסירה, אַז עס איז דאָ אַ פאַרזאַמלונג אין מיין שטוב. זיי האָבן געזוכט און גענישטערט, איבערגעקערט אַלץ, אָבער וואָס האָבן זיי געקאָנט געפינען חוץ אַ טלית און סידור, אָדער מיינע פּאַפּירן פון דער אַרמיי אַז איך בין אַ מלחמה־אינוואַליד מיט אַזוי פיל לעכער, ווי איינער קאָן אַריינעמען און בלייבן לעבן? פונדעסטוועגן האָבן זיי אונדז פאַרנומען.

— כ׳האָב ביי זיי זיך געבעטן, כ׳האָב געשווירן, אַז מיר האָבן גאָר געדאַווענט, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. זיי האָבן מיר גוט אַריינגעצימבלט, און פאַרשפּאַרט אין עפּעס אַ לאָך. ערשט היינט האָט מען מיך אַרויסגערופן צו זייערן אַ נאַטשאַלניק און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז גרייט מיר צו גלויבן אויפן וואָרט, אָבער וואָס דען, ער מוז האָבן אַ משכון. „מיר זענען נישט קיין רוצחים — האָט ער געזאָגט — און מיר וועלן אייך נישט טשעפּען, אויב מיר וועלן קריגן אַ משכון, אַ זאַלאָג פון אייערע יידן, צו זיין זיכער אַז ס׳וועט נישט פּאַסירן דאָס, וואָס האָט פּאַסירט אין אַנדערע שטעט.״ „דאָרטן, האָט ער געזאָגט, האָבן די יידן אויף אונדז געשאָסן פון די פענצטער, ווען מיר זענען צוריקגעטראָטן. ווילן מיר זיך פאַרזיכערן, אַז אייערע יידן וועלן נישט פּראַוון קיין פוילע שטיק. אויב איר וועט אונדז ברענגען אַזאַ זאַלאָג, וועלן מיר אַלע אייערע מענטשן אַרויס־

לאָזן אויף דער פריי. אויב אָבער נישט, דאַן האָט טענות צו זיך אַליין!״ נו, פאַרשטייט איר דאָך אַליין, אהרן לייב, אַז עס איז אַ לייטישער געלעכטער, אָבער האָבן מיר דען אַ ברירה?

— וואָס פאַר אַ משכון ווילן זיי?

— זיי ווילן געלט, גאָלד, טייערע זאכן. זיי האָבן מיר נישט געזאָגט וויפל. וואָס מער איר וועט ברענגען, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַר אייך. גלויב איך, אַז מען דאַרף גיין פון הויז צו הויז און צוזאמענעמען וואָס מען קאָן. איך האָב שוין וועגן דעם גערעדט מיט וואָלף מארקאָוויטש, איז ער אָבער נישט זיכער אַז דאָס איז אַ גלייכע זאַך.

— מילד גערעדט — האָט זיך אָפּגערופן וואָלף מארקאָוויטש — בין איך זיכער, אַז דאָס איז נישט קיין גלייכע זאַך. עס זעט אויס צו זיין אַ פּשוטער שאַנטאַזש. זיי ווילן אַרויספּרעסן פון אונדז וואָס עס לאָזט זיך לייכט באהאלטן. דאָס איבריקע וועלן זיי שוין אַליין נעמען. איך ווייס אויף זיכער, אַז זיי גרייטן אַ פּאָגראָם אין שטאָט; איז זאָלן זיי זיך נעמען וואָס זיי וועלן געפינען.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז זיי גרייטן אַ פּאָגראָם? — האָט אהרן געפרעגט מיט אַ צווייפל.

— פון סמירנאָוון, אהרן לייב, פון דעם געשיכטע־לערער פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש סמירנאָוו. ער איז ביי מיר געווען ערשט היינט איינ־דערפרי און ער האָט מיך געוואָרנט אין נאָמען פון זיין זון, סערגעי, וועלכער איז איצט אַן אָפיציר פון דער ווייסער אַרמיי. אַמאָל האָט ער זיך געחברט מיט לייבלען און איז אָפט געווען ביי מיר אין שטוב. האָט ער געשיקט צו מיר דעם טאַטן.

אויף אַ מינוט איז געוואָרן שטיל אין אהרנס אַרבעט־צימער. קיינער האָט נישט געהאַט וואָס צו פרעגן אָדער צוגעבן. די זאַך איז געווען זייער קלאָר פאַר יעדן איינעם. אָבער אהרנען איז געווען מער צום האַרצן אַלטערס צוגאנג. מען האָט נישט געטאָרט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, בשעת די לעבנס פון פיר מענטשן הענגען אויף אַ האָר. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון פלאַץ:

— איך גלויב, אַז אַלטער איז געערעכט. מיר האָבן נישט קיין ברירה, כאָטש דאָס איז, מסתמא, אַ שאַנטאַזש. איך וועל זיך באַלד אָנטאָן און מיר וועלן גיין זאַמלען דעם משכון. וואַרט נאָר איין מינוט.

אהרן איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָף־צימער און האָט פון דאָרטן אַרויסגעבראַכט אַ גאָלדן רינגל און אַ לאַנגן זילבערנעם פּאַפּיראָסן... פּאָרטסיגאַר. דאָס רינגל האָט ער באַלד געגעבן אַלטערן. דעם פּאָרטסיגאַר האָט ער אַ ווייל געהאַלטן אין דער האַנט. אויפן פּאָרטסיגאַר איז געווען אויסגראַווירט אַן אויפשריפט. אהרן האָט אָנגעהויבן לייענען: „דעם הויך־געשעצטן אַראָן איסאַיעוויטש לעסניק אין צייכן פון אויפריכטיקער פריינטשאַפט“.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, איבערגעריסן דאָס לייענען און דערלאַנגט אַלטערן די מתנה:

— נעם דאָס אויך און לאָמיר גיין.

מען האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אין קיך, ווו סאָניע האָט אויסגעבייט אַ האַנטוך און צוגעזונגען אַ לידל, ווי עס איז ביי איר געווען דער שטייגער שוין אַזוי פיל יאָרן.

אהרן האָט זי גערופן:

— סאָניע.

זי האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם האַנטוך און געפרעגט רויק:

— וואָס איז, אהרן?

— ווו האַלטסטו דיין רינגל, די אויערינגלעך און די פּאָר זילבערנע בעכערלעך, וואָס די מאַמע האָט אונדז געגעבן? ברענג דאָס אַהער, זיי אַזוי גוט.

— סאָניאַ איז אויפגעשטאַנען און געבראַכט די אַלע זאַכן איינגעוויקלט אין אַן אויסגעבייטן האַנטוך.

אהרן האָט עס גענומען פון איר ציטערדיקער האַנט, עס געגעבן אַלטערן און האָט געזאָגט:

— סאָניע, איכ׳ל איצט גיין מיט אַלטערן און וואָלף מאַרקאָוויטשן. עס האַנדלט זיך וועגן ראַטעווען עטלעכע מענטשלעכע לעבנס און מיר מוזן גיין. כ׳וויס וואָס עס טוט זיך ביי דיר אויף דער נשמה,

אָבער איך בעט דיך, למען השם, האַלט זיך אין די הענט. דו קאַנסט מיך און דו ווייסט, אַז איכ׳ל זיך געבן אַן עצה. זאָרג זיך נישט וועגן מיר. אויב עס וועט עפּעס פּאַסירן פאַר דעם, ווי איך וועל אַהיימקומען, נעם דוד׳קען און דוניאַשען און גייט אַוועק צו וואַסיל באַטי. דוד׳קע וועט אייך אַהין פירן. ער קען אַלע וועגן בעסער פון מיר. וואַרט נישט אויף מיר, איך וועל אַהין אַליין קומען.

— גוט, גוט, אהרן, איך וועל טאָן אַלץ וואָס דו זאָגסט — האָט סאָניע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — איך וועל טאָן אַלץ ווי דו הייסט.

ווען אהרן איז אַוועק האָט זי זיך ווידער גענומען צום אויסנייען דאָס האַנטוך און האָט שטיל געוויינט בעת מעשה.

* * *

אהרן איז אַהיימגעקומען ערשט שפּעט אין אָוונט, אַן אויסגעמאַ־טערטער און דערשלאָגענער. סאָניע, דוניאַשע און דוד׳קע האָבן אויף אים געוואַרט אין דער קאַלטער קיך. זיי זענען געזעסן ביים טיש אָנגעטאָן ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אין וועג אַריין. דערזען אהרנען זענען זיי אַלע אויפגעשפּרונגען פון פלאַץ. דוניאַשאַ האָט געהאָלפן אהרנען אויסטאָן דעם מאַנטל און האָט זיך גענומען צום סאַמאָוואַר.

— נו, וואָס — האָט סאָניע געפרעגט אהרנען.

— גאָרנישט. מיר האָבן געוואָלט אויסקויפן מענטשן פון זייערע הענט, מיר האָבן זיי געבראַכט געלט און זאַכן. קיין הויז האָבן מיר נישט דורכגעלאָזט; געמאָנט ביי די מענטשן, געבעטן. איינציקע האָבן אונדז נישט געוואָלט אַריינלאָזן. מען האָט מורא אפילו פאַרן אייגע־נעם שאָטן — איינציקע האָבן אונדז אַלץ אָפּגעגעבן. מיר האָבן זיי געבראַכט אַ פאַרמעגן, אָבער זיי זאָגן, אַז עס איז נישט גענוג: „איר לאַכט זיך אויס פון אונדז, צי וואָס? נאָר אַלטערן האָבן זיי געלאָזט גיין. וואָס זיי וועלן איצט צוטראַכטן קאָן קיינער נישט וויסן, אָבער זיי פירן זיך אויף ווי געמיינע רויבער און עס קאָן זיין, אַז גראָד דאָס וועט אונדז אַלעמען ראַטעווען דאָ אין שטאָט.

18

לויף, סאַראַטשקע!

סאַראַטשקע איז געווען די ערשטע צו הערן די פרעמדע קלאַנגען, וואָס האָבן פּלוצים צעשטערט די שטילקייט פון דער פינצטערער גאַס הינטער די פּארמאכטע לאָדנס אין דער קליינער קיך, וווּ זי האָט געוואשן געשיר צוזאמען מיט דער מאַמען. פון אָנפאנג האָט סאַראַטשקען זיך געדוכט, אַז זי הערט האַמער־שלעג פון שווערע זאַכן אין די פאַרריגלטע, ציטערדיקע טירן און לאָדנס, דאַן האָט זי אויפגעכאַפּט געשרייען פון פיל מענטשלעכע שטימען, וואָס אַט האָבן זיי זיך איינגעשטילט און אַט זיך געלאָזט הערן שטאַרקער און נענטער.

— דו הערסט דאָס, מאַמע? — האָט זי געפרעגט ביי נאַדיען.

נאַדיע האָט באַלד אויפגעהערט צו קלאַפּן מיטן געשיר. אין קיך איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי שטיל, אַז סאַראַטשקע האָט געהערט ווי עס קלאַפּט איר האַרץ. איצט האָט מען געקאָנט דייטלעך הערן די געשרייען אין די אַרומיקע גאַסן.

נאַדיע האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס האַנטוך און אָפּגעווישט די הענט.

— טו זיך אָן, סאַראַטשקאַ — האָט זי באַפוילן מיט אַ טאָן, וואָס האָט נישט דערלאָזט קיין שום דערווידערונגען — טו זיך גלייך אָן!

סאַראַטשקע האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זי איז נאָך אַלץ געווען צוגעשמידט צו די קלאַנגען אין גאַס. עפּעס שרעקלעכעס האָט פּאַסירט אין שטאָט, עפּעס אַזוינס, וואָס זי האָט קעגן דעם זיך נישט געקאָנט באַשיצן. מען האָט עס דערוואַרט. מען האָט זיך צו דעם געגרייט אין משך פון לאַנגע וואָכן, אָבער איצט ווען דאָס פּאַסירט, האָט עס אויסגעזען ווי סוף וועלט, ווי דער סוף פון לעבן, ווי אַן אָפּגרונט, וואָס שוואַרצט זיך אונטער די סאַמע פיס, און עס איז נישטאָ קיין סוף צו זיין טיפקייט, און עס איז נישטאָ קיין וועג אויף צוריק, צו דער זיכערקייט פון סאָלידער ערד.

נאַדיע איז אַרויסגעלאָפן פון קיך און איז באַלד אַריינגעלאָפן צו־ריק מיט סאַראַטשקעס מאַנטל און אַ וואַרימער פאַטשיילע אין דער האַנט. זי האָט אָנגעטאָן סאַראַטשקען, אַרומגעבונדן איר קאָפּ מיט דער פאַטשיילע און זי צוגעפירט צו דער טיר:

לויף, סאַראַטשקע, לויף אַזוי שנעל ווי דו קאָנסט. לויף צו די לעסניקס, זיי וועלן דיך באַהאַלטן. מייד אויס די גאַס, לאָז זיך אַרונ־טער צו דער ראָשטשע הינטער די פּלויטן. זע, זאָלסט קומען אַהין שנעלער פון זיי... נו, טאָכטער לויף.

נאַדיע האָט שטאַרק אַרומגענומען סאַראַטשקען און זי אַרויסגע־שטופּט אין הויף אַריין.

אין הויף האָט סאַראַטשקע געעפנט דעם טויער פון גאָרטן און האָט זיך געלאָזט לויפן מיטן וועג, וואָס די מאַמע האָט פאַר איר אויס־געמאָלט. עס איז שווער געווען צו לויפן. די הויכע קנאַפּל אויף די שיך האָבן זיך טיף אַריינגעגראָבן אין שניי און זי האָט זיך געפילט אַזוי ווי אין אַ חלום, ווען אַ מענטש וויל אנטלויפן פון עפּעס אַ סכנה און זיינע פיס רירן זיך נישט פון אָרט. עס איז איר באַלד געוואָרן הייס. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו לויפן, געפּרוווט גיין אַזוי שנעל ווי מעגלעך. זי האָט מורא געהאַט זיך אַרומצוקוקן. זי האָט נישט געקאָנט זען וואָס עס טוט זיך אויף איר וועג, צוליב די טרערן, וואָס האָבן פאַרנעפּלט אירע אויגן. זי האָט פאַרלוירן דעם חשבון פון צייט און האָט נישט געוווסט ווי שנעל זי באַוועגט זיך פאָרויס. זי איז גע־לאָפן אַזוי לאַנג ביז עס האָט איר אָפּגעשטעלט אַ שאַרפער ווייטיק אין ברוסט. זי האָט געפּרוווט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זיך אָפּגעווישט מיטן ברעג פון דער פאַטשיילע די טרערן, וואָס זענען געפרוירן אויף אירע באַקן.

דאַן האָט זי פּלוצים אַנטדעקט, אַז זי הערט מער נישט קיין גע־שרייען, אַז ס׳איז שטיל. נאָר דאָס וואָיען פון ווינט האָט געשטערט די ביינאַכטיקע שטילקייט. סאַראַטשקע האָט זיך אומרויק אַרומגעקוקט, זי האָט נישט געקאָנט דערקענען דעם פּלאַץ ווו זי האָט זיך געפונען. ס׳איז נישט געווען די ראָשטשע, ס׳איז געווען עפּעס אַ גרויסער, פּוס־

טער הויף. טיף אינעם הויף האָבן זיך איינס נאָכן אַנדערן געלאָשן ליכט־פּענצטערלעך אין די סילועטן פון די הייזער. איצט האָט סאַראַטשקע געוווסט ווו זי געפינט זיך. זי איז אַוועק אין דער פאַרקערטער ריכ־טונג און איז אַריינגעלאָפן אין אַ גרויסן הויף, ווו עס האָבן זיך געפי־נען עטלעכע פאַרדונגענע הייזלעך, באַזעצט פון נישט קיין יידישע איינ־וווינער. זי האָט גוט געקענט די געגנט.

זי האָט זיך געלאָזט לויפן אַנטקעגן די סילועטן פון די הייזער און איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס. דער שניי אין גאַס איז געווען גוט צעטאָפּטשעט און עס איז געווען לייכטער צו לויפן. סאַראַטשקע האָט זיך געהאַלטן נאָענט צו די זאַבאָרן און פּלויטן.

אַ טומל אין גאַס הינטער איר רוקן האָט זי אַ וואָרף געטאָן הינ־טער אַ פּלויט. פיר רייטער האָבן פאַרבייגאַלאָפּירט און אין גאַס איז ווידער געוואָרן שטיל. סאַראַטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע און זיך געלאָזט לויפן ווייטער. זי איז געווען פולשטענדיק באַוווסטזיניק וועגן דעם וואָס זי טוט. זי האָט מער נישט געוואָלט בלאָנדזשען. עס איז נאָך ווייט געווען פון דער גאַס, ווו סאשעס טאַטע־מאַמע וווינען. אָבער זי האָט גוט געקענט די שטאָט און האָט געוווסט דעם וועג צו זיי. זיי וועלן איר שוין העלפן. זיי וועלן שוין געפינען פאַר איר אַ באַהעלטעניש. אָבער — וואָס איז דאָס?! הינטער סאַראַטשקעס רוקן האָבן געסקריפּעט אויפן שניי עמעצנס טריט. זי האָט אָנגעהויבן לויפן שנעל, אָבער דער מענטש הינטער איר האָט זיך דערנענטערט צו איר אַלץ מער און מער. זי האָט שוין געקאָנט הערן זיין שווערן אָטעם. זי האָט שוין נישט געקאָנט פון אים אַנטלויפן. זי איז אַריינגעלאָפן צום ערשטן טויער, אַריינגעלאָפן אין הויף, פאַרמאַכט דעם טויער, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים מיטן גאַנצן קערפּער און אָנגעהויבן שרייען. עס איז געווען אַ געשריי פון אַ פאַרצווייפלטן מענטש, וואָס האָט נישט מיט וואָס זיך צו באַשיצן פון אַ טויט־געפאַר.

דער מאַן אויף יענער זייט פון טויער האָט אויך זיך אָנגעשפּאַרט מיטן גאַנצן קערפּער אויפן טויער, אָבער ער האָט נישט געקאָנט רירן סאַראַטשקען פון אָרט, די ביקס אין זיין האַנט האָט אים געשטערט.

עס האָט אים אויסגעפּעלט די געהעריקע ענערגיע פון אַ שלאַכט־מאַן. ער האָט קוים וואָס געקאָנט באַוועגן מיט די הענט און פיס. ער האָט זיך געהאַט געלייגט שלאָפן בייטאָג און זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף ערשט מיט אַ צען מינוט פריער. זיין גאַנצער קערפּער איז נאָך געווען פאַרשלאָפן, ווען ער איז אַרויס אין גאַס מיטן פאַרדרוס, הלמאי ער האָט פאַרשפּעטיקט אַזאַ וויכטיקע „אָפּעראַציע". באמערקט א פיגור פון אַ פרוי זיך גנבענען הינטער די פּלויטן, האָט ער זיך אַ ביסל אויפגעוועקט. ער האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן ווער די פרוי איז און פונוואנען זי קומט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז זי מוז זיין אַ יונגע פרוי און אַ שיינע. ער האָט געפּילט אַז דאָס איז זיין געלעגנהייט, אַז דאָ קאָן ער האָבן עפּעס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט און וועט קיינמאָל נישט האָבן, סיידן איצט. די פרוי מוז זיין שיין. זי מוז אויך זיך האָבן די טייערסטע אויערינגלעך, די טייערסטע רינגען און בראַס־לעטן. ער האָט געקאָנט האָבן די פרוי מיט אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט פאַר זיך אַליין, אָבער ווי אַזוי פאַרשטילט מען אירע געשרייען, ווי נעמט מען זי איין?

ער האָט צוגעשטעלט די ביקס צום זאַבאַר, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן קערפּער אויפן טויער און אָנגעהויבן רעדן שטיל:

— ש־ש־ש, שרייט נישט אַזוי, באַרויקט זיך. כ'וועל אייך נישט טשעפּען. כ'בין אייערער אַ פריינד...

סאַראָטשקע האָט אים נישט געהערט. זי האָט איצט געשריגן נאָך שטאַרקער ווי פריער; געשריגן מיט דער זעלבער ענערגיע, מיט וועל־כער זי איז פריער געלאָפן, מיט אַזאַ כוח, ווי זי וואָלט געפּילט גע־בורט־ווייען.

דער מאַן אויף יענער זייט טויער איז געוואָרן שטאַרק אין כעס:

— שוויג יידישע שקורע! — האָט ער זיך אַ בייזער געטאָן מיט רציחה.

ער האָט זיך מיט אַלע כוחות אַ וואָרף געטאָן אויפן טויער. דער טויער האָט נאָכגעגעבן, אָבער ער האָט אים באַלד אָפּגעלאָזט און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער גאַס, ווו עמעצער איז געשטאַנען הינ־

טער זיין רוקן. ער האָט פאַר זיך דערזען אַ נישט הויכן מאַן אין אַ ווינטער־אוניפאָרם פון אַ פראָנט־אָפיציר. דער אָפיציר האָט געהאַלטן אַ רעוואָלוועד אין זיין האַנט. ער האָט אים באַפוילן שטיל:

— נו, הויב אויף דיינע הענט, און פאַרגעס וועגן דער ביקס. די ביקס וועל איך נעמען, אָט אַזוי.

צו סאַראַטשקען האָט דער מאַן געזאָגט:

— און איר, מיידל, דאַרטן הינטערן טויער, איר קאָנט אויפהערן שרייען. ס׳איז שוין מער נישט נויטיק. בלייבט דאָ ביז איכ׳ל צוריק־קומען. איכ׳ל כאַפּן אַ שמועס מיט דעם חברה־מאַן אויפן פּאַסיקן פּלאַץ, נישט ווייט פון דאַנען און דאַן וועל איך צוריקקומען. אָבער פּרוּווט נישט אַנטלויפן, וואַרט אויף מיר געדולדיק — עס זענען נאָך דאָ גע־נוג אַנדערע אויסוואורפן אין שטאָט.

סאַראַטשקע האָט אויפגעהערט שרייען, אָבער זי האָט זיך נאָך אַלץ אָנגעשפּאַרט אויפן טויער מיט איר ציטערדיקן קערפּער. זי האָט אָפּגעווישט די טרערן פון פּנים און אָנגעהויבן זיך איינוויקלען אינעם מאַנטל. זי האָט געפיבערט. זי האָט נישט געטראַכט וועגן דעם, ווער ס׳איז געווען איר דערלייזער. ס׳איז איר געווען אַלץ איינס. זי האָט געפילט, אַז עס האָט זי געראַטעוועט אַן אָנשטענדיקער מענטש.

זי האָט דערהערט אַ נאָענטן שאָס, וואָס האָט זיך פּלוצים צעהילכט איבער דער שטילער גאַס, אָבער זי האָט זיך נישט געפילט באַדראָט פונעם שאָס. זי האָט געלאָזט דעם עמעצן עפענען דאָס טויערל און זיך געלאָזט פון אים נעמען אונטערן אָרעם.

זי האָט זיך געלאָזט אַריבערפירן איבער דער גאַס און אַריינפירן אין אַ הויז און אַראָפּנעמען פון זיך דעם מאַנטל. זי האָט געהערט ווי אַ פרוי האָט געשעפּטשעט מיט וואַרעמקייט:

— אַזאַ איידעלע שיינקייט, עס דוכט זיך גאָטליבס טאָכטער.

זי האָט געהערט ווי אַ מאַן האָט געזאָגט שטיל, אָבער מיט כעס:

— אַזוינע אויסוואורפן, מען פירט אַ מלחמה אין דער פינצטער פון דער נאַכט מיט דער אומבאַשיצטער באַפעלקערונג. און דאָס ווערט נאָך געטאָן אין נאָמען פון אונדזער גרויסן רוסישן פאָלק. מאַראָדערן

מיט אידעאַלן, אַזוי צו־זאָגן — ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו דעם מיאוסן ספּעקטאַקל ? !

איצט האָט שוין סאַראָטשקע געזען דאָס פּנים פון דעם וואָס האָט גערעדט. ס׳איז געווען דער לערער פון געשיכטע, פּיאָטר אַלעקסייע־וויטש סמירנאָוו. ער האָט געזאָגט נאָכאַמאָל :

— אָ, גאָט אין הימל, ווען וועט זיך שוין ענדיקן דער מיאוסער פּאַרס ? !

זיין זון, סערגעי, נאָך אַלץ אָנגעטאָן אַזוי, ווי ער וואָלט זיך גע־קליבן באַלד אַרויסגיין פון שטוב, איז געזעסן ביי דעם טיש אין דעם גרויסן עס־צימער מיט אַ גלעזערנער טיר, וואָס האָט געפירט צום פּאַרשנייטן גאָרטן. ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון סאַ־ראָטשקען. מיטן אויסדרוק פון פּיין אויף איר ווייסן פּנים, איז זי געווען אַזוי שיין און אַזוי ווייט פון אים ווי דאָס פרידלעכע, ריינע מענטשלעכע לעבן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע אָפּיצירן־קליידער און ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומרו. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן פּאַרשפּיליען דעם שינעל.

זיין טאַטע האָט אים שטיל געפרעגט :

— מיינסט, סערגעי, אַז דאָס וועט אַזוי אייביק דויערן ?

„כ׳ווייס נישט פּאָטער, קיינער ווייסט נישט ווי לאַנג, אָבער לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם. אונדזער גאַסט איז דוכט זיך צו זיך געקומען, ווי פילט איר זיך, סאַראַ מאָיסעיעווגאַ, אַזוי דאַכט זיך רופט מען אייך — וועט איר עפּעס עסן ?״

— ניין, אַ דאַנק, כ׳וואָלט נאָר געוואָלט וויסן וואָס ס׳איז געשען ביי מיר אין דער היים מיט מיין מאַמען און דעם קראַנקן טאַטן.

סאַראָטשקע האָט זיך שטיל צעוויינט.

סערגעי סמירנאָוו האָט אָנגעטאָן זיין טשאַפּקע און האָט געזאָגט :

— מוטער, זייט אַזוי גוט, זעט, אַז סאַראַ מאָיסעיעוונאַ זאָל עפּעס עסן. לייגט זי אַוועק שלאָפן, איך מוז איצט גיין.

— וועסט גיך צוריקקומען ?

— קאָן זיין, מוטער, כ׳האָב דען וווהין צו גיין, אָדער מיט וועמען ?..

19

דער מענטש און דאָס ווערימל

אַרויסגעשיקט סאַראַטשקען, האָט נאַדיע נישט פאַרשלאָסן די טיר. זי האָט איבערגעלאָזט ברענען אַ קליין לעמפּל אין קיך און איז אַוועק צו עפענען אַן אַנדערע טיר, וואָס האָט געפירט אין גאַס. דאַן האָט זי געעפנט די טירלעך פון אַלע שאַפעס אין הויז, אַוועקגעלייגט אַלע שליסלען אויפן טיש אינעם עס־צימער און איז אַריינגעגאַנגען צו משה׳ן, וועלכער איז געלעגן אין בעט און זיך אָנגעשטרענגט אויפצוכאַפּן די קלאַנגען אין גאַס.

נאַדיע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול ביי משה׳ס בעט און גענומען זיין קאַלטע האַנט:

— ווי פילסטו זיך, משה?

— אָ, איך פיל זיך זייער גוט; אַזוי גוט, ווי אַ מענטש קאָן זיך נאָר פילן פאַר אַ פּאָגראָם... אגב, ווו איז סאַראַטשקע? — האָסט זי אַוועקגעשיקט צו אהרנען? זייער גוט! אהרן וועט זיך שוין אַן עצה געבן. אַ שאָד נאָר וואָס מיר זענען איצט נישט צוזאמען. ש־ש־ש, דו הערסט, נאַדיע?

— כ׳הער גאָרנישט — האָט נאַדיע געענטפערט שטרענג, ווי דאָס טוט אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס קאָמאַנדעוועט איבערן חולה — איך הער גאָרנישט און דו הערסט גאָרנישט און וואָס עס דערגרייכט דיינע אויערן, גייט דיך נישט אָן, וואָרעם וואָס וועט דיר העלפן, אַז דו וועסט יאָ הערן? אַלץ וואָס דו קאָנסט איצט טאָן איז: ליגן אין בעט און זיך נישט זאָרגן. לאָז דאָס איבער פאַר געזונטע מענטשן. דו קאָנסט דאָס נישט טאָן, דו ווייסט עס זייער גוט משה, האָסט זיך אַזוי לאַנג געהאַלטן אין די הענט, האַלט זיך נאָך אַ ביסל. כ׳ווייס אַז איצט איז עס שווערער, אָבער איכ׳ל דיר העלפן. כ׳וועל איצט נעמען אַ ביכל און עפּעס פאָרלייענען. מירן הערן אַ שיינע מעשה און מירן פאַרגעסן אין דעם, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט.

און אויב זיי וועלן אַהער קומען, וועסטו אויך אויף זיי נישט לייגן קיין אַכט. טאָ זאָלן זיי נעמען דאָס רעשט פון די שמאַטעס, וואָס זענען נאָך דאָ ביי אונדז אין שטוב, דיך וועט עס גאָרנישט אַרן, וועסט זיך ליגן אין בעט און חלומען פונעם טאָג, ווען דו וועסט אויפשטיין.

— אַ נאַר ערגערט זיך — ס'איז אים קאַלט אין מיטן ווינטער. דיר וועט אַזא זאַך נישט איינפאַלן. דו וועסט זיי וויזן ווי קלוג דו ביסט. זאָלן זיי אַנטרעטן מיט זייערע שמוציקע שטיוול איבערן ריי־נעם דיל, וואָס איך האָב ערשט היינט געוואשן; זאָלן זיי זיך זידלען מיט די מיאוסע ווערטער, ווי זייער שטייגער; עס ליגט דאָ אַ קופּקע מיסט און עס קריכן ווערימלעך.

— נאָך אַלעמען איז מיסט נאַר מיסט און אַ ווערימל נאַר אַ ווערימל — האָט משה איבערגעחזרט נאַדיעס ווערטער — קלוג גע־זאָגט, נאַדיע. כ'לעבן דו ביסט ביי מיר אַן אמתע חכמה. וועל איך טאַקע פאָלגן, כ'וועל זיך נישט ערגערן צוליב דעם מיסט און די ווערימלעך,

* * *

זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין הויז, ווען משה איז געשלאָפן. זיי האָבן געפּרוּווט אויפברעכן די טיר, אָבער די טיר האָט זיך אַליין גע־עפנט ביים ערשטן שטויס מיט אַן אַקסעל. זענען זיי אומגעשטערט אַריינ־געלאָפן אין הויז מיט אַן אימפּעט פון סאָלדאַטן, וואָס שטורעמען אַ פעסטונג. אויסגעזען האָבן זיי נישט אינגאַנצן ווי סאָלדאַטן, ווייל זייערע קליידער האָבן אויף זיך געטראָגן סימנים פון נישט ווייטער ציווילער פאַרגאַנגענהייט.

נאַדיע האָט זיי באַגעגנט ביי דער טיר פון שלאָף־צימער:

— ש־ש־ש, — האָט זי זיי אָפּגעשטעלט ווי זיי וואָלטן געווען אַ כאַפּטע צעבאַלעוואַטע קינדער, — מיין מאַן שלאָפט. ער איז זייער אַ קראַנקער מענטש. עס איז אים געבליבן נישט פיל צו לעבן אויף דער וועלט. בעט איך אייך, נישט צו שטערן זיין רו. טוט אייער זאַך, — אַלע טירן זענען ביי אונדז אָפן — אָבער טוט עס אַזוי שטיל ווי מעגלעך.

געזאָגט די ווערטער שטיל און רויק איז נאַדיע צוריק אַריין אין שלאָפצימער און זיך אַוועקגעזעצט ביי משה׳ס בעט.

די אַריינדרינגער האָבן באַגלייט נאַדיען מיט דערשטוינטע אויגן. ס׳איז פאַר זיי געווען אינגאַנצן אַ נייע דערפאַרונג: אָפּענע טירן, אָפענע רייד, קיין סימן פון מורא, קיין סימן פון ווידערשטאַנד און געשרייען — עפּעס אַזוינס האָבן זיי נאָך נישט באַגעגנט. זיי האָבן געעפנט די טיר פון צימער צו זען וואָס עס טוט זיך דאָרטן אינעווייניק, אָבער איינער פון זיי האָט באַלד באַפוילן:

— אַנו, חברה, נעמט זיך צו דער אַרבעט. כ׳וועל אַליין אַ קוק טאָן וואָס עס טוט זיך אין דעם צימער, און זאָל זיין שטיל, פאַרשטאַנען?!

די חברה האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די שאַפעס, צו די טיש־טעכער, צו אַלץ וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ ווערט און גענומען אַריינ־פּאַקן אין אַ טשעמאָדאַן.

אין שלאָפצימער איז אַריין נאָר דער הויפּט פון דער חברה. ער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר 35, מיט אַ געשטופּלטן פּנים, אומרויקע שווארצע אויגן און דינע וואָנצעס — אַ מענטש, וואָס פּרוּווט אויסזען שיין. ער האָט באַקוקט דאָס שלאָפצימער. עס זענען דאָרט געווען 2 בעטן, אַ קליידער־שאַפע, אַ קאָמאָד מיט אַ שפּיגל. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קליידער־שאַפע און געעפנט די טירלעך. אין דער שאַפע זענען געהאָנגען אַ פּאָר אַנצוגער און עטלעכע פרויען־קליידער. ער האָט אַראָפּגענומען די זאַכן פון די הענגערס און פאַרוואָרפן אויפן אָרעם. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום קאָמאָד און באַלד דערזען אין שפּיגל משהס פּנים, וואָס איז געווען געל ווי וואַקס, און אומבאַהאָלפענע הענט מיט אָנגעשוואָלענע פינגער, אין וועלכע עס האָט זיך נישט געמערקט קיין סימן פון לעבן.

דער מאַן מיט די קליידער אויף דער האַנט האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט פאַר זיך אַ מת. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון שרעק. ס׳איז געווען אַ מאָמענטאַלער איינדרוק, אָבער ער האָט זיך פון דעם נישט געקאָנט באַפרייען. ער האָט נישט געהערט צו די שרעקעוודיקע מענטשן און

מתים האָט ער שוין געזען גענוג אין זיין לעבן, אָבער דאָס זענען געווען אַנדערע מינים מתים, מתים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין בלאָטע, אין שטויב פון וועג און פעלד, אָדער זיך געווייקט אין אייגע־נעם בלוט. צומאָל פלעגט ער זיי איבערקערן מיטן פּנים אַרויף, כדי זיך איבערצייגן, אויב זיי זענען באמת טויט. ער פלעגט זיך דערביי באַנוצן מיטן שטיוול. דער קערפּער פון אַזאַ טויטן מענטש איז פאַר אים געווען נאָך ווינציקער הייליק, ווי דאָס לעבן פון אַ מענטש בכלל. אָבער אַ מת, וואָס ליגט אין בעט אַ ריינער, אַ ציכטיקער, אָן קיין שום סימנים פון בלוט און בלאָטע, אַזא מת האָט ער נישט געזען זינט זיינע קינדער־יאָרן. איצט, ווען עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט אַזא מת, האָט עס ביי אים אַרויסגערופן די זעלבע געפילן, וועלכע ער פלעגט האָבן אַלס גאָר אַ קליין יינגל, ווען ער פלעגט זען אַ מת אין קירכע. דאָ איז געלעגן אַ מענטש ריין און הייליק. ער האָט נישט גע־טאָרט שטערן זיין רו. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז אויף די שפּיץ פינגער אַרויס פון צימער.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער געקומען צוריק, אַרויסגענומען די וועש פונעם קאָמאָד, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן זיינע אויגן אַראָפּגעלאָזט און איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער.

דאָס מאָל האָט ער אויף יענער זייט טיר זיך אָנגעשטויסן אויף איינעם פון זיינע מענטשן, אַ דאַרן, ענערגישן חברה־מאַן מיט אַ פּאַר־קרומטן, ביטערן פּנים פון אַ באַעוולטן מענטש.

— דאָס אַלץ? — האָט ער געפרעגט זיין קאָמאַנדיר.

— ס'וועט זיין גענוג — האָט דער קאָמאַנדיר געענפערט.

— און אין די מאַטראַצן האָסטו געזוכט?

— ניין!

— און אונטער די בעטן?

— ניין!

— וואָס הייסט, ניין?

— דאָס הייסט, פאַנקאָוו, אַז עס איז נישט דיין דאגה, טו וואָס

מען הייסט דיר און האַלט דיין צונג. נעם זיך צו פּאַקן די טשעמאָ־דאַנעס, מיר פאָרן ווייטער.

פאַנקאָוו האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, אָבער די בעטן און די מאַטראַצן אין שלאָפצימער האָבן אים נישט געגעבן קיין רו. ער איז געווען זיכער, אַז אין די מאַטראַצן איז באַהאַלטן גאָלד, מסתמא גאָלדענע מטבעות, אַ סך מטבעות. וואָס מער ער האָט וועגן דעם גע־טראַכט, אַלץ זיכערער איז ער אין דעם געווען. ער האָט אַלץ געזען ווי ביי זיך אויף דער דלאָניע. די יידישקע האָט געפּראָוועט אַ קאָמעדיע. זי האָט אַוועקגעלייגט איר מאַן אויפן בעט, פאַרשטעלט אים אַלס קראַנקען און דער יאָלד כוואַטאָוו האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענטקע. אָבער גרישא פאַנקאָוו איז נישט קיין יאָלד. ער וועט שוין אַ קוק טאָן וואָס עס טוט זיך אונטער די בעטן און אין די מאַטראַצן.

די שליטנס, אָנגעלאָדן מיט אַ גרויסער צאָל טשעמאָדאַנעס און אַ קלענערער צאָל קריגער האָבן זיך שוין געריהרט פון פּלאַץ, ווען פאַנקאָוו האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פארן קאָפּ:

— וואַרט אַ מינוט! — האָט ער אויסגעשריגן — כ׳האָב מיין ביקס פארגעסן אין הויז.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם שליטן און אַריינגעלאָפן אין הויז. זיין קאָמאַנדיר האָט אים נאָכגעשריגן:

— קום גלייך צוריק, פאַנקאָוו, און פּראָוועט דאָרטן נישט קיין פוילע שטיק, אַ נישט וועל איך דיר דעם קאָפּ אַראָפּדרייען!

פאַנקאָוו האָט עס אָבער קוים געהערט. ער איז אַריינגעלאָפן אין הויז, אַריינגעשפּרונגען אין שלאָף־צימער, אַראָפּגעריסן די קאָלדרע און דאָס ליילעך פון דעם מאַטראַץ אויף דעם יידיקן בעט, אויפגעהויבן דעם מאַטראַץ, אים שנעל באַטראַכט פון אַלע זייטן, אַרויסגעכאַפּט אַ שאַרף מעסער פון אונטער דער פּאָלע, אויפגעשניטן דעם מאַטראַץ ביי די ברעגעס, אַריינגערוקט די האַנט, זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאָ־לערנער פּרוזשינע, אַ כאַפּ געטאָן דעם פינגער אין מויל און אויסגע־שפּיגען, זיך אויסגעזידלט מיט כעס און באַפוילן נאַדיען: „אַנו, נעם

אַראָפּ דיין קראַנקן פון בעט, אָבער שנעל. עס איז דאָ נישט קיין האָספּיטאַל!..."

נאַדיע האָט געהאָלפן משהן זיך אויפשטעלן אויף די פיס. זי האָט אים צוגעפירט אין אַ ווינקל ביים קאָמאָד, זיך צוגעטוליעט צו אים און געשעפטשעט: „זיי רויק, משה, זיי רויק. געדענק, עס איז נאָר אַ ווערימל, עס איז נאָר אַ קליין ווערימל"...

פאַנקאָוו האָט עס נישט געהערט. ער האָט פאַר דעם נישט געהאַט קיין צייט. ער האָט געמוזט זיין ענין דערלעדיקן און שנעל. ער האָט אָפּגעדעקט און צעשניטן דעם צווייטן מאַטראַץ. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט דאָס נאַכט־טעפּל און עס מיט כעס איבערגעקערט אינמיטן צימער.

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער.

פאַנקאָוו האָט זיך צום דריטן מאָל מיאוס אויסגעזידלט, איז געלאָפן פון שלאָף־צימער און צוגעקלאַפּט הינטער זיך די טיר. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין ביקס פון ווינקל אין עס־צימער. ער האָט באַמערקט אַ בינטל שליסלען אויפן טיש, אַ כאַפּ געטאָן די שליסלען, געפונען דעם שליסל צו דער טיר און זי פאַרשלאָסן.

עמעצער האָט נאָך אַמאָל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער — איצט שטאַרקער ווי פריער.

פאַנקאָוו האָט זיך צום דריטן מאָל מיאוס אויסגעזידלט, איז אַריינגעלאָפן אין קיך, אַראָפּגעוואָרפן דאָס לעמפּל פון טיש אויפן דיל, אַרויסגעלאָפן אין הויף און פון הויף אין גאַס, וווּ ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן שליטן:

— פאַשלי! געגאַנגען! — איך האָב פאַרגעסן, וווּ איך האָב מיין ביקס אַוועקגעשטעלט.

* * *

אינעם קליינעם שלאָף־צימער איז געווען אַ ווייל שטיל. נאַדיע האָט געהאָלפן משה'ן זיך אַוועקזעצן אויפן שטול, און דאַן זיך גענומען אָנדעקן משה'ס צעשניטענעם מאַטראַץ.

— איצט איז דאָס שוין מער ענלעך אויף אַ פּאָגראָם — האָט זיך משה אָנגערופן.

אויף גאָרנישט איז דאָס ענלעך, — האָט נאַדיע געענטפערט טראַ־ציק. — עס איז אַ ביסל אומבאקוועם, אָבער מירן זיך שוין געבן אַן עצה. אָבי מיטן לעבן אַרויס. נו, לייג זיך צוריק אין בעט.

— נאַדיע — האָט זיך משה ווידער אָנגערופן — פילסט נישט, אַז עס שמעקט מיט רויך?

נאַדיע איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. זי האָט אַ דריי געטאָן ס׳הענטל. די טיר איז געווען פארשלאָסן. זי איז נישט געווען איבער־ראַשט, ווייל זי האָט געהערט דעם קלאַנג פון שליסל אינעם שלאָס. זי האָט געפּרוווט עפענען די טיר מיט כוח. די טיר האָט זיך נישט נאָכגעגעבן. זי האָט פאַרביסן די ליפּן. עס האָט עפּעס געברענט אין הויז. דער רויך האָט שוין אַריינגעדרונגען אין שלאָף־צימער און די טיר איז פארשלאָסן. עס איז מער גאָרנישט געבליבן צו טאָן, ווי פּרוּוון אַרויסקריכן פון פענצטער און זען פונוואַנען עס קומט דער רויך. מען האָט עס געדאַרפט טאָן גלייך.

נאַדיע איז צוגעגאַנגען צו משה׳ן און אים צוגעדעקט מיט דער צווייטער קאָלדרע.

— משה — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל. — איך וועל איצט עפענען דאָס פענצטער. דער חברה־מאַן האָט אונדז פארשלאָסן אין צי־מער; אָבער ער האָט פארגעסן, אַז עס איז דאָ אַ פענצטער. וועל איך עס איצט עפענען אים אויף להכעיס. אַ גרויסע זאַך ביי מיר אַרויסקריכן דורכן פענצטער.

עס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך. עס איז געווען אַ טאָפּלט פענצטער. נאַדיע האָט אָבער אַרויסגענומען דאָס ווינטער־פענצטער און נאָך אַ מינוט זיך מאַטערן מיט די פאַרמאַכטע לאָדנס, אומגעלומפּערט אַראָפּגעשפּרונגען אין הויף אַריין. זי איז געפאַלן אויף אַ קופּע שניי ביי דער וואַנט. זי האָט זיך אויפגעהויבן לאַנגזאַם און זיך באַלד גע־לאָזט לויפן, הינקענדיק, צום אַריינגאַנג אין קיך.

איבערגעטראָטן די שוועל פון קיך, האָט זי דערזען אַ הויכן מאַן, וועלכער האָט זיך געטאָפּטשעט אויפן אייגענעם מאַנטל. דער מאַנטל איז געלעגן אויפן דיל אינמיטן קיך. דער מאַן האָט געהאַלטן אַ ציגאַ־רעטן־צינדער הויך איבערן קאָפּ, צו זען ווי גרויס עס איז דער שאָדן. נעבן אים אויפן מאַנטל איז געשטאַנען אַן עמער מיט וואַסער. די קיך איז געווען אָנגעפילט מיט רויך, אָבער נישט צו געדיכט. דער דיל פון קיך איז געווען נאַס. דער מאַן האָט זיך אָנגעבויגן און האָט אויפ־געהויבען זיין מאַנטל פונעם דיל.

— אהרן?! — האָט נאַדיע אויסגעשריגן מיט דערשטוינונג.

— נאַדיע?! — האָט אהרן אויסגעשריגן מיט נישט קיין קלענערער דערשטוינונג.

ביידע האָבן זיך געפונען אין אַ פּלאָץ, ווו זיי האָבן איינער דעם אַנדערן נישט דערוואַרט צו זען.

— איך בין אַרויסגעקראָכן פון פענצטער, — האָט נאַדיע דער־קלערט. — קאָנסטו זיך דאָס פאָרשטעלן? מען האָט אונדז פאַרשלאָסן אין שלאָף־צימער. לאָמיר זען צי דער שליסל איז דאָרטן.

דער שליסל איז דאָרטן נישט געווען. אהרן האָט אַרויסגעזעצט די טיר מיטן אַקסל און כמעט אַריינגעפאַלן אין דעם שלאָף־צימער ווי אַן אמתער אַריינדרינגער. נאַדיע איז אַריינגעלאָפן נאָך אים און האָט באַלד פאַרמאַכט דאָס פענצטער.

— אהרן?! — האָט זיך משה געחידושט — ווי קומסטו אַהער?! זענען זיי שוין אַוועק? ווו איז סאַראָטשקע?

— סאַראָטשקע?!

אהרן האָט שוין מער נישט געצווייפלט, אַז סאַראָטשקע האָט פאַר־בלאָנדזשעט. ער איז אַהערגעקומען מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן סאַראָטשקע האָט געדאַרפט קומען צו אים. ער האָט באַמערקט פרישע שפורן פון אירע פיס אויפן שניי הינטערן פלויט. ער האָט אפילו גע־פּרוווט נאָכפאָלגען דעם סליאַד, אָבער ער האָט זיך באַלד באַרעכנט, אַז אפשר איז דאָ געווען עפּעס אַ באַקאַנטע קריסטלעכע פרוי צו זען, אויב זי קאָן נישט מיט עפּעס אַרויסהעלפן. ער איז געקומען צוריק.

דערהערט דעם קלאַנג פון צעבראָכענעם גלאָז אין קיך, דערזען דעם פלינקן פּאַנקאָוו אַרויסגעשפּרינגען פון קיך אין הויף אַרייַן און איז אַליין אַרייַנגעלאָפן אין דער אָפענער טיר פון קיך אַזוי שנעל, ווי די שליטנס אין גאַס האָבן זיך גערירט פון אָרט. ער איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס ער איז נישט געגאַנגען צוזאַמען מיט סאָניען, דוד'קען און דוניאַשען צום אַלטן וואַסיל באַטי, וואָס ער איז געבליבן וואַרטן אויף סאַראַטשקען הינטער דער אָפּצוימונג פון זיין הויף און איז צום סוף געקומען אַהער. ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז מען דאַרף אים דאָ האָבן. אָבער ווו איז סאַראַטשקע? ער האָט באַשלאָסן דאָס אויסגעפינען. אפשר איז זי געבליבן שטעקן ערגעצוו אינמיטן וועג; אפשר האָט זי זיך באַהאַלטן ערגעצוו אין אַ פרעמדן הויף. עס איז נאָך געווען אַ האָפענונג, אַז זי געפינט זיך ערגעצוו אין זיכערקייט. דערווייל האָט אהרן באַשלאָסן פאַרשפּאָרן די עלטערן אַ ביסל יסורים.

— סאַראַטשקע? — האָט ער איבערגעפרעגט נאָך אַמאָל — אָ, זי איז מיט אונדז אין אַ באַהעלטעניש ביי אַ באַקאַנטן פויער. זי האָט מיך געשיקט געוואויער ווערן וואָס עס טוט זיך ביי אייך. כ'מוז איצט גיין צוריק, איידער סאָניע האָט נאָך אָנגעהויבן מיך באַוויינען. כ'האָב צוגעזאָגט, אַז איך וועל באַלד צוריקקומען. קום, נאַדיע, פאַרמאַך נאָך מיר די טיר.

* * *

ווען נאַדיע איז געקומען צוריק, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף משה'ס בעט און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— נו, האָבן מיר, הייסט עס, געזען דעם טייוול און אויסגעפונען, אַז ער איז פאַרט נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מען מאָלט אים.

— אמת, — האָט משה געענטפערט אויך מיט אַ זיפץ, — אַ שאָד נאָר וואָס עס איז אַזוי קאַלט אין שטוב.

— קאַלט, זאָגסטו? אויף דעם האָבן מיר דאָך אַן אַלטע גוטע עצה.

נאַדיע האָט אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל אויפן קאָמאָד, איז אַרייַנגעקראָכן אַן אָנגעטאָענע אונטער די צוויי קאָלדרעס אין משה'ס בעט

און דאָס ערשטע מאָל פאַר פיל, פיל יאָרן זיך צוגעטוליעט צום שוואַכן קערפּער פון איר קראַנקן מאַן.

זי האָט אים אַרומגענומען, געגלעט זיין שטערן מיט אַ ציטערדיי־קער האַנט און געפרעגט:

— נו, משה, איז דיר איצט וואַרעמער?

משה האָט געקושט איר האַנט און געזאָגט מיט אַ שוואַכער אומ־באַהאָלפענער שטימע:

— איך וועל מאָרגן אויפשטיין, נאַדיע...

נאַדיע האָט זיך נאָך שטאַרקער צוגעטוליעט צו אים.

אָ, ווי שטאַרק האָט זי געוואָלט ער זאָל אויפשטיין מאָרגן, אַ שטאַרקער, געזונטער מאַן און דער באַשיצער פון זיין משפחה...

20
אויף סאַראַטשקעס שפּורן

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע. די פולע לבנה אין הימל האָט זיך צעשיינט אַנטקעגן דער ווייסקייט פון שניי אויף די דעכער אין דער ראַשטשע, הינטער די פּלויטן פון שטאָט. אהרנען איז נישט שווער געווען נאָכצופאָלגען סאַראַטשקעס שפּורן. עס איז אים אָבער שווער געווען צו גיין, און ער האָט זיך אויסגעמאָלט ווי שטאַרק האָט זיך סאַראַטשקע אויסגעמאַטערט, ביז זי האָט דערגרייכט עפּעס אַ באַהעלטעניש, אויב דאָס איז איר געלונגען. ער האָט זיך צוגעאיילט, אָבער נישט געפּרוווט לויפן. ער האָט זיך גוט צוגעהערט צו יעדן שאָרך אין די הויפן און צו יעדן קלאַנג אין די גאַסן, וואָס דער ווינט האָט צו אים דערטראָגן.

דערגרייכט דעם גרויסן לײדיקן הויף, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. די שפּורן פון סאַראַטשקעס פיס האָבן געפירט איבערן הויף אין גאַס אַריין. אויב סאַראַטשקע איז פון דאַנען אַרויס אין גאַס, האָט זי שוין מער נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שפּורן. אָבער אהרן האָט באַ־שלאָסן אַרויסגיין פון דעם הויף און זען, צי ער קאָן נישט געפינען אויף יענער זייט טויער עפּעס אַ סימן, וואָס זאָל אים ווייטער

פירן מיט סאַראַטשקעס וועג. געגאַנגען איז ער נישט גלייך איבערן הויף. ער האָט זיך געהאַלטן נאָענט צו דער אָפּצוימונג אויף דער שאָטענדיקער זייט.

אינמיטן וועג צום טויער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קערפּער, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון דער אָפּצוימונג. ער איז צוגעלאָפן צום קערפּער אַזוי שנעל ווי דער טיפער שניי האָט אים געלאָזט. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו אים און האָט אָפּגעאָטעמט מיט דערלייכטערונג — ס'איז נישט געווען סאַראַטשקע, ס'איז געווען עפּעס אַ סאָלדאַט, אָנגעטאָן אין האַלב־ציווילע קליידער. זיין שאַפּקע מיט דער קאָקאַרדע איז געלעגן נעבן אים אויף דעם שניי. דער שניי אַרום אים איז געווען באַפלעקט פון בלוט און איינגעפרעסט. ער איז, ווייזט אויס, דערשאָסן געוואָרן דאָ אויפן פּלאַץ און נאָך געלעבט אַ קורצע צייט. אהרן האָט שוין געוואָלט אים אַרומגיין און פאָרזעצן זיין וועג, ווען ער האָט דערהערט אַ שוואַכן קרעכץ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך ווידעראַמאָל איבערגעבויגן איבער דעם מענטש אויפן שניי. דער מענטש האָט נאָך געלעבט. ער האָט באַוועגט מיט די הענט אין הענטשקעס, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איינקלאַמערן אין שניי און קריכן פאָרויס. ער האָט שטיל געקרעכצט אַ ווייל און ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. אהרן האָט פאַרביסן די ליפּ. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער האָט נישט געטאָרט בלייבן דאָ אויפן פּלאַץ צו־לאַנג. עס האָט אים בלויז געפעלט מען זאָל אים, אַ ייד, כאַפּן דאָ ביי דעם פאַרוווּנדעטן סאָלדאַט!... ער האָט געדאַרפט גיין אויף צוריק, אַזוי שנעל ווי מעגלעך, דאָרטן ביי וואַסיל באַטי אין דער באַהעלטעניש וואַרטן אויף אים סאָניע און דוד'קע. זיי דאַרפן אים האָבן. ער טאָר נישט איינשטעלן זיין לעבן צוליב איינעם, וואָס וואָלט אים, מסתמא, קאַלטבלוטיק דערשאָסן, אויב ער וואָלט אים באַגעגנט דאָ אויפן הויף אָן אומבאַהאָלפענעם.

אהרן האָט זיך אויסגעגליכן און האָט שוין געוואָלט פאַרלאָזן דעם פאַרוווּנדעטן, ווען יענער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די קני, זיך אָנגעבויגן אין אַ זייט און גלייך צוריקגעפאַלן אויפן רוקן. איצט איז ער

געלעגן מיטן פנים צו דער לבנה און באוועגט מיט די ליפּן, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן. ער איז געווען אַ יונגערמאַן אין סאַשעס יאָרן, וואָס האָט נאָך נישט אָנגעפאַנגען לעבן ווי עס דאַרף צו זיין. עס איז געלעגן אויפן שניי אַן אומבאַהאָלפענער יונג, באַדראָט פון טויט און אהרן האָט דערפילט אַז ער קאָן אים דאָ נישט איבערלאָזן, אַז אויב ער וועט עס טאָן, וועט ער האָבן דעם מענטש אויף זיין געוויסן ביז זיין אייגענער, לעצטער שעה לעבן.

ער האָט עטלעכע מאָל געמאַכט אַ פּאָר טריט אין דער ריכטונג פון גאס און האָט זיך ווידער אומגעקערט צום פאַרוווּנדעטן.

צום סוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן אים אַנטשלאָסן.

— כאָטש אים אין גאַס אַרויסטראָגן — האָט ער צו זיך געשעפּטשעט — אפשר וועט עמעצער פון די שכנים אים דאָרטן געפינען און אין שטוב אַריינגעמען.

ער האָט זיך צום דריטן מאָל אָנגעבויגן צו דעם פאַרוווּנדעטן. ער האָט אים אויפגעזעצט, צוגעצויגן צו דער אָפּצוימונג, אויפגעשטעלט, זיך אָנגעבויגן, איבערגעוואָרפן דעם פאַרוווּנדעטן איבער דער פּלייצע און אים אויפגעהויבן. אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען קאָזשוך, איז דער פאַרוווּנדעטער געווען זייער שווער, אָבער אהרן האָט געפילט, אַז ער האָט נישט קיין ברירה. מיטן פאַרוווּנדעטן אויפן רוקן איז ער פאַרזיכטיק אַרויס פון הויף אין גאַס אַריין.

* * *

סערגעי סמירנאָוו איז לאַנג אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן פון שטאָט אָן קיין שום צוועק. דאָס הויז פון סאַראָטשקעס עלטערן האָט ער נישט געפונען, אָבער ווען ער איז געקומען אין גאַס, ווו זיי האָבן געוווינט איז שוין דאָרטן געווען שטיל. נאָר די שפּורן פון פיל מענטשלעכע פיס און שליטנס אויפן שניי ביי דעם אָדער אַנדערן הויז האָבן אָנגעדייט, אַז ערשט מיט אַ קורצער וויַיל צוריק האָבן זיך דאָ אָפּגעטאָן זאַכן. איצט איז שוין אָבער געווען נאָך אַלעמען, און סערגעי סמירנאָוו

האָט באַשלאָסן נישט באַאומרויקן די מענטשן אין די הייזער. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז זיי קאָנען אים אָננעמען פאַר אַ פאַרשפּעטיקטן רויב־פויגל, און ער האָט זיך פאַררויטלט פון שאַנד. אַ פאַרהאַרטעוועטער פראָנט־קאָמאַנדיר און פערזענלעך אַ זויבערער מענטש, איז ער געווען אין דער אייגענער שטאָט, ווו ער האָט פאַרבראַכט דעם שענסטן טייל פון זיין לעבן. ער איז נישט געווען דערצויגן אַלס אַ רויבער, און גראָד דאָ איז אים געווען באַזונדער פּיינלעך צו פילן, אַז ער געהערט צו דער אַרמיי, וואָס פירט זיך אויף, ווי „אַ באַנדע געמיינע רויבער״, ווי זיין פאָטער האָט עס באַצייכנט.

ער האָט זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן אין גאַס, ווו סאַראַטשקעס עלטערן האָבן געוווינט. ער איז אַוועק צו דער געביידע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. דאָרטן איז געווען דער זאַמל־פּונקט פאַרן צוריק־טרעטנדיקן מיליטער.

אַרויס אין דער הויפּט־גאַס האָט ער זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. ער האָט דערזען אויף דער אַנדערער זייט גאַס פיר סילועטן פון אויפ־געהאָנגענע מענטשן. געוויגט און געדרייט פון זייט צו זייט דורכן ווינט אויף צוויי טעלעגראַף־סלופּעס, וואָס האָבן זיי אויף זיך געהאַלטן, האָבן זיי אויסגעזען ווי לעבעדיקע שאָטנס, וועלכע באַקלאָגן זיך אויפן ביי־טערן גורל. סמירנאָוון האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער הערט זיי קלאָגן, וויינען און קרעכצן שטילערהייט. דער איינדרוק איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך באַלד געלאָזט לויפן איבער דער גאַס צו די טעלעגראַף־סלופּעס, ווי ער וואָלט זיי נאָך געקאָנט מיט עפּעס אַרויסהעלפן.

ערשט ווען ער איז אָנגעקומען צו איינעם פון די סלופּעס, האָט ער זיך גענומען אין די הענט. ער האָט נאָך געהערט דאָס קלאָגן און דאָס וויינען, אָבער ס'איז געווען נאָר דער ווינט, וואָס האָט אונטערגעכאַפּט די אָפּגעריסענע קלאַנגען אין די גאַסן פון שטאָט און האָט זיי אויסגע־פלאָכטן אין אַ מאָנאָטאָנעם קלאָג־ליד.

ערגעצווו האָבן איבערגעשראָקענע מענטשן געשריגן אין אַ גע־שענדעטער היים, און דער ווינט האָט געקלאָגט, געוויינט און געטראָגן דעם טרויער איבער דער פאַרשנייטער שטאָט.

אַ וועלט איז געלעגן אין גסיסה. און כאָטש סערגעי סמירנאָוו האָט געהאַלטן די וועלט פאַר אַן אייגענער, האָט ער אָבער געפילט אַ פרעמדע נשמה אין די גסיסות. עס האָט אים ווי געטאָן פאַר רוסלאַנד, פאַרן רוסישן פאָלק. עס האָט אים ווי געטאָן פון דעם באַוווסטזיין, אַז ער פאַרשטייט נישט דאָס פאָלק און זיך אַליין, אַז ער ווייסט נישט וואָס ער זאָל טאָן מיט זיך.

ער האָט פלוצים דערפילט ווי דער פראָסט קלייבט זיך אַריין אונ־טער זיין לייכטן אָפיצירן־שינעל און אין די שמאָלע שטיוול. ער האָט אָנגעהויבן פרירן און זיך געכאַפּט, אַז ער שטייט נאָך אַלץ ביי די טע־לעגראַף־סלופּעס אונטער די געהאָנגענע יידן — פיר עדות פון זינלאָ־זער בלוט־פאַרגיסונג. ער האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט דער האַנט אין דעם הענטל פון זיין שווערד און איז אַוועק צו דער געביידע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וווּ עס איז שוין געווען פאַרזאַמלט אַ היפּשער אָבאָז.

ער איז געגאַנגען אַנטלאַנג דעם וואַקסנדיקן אָבאָז, האָט געזוכט פאַרצווייפלט אַן אייגענעם מענטש, וואָס וואָלט געקאָנט אים פאַרשטיין, און געפונען נאָר פרעמדע זאַכן. די זאַכן האָבן פאַרנומען זיין פּלאַץ אויף די שליטנס; אויף איין שליטן איז עס געווען אַ פרעמדער טשע־מאָדאַן, מיט אַן אַראָפּגעריסענעם שלאָס, אויפן צווייטן — אַן איינזאַמער נאַקעטער, פאַרפרוירענער סאַמאָוואַר, וואָס האָט געבענקט נאָך דער אייגענער וואַרעמער היים...

עמעצער האָט סמירנאָוון אָפּגעשטעלט.

— וווּהין גייסטו סמירנאָוו? — ס'איז שוין צייט זיך צו רירן פון אָרט. און וווּ איז דיין פעלץ? פאַרוואָס האָסטו זיך קיין וואַלענקעס נישט פאַרשאַפט?

סמירנאָוו האָט דעם מענטש נישט דערקענט. ער האָט אים גע־ענטפערט מאַכאַניש:

— באַלד, באַלד וועל איך ברענגען דעם פעלץ.

אָבער ער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם פעלץ איצט ביים סוף, ווי ער האָט נישט געטראַכט וועגן רויב ביים סאַמע אָנהויב פון וועג.

עס איז נישט געווען די וואַרעמקייט פאַר זיין קערפּער, וואָס ער האָט איצט געזוכט. ער האָט געזוכט אַ גלייכן וועג, און האָט קיין שום וועג נישט געזען.

ער איז געגאַנגען אַנטלאַנג דעם אָבאַז אַזוי לאַנג, ביז עס איז שוין מער קיין וואָגן נישט געווען און קיין קלאַנגען פון מענטשלעכע שטימען זיך מער נישט געהערט. דאַן האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן און פאַרלאָזט די גרויסע גאַס.

נישט־ווייט פון זיין אייגענער היים האָט ער זיך אַנגעשטויסן אויף אהרנען און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זיין רעוואָלווער:

— שטיי, ווער גייט עס?!

אהרן האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגענומען פון זיך דעם פאַר־ווונדעטן, אים אַוועקגעלייגט אויפן טראָטואַר און האָט געענטפערט שטיל און פשוט:

— כ׳האָב אַ פאַרוווּנדעטן סאָלדאַט געפונען, מען וואָלט אים גע־דאַרפט אין אַ שטוב אַריינטראָגן, קאָנט איר מיר העלפן?

אהרן האָט מורא געהאַט, אַז דער מענטש מיטן רעוואָלווער אין האַנט וועט אים נישט גלויבן. אָבער ער האָט זיך באַמיט דאָס נישט אַרויסצווייזן. די לבנה האָט באַלויכטן זיין פאַרמאַטערט פּנים און סמירנאָוו האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס ליכט קומט פון זיין פּנים גופא.

מיט עפּעס האָט ער אים דערמאָנט אין איליא סעמיאָנאָוויטש לע־קאַר, ווי ער האָט אים באַגעגנט אין דעצעמבער 1916, אויף דער מלי־נער באַן־סטאַציע. אָבער ער אַליין איז שוין ווייט אַוועק פון יענע טעג.

ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו אהרנען און האָט אים דערקענט.

— איר זענט, דוכט זיך, הער לעסניק?

— יאָ, איך בין לעסניק.

— ווי קומט איר אַהער? ווו האָט איר געפונען דעם פאַרוווּנדעטן?

— דאָ, נישט־ווייט הינטערן פּלויט, אויף אַ ליידיקן הויף.

סמירנאָוו איז צוגעגאַנגען צום קערפּער אויפן טראָטואַר, ער האָט זיך אָנגעבויגן צום פאַרוווּנדעטן, האָט באַלד דערקענט דעם סאָל־דאַט, פון וועלכן ער האָט געראַטעוועט סאַראַטשקען, און האָט זיך דער־

מאָנט, אַז סאַראָט־שקע איז סאַשע לעסניקס פרוי.

ווייזט אויס, אַז סאַשעס פאָטער האָט געזוכט סאַראָטשקען און גע־פונען דעם אויסוואורף, אָבער ווי קומט עס, וואָס לעסניק האָט איינגע־שטעלט זיין לעבן אים צו ראטעווען? ער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַלץ וואָס דער ייד האָט איבער־געטראָגן דורך די לעצטע עטלעכע חדשים. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די פיר מענטשן אויף די טעלעגראַף־סלופעס און זיך פאַרשעמט.

סמירנאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, און נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, געפרעגט שטיל:

— איר זוכט סאַראַ מאָיסעיעוונאַ?

איצט האָט אהרן פארשטאַנען, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ פריינד.

— יאָ, איר ווייסט ווו זי איז?

— זי איז ביי אונדז.

סמירנאָוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

— איך בין סמירנאָוו. איר קענט מיין פאָטער?

— יאָ, איך קען אים זייער גוט.

— פארשטייט איר, הייסט עס, אַז זי איז ביי אונדז אין פולער זיכערקייט.

— ס׳איז זייער אָנגענעם דאָס צו הערן.

— זייט איר זיכער אַז איר קאָנט איצט גיין אַהיים אָן אַ באַגלייטער?

— אָ, יאָ, איך וועל שוין געפינען דעם וועג אַהיים. אָבער וואָס וועט זיין מיטן פארוואונדעטן?

סמירנאָוו האָט נאָכאַמאָל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איך וועל אים איבערנעמען — האָט ער געזאָגט גאָר שטיל — גייט זיך רויק אַהיים, אָבער מיידט אויס די הויפּט־גאַס. די עוואַקואַציע איז נאָך נישט פאַרענדיקט.

* * *

געבליבן אַליין האָט סערגעי סמירנאָוו זיך אָנגעשפּארט אויף אַ פּלויט און אָנגעצונדן מיט דער ציטערנדיקער האַנט אַ שוועבעלע. ער

האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און געלאָזט ברענען דאָס שוועבעלע אין דער האַנט, ביז עס האָט אים אַ ברען געטאָן די פינגער. ער האָט נער־וועז גערויכערט אַ ציג נאָך אַ ציג און געפּרוּווט זיך אויף עפּעס אַנטשליסן. ער האָט נישט געזען קיין אויסוועג. ער האָט פאַרלוירן זיין שלאָכט און נישט געהאַט צו וועמען זיך אַנשליסן. זיינע פריינד און שונאים האָבן זיך אויסגעמישט אין איין פרעמדן לאַגער, ווו ער האָט זיך נישט גע־קאָנט געפינען קיין פּלאַץ. ער האָט נישט געוואָלט ווערן קיין מאָראָדער; און נישט געקאָנט ווערן קיין דעזערטיר און איבערלויפער; ער האָט נישט געזען קיין שום זין אין זיין אייגענעם זיך. ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון זיין לעדער־טאַש, אויפגעהויבן דאָס זיכערקייט־קנעפּל און אַריינגענומען דאָס שטאָלענע רערל צווישן די ציין. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, אָנגעדרוקט אויפן צינגל און זיך לאַנגזאַם אַראָפּ־געלאָזט ביים פּלויט אויפן ווייסן שניי.

* * *

אהרן האָט דערהערט דעם שאָס, ווען ער איז נאָך געווען אינעם גרויסן הויף. ער האָט זיך צוגעאיילט צו פאַרלאָזן דעם הויף, און זיך דערפילט אין זיכערקייט ערשט אין דער ראָשטשע. דאָ האָט ער אָבער דערפילט די קעלט. זיין לייכטער מאַנטל, וואָס האָט געשמעקט מיט קעראָסין, און איז געווען באַדעקט מיט אייז־שאָלעכץ, האָט פּלוצים ווי זיך אָפּגעזאָגט אים צו דינען. אהרן האָט אָנגעהויבן פרירן, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זיין לעבן. ער איז געגאַנגען איבערן טיפן שניי פון ראָשטשע, אַזוי ווי סאַראָטשקע האָט עס פריער געטאָן; געגאַנגען אַ וויילע, דאַן געפּרוּווט לויפן; געפאַלן, אויפגעשטאַנען, און דאַן ווידער געגאַנגען. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל צו דער וואַרעמקייט פון שטוב זיך נישט דערשלאָגן.

ווען ער האָט ענדלעך דערגרייכט די כאַטע פון אַלטן וואסיל באַטי, האָט ער גאָרנישט דערציילט דער פאַרוויינטער סאָניען. ער האָט גע־טרונקען אַ גלעזל היימיש־געמאַכטן בראָנפן, האָט זיך פאַרקליבן אויפן

אויוון אין דער קליינער כאַטינע און ס'איז אים פּלוצים ווויל געוואָרן פון באַוווּסטזיין, אַז עס איז דאָ נאָך אַזוי פיל וואַרעמקייט אויף דער וועלט...

* * *

אויף צו מאָרגנס אינדערפרי האָט די משפחה לעסניק געפונען אַ ליידיקע היים. פון דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט און צערויבטן הויז איז געבליבן נאָר די קליינע ביבליאָטעק. די ביכער זענען אָבער גע־לעגן אויפן דיל מיט צעשניטענע טאָוולען.

מען האָט אין זיי געזוכט געלט.

* * *

דעמזעלבן אינדערפרי האָט מען אַראָפּגענומען די פיר קערפּערס פון די פאַרפייניקטע יידן פון די פאַרפרוינע טעלעגראַף־סלופּעס און זיי געבראַכט צו קבר ישראל.

אין מליני האָט זיך צום דריטן מאָל איינגעשטעלט די מאַכט פון די סאָוויעטן.

21
אין די הענט פון אַ באַפולמעכטיקטן

עס איז פאַרביי נאָך אַ יאָר בירגער־קריג, באַגלייט מיט שטייגנדן הונגער און עפּידעמיעס. דער טויט האָט פאַרגעזעצט דעם שניט פון לעבנס אין די שטעט און אין די דערפער פון לאַנד. עס האָט זיך גע־קאָנט אויסדוכטן, אַז מענטשן האָבן אויפגעהערט שטאַרבן מיט אַ נאַ־טירלעכן טויט. איינער איז געפאַלן פון עמעצנס אַ קויל אָדער שווערד, דער צווייטער איז געשטאָרבן פון הונגער; ביים דריטן האָט דער טיפוס צוגענומען דאָס לעבן. יעדער טאָג האָט געבראַכט אַ נייעם טרויער אין אַן אַנדערער היים.

אין דעם הינזיכט זענען די משפחות גאָטליב און לעסניק געווען

די גליקלעכע. משה גאָטליב האָט איבערגעלעבט זייער אַ גרויסע צאָל יונגע, געזונטע מענטשן. זיין זון העסיע האָט אויסגענוצט אַ געלעגנהייט און איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. סאָראַטשקע איז קראַנק געוואָרן אויף לונגען דערציִנדונג, נאָך יענער נאַכט פון פּאָגראָם, אָבער זי איז געבליבן לעבן. איר מאַמע, די ענערגישע, אונטערנעמערישע נאָדיע, האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אויף די פיס. זי האָט נישט געהאַט קיין צייט צו קרענקען.

וואָס שייך דער משפחה לעסניק, האָבן זיי געטרויערט נאָר נאָך איין מענטש, נאָך אַבראַשקען. סאַשאַ איז „אויפגעשטאַנען תחית המתים" אַזוי שנעל, ווי פּראַכאָר פּאָטאַפּאָוו האָט אים געגעבן אויף דעם זיין פּערזענלעכע דערלויבעניש, און איז באַלד געקומען אַהיים (און באַלד געקראָגן דעם צונאָמען קאָטשעגאר, קעסל־הייצער). אמת, לאַנג אין דער היים איז ער נישט געבליבן; מען האָט אים ווידעראַמאָל מאָביליזירט, איצט שוין אין דער רויטער אַרמיי. אָבער ער האָט געלעבט. דוד׳קע און ליובא האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט טיפוס און דאָך אָפּגעזאָגט זיך צו געזעגענען מיט דער ליכטיקער וועלט. אהרן און סאָניע האָבן זיך דער טיפוס־עפּידעמיע נישט אונטערגעגעבן, אָבער זיי האָבן זיך שטאַרק געעלטערט און געענדערט אין זייער אויסזען.

פון זייער אַמאָליקן וווילשטאַנד איז שוין אפילו קיין סימן נישט געבליבן. אַוועק מיטן רויך זענען אַלע סאָניעס האַנטיכער. אירע בעטן זענען געוועזן צוגעדעקט מיט רויע, בייסיקע קאָצן, וואָס פריער וואָלט מען זיי אפילו אויף די דילן נישט אַוועקגעלייגט. סאָניע אַליין האָט געלעבט ווי אַ פּויערטע, אהרן — כמעט ווי אַ פּויער. מ׳האָט אים אָפּט געזען מיט אַ האַק, אָדער קאָסע אין האַנט. אינגאַנצן קיין פּויער איז ער אָבער נישט געוואָרן. מען האָט אים ווידעראַמאָל מאָביליזירט אַלס אַ „ספּעציאַליסט" און ער האָט צוריק געאַרבעט אין וואַלד־אָפּטיילונג פון מלינער ראַט פאַר פאָלקס־ווירטשאַפט.

די יאָרצייט נאָך די פיר אויפגעהאָנגענע יידן אין דעם גרויסן פּאָגראָם האָט אים געטראָפן אין זיין קאַבינעט ביי דער אַרבעט. ער האָט נישט געקאָנט זיך צווינגען צו האָבן צו טאָן מיט די פּאַפּירן אויף זיין שרייב־

טיש. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ כוואַליע דערינערונגען, וואָס האָבן אים געבראַכט כמעט צום סאַמע אָנהויב פון דער מעשה. ער האָט זיך אפילו דערמאָנט אין פּאַנקראַט פּאַדפּרוהאַ און געטראַכט:

— די שטאָט האָט נישט דערלאָזט צו קיין תליה פּאַר געמיינע רוצחים.

— די שטאָט האָט אָבער דערלעבט אַ תליה פּאַר ווילע, פרומע מענטשן.

— ווי גרויס קאָן זיין דער אונטערשיד צווישן מענטש און מענטש?

— ווי גרויס איז דער אומגליק פון מלחמה, וואָס ברענגט אַרויס דאָס חיה׳שע אינעם מענטש און פאַרוואַנדלט מאָרד אין אַ לעגאַלער טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג?

— ווי שווער איז דער אומגליק פון בירגער־קריג?

— ווי שווער איז דער גורל פון יידן?

אהרן האָט גענומען אַ פען אין האַנט און פאַרשריבן די געדאַנקען אויף אַ בלעטל פּאַפּיר. ער האָט געוואָלט דאָס בלעטל צוזאַמענלייגן און אַריינלייגן אין דער קעשענע, ווען עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און זי באַלד געעפנט.

אהרן האָט אַוועקגעלייגט דאָס בלעטל פּאַפּיר אין אַ זייט און גע־זאָגט מיט אַן איראָנישן שמייכל צו עפּעס אַ יונגנמאַן, וואָס איז שוין געווען אַריינגעגאַנגען:

— קומט אַריין, שעמט זיך נישט...

דער יונגערמאַן האָט איגנאָרירט די איינלאַדונג און אהרנס איראָ־נישן שמייכל. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס נויטיקט זיך נישט אין אַזעלכע זאַכן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין האַלב־מיליטערישע קליידער, געטראָגן אַ גרויסע שאַפּקע, אַ ווייסן פּאָלושובאָק, שוואַרצע כראָם־שטיוול און איבערן פּאָלושובאָק אויפן פּאַסיק אַ רעוואָלווער. ער האָט געהאַט אַ יונגן און אפילו שיינעם, אָבער בייזן פּנים פון אַ מענטש, וואָס פילט זיך שטאַרק באַעוולה׳ט און איז אַנטשלאָסן מער קיין עוולהס נישט אויסצושטיין פון מענטשן, וואָס זענען זיינע שונאים. ער האָט געהאַלטן אַ ברוינעם פּאָרטפעל אין דער האַנט.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, באַקוקט אהרנס קאַבי־נעט מיט אומצוטרוי און געפרעגט שטרענג:

— איר זענט עס דער פאַרוואַלטער פון דער וואַלד־אָפּטיילונג?

— יאָ, איך בין עס דער פאַרוואַלטער.

— גיט באַלד אַ פאַראָרדענונג צום בוכהאַלטער, ער זאָל מיר איבערגעבן אַלע ביכער פון דער אָפּטיילונג.

אהרן איז געווען דערשטוינט:

— גאָר אַזוי?! הערט זיך צו יונגערמאַן: אַז אַ מענטש גייט אַריין צו עמעצן אין שטוב שטעלט ער זיך צוערשט פאָר — מען רופט מיך אַזוי און אַזוי, איך בין דער און דער... איך האָב נאָך נישט קיין אנונג מיט וועמען איך האָב צו טאָן און איר פאַרלאַנגט שוין ביי מיר די ביכער.

דער יונגערמאַן האָט אַ שמייכל געטאָן קרום און האָט געענט־פערט: — איר פאַרלאַנגט, הייסט עס, מיינע דאָקומענטן?

— איך וויל וויסן מיט וועמען איך האָב די ערע צו רעדן — האָט אהרן געענטפערט טרוקן.

דער יונגערמאַן האָט ווידעראַמאָל אַ שמייכל געטאָן קרום, האָט אַרויסגענומען אַ לאַנג, שמאָל פּאַפּירל פון זיין פּאָרטפעל, איז צוגע־גאַנגען צום טיש און דערלאַנגט דאָס פּאַפּירל צו אהרנען:

— לייענט עס אויפמערקזאַם, אפשר וועט איר זיך פילן בעסער פון דעם.

אהרן האָט געלייענט מיט אויפמערקזאַמקייט און אויסגעפונען, אַז דער באַזיצער פונעם צעטל איז איגנאַט גאַוורילאָוויטש פּאַוולענקאָ, אַז ער איז באַפולמעכטיקט צו קאָנטראָלירן אַלע אַנשטאַלטן פון שטאָט; אַז ער האָט רעכט צו אַרעסטירן אַלע פיינטלעכע עלעמענטן צווישן די אָנגעשטעלטע און אַז אַלע אָנגעשטעלטע ווערן אויפגעפאָדערט צו געבן אים פולשטענדיקע קאָאָפּעראַציע. אויפן מאַנדאַט איז געווען דער שטעמפּל פון גוב־טשעקאַ.

אהרן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ס׳איז אים בפירוש נישט געפעלן געוואָרן דער איינפאַל צו געבן אַזאַ ברייטע פולמאַכט צו

איין מענטש, בפרט, אַז דער מענטש איז נאָך יונג און שוין אַזוי פֿאַרביטערט. אָבער, מאַלע וואָס ס'איז אהרנען נישט געפֿעלן געוואָרן. ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו האַלטן זיין מיינונג פֿאַר זיך אַליין זינט די „אַלטע גוטע ציימן", ווי מען פֿלעגט זיך אויסדריקן אין מליני. ער האָט אומגעקערט דעם יונגענמאַן זיין מאַנדאַט און געזאָגט, ווידער טרוקן:

— פֿון דעם האָט איר געדאַרפֿט אָנפֿאַנגען. איכ'ל, פֿאַרשטייט זיך, זען, אַז מען זאָל אייך איבערגעבן אַלע ביכער.

אהרן האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון פּלאַץ און געוואָלט אַרויסגיין פֿון קאַבינעט, אָבער איגנאַט פּאַוולענקאָ האָט אים אָפּגעשטעלט און האָט אים געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון באַפֿעל:

— נעמט מיט אייער מאַנטל.

— מיין מאַנטל?!

— דעם מאַנטל און די שאַפּקע, איר וועט גיין מיט מיר.

— וווהין?

— דאָס וועלן מיר שפּעטער זען.

אהרן האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס ווי איינער זאָגט: — אַ נייע אָנשיקעניש!.. — און אַראָפּגענומען זיין מאַנטל פֿונעם הענגער, וואָס איז געשטאַנען אין זיין קאַבינעט. דאָס איז געווען דער זעלבער מאַנטל מיט וועלכן אהרן האָט פֿאַראַיאָרן פֿאַרלאָשן דעם ברע־נענדיקן לאָמפּ אויפֿן דיל פֿון נאַדיעס קיך און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער פֿילט נאָך דעם ריח פֿון קעראָסין. ס'איז אים איינגעפֿאַלן, אַז דער חברה־מאַן, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם לאָמפּ אויפֿן דיל, האָט מסתמא אויסגעזען פּונקט אַזוי ווי איגנאַט פּאַוולענקאָ, אָבער ער האָט באַלד אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס זענען אַלץ איינדרוקן פֿון אַ מענטש, וואָס קאָן זיך דערוויייל קיין עצה נישט געבן. ער האָט זיך אָנגעטאָן און פֿאַרלאָזט דעם קאַבינעט.

אין אַ שעה אַרום איז ער שוין געזעסן ביי אַ טיש אין אַ פֿאַר־שטויבט, שמוציק צימער פֿון אַן אַלטן פֿאַרנאַכלעסיקטן האָטעל. איגנאַט פּאַוולענקאָ איז געזעסן ביים זעלבן טיש און האָט אויסגעפֿילט אַ

בלאַט פּאַפּיר מיט אהרנס ענטפערס אויף זיינע פראַגעס. די פראַגעס האָבן מערסטנס געהאַט צו טאָן מיט אהרנס לעבן פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע. ווען אהרנס גאַנצע לעבנס־געשיכטע איז שוין געווען פאַרשריבן אויף דעם פּאַפּיר און ווען אהרן האָט דערזען, אַז עס איז דאָרטן נישט פאַרשריבן קיין טויזנטסט חלק פון דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און איבערגעטראַכט, האָט איגנאַט פּאַוולענקאָ אַוועקגעלייגט זיין פען אין אַ זייט, אַנגעצונדן אַ שוועבעלע און פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל. דאַן האָט ער אַנגעשטעלט אַ דורכדרינגענדיקן בליק אויף אהרנען און אים געפרעגט:

ווי איז אייער באַציונג צו דער סאָוויעטן־מאַכט?

אהרן האָט נישט דערוואַרט די פראַגע, אָבער ער האָט געוואָלט זיין געטריי צו זיך אַליין, האָט ער געענטפערט שטיל און רויק:

— די פראַגע איז נישט אַזוי פּשוט, מען זאָל אויף דעם קאָנען ענטפערן אין אַ פּאָר ווערטער.

— פאַרוואָס נישט? אַלץ וואָס איך פרעג ביי אייך, איז וועגן אייער באַציונג: אַ פיינטלעכע, אָדער פריינטלעכע, אַ נעגאַטיווע אָדער פּאָזיטיווע?

— גוט, זאָל זיין אַזוי. פאַרשרייבט, אַז מיין באַציונג צו דער סאָוועט־מאַכט איז טיילווייז אַ פּאָזיטיווע און טיילווייז אַ נעגאַטיווע.

איגנאַט פּאַוולענקאָ האָט צוגעקוועטשט זיין נישט דעררויכערטן ציגאַרעטל אויפן אַלטן, נאַקעטן טיש און גענומען מיט כעס די פען אין האַנט צו פאַרשרייבן דעם ענטפער. ער האָט נישט דערוואַרט אַזאַ ענטפער. ער איז געווען זיכער, אַז אהרן וועט זיך פאַרלירן, אַז ער וועט אָנהויבן שטאַמלען און שליסלעך זיך דערקלערן פאַר אַ גרויסן חסיד פון סאָוועט־מאַכט, כאָטש אויף זיין פּנים וועט זיין אָנגעשריבן אַז ער זאָגט אַ ליגן, אַז ער פרוווט אָפּנאַרן אַ מענטש, וואָס איז אַ גוטער מבין אויף אים. אַנטוישט מיט אהרנס ענטפער האָט פּאַוולענקאָ געוואָלט פאַרשרייבן, אָבער ער האָט ווידער אַוועקגעלייגט די פען:

— וואָס הייסט: טיילווייז — פּאָזיטיווע, טיילווייז — נעגאַטיווע?

— האָט ער געזאָגט מיט אויפרעגונג, — וואָס איז פּאָזיטיוו און וואָס איז נעגאַטיוו?

— וואָס איז פּאָזיטיוו? איכ׳ל אייך זאָגן וואָס איז פּאָזיטיו. דער חלום איז פּאָזיטיוו, דער אידעאַל, דער דראַנג צו אַ בעסער לעבן, דער פּרווו צו דערהויבן דעם פּשוטן מענטש, צו באַפרייען אים פון אַלטע פאָראורטיילן, דער פּרווו צו פאַרברידערן די פעלקער — דאָס גלויב איך איז פּאָזיטיוו.

— און וואָס איז נעגאַטיוו? — האָט פּאַוולענקאָ געפרעגט מיט אומזיכערקייט.

— לאָמיך זיין מיט אייך אָפנהאַרציק. נעגאַטיוו זענען אַזוינע זאַכן, ווי צום ביישפּיל דער איצטיקער שמועס צווישן אונדז ביידע. אַן אַזעלכע זאַכן וואָלט מען זיך געקאָנט זייער גוט באַגיין. דאָס גאַנצע פאָלק וואָלט זיך געקאָנט אָן זיי באַגיין און איך פּערזענלעך אויך...

— דאָס גלויב איך אייך — האָט איגנאַט פּאַוולענקאָ געענטפערט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל. ער האָט ווידער גענומען די פּען אין האַנט. האָט פאַרשריבן אהרנס ענטפער, געגעבן אהרנען צו אונטער־שרייבן דעם פּראָטאָקאָל פונעם פאַרהער, אַריינגעלייגט דעם פּראָ־טאָקאָל אינעם פּאָרטפעל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, אַרויסגענומען פונעם פּאָרטפעל אַן אַנדער בלאַט פּאַפּיר, אויסגעפילט דאָס בלאַט מיט עטלעכע גלייכע שורות פון קליינע אותיות, זיך אונטערגעשריבן קונציק, אַוועקגעשטעלט אַ שטעמפּל און צו זיך צוגערופן אַ רויט־אַרמייער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר:

— קום אַהער נאַזאַראָוו, נעם דאָס צעטל און פיר אַוועק דעם בירגער לעסניק אין טורמע.

— אין טורמע — איז אהרן געווען דערשטוינט — פאַרוואָס?

— זייט אַזוי גוט בירגער לעסניק, מאַכט זיך נישט טאַמעוואַטע. איר ווייסט זייער גוט פאַרוואָס.

אהרן איז געוואָרן בלייך. ער האָט אַ קוק געטאָן שטרענג, מיט פאַרוואורף אין די אויגן, אויף דעם יונגנמאַן מיטן רעוואָלווער

ביי דער זייט און געזאָגט רויק:

— בירגער פּאַוולענקאָ, איך האָב געלייענט אייער מאַנדאַט זייער אויפמערקזאַם און עס שטייט דאָרטן נישט געשריבן, אַז איר זענט באַפולמעכטיקט צו באַליידיקן אַ מענטש.

— ווער הייסט אייך זיך פילן באַליידיקט — האָט איגנאַט פּאַוולענקאָ געענטפערט מיט ביטול און גענומען פאַרשפּילעווען זיין פּאָרטפעל.

אהרן האָט זיך פון אים אויסגעדרייט, אויפגעשטאַנען פון שטול, איז אַוועק צו דער טיר, באַגלייט פון דעם רויט־אַרמייער און האָט אַ בורטשע געטאָן אונטערן נאָז דאָס זעלבע וואָרט, וואָס דער אומגליקלעכער אַבראַשקא האָט זיך אַמאָל מיט אים באַנוצט:

— אידיאָט...

פּאַוולענקאָ האָט עס דערהערט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן רעוואָלווער, אָבער באַלד צוריקגעצויגן די האַנט. ער איז געוואָרן זייער בלייך. ער האָט געעפנט דעם פּאָרטפעל, אַרויסגענומען פונעם פּאָרטפעל דעם פּראָטאָקאָל, צוגעשריבן אונטער אהרנס אונטערשריפט — „ספּעציעלע באַמערקונג: אַ פאַרביסענער שונא פון דער אַרבעטער מאַכט״ און זיך אונטערגעשריבן מיט גרויס שווונג און עטלעכע ענערגישע דריידלעך, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז ער האָט שוין פון לאַנג געאיבט זיין האַנט פאַר אַזאַ געלעגנהייט.

* * *

איינגעזעצט האָט מען אהרנען אין אַ קליין קעמערל פאַר איינ־מענטש און כאָטש ער האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן פאַר וועלכע זינד קומט אים די שטראָף, און כאָטש ער האָט זיך ווידער געפילט אומבאַהאָלפן, האָט ער פונדעסטוועגן באַשלאָסן צו וואַרטן געדולדיק אויף דעם וואָס וועט קומען און דערווייל זיך גוט באַקענען מיט זיין ווי ער האָט געהאָפט, צייטווייליקער דירה.

די קאָמער איז געווען הויך און שמאָל. צו אַ פענצטער אין דער הויך אויף יענער זייט דיקער וואַנט האָט געפירט אַ שיפער אויס־

שניט, וואָס האָט נישט געלאָזט זען גאָרנישט חוץ דעם הימל. די קאַמער איז געווען כמעט פאַרשטעלט פון דער דרויסנדיקער וועלט, אָבער נישט אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן. אין דעם האָט זיך אהרן איבער־צייגט, ווען ער האָט באַמערקט די אומצאָליקע אויפשריפטן אויף די פּייכטע, שמוציקע ווענט. די אויפשריפטן זענען באַשטאַנען פון באַ־זונדערע ווערטער און פון גאַנצע פראַזן, איינגעקריצט אינעם קאַלך און אויף די נאַקעטע שטיינער פון וואַנט מיט פאַרשידענע האַרטע זאַכן. עס זענען דאָרט געווען פיל נעמען פון מענטשן, וואָס האָבן שוין נישט געלעבט אויף דער וועלט. עס זענען דאָרט געווען צום לייענען: לירישע פערזן און זידל־ווערטער. עס איז דאָרט געווען איינגעקריצט אין דער וואַנט דער לעצטער קרעכץ פון אַ פאַראורטיילטן צום טויט און די פרייד פון באַפרייאונג נאָך לאַנג־יאָריקער איינזאַמקייט. דורות קרימינעלע פאַרברעכער האָבן דאָ איבערגעלאָזט נאָך זיך סימנים, שפורן און נאָך זיי איז געקומען דער דור פון בירגער־קריג; אַרעס־טאַנטן, מערסטנס יונגע מענטשן, וואָס זענען קיין פאַרברעכער נישט געווען און דאָך פאַרענדיקט דאָ זייער לעבן. זיי האָבן דאָ, אויפן אייגנ־אַרטיקן אופן פאַרשריבן די געשיכטע פון בירגער־קריג און אהרן האָט געלייענט די אויפשריפטן ווי אַ בוך פון דערינערונגען.

אָט האָט ער געפונען אַן אויפשריפט מיט גרויסע, קרומע, צעדריי־טע בוכשטאַבן:

פאַנקראַט פאָדפּרוהאַ...

מער ווי דאָס האָט דער מענטש וועגן זיך נישט געקאָנט זאָגן.

אונטער אַן אַנדערן נאָמען האָבן זיך אָנגעזען פערזן צוזאַמענגעשטעלט מיט קליינע, אָבער קלאָרע אותיות, אויסגעקריצט מיט אַ געניטער פלינקער האַנט:

אַ שטיקל פון הימל,
אַ ברעקל פון לעבן.
דעם אומגליק פון זיין,
האָט דער גורל געגעבן
דעם דיכטער צווישן גנבים

און גנב צווישן די דיכטער

פּאַשקאַ וויעסיאַלי.

און ביי דער זייט אויף דער זעלבער וואַנט עטלעכע שורות גע־דרוקטע בוכשטאַבן פון פאַרשידענער גרויס:

ס׳איז מיין לעצטער טאָג לעבן, פּאַלינקע. און עס ווילט זיך וויינען און עס ווילט זיך שרייען און עס ווילט זיך אַוועקשטעלן פאַר דיר אויף די קני, בעטן מחילה פאַר די יסורים, וואָס איך האָב דיר פאַרשאַפן. פאַרגיב מיר מיין אומגליקלעכע כלה. געדענק, כ׳שטאַרב פאַר דער גערעכטער זאַך. — דערמאָנט מיך מיט אַ גוט וואָרט, ווען ס׳וועט קומען אונדזער פרילינג.

סאַשאַ פּאַליעוואָי.

און אויף דער אַנדערער וואַנט א צעקרימטע אויפשריפט:

עס איז נישטאָ מער קיין כוח צוליידן...

זיי האָבן אַראָפּגעריסן מיינע באַנדאַזשן.

איך גיי אויס מיט בלוט.

געדענקט מיינע ליידן, נעמט נקמה פון די ווייסע הינט!...

גרישאַ אַלמאַזאָוו.

און אין אַ ווינקל ביי די נאַרעס אַ קורצע אויפשריפט:

נעכטן דערשאָסן אויפן הויף

סטיאָפּאַ סורקאָוו.

איוואַן פּראַטשקין.

אַראָנטשיק מירקין.

איכ׳ל איך געדענקען ביז מיין לעצטן אָטעמצוג.

שורא פּעטרענקאָ.

אהרן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די נאַרעס און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער זיצט שבעה נאָך די יונגע מענטשן, וועמענס לעבנס און חלומות זענען געוואָרן צעריבן צווישן די מיל־שטיינער פון בירגער־קריג.

* * *

אהרנס ארעסט האט ארויסגערופן א גרויסע אויפרודערונג איז מליני. מענטשן האבן געשאקלט מיט די קעפ: ס'איז נישט קיין יושר־דיקע זאך! אנדערע האבן געזיפצט און געקנייטשט מיט די פּלייצעס. סא צעדרייטע וועלט. ווידער אנדערע זענען געלאפן צו איינפלוס־רייכע מענטשן, געבעטן, געפאדערט.

ליפא קרוטיקאוו האט געשווירן די האר דעם פארזיצער פון ראט פאר פאלקס־ווירטשאפט ביי אים אין דער היים, האט ער אים א פרעג געטאן:

חבר כווראסט, מעג איך אייך עפּעס זאגן?

— זיכער, פארוואס נישט.

— ס'איז געווען א גרויסער טעות צו ארעסטירן אראן איסא־יעוויטש.

— פארוואס? — האט אים געפרעגט פלאטאן כווראסט, וועלכער האט אויך געהאלטן, אז עס איז געווען א טעות, אבער געוואלט וויסן וואס אנדערע מענטשן דענקען וועגן דעם.

ליפא קרוטיקאוו האט אויפגעהערט ארבעטן מיט דער שער.

— פארוואס? — אט וועל איך אייך אויסרעכענען אויף די פינגער: — אראן איסאיעוויטש איז זייער אן ארנטלעכער מענטש, ער האט אין זיין לעבן קיינעם נישט אפגענארט, קיינעם נישט אנגעזידלט, ביי קיינעם גארנישט גענומען און פיל מענטשן זייער פיל געגעבן. א בורזשוי איז ער געווען, אבער א מענטש איז ער געבליבן. דאס איז אייך דער פאקט נומער איינס. איצט האט איר אים גענומען און אוועק־געזעצט אין טורמע, ווי ער וואלט געווען א גנב.

— פון וואנען ווייסטו פארוואס מען האט אים איינגעזעצט?

— פשוט, פלאטאן סעמיאנאוויטש, זייער פשוט: מען פירט איצט די קאמפּאניע קעגן די גניבות אין די סאוויעטישע אנשטאלטן. איג־נאט פּאוולענקא איז צוליב דעם געשיקט געווארן אהער. ער האט ארעסטירט אראן איסאיעוויטשן. הייסט עס, אז ער האט ארעסטירט

אַראָן איסאַיעוויטשן ווי אַ גנב און דאָס איז אייך דער פֿאַקט נומער צוויי. איצט פֿרעגט זיך אַ פֿראַגע: איז דאָס אַ ליגן, צי אַן אמת? אויב די מעשה איז אַ ליגן און פֿאַוולענקאָ האָט איינגעזעצט אַראָן איסאַיעוויטשן אומזיסט און אומנישט, טאָ ווי פֿאַסט אַזאַ זאַך פֿאַר אונדזער סאָוויעט־מאַכט? און אויב דאָס איז אמת, טאָ ווי קומט עס, אַז גראַד ביי אַזאַ פֿיינער מאַכט זאָל גראַד אַזאַ גוטער און ערנסט־לעכער מענטש זיך האָבן פֿאַרוואַנדלט אין אַ גנב?... עס שטימט דאָ עפּעס נישט. מען האָט נישט געדאַרפֿט פֿאַרקאָכן די קאַשע, חבר כוואָ־ראָסט. עס טוט מיר זייער לייד, אָבער איך מוז אייך דאָס אָפֿן זאָגן...

ליפֿאַ קריטיקאָוו האָט זיך גענומען ווידער צו שערן זיין קליענט מיט אַ ציטערדיק האַרץ פֿון מורא, אַז ער איז געגאַנגען אַ ביסל צו־ווייט. פּלאַטאָן כוואָראָסט האָט עס באַלד דערפֿילט און האָט אָפּ־געשטעלט ליפֿעס האַנט:

— גוט וואָס איר האָט מיר דאָס געזאָגט, חבר קרוטיקאָוו, אָבער צווישן אונדז ביידע גערעדט, וועט לעסניק לאַנג נישט זיצן. מען וועט אים מסתמא באַפֿרייען גאָר אינגיכן. צופֿרידן?

— איך האָב אין דעם קיינמאָל נישט געצווייפֿלט, — האָט געענטפֿערט ליפֿע. כ'האָב געוווסט, אַז מען וועט אים באַפֿרייען.

— פֿונוואַנען האָט איר דאָס געוווסט? — האָט פּלאַטאָן כוואָראָסט געפֿרעגט מיט אַ שמייכל.

— דעדוקציע, חבר כוואָראָסט, פּשוטע דעדוקציע.

* * *

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט פּלאַטאָן כוואָראָסט באַזוכט איגנאַט פֿאַוולענקאָן אין זיין האָטעל־צימער און האָט פֿון אים פֿאַרלאַנגט ער זאָל באַלד אונטערשרייבן אַ פֿאַראָרדנונג צו באַפֿרייען דעם אַרעסטירטן אַראָן לעסניק.

ער האָט זיך אפֿילו נישט אַוועקגעזעצט און גערעדט שטייענדיק. פֿאַוולענקאָ האָט אים געבעטן זיצן, אָבער ער איז נישט באַשטאַנען אויף דעם. ער האָט אויסגעהערט די פֿאָדערונג און געזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכל:

וואָס רייסט איר זיך די פּאָלע פֿאַר דעם דאָזיקן בורזשוי. וויניק

האָבן זיי אונדזערע לייט אומגעבראַכט אומזיסט און אומנישט? עס איז דאָ געגנוג בורזשויען אויף דער וועלט אָן אים.

פלאַטאָן כוואַראַסט איז געווען אַ מיטליאַריקער מאַן מיט אַ הויכן שטערן און קורצזיכטיקע אויגן. קיין ברילן האָט ער נישט געטראָגן, און ער האָט אויסגעזען אַזוי, ווי ס׳וואָלט פאַר אים געווען אַ גרויסע אָנשטרענגונג צו קוקן אויף דעם פאַרביטערטן, יונגן מענטש, וואָס איז געזעסן ביי אַ פאַרשטויבטן טיש, פאַרוואָרפן מיט פּאַפּירן. ער האָט אים געענטפערט טרוקן:

— מיר דאַרפן דעם מענטש האָבן.

— אַזאַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט איז ער ביי אייך?

— ער איז ביי אונדז אַ טיכטיקער אַרבעטזאַמער אָנגעשטעלטער.

— זייער אַן אַרבעטזאַמער — האָט איגנאַט פּאַוולענקאָ באַמערקט סאַרקאַסטיש — ער זיצט זיך אין זיין קאַבינעט און שרייבט פּאָעזיע, ציי פליאָזאָפיע — ווער ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס — אָבער ער טוט עס טיכטיק.

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— וואָס מיין איך? איך וועל דיר ווייזן וואָס איך מיין, חבר כוואַראַסט.

דער באַפולמעכטיקטער האָט געעפנט זיין פּאַרטפעל, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ צעטל און עס דערלאַנגט צו פלאַטאָן כוואַראַסט.

כוואַראַסט האָט צעשפּילעט זיין פּעליץ, אַרויסגענומען די ברילן אין זילבערנעם רעמל, זיי אָנגעטאָן און אָנגעהויבן לייענען שטיל:

— צום יאָרצייט פון צען אויפגעהאָנגענע.

— ווי גרויס קאָן זיין דער אונטערשיד צווישן אַ מענטש און מענטש.

דאָס רעשט האָט ער געלייענט צו זיך אַליין. ער האָט עס איבער־געלייענט צוויי מאָל און צוריקגעגעבן דאָס בלעטל.

— ווו האָסטו דאָס גענומען?

— אויפן שרייב־טיש פון אַראָן איסאַיעוויטש לעסניק. די טינט איז נאָך אויף דעם נישט געווען פאַרטריקנט, ווען איך האָב דאָס גע־

פונען. גלויבסטו, אַז דאָס איז אַ פּאַסיקע באַשעפטיקונג פאַר אַן אַרבעטזאַמען אַנגעשטעלטן, ווי דו האָסט אים באַצייכנט.

— איך גלויב, אַז דאָס איז אַ וויי־געשריי פון אַ פיינעם מענטש דו האָסט אַ מאָדנעם קאָפּ, חבר פּאַוולענקאָ, דו גריבלסט זיך אין קליינ־קייטן, און טשעפּעסט זיך צו פאָרמאַליטעטן, און דאָ זעט מען אַ מענטש, וואָס עס טוט אים ווי׳ דאָס האַרץ. זיכער אַ באָלשעוויק שרייבט נישט אַזוי, אָבער ער איז דאָך נישט קיין באָלשעוויק.

— אפשר ווערסטו אַוועקלייגן דיין האַנט אויפן האַרצן און זאָגן, אַז ער איז אַן אַנטי־באָלשעוויק?

— זאָגן קאָן מען אַלץ וואָס מ׳וויל, אָבער ווערטער קאָנען אָפּנאַרן. מען האָט מיך געלערנט אורטיילן אַ מענטש נישט לויט דעם וואָס ער זאָגט, אָדער אַן אַנדערער זאָגט וועגן אים, נאָר לויט דעם וואָס ער טוט.

— און וואָס טוט דיין אַראָן איסאַיעוויטש — שרייבט נאַציאָנאַ־ליסטישע פּאָעזיע ביי דער אַרבעט?

— דאָס איז דעמאַגאָגיע, חבר פּאַוולענקאָ. האַלטסט אין דער האַנט אַ מינוט און ווילסט מאַכן אַן איינדרוק, אַז עס איז אַ יאָר. עס קאָן זיין אַז דו ביסט פּשוט שלעכט אינפאָרמירט. עס איז זייער אַ גרויסער שאָד, וואָס דו ביסט נישט געווען מיט אַ חודש צוריק, ווען מען האָט דאָ געבראַכט געהילץ פאַר דער שטאָט.

עס איז געווען אַ בילד צו זען: טויזנטער שליטנס האָבן זיך דע־מאָלט געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון אונדזער הויפּט־גאַס. דער פאָדערשטער שליטן איז שוין געווען פאַרביי דיין האָטעל, ווען דער מיטלסטער איז נאָך נישט פאַרבייגעפאָרן די טורמע, ווו לעסניק גע־פינט זיך איצט. און דאָס איז געווען נאָר אַ טייל פון דעם טראַנס־פּאָרט, וואָס האָט געבראַכט געהילץ פון וואַלד. מער ווי אַ מיליאָן פּוד האָלץ האָבן מיר צוגעשטעלט צו די באַנען אין אונדזער אויעזד, אין משך פון עטלעכע טעג. דו ווייסט דאָך ווי וויכטיק דאָס איז איצט, ווען מיר האָבן נישט קיין קוילן צו הייצן די לאָקאָמאָטיוון, און ווען מיר האָבן אַזוינע גרויסע שוועריקייטן צוליב צעשטערונג פון טראַנספּאָרט?

— מיינסטו צו זאָגן, אַז דאָס אַלץ האָט דיין לעסניק אויפגעטאָן?

— איך מיין דאָס נישט צו זאָגן. איך בין נישט אויף אַזוי פיל באַשיידן, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז ער האָט אין דעם געהאַט אַ גרויסן חלק... ער איז געווען איינער פון די ערשטע פאַרצולייגן, מען זאָל באַצאָלן מיט געהילץ פאַרן טראַנספּאָרט פון געהילץ, וואָס איז געווען דער שליסל צו אונדזער דערפאָלג. יעדן אַזאַ פאַראָרדנונג אין שליסלעך געקומען פון צענטער, האָט ער דורכגעפירט אַ געוואַלדיקע אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט; צעטיילט די וועלדער אויף זאָנעס, לויט זייערע דיסטאַנצן פון באַן, אויסגעאַרבעט מאַרשרוטן, צוגעגרייט אויפנאַם־פּונקטן, — קאָן מען דען דאָס אַלץ אויסרעכענען? דער מענטש האָט געאַרבעט ווי אַ שטאַב־אָנפירער פון אַ גרויסער אַרמיי. און אַז די זאַך איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג, האָט אַלץ געקלאַפּט אויף אַ ווונדערלעכן אופן; קיין שום צעמישונג, קיין שום מיספאַרשטייענישן, קיין שום פאַרלוסט פון צייט און ענערגיע, וואָס מיר לײַדן פון דעם אַזוי פיל.

ער איז אפילו אַליין געפאָרן אין וואַלד אומבאַוואָפנט. און דו ווייסט דאָך וואָס דאָס מיינט. פאַרגעס נישט, אַז ער איז אַ ייד...

— אַזאַ איבערגעגעבענער מענטש איז ער? — האָט איגנאַט פּאַווּלענקאָ באַמערקט מיט אומצוטרוי און פאַרויכערט אַ ציגאַרעטל.

— יאָ, אַזאַ מענטש איז ער. איך האָב פריער אַליין זיך באַצויגן צו אים מיט אומצוטרוי, כ׳האָב זיך געטראַכט: ער איז פאַרט אַ געוועזענער אונטערנעמער. פאַרוואָס זאָל ער וועלן אונדז אויסהעלפן, אַז מיר ווילן אונטערגראָבן דעם באָדן אונטער זיינע פיס? אפשר האָט ער עפּעס פאַרבאָרגענע כוונות? כ׳האָב אים איינמאָל געפרעגט וועגן דעם. האָט ער מיר אויף דעם געענטפערט פּראָסט און פּשוט: „איך טו דאָס נישט פאַר אייך, איך טו דאָס פאַר זיך אַליין; איך לייד פון קעלט און איך לייד פון דעם וואָס די באַנען גייען נישט ווי עס דאַרף צו זיין. מיר אַלע ליידן פון דעם, דאָס גאַנצע לאַנד. טו איך וואָס איך קאָן. מיינט איר, אַז פאַר דעם דאַרף מען האָבן עפּעס אַ סאָרט געהיימע מאָטיוון?“.

— דער דאָזיקער ענטפער האָט מיך איבערצייגט, חבר פּאַוולענקאָ.

דער מענטש איז נישט קיין ליגנער, ער לעקט זיך נישט צו אונדז. ער זינגט נישט קיין לויב־געזאַנגען אונדזער מאַכט, אָבער ער טוט אַרבעט, און פירט זיך אויף ווי זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש.

— דאָס איז אייער מיינונג — האָט איגנאַט פּאַוולענקאָ געזאָגט סקעפּ־טיש. — אָבער איך האָב דאָ אין פּאָרטפעל אַ דאָקומענט, וואָס באַווייזט שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער איז אַ גנב.

— קאָנסטו מיר דעם דאָקומענט ווייזן?

— איך טאָר נישט. אָבער איך וועל דאָס טאָן... עס גלוסט זיך מיר זען די מינע אויף דיין פּנים ווען דו וועסט דאָס לייענען.

פּאַוולענקאָ האָט אַרויסגענומען דעם דאָקומענט פון פּאָרטפעל און דערלאַנגט כוואָראָסטן.

כוואָראָסט האָט איבערגעלייענט אויפמערקזאַם דעם „דאָקומענט" און דאַן אַוועקגעלייגט אויפן טיש מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ:

— דו ווייסט, וואָס דו קאָנסט מיט דעם טאָן? — האָט ער אויס־געשריגן מיט כּעס... אַזאַ שווינערײַ האָב איך אין מיין לעבן נישט געזען. מען כאַפּט אַ גנב ביי דער האַנט, דערציילט ער אַ באָבע־מעשה, אַז דער בורזשוי האָט אים נעבעך פאַרפירט, און מען גלויבט אים אויפן וואָרט... וואָס ביסטו, אַ יינגעלע? קאָנסטו זיך נאָך נישט פאַנאַנדערקלייבן אין די דאָזיקע פוילע שטיק? דו האָסט דאָך דאָ אַ טיפּישן פאַל, ווי אַזוי דער גנב אַרבעט אין אונדזערע ציייטן. ער וועט דיר נישט זאָגן אָפן אין די אויגן זיין מיינונג וועגן אונדזער מאַכט, ווי עס טוט דער מענטש, וואָס דו האָסט אים איינגעשפּאַרט אין טורמע צוליב אַ פאַל־שער מסירה. דער גנב איז אַ געניטער ליגנער, און דו האָסט זיך געלאָזט פירן פאַר דער נאָז. און איך האָב מיט דיר אַזויפיל צייט פאַר־לוירן. מען וואָלט דיך געדאַרפט צוריק אויף דער שולבאַנק אַוועקשיקן. מיט דיינע מעטאָדן קאָן מען די אייגענע טאַטע־מאַמע אומברענגען.

— פּאַוואָליע קאַמעראַד כוואָראָסט, פּאַוואָליע. איר פאַרגייט שוין צו־ווייט, איך בין נישט מחויב אויסהערן אייערע מיינונגען.

— מחויב, צי נישט מחויב, אָבער אָט איז דיר מיין עצה: דערלייי־דיק אַלע פאָרמאַליטעטן און זע, אַז אַראָן איסאַיעוויטש לעסניק זאָל

קיין איבעריקע מינוט נישט זיצן אין טורמע. דו ביסט נישט באַפּול־מעכטיקט צו מאַכן פאַלשע אַרעסטן. פאַר אַזוינע זאַכן וועט מען דיך איבערן קאָפּ נישט גלעטן.

— און אויב איך וועל נישט פאָלגן דיין עצה?

— וועסטו האָבן חרטה — האָט געזאָגט פלאַטאָן כוואָראַסט, קאַלט מיט דראָונג אין זיין שטים, און האָט פאַרלאָזן דעם פאַרשטויבטן, פאַרויכערטן האָטעל־צימער אָן אַ זיי־געזונט.

* * *

כוואָראַסט אַליין איז נישט געווען זיכער, אַז פּאַוולענקאָ וועט אים פאָלגן. ער האָט אים ווייניק געקענט פּערזענלעך, אָבער זיין איינדרוק איז געווען, אַז דער מענטש איז פאַרשיכורט פון דער אייגענער מאַכט און וועט נישט דורכלאָזן קיין געלעגנהייט צו באַווייזן זיין כוח. טאָן עפּעס קעגן דעם האָט ער נישט געקאָנט, ווייל אונטער דעם באַפּול־מעכטיקטן איז געשטאַנען די אומבאַגרענעצטע מאַכט פון אַ שטראָף־אָרגאַן, וואָס האָט געאַרבעט מיט דער אומברחמנותדיקייט און אומביי־געוודיקייט פון אַ ראָבאָט.

ער איז אַוועק פונעם האָטעל באַטריבט און באַזאָרגט. צו זיין איבעראַשונג האָט אים אָבער אין גאַס דעריאָגט פּאַוולענקאָס אַ שליח, זיין היטער. ער האָט אים איבערגעגעבן אַ צעטל.

פּאַוולענקאָ האָט געשריבן:

— „כ׳וועל באַפרייען דיין „טיכטיקן מיטאַרבעטער“, אָבער כ׳וועל פּרווון אַ לייען טאָן דיין אַוטאָביאָגראַפיע, אפשר וועל איך פאָרט אויס־געפינען וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש דו ביסט“...

כוואָראַסט איז געוואָרן בלייך און צעריסן דאָס צעטל. ווי אַ גע־בילדעטער מאַן האָט ער זיך פּלוצים דערמאָנט אין די טרויעריקסטע בלעטער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען די בעסטע פון אירע זין זענען אומגעקומען אונטערן מעסער פון דער גיליאָטינע. „הויבט שוין אָן אַרבעטן די זעלבע סיסטעם אין אונדזערע אייגענע רייען“ —

האָט ער געטראַכט מיט ביטערקייט. — האָב איך נישט געמאַכט אַ טעות? אַ ניין, נאָר דאָס האָט מיר געפעלט: די מורא פאַר דער אייגענער מאַכט!... ס׳וועט זיך שוין איינשטעלן ווי עס דאַרף צו זיין... ס׳וועט זיך שוין אויסאַרבעטן...

— ס׳וועט זיך שוין אויסאַרבעטן, — האָט טוואַרסט אַ שעפטשע געטאָן צו זיך אַליין...

זיכער אין דעם איז ער אָבער אויך נישט געווען...

* * *

די פאַראָרדנונג צו באַפרייען אהרן לעסניקן האָט געבראַכט אין טורמע סיאָמאַ רובין, וועלכער איז געקומען קיין מליני פון דער גרויסער שטאָט, אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך דערוווסט פון דעם אַרעסט. מען האָט אים געגעבן די דערלויבעניש צו ברענגען די פייערלעכע בשורה אין אהרנס קאַמער. אַן אויפגעלייגטער האָט ער אהרנען באַגריסט מיט אַ גוטמוטיקן שפּאַס:

— אַ גוטן אָוונט, אַנקל, כ׳האָב קוים מיט צרות אייך געפונען. וואָס איז אייך איינגעפאַלן זיך באַהאַלטן אין אַזאַ לאָך, האָט איר זיך פאַרבענקט נאָך באַטקאָ בלאָזשענס פערדלעך?

— כ׳האָב זיך פאַרבענקט נאָך אַ ביסל יושר, סיאָמאַ — האָט אהרן אַ בורטשע געטאָן אונטערן נאָז — וואָס ביסטו אַהער געקומען — מיר שיטן זאַלץ אויף די וווּנדן?

— איך האָב אייך געבראַכט אַ ביסל יושר, אַנקל. טוט זיך־אָן און קומט אַהיים.

— וואָס הייסט קומט אהיים — און וואָס וועט פּאַוולענקאָ זאָגן?

— זאָרגט זיך נישט וועגן אים. ער האָט אַליין די פאַראָרדנונג אונטערגעשריבן.

— נו, אויב ער האָט אַליין אונטערגעשריבן, וועל איך שוין מוזן דיך פאָלגן...

אהרן האָט אָנגעטאָן זיין מאַנטל און היטל, אָבער ער איז נישט אַרויס באַלד פון קאַמער. ער איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט מיט די

אויפשריפטן, געשטאַנען אַ ווייל מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און ערשט דאַן אַרויס פון תפיסה־צימער.

אינדרויסן איז שטיל געפאַלן אַ ווייכער שניי. אַ גרויער וואַרעמער ווינטער־אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטאָט, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון דער טורמע דורך אַ גרויסער שטרעקע פוסטן לאַנד. ליכט האָט זיך געצונדן אין די פענצטערלעך פון ווייטע הייזער. רויך האָט זיך באַוויזן איבער די ווייטע קוימענס. אַ מיידל מיט רויטע באַקן, אָנגעריבן מיט שניי, האָט אומגעלומפּערט געוואָרפן אַ שניי־קויל אויף אַ בחור און געלאַכט הויך אויפן קויל, ביים ראַנד פון שטאָט. ניין, די וועלט איז נאָך נישט געווען קיין בית־הקברות.

22
עפּילאָג און פּראָלאָג

ווען ס'איז געקומען דער פרילינג פון דעם זעלבן יאָר — טויזנט ניין הונדערט איין און צוואַנציק, האָט מען אהרן לעסניקן אויסגעטיילט אנדערהאַלבן דעסיאַטין ערד. עס איז געווען אַ קליינער חלק ערד, אָבער אהרן איז געווען צופרידן צו האָבן כאָטש עפּעס פאַרן אָנהויב. די מכשירים צו באַאַרבעטן די ערד, אַזוי גוט ווי די פערד, האָט ער אויסגעליגן ביים אַלטן וואַסיל באַטי, ווען זיין משפחה איז שוין געווען פאַרטיק מיטן אַקערן, אהרן האָט צוגעזאָגט צו באַצאָלן פאַר דעם מיט ווייץ, ווען ער וועט אַראָפּנעמען די תבואה פון פעלד.

משה גאָטליב איז אַרויסגעפאָרן אין פעלד צוזאַמען מיט אהרנען. עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט זען אַ ייד, וואָס אַקערט די ערד. און כאָטש ס'איז פאַר אים געווען אַ פרעמדע ערד, כאָטש ער האָט געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון זיין לעבן, האָט ער פונדעסטוועגן זיך איינגעבעטן ביי אהרנען ער זאָל אים מיטנעמען.

מען איז אַרויסגעפאָרן פאַרטאָג, ווען ס'איז געווען נאָך פינצטער אין די ליידיקע גאַסן. די פאַרשטעט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויפוועקן. דאָ און דאָרט האָט זיך געזען ליכט אין קליינע פענצטערלעך פון

ווייסע כאַטקעס. דאָ אין דאָרט האָט אַ פויער איינגעשפּאַנט אַ פערד און וואָגן אויף זיין הויף, אַ יונגע פויערטע איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ טויער מיט אַן עמער שמוציק וואַסער אין דער האַנט און האָט עס אַרויסגעגאָסן אין גאַס אַריין מיט אַ הילכיקן פּלאַסק איבערן פאַרשלאָ־פּענעם שטויב. אַ האָן איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ פּלויט, האָט זיך אָנגעבויגן און אויסגעגליכן מיטן אוראַלטן ברוך־הבא פאַר דעם אָנקו־מענדיקן פרימאָרגן: קו־קאַ־רע־קו־או־או... און די שטאָט איז באַלד פאַרהילכט געוואָרן מיט נאָענטע און ווייטע קרייען פון אויפגעוועקטע הענער.

דער וואָגן אָנגעלאָדן מיט אַן אַקער־אייזן און אַ בּאָראָנע האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט איבערן פייכטן שטויב פון גאַס. אהרן איז געזעסן אין פאָרנט פון וואָגן, געהאַלטן די לייצעס און אָנגעפירט מיט די פערד, אַזוי ווי ער וואָלט קיין אַנדערע מלאכה אין זיין לעבן נישט געטון. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ העמד און הויזן פון צוקער־זעק. ער האָט אויסגעזען אינגאַנצן ווי אַ פויער, און געפּרוווט טראַכטן נאָר וועגן זיין נייער באַלעבאַטישקייט.

דער אַלטער וואַסיל איז געזעסן לעבן אים, געשוויגן און געטראַכט וועגן אהרנען. עס איז געווען פאַר אים אַ מאָדנע, גאָר נישט קיין גע־וויינלעכע זאַך, אַזאַ מענטש, ווי אַראָן לעסניק, אַן אַמאָליקער גביר, זאָל אַליין די ערד אַקערן. ער האָט געפילט, אַז אַ גרויסער אומגליק איז באַפאַלן דעם ווילן אַראָן איסאַיעוויטש, און ער האָט אויף אים געהאַט רחמנות, כאָטש אהרן אַליין האָט אין אַקערן ערד קיין שום אומגליק נישט געזען.

דוד׳קע און משה זענען געזעסן פון הינטן און האָבן אויך געשוויגן. ערשט ווען מען איז שוין געווען נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע און עס האָבן זיך שוין באַוויזן גרויסע שטחים ליידיקע ערד, בלויז מיט גראָז באַוואַקסן פוןביידע זייטן שטויביקער גאַס, האָט משה גע־פרעגט דוד׳קען:

— דוד׳קע, זאָג מיר דעם אמת, וואָלסט געוואָלט זיין אַ פויער?

דוד האָט געענטפערט נאָך אַ ווייל טראַכטן:

— כ׳װײס נישט, אפשר יאָ און אפשר נישט. מסתמא נישט. כ׳װאָלט געװאָלט זיך לערנען. ס׳איז דאָ אַזױפיל װאָס מ׳דאַרף װיסן. דעם אַקער־אײַזן דאַרף מען אָבער אױך האָבן און...

אױף די נאָענטע רעלסן האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן אַ באַן מיט אַ באַטױבנדיקן פײַפן פון לאָקאָמאָטיװ און דעם ליאַרם פון די װאַגאָנען. דוד האָט געװאַרט ביז דער טומל װעט זיך אײַנשטילן.

— און דעם לאָקאָמאָטיװ דאַרף מען אױך האָבן... װי־אַזױ אַרבעט ער, װי אַזױ מאַכט מען אים?... און דער מענטש, דאָס לעבן פון מענטשן... און אפשר איז דאָס נישט אַזױ... אַז מען זעט אַ פֿױער אין פעלד בײַם אַקערן, בײַם זײען, אָדער מיט דער קאָסע אין האַנט, פילט מען, אַז עס טוט זיך דאָ עפּעס, װאָס איז זײער װיכטיק, עפּעס װאָס איז הײליק. אפשר זענען דאָס נאַרישקײטן...

— נײן, דוד׳קע — האָט אים משה איבערגעשלאָגן — דאָס זענען נישט קײן נאַרישקײטן. דאָס איז דער רײנער אמת. די ערד איז דער קװאַל פון אונדזער לעבן... און אַז מען גײט נאָר אַ טראַכט, אַז מיר זענען אָפּגעריסן פון דער ערד שױן אַזױ פיל יאָרהונדערטער.

— אפשר װעט עס איצט אַנדערש זײַן.

— נײן, דודקע, איצט װעט דאָס אַנדערש נישט זײַן.

— פאַרװאָס נישט, אָט האָבן מיר דאָך געקראָגן ערד.

— און װער נאָך, — דוד׳קע — װער נאָך?... װער נאָך אין דעם גאַנצער שטאָט? — קײנער נישט. דײַן פאָטער האָט באַװיזן װאָס ער קאָן, ער האָט תמיד זיך געקאָנט אַן עצה געבן, און ער האָט זיך איצט אױך געגעבן אַן עצה. אָבער אַזױנע װי ער זענען דאָ זײער װײניק צװישן אונדז. דו װײסט דאָך דאָס װערטל: „אײן שװאַלב מאַכט נאָך נישט קײן זומער״...

— דאָס איז אױך אמת... איך האָב אַלײן װעגן דעם געטראַכט. װיפל מענטשן צװישן אונדזערע ײדן װײסן נישט צו װאָס זײ זאָלן זיך נעמען. איך דערמאָן זיך אין אײערע װערטער. איר געדענקט דעמאָלט, בײַ אונדז אױפן הױף, װען מען האָט דאָס הױז געבױט, אין װאַינאָװס חברה האָבן מיך צעמזיקט. כ׳בין דעמאָלט געװען נאָך אַ קלײן

יינגל, אָבער איך געדענק אייערע ווערטער וועגן דעם פייער־בערגל...

— האָסט אַ גוטן זכרון, דוד'קע, אָבער אָט זענען מיר, דוכט זיך שוין אָנגעקומען.

אהרן האָט אָפּגעשטעלט די פערד:

— טפרו־או־או...

דעם אַקער־אייזן האָבן אַראָפּגענומען פון וואָגן אהרן מיט דוד'קען, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקער יונג און האָט געפּרוּווט גיין אין זיין טאַטנס שריט. דער אַלטער וואַסיל באַטי האָט אויסגעשפּאַנט די פערד פון וואָגן און זיי איינגעשפּאַנט אין אַקער־אייזן. ער האָט אים געוואָלט אָננעמען פאַר די הענטלעך, אָבער אהרן האָט אים אָפּגעשטעלט:

— ניין, וואַסיל פּאַוולאָוויטש, כ'מיין דאָס ערנסט, ס'איז איצט מיין פאַרגעניגן און כבוד — ס'איז מיין אַרבעט און מיין דאָליע... קוקט זיך צו ווי איך אַקער, און אויב איר ווילט מיר אַרויסהעלפן, שטעלט מיך אָפּ אויב איך וועל דאָס טאָן ווי אַ קאַליקע... ס'וועט אייך פאַר דעם קומען אַ שיינעם דאַנק.

דוד האָט גענומען די פערד פאַר דעם פיר־שטריק.

אהרן האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט:

— נו, דוד'קע, געגאַנגען!

דוד האָט אַ צי געטאָן נאָך זיך די פערד. אהרן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די הענטלעך פון דעם אַקער־אייזן, האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער ווייכער שוואַרץ־ערד, וואָס האָט זיך נאָכגיביק געלייגט אויף דער זייט פון אהרנ'ס ערשטער, וואַקסנדיקער אַקער־שורה.

ער איז שוין געווען ליכטיק אין פעלד. די זון האָט שוין אַרויסגערוקט איר גרויסן, רויטן האַלב־רונד פון אונטערן ווייטן האָריזאָנט און געשמייכלט מיט וואַרעמקייט אַנטקעגן די שטילע פרילינג־פעלדער. ערגעץ־ווו, העט ווייט, כמעט ביי דער סאַמער זון, האָט זיך געזען אַ קליינער סילועט פון אַ פויער, וואָס איז זייער לאַנגזאַם געגאַנגען נאָך אַ פלוג, געפירט פון צוויי קליינע אָקסן, און משה גאָטליבן איז מיט־אַמאָל איינגעפאַלן, אַז אפשר האָט זיך דאָס דער פאַרהאַנג פון ווייטע שטרעקעס אויפגעהויבן, און ער זעט אויף יענער זייט ים זיין זון

העסיאַ ביים אַקער־אייזן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן וואָגן און פאַרמאַכט די אויגן. עס איז געווען אַ חלום, וואָס מען האָט אים נישט געקאָנט זען מיט אָפענע אויגן.

* * *

אַ זייגער צען אינדערפרי, ווען אהרן איז שוין כמעט פאַרטיק געווען מיטן אַקערן, האָט דוד פּלוצים אָפּגעשטעלט די פערד.

— גיב אַ קוק, טאַטע, האָט ער באַוויזן מיטן פינגער אויפן וועג ווייט אין פעלד, ווו עס האָט זיך געהויבן אַ גרויסער וואָלקן שטויב און זיך געזען אַ לאַנגער צוג פון וועגענער.

אהרן האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פון שטערן מיטן אַרבל פון זיין העמד און געפרעגט דעם זון:

— וואָס איז דוד'קע?

— גיב אַ קוק אַהין.

איצט האָט אויך אהרן געזען דעם שטויב און די וועגענער, וואָס האָבן זיך אַלץ שנעלער דערנענטערט צו זיין פעלד; און אָט האָט ער שוין געזען די שטוב־זאַכן אויף די וועגענער: טישן און בענקלעך, צוזאַמענגעלייגטע בעטלעך, עמערס, טשאַיניקעס און פּעקלעך איינגע־בונדן אין ליילעכער פון גרויען לייוונט. דאָ און דאָרט איז אַ קו, אַ קעלבל, אַ לאָשיקל געגאַנגען נאָכן וואָגן. — און אָט האָט שוין אהרן דערקענט אַן אַלטן באַקאַנטן פון אַ נאָענטן דאָרף...

— האַלט די פערד — האָט ער אויסגעשריגן צו דוד'קען און האָט אַליין זיך געלאָזט לויפן איבערן צעאַקערטן פעלד, צום וועג.

ביי אהרנס פעלד, ווו עס זענען געשטאַנען ביים ראַנד פון וועג אהרן אַליין, משה און דער אַלטער וואַסיל באַטי, האָבן זיך די וועגע־נער אָפּגעשטעלט. פון דעם ערשטן וואָגן איז אַראָפּגעשפּרונגען לייבל. ער האָט געטראָגן אויף זיך מיליטערישע קליידער און איז געווען באַוואָפנט.

— וואָס איז געשען? — האָט אים אהרן און משה געפרעגט אין איין קול.

— גאַרנישט באַזונדערס איז געשען — האָט לייבל געענטפערט מיט ביטערקייט — ס'איז די זעלבע אַלטע מעשה, די וועלדער זענען שוין ווידער פול מיט באַנדעס. איך בין געקומען אַהיים, זע איך, אַז דאָס לעבן איז שוין נישט קיין לעבן אין די דערפער. ס'איז שוין נישט אויסצוהאַלטן. אַלע האָבן דאָס איינגעזען. ס'ווילט זיך נישט פאַרלאָזן די היים, אָבער וואָס קען מען טאָן?

— פון וועלכע דערפער איז מען געקומען? — האָט אהרן געפרעגט.

— פון אַלע, אהרן־לייב, פון אַלע, אָן אויסנאַם. אַ טייל איז געקומען מיט מיר. אַ טייל וועט אָנקומען פון דער אַנדערער זייט שטאָט. כ'האָב אָרגאַניזירט אַ זעלבשוץ אויף יעדן פאַל. און איר אַקערט טאַקע דאָס פעלד?

— איך אַקער, — האָט אהרן געענטפערט מיט אַ געפאַלענער שטימע.

אַ קליין קינד אויף אַ מאַמעס שויס האָט זיך צעוויינט אין איינעם פון די פאַרשטויבטע, פויערישע וועגענער. די מאַמע האָט אַרויסגענומען אַ ווייסע ברוסט און האָט צוגעצויגן צו זיך דאָס קינד, וואָס האָט זיך גלייך איינגעשטילט.

לייבל איז צוריק אַרויפגעשפרונגען אויפן וואָגן.

— מיר פאָרן, אַראָן איסאַיעוויטש. ס'וואָלט זיין גוט, ווען איר פאַרענדיקט דאָס אַקערן און פאָרט אויך אין שטאָט. עס איז דאָ פיל אַרבעט צו־טאָן. מען דאַרף זוכן דירות, זען אַרויסהעלפן די מענטשן.

— גוט, לייבל, איך וועל דאָרט זיין אַזוי שנעל ווי מעגלעך. נעם מיט מאַיסעי באַריסאָוויטשן.

לייבל האָט געהאָלפן משה'ן אַרויפקריכן אויפן וואָגן.

די וועגענער האָבן זיך גערירט פון אָרט און לאַנגזאַם פאַרבייגעפאָרן אהרנס פעלד. פון דעם אַדער יענעם וואָגן איז אַן אַלטער, איבעראַשטער באַקאַנטער אַראָפּגעשפרונגען זיך צו באַגריסן מעט אהרנען, און איז באַלד צוריקגעלאָפן פאַרנעמען זיין פלאַץ. צענדליקער אומבאַקאַנטע אויגן האָבן באַוואונדערט דעם ייד, וואָס שטייט אַזוי פאַרלוירן,

ביים ראַנד פון פעלד, ווי זיי וואַלטן זיך געפרעגט: וואָס טוט ער דאָ? וואָס זוכט ער דאָ — אַן איינזאַמען אומקום פון אַן אכזריותדיקער האַנט?...

אהרן האָט געוואַרט ביז דער לעצטער וואָגן איז פאַרבייגעפאָרן זיין פעלד און ביז דער שטויב האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפן שמאָלן וועג. דעמאָלט האָט ער זיך לאַנגזאַם אומגעקערט צום אַקער־איזן.

— וואָס איז געשען, טאַטע? — האָט אים דוד געפרעגט מיט אומרו.

— דער ייד האָט שוין ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן, דוד. אייגענע היימען, אויסגעהאַרעוועטע, אויסגעבענקטע, מיט טרערן באַגאָסענע ווינקלען, אַ קבר אַ טייערער, דאָס לאַנג־יאָריקע לעבן פון פיין און פרייד, וואָס איז איינגעבאַקן אין האַרצן, — אַלץ איז מיטן רויך אַוועק. אַזוי, דוד׳קע, רייסט מען אַרויס בוימער מיט די וואָרצלען. און יוער ווייסט ווו זיי וועלן זיך צוריק פאַרוואָרצלען?... פאַרשטייסט עס דוד׳קע.

— כ׳פאַרשטיי דאָס, טאַטע... האָט דוד געענטפערט מיט טיפן ערנסט און אַ ציי געטאָן נאָך זיך די פערד.

אהרן האָט זיך אָנגעשפאַרט אויף די הענטלעך. דער אַקער־איזן האָט ווידער זיך אַריינגעשניטן אין דער שוואַרץ־ערד, אָבער די ערד איז שוין מער נישט געווען נאָכגיביק. ס׳איז געווען אַ פרעמדע טראָציקע ערד.

אין פארלאג י. ל. פרץ־ביבליאטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאלגנדע ביכער:

י. זרבבל	בלעטער פון א לעבן (באנד 1)
י. זרבבל	בלעטער פון א לעבן (באנד 2)
מענדל מאן	נאכט איבער גלושינא
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאבאקמאן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פאפיערניקאוו	היימישע און נאענטע
מענדל מאן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאס הויז פון די ליאלקעס
יוסף בירנשטיין	אויף שמאלע טראטוארן (ראמאן פון קיבוץ־לעבן)
יוסף ראזען	געקליבענע שריפטן (העברעיש)
מלך נוי (ניישטאט)	דאס ערשטע און צענטע יאר מדינת ישראל
מאטעס דייטש	צום נאענטסטן שטערן — יידיש
אפרים שרייער	קונסט און טעאטער (העברעיש)
יצחק לעוו	אין געראנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאנער	שלום אש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראנאטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האפער	א הויף אויף פאקארנע (באנד 1)
יחיאל האפער	א הויף אויף פאקארנע (באנד 2)
ה. לייוויק	אויף צארישער קאטארגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קארמאן	צייכנס און צירופים
י. לעשצינסקי	דאס נאציאנאלע פנים פון גלות־יידנטום (העברעיש)
יעקב פאט	שמועסן מיט יידישע שרייבער (העברעיש)
רבקה באסמאן	טויבן ביים ברונעם (לידער)

י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יהושע גלבוע	אויף די חורבות פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד (העברעיש)
יחיאל האָפּער	ר׳ זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
ב. ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
ש. וואָרזאָגער	ברויט (ראָמאַן)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער — עסייען
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
נ. חניו	ברלה (העברעיש)
פּ. בערמאַן	אָפענע פענצטער — לידער
י. זרבבל	עלי חיים (בלעטער פון אַ לעבן) — העברעיש
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
משה ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
יחזקאל בראָנשטיין	עסייען און לידער